STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04294

OYSGEVEYLTE VERK

Isaac Leib Peretz

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. ל. פרץ

אויסגעוויילטע ווערק

אין צוויי בענדער

יובל־אויסגאבע
צום הונדערטסטן געבוירן־טאג

באנד I

פארלאג „יידיש בוך" ווארשע 1951

I. L. Perec

DZIEŁA WYBRANE

Okładkę projektował B. PACANOWSKI
Redaktorzy: D. SFARD i L. OLICKI

הילע געצייכנט פון ב. פאַצאַנאָווסקי

WYDAWNICTWO „IDISZ-BUCH"
Warszawa 1951

Nakład 3.000 + 60 egz. Arkuszy wydawniczych 26. Nr zam. 231.
Ark. drukarskich 27,5. Papier druk. sat. kl. V, g 70. 61x86 cm.
Druk ukończono we wrześniu 1951 r. 2-B-19377.
Druk. „Nowe Życie", Warszawa, Al. K. Świerczewskiego 79.

י. ל. פרץ

1851 — 1915

1

י. ל. פרץ איז געקומען אין דער יידישער ליטעראטור סוף 80־ער יאָרן פונעם פאָריקן יאָרהונדערט אינעם עלטער פון 38—39 יאָר. און געקומען איז ער באַלד פון אָנהוב ווי א רייפער, זייער אייגנאַרטיקער קינסטלער. קיין יוגנט־פעריאָד האָט פרץ אין דער יידישער ליטעראטור נישט געהאט. זיין ערשטע קינסטלערישע דערפארונג מאכט דער שרייבער דורך פאר זיך, אין דער שטיל, און טיילווייז אין דער העברעישער ליטעראטור. אין יאָר 1875 האָט פרץ דעביוטירט מיט א העברעיש ליד און א היפשע צייט איז ער געווען טעטיק אלס העברעיישער שרייבער, פרצעס ערשטע עפנטלעכע ארויסטרעטונג אין יידיש איז געווען די פאָעמע „מאָניש" (1888). דאָס ווענדן זיך צו יידיש האָט באטייט א קער אין דעם וועלטבאנעם פונעם שרייבער, אזא קער, וועלכער האָט אויך אים געהאָלפן צו געפינען זיך ווי א קינסטלער.

סוף 80־ער יאָרן זיצט נאָך פרץ, וואָס האָט פארמאָגט א גרויסע יידישע רעליגיעזע און אייראָפעיש־וועלטלעכע קולטור, אין זיין פוילישן געבורט־שטעטל זאמאָשטש, אָפגעריסן פון א קולטור־צענטער און ליטעראַרישע פארבינדונגען, און פארנעמט זיך מיט פריוואטער אדוואָקאַטור. וועגן דער יידישער ליטעראטור פון זיין צייט האָט ער נאָך דאן זייער אן אומקלאָרע פאָרשטעלונג. סאיז כאראקטעריסטיש, אז ווען עס פארבינדט זיך שוין אין די יאָרן 1888—1889 צווישן פרצן און שלום־עליכמען א גאנץ לעבהאפטע קאָרעספאָנדענץ, ווייזט זיך ארויס, אז פרץ האָט צעפלאָנטערט שלום־עליכמען מיט מענדעלען, וועמענס ווערק ער האָט געלייענט נישט אין יידיש, נאָר אין א פוילישער איבערזעצונג.

וועגן שלום־עליכמס זאמלבוך „יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק" דערוווסט זיך פרץ צופעליק. דער דראנג צו ליטערארישער טעטיקייט און

די בענקשאַפט נאָך א לעבעדיקער ליטעראַטור אין ביי פּרצן צו יענער צייט אַזוי גרויס, אַז ער פאַרבינדט זיך באַלד מיט שלום־עליכמען אומ־באַקאַנטערהייט. זיין בינטל בריוו צו שלום־עליכמען פון אָט דער צייט שטעלט מיט זיך פאָר אַ גרויסן אינטערעס. די דאָזיקע בריוו באַווייזן, ווי אַזוי דער פּראָווינציעלער אַדוואָקאַט פּרץ האָט אין זיין איינזאַמקייט דורכגעטראַכט און דורכגעווייטיקט אַ ריי וויכטיקע פּראָבלעמען פון דער דעמאָלטיקער יידישער ליטעראַטור און ווי אַזוי ער האָט זיך שוין דאַן קלאָר פאָרגעשטעלט די אינדיווידועלע אייגנשאַפטן פון זיין באַרוף און סטיל. ער מערקט דאָ אַפילו אָן איניקע עלעמענטן פון דער פּראָגראַם, וואָס ער וועט שפּעטער אַזוי גלענצנדיק פאַרווירקלעכן אין די 90־ער יאָרן. די פּראָגראַם פון אינטעלעקטועל אָנגריף קעגן די רעשטן פונעם מיטלאַלטער אין דער יידישער סביבה. פּרץ שרייבט שלום־עליכמען וועגן אַ פאַרטראַכט ווערק, וואָס זיין ציל איז „אַדורכצופירן אונטער דער קריטיק און צושטעלן צום שאַנד־סלופּ אַלע גדולי־הדור, די אָנגעזעענסטע חסידים, מתנגדים, סוחרים, די בעל־צדקות און בעל־טובת און אויפדעקן דעם פאַרעיפּושטן קוואַל, וואָס פון אים שעפּט אונדזער לעבן". ער קלייבט זיך אויך שרייבן פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעכע ווערק איבער די פראַגן פון סאָציאָלאָגיע, פּסיכאָלאָגיע, געשיכטע און אַפילו פיזיק, כדי אויסצובילדן דאָס פאָלק.

פּרץ איז נאָך אין דעם פּעריאָד נישט באַווירקט פון סאָציאַליס־טישע אידייען. זיינע אַרויסזאָגונגען פון יענער צייט זיינען דאָס רוב באַ־פאַרבט משכיליש אָדער פאָלקיסטיש. ווי ווייט אָבער ער גייט אַוועק פו־נעם טראַדיציאָנעלן משכילישן קוק אויף שפּראַך און ליטעראַטור! אויפן געביט פון קינסטלערישער שפּראַך און ליטעראַטור טרעט פּרץ באַלד אַרויס ווי אַ דרייסטער נאָוואַטאָר:

„איך קוק נישט אויפן „זשאַרגאָן" ווי אויף אַ כלי שני און נישט ווי אויף אַ פאַרמיטלונג, וואָס גייט אַריבער. איך וויל, עס זאָל ווערן אַ שפּראַך, און דעריבער באַדאַרפן מיר פאַרברייטערן און פאַרמערן איר׳ע אוצרות און צוגעבן יעדע רגע אַלץ נייע אויסדרוקן, אַז דער שרייבער זאָל נישט זאָגן: מיר איז ענג דאָס אָרט..."

„...און דאָס איז דאָך דער צוועק פונעם ליד — נישט אויסצודריקן דורך מליצות דאָס באַקאַנטע, נאָר אויפצודעקן נייע הימלען, צו שאַפן פאַרן פאָלק נייע באַגריפן, אַריינצודרינגען צו אים מיט נייע געדאַנקען, און נישט איבערדערציילן דאָס אַלטע און פאַרעלטערטע..."

„...אַז מיר ווילן אַריינברענגען נייע געדאַנקען, מוזן מיר געבן אויך נייע פאָרמען, נייע אויסדרוקן, ווייל דער אַלטער לבוש פּאַסט זיך נישט צו צום נייעם, די אויסדרוקן זעען אויס לכתחילה פרעמד, אָבער סוף־כל־סוף ווילן זיי אַריינדרינגען ווי וואַסער אין דעם לעזער און ווילן באַרייכערן זיין פאַרשטאַנד" (פון פּרצעס בריוו צו שלום־עליכמען).

פונקט צו דער צייט, ווען ס'פאַרבינדט זיך די קאָרעספּאָנדענץ צווישן פּרצן און שלום־עליכמען, פאַרלירט פּרץ איבער עפּעס אַ מסירה די אַדוואָקאַטור. דער דעמאָלטיקער יוסטיץ־מיניסטער אַנטזאָגט זיך, קאַטעגאָריש אומצוקערן אים זיינע רעכט, מאָטיווירנדיק עס אויף אַ גאַנץ „אייגנאַרטיקן" אופן: „אדרבא, ס'וועט זיין מיט איין פּעיִקן יידישן אַדוואָקאַט ווייניקער אין רוסלאַנד".

אין יאָר 1888 דרוקט פּרץ אין שלום־עליכמס „יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק" זיין פּאָעמע „מאָניש". אין יאָר 1889 באַקענט זיך פּרץ מיט זיין ערשטן טרייען פאַרערער, וואָס איז אים געבליבן זיין בעסטער פריינט און חבר ביזן סוף פון זיין לעבן, מיט יעקב דינעזאָן. אין יאָר 1890 גיט דינעזאָן אַרויס פּרצעס ערשט ביכל אין יידיש „באַקאַנטע בילדער" מיט זיין, דינעזאָנס, אַ פאָרוואָרט. אינעם דאָזיקן ביכל זיינען שוין געדרוקט אַזעלכע גלענצנדיקע זאַכן פּרצעס, ווי „דער משולח" און „דער משוגענער בטלן". פּרץ שטעלט זיך אַוועק אין די ערשטע רייען פון דער יידישער ליטעראַטור.

פּרץ באַזעצט זיך אין וואַרשע און ער אַנטוויקלט אַ באַדייטנדיקע ליטעראַרישע טעטיקייט אַלס שרייבער און אַלס אַרויסגעבער פון זיינע באַקאַנטע פּעריאָדישע אויסגאַבעס. מיטלען צום לעבן שעפּט ער פון זיין שטעלע אַלס „רעכנמייסטער" אין דער וואַרשעווער יידישער קהילה. אויף דער דאָזיקער שטעלע איז פּרץ פאַרבליבן ביזן סוף פון זיין לעבן.

די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן, די סאָציאַליסטיש געשטימטע יידישע אַרבעטער געפינען אַ טרייען פריינט אין דער געשטאַלט פונעם ניפּטיקן „לץ פון רעדאַקציע", וועלכער רייסט ביסיק אַראָפּ די מאַסקע פון די קלעריקאַלן, פילאַנטראָפּן, „חיבת־ציונדיקע" כלל־טוער און פון דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם אינגאַנצן גענומען סיי אין אירע פאַרעלטערטע, סיי מאָדערנע, כלומרשט דעמאָקראַטישע פאָרמען; אין געשטאַלט פונעם געזעצטן ד"ר שטיצער, וועלכער דערקלערט רויק און געוויסנהאַפט די וויכטיקסטע געזעצן פון פיזיק און נאַטורוויסנשאַפט; אין דער שוין נישט פאַרהילטער און דירעקט אַנטפּלעקטער געשטאַלט פון י. ל. פּרצן גופא מיט זיינע וווּנדערלעכע נאָוועלן וועגן די קלויזער־שטיבער, וועגן

נויט און פּראָטעסט, וועגן ליבע און טרוים. ס'איז גאָר שווער זיך פאָר־צושטעלן, אז דער „לץ פון רעדאַקציע" און „ד"ר שטיצער", און „היתום מינעמיראָוו" און „לאָמפּן־פּוצער" און „נישט קיין בטלן" איז אַלץ איין מענטש, דער אומרויקער גייסט פון דער יידישער ליטעראַטור — י. ל. פּרץ, וועלכער האָט אונטער פאַרשידנסטע פסעוודאָנימען געדרוקט זיינע פאַרשיידנסטע ווערק אין זיינע אייגענע אויסגאַבעס פון די 90־ער יאָרן — „די יידישע ביבליאָטעק" (1891—1895), „ליטעראַטור און לעבן" (1894) און די באַרימטע „יום־טוב־בלעטלעך" (1894—1896).

דער קרייז פון פּרצעס אינטערעסן איז אינעם פּעריאָד פון די „יום־טוב־בלעטלעך" זייער גרויס. דער אויפשטייג פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין רוסלאַנד אין די 90־ער יאָרן ווירקט אויף אים אויפן סאַמע אוממיטלבאַרן אופן. אין פּרצעס ווערק פון יענער צייט לעבט דער ראָמאַנטישער פאָרגעפיל פון דער רעוואָלוציע, באַגלייט מיט דער טיפער פאַראַכטונג צום קאַפּיטאַליזם און צו די רעשטן פונעם יידישן מיטלאַל־טער. ס'איז נישט צופעליק, וואָס בשעת די פּאָליציי־אונטערזוכונגען ביי יידישע אַרבעטער — סאָציאַליסטן פלעגט מען דערמלט דאָס רוב געפינען פּרצעס „יום־טוב־בלעטלעך".

פאַר פּרצעס שטימונגען אין יענער צייט איז כאַראַקטעריסטיש דער דעוויז פון זיין אויסגאַבע „החץ": „איך בין נישט געקומען מיט דיר שמועסן און פאַרברענגען, נישט איינשלעפערן און פאַרשיכורן, איך בין געקומען אויפרודערן דיין הארץ און דיין מח, אראָפּרייסן דעם שלייער פון דיינע אויגן". אזא נישט גאַסט־פריינטלעכע באַגעגעניש האָט דאַן געוויס געמוזט שאָקירן דעם „אָנשטענדיקן" לייענער.

אינעם דאָזיקן „שטורעם־ און דראַנג"־פּעריאָד פון זיין טעטיקייט שטעלט פּרץ זיין גאַנץ שאַפן צו דינסט דעם פאָלק. זיין הויכן אינ־טעלעקט און די גאַנצע ליריק פון זיין נשמה גיט פּרץ אָפּ די ליידנדיקע און אונטערדריקטע, און נישט מיט קיין פילאַנטראָפּישער טרער איז ער צוגעגאַנגען צו די דאָזיקע ליידנדיקע, און נישט מיט קיין נאַטוראַליס־טישער נאָכשלעפּעניש און נעבעכדיקער פיקסאַציע פון זייער לעבן, נאָר טיף ראַפינירט און מיט גרויסער קולטור. פּרץ האָט געהאַלטן, אז מע דאַרף דאָס פאָלק דערהייבן צו דער העכסטער מדרגה פון קונסט, דאָס פאָלק קאָן פאַרשטיין אויך קאָמפּליצירטע קונסט, פונקט ווי עס קאָן פילן קאָמפּליצירט, ווייל וואָס זיינען, אייגנטלעך, אויסן געווען פּרצעס ליבע־נאָוועלן פון דעם דאָזיקן פּעריאָד אויב נישט די רעהאַביליטאַציע פון אַלע געזונטע מענטשלעכע געפילן ביים פאָלק.

פרץ איז דער מייסטער פון נייע פאָרמען. ער איז פּראָגרעסיוו, נאָוואַטאָריש סיי אינעם אינהאַלט סיי אין דער פאָרם. שוין אין די 90-ער יאָרן טרעט ער אַרויס ווי אַ פילזשאַנערדיקער שרייבער, און יעדער זשאַנער ביי אים איז אָדער בכלל אַן אַנטדעקונג אין דער יידישער ליטעראַטור, אָדער עפּעס אַ נייעס, אַ ניי וואָרט אינעם שוין פאַראַנענעם זשאַנער.

פרצעס פילזשאַנערדיקייט כאַראַקטעריזירט דעם פאַרנעם און די ברייטקייט פון זיין געזעלשאַפטלעכן און קינסטלערישן דיאַפּאַזאָן. אָט פונקט ווי זיין פערזענלעכקייט האָט זיך געהילט אונטער 11 פּסעוודאָנימען, כדי וואָס פילזייטיקער אַנטפּלעקט צו ווערן, אַזוי האָט זי זיך אויך שטורמיש אַנטפּלעקט אין די פאַרשידנסטע זשאַנרען פון זיין שאַפן. און דווקא דאָן, באַפרוכפּערט פון פּראָגרעסיווע אידייען, איז ער געווען דער עכטער נאָוואַטאָר, דער עכטער דערפינדער פון נייע פאָרמען.

דאָס גאַנצע שאַפן פרצעס אין די 90-ער יאָרן איז זייער צילגעווענדט, קאָנצענטרירט אַרום אייניקע וויכטיקסטע פּראָבלעמען, וועלכע האָבן אים דאַן אַמשאַרפסטן גערעגט. דאָס איז צו זען, אַגב פון דעם, אַז אפילו ביבלישע מאָטיוון באַאַרבעט דעמאָלט פרץ אין איינקלאַנג מיט זיינע קעמפערישע טענדענצן:

גאָט זאָגט מיר אַזוי צו זאָגן:
די „נביאים" וועל איך קלאָגן,
די שקרנים, די כזבנים,
מיטן אומפאַרשעמטן פנים
און פאַרגלייזטע אויגן,
פונעם פינגער ווייל זיי נאָגן,
ווייל זיי טראַכטן אויס און זאָגן
אין מיין נאָמען נאָר דמיונות,
פאַר מטבעות, פאַר פדיונות,
נישט געשטויגן, נישט געפלויגן.

(פון „יחזקאל", 1892).

צי איז דאָ צופעליק דער אויסוואַל פונעם מאַטעריאַל גופא און די ליידנשאַפטלעכע אויספורעמונג פונעם דאָזיקן מאַטעריאַל? צי איז דען דער מאָטיוו פון די פאַלשע „נביאים" נישט אין איינקלאַנג מיט פרצעס קאַמף קעגן די כלי־קודש, קעגן דער „רבנישער פלעדערמויז", קעגן די פאַרשידענע פאָרמען פון אונטערדריקונג און פאַר דער רעהאַביליטאַציע

פונעם פאָלקס־שׂכל און אַלע נאָרמאַלע געפילן פון פאָלק? צו העם דינט פּרצן די נאָוועלע, דאָס ליד, די פּובליציסטיק.

פּרץ האָט געהאַט דאָס פולסטע רעכט צו חתמענען זיך אונטער זיין פּובליציסטיק „נישט קיין בטלן". זיינע פעליעטאָנען און אַרטיקלען פון די „יום־טוב־בלעטלעך" זיינען אינגאַנצן פריי פון די כאַראַקטעריסטישע פאַר דער העמלטיקער יידישער פּובליציסטיק עלעמענטן פון פוסטער בטלנישער מליצה, פון ביליקער וויצלדיקייט און איבעריקער באַרעדעוודיקייט.

פּרצעס פּובליציסטיק האָט באמת געקלונגען ווי אַ ניי וואָרט:

„פאַר ענגלאַנד איז זייער נוצלעך, אַז עס זאָלן אויפהערן מלחמות, דאָך איז פאַר איר נאָך נוצלעכער, אַז אַנדערע זאָלן אויסטאָן די כלי־זין, און זי אַליין זאָל קאָנען דערוויל פאַרכאַפּן מיט דער שווערד נאָך און נאָך לענדער אין אַפריקע, אַזיע און אויסטראַליע... זי האָט נאָך נישט אַלע באַקליידט מיט איר בוימוואָל פון מאַנטשעסטער און נישט אַלע צעטיילט אירע מעסערלעך פון בירמינגהאַם, נאָר ווען אַפילו אַלע רעגירונגען זאָלן זיך צווישן זיך אויסגלייכן, וועלן זיי נאָך אַלץ נישט אָוועקלייגן דאָס געווער: עס בלייבט נאָך איבער די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, וואָס וואַקסט פון טאָג צו טאָג שטאַרקער און הייבט אָן נישט אויף אַ גלייכוואָרטל צו שרעקן" (פּיל און בויגן).

פון פּרצעס אַ צווייטן פעליעטאָן:

„דער פאַפירענער ליבעראַליזם איז אַדורך גאַנץ אייראָפּע, ווי אַ זאַראַזע, פרייהייט הייסט דאָס רעכט צו מאַכן זיך מיט די עלנבויגנס אַן אָרט ביים טיש, ווילן — הייסט קויפן שטימען פאַר געלט און בראָנפן, פּאַרלאַמענטן זיינען בערזעס, וווּ פּאַרטייען שווינדלען מיט פּאָליטישע פּאַפּירן, וווּ די דעפּוטירטע פאַרקויפן איינער דעם צווייטן די געקויפטע שטימען, די „פרייע פּרעסע", די שטאָלץ פונעם 19־טן יאָרהונדערט, איז אַ רינשטאָק פון בלאָטע און שאַנטאַזש".

אין די צוויי געבראַכטע, זייער דרייסטע, פאַר יענער צייט, אַרויסזאָגונגען וועגן דער אייראָפּעישער פּאָליטיק וואַרפט זיך אין די אויגן די זאַכלעכקייט פון טאָן, די געפּרעסטקייט, כמעט אַפאָריסטישקייט פון דער שפּראַך, פּרצעס דעמאָלטיקע פּובליציסטיק צייכנט זיך אויס דערמיט, וואָס באַגלייך מיט איר אויפקלערערישער זאַכלעכקייט, פילט זיך דאָך אין איר פּרץ — דער קינסטלער: די פּובליציסטיק איז ביי פּרצן אַ גלייכבאַרעכטיקטער זשאַנר אין זיין סטיל. יעדער פעליעטאָן בליצט אויף מיט אומדערוואַרטע פאַרגלייכן און פּאַראַלעמיינערונגען, מיט עכט

קינסטלערישער געשטאלטלעכקייט. באזונדערס האָט פון פּרצעס גאליקע פּיילן געליטן די בורזשואזע חיבת־ציון־באוועגונג. די אידעאָלאָגן פון דער דאָזיקער באוועגונג רופט פּרץ אָן „דורכגעטריבענע שאַרלאַטאַנען" און באַשולדיקט זיי אין פאַרפירן דאָס פאָלק מיט באַדנלאָזע פוסטע צוזאָגעכצן:

„דער עולם האָט זיך געפּאַקט, — שרייבט פּרץ, — היינטמאָרגן אין וועג אַריין, די אַלטע אתה־בחרתנושע קעסל־פּויק האָט געדונערט, ציונגם צימבל — געקנאַקט, און די אַלטע רבנישע פלעדערמויז האָט אויסגעשפּרייט די פליגל איבערן פאַרטומלטן קהל..." („וואָס ווילן מיר").

ווי פאַרניכטנדיק עס קלינגט די דאָזיקע גראָטעסקישע בילדערישקייט, פּרץ האָט פאַרברייטערט די ראַמען פון דער יידישער פּובליציסטיק. ער האָט ברייט געשטעלט די פראַגן פון דער אייראָפּעישער פּאָליטיק, פון אַרבעטער־באַוועגונג א. א. וו. און דאָס אַלץ אין זייער א קאָנדענסירטער, קינסטלעריש־אויסדרוקפולער פאָרם.

2

פּרץ האָט דעביוטירט סיי אין דער העברעישער, סיי אין דער יידישער ליטעראַטור אַלס דיכטער. און דאָך האָט ער נאָך זיך איבערגעלאָזט פאַרהעלטנישמעסיק נישט קיין גרויסע דיכטערישע ירושה. לידער האָט פּרץ געשריבן פּעריאָדיש, פון צייט צו צייט, דערביי האָט ער אין ערך פון די 900־ער יאָרן ביזן סוף פון זיין לעבן כמעט אינגאַנצן אויפגעהערט צו שרייבן לידער. בלויז אין דער צייט פון דער וועלט־מלחמה, שוין נאָענט צו זיין טויט, קערט זיך פּרץ אום צו ליריק און שרייבט אָן זיין וווּנדערלעכן ציקל „קינדער־לידער".

כאָטש פּרצעס דיכטונג איז קנאַפּ אין צאָל, האָט זי געשפּילט א באַדייטנדיקע ראָליע אין דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער פּאָעזיע. א קנאַפּע צאָל לידער, אָבער וויפל פאָרמען, וויפל פּאָעטישע זשאַנרן: ליבע־ליריק, שפּאָס־לידער, סאַטירישע־לידער, באַלאַדעס, קינדער־דיכטונג, איבערזעצונגען פון רוסישער און מערב־אייראָפּעישער פּאָעזיע, פּאָעמעס, דראַמעס אין פּערזן אאַוו.

אין דער ליריק האָט זיך פּרץ אַרויסגעוויזן מער ווי אין אַנדערע זשאַנרען אַלס א דיכטער פון אָנהייבן. אים איז וויכטיק אַוועקשטעלן א פראַגע, אַרויסזאָגן א פּלוצלינג אויפגעבליצטן געדאַנק, אַרויסזינגען

פון זיך א מאָמענטאַלע שטימונג; נייע געדאַנקען, נייע זוכענישן לאָזן אים זיך נישט פאַרהאַלטן אויפן שוין געפונענעם און יאָגן אים אַלץ פאָ־רויס און פאָרויס.

פּרצעס לידער זיינען אָפט עסקיזאַרטיק. דער דיכטער וואַרפט אָן מיט א ברייטער האַנט ווי פאַרבייגייענדיק, אימפּראָוויזירנדיק, אידייען, פאָר־מען, אָנהייבן, ווי איינלאַדנדיק עמעצן דאָס אַלץ פאַרצוזעצן, דאָס אַלץ צו פאַרגאַנצן. פּרצעס אינדיווידועלע דיכטערישע אויפגאַבע איז געווען דורכצושלאָגן פאַר דער יידישער ליטעראַטור „א פענצטער אין אייראָ־פּע", אָנמערקן פאַר איר נייע וועגן, און די דאָזיקע אויפגאַבע האָט ער — באַגלייך מיט די פריאיקע יידישע רעוואָלוציאָנערע דיכטער פון אמע־ריקע — דערפאָלגרייך אויסגעפילט.

דער ציקל „ראָמאַנצעראָ"־ליבע־לידער, אין וועלכע עס פילט זיך די דירעקטע ווירקונג פון היינעס ליריק, האָט מיטגעהאָלפן ארויסצופירן די יידישע דיכטונג פון די ענגע נאַציאָנאַלע ראַמען. די לירישע געשטאַלט גופא איז דאָ א נייע — דאָס איז די געשטאַלט פון אן אינטעלעקטועלן מענטשן מיט קאָמפּליצירטע איבער־לעבונגען און געפילן. דער ליבע־גע־פיל איז דאָ באַפרייט פונעם געטאָ. די זעלבע באַפרייונג פון די געטאָ־פּענטעס פילט זיך אויך אין פּרצעס פאָלקס־מאָטיוו, איבערדיכטונגען פון אייראָפּעישער פּאָעזיע, באַטראַכטונגס־ליריק. צוזאַמען מיט נייע מאָטיוון טראָגט דער דיכטער אריין אויך א נייע ארכיטעקטאָניק פונעם ליד, נייע פאַר דער יידישער דיכטונג ריטמען, נייע גראַמען. ס'איז גענוג צו דער־מאָנען אזא אויסגעצייכנטע לירישסאַרקאַסטישע מיניאַטור ווי דאָס ליד „קליינע מענטשן":

קליינע מענטשן, דראָבנע מענטשן,
זייער שעלטן, זייער בענטשן,
זייער לויבן, זייער שרייען,
זייער פלאַמען, זייער שפּייען,
זייער בעטן מיט געוויין
און דאָס קריצן מיט די ציין, —
אַלץ איז דרויב,
לייכטער שטויב,
פאַר דער שוואַכסטער פליג קיין לאַסט!

דאָס דאָזיקע ליידנשאַפטלעכע ליד, א ליד — א פּראָזע, אן ארויס־געזאָגטע אין איין אָטעם, ענדיקט זיך אויף אזא אומדערוואַרטן אופן:

און די צייט אָן רו, אָן ראַסט
שוועבט אויף שטאָלערנע, ריזיקע פליגל, נישט צום גראַם.

דאָס בכיוונדיק אונטערגעשטראָכענע „נישט צום גראַם", דאָס אַנטבלויזטע קינסטלערישע מיטל קלינגט ווי אַן אַרויסרוף קעגן דעם פּי־ליסטער, דעם „דראַבנעם מענטש", קעגן וועמען עס איז געווענדט דאָס גאַנצע ליד.

פּרצן זיינען פרעמד אָנגענומענע קאַנאָנען, און ער מיידט אויס אַפילו די מעגלעכקייט פון אַן אייגענעם קאַנאָן. יעדעס ליד באַאַרבעט ער אויף אַן אַנדערן אופן, אויסנוצנדיק די דערגרייכונגען פון דער אייראָ־פּעיִשער און רוסישער פּאָעזיע און באַאַרבעטנדיק מיט גרויס ליבע דעם יידישן פאָלקלאָר. טרעפן מיר ביי אים טאַקע באַגלייך מיט די ראַפּי־נירטע ליבע־לידער, — אַזעלכע תמימותדיק־שפּילעוודיקע פאָלקסטימ־לעכע לידער ווי דער „פאָלקס־מאָטיוו", למשל, אָדער „אמת און שקר":

„שקר", שטייט „אין לו רגלים" —
אָבער אמת? ער האָט פּיס,
פאָרט דער שקר אין קאַרעטן,
און דער אמת — גייט צופוס!

פּרצעס ליריק האָט געקלונגען ווי פרעמדאַרטיק אין דער יידישער ליטעראַטור פון די 90־ער יאָרן, און קעגן איר איז געפירט געוואָרן אַ קאַמף, וועלכער האָט זיך נאָך אָנגעהויבן ביים דערשיינען פון דער פּאָעמע „מאָניש" (פּרצעס ערשט פאַרעפנטלעכט ווערק אין יידיש).

„מאָניש" איז צום ערשטן מאָל געווען געדרוקט אינעם 1־טן באַנד פון שלום־עליכמס „יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק" (1888 י.). די דראַ־זיקע פּאָעמע איז געווען אַזוי אומדערוואַרט אינעם קאָנטעקסט פון דער דעמאָלטיקער יידישער ליטעראַטור סיי לויטן אינהאַלט און סיי לויט דער פאָרם, אַז אַפילו שלום־עליכם האָט נישט אָפּגעשאַצט איר ווערט. שלום עליכם אַלס רעדאַקטאָר האָט אַריינגעטראָגן באַדייטנדיקע ענדערונגען אין דער פּאָעמע, וואָס האָבן אָנגערירט איר ספּעציפישן סטיל. אין עטלעכע יאָר אַרום האָט טאַקע פּרץ געפונען פאַר נויטיק אַרויסצוגעבן „מאָ־נישן" אין אַ באַזונדער ביכעלע, אויפשטעלנדיק זיין אורשפּרינגלעכן טעקסט.

צוזאַמען מיט „מאָנישן" איז אין דער יידישער ליטעראַטור געקו־מען אַ נייער שרייבער, אַ ראָמאַנטיקער מיט אַן איראָנישן שמייכל אויף

די ליפּן. אין „מאַניש" איז אין אַ עמבריאָנעלער פאָרם איינגעשלאָסן דער כאַראַקטער פון פּרצעס שפּעטערדיקן ליטעראַרישן סטיל.

די סביבה, וואָס ווערט געשילדערט אין דער פּאָעמע, דער אונטער־ראָזש אירער איז אַ רעליגיעז־מיסטישער. עס פיגורירן דאָרט סמאל, לילית, דער גיהנום און אַ פאַרצייטיקער עילוי, וואָס האָט זיך פאַרליבט אין לילית — מאַריע, מאַניש ווערט „באַשטראָפט" פאַר זיין זינדיקער ליבע און פאַלט אַריין אין גיהנום. ווי ס'איז צו זען, באַוועגט זיך דאָ פּרץ, ווי אויך זייער אָפט שפּעטער, אין רוים פון דער יידישער רעליגיעז־מיסטישער קולטור און ער רייסט זי פון אינעווייניק אויף. די פּאָעמע „מאַניש" איז אַן אָנגריף פון אינעווייניק אויף דער דאָזיקער קולטור.

די ליבע פונעם ראָמאַנטישן מאַניש מיט די „שוואַרצע לאָקן ווי די נאַכט" צו דער שיינער מאַריע איז טאַקע אַן עכטע ליבע פון אַן אַס־קעטיש־דערצויגענעם שטעטלדיקן עילוי. דערפאַר איז אַזוי ליריש־רירנדיק זיין שווערן „הייסע ליבע אַלץ פאַרברענטער און פאַרשייטער" און דאָס באַקלאָגן זיך פאַר דער מוטער:

— צי ווייס איך דען, מאַמע,
וואָס ס'זינגט דאָרט אין מיר?
איך ווייס נאָר, אין האַרץ איז
גאָר אַנדערש ווי פריער!

אינעם הויכן גאַנג פון דער פּאָעמע רייסט זיך אויף אַ ראָמאַנטיש־איראָנישן אופן אַריין די שילדערונג פון דער שטראָף אין גיהנום, ווי אַזוי מאַניש „פליט שוין „פאַר קאַנוואַיעם" אויף אַ בעזעם אין דער הויך".

לאָמפּן — טויזנט פעסער סמאָלע,
די רשעים זיינען קנוייטן!
ס'גייט אַרום אַן עקסטרע־שדל
מיט אַ שערל צו די צווייטן!

דאָס געמיטלעך־פּראָזאַישע שדל מיטן שערל איז באַרופן אַראָפּצור־רייסן די הייליקייט פון דער הימלישער שטראָף. פּרצעס פּראָטעסט קעגן דעם מיטלאַלטערלעכן אַסקעטיזם ווערט דירעקט אונטערגעשטראָכן אין דער באַוווסטער אָפּווענדונג „אַנדערש וואָלט מיין ליד געקלונגען".

איך האָב צו אייך קיין טענה־מענה,
וואָס די ליבע איז אייך פרעמד;
ווענום שפּרינגט ארוים פון פּיאַנע
נ׳מיטן ים אין אָן א העמד.

און אמאָר מיט בלינדע אויגן,
באָרוועס, נאקעט, לויפט ער, פליט;
שפּילט זיך מיט א פיילנבויגן —
קען דאָס פּאסן פאר א ייד?

יאָ, עס פּאסט נישט פאר קיין ייד, פאר דעם ייד, וואָס פון שטענדיק הונגערן, פון באַדנלאָזער עקזיסטענץ און אונטער דער ווירקונג פון דער קלעריקאלער כנופיה, האָט ער שוין גאָר פארלוירן דעם טעם פון אלע לעבנס־פארגעניגנס. דער ראפּאָרט וועגן מאָנישן, וועלכן דער שד גיט אָפּ סמאלן, וועט בלייבן אין אונדזער ליטעראטור ווי אַן אייביקער מאָנומענט פארן פארצייטישן יידישן שטעטל, ווו עס „בייסן די ציגן די דעכער פאר הונגער".

אין קעניגרייך פּוילן,
הארט ביי דער גרענעץ,
ליגט זיך א שטעטעלע
גרויס ווי א גענעץ.

. . . .

. . . .

און שטיל ווי א קברות;
מענטשן ווי מתים;
קיין גאווה, קיין תאווה,
מע לעבט פון תעניתים: —

קיין חסידים, קיין דייטשן —
האָט תורה א קיום,
עס וואקסן רבנים,
מע פּאשעט עילוים...

די הונגעריקע שטעטלעך — „גרויס ווי א גענעץ" — וועט פּרץ דערנאָך שילדערן אין זיינע „רייזע־בילדער" אין דער „טויטער שטאָט" אא. ווי אזוי „מע פּאשעט עילוים", וועט פּרץ וויזן אין „מקובלים",

אין דעם „משוגענעם בטלן", אין דער אומנאַטירלעכער הונגעריקער לײדנשאַפט פון די קלויזניקעס אין דער דראַמע „אין פּאָליש אויף דער קייט".

אין זײַן אויטאָביאָגראַפישן בוך „מײַנע זכרונות" כאַראַקטעריזירט פּרץ די הויפּט־צײַלן פון זײַן שאַפן אויף אַזאַ אופן:

„פּראָבלעמען און קאָנטראַסטן — דאָס זײַנען די צוויי וואַלצן, אויף וועלכע עס וועלן זיך וויקלען אַלע מײַנע שריפטשטעלערישע יריעות... עטישע קאָנטראַסטן־בילדער, — טרויעריקע דעקאַדאַנסן פון חסידיזמוס, חורבות פון וועלט־אַנשויונגען, דראַמען און טראַגעדיען מער אין ברענענדיקע אָדער זיך לעשנדיקע געהירן..." (מײַנע זכרונות", אויסגאַבע פון ב. קלעצקין, ז. 109).

אין „מאָנישן" זײַנען שוין דאָ די אַלע עלעמענטן, וועלכע דער שרײַבער מערקט אַליין אַזוי טרעפלעך אָן. מאָנישעס ליבע איז דער קראַך פון אַ וועלט־אַנשויונג, דער פּײַנלעכער פּראָצעס פון באַהעפטן זיך צו אַ נײַער קולטור, צו אַ נײַעם וועלטבאַנעם. און דאָס אַלץ איז געגעבן טאַקע מיט קאָנטראַסטן־בילדער, מיט איבערגאַנגען פון רעאַליסטישער באַשרײַבונג צו ראָמאַנטיש דערהויבענע רייד, פון ראָמאַנטיק צו שפּאָט און צו טיפּיש היינישן חוזק איבער דעם פון זיך אַליין פאַרחערלעכטן. דאָ איז ווי אין אַ טראָפּן וואַסער אָפּגעשפּיגלט פּרץ דער קינסטלער.

3

פּרץ איז בײַ זײַן גאַנצער פילזשאַנערדיקייט דאָך פאַרבליבן אין אונדזער ליטעראַטור דער עיקר ווי דער מייסטער פון דער נאָוועלע. די נאָוועלע איז דער צענטראַלער, פּירנדיקער זשאַנר אין זײַן שאַפן. צוזאַמען מיט שלום־עליכמען איז פּרץ דער גרונטלייגער פון דער יידישער נאָוועלע. ס'איז מערקווירדיק, ווי אַזוי פּרץ, דער נישט שטאַנדהאַפטיקער פּרץ, וואָס איז אַזוי גענייגט צו פאַרשידענע ווירקונגען, בלײַבט אומעטום אויסגעשפּראָכן אינדיווידועל. און די דאָזיקע אויסגעשפּראָכענע אינדיווידועלקייט פּרצעס פילט זיך אַמבולטסטן אין זײַן נאָוועלע.

אין 1890 יאָר גיט דינעזאָן אַרויס פּרצעס ביכל פּראָזע אונטערן טיטל „באַקאַנטע בילדער", וווּ ס'גייען אַרײַן אַזעלכע רײַפע זאַכן, ווי „דער משולח" און „דער משוגענער בטלן", ד. ה. אַז צום סוף 80־ער

אָנהייב 90־ער יאָרן טרעט שוין פּרץ אַרויס, ווי אַ גלענצנדיקער נאָוועליסט, ווי אַן אבסאָלוט רייפער פּראָזאיקער. אין דער זעלבער צייט אַן ערך, אינעם זעלבן 1890 יאָר, ווען עס דערשיינען די „באַקאַנטע בילדער", באַטייליקט זיך פּרץ אין דער סטאַטיסטישער עקספּעדיציע איבער די פּוילישע שטעטלעך, אָרגאַניזירט פונעם פילאַנטראָפּ יאַן בלאָך מיטן ציל אויסצופאָרשן די עקאָנאָמישע לאַגע פון די יידן. די רייזע איבער די שטעטלעך מאַכט אויף פּרצן אַ דערשיטערנדיקן איינדרוק. ער קאָן זיך נישט באַגנוגענען מיט צושיקן ריין אָפיציעלע סטאַטיסטישע ידיעות אין דער עקספּעדיציע־ביוראָ, ער זעט פאַר זיך לעבעדיקע מענטשן מיט אומגעהויערע ליידן און פּיין, און עס וואַקסט ביי אים פון דער דאָזיקער רייזע אויס דער ציקל פאַרצייכענונגען „רייזע־בילדער", געדרוקט צום ערשטן מאָל אין פּרצעס „יידישער ביבליאָטעק" (1891) אונטערן טיטל „בילדער פון אַ פּראָווינץ־רייזע אין טאָמאַשאָווער פּאָוויאַט אום 1890 יאָר".

די „רייזע־בילדער" האָט פּרץ „געווידמעט די אַלע, וואָס האָבן געוואָלט, נאָר ליידער נישט געקאָנט העלפן", און דאָס גאַנצע ווערק שטעלט טאַקע מיט זיך פאָר אַ געשריי נאָך הילף. דאָס שטעטל זעט ביי פּרצן אויס גאָר אַנדערש, ווי ביי זיין פאָרגייער מענדעלען אָדער שפּעטער ביי שלום־עליכמען. אויב ביי מענדעלען זעען מיר דאָרט פּאַטריאַרכאַלע, אומבאַוועגלעכע, דער עיקר פאָרקאַפּיטאַליסטישע שטעטל און ביי שלום־עליכמען זעען מיר דאָס זעלבע שטעטל אין באַוועגונג, אין דער „גרויסער בהלה", איז ביי פּרצן דאָס שטעטל אַ פּוסטקע, עס איז שוין דאָרט נאָך אַלעמען — ס'איז שוין, אייגנטלעך, נישטאָ אפילו קיין קיבוץ, עס זיינען דאָ בלויז אומגליקלעכע באַדנלאָזע יחידים. ס'איז נישטאָ אפילו קיין אָנדייטונג אויף שלום־עליכמס פריילעך־טרויעריקן געמיט. פאַרקערט, ס'איז אומהיימלעך און גרוליק. באָדנלאָזיקייט, קבצנישער פּאַראַזיטיזם, אָפּגעלאָזנקייט און אַטראָפירטקייט פון באַדערפענישן, ווייל „וואָס דאַרף אַ יידענע"? — דאָס איז דאָס בילד פונעם שטעטל. און איז שוין יאָ פאַראַן אַ באַלמעלאָכע אין שטעטל, אַ יגיע כפּימניק, האָט ער נישט קיין באַשטעלער. ער איז אַרבעטלאָז און מוז עמיגרירן קיין לאָנדאָן, כאָטש ער האָט ליב זיין היימלאַנד, דעם טייך און דעם וואַלד,

פּרץ שילדערט די צערוינירונג פונעם שטעטל זייער אַנטבלויזט, אומברחמנותדיק, אָן קיין שום אַרויסקוק אויפן אמאָל, אָן קיין שום אידעאַליזאַציע פון אָפּגעשטאָרבענע לעבנס־פאָרמען, אָן קיין שום פאַרלאַנג עפּעס צו פאַרהיטן, פאַרקאָנסערווירן. ער קוקט אויפן שטעטל מיט

א ניכטער אויג פון א שטאָטישן מענטשן סוף 19־טן י. ה. — אפשר אפילו, ווי א זייטיקער — און קומט צום אויספיר, אז די לאגע איז אויסוועגלאָז.

פרץ זוכט נישט קיין אינטימקייט, ער שמייכלט נישט, ער זוכט נישט קיין טרייסט. פרץ גייט צו צו דעם שטעטל מיט א מעסער פון אן אנאליטיקער. ער עפנט בלאָטערס, בלוט־טריפנדיקע ווונדן אין זייער גאנצער אנטבלויזטקייט, און שוין דאָ, אינעם זשאנער פון פארצייכענונג, פון פראגמענטארע רייזע־באשרייבונגען אנטפלעקט זיך אין דער גאנצער פראכט פרצעס שטארק קאָנדענסירטע, שארפע, טיילמאָל בייזע בילדערישקייט:

"ארום הייזער שטייען שוין רעדלעך געלע ווייבער, זיי האלטן זיך צו מיט די „אָפגעגאָסענע נעגל" די ברודיקע שאלן איבער די אומגעוואשענע קעפ און מיט בלאסע ליפן באקרעכצן זיי און באוויינען דאָס הויז" („רייזע בילדער" — „דער נשרף").

„דאָך שטייען מאנכע הייזלעך שטאָקהבלינד. דאָרט גייט א טרוקן שטיקל ברויט מיט אָדער אָן א הערינג און אפשר קריאת־שמע אָן ווערטשערע... אין איינעם פון די הייזלעך מוז שטיין די אלמנה, וואָס דארף אזוי ווייניק, אין קלאפן זיך אין דארן הארץ־ברעטל אריין ביי דער לאנגער ווידוי, אפשר מעסט זי זיך אָן אירע תכריכים... דערמאָנט זיך אין אמאָליקן, מיט א גאָלדענעם פאס באזוימטן חופה־קליד, און פון די אלטע אויגן קאפעט אראָפ א טרער, און זי שמייכלט דערביי אריין אין דער פינצטערער נאכט. — וואָס דארף א יידענע?" (רייזע־בילדער — „א יינגעלע").

דאָס גאנצע ווערק איז געשריבן אין דער פאָרם פון אימפרעסיאָניסטיש, גראָטעסקישע פארצייכענונגען, ווו דער אויסערלעכער איינדרוק און די דעטאל שפילן זייער א גרויסע ראָל. דאָס שטעטל אנטשטייט פארן לייענער אין דער פאָרם פון א וויסן בארג, וואָס פון דעסטעגן... נאָענט ווייזט זיך ארויס, אז דאָס איז דער שטעטלשער קיבוץ פון ווייסע ציגן. די פארלאָזטקייט, די פוסטקייט פון שטעטל כאראקטעריזירט א גרויס הילצערן משוגע־הויז, וואָס האָט נישט ווער עס זאָל עס באוווינען, ווייל קיינער וויל עס נישט באהייצן, און פון דער צווייטער זייט ווערט געשילדערט א פוסט אָרט צווישן די הייזער נום. 41 און 43, ווייל דער נום. 42, וועלכער איז באוווינט געווען פון א גרויסע פאמיליע, איז צעוואָרפן געוואָרן איבער א מחלוקת. הינטער דעם נום. 42 איז פארבאָרגן א גרויסע מענטשלעכע טראגעדיע, אן אומקום איבער

הונגער און עלנט. א בילד פון פאַרהעלטנישמעסיקן „ווילשטאַנד" ווערט געגעבן דורך דער אויסשטאַטונג פון א פאַרשלאָסענעם צימער. דאָס דאָזיקע צימער ווערט באַטראַכט פון אויסן, דורכן פענצטער. וועגן דער באַלעבאָסטע פונעם צימער ווערט מען פאַרבייגייענדיק געוווּיר, אַז זי געפינט זיך ערגעץ אין די סביבהס, ווו זי קלייבט נדבות צוזאַמען מיט אירע אַלע דריי קינדער, אַזוי, אַז דאָס בילד פונעם ווילשטאַנד ווערט דאָ מייסטערהאַפט אַראָפּגעריסן און דאָס שטרייכט בלויז אונטער דעם זייער נידעריקן לעבנס־ניוואָ פונעם גאַנצן שטעטל.

אין די „רייזע־בילדער" באַוועגן זיך נישט קיין מענטשן, נאָר געשפּאַנסטער. ס'איז נישט קיין ווירקלעך לעבן. דער שטעטלדיקער משכּיל איז א מין ווילדע פאַרזעעניש, א משוגעדיקע נאָכקרימעניש פון דער השכּלה; דער „מסור" איז אַן אומגליקלעכער מענטש, וועלכער האָט גאָר קיינעם אויף זיין לעבן נישט פאַרמסרט, און דער „משוגענער", וואָס קריכט ווי א האָן, איז מער ביים פאַרשטאַנד, ווי די אַרומיקע קלאָרע. ער קומט אַליין בעטן פאַרשרייבן אים און דערציילט אויספירלעך וועגן זיין משוגעת. דער „מסור" און דער „משוגענער" זיינען פּונקט אַזוי נישט ווירקלעך, ווי דער למדן־וו"ניק, וואָס מע קאָן בשום־אופן נישט דערגיין, מיט וואָס איז ער, אייגנטלעך, א למדן־וו"ניק.

דאָס שטעטל איז פול מיט אַבערגלויבן, אָפּגעשטאַנענקייט, אילוזיאָרישע אויסטראַכטענישן. דערפאַר איז אַזוי נאַטירלעך דעם שרייבערס אויסרוף, ווען ער פאַלט אַריין אין א נייַ שטעטל נאָכן שמועס מיטן „משוגענעם":

„איך וויל דאָס שטעטל נישט אָנרופן ביים נאָמען. נאָר נאָך איינס אַזוינס ווען איך טרעף אויפן וועג, וואָלט איך אויך אָנגעהויבן קרייען" („רייזע־בילדער" — „בלאַנקעטן").

מיט די „רייזע־בילדער" ווערט, אייגנטלעך, אויסגעשעפּט פּרצעס אינטערעס צו דעם שטעטל אַן און פאַר זיך. דאָס שטעטל איז קיינמאָל, אין אונטערשייד צו מענדעלען און שלום־עליכמען, נישט געשטאַנען אין צענטער פון פּרצעס אויפמערקזאַמקייט. פּרץ האָט דער ערשטער אַריינגעטראָגן אין דער יידישער פּראָזע עכט־שטאָטישע מאָטיוון. סיי אין דער שילדערונג פונעם שטייגער, סיי אין דעם ברייטן קרייז פּראָבלעמען, וואָס האָט גערעגט די אייראָפּעישע און רוסישע שרייבער אויפן שוועל פון 20־טן י. ה. שלום־עליכם איז ענג פאַרבונדן מיט די ליטעראַרישע טראַדיציעס פונעם 19־טן י. ה. נישט געקוקט דערויף, וואָס אין זיין שאַפן האָבן געפונען אַן אָפּשפּיגלונג דערשיינונגען פון דער אימ־

פעריאָליסטישער עפּאָכע. פּרץ, פאַרקערט, געהערט דער עיקר צום 20־טן י. ה. מיט אַלע זיינע מעלות און חסרונות, מיט די ראַשיקע טעמפּן, מיט דער געפערעסטקייט פון פאָרמען מיט די אויסדרוק־מיטלען, אָבער אויך מיטן צעבראָכענעם געמיט, מיט די שטענדיקע נשמה־פייניקונגען, וואָס דאָס אַלץ האָט אַזוי אַפּט געצויגן אַ באַשטימטן טייל פון דער בירגערלעכער אינטעליגענץ אין די אָרעמס פון רעאַקציע, צו כּלערליי מאָדערניסטישע און דעקאַדענטישע ליטעראַרישע שיטות. אויף פּרצן האָט אָבער אויך געווירקט די קראַפט פון דער רעוואָלוציע און ס׳האָט אין אים אויך געלעבט דער שטענדיקער אומרו, דער פאַרגעפיל פון גרויסע סאָציאַלע שלאַכטן, ווי דאָס איז געווען צו באַמערקן ביי אַזעל־כע רוסישע שרייבער ווי אַלעקסאַנדער בלאָק.

4.

טיילן פּרצעס שאַפן אויף אַ רעאַליסטישן און אויף אַ ראָמאַנטישן פּעריאָד קאָן מען בלויז באַדינגלעך. אַלנפאַלס, לאָזט זיך זאָגן, אַז פון סוף 80־ער יאָרן, ד. ה. זינט פּרץ איז אַרויסגעטראָטן אין דער יידישער ליטעראַטור, ביזן סוף 90־ער יאָרן איז דער פירנדיקער סטיל־עלעמענט אין זיין שאַפן דער רעאַליזם און פון סוף 90־ער יאָרן הייבט ביי פּרצן אָן איבערוויגן דער ראָמאַנטישער שטראָם. אַ ראָמאַנטיקער איז אָבער פּרץ געווען שטענדיק, פון די ערשטע טריט פון זיין שאַפן, אויף וואָס מיר האָבן שוין אָנגעוויזן ביים אַנאַליזירן די פּאָעמע „מאָניש".

דער רעאַליזם און דער ראָמאַנטיזם האָבן מיטגעלעבט ביי פּרצן פון די 80־ער — 90־ער יאָרן זייער אָרגאַניש, נישט ווידערשפּרעכנדיק איינער דעם אַנדערן: „דער כּעלמער מלמד" און דער „תענית", „מענדל ברײַנעס" און „ס׳הערצל צאַפּלט", „ביי דעם פּרעמדן חופּה־קלייד" און „דעם רביס ציביק" א. אַז. נאָך מער, באַזונדערע דערציילונגען פּרצעס זיינען געבויט אין אַ ראָמאַנטיש־רעאַליסטישן פּלאַן, וויל, ווי, איינגנטלעך, דאַרף מען פאַרשטיין „באָנציע שוויַיג", ווי אַ רעאַליסטישע אָדער ראָמאַנטישע דערציילונג? פון דעם שטאַנדפּונקט זיינען זייער אינ־טערעסאַנט פּרצעס „קלאַץ־געשיכטן", ווו ס׳ווערן געשילדערט גאַנץ רעאַלע איבערלעבונגען און ליידנשאַפטן און דאָך לעבט דאָ אַן אייגנאַר־טיק לעבן אויך נישט דאָס רעאַלע:

„אינמיטן מאַרק ליגט אַן אַלטער, פוילער קלאָץ...

דוכט זיך, טויט ווי אַלע טויטע, און דאָך, אין אַ שטילער זומער־נאַכט, ווען אַלץ אַרום איז פאַרזונקען אין טיפן שלאָף, ווען לבנה און שטערן דרימלען אונטער אַ לייכטן זילבער־נעפּל וועקט זיך אין מיר אויף דער אַלטער כישוף־מאַכער... האָקוס־פּאָקוס! — דער קלאָץ לעבט!" („קלאָץ־געשיכטן").

אָט טאַקע ווי דורך אַ כישוף (האָקוס־פּאָקוס!) שאַפט פּרץ וווּנדערלעכע געשטאַלטן, בילדער, זעונגען, וועלכע רעגן אומאויפהערלעך דעם געדאַנק און דאָס געפיל פונעם לייענער און לאָזן אים זיך נישט באַרויקן. דער קרייז פּראָבלעמען, וועלכע ווערן געשטעלט אין פּרצעס ווערק פון די 90־ער יאָרן, איז פּונקט אַזוי ברייט ווי דער שלל פאָרמען, אין וועלכע זיי ווערן פאַרקערפּערט.

פּאַראַזיטיזם פון נויט, בטלנות, די מאַכט פון דער רעליגיע, פאַרשקלאַפונג פון דער פרוי, אַסקעטיזם, הכנעהדיקייט, מאָדערנע קאַפּיטאַליסטישע פאָרמען פון עקספּלאָאַטאַציע — אָט די אַלע פּראָבלעמען האָבן גערעגט פּרצן. אים האָט גערעגט דער גאַנצער ווידעראַנאַנד פון סאָציאַלן אומרעכט אין דער עפּאָכע, ווען דער קאַפּיטאַליזם אין רוסלאַנד מאַכט דורך אַ ראַשע אַנטוויקלונג, ווען עס הייבט זיך אָן אויסבילדן אַן אַרבעטער־באַוועגונג און אײַנציייטיק דערמיט ווערן, איבערהויפּט אין דער יידישער סביבה, פאַרהיט עלעמענטן פון מיטלאַלטערלעכע פעאָדאַלע באַציונגען. און פּרץ ווענדט אָן זיין גאַנצן האַס קעגן דעם יידישן מיטלאַלטער, וואָס האָט געהאַלטן די פאָלקס־מאַסן אין דער קלעם פון מוראדיקער נויט, אָפּגעשטאַנענקייט נישט געגעבן קיין מעגלעכקייט צו פאַרנעמען זיך מיט פּראָדוקטיווער אַרבעט, געשטיקט יעדן פרייען געדאַנק און געהאַלטן די פּערזענלעכקייט אין דער פולסטער אָפּהענגיקייט פון דעם קלעריקאַלן דרוק.

באַנאַנד מיטן אָפּלייקענונג־פּאַטאָס גייט ביי פּרצן אויך די באַשטעטיקונג. מיט גרויס ליבע שילדערט פּרץ פאָלקס־מענטשן מיט זייער אויפריכטיקער תמימותדיקער ליבע מיט זייערע אידעלע מענטשלעכע געפילן, מיט דער אינערלעכער דערהויבנקייט פון דער נשמה. באַזונדערס דאַרפן דאָ אויסגעטיילט ווערן די פרויען־געשטאַלטן, וואָס אָדער זיי ליידן שטיל און דער גלויבן אין יענער וועלט לאָזט זיי נישט זיך אַרויסרייסן פון זייער באַגרענעצטקייט („מענדל ברײַנעס") אָדער, פאַרקערט, זיי פּראָטעסטירן שטורמיש און זיינען גרייט צוליב איין רגע באַפרידיקונג מיט אַן אויסבראָך פון צאָרן און הילפלאָזן פּראָטעסט צו פאַרלירן אי די וועלט אי יענע־וועלט („אַ כעס פון אַ יידענע", „מוסר"

א. א.). נאר אפילו דאן, ווען די געשילדערטע פון פרצן פערזענלעכקייט איז פאסיוו, ווען זי נעמט אן פאר גוט איר אייגענע פיין, איבעראשט זי אונדז דאך מיט דער דערהויבנקייט פון ליידן, מיט דער גרויסער איידלקייט פון געפילן, מיט דער גרייטקייט שטענדיק צו אפפערן זיך פאר די נאענטסטע און טייערסטע.

פרצעס דערציילונגען עטעמען מיט גרויסער אכטונג צו דעם געפייניקטן, צו די שטילע טויבן, איידעלע נשמות, אומשולדיקע פייגעלעך, וועלכע ווערן דערשטיקט פון דער „פרומער קאץ", וועלכע קאנען נישט עטעמען מיט קאצן־לופט („א פארשטערטער שבת", „אין פאסט־וואגן"), ס'איז אבער ביי פרצן אין זיין ערשטן פעריאד נישטא די אידעאליזאציע פון ליידן, דער ארעאל, וועלכע איניקע שרייבער האבן געשאפן ארום די ליידן אן און פאר זיך, ווי דאסטאיעווסקי אין דער רוסישער ליטעראטור, די אידעאליזאציע פון ליידן, קעגן וועלכער ס'האט שטענדיק פראטעסטירט גארקי. פרץ איז דא, פארקערט, ביז גאר קעמפעריש. זיין גרויסע אכטונג פארן ליידנדיקן פאלק באוועגט אים צו קעמפן קעגן זיין פאסיווקייט. פרץ האט געשאפן די וואונדערבארע געשטאלט פון „באנציע שוויג", אין וועלכער ס'איז סימבאליזירט געווארן די דורותדיקע אונטערדריקונג פון די, וועמענס לעבן און טויט מאכט א קנאפן רושם אויף דער וועלט, וועלכע זיינען פול ווי די זעמדעלעך אויפן ברעג ים. דער יידישער באנציע שוויג איז א לייבלעכער ברודער פון דעם רוסישן „גרויען פויערל", פון דעם שפעטערדיקן אייראפעישן „אומבאוווסטן סאלדאט", אויף וועמענס קבר די בורזשואזיע האט געשטעלט דענקמעלער פאר זיין טרייען דינען, נאכדעם, ווי זי האט אליין פינקטלעך אויסגערעכנט אירע פראפיטן פון דער מלחמה. און פונקט ווי די בעסערע מענטשן פונעם רוסישן פאלק האבן געשטרעבט אויסצווארצלען ביים „גרויען פויערל" די אין משך פון דורות דערצויגענע אין אים הכנעהדיקייט, אזוי איז אויך פרץ ארויסגעטרעטן קעגן דער הכנעהדיקער שוויגעוודיקייט פון באנציע שוויג. ביי דער גאנצער פארהערלעכונג פון באנציעס איידעלער פארפייניקטער נשמה איז דאך פאראן אויך דער בזיון פאר זיין הכנעה. ס'איז א ווײ־געשריי קעגן דעם האלב־חיהשן צושטאנד, קעגן דער אפגעשטאנענקייט און אטראפירטקייט פון חושים, צו וועלכער די מאכט־האבער האבן, ווירקלעך, דערפירט א באשטימטן טייל פון די פאלקס־מאסן, ס'איז א שארפער פראטעסט קעגן דער הכנעהדיקייט און אונטערטעניקייט, קעגן דער קליינער השגה פון א „פרישער בולקע מיט פוטער".

ווי א קאָנטראַסט צו באַנציע שוויַג שאַפט טאַקע פּרץ די געשטאַלט פון בערל קאָלבאַס („דאָס שטריימל״), וועלכער איז שוין גאָר נישט קיין שווייַגנדיקער. ס׳איז אַ מענטש, וועלכער האָט זיך אָנגעליטן אין זייַן לעבן אפשר נישט ווייניקער פון באַנציע שוויַג, ער פאַרמאָגט אָבער אַ שטאָלציע, פּראָטעסטירנדיקע נאַטור, און ער ווייסט שוין פּינקטלעך קעגן וועמען צו פּראָטעסטירן. בערל קאָלבאַס דער באַלמעלאָכע איז אַן אָפּשפּעטער, פול מיט פאָלקס־חכמה און מיט גאַליקייט. ער ווייסט, אַז זייַנע אונטערדריקער זייַנען דער גביר און דער רב. נאָך מער, ער ווייסט שוין, אַז זייַן גורל איז פאַרבונדן מיטן גורל פונעם אונטערדריקטן פויער, אַז דער פּריץ פאַרפאָלגט דעם פויער נישט ווייניקער, ווי עס פאַרפאָלגט אים דער גביר און די „גאָטס סטראַפּטשעס״.

מיט אַזעלכע קאָנטראַסטירנדיקע בילדער און געשטאַלטן וועלן מיר זיך באַגעגענען אין פּרצעס ווערק פון די 90־ער יאָרן אויף שריט און טריט: די פאַרפייַניקטע פרוי פון „מענדל בריינעס״ און די צאָרנדיקע „אשה״ פון „אַ כעס פון אַ יידענע״, די הכנעהדיקע מרים פון „אַ פאַרשטערטער שבת״ און די פּראָטעסטירנדיקע „האשה מרת חנה״. אייניקע ווערק פּרצעס זייַנען אינגאַנצן געבויט אויף אַזעלכע קאָנטראַסטן, ווי „מוסר״, דער איינאַקטער „שוועסטער״ א. אנד.

דער קאָנטראַסט איז, ווירקלעך, איינס פון פּרצעס באַליבטע קינסטלערישע מיטלען, דערביי איז עס נישט פּשוט אַ פּובליציסטישער קאָנטראַסט. ניין, ביי פּרצן קאָנטראַסטירן פּראָבלעמען, אידייען, מענטשלעכע געשטאַלטן, ליידנשאַפטן, — און דאָס אַלץ אין אַן עכט קינסטלערישער פאָרם, און ווען די פאָן פון דער האַנדלונג איז שוין גאָר גרוי און איינטאָניק, קומט אַ באַשטימטער דעטאַל, וועלכער באַהעלט די גרויע פאָן, קומט אַ בינטל ליכטיקע שטראַלן, וואָס קאָנטראַסטירט מיט דער פינצטערניש. אָט איז אַ פינצטערע קעלער־שטוב, וווּ ס׳לעבן די סאַמע אומגליקלעכע, די סאַמע אָפּגעשטויסענע, וווּ אויסגעמוטשעטע מענטשן קעמפן פאַרעקשנט פאַר זייער עקזיסטענץ און עס בלייבט שוין, דאַכט זיך, נישט קיין אָרט פאַר אידעאַלע געפילן אין די דאָזיקע פאַרפינצטערטע הערצער. רייסט זיך אָבער דורך אַ שטראַל ליכט פון הינטער אַ שפּאַניש ווענטל, וווּ ס׳לעבט אַ יונג פאָר־פאָלק, און הינטער דעם דאָזיקן שפּאַנישן ווענטל געפינט זיך אַן אָאַזיס פון שיינער מענטשלעכער ליבע („אין קעלער־שטוב״). דאָס זעלבע זעען מיר אויך אין דער דערציילונג „שלום־בית״: אינעם קליינעם פענצטערל, וואָס געפינט זיך אונטערן סאַמע דאַך, ווייַזט זיך יעדעס מאָל חנהס שייַנענדיק ליב פּנים.

די דאַזיקע קאָנטראַסטן זיינען ביי פּרצן נישט קיין קינסטלערישע מיטל און און פאַר זיך. דאָס זיינען טיפּע לעבנס־קאָנטראַסטן, וואָס זיינען אויפגעכאַפּט געוואָרן פונעם קינסטלערישן אויג און אויסגעליטערט געוואָרן אינעם האַרץ פון א הומאַניסט. דער שרייבער האָט געזוכט אין די סאַמע געדיכטענישן פון די פאָלקס־מאַסן, אין די קעלער־שטיבער די ליכטיקע פערזענלעכקייט און האָט זי געפונען. אין דער זעלבער צייט ווערט די בורזשואזיע פון פּרצן געשילדערט א פּוסטע, אויסגעליידיקטע, אָן קיין שום לעבעדיקע געפילן, שוין אָפּגעראַדט פון אידעאַלן, אָן איבערגעזעטיקטע פון די פול צופרידענע פאַר איר לעבנס־פאַרגעניגנס.

פּרצעס שאַפן איז אין די 90־ער יאָרן ביז גאָר צילגעווענדט. ער שטורעמט פון אַלע זייטן די פעסטונגען פונעם יידישן מיטלאַלטער, און איינער פון די זיילן פונעם דאָזיקן מיטלאַלטער איז זיכער געווען די רבנישע בית־מדרש־קולטור מיטן כאַראַקטעריסטישן פאַר איר אסקעטיזם. דער קאַמף קעגן אסקעטיזם אין דער יידישער סביבה האָט פאַרנומען א גרויס אָרט אינעם שאַפן פון אַלע דריי קלאַסיקער פון דער יידישער ליטעראַטור — ביי מענדעלען, פּרצן און שלום־עליכמען, ביי יעדערן אויף א באַזונדערן אופן, סיי דירעקט, סיי אומדירעקט. אומדירעקט דערפאַר, וואָס יעדער לעבנס־באַשטעטיקנדיקער עלעמענט אינעם שאַפן פון אונדזערע גרויסע שרייבער פונעם 19־טן י. ה. האָט שוין באַטייט אן ארויסטרעטונג קעגן אסקעטיזם.

צי האָט דען שלום־עליכמס געלעכטער אן און פאַר זיך, דער געלעכטער, וואָס האָט נישט געקוקט אויף זיין טראַגישן אינהאַלט, דאָך געשפּרודלט מיט פאָלקס־פרייד, נישט געקלונגען, ווי אן ארויסרוף דער גאַנצער שוואַרצער כנופיה פון בית־מדרש און קלויז און דעם „איי־ביקן" יידישן טרויער? דאָס זעלבע קאָן אויך געזאָגט ווערן בנוגע צו אַלע קינדער־געשטאַלטן שלום־עליכמס, וואָס זייער עקזיסטענץ אַליין רופט צו זון און לעבן. מענדעלעס שילדערונג פון דלות, בטלנות, פּאַראַזיטיזם איז אויך געווען געווענדט קעגן דעם אסקעטיזם, וואָס קומט אין רעזולטאַט פון אָרעמקייט, פון אַטראָפירטקייט, פון באַדערפעניש, פון א נידעריקן לעבנס־ניוואָ.

אין פּרצעס ווערק פאַרנעמט אויך א גרויס אָרט די שילדערונג פונעם אסקעטיזם, פון נייט („וואָס דאַרף א יידענע", „דער משולח" או״ו). „באָנציע שוויייג" איז דאָך, אייגנטלעך, דער העכסטער קינסטלערישער אויסדרוק פון דער דאָזיקער פּראָבלעם. פּרץ טרעט ארויס קעגן

דער סאַמער אידיי פון מיטלאַלטערלעכן אסקעטיזם, קעגן דער שטרענגקייט, האַרבקייט, און אוממענטשלעכקייט פון דער מיטלאַלטערלעך־רבנישער קולטור.

דער אָנגריף אויף דעם דאָזיקן אסקעטיזם גייט ביי פּרצן אויף זייער א ברייטן אופן: די שעדלעכע ווירקונג פון די רעליגיעזע געזעצן איז מיט א דערשיטערנדיקער קראַפט פון רעאַליזם געשילדערט געוואָרן פון פּרצן אין א גאַנצער ריי שטייגער־דערציילונגען, ווי „א כעס פון א יידענע", א פאַרשטערטער שבת" א. אנד. אין אַ ראָמאַנטישער פאָרם פירט פּרץ דעם אָנגריף אין דער פּאָעמע „מאָניש", ווי א פריילעכער פאָלקס־שפּאַס זעט אויס זיין אָנגריף אין „כעלמער מלמד", „איבער א שמעק טאַבאַק". פּרץ גיט אונדז א גאַנצע גאַלעריע געשטאַלטן פון קלויזניקעס, אָרעמע בחורים, מענטשן, וואָס האָבן פאַרשפּילט זייער קינדהייט און יוגנט אין ווילדער פּלפּוליסטיק, אין נוצלאָזע אבסטראַקציעס. די שפּיל פון יונגע כוחות, דער קאַמף פון יונגער ענערגיע קעגן דעם לעבן פון פּוסטראַון פּאַס, קעגן דער זעלבסטפּייניקונג, קעגן דער אָפּטויטונג פון די אייגענע געפילן און ליידנשאַפטן רעגט פּרצן דעם קינסטלער. אין פיל ווערק פּרצעס הערט זיך ממש דער ווייגעשריי פון פאַרפּייניקטן הינטערן בית־מדרש־אויוון, די ווייען פון מענטשלעכן לייב, וואָס בענקט נאָך פּשוטע ערדישע פריידן („דער משוגענער בטלן", „מקובלים" אאַוו).

„דער משוגענער בטלן" און „מקובלים" שטעלן מיט זיך פאָר מצבות איבער דער אַלטער יידישער רעליגיעז־מיסטישער קולטור מיט איר אפּאָלאָגיע פון זעלבסטפּייניקונג. אינעם משוגענעם בטלן האָט דער גאָרנישט, דער בטלן נאָך נישט באַוויזן ענדגילטיק איינצושלינגען דעם מענטש און דערפאַר טאַקע פירט בערל כאַנצעס, דער העלד פון דער דערציילונג, א צווייענדיקע עקזיסטענץ. דאָס איז א מענטש, וואָס זוכט פיינלעך זיין אייגענעם מענטשלעכן ווירדיקן „איך", און אין דעם איינגטלעך באַשטייט זיין משוגעת אין די אויגן פון די אַרומיקע. בערל כאַנצעס מיט זיין בלינדן אומרו, מיט זיין שטענדיקער גרויליקער פּראַגע — ווער בין איך? — איז דער קרבן פון א דרוכאַוים פאַרקריפּלטן לעבן.

אין דער דערציילונג „מקובלים" איז נישטאָ די סאַטירישע שאַרפקייט פונעם „משוגענעם בטלן". פאַרקערט, דער רעליגיעז עקסטאַטישער אומקום פונעם קלויזניק איז דאָ באַהויכט מיט א באַשטימטער טרויעריקער ראָמאַנטיק, און דאָך ווייזט מיט אומהיימלעכן מתים־גערוך פון די גע־

בעבדיקע רעשטן פון דער געהויבענער לאָשצעווער ישיבה. די אַלטע פרומע וועלט מוז אומפאַרמיידלעך אומקומען מיט איר מיסטיק, מיט איר אומזיניקן קידוש־השם, מיטן גאַנצן שווידער און גרויל פונעם בלינדן גלויבן.

ס׳איז, פאַרשטייט זיך, נישט צופעליק פּרצעס אינטערעס צו די קינסטלער־געשטאַלטן ווי די יידישע קלעזמער מיט זייערע געצווימטע לײַדנשאַפטן, מיט זייער וויטקייט פון שול, בית־מדרש, מיט זייער נישט אונטערוואַרפן זיך צו דער „רבנישער פלעדערמויז". שלום־עליכמען האָט דאָך אויך געצויגן צו זיך „דאָס קינסטלערישע ציגײַנער־לעבן" פון די קלעזמער. אי פּרצן, אי שלום־עליכמען האָט געריצט די אינערלעכע פרייהייט פון די דאָזיקע מענטשן. ביי פּרצן זיינען די קלעזמער געגעבן געוואָרן פיל ברויזנדיקער, אומגעצווימטער ווי ביי שלום־עליכמען.

פון דעם אויבן געזאָגטן איז צו זען, אַז פּרצעס רעאַליסטישע נאָ־ווער, אָנגעזאָפּטע מיט טראַגיזם, זיינען אין זייער תוך לעבנס־באַשטע־טיקנדיקע. זיי רייסן אומבארחמנותדיק אויף די פינצטערע נעפּלען פונעם מיטלאַלטער אין דער יידישער סביבה, קעמפן קעגן יעדן מין אונטער־דריקונג און רוקן אַרויס אויפן פאָדערגרונט די פּאָזיטיווע פּאַטענצן פונעם פאָלק.

דער גורל פונעם פאָלק ווערט ביי פּרצן געגעבן נישט דורך דער שילדערונג פון א קיבוץ, וואָס אַזוי איז געווען די טראַדיציע פון דער יידישער קלאַסיק, נאָר דורכן פּריוואַטן גורל פונעם אינדיווידיואום. די פּסיכאָלאָגישע רעאַליסטישע נאָוועלע איז געקומען אין דער יידישער ליטעראַטור צוזאַמען מיט פּרצן. ער איז איר שעפער און גרונט־לייגער. דער אויפבלי פון דער יידישער נאָוועלע סוף 19־טן, אָנהייב 20־טן י. ה. איז פאַרגעקומען אונטער דער דירעקטער ווירקונג פון פּרצן. פּרצעס סטיל האָט געלאָזן טיפע וואָרצלען אויך אין דער יידישער סאָוועטי־שער נאָוועלע. מיר האָבן שוין פאַרצייכנט, אַז פּרץ איז, ביי זיין גאַנצער עמפּינדלעכקייט צו פאַרשידענע ווירקונגען, א דורכאויס אָריגינעלער און אייגנאַרטיקער קינסטלער, און זיין נאָוועלע האָט געעפנט אַבסאָלוט נייע פּערספּעקטיוון פאַר דער יידישער ליטעראַטור.

פּרצעס נאָוועלן צייכענען זיך אויס, אין דער ערשטער ריי, מיט זייער קורצקייט. דער שרייבער האָט פאַרמאָגט די גליקלעכע אייגנשאַפט אויסצודריקן מיט זייער ווייניק ווערטער זייער פיל געדאַנקען און גע־פילן. זיין לאַקאָנישקייט פלעגט דערגיין צומאָל ביז נישט־פאַרענדיקט־קייט, ביז רמזימדיקייט אפילו אין די רעאַליסטישע נאָוועלן, ביז אפאָ־

ריסטישקייט פון דער שפראך. פרצעס נאָוועלע איז זייער ציזגעוועגדט. די האנדלונג איז שטענדיק שטרענג קאָנצענטרירט ארום איין טעמע און איין אידיי אויסער אייניקע אויסנאַמען (ווי, למשל, אין „חתונה געהאט") פעלט ביי פרצן כמעט אינגאנצן די באשרייבונג פון דעם העלדס ביאָגראפיע. די גרעסטע צאָל נאָוועלן פארמאָגן בכלל נישט קיין עקספאָזיציע. פרץ פירט אריין דעם לייענער באלד פון אָנהייב אָן אין דער סאמע געדיכטעניש פון דער האנדלונג.

ס'איז כדאי צו ברענגען, אלס ביישפיל, די אָנהייבן פון אייניקע נאָוועלן פרצעס:

„ער גייט, און דער ווינט צעיאָגט די פאָלעס און די ווייסע באָרד"... („דער משולח").

„דאָס קליינע שטיבל איז פארחושכט, ווי אין אים דער דלות, אויף וועלכן עס ווייגען אלע פיר ווענט"... („א כעס פון א יידענע").

ווען מע זאָל די דאָזיקע ביישפילן פארגלייכן מיטן אָנהייב פון שלום-עליכמס ערשטער בעסטער דערציילונג, וועלן מיר באלד זען א גרויסן אונטערשייד:

„תמיד, סאמע אין דער רעכטער בהלה, ווען יידן שטופן זיך, דער אריין, דער ארויס, און מע שלאָגט זיך אין וואגאָן פאר די ערטער, ווי, להבדיל, אין שול פאר די הקפות — פונקט דעמלט זיינען זיי דאָ. זיי ביידע: ער און זי" (שלום-עליכמס — „קאָנקורענטן").

„אונדזערע יידן — הער איך דרשענען א יידן הינטער מיינע פלייצעס, און פאסאזשירן הערן אים צו — אונדזערע יידן, הערט איר, ס'איז דאָך נישט שייך צו זאָגן, גאָט זאָל נישט שטראָפן פאר די רייד, ס'איז אַן עס פזיה — וואָס איז דער טייטש? — מיט אַ יידן איז נאָר גוט קוגל עסן, דאווענען פון איין סידור און ליגן אויף איין בית-הקברות, און א רוח אין זיי אין טאטן, און גאָרנישט!"... (שלום-עליכמס — „דער נשרף").

ביי שלום-עליכמען פילט זיך באלד אין אָנהייב דאָס ברייטע ארומרעדן די זאך, די אָריענטאציע אויפן העלד — דעם דערציילער, וואָס וועט מיט דער הילף פון זיין פארביקן לשון כאראקטעריזירן זיך אליין; ביי פרצן איז א קורצאָטעמדיקער זאץ, וועלכער פירט באלד אריין אין דער האנדלונג, וואָס איז פול מיט דראמאטישער אָנשטרענגונג. אפילו די שפראך פון די העלדן אין דער ווייטערדיקער אנטוויקלונג פונעם סיוזשעט איז אויך קנאפ און קורצאָטעמדיק. עס רעדן דאָס רוב מענטשן מיט פארכאפטן אָטעם פון צער און צאָרן; עס ריידן אָפט מענטשן,

װעלכע זײנען געװוּנט צו לײדן און שװײַגן, און דאָס, אײגנטלעך, באַשטימט די לאַקאָנישקײט פֿון זײער שפּראַך, עס רײדן מענטשן באַשײדענע, נאָר ליבנדיקע, װעלכע שעמען זיך אױסצודריקן זײערע געפֿילן... אַט אױף אַזאַ אופֿן גײט פּרץ צו צו זײַנע העלדן, ער גיט זײ װײניק רײד, ער בױט אָבער װוּנדערלעך דעם סיוזשעט און װײַזט דורך אָנגעשטרענגטער דראַמאַטישער אַנטװיקלונג פֿון פּסיכאָלאָגישע איבערלעבונגען די לײדן און דעם פּראָטעסט פֿון זײַן העלד.

פּרץ איז לאַקאָניש אין דער שפּראַך, אין דער סטרוקטור פֿון דער נאָװעלע, אין זײַן עצם־עקספּרעסיװער בילדערישקײט, װי למשל: „דאָס בעטגעװאַנט אָן ציכלעך קוקט אַרױס מיט רױטע פֿאַרפּעדערטע אױגן" („אַ כּעס פֿון אַ ײִדענע").

װי ס'איז שױן אױבן אָנגעװיזן געװאָרן, איז די הױפּט־אײגנשאַפֿט פֿון פּרצעס רעאַליסטישער נאָװעלע איר לאַקאָנישקײט און דראַמאַטיזם. און ס'איז פּשוט צו באַװוּנדערן, מיט װאָס פֿאַראַ פֿאַרשײדנאַרטיקע מיטלען שאַפֿט פּרץ די גרונט־שטימונג פֿון דער נאָװעלע. מיר װעלן דאָ ברענגען בלױז אײניקע בײַשפּילן, װאָס כאַראַקטעריזירן די קאָמפּאָזיציע פֿון פּרצעס רעאַליסטישער נאָװעלע.

די דערצײלונג „אַ פֿאַרשטערטער שבת" הײבט זיך אָן מיט אַן אידיליש בילד:

„האַלב שבת! אַ בערגל מיסט בײַ דער טיר, — צום אַרױסװאַרפֿן; די לאָקשן ליגן אָפּגעשװענקט אין שיסל, מע דאַרף זײ נאָר באַגיסן מיט אַ לעפֿל יױך, זײ זאָלן זיך נישט צוזאַמענקלעפּן. אױפֿן טיש איז גרײט בראָנפֿן אױף קידוש; אַ קױלעטש מיט אַ חלה — צו באַדעקן מיט אַ זײדן חלה־טישטעכל!".

אױפֿן פֿאָן פֿונעם דאָזיקן „האַלבן שבת" װערט אַרױסגעפֿירט אַ גליקלעך און ליבנדיק פּאָרפֿאָלק. אָבער שױן צום סוף פֿונעם ערשטן זײַטל פּלאַצט די אידיליע, און בײַם לײענער שאַפֿט זיך באַלד דער אײַנדרוק, אַז אין דער דאָזיקער שטילער נעסט מוז פֿאָרקומען אַ קאַטאַסטראָפֿע און די שטילע טױב מרים מוז זײַן דער קרבן. דער איבערבראָך אין דער שטימונג קומט פֿאָר אױף אַזאַ אופֿן: זרח קושט מרימען אין קאָפּ.

— „װאָס געפֿעלט עס דיר אַזױ? — רײַסט זיך מרים אױס מיט אַ געלעכטער. — די האָר־באַנד?

— שעם דיך כאָטש פֿאַר דער מאַמען, — האָט זי צוגעגעבן שטיל".

און נאָכדעם הויבט זיך שוין אָן פֿונאַנדערוויקלען אַ שווינדלערישע געשעפֿט־שותּפֿות.

לעבן, אין וועלכן עס בליצן אויף נאָר מאָמענטנווייז ליכטיקע שטראַלן פֿון ליבע. די האַרטבאַנד פֿאַרדעקט מרימס הויל־געשווירענעם קאָפּ, דעם שיינעם קאָפּ, וואָס איז גאָר נישט לאַנג געווען באַפּוצט מיט אייגענע בלאָנד־זיידענע צעפּ, און די מאַמע, די לאַנגע סערל, די גבאיטע און זאָגערן, באַמיט זיך שוין אָפּצונעמען ביי דער טאָכטער דאָס רעשטל ביסל לעבנס־פֿרייד. די האַרטבאַנד אויפֿן קאָפּ, די האַרבע מוסר־רייד פֿון דער פֿרומער מאַמען אין הארצן — דאָס איז דער גורל פֿון דער צאַרטער מרים. אין איר האַרץ לעבט דאָך אָבער אייִנציייטיק אויך דער „זינדיקער", פֿאַרבאָרגענער ליבע־געפֿיל צו איר אייגענעם מאַן... שאַפֿט עס טאַקע אַ שווערן אינערלעכן פּסיכאָלאָגישן קאָנפֿליקט, וועלכער פֿירט אומפֿאַרמיידלעך צו דער קאַטאַסטראָפֿע, צו דעם „פֿאַרשטערטן שבת".

אין דער נאָוועלע „אַ כעס פֿון אַ יידענע" פֿירט אונדז פּרץ באַלד אַריין אין דער געדיכטעניש פֿון זייער אַ שווער לעבן. די אויסערלעכע אויסשטאַטונג פֿון דער וווינונג זאָגט עדות וועגן שווערער נויט. אין שטוב הערשט אַ שטילקייט, ווי פֿאַר אַ געוויטער. דער מאַן פּילפּולט זיך איבער אַ ספֿר, דאָס ווייב שטריקט אַ זאָק און האָט הנאה פֿונעם מאַנס געלערנטקייט. שטיל וואַקסט אָן אַ קאָנפֿליקט. דאָס ווייב שטריקט, און די שפּיזלען אין אירע הענט ריידן ממש, קלאָגן זיך, שרייען פֿאַר פֿאַרבי־טערטקייט. בלויז דורך דער באַוועגונג פֿון די שפּיזלען און דורך דער כמאַרע, וואָס רוקט זיך אָן אויף איר פּנים, ווערט איבערגעגעבן איר שווערער געמיט־צושטאַנד, און דערמיט ווערט צוגעגרייט דער עפֿעקט, וועלכן עס רופֿט אַרויס דאָס אומגעלומפּערטע וואָרט „געדרונגען". און ווייטער בייטן זיך שוין די געשעענישן ווי אין אַ קאַליידאָסקאָפּ: דער אויסברוך פֿון צאָרן ביי דער פֿרוי, די פֿאַרוווּנדערונג און דערנאָך דער אָנגריף פֿונעם מאַן — דעם בטלן, דער פֿרוו פֿון דער פֿרוי צו באַגיין זעלבסטמאָרד און דאָס געוויין פֿונעם קינד, וואָס קערט אום די פֿרוי ווידער צום לעבן, צו אירע מוטער־פֿליכטן.

דער דיאַלאָג צווישן מאַן און פֿרוי איז זייער אַ געפּרעסטער, אין אָפּגעריסענע זאַצן. ער איז אָבער פֿול מיט ליידנשאַפֿט, מיטן אויסגעשריי פֿון פֿאַרפּייניקטע מענטשן. דער אָנוווּקס אין דער נאָוועלע איז אַזאַ דראַ־מאַטישער, אַז מע קאָן עס זיך באַלד פֿאָרשטעלן ווי אַ סצענישע פּאַנטאָמימע, אַפֿילו אָן ווערטער.

פּרצעס רעאַליזם איז זייער אַ פּאַראַלגעמיינערנדיקער. אין פּרצעס ווערק איז אָפֿט פֿאַראַן דער כאַראַקטעריסטישער פֿאַר ראָמאַנטיקער עלע־

מענט פון באדינגלעכקייט. ביי פרצן — דער עיקר אינטעלעקטואליסטי־שע באדינגלעכקייט, וואס גיט אפ ווייניק ארט דעם פרט און רוקט ארויס אויפן פאדערגרונט די אידיי, דעם קאנפליקט, דעריבער דארף מען נישט זוכן ביי פרצן די פינקטלעכע פסיכאלאגישע אינדיווידואליזא־ציע, ווי ביי מאפאסאנען און טשעכאוון, למשל, פרץ גיט בלויז אייניקע דעטאלן און שטויסט צונויף דער עיקר כאראקטערן, וואס געפינען זיך אין א קאנפליקט. ער גיט כמעט ווי די קאנדענסירטע פארמולע פון דעם אדער יענעם כאראקטער.

אין די גרעסערע דערציילונגען פרצעס, ווי „בשעת מגפה", „חתונה געהאט", „האשה מרת חנה" א. אנד. ווו ער שטרעבט צו געבן א פאנאנ־דערגעוויקלטן סיוזשעט, געבן נישט קיין מאמענטאלע איבערלעבונגען, נאר די געשיכטע פון א מענטשלעכן לעבן, — דארטן זעען מיר די ווונ־דערלעכסטע פסיכאלאגישע ניואנסירונג. די גענויעסטע פסיכאלאגישע אנטוויקלונג פון דער געשטאלט. דא איז אבער אויך פאראן די אויס־דריקלעכע פרצישע לאקאנישקייט. ווען מע לייענט דורך די דערציילונג „חתונה געהאט" האט מען דעם איינדרוק, אז מע האט איבערגעלייענט א ראמאן פון צוויי הונדערט זייטן און נישט א דערציילונג פון צוואנציק זייטן, — אזוי געדיכט איז עס געשריבן.

אין די 90־ער יארן איז פרץ געווען דירעקט באווירקט פון סא־ציאליסטישע אידייען. דאס איז צו זען פון זיין פובליציסטיק פון יענער צייט, פון א גאנצער ריי לידער און ענדלעך, פון אזא מין ווערק, ווי „וועבער־ליבע", ווו ס'ווערט שוין דירעקט געשילדערט דער קאמף פונעם ארבעטער־קלאס. כאטש פרצעס סאציאליסטישע אידייען זיינען געווען גאנץ מטושטשע, האבן זיי דאך באפרוכפערט זיין שאפן, געגעבן א מעגלעכקייט אויפצונעמען דאס לעבן אין זיין גאנצער אנטבלויזטער שארפקייט.

.5

דער ערשטער פעריאד אין פרצעס שאפן איז אין גרונט געווען א רעאליסטישער. אבער שוין אויך דאן האט זיך אין דעם שרייבער געלאזט פילן דער ראמאנטיקער, וואס איז געקומען צום ווארט זינט אומגעפער דעם סוף פון די 90־ער יארן. און קוקן מיר זיך צו צו פרצעס נאוועלן פונעם ערשטן פעריאד, זעען מיר, ווי באנאנד מיט די דורכאויס

רעאַליסטישע נאָוועלן גייען אַ סך ווערק אַלעגאָרישע, סאַטירישע, ראָמאַנטישע. אין אייניקע פון זיי לאָזט זיך שוין אין אַ געוויסער מאָס פילן דער שפּעטערדיקער גאַנג פון די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן". די עלעמענטן פון פּרצעס ראָמאַנטיזם טראָגן אָבער נאָך דאַן אַ קעמפערישן, ראַדיקאַלן כאַראַקטער.

אַלס אַן איבערגאַנגס־פאָרם צו ראָמאַנטיזם קאָן מען באַטראַכטן די אַלעגאָרישע סאַטירע, וואָס האָט פאַרנומען אַ גרויס אָרט אין פּרצעס שאַפן. די בייזע פיילן פון פּרצעס סאַטירע האָבן געצילט אין די אומפאַרשעמטע איבערגעזעטיקטע געלט־זעק, אין דעם צבֿועקישן רבנישן שטריימל, מיטן אַלטן שווידערלעכן דערוויז: „היט אייך פאַר פייער", אין די פרומע קעץ, וועלכע שטיקן דאָס פאָלק מיט אַ פרומען זיפץ, אין די באַגרענעצטע, שמאָלקעפּיקע באַשעפענישן פונעם קליינבירגערלעכן „געמויזעכץ", וואָס מיינען, אַז העכער פון זייער בלאָטע איז שוין גאָר קיין הימל נישטאָ.

צוזאַמען מיט דער בייזער סאַטירע לעבן אין פּרצעס ווערק עלעמענטן פונעם איראָנישן ראָמאַנטיזם, וועלכער איראָניזירט איבערן אייגענעם אָביעקט.

דער איראָנישער ראָמאַנטיזם געפינט זיין אויסדרוק אין אַ סך לידער פּרצעס, אין „מאָנישן", אין אַזעלכע דערציילונגען פּרצעס ווי „דער בעל-מער מלמד", וווּ אינעם תמימותדיקן טאָן פון אַ חסידישער מעשה ווערט דערציילט וועגן דער קראַפט פונעם יצר־הרע און ווי אַזוי די למדוניקעס מוזן אָנקומען צו דער הילף פון אַ סריס, ווייל ווי ס'איז באַוווּסט, האָט נאָך קיין איין גוטער־ייד קיינמאָל נישט בייגעשטאַנען דעם יצר־הרע, אָדער אין דעם „רבינס ציביק", ווידעראַמאָל אַ סטיליזירטע חסידישע מעשה, ווי אַזוי אַ קלוגע יידענע איז נתעשר געוואָרן פון דעם, וואָס זי האָט מיט דער הילף פונעם רבינס ציביק געמאָלקן נאַראָנים.

ס'איז אינטערעסאַנט, ווי אַזוי עס ווערט פאַרווירקלעכט דער ראָמאַנטישער פּלאַן אין אַזאַ, אין תוך רעאַליסטישער דערציילונג, ווי „באָנציע שווייג". באָנציע ווערט סיזשעטיש געפירט אין צוויי פּלאַנען — אין זיין פיינפולן לעבן אויף דער וועלט און אין זיין קומען אויף יענער וועלט. און דווקא דאָן, ווען עס ווערט געשילדערט באָנציעס ערדיש לעבן, גייט עס ווי אַ מין געזאַנג, ווי אַ ראָמאַנטישע פאַרהערלעכונג פון דער דאָזיקער ליידנדיקער געשטאַלט. דאָ איז אפילו פאַראַן אין אַ געוויסער מאָס די כאַראַקטעריסטישע פאַר פּרצעס שפּעטערדיקן שאַפן ריטמיזירטע פּראָזע. ווען אָבער באָנציע קומט אויפן הימל און ווערט

אַרומגערינגלט מיט די הימלישע פּערסאָנאַזשן, מיט די אבות און מלאכים, און קומט אַזש ביזן כּסא הכּבֿוד, בײַט זיך מיט אַמאָל דער גאַנצער טאָן פֿון דער דערצײלונג. דער לייענער פֿאַלט ממש אַרײַן אין אַ רוסישן צאַרישן געריכט מיטן גאַנצן קלאַפּערגעצײַג פֿון דער בורזשואַזער יוסטיץ און אָפֿיציעלער גערעכטיקייט: אַזוי איראָניש שילדערט פּרץ דעם בית־דין־של־מעלה. אין אָט דער שילדערונג הייבט זיך ערשט אָן אַרויסצוווײַזן די סאַטירע. פּרינציפּיעל האָבן מיר אין „באָנציע שווייג" די זעלבע צוויי פֿלאַכן פֿון רעאַלקייט און ראָמאַנטיק, פֿון פֿאַרהערלעכונג און חוזק ווי אין „מאָניש": עס גייט דאָ בלויז אין דער פּראָפּאָרץ. אַלנפֿאַלס, איז פּרצעס ראָמאַנטיזם פֿון די 90־ער יאָרן אין תּוך אַן איראָנישער, און דאָך זײַנען שוין אויך דאַן בײַ אים פֿאַראַן אָנהייבן פֿונעם שטענדיקן ערנסט געמיינטן, אייגנטלעכן ראָמאַנטיזם. אַזוי טרעפֿן מיר אין פּרצעס „רייזע־בילדער" אײַנגאַנצן אין אומדערוואַרטע, אין דעם געגעבענעם קאָנטעקסט, דערציילונג „פֿאַרציילטע מעשׂיות". אין דער סאַמע מיט פֿון די רייזע־באַשרײַבונגען, פֿון די שוידערלעכע בילדער פֿון נויט און אָרעמקייט פֿלעכט זיך פּלוצים אַרײַן אַ טיפּישע פֿאַר פּרצעס שפּעטערדיקן פּעריאָד חסידישע מעשׂה מיטן גאַנצן כאַראַקטעריסטישן פֿאַר די דאָזיקע מעשׂיות דערציילערישן נוסח. און דאָס איז נישט דער איינציקער בײַשפּיל. ס'איז גענוג צו דערמאָנען, אַז „ווער־בער־ליבע" איז געשריבן געוואָרן אין איין יאָר מיט דעם מעשׂהלע „ווער עס גיט לעבן, גיט פֿונוואַנען צו לעבן" (1897) און שפּעטער „משופּע", דאָס בילד פֿון נויט — איינציטיק מיט „ער, זכרונו לבֿרכה און זײַנע מקורבֿים" (1901). דער דאָזיקער ראָמאַנטיזם, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט צוזאַמען מיט פּרצעס רעאַליזם און איז דערנאָך געוואָרן דער איבערוויגנדיקער סטיל־עלעמענט אין זײַן שאַפֿן, קאָן דערקלערט ווערן אין צוזאַמענהאַנג מיט פּרצעס באַציונג צו דעם קאַפּיטאַליזם און זײַן אייגנאַרטיקן פּראָטעסט קעגן אים.

אין סאַמע אָנהייב פֿון פּרצעס וועג, אין „מאָניש" פֿילט זיך אַ באַשטימטע פּאָזיטיווע באַציונג צום אָנקום פֿון קאַפּיטאַליזם, ריכטיקער געזאָגט — צו דער נייער בירגערלעכער קולטור, וועלכע רייסט אויף די טויטע רו פֿון פֿאַרוואָרפֿענע שטעטלעך מיט „הייזלעך ווי ניסלעך" און צעשטערט די פֿינצטערניש פֿונעם מיטלאַלטער. אָבער שוין גאָר אײַנגיכן דערזעט פּרץ די שרײַענדיקע ווידערשפּרוכן פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם און די גרויסע נײַע פּלאָגן, וואָס זי האָט מיטגעבראַכט פֿאַר די פֿאָלקס־מאַסן. פּרץ זעט די פֿאַראָרעמטקייט פֿון די מאַסן, די נויט פֿונעם

אַרבעטער, קריזיסן, אַרבעטסלאָזיקייט. ער זעט אויך די פּאַרדאָרבנקייט פון די זייטן. די אַמאָראַלישקייט פונעם קאַפּיטאַליסט און קעגנזאַץ צו דער אָרנטלעכקייט און דערהויבנקייט פון די פאָלקס־מאַסן. דער אָרעמער טרעגער פון „שלום־בית" קאָן בשום אופן נישט דערלאָזן דעם געדאַנק, אַז זיין ווייב זאָל אויף יענער־וועלט זיין בלויז זיין פוס־בענקעלע, ער וויל, זי זאָל אַ אויף דער, אַ אויף יענער וועלט זיין גלייך מיט אים; פּרצעס רייכער „נדבן", פאַרקערט, איז דער, וועלכער האָט דירעקט געטריבן צום אומקום זיין אייגענע פרוי. דער אַרבעטלאָזער וועבער פון „וועבער־ליבע" טרוימט פון זיין יוגנט אָן וועגן זיין געליבטער מרים און קאָן איבער זיין אָרעמקייט מיט איר נישט חתונה האָבן; זיין פאַבריקאַנטס זון, פאַרקערט, האָט אין דער פאַבריק אַ גאַנצן האַרעם, און ער האָט די מעגלעכקייט צו חתונה האָבן, „ווען ער וויל און מיט וועמען ער וויל". דער פאַבריקאַנט באַגייט זיך מיטן אַרבעטער ערגער ווי מיט זיין פערד, און דער אָרעמער באַלמעלאָכע יונה באַץ („אייזיקל שעכטער") קאָן זיך נישט באַרויקן, ביז ער באַזאָרגט נישט דאָס אָרעמע יתומל. די בורזשואַזיע איז אומאָראַליש, איבערגעזעטיקט, פּוסט. אָט ווי אַזוי עס רעדט וועגן זיך ביי פּרצן אַ בורזשוא.

„איך שטאַרב, ווייל איך בין אַן עקר, אַזוי מיטן גוף, אַזוי מיט דער נשמה; איך האָב אין מיר גאָרנישט, וואָס זאָל לעבן און לעבעדיק מאַכן... איך לעב שוין לאַנג נישט, איך האָב שוין לאַנג קיין הנאה נישט פון לעבן; אַצינד איז עס מיר גאָר נמאס געוואָרן". („פיר דורות — פיר צוואות").

אַלץ ווערט געקויפט פאַר געלט. „דער שמייכל אויפן פּריינטס פּנים, דער קוש פון רויטע ליפּן" און אפילו „דער קדיש נאָכן טאַטן". דער קאַפּיטאַליזם שטעלט זיך פאַר פּרצן אין דער געשטאַלט פון געל־וואַקסענע פּנימער אין די שויפענצטער פון גרויסע שטאָטישע מאַגאַזינען, אין דער געשטאַלט פון פאַרוועלקטער יוגנט ביי שניידער־מאַשינעס אין גרויסע שטאָטישע וואַרשטאַטן און שענדלעך פאַרקויפטער ליבע אויף די גרויסע שטאָטישע בולוואַרן.

פּרצעס קריטיק פון קאַפּיטאַליזם איז קיינמאָל נישט דערגאַנגען צו קאָנסעקווענט סאָציאַליסטישע אויספירן. אמת, מאָמענטנווייז קומט ער צום קלאָרן אויספיר, אַז דער פּראָלעטאַריאַט איז דער באַגראָבער פון קאַפּיטאַליזם, אָבער ער בלייבט נישט ביי דער דאָזיקער איבערצייגונג. ווי מיר ווייסן הייבט פּרצן אָן שפּעטער אפילו צו שרעקן „דער אָפּגאַנג" פון דער רויטער פאָן, ער האָט מורא פאַר דער בלומרשטער ניוועלירונג

פון דער מענטשלעכער פערזענלעכקייט ביים סאָציאַליזם, און דער אַק־טיוווער אינטערעס צום פּראָלעטאַריאַט אַלס פירנדיקן קלאַס אין דער רעוואָלוציע ווערט ביי פּרצן ביסלעכווייז אויסגעלאָשן. עס ווערט אָבער ביי אים קיינמאָל נישט אויסגעלאָשן די ליבע צו דעם ליידנדיקן מענטש! דער טרוים (זאָל זיין אַן אַבסטראַקט־ראָמאַנטישער) וועגן פרייהייט און דער האַס און ביטול צו די פאַרשידנסטע אונטערדריקער פון פאָלק.

פּרצן דעם הומאַניסט און טרעגער פון עטישן פּרינציפּ איז שטאַרק דערווידער די אַנטבלויזטקייט פון מענטשלעכע באַציונגען ביים קאַפּיטאַ־ליזם, די געזעצן פון „קויף און פאַרקויף", וועלכע פאַרבייטן גרויסע מענטשלעכע געפילן, העלדנטאַטן, מסירת נפש פאַר אַן אידיי. פּרצן דאַכט זיך, אַז די מענטשלעכע פּערזענלעכקייט ווערט וואָס ווייטער אַלץ קלע־נער, מינדערווערטיקער, און ס'וועקט זיך ביי אים אויף די בענקשאַפט נאָך דער גרויסער פּערזענלעכקייט, וואָס זאָל שטיין מיטן קאָפּ העכער פונעם גרויסן אַרום. פּרץ פּרוּווט זיך אָפּווענדן פון דער נמאסער ווירקלעכקייט און געפינען העכלעכע בילדער אינעם לאַנג פאַרגאַנגע־נעם, אינעם אַלטערטום אָדער אינעם נאַיוון פאָלקס־גלויבן, אין חסידישע און פאָלקסטימלעכע געשיכטן; אַזוי אַרום הייבט פּרץ אָן צו קריטיקירן דעם קאַפּיטאַליזם שוין פון אַן אַנדער שטאַנדפּונקט, פונעם שטאַנד־פּונקט פון דער פאַרגאַנגענהייט, פון לאַנג אָפּגעלעבטע געזעלשאַפטלעכע פאָרמאַציעס אָדער אידייען.

יעדער קינסטלער האָט זיך זיין וועלט. אָן דעם קאָן גאָרנישט געשאַפן ווערן. פּרצן אַלס קינסטלער האָט שטענדיק גערעגט די וועלט פון דער יידישער מיטלאַלטערלעכער קולטור מיט איר אַבערגלויבנס, מיט אירע שטרענגע געזעצן, מיט אירע מיסטישע זוכונגען. אויף דער דאָ־זיקער קולטור איז ער דערצויגן געוואָרן, זי האָט ער איינגעזאַפּט פון די סאַמע קינדערשע יאָרן. אין דער חסידישער מעשה, אין די פאַרצייטיקע פאָלקסטימלעכע געשיכטן האָט פּרץ געפונען אַן אָרגאַנישן פאַר זיך און זייער גוט באַקאַנטן מאַטעריאַל. דער שרייבער האָט זיך לייכט באַוועגט אין דער דאָזיקער סביבה און דאָ האָט ער געקאָנט שטעלן אַ גאַנצע ריי וויכטיקע פּראָבלעמען, וועלכע האָבן אים געמאַטערט. און אויב מיר וועלן באַטראַכטן דעם קרייז פון די דאָזיקע פּראָבלעמען, וועלן מיר זען, אַז דאָס זיינען אַלץ אַזעלכע פראַגן, וואָס האָבן אויך באַאומרויקט אַ גאַנצע ריי רוסישע און מערב־אייראָפּעישע שרייבער אָנהייב 20־טן י. ה.: שנאה צו דעם געלט־זאַק, פיינטשאַפט צום פּיליסטער, די זוכעניש פון דער גרויסער פּערזענלעכקייט, די פאַרהערלעכונג פונעם מענטשלעכן ווילן

און שטערבן, די ליידן פונעם אײדעלן און גײסטיק־דערהויבענעם מענטשן, װעלכער װערט צעטראָטן אונטער די פיס פון דער נישטיקײט. אָט דאָס זײנען די הויפּט־פּראָבלעמען פון פּרצעס שאפן, אָנהײבנדיק פון סוף 90־ער יאָרן.

קלײנבירגערלעכער פּיליסטערישער גלײכגילטיקײט, אָן קײן שום דערהויבנקײט, װעלכער װײסט נאָר פון שמאָלן פּראַקטיציזם און דעריבער איז ער נישט פעיק אויף קײן שום גרויסע טאטן — דאָס האָט שטענדיק אַרויסגערופן פּרצעס צאָרן און װידערשטאנד.

די געשטאלט פון דער װאָג, אויף װעלכער עס װאקלען זיך קלײנע מצוות און קלײנע עבירות, גײט דורך װי אַ רויטע שנור אין אַ גאנצער רײ פּרצעס װערק. נישטאָ קײן גרויסע מעשים — נישט קײן גוטע, נישט קײן שלעכטע. ס'איז „װאָס אַמאָל װײניקער". די פּראָבלעם פון מענטשלעכער קלײנלעכקײט װערט אײנע פון די צענטראַלסטע אין פּרצעס שאפן.

פּרצעס האס צו דער פּיליסטערישער נישטיקײט, צום באַלעבאַטישן „שכל־הישר" האָט אין זיך עפּעס ענלעכס צו הײנעס שטענדיקער און לײדנשאַפטלעכער פאַראַכטונג צום פּיליסטער. הײנע דערצײלט אין זײנע „רײזע־בילדער" װעגן זײנער אַ צופעליקער באַגעגעניש מיט אַ דײטשישן זעלבסטצופרידענעם באַלעבאָס, װעלכער האָט אויסגעלאַכט מענטשן, װאָס גלײבן אין רוחות. אַלע סודות פון דער נאַטור האָט ער דערקלערט גאנץ פּשוט: די בײמער, למשל, זײנען גרינע, װײל די גרינע פאַרב איז נוצלעך פאַר די אויגן... „כּל־זמן דער דאָזיקער מענטש איז געבליבן לעבן מיר, — שרײבט הײנע — האָט די גאנצע נאַטור, דאַכט זיך, פאַרלוירן איר צויבער־קראַפט. װי נאָר ער איז אַװעק, האָבן װידער אָנגעהויבן רעדן די בײמער, הילכן די זון־שטראַלן, די פעלד־בלימעלעך האָבן אָנגעהויבן טאנצן און דער בלויער הימל האָט אײנגעשלאָסן אין זײנע אָרעמס די גרינע ערד".

דער שמאָלער „חיהשער מאַטעריאַליזם" פונעם פּיליסטער, די פאָרשטעלונג, אַז אַלץ אויף דער װעלט עקזיסטירט צוליב אים, צוליב זײן הנאה װעגן, האָט אויסגעזען העסלעך און אָפּשטויסנדיק אין הײנעס אויגן. דאָס זעלבע אויך בײ פּרצן.

דעם ברוטאַלן פּראַקטיציזם פון די געלט־זעק שטעלט פּרץ אַנטקעגן די רײנקײט פון דער נשמה, די דערהויבנקײט פון גײסט. די דאָזיקע דערהויבנקײט פון דער נשמה פאַרמאָגט דאָס רוב דער פאָלקס־מענטש

— דער האַלץ־העקער, דער וואַסער־פֿירער, דער טרעגער מיט דעם שטריק אויף די לענדן.

פּרצעס צוגאַנג צום פֿאָלקס־מענטש האָט דורכגעמאַכט פּונקט אַזאַ עוואָלוציע ווי זיין גאַנץ שאַפֿן. אויב אין די 90־ער יאָרן איז ביי פּרצן באַנאַנד מיט באַנציע שוויַיג געגאַנגען דער טריפֿניאַק און אַפּיקורס בערל קאַלבאַס („דאָס שטריימל"), ווערט הערנאָך בערל קאַלבאַס כמעט אינגאַנצן פֿאַרשוווּנדן פֿון פּרצעס דערציילונגען. די צענטראַלע פֿאָלקס־געשטאַלט פּרצעס, אָנהייבנדיק פֿון סוף 90־ער יאָרן און ווייטער, איז די „שטומע נשמה". די „שטומע נשמות" — דאָס זיינען מענטשן, וועלכע ס'פֿאַלט גאָר נישט איין קעגן עפּעס צו פּראָטעסטירן. די אָרעמקע געזעלשאַפֿט, דאָס מאַטעריעלע זיין געפֿינט זיך בכלל אויסער זייער אויפֿמערקזאַמקייט. אָבער אין וואָס פֿאַר א סימבאָליסטישן און אַפֿילו רעליגיעזן לבוש פּרץ זאָל נישט אָנטאָן דעם אַרבעטנדיקן מענטש, שטייט דאָך ביי אים דער פֿאָלקס־מענטש מיט א קאָפּ העכער פֿון די „העכערע קלאַסן". דער פֿאָלקס־מענטש איז דערהויבן מיט דער איידלקייט און ריינקייט פֿון זיינע שטרעבונגען, מיט דער אָפּוועזנהייט פֿון דער גבירישער גייציקייט און אויסגעחשבונטקייט, ער איז דער אמתער טרעגער פֿון מענטשלעכקייט. דער פֿאָלקס־מענטש איז, אייגנטלעך, דער הויפּטהעלד פֿון פּרצעס „פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן".

פּרץ, ווי א ראָמאַנטיקער, האָט זיך איינגעשלאָסן אין זיין טרוימערישער וועלט פֿון אויסגעדיכטעטער מענטשלעכער גאַנציקייט, פֿון סטיליזירטער חסידישער התפּעלות און פֿאָלקס־פּרימיטיוו.

פּרצעס חסידישע און פֿאָלקסטימלעכע מעשׂות שטעלן מיט זיך פֿאָר דער עיקר אַן איבערדיכטונג פֿונעם עלטערן פֿאָלקס־שאַפֿן, פֿון מינדלעך פֿאַרציילטע מעשׂות. פּרץ האָט אויסגענוצט און סטיליזירט אין זיין שאַפֿן פֿונעם שפּעטערדיקן פֿעריאָד די אַלטע פֿאָלקס־קונסט, וואָס נישט געקוקט אויף דעם, וואָס זי האָט אָפֿט אָפּערירט מיט רעליגיעזע קאַטעגאָריעס, האָט זי דאָך פֿאַרמאָגט אין א גרויסער מאָס וועלטלעכע עלעמענטן. אין אַזעלכע וווּנדערבאַרע פֿאָלקס־מעשׂות, ווי „דער אַרענדאַר", „די קללה", „די תאווה צו קליידער", איז צו פֿילן די עכטע פֿאָלקסטימלעכע פֿיינטשאַפֿט צום גביר, דעם שפּאָטישן שמייכל איבער זיין גאווה און כלומרשטער גרויסקייט. אין שׂרה בת טובֿים אין דער הויב מיט דער טערקישער שאַל אויף די פּלייצעס, וועלכע טאַנצט מיט א קוילעטש אין די הענט פֿאַר חתן־כלה — צי איז אין איר דאָ נישט פֿאַראַן דער צויבער

פון אן אויסגעטרוימטער מיטאָלאָגישער פאָלקס־געשטאַלט, א מין פייער פון ליבע?

דערביי טאָר מען נישט פארגעסן, אז דער שטענדיקער איראָנישער שמייכל, וואָס איז אזוי כאראקטעריסטיש פאר פרצן, פארלאָזט אים נישט און ער באגלייט אים אויך אין די חסידישע און פאָלקסטימלעכע מעשות. אין אזעלכע מעשות, ווי „לא תחמוד", „שמחה שבשמחה" און אנדערע, פילט זיך אָט דער איראָנישער טאָן גאנץ שטארק. און אפילו אין אזא עכט־חסידישער דערציילונג, ווי „אויב נישט נאָך העכער", לאָזט זיך פילן דער הויך פון דער טיפיש־פּרצישער איראָניע. דאָ זעען זיך בולט פעדעם, וואָס ציען זיך פון פרצעס איראָנישן ראָמאנטיזם נאָך פון די 90־ער יאָרן.

פרץ האָט זיך געווענדט צו דער מעשהדיקער פארגאנגענהייט, ווייל ער איז געווען אנטוישט אין דער ארומיקער קעגנוואַרט. די ראָמאנטיק האָט פרץ קעגנגעשטעלט דער ברוטאלער ווירקלעכקייט פונעם קאפיטאַליזם. פרץ פארלירט דאָ נישט זיינע דעמאָקראטישע טענדענצן, אָבער דער דעמאָקראטיזם ווערט אַן אוטאָפּישער (חסידיש):

דער חסידיזם אלס רעליגיעזע שיטה שטעלט מיט זיך נישט פאָר, פארשטייט זיך, די אייגנטלעכע טעמע פון פרצעס „חסידיש". דער חסידישער רבי מיט זיינע „נסים" פאר פדיונות האָט געקאָנט ארויסרופן בלויז א טיפע פאראכטונג ביי אזא פערזענלעכקייט ווי פרץ. פרץ האָט איבערגעדיכטעט דעם עלטערן חסידישן פאָלקס־פּרימיטיוו, שאפנדיק דאָ, אין די נאיווע מעשות פון א מין יוחנן דעם מלמד און אויסגעטרוימטע וועלט פון מענטשלעכער גאנצקייט. נישט אומזיסט לאָזט דאָך פרץ דעם תמימותדיקן יוחנן, דעם מענטש, וואָס איז נישט אָנגערירט פון דער מאָדערנער ציוויליזאציע, קריטיקירן מיט עכטן פאָלקסטימלעכן שארפזין די באציונגען צווישן פאבריקאנט און ארבעטער, מענטש און מאַשין („וואָס אמאָל ווייניקער"). דער ברוטאלקייט פון דער קאפיטאליסטישער סיסטעם, וואָס טרייבערט אויס פונעם מענטשן יעדן לעבעדיקן געפיל, מאכט אים טרוקן און פוסט, פארוואנדלט אים אין א מעכאניזם, אין א צוגאָב צו דער מאשין, שטעלט פרץ קעגן אויסגעדיכטעטע מענטשלעכע גאנצקייט, דעם שטארקן ווילן פון דער גרויסער פערזענלעכקייט און דעם דעמאָקראטיזם פון גייסט („צווישן צוויי בערג", „די גאָלדענע קייט").

באנאנד מיט „חסידיש" און „פאָלקסטימלעכע געשיכטן" האָט פרץ אין די 90־ער יאָרן געשריבן אויך א גאנצע ריי רעאליסטישע ווערק

(דערציילונגען און דראמען). פון צייט צו צייט האָט זיך ביי פּרצן גע־וועקט דער אַקטיווער אינטערעס צום רעאַלן אַרום. דעם קינסטלער מיטן גרויסן געזעלשאַפטלעכן טעמפּעראַמענט פלעגט ווערן ענג אין זיין אויס־געטרוימטן ווינקעלע, און ער פלעגט אַרויסגיין אויף דער פרייער וועלט איינעטעמען אַביסל פרישע לופט, אָבער נישט אויף לאַנג. די פון אים באַשאַפענע צויבער־וועלט פון נסים און נאַיוון גלויבן האָט אים וואָס וייטער אַלץ מער אַריינגעצויגן; און וויפל ער האָט אינערלעך נישט גע־קעמפּט מיט זיך קעגן דעקאַדאַנס, איז ער דאָך אין אַ באַדייטנדיקער מאָס באַווירקט געוואָרן פון די מאָדערניסטישע און דעקאַדענטישע שטרעבונגען אין דער רוסישער און מערב־אייראָפּעישער ליטעראַטור. דער מאָדערניזם איז ביי פּרצן געווען ענג פאַרבונדן מיט נאַציאָנאַ־ליסטישע טענדענצן.

די אַנטוישונג אין דער אַרומיקער ווירקלעכקייט ברענגט פּרצן צו פּעסימיסטישע שטימונגען, עס באַווייזט זיך אין זיין שאַפן די כאַראַק־טעריסטישע פאַר די דעקאַדענטן אַפּאָלאָגעטיק פון ליידן („דער קרבן", „די היטערן פון הייליקן פייער", „דער מלאך", „אַן אומבאַקאַנטע" א. אַנד.), דאָס פּעסימיסטישע אָפּלייקענען וועלכע־נישט־איז אָביעקטיווע אמתן, די מאַכט פון פאַרשטאַנד, דעם אידעיישן קאַמף. די מענטשהייט איז בלינד. שטרייטנדיקע מענטשן זיינען ענלעך אויף קליינע, ערשט זעעוודיק געוואָרענע הינטעלעך, וועלכע זיינען, אייגנטלעך, אַלע גערעכט, נאָר, זעענדיק דעם אמת בלויז פונעם אייגענעם ווינקעלע, פירן זיי צווישן זיך אַ פאַרביסענעם קאַמף. די זעלבע פאַרבלענדקייט, וואָס איז אַן איי־ביקער געזעץ, איז אויך אין דער דערציילונג וועגן קין און הבל. יע־דער מענטש ווענדט זיך אין זיין איינזאַמקייט צו זיין אייגענעם גאָט און וויל נישט דולדן קיין אַנדערע און דערפון נעמט זיך דער שטענדיקער ברידער־קריג צווישן מענטשן.

דער גרויסער שרייבער האָט אָבער גוט געוווסט די קונסט פון דיכטערישער פאַרוואַנדלונג און אַפילו דורך די מאַסקעס פון דעקאַדאַנס האָט זיך ביי אים דורכגעריסן דאָס לעבעדיקע וואָרט, דאָס לעבעדיקע געפיל. אין פּרצעס מעשה „דער אייביקער פרידן אין ערגעץ־לאַנד", ווו ס'איז אויך דאָ דער אומגעהייערער צער איבערן שטענדיקן שטרייט צווישן קין און הבל, פילט זיך אָבער אויך די בענקשאַפט צו אַ שע־נערער צוקונפט פון דער מענטשהייט, פון דער „שטראַלנדיקער מענטש־הייט":

„און אינעם קינדס הערצל־קליין, הערצל־פּיין, קלינגען וועט דאָס ליד, און סוועט דערפון א בענקשאַפט ווערן...

א בענקעניש צו ערגעץ־לאַנד, צום הויכן באַרג און ערגעץ־לאַנד; צום פרייד־לאַנד, מיט דער שטראַלן־שפּראַך, דער איינציק מענטשלעכער, — א בענקשאַפט־פּיין, א בענקשאַפט־ריין!״.

אָט מיט דער דאָזיקער פיינער, ריינער בענקשאַפט, מיטן זוכנדיקן גייסט, וואָס האָט קיינמאָל נישט געוווסט פון קיין באַלעבאַטישער רו, איז אונדז טייער פּרץ, דער גרויסער טרוימער וועגן מענטשלעכן גליק.

6

אזא דערשיינונג, ווי די ערשטע רוסישע רעוואָלוציע פון 1905 יאָר, האָט נישט געקאָנט איבערלאָזן גלייכגילטיק צו זיך אזא שרייבער ווי פּרץ, און ווירקלעך, — פּרץ הייבט ווידער אָן ארויסצווייזן זיין געזעלשאַפטלעכן טעמפּעראַמענט, און אין זיין קינסטלערישן שאַפן מערקט זיך ווידער א געוויסער קער צום רעאַליזם. אין 1904 יאָר שרייבט פּרץ אייניקע רעאַליסטישע דערציילונגען, און צווישן זיי „נחת פון קינדער״. ס'איז כאַראַקטעריסטיש, אז די דאָזיקע דערציילונג האָט פּרץ איינגעשלאָסן אינעם בוך „פאָלקסטימלעכע געשיכטן״, צו וועלכן זי האָט, פאַרשטייט זיך, קיין שייכות נישט. פּרצן האָט זיך, וואָרשיינלעך, געוואָלט ארויסרוקן די דאָזיקע דערציילונג אפילו אין נישט קיין אָרגאַנישן פאַר איר קאָנטעקסט. פּרצעס קינסטלערישע הויפּטאויפמערקזאַמקייט איז געווענדט אין דער דאָזיקער צייט אין דער ריכטונג פון דראַמאַטורגיע. מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, אז פּרצעס רעאַליסטישע נאָוועלע האָט זיך שטענדיק אויסגעצייכנט מיט איר דראַמאַטיזם. זי איז געווען ווייניק באַשרייבעריש, נאָר זייער דראַמאַטיש פאַרשאַרפט אינעם דירעקטן פסיכאָלאָגישן צוזאַמענשטויס פון לײַדנשאַפטן. דערפאַר טאַקע שפּילט דאָרט אזא גרויסע ראָליע דער דיאַלאָג.

וועגן דעם אָרט פונעם דיאַלאָג אין זיין שאַפן דערציילט פּרץ אליין אין „מיינע זכרונות״. ווען דער יונגטלעכער לייבוש פּרץ באַקומט צום ערשטן מאָל אין לעבן דעם צוטריט צו א ביבליאָטעק מיט וועלטלעכער ליטעראַטור, פילט ער א באַזונדערן אינטערעס צו פאַרשידענע דיאַלאָגן:

„דער עיקר ציען מיך און נעמען מיך די דיאַלאָגן — די „שטיקלעך מיט די פאַסיקלעך״, ווי עס האָט דעמלט ביי מיר געהייסן... יעדעס

פּאַסיקל האָט מיר אויסגעזען, ווי אַ שפּעלטל אין אַ מענטשלעכער נשמה אַריין. די ליבע צום דיאַלאָג, צום מאָלן מיט דער שפּראַך איז מיר געבליבן...״

אין פּרצעס רעאַליסטישע דראַמען פֿאַרבלײַבט דער כאַראַקטעריסטישער פֿאַר אים קורץ־אָטעמדיקער, נערוועזער, צומאָל נישט דערעדטער פּראָזע־דיאַלאָג, נאָר אַ באַפֿרײַטער אײַנגאַנצן פֿונעם באַשרײַבונגס־עלעמענט. און מיר געפֿינען טאַקע דאָ אַלטע באַקאַנטע. אײניקע דראַמען שטעלן מיט זיך פֿאָר אַן אײנסצעניזירונג פֿון פֿריער אָנגעשריבענע דערציילונגען: פֿון „משופּע״ ווערט דער אײנאַקטער „אַ פֿרימאָרגן״, פֿון מוסר — „שאַמפּאַניער״.

דער פּראָבלעמען־קרײַז ווערט דאָ ווייניק פֿאַרברייטערט אין פֿאַרגלײַך מיט די 90־ער יאָרן. פּרץ קערט זיך דאָ ווידער אום צו דער שילדערונג פֿון נויט. ער נעמט די סאַמע דעגראַדירטע שטאָטישע אָרעמקייט, וועלכע גרענעצט שוין מיטן „דעק״ פֿון דער געזעלשאַפֿט (אין דער זעלבער צײַט, אגב, שרײַבט פּרץ אַן אויספֿירלעכן אַרטיקל וועגן דער שטעלונג פֿון גאָרקיס פּיעסע „נאַ דניע״). גאָרקיס רעאַליזם און גאָרקיס הומאַניסטישער אינטערעס פֿאַר די מענטשן פֿון „דעק״ האָט זייער געריצט פּרצן. אין די אײנאַקטערס „שוועסטער״, „פֿאַר דער טיר״, „אין סקווער״, „ער און זי״ קומט פֿאָר די האַנדלונג אונטערן הוילן הימל. עס האַנדלען מענטשן, וועלכע געפֿינען זיך „פֿאַר דער טיר״, וועלכע האָבן נישט קײן דאַך איבערן קאָפּ, בײַ וועמען ס׳איז „די לעצטע ברעט אָוועקגעשוואומען״.

אַ גאַסן־פֿרוי, וועמענס מוטער זיצט אין תּפֿיסה פֿאַר גנבֿה, דינסטמיידלעך, עקספּלאָאַטירטע און באַליידיקטע אין זייערע בעסטע געפֿילן, אַ יונגע פֿרוי, נאָך כמעט אַ קינד, וואָס די נויט צווינגט זי צו פֿאַרגעסן איר ליבן און חתונה האָבן מיט אַן אַלטן מאַן אַ גבֿיר, — דאָס זײַנען די געשטאַלטן פֿון פּרצעס רעאַליסטישער דראַמע, געשטאַלטן, באַלויכטענע פֿונעם עכט פּרצישן הומאַניזם. עס איז נישט נאָר אַ שילדערונג פֿון נויט, נאָר אויך אַ פּראָטעסט קעגן נויט.

אינעם אײנאַקטער „שוועסטער״ זײַנען אַלע דרײַ שוועסטער גלײַך אומגליקלעך. די עלטערע, די אלמנה מירל, געפֿינט נאָך אָבער אַ טרייסט אין דער רעליגיע, לאה איז אַ שטילער קרבן, וועלכע שטרעקט אויס דעם האַלדז אַנטקעגן דעם חלף, די ייִנגסטע, נחמה, וויל שוין קײן קרבן נישט זײַן. זי פּראָטעסטירט קעגן דעם אומרעכט, וואָס ווערט קעגן איר באַגאַנגען:

„מיין כפרה די וועלט"...

„און האט גאט צו מיר טענות, האב איך אויך טענות... און אויף איין טענה טויזנט תירוצים..."

אויף א שארפן סאציאל־עטישן קאנפליקט איז געבויט אויך די דראמע „ס'ברענט" און „וועגן קינדער".

די דאזיקע אלע ווערק זיינען טיף־דראמאטיש, זיי זיינען אבער נאך עסקיז־ארטיק. ס'איז אין זיי דא ווייניק האנדלונג, ס'איז דא בלויז דער אפענער, פסיכאלאגיש־אנטבלויזטער קאנפליקט.

ניט געקוקט דערויף, איז דראמאטורגיע פאר פרצן געווען אן ארגאנישער זשאנר און אנהייבנדיק פון 1903 יאר, ווען ער האט אנגעשריבן אין העברעיש דעם ערשטן וואריאנט פון דער „גאלדענער קייט" (חורבן בית צדיק"), האט ער זיך נישט איינמאל גענומען פאר דראמאטורגישע ווערק. פרצעס גרעסערע דראמאטישע ווערק זיינען ראמאנטיש־סימבאליסטישע דראמעס.

אין 1908 יאר איז אין די „ליטערארישע מאנאטשריפטן" געווען אפגעדרוקט דער ערשטער אקט פון פרצעס דראמע „אין פאליש אויף דער קייט", וואס איז געווען פרצעס ערשטער גרויסער זיג אויפן געביט פון דראמאטורגיע. אין דער דאזיקער דראמאטישער פאעמע איז פארקערפערט דער סך־הכל, צו וועלכן פרץ איז געקומען אין די יארן נאך דער ערשטער רוסישער רעוואלוציע. פרץ האט זיכער געקאנט אינעם דאזיקן פעריאד כאראקטעריזירן זיך מיט די ווערטער פון זיין העלד, דעם „זינדיקן":

אזוי אן קראפט,
און צו דער העכסטער קראפט
אזוי ענלעך!

דער געפיל פון אינערלעכער פרייהייט, שטאלצע אינערלעכע אומאפהענגיקייט, טרוים וועגן שיינע וועלטן און אין דער זעלבער צייט פאסיוויקייט אין טאט, מאכטלאזיקייט אין פארווירקלעכן די אייגענע אידעאלן — דאס זיינען די כאראקטעריסטישע שטריכן פונעם „זינדיקן", פון דער בונטאריש־פראטעסטירנדיקער פערזענלעכקייט.

דער „זינדיקער טרעט ארויס מיט א פראטעסט קעגן דער ארומיקער געדיכטער פינצטערניש מיט די שטיקנדיקע בית־מדרש־ווענט, מיטן פינצטערן פאליש, וווּ מע זעצט די ווידערשפעניקע אויף דער קייט. ער טרעט ארויס קעגן רב ברכיהן דעם גביר און דעם „רב, זיין אונטערשטיצער".

דער „זינדיקער", דער אָרעמער קלויזניק האָט געוואָגט צו פאַר־ליבן זיך אין רב ברכיהס יינגערער טאָכטער און אָפּן, פאַר אַלעמען אין די אויגן, צו פאַרטיידיקן זיין ליבע־געפיל. אָבער אויך די געליבטע זיי־נע, מיט וועלכער עס זיינען פאַרבונדן זיינע ליכטיקע טרוימען, זאָגט זיך פון אים אָפּ, און דער „זינדיקער" בלייבט באַלד אינגאַנצן אַנטוואָפנט, מאַכטלאָז און איינזאַם. די „רבנישע פּלעדערמויז", די „אַלטע ווייבער מיט שמוציקע נעגל" האָבן באַזיגט דעם פרייען גייסט. פאַרשידענע שיכטן (באַלעבאַטים, באַלמעלאָכעס, קלויזניקעס) קומען באַפרייען דעם „זינדיקן" פון דער קייט און בעטן אים, ער זאָל ווערן זייער פירער. דער „זינדיקער" שטויסט זיי אָבער אַלעמען אָפּ.

„מיך שטיקט דער דונסט פון אייערע לייבער, אייער אָטעם שטיקט"... — שרייט ער אויס און בלייבט איינזאַם אין זיין שטאָלצן אינדיווידואַליזם. ער, דער „זינדיקער", וועלכער האָט דרייסט אויפגער הויבן די פאָן פון בונט, טרייסלט זיך אָפּ פון פּראַקטישע טאַטן, ווייל זיי זעען אים אויס צו קליינלעך, צו ערדיש. זיין בונט בלייבט אין אַבס־טראַקטער, נישט קיין פאַרווירקלעכטער. די טראַגעדיע פונעם „זינדיקן", ווי אויך אין אַ גרויסער מאָס דעם שרייבערס גופא. באַשטייט אין דעם, וואָס אַזעלכע, ווי זיי, קאָנען נאָר אויפרודערן מוחות, וועקן דאָס געפיל פון פרייהייט ביי דער געזעלשאַפט, זיי זעען אָבער פאַר זיך נישט קיין קאָנקרעטן ציל, קיין אויסוועג.

דער „זינדיקער" האָט אָפּגעשטויסן פון זיך די מאַסן, ווייל ער האָט נישט געגלייבט אין זיי, און איז איבער דעם געבליבן זינדיק נישט נאָר אקעגן דער שוואַרצער כנופיה, ער איז געבליבן זינדיק אקעגן דעם פאָלק.

אַ טראַגישע פּראָטעסטירנדיקע פּערזענלעכקייט איז אויך יואל דער קלעזמער („וואָס אין פידעלע שטעקט"). דאָס איז אַ געזונטער המוני־שער מענטש מיט אַ נשמה פון אן עכטן קינסטלער, יואל קען זיך נישט צופּאַסן צו די עקזיסטירנדיקע לעבנס־נאָרמעס. אים פּייניקט אַ שטענ־דיקער אומרו. זיין עולם־הזהדיקייט איז דער העכסטער פּראָטעסט קעגן דעם רעליגיעזן אַסקעטיזם. די אידיי פון קונסט ווערט דאָ אַנטקעגנגע־שטעלט דער האַרבקייט און גרויקייט פונעם טריוויאַלן אַרום.

די האַנדלונג פון פּרצעס דראַמע „די גאָלדענע קייט" אַנטוויקלט זיך אויפן פאָן פון אונטערגאַנג פון אַ צדיקישער דינאַסטיע, דערביי קלינגט דער פּרצישער מאָטיוו פון „וואָס אַמאָל ווייניקער". פּרץ רוקט

דאָ ארויס אַלס אידעאַלע פיגור די געשטאַלט פון שלמהן, דעם מענטש מיטן שטאַרקן ווילן.

פּרצעס לעצטע דראַמע „ביינאַכט אויפן אלטן מאַרק" אַנטבלויזט אַמשאַרפסטן די ווידערשפּרעכלעכקייט פון זיין שאַפן. די גרונט־אידיי פונעם דראַמע ווערק איז די נישט־ווירקלעכקייט פון דער ווירקלעכקייט, אויב מע קאָן זיך אַזוי אויסדרוקן. פּרץ שאַצט איבער אַלע ווערטן און קומט צו טיף פּעסימיסטישע אויספירן. דאָס, פאַר וואָס דער שרייבער האָט פריער געקעמפט, וועגן וואָס ער האָט געטרוימט, ווערט דאָ אָראָפּגע־זעצט און אויסגעלאַכט. ליבע, מאָראַל, רעוואָלוציע! אַלץ זעט אויס אַ־נעם ווערק ווי נישט ווירקלעך, אַלץ איז אַ מיראַזש. דאָס לעבן און טויט גיסן זיך צונויף, לעבעדיקע און טויטע באַגעגענען זיך אויף איין פלאַך. די וועלט פאַרזינקט אין טויט און אויסוועגלאָזע פינצטערניש — אַזוי האָט זיך געדוכט אין דער צייט פון דער פּאָליטישער רעאַקציע נאָכן 1905־טן יאָר אַ טייל קליינבירגערלעכע אינטעליגענץ און דערין אויך פּרצן. אין דער רוסישער ליטעראַטור האָט די דאָזיקע שטימונג שטאַרק אויסגעדריקט לעאָניד אַנדרייעוו.

פּרצעס אויסדריקלעכע לאַקאָנישקייט ליקנט אין „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק" זיך אַליין אָפּ, ווייל זי דערגייט שוין צו אַזאַ גראַד, וואָס קאָן שוין נישט זיין אויסדריקלעך. דאָס וואָרט ווערט אַזוי אָפּגעריסן, אַזוי געבראָכן, אַז עס הערט שוין אויף צו זיין אַ טרעגער פון געדאַנק. דאָס ווערק איז אַפאָריסטיש פאַרטונקלט. אָנשטאָט מענטשן באַוועגן זיך אין דער דראַמע צייכנס פון אידייען, סימבאָלישע זעונגען. פּרץ, דער גרויסער מייסטער פון קאָמפּאָזיציע, דער שטרענגער אַרכיטעקטאָר פון זיינע ווערק, גייט דאָ אויפן וועג פון אַ בכיוונדיקער ווילקירלעכקייט און פראַגמענטאַרישקייט. „ביינאַכט אויפן אלטן מאַרק" איז אַן אויסגעשריי פון פאַרצווייפלונג און האָפענונגסלאָזיקייט. דאָס איז אָבער נאָך נישט די לעצטע פאַרוואַנדלונג פון פּרצן. צי דען האָט געקאָנט מעגלעך זיין, אַז דער שטענדיק יונגער, שעפערישער, אומרויקער פּרץ זאָל זיך ענדגיל־טיק באַרויקן אין דער וועלט פון נאַציאָנאַליסטיש־דעקאַדענטישע גע־שטאַלטן, אין אַ וועלט פון שאָטנס? איינער אַ מעמואַריסט דערציילט, אַז פּרץ האָט זיך געקליבן אָנצושרייבן אַ צווייטן, מער פּאָזיטיוון טייל פון „ביינאַכט אויפן אלטן מאַרק", ווייל ס'איז אים שרעקלעך געווען אוועקצוגיין פון דער וועלט מיט אַזאַ טרייסטלאָזן יאוש.

פּרץ האָט זיין פּלאַן נישט באַוויזן צו פאַרווירקלעכן, אָבער אַ נייער קער אין זיין שאַפן איז פאָרגעקומען. שוין סאַמע פאַרן טויט זעען

מיר ווידער א נייעם פּרצן, אַן אָפּגעפרישטן, א טעטיקן, א לעבנבלוס־טיקן.

יאָר 1914. ס'הייבט זיך אָן די אימפּעריאַליסטישע מלחמה. פּרץ בלוטיקט פאַרן גורל פון די טויזנטער הײמלאָזע, פּאַריאַגטע פון דער צאַרישער רעגירונג. ער פירט דורך א גרויסע הילפס־אַקציע פאַר די דאָזיקע היימלאָזע און באַזונדערס פאַר די קינדער. ער אָרגאַניזירט פאַר זיי שולן, קינדערהײמען, גיט זיי אָפּ פול צייט און שרייבט ספּעציעל פאַר זיי לידער. די דירעקסטע באַגעגעניש מיטן פאָלקס־קינד באַפליגלט דעם שרייבער, און דער 65־יעריקער פּרץ הייבט אָן איבעראַניים, ווי אין דער יוגנט, צו שרייבן לידער און דערצו נאָך פאַר קינדער.

אין דער יידישער ליטעראַטור האָט געלעבט די קלאַסישע הומאַ־ניסטישע טראַדיציע פון ווענדן זיך צו דער קינדער־וועלט און דורכן שילדערן די ליידן פונעם קינד ווייזן די אומגערמאַלקייט פון דער עקס־זיסטירנדיקער געזעלשאַפטלעכער סיסטעם. צו דעם קינד האָט מען זיך אויך אָפט געווענדט, ווי צו דעם שענסטן און ריינסטן אינעם פאָלק, ווי צו דעם טרעגער פון די שעפערישע פּאָטענצן פונעם פאָלק. אָבער ביי־לינעצקין, ביי מענדעלען, דינעזאָנען, ביי שלום־עליכמען איז דאָס קינד געווען מער דער אָביעקט פון שילדערונג, ווי דער אַדרעסאַט. ביי פּרצן איז דאָס קינד געוואָרן דער דירעקטער אַדרעסאַט. יאָ, דער שטרענגער פּרץ האָט הארציק און אמתדיק געקענט רעדן אויג אויף אויג מיטן קינד. קיין דיכטונג פאַר קינדער איז דאָך ביז פּרצן בכלל נישט געווען אין דער יידישער ליטעראַטור. פּרץ איז דער גרונטלייגער פון דעם קינ־דער־ליד ביי אונדז.

דער גרויסער שרייבער און דענקער, וועלכער האָט אין משך פון זיין גאַנץ לעבן אזוי פיינלעך געזוכט דעם אמת, דערפילט זיך זייער גע־מיטלעך צווישן קינדער. ער וואַרפט פון זיך אײנגאַנצן אראָפּ די מרה שחורה פון ספקות, פונעם אייביקן „טאָמער", וועלכער האָט אים שטענ־דיק פאַרפאָלגט, און, גוטמוטיק שמייכלענדיק, אַנטפּלעקט ער זיך פאַרן לייענער אין זיין גאַנצער איידלקייט און הומאַנישקייט. די תמימותדיקע קינדער־לידער וועגן א „טויב א פלוידערזאַק", „א רויטן מאַן, וואָס האָט „רויט געלאַכט", וועגן א הינטעלע, וואָס וויל „זיין אייגענעם שאָטן כאַפּן און ער קען אים נישט דערטאַפּן", פאַרמאָגן אין זיך א באַזונדערע ריינקייט און שטראַלן ארויס מיט גרויסער פרייד. געוויס איז אויך דאָ פּרץ א ראָמאַנטיקער. דער דאָזיקער ראָמאַנטיזם איז אָבער געווען אַן עכט פאָלקישער, א לעבנס־באַשטעטיקנדיקער. אין די נאַקעטע און

באָרוועסע קינדער האָט פּרץ דערזען די שעפערישקייט און באַגאַבט־קייט, ער האָט אין זיי געזען די צוקונפט פון עם פאָלק. ער האָט געגלייבט, אַז עס וואַקסט פון יעדן קינד אַ ריז:

נאָר נישט טראַכטן, נאָר נישט קלערן,
קינדער וואַקסן אויפן רעגן,
ווי די בלומען, ווי די זאַנגען.
נאַקעטע קעפ און נאַקעטע פיס,
וואַקסט פון יעדן קינד אַ ריז
ביז צום הימל צו דערלאַנגען.

אָט צו דער קרעפטיקער און זויבערער דיכטונג איז פּרץ געקומען צום סוף פון זיין לעבן.

פּרץ האָט פול געבלאָנדזשעט, ער האָט דורכגעמאַכט אַ וועג פון „האָפענונג און טרייסט" ביז „האָפענונג און שרעק" — פון גרויסן פּאַטאָס פאַר דער רעוואָלוציע ביז שרעק און יאוש. ביי דעם אַלעמען בלייבט פּרץ אַ שטאָלצער זוכנדיקער גייסט, אַ פריינט פון די ליידנדיקע, אַ טרוימער וועגן פרייהייט, אַ קעמפער פאַר דער באַפרייונג פון עם מענטשן פון כלערליי פּענטעס.

רבקה רובין

יצחק לייבוש פרץ —
דער גרויסער פוילישער ייד

צו איינעם פון די עיקר־דיקסטע כאראקטעריסטיכן פון יצחק לייבוש פרצעס פערזענלעכקייט און פון זיין שאפן געהערט בלי שום ספק זיין פוילישקייט. פרץ האט טיף געווארצלט אינם פוילישן באדן. דער עלעמענט פון פוילישקייט אנטפלעקט זיך ביי פרצן און פארשידענע דערשיינונגען. אבער קודם־כל — אין דעם, וואס זיינע געשטאלטן זיינען נישט סתם יידן, נאר פוילישע יידן, הן מיט זייער לשון, הן מיט זייער אַרט דענקען, הן מיט זייער געוואלדיקער וויטאליטעט. זיין שטעטל איז דאס יידיש־פוילישע. דער קאלאריט און די סביבה אין פרצעס שאפן איז פונעם יידיש־פוילישן לעבן, אין וועלכן פרץ איז פארליבט. פרץ זעט אין דעם דאזיקן לעבן נישט בלויז שיינקייט און מאראלישע דערהויבנקייט, ער דערבליקט אויך געוואלדיקע חסרונות, וואס נעמען זיך פון די אומנארמאלע, פארקריפלענדיקע אומשטענדן פון דער דעמלטדיקער סאציאלער ארדנונג.

פרץ זעט אויך דעם טרעגער פון די באפרייערישע אידעען פון מארגן — די ארבעטערשאפט, און בפרט — דעם יידיש־פוילישן ארבעטער, דעם פראלעטאריער פון דזשיקע און מילע, פון באלוט און כאניקעס, וועמען ער ווידמעט זיינע „יום־טוב־בלעטלעך" און צו וועלכן ער האט א טיפע, ברידערלעכע סימפאטיע.

יצחק לייבוש פרץ איז פאקטיש געווען דער אמתער אנהייבער פון דער קינסטלערישער מאדערנער יידישער ליטעראטור אין פוילן. דאס פארמינערט נישט אויף קיין האר די פארדינסטן און די פאזיציע אין אונדזער ליטעראטור־געשיכטע פון אזעלכע בוייער און שעפער ווי ד"ר שלמה עטינגער און אנדערע. אבער יענע וועלן פארעכנט היסטאריש צום פעריאד פון פרימיטיוון רעאליזם, בעת פרץ האט מיט זיין קינסטלערישער מי געלייגט דעם גרונט־שטיין פאר דעם מאדערנעם בנין פון

דער יידישער ליטעראַטור אין פּוילן. דעריבער ווערט פּרץ מיט רעכט אָנגערופן — דער קלאַסיקער פון דער יידישער ליטעראַטור אין פּוילן.

פּרצעס טיפע פאַרוואָרצלטקייט אין פּוילן קומט אויך צום אויסדרוק אין זיין שטאַרקן געפיל פאַר דער געשיכטע פון די יידן אין פּוילן. פּרץ דענקט היסטאָריש, באַנעמט דעם היסטאָרישן פּראָצעס פון פּוילישן יידנטום, פאַסט אויף די ראָל און דאָס אָרט פון פּוילישן יידנטום און דער אַלגעמיינער געשיכטע פון פּוילן און אין דער אַלגעמיינער געשיכטע פון יידישן פאָלק.

ער פילט זיך ווי א פּאַטריאָט פון לאַנד, ווי א טרעגער פון א דורותדיקער יידיש־פּוילישער טראַדיציע, ווי א נאַטירלעכער פאַראייניקער רעפּרעזענטאַנט פון אַ קיומדיקער יידישער קהילה — ווי אַ אין זיין פון פּוילישן כלל, וואָס אַ טייל פון אים איז — נישט געקוקט אויף אַלע רדיפות מצד בלע־דלייי אנטיסעמיטן און רעאַקציאָנערן — דאָס פּוילישע יידנטום.

פּרץ האָט מיט זיין אייגענעם לעבן, מיט זיינע געפרידיקטע און דורך אים אליין רעאַליזירטע אידעען, מיט זיין שטאָלצער האַלטונג לגבי דער פּוילישער און יידישער רעאַקציע, באַוויזן א מוסטער זיינע מיטציי־טלער און אויך זיינע פאַרערער פון די שפּעטערדיקע דורות, וואָס דאָס הייסט און ווי אזוי מע קאָן און מע דאַרף זיין א שטאָלצער פּוילישער ייד. א שטאָלצער נישט אין זיין פון נאַציאָנאַלער גאווה און פון פאַראַכטונג צו אַנדערע פעלקער, נאָר און זיין פון אָפּפילן דעם אייגענעם כוח, די אייגענע ווערט, די אייגענע פאַרוואָרצלטקייט אין לאַנד.

פּרץ האָט זיך געפונען אונטערן איינפלוס פון דעם פּוילישן ראָמאַנטיזם. די השפעה פון פּוילישן ראָמאַנטיזם אויף דעם יונגן פּרץ איז געקומען פון דער אַרומיקער נאַטור, פון זיין באַקענען זיך מיט די גרויסע פּוילישע ראָמאַנטיקער, פון דעם אָפּהילך פון יאַנואַר־אויפשטאַנד 1863—1864. ווי מיר זעען, זיינען דאָס אַלץ עלעמענטן פון פּאָזיטיוון און אפילו רעוואָלוציאָנערן ראָמאַנטיזם. די שטאָט זאַמאָשטש אליין מיט איר געשיכטע און טראַדיציע האָט אויך באַווירקט אין דער ריכטונג פון יידיש־פּוילישער דערנענטערונג. די שטאָט זאַמאָשטש איז געשאַפן געוואָרן אין דער צייט פון פּעאָדאַליזם ווי איינע פון די אויסנאַמען, וועלכע זיינען געווען א שטיקל דורכברוך אינעם פּעאָדאַלן סיסטעם. זי איז אויפגעשטעלט געוואָרן אויף יסודות, באַווירקט דורך די אָפּפרישנדיקע ווינטן פונעם רענעסאַנס. יידישע קאָלאָניסטן, אָפּשטאַמיקע פון דער אַלטער שפּאַנישער גזע, זיינען געווען צווישן די בויער פון דער שטאָט און האָבן פאַרמאָגט ספּעציעלע פּריווילעגיעס. די קעגנזייטיקע פּויליש־יידישע באַר

צייטונגען האָבן זיך דאָ געשטאַלטיקט בעסער, ליבעראַלער. אָט די טראַדיציע איז געווען ווי אַ בריק פאַר פרצעס דערנענטערונג צו די פוילישע פּראָבלעמען, האָט געשטאַרקט זיין געפיל פון יידישער פאַרוואָרצלטקייט און גלייכבארעכטיקונג.

אָבער צוזאַמען מיט אָט דער היסטאָרישער אידיליע האָט פרץ אויך געזען דעם נאָך אַלץ עקזיסטירנדיקן פעאָדאַלן דרוק, די אומענטשלעכע אונטערדריקונג פונעם פויער. עס קומט אויף ביי אים, שוין אינעם ערשטן פעריאָד, ווען ער שרייבט העברעיש, די באַלאַדע „בית שומם" — אַ וויסטע שטוב — געבויט, ווי ער גיט אַליין אָן, אויף פאַקטישן מאַטעריאַל. דער סיפור המעשה — אַ נקמה־אַקט פון פויערים איבער זייער פעאָדאַלן, פריצישן באַדריקער. עס איז נויטיק קודם־כל דאָ צו אַקצענטירן פרצעס באַציִונג צום פויער און צום פעאָדאַל; סימפּאַטיע צום פויער און שנאה צום פּריץ. די פוילישע ערד איז שיין, דער זאַמאָשטשער פייזאַזש איז פאַרכאַפּנדיק, אָבער די שיינע ערד איז פול מיט געוויין און דער פּרעכטיקער פייזאַזש איז פאַרשוועכט דורך סאָציאַלער אונטערדריקונג.

אויך פאַר פרצעס ווייטערדיקער סטיליסטישער אַנטוויקלונג האָט די באַלאַדע „בית שומם" אַ וויכטיקן באַדייט. דאָ זעען מיר דעם אָנהייב פון פרצעס רעוואָלוציאָנערן ראָמאַנטיזם. ניט דעם אינדיווידואַליזם, וואָס טרעט מיט אַ סך יאָרן שפּעטער אַרויס אין זיינע דראַמעס, נאָר טאַקע דעם רעוואָלוציאָנערן ראָמאַנטיזם (ווי שוואַך קינסטלעריש דאָס יוגנטלעכע ווערק „בית שומם" זאָל ניט זיין), ווייל דאָס איז ניט קיין איינצלפאַל מיט אַרויסטרייבן אַ פאַריתומטע פויערישע משפחה און אויך ניט קיין צופעליקער נקמה־אַקט, נאָר אַן אויסדרוק פון אַ גאַנצער דערשיינונג, אַ פראַגמענט פון שאַרפן קלאַסן־קאַמף, וועלכער פלאַקערט אויפן פוילישן דאָרף.

פרץ האָט אין דער זעלביקער צייט אויך געזען די נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג פון פאָלק, ער איז געווען אַלס קינד אַן עדות פון דעם יאַנואַר־אויפשטאַנד. שפּעטער, ווען ער איז שוין אַ יונגערמאַן, פאַרשטייט ער די סיבה פון דער מפּלה פונעם אויפשטאַנד. ער ברענגט זי צום אויסדרוק אויך אין אַ העברעישן שיר, אין „הנצל", וווּ ער שטראָפט די אַריסטאָקראַטיע, די רייכע שליאַכטע, הלמאַי זי האָט זיך אויסגעדרייט מיטן רוקן צו דער אויפשטאַנד־באַוועגונג, הלמאַי זי האָט ניט באַנומען דעם ווייגעשריי פון ארום, הלמאַי זי האָט פאַרשלאָפן. מערקווירדיק, ווי אין „הנצל" פלעכט זיך צונויף דער סאָציאַלער פּראָבלעם פונעם

יאַנואַר־אויפשטאַנד מיטן נאַציאָנאַלן. פּרץ אַנטפּלעקט זיך שוין אין אַט דעם (אמת, קינסטלעריש נאָך גענוג שוואַכן) ליד ווי דער אַקטיווער, מיליטאַנטישער דיכטער; אים איז פרעמד די קאַלטע ווייטע אָבסער־וואַטאָרישקייט, דער ענין איז זיין אייגענער בלוטיקער ענין — אַ שטריך, וואָס דאָמינירט ביי פּרצן שפּעטער אין זיין גאַנצן שאַפן.

מיט יאָרן שפּעטער וועט זיך ווידער אויפוועקן ביי פּרצן דער פלאַם פון אַ טריבון, וועלכער נעמט אַ וואָרט, בליצט און דונערט, וועגן אַלע וויכטיקסטע פּראָבלעמען פון פּוילישן לאַנד אין זיין צייט. ער רייסט, נאַטירלעך, נישט אָפּ די יידישע פּראָבלעמען פון די אַלגעמיינע לאַנד־ענינים. ווען ער אַנגאַזשירט זיך אין דער סאָציאַליסטישער באַ־וועגונג, גייט ער רעדן און פאָרלייענען פאַר יידישע אַרבעטער, האָבנ־דיק פאַר זיך די וויזיע פון אַ קינפטיק פריי און סאָציאַל־גערעכטיק פוילן. ער ווערט פאַרשפּאַרט אין תפיסה אין וואַרשע, אין דער צעלבי־קער תפיסה, וווּ עס זיצט דעמאָלט די פירערין פון ס.ד.ק.פּ.ל. ראָזאַ לוק־סעמבורג. ער לאָזט נישט אַרויס פון האַנט די פעדער פון אַ פּובלי־ציסט, ער רעדט צו מאַסן אויף פאַרזאַמלונגען, ער שרייבט און רעדט וועגן פּוילישע ענינים, ער פאַרבינדט זיי מיט דער לאַגע פון די פּוילישע יידן, ער קעמפט מוטיק קעגן אַנטיסעמיטיזם און רעאַקציע, קעגן דער זאָאָלאָגיש־אַנטיסעמיטישער ענדעציע פון ראָמאַן דמאָווסקיס שניט און קעגן דער ליבעראַלער ענדעציע פון אַלעקסאַנדער שוויענטאָ־כאָווסקיס נוסח. ער פּאַסט אויף די ענדעקישע געפאַר נישט בלויז פון יידישן שטאַנדפּונקט, ער זעט אין דער טעטיקייט און אינעם פּראָגראַם פון די „נאַראָדאָווצעס" אַ טויט־סכנה פאַרן פּוילישן פּראָלעטאַריאַט און פּויערטום, פאַרן פּוילישן פאָלק.

פּרץ איז נישט בלויז אַ קעמפער, ער איז אויך אַ לערער און דער־ציער. ער טרעט אַרויס קעגן די יידישע נאַציאָנאַליסטן, וועלכע שרעקן די יידן כסדר, אַז זיי זיינען אַליין, איזאָלירט, פאַריתומט, אַז די גאַנצע „גוייִשע" וועלט איז פול מיט שנאה צום יידישן פאָלק און צום יידישן מענטש. פּרץ זוכט פאַרבינדעטע, ער ווייזט זיינע לייענער און צוהער־ער, אַז די דמאָווסקיס און שוויענטאָכאָווסקיס און קוכאַזשעווסקיס, די אָפענע און שטילע אָרגאַניזאַטאָרן פונעם באָיקאָט אין יאָר 1912, די אינספּיראַטאָרן פון פּאָגראָמען, זיינען נישט די רעפּרעזענטאַנטן פון פּוילישן פאָלק, אַז דאָס אמתע פּוילישע פאָלק, די אַרבעטער און פּויע־רים, ווערן אַליין אונטערדריקט און פאַריאָכט דורך די דאָזיקע אַליינגע־קרוינטע „פירער". פּרץ דעמאַסקירט די פּאַטריאָטישע פראַזעאָלאָגיע פון

די קאָנסערוואַטיווע און עגזעקישע אידעאָלאָגן, ער ווייזט אויף, אַז ווען דער פּוילישער פּרץ שרייט „אָיטשיזנאַ" (פּאָטערלאַנד), באַטייט עס בײַ אים — די מוראַדיקע עקספּלואַטאַציע פֿונעם פּוילישן פּויער; ווען דער פּוילישער פֿאַבריקאַנט פֿאַרהופּט זיך אויף דער „אָיטשיזנע", איז עס דער טײַטש — פֿאַרגרעסערן די אייגענע רווחים אויפֿן חשבון פֿון פּוילישן אַרבעטער; און ווען די בורזשואַזיע רופֿט די מאַסן צו מלחמה, כּלומרשט צו פֿאַרטיידיקן די גרענעצן, איז עס אַ פּשוטער שווינדל, ווייל עס גייט איר אין אויסברייטערן אירע קאָלאָניאַלע דעראָבערונגען, און צאָלן מיט זיין בלוט וועט דער אַרבעטער, דער פּויער.

פּרץ דריקט אויס זיין באַציונג צום פּוילישן היימלאַנד, ער האַלט זיך פֿאַר אַן אמתן פּאַטריאָט, ווייל ער גלייבט אין אַן אַנדער, יושרדיק, פֿריי פּוילן, פֿריי פֿון פֿרעמדער הערשאַפֿט און פֿריי פֿון די פּריציש־פֿאַברי־קאַנטישע פּענטעס, רויב און שווינדל. מערקווירדיק, ווי פּרץ האָט פֿאָר־רויסגעזען די ווייזע פֿון דער צוקונפֿט! ווי ער האָט פֿאַרויסגעפֿילט די אומבאַדינגטע אַנטוויקלונג פֿון דער געשיכטע!

און בײַ דעם אַלעמען האָט פּרץ אויף אַ רגע נישט פֿאַרטושט זיין אייגן פּנים פֿון אַ פּוילישן ייד. כאַראַקטעריסטיש אין דער הינזיכט איז זיין אַרטיקל וועגן מאַריאַ קאָנאָפּניצקאַס נאָוועלע „מענדעל גדאַנסקי". ווען דער צאַריזם האָט אָרגאַניזירט, ווי אַ דיווערסיע קעגן דער שטאַרק־שלאָגנדיקער כוואַליע פֿון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, פּאָגראָמען קעגן יידן (און אויך קעגנזייטיקע שחיטות פֿון אַרמענער און טאַטאַרן), האָט זיך די גרויסע הומאַניסטין און פֿריינדין פֿון די יידן עליזאַ אָזשעשקאָוואַ געווענדט מיט אַ בריוו צו מאַריאַ קאָנאָפּניצקאַ, הלמאַי זי שווייגט. מאַריאַ קאָנאָפּניצקאַ, אַ שרייבערין, וועלכע איז געשטאַנען נאָענט צו די סאָציאַליסטישע אידעען, האָט דעמאָלט אָנגעשריבן די פּרעכטיקע נאָוועלע „מענדעל גדאַנסקי", ווו זי פּראָטעסטירט קעגן די פּאָגראָמען, קעגן דעם אַנטיסעמיטיזם, און ווייזט אָן, אַז דער ייד מענדעל האָט ליב זיין פּוילישע שטאָט, אָבער אונטערן דרוק פֿונעם פּאָגראָם זאָגט ער: „איך האָב פֿאַרלוירן דאָס האַרץ פֿאַר דער שטאָט"..

פּרץ לויבט קאָנאָפּניצקאַס נאָוועלע, ער באַגריסט זי, ער האַלט עס פֿאַר אַ פּאָזיטיווע דערשיינונג. אָבער ער, דער שטאָלצער פּוילישער ייד, דער קעמפֿער, רוקט אַרויס קעגן דער אויטאָרין אַ ווזנטלעכע טענה: פֿאַרוואָס האָט זי געוויזן נאָר איין זייט פֿון דער ווירקלעכקייט, פֿאַרוואָס האָט זי געשילדערט נאָר דעם פּאָגראָם, נאָר די מאַרטיראָלאָגיע, פֿאַר־

וואס האט זי נישט אדורכגעבראכט דעם יידישן ווידערשטאנד, די זעלבסטשוץ, די געטאס, קרעפטיקע יידישע ארבעטער און פאלקס־מענטשן, וועלכע האבן זיך אקטיוו אנטקעגנגעשטעלט.

אזא איז געווען יצחק לייבוש פרץ — דער פאלקס־טריבון, וואס האט גערופן צו אקטיוון קאמף, פאר רעכט, פאר א פרייע צוקונפט. און דעריבער איז נישט קיין וואונדער, וואס ער איז געווען איינער פון די באליבטסטע און צומייסטנס באוואונדערטע דיכטער אין געטא. זיין ליידנ־שאפטלעכער רוף קעגן דער פוילנדיקער בורזשואזיע „א, מיין נישט, די וועלט איז א קרעטשמע" איז געווארן א מעכטיקער געווער קעגן די יודענ־ראטלייט, דער געטא־פאליציי, די מוסרים און שאנטאזשיסטן, די שאפ־דירעקטארן און דער גאנצער נייער לומפּן־בורזשואזיע, וועלכע האט אזוי צי אנדערש געהאלפן דעם בלוטיקן היטלעריסטישן שונא אין דער פאר־ניכטונג און אויסראטונג פון די יידישע מאסן. פרצעס מאטיוון פון יחזקאל און זיינע רופן צו אקטיווער זעלבסטשוץ האבן אריינגעגאסן א פייער פון ענטוזיאזם אין די הערצער פון דער ווידערשטאנד־לעבנדי־קער יוגנט. פרץ, דער יידיש־פוילישער טריבון, דער שטאלצער מענטש און ייד, דער טרעגער פון אפטימיזם אין העכערן זיין פון ווארט, דער טרייסטער און קאמף־וועקער, איז געווען מיטן געטא־קעמפער, מיטן יידישן פארטיזאן. אין פארשיידענע געטא־ פארטיזאנישע און ארמיי־שע אויסגאבעס געפינען מיר פרצעס באגייסטערנדיקע מאטיוון.

און אויך איצט, אויפן שווערן וועג פון קאמף פארן שלום אויף דער וועלט און פון בויען א נייע געזעלשאפט אן קלאסן־צוואנג און קלאסן־עקספּלואטאציע, באגלייט אונדז פרצעס ווארט און זיין צוואה. עס באקומט פלייש און בלוט די גרויסע וויזיע פון דעם קלאסיקער, פון דעם שטאלצן פוילישן ייד — יצחק לייבוש פרץ.

ב. מארק

רייזע=בילדער

א.

פאַרערד

עס איז געווען אין סוף פון די גוטע, און אין אָנהייב פון די שלעכטע צייטן. אויפן הימל האָבן זיך געוויזן שוואַרצע כמאַרעס, נאָר עס האָט זיך געדאַכט, אַז דער רוח — דער צייט־גייסט, מיין איך, — וועט זיי לייכט פאַרטרייבן. זיי וועלן ערגעץ אויסגיסן זייער האַרץ אין אַ מדבר. אין אייראָפּעס פיין־געהאַלטענעם ווייןגאָרטן האָט דער ביטערער וואָרצל שוין געשפּאָלטן די ערד, אַרויסגעשיקט זיינע שטעכעדיקע, שוין פאַרסמטע שפּיצלעך, נאָר, אָט, אָט, טראַכט מען, דערזעען עס די גערטנער און רייסן עס אויס מיטן וואָרצל... עס האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס נייַנצנטע יאָר־הונדערט האָט זיך אויף דער עלטער נאָר אַביסל פאַרקילט, אַביסל היין געקריגן! עס זאָל זיך פון דעם מאַכן אַ שווערע קרענק, אַ שיגעון, — דאָס האָט זיך קיינער נישט געריכט...

ווי ווייט איז פון אונדז געווען דעמלט אַמעריקע! נישט איין ייִד האָט געקלערט, ווי אַזוי עס שטייט דאָרט אַ שיסל גריץ, אָדער — צי טראָגט מען דאָרט די יאַרמולקעס אויף די פיס, פון ארץ ישראל אתרוגים האָט מען אַזוי זעלטן געהערט, ווי פון באַראָן הירש צי פון „הנדיב הידוע"...

די אַסטראָנאָמיע באַרעכנט פריער יעדע ליקוי־החמה, ליקוי־לבנה; די פּסיכאָלאָגיע האַלט נישט אַזוי ווייט. דער וועלטס נשמה ווערט ראַפּטום פינצטער, דער גוף קריגט אַ מין קאָנוואולסיע — און נישט נאָר זי קאָן עס נישט פאָרויסזען, נאָר אַפילו ווען עס איז שוין געשען, איז זיך שווער צו גלייבן... איז עס נישט צו פאַרשטיין...

אומרויק דאָך איז מען שוין געווען. עס האָבן זיך געשיט פון אַלע זייטן בלבולים איבער בלבולים.

צווישן אַנדערע זאַכן איז געבליבן, אַז מען דאַרף זיך באַקענען מיטן געוויינלעכן וואָכעדיקן יידישן לעבן; זען, וואָס עס טוט זיך אין די קליינע שטעטלעך; אויף וואָס מע האָפט, פון וואָס מע לעבט, וואָס מע טוט... וואָס עס זאָגט דאָס פאָלק!

ב.

בטחון

מיין ערשטער אַריינפאָר איז געווען טישעוויץ. איך האָב מיך אָפּגעשטעלט ביי מיינעם אַ באַקאַנטן, ר׳ ברוך. ער האָט געשיקט נאָכן שמש און עטלעכע באַלעבאַטים. וואַרטנדיק אויף זיי, בין איך געשטאַנען ביים פענצטער און באַטראַכט דעם מאַרק.

דער מאַרק איז געווען אַ פיר־עק. אַרום, אויף אַלע פיר זייטן, שטייען פאַרשוואַרצטע, איינגעבויגענע געבויטע הייזער, טייל מיט שטרוי, מערסטנטיילס מיט שינדלען געדעקט.

סאַמע איינציקע שטאָקן, מיט ברייטע פּאָדשעניעס אויף פוילע פאַרגעלטע באַלקנס. אַרויסגערוקט פון פּאָדשעניע שטייען, נישט ווייט איינס פונעם אַנדערן „פּשעקופּקעס״ איבער מולטערס מיט בייגל, ברויט, אַרבעס, באָבעס און פאַרשידענע אויבס. צווישן די ווייבער איז אַ שטאַרק גערודער! איך האָב אויף זיי, זעט אויס, אַ שטאַרקן איינדרוק געמאַכט.

— האָב דיר אַ שוואַרץ יאָר, — שרייט איינע, — טייט נישט מיט די פינגער, ער זעט דאָך!

— האַלט ס׳מויל!

די ווייבער ווייסן שוין, אַז איך בין געקומען פאַרשרייבן; איינע גיט איבער דער אַנדערער דעם סוד אַזוי שטיל, אַז איך הער אין שטוב.

מע זאָגט: „דאָס איז ער טאַקע״, „פּאַרט גוט, אַז די אָרעמע שאָף האָבן פּאַסטעכער, וואָס האָבן זיי אין זינען״; פונדעסטוועגן, „אַז יענער פּאַסטעך וועט נישט העלפן, איז — בלאָטע!״ איינע קען דערוויל נישט פאַרשטיין, „יענער פּאַסטעך זאָל דאַרפן אַזוינע שליחים״... דאָס איז אַ ווונק אויף מיין געשווירן בערדל און קורצע קליידער. אַן אַנדערע איז ליבעראַלער און פאַררופט זיך אויף אַ רופא: „הלמאי אַ רופא, זאָגט זי, איז אויך כל־בו, און פונדעסטוועגן...״

— דאָס איז עפּעס אַנדערש, אַ יחיד, אָבער אַזוי, ווייניק גוטע יידן?...

זאָלן זיי בעסער, — מיינט אַן אַנדערע, — אַריינשיקן אַ פּאָר הונדערט רובל; איך בין זיי מוחל דאָס שרייבן, זאָל מיין זון נישט זיין קיין יענעראַל!

— — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — —

זיצנדיק ביים טיש, בין איך געווען אַ רואה ואינו נראה: פון גאָס האָט מען מיך נישט געזען, נאָר איך האָב געזען אַ האַלבן מאַרק. דער־ווייל האָט מיין „באַלעבאָס" אָפּגעדאַווענט, אָפּגעלייגט טלית און תפילין, גענומען אַביסל בראָנפן און געטרונקען צו מיר לחיים.

— לחיים טובים ולשלום! — ענטפער איך.

— גאָט זאָל געבן בעסערע צייטן, עס זאָל זיין פּרנסה.

ווי מקנא בין איך מיין באַלעבאָס, אים פעלט נישט מער נאָר פּרנסה. ער גיט נאָך צו מיט גדלות:

— און עס וועט מוזן זיין פּרנסה, עס איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט, גוטע יידן וועלן אויך נישט שווייגן...

איך האָק אים איבער, און פרעג, פאַר וואָס אין זיינע אייגענע געשעפטן, כאָטש ער האָט בטחון, כאָטש ער ווייסט גאַנץ גוט, אַז „מאַן דיהיב חיי יהיב מזונא" (דער וואָס גיט לעבן, דער גיט עסן), פונדעסט־וועגן מוט ער זיינס, און האַנדלט, און שלאָפט נישט גאַנצע נעכט, און קלערט אַלץ: מאָרגן, שפּעטער, אויפן־יאָר... קוים האָט אַ ייד חתונה, קלערט ער שוין אויף חתונה־קליידער פאַר אייניקלעך, און אַז עס קומט צום כלל ישראל, איז דער בטחון שוין אַזוי גרויס, אַז עס איז שוין איבעריק צו טאָן די הענט אין קאַלטן וואַסער אַריין.

— עס איז, — מאַכט ער, — גאָר פּשוט: כל־ישראל איז שוין דעם ריבונו של עולמס זאַך, און ער האָט זיינס אין זין... און, כביכול, עס זאָל זיין שכחה פאַר זיין כסא־הכבוד, איז דאָ אַזוינע, וואָס דערמאָנען... און, ווייטער האָט אייגענע... ווי לאַנג קאָן עס געדויערן? עס מוז דאָך אַן עק נעמען: אָדער כלו־חייב, אָדער כלו זכאי... דאָס איז נישט פּרנסה!

ג.

נאָר גיי!

איך האָב אייך פאַרגעסן צו דערציילן, אַז דער רב פון שטעטל האָט נישט געוואָלט, נישט קומען צו מיר, נישט מיך אויפנעמען ביי זיך. ער האָט מיר געשיקט זאָגן, אַז עס איז נישט זיין זאַך גאָר, אַז ער איז אַ

שוואַכער, לאַ־עליכם. אויסערדעם זיצט ער שוין אַ פּאָר וואָכן איבער אַ האַרבער שאלה פון בשר בחלב; און דער עיקר איז, אַז ער איז ברוגז אויף קהל, ווייל מען וויל אים נישט מוסיף זיין צוויי גילדן אַ וואָך פּרנסה.

געקומען איז, על־כן, אַ דריי באַלעבאַטים מיט צוויי שמשים. איך הייב אָן ביי מיין באַלעבאָס.

ער האָט נישט קיין ווייב און פאַרענטפערט זיך באַלד:

— ווי לאַנג, מיינט איר, איז זי, אונדז צו לענגערע יאָר, נפטר גע־וואָרן?

הכלל — אַן אלמן; חוץ דריי אויסגעגעבענע זין, איין אויסגעגעבענע טאָכטער, צוויי יינגלעך און אַ מיידל אין דער היים. דערביי, בעט ער זיך, איך זאָל פאַרשרייבן, אַז אַלע זין — אויסער דעם יינגסטן, וואָס איז ערשט אַלט פיר יאָר און ביז ער וועט „שטיין", וועט נאָך משיח קומען! — אַז די רעשט זין האָט יעדער זיין פעלער!

אויסער די עלטערע, צוויי אויסגעגעבענע, זין, האָב איך שוין גע־קענט די גאַנצע משפחה. די אויסגעגעבענע טאָכטער האָט אין דעם אייגע־נעם הויז אַ געוועלבל מיט טיטון, טאַבאַק, טיי און צוקער, ווי אויך שפּייז: דאַכט זיך, נאָך סמאַר און נאַפט. איך האָב באַלד איינגעפּרי ביי איר גע־קויפט צוקער. זי איז אַלט אַ יאָר 25, אַ דאַר פּנים, אַ לאַנגע אונטערגע־בויגענע נאָז, וואָס ציילט איר, דאַכט זיך, די פולע שוואַרצע ציין אינעם האַלב־אָפענעם מויל, אַ פּאָר בלאָנע־בלוי־שוואַרצע געפּלאַצטע ליפּן — דער פאָטער אויסן אויג. די שוועסטער אירע, אַ מיידל, איז גאַנץ ענלעך צו איר; זי האָט אָבער „כלה־חן". דאָס פּנים איז פרישער, רויטלעכער, די ציין — ווייסער, און אינגאַנצן נישט אַזוי צעווירן, נישט אַזוי אָפּגעלאָזט. אויך זע איך ביידע יינגלעך, שיינע יינגלעך; זיי האָבן געמוזט אין דער מאַמען אַריין געראָטן: רויטע בעקלעך, חנעוודיקע, פאַרשעמטע אייגעלעך... פול פעדערן אין די געדרייטע שוואַרצע לעקלעך... נאָר מיאוסע תנועות: זיי הייבן אַלע מאָל די פּלייצעלעך, פאַרקרימען זיך. זיי טראָגן שיינעטענע קאַ־פּאָטקעלעך. ברודיק, נאָר גאַנץ.

די מוטער, אַפּנים, איז נישט לאַנג געשטאָרבן, געוויס צייט געווען צו פאַרברודיקן; ווייניק — צו צערייסן... היינט — ווער האָט צייט צו זיי? די עלטערע שוועסטער האָט פיר קינדער, אַ מאַן אַ למדן און אַ געוועלבל... דאָס „כלה־מיידל" פירט די שענק; דער פאָטער האָט קיין צייט נישט.

— וואָס איז אייער געשעפט? — פרעג איך אים.

— פּראָצענט...

— ליכוועס?

— ליכוועס?... עט...

— גלייך אַזוי? מע האָט ווייניק מיט אונדז צו טאָן...

— ווייסט איר וואָס, — מאַכט ער, — נאַט אייך אַלע מיינע שמאַטעס — וועקסלען, אַקטן, — אַלץ פאַר 25 פּראָצענט. נאָר צאָלט מיר אויס באַר! איך לייג אַוועק נישט נאָר די ליכווע, אַפילו די שענק! איך וואָלט באַדיי אַוועקגעפאָרן קיין ארץ ישראל... אבי געלט! אפשר ווילט איר, נאַט אייך אַ חרם־קוויטל; איר מיינט, אַז מיר האַלטן זיך אין דער ליכווע... זי האַלט אונדז. מע צאָלט נישט, וואַקסט דער חוב. וואָס מער דער חוב וואַקסט, וויניקער ווערט איז ער, מער קבצן ווער איך... אויף נאמנות!

פאַרן אַרויסגיין ווייטער פאַרשרייבן, האָב איך נאָך בייגעווווינט אַ קליינע סצענע. בשעת ווען איך האָב צונויפגעקליבן מיינע כלים, פּאַפּיר, בליישטיפט, פּאַפּיראָסן, האָט ר׳ ברוך דערווייל אָנגעשמירט פאַר די קינדער, אין חדר אַריין מיטצונעמען, צוויי שטיקלעך ברויט מיט פּוטער, מיט אַ צולאָג אַ שטשיפּיאָרעק.

— נאָר גייטס! — מאַכט ער; ער וויל זיי נישט האָבן אין שענק.
דער קלענערער יתום איז אָבער נישט צופרידן. ער הייבט אויף די פּלייצעלעך און פאַרקרימט זיך צום וויינען. ער שעמט זיך אַביסל פאַר מיר, וואַרט איך זאָל אַרויסגיין; ער קאָן זיך אָבער נישט דערוואַרטן, און לאָזט אַרויס אַ געוויין:

— נאָך שטשיפּיאָרעק, — וויל ער.

— די מאַמע פלעגט מיר געבן צוויי!

די שוועסטער איז צוגעלאָפן צו דער שאַנק, זי האָט אַרויסגעכאַפּט און געגעבן אים נאָך שטשיפּיאָרעק.

— גיי, — מאַכט זי אויך, — נאָר אַ סך ווייכער. אין די ווערטער האָט דער מוטערס קול געקלונגען.

ד.

וואָס דאַרף אַ ייִדענע?

מיר גייען פון הויז צו הויז, פון נומער איינס אָן. איך ווייס אַליין, ווו ייִדן און ווו נישט־ייִדן וווינען, איך קוק נאָר אין פענצטער אַריין. פאַרגעלטע פענצטער איז אַ סימן פון „אתה בחרתנו", בפרט נאָך אויסגעהאַקטע שויבן, פאַרטרעטענע מיט קישעלעך און זעק... פאַר דאָס — בלומען־טעפּ און פאַרהאַנגען זיינען סימנים מובהקים, אַז דאָ וווינט שוין אַזוינער, וואָס האָט נישט אַזאַ פראַווע אויפן דלות ווי יענע...

עס טרעפן זיך אויסנאמען... אט וווינט נישט א ייד, נאר א שטארקער שיכור... און פארקערט, — בלומען און פארהענגלעך, נאר דא לייענט מען שוין די „הצפירה".

דעם ערגסטן איינדרוק מאכט אויף מיר א גרויס, א הילצערן משונה הויז. עס איז גרעסער, נאר שווארצער און ברודיקער פאר אלע הייזער. די פאציאט האט זיך שטארק אריבערגעבויגן, און קוקט ארונטער אויף זיינס גלייכן — אויך אן אלטע, שווארצע חורבה, — אויף אן אלטע, אויס־געדארטע, איינגעבויגענע, ציטערדיקע יידענע, וואס דינגט זיך מיט איר קונה — א צעשויבערטע געלע דינסט־מויד — איבער א צולאג צו א פונט זאלץ.

דער שמש ווייזט מיר אויף דער אלטער: דאס איז „די באלעבאסטע פון הויז". איך האב מיך פארוואונדערט; די יידענע איז צו ארעם פאר אזא הויז.

דאס הויז, — דערקלערט דער שמש, — איז אייגנטלעך נישט אירס. זי האט נאר א זעקסטל „דאזשיוואטשע", אן אלמנה איז זי... נאר די יורשים, אירע קינדער, וווינען נישט הי, — הייסט זי באלעבאס.

— וויפל מאכט דאס הויז?

— גארנישט.

— ווערט איז עס?

— א פופצן הונדערט רובל.

— און מאכט גארנישט?

— עס שטייט ליידיק.

עס קומען אויף די געדאנקען „יענע בחורים"... מן־הסתם ווארפט מען דא ציגל אדער קארטאפל.

— ניין, — זאגט דער שמש און שמייכלט. — פאראן אזוינע אנדערע צוויי הייזער, וואס מע וועט מוזן צעלייגן; דא איז עפעס אנדערש: אין דעם הויז, פארשטייט איר, האט געוווינט אמאל א דאקטער; איז ער געשטארבן, און שוין, שטייט ליידיק ס'הויז!

— וואס איז, אויף א זאראזשליווע קראנקייט?

— חס־ושלום!

— וואס דען?

— עס האט פשוט נישט ווער צו וווינען; ווער זאל וווינען?

— ווי הייסט ווער?

— טאקע ווער? ביי אונדז האט יעדערער כמעט זיין נחלה. ווער עס דינגט שוין א דירה, וויל נישט קיין באזונדערע שטוב צו פארהייצן. ביי אונדז איז א מאדע, א קאמארניק (לאקאטאר) צאלט עטלעכע רובל א יאר

פאַר אַן עק שטוב מיט באַהייצונג. ווער דאַרף אַזוינע גרויסע שטיבער?

— נאָך וואָס האָט מען געשטעלט אַזאַ הויז?

— בא, — אַמאָל! היינט דאַרף מען נישט...

— נעבעך!

— וואָס פאַר אַ נעבעך? זי האָט אַ שטעל מיט זאַלץ, פאַרדינט עט־לעכע רובל אַ וואָך, פון דעם צאָלט זי אָפּ 28 רובל אַ יאָר פּאַדאַטעק פון הויז. פון דעם רעשט לעבט זי... וואָס דאַרף אַ יידענע? וואָס פעלט איר? תכריכים האָט זי שוין...

איך האָב נאָכאַמאָל אַ קוק געטאָן אויף דער אַלטיטשקער, און עס האָט זיך מיר שוין געדאַכט, אַז עס פעלט איר באמת גאָרנישט. איר גע־רונצלטע הויט האָט מיר אַפילו צוגעשמייכלט: וואָס דאַרף אַ יידענע?

ה.

נומער 42

איך בין געגאַנגען פון הויז צו הויז לויט נומער, מיט אַ צעטל אין דער האַנט. פון נומער 41 האָט מיך דער שמש געפירט צו 43.

— און 42? — פרעג איך.

— אַט! — ווייזט ער מיר אויף אַ שטיק חורבה אין אַ שמאָל געסל צווישן איין־און־דריי און פערציק.

— איינגעפאַלן?

— איינגעליינגט, — ענטפערט דער שמש.

— פאַר וואָס?

— איבער אַ פייער־מויער.

— איך האָב נישט פאַרשטאַנען, וואָס ער מיינט.

מיר זיינען ביידע מיד געווען גייענדיק, און מיר האָבן זיך געזעצט אויף אַ באַנק אין פּאָדשעניע. דער שמש פאַרציילט:

— פאַרשטייט, איר, על פּי דיניהם, אויב איין געבויט הויז איז נישט געווען ווייט אָפּגעטרעטן פון צווייטן, מוז מען אָפּטיילן די דעכער מיט פייער־מויערן. ווי ווייט דער מהלך דאַרף זיין, ווייס איך נישט; משפּטים בל ידעום, דאַכט זיך, מער ווי ד'אמות. אַ פייער־מויער איז ביי זיי אַ סגולה פאַר אַ שריפה... נו, דאָס הייזל האָט אָבער געשטעלט אַ קבצן גדול, ירוחם איוואַנאַוקער, אַ מלמד, האָט ער נישט געקאָנט מאַכן קיין פייער־מויער.

— זיין גאַנץ בויען, פֿראַווּדאַ, איז געווען אָן אַ יסוד. דערנאָך, ווען איר הערן, איז דערפֿון געוואָרן אַ דין־תּורה. ביי דער דין־תּורה האָט, עליה השלום, זיין ווייב מלכּה, דערציילט דברים כּהוויתן, ווי דער סדר־עולם איז, אָנגעהויבן משׁשת ימי בראשית, און אַזוי אַט איז געווען די מעשׂה:

מלכּה האָט מיט איר מענדל נישט גערעדט אַ יאָר פֿופֿצן. זי איז בטבע אַ פֿאַרביסענע יידענע געווען. נישט אויסגערעדט זאָל עס זיין: אַ הויכע, אַ דאַרע, אַ שוואַרצע מיט אַ שפּיציקע נאָז ווי אַ האַקן. זעלטן, אַז עס איז איר אַרויס אַ וואָרט פֿון מויל, כאָטש פֿון פּרנסה — אַ פּשעקופּקע! און מע האָט נישט געדאַרפֿט! פֿון אירם אַ קוק איז אויך שוין קיל געוואָרן אין האַרץ. אַלע פּשעקופּקעס האָבן געציטערט פֿאַר איר אימת מוות; זי האָט שוין אַזאַ אויג געהאַט. פֿאַרשטייט זיך, אַז ירוחם האָט זיך מחיה געווען מיט איר שווייגן; ער פֿלעגט צו איר אויך קיין וואָרט נישט רעדן. אַזוי שטילערהייט, זיינען זיי דאָך געבענטשט געוואָרן מיט צוויי בנים זכרים און דריי מיידלעך.

דאָך דער יצר־הרע — אַ באַלעבאָס צו ווערן, האָט זיי ביידע רעדעוודיק געמאַכט. דער שמועס איז אַזוי געגאַנגען:

— מלכּה! — זי ענטפֿערט נישט.

— מלכּה? זי שווייגט. ער מלכּהעט, און זי רירט זיך נישט פֿון אָרט.

ירוחם שטעלט זיך אָבער אויף און גיט אַ געשריי:

— מלכּה! איך וויל שטעלן אַ הויז!

מלכּה האָט שוין נישט אויסגעהאַלטן, און אויפֿגעהויבן איין אויג און געעפֿנט דאָס מויל. „איך האָב געמיינט — פֿאַרציילט זי — ער איז משוגע געוואָרן!“

און אַ שגעון איז עס באמת געווען. ער האָט געהאַט בירושה פֿון אַן עלטער־זיידן דאָס שטיקל פּלאַץ, דאָס שמאָלע, וואָס איר האָט געזען, און — קיין פּחות משוה פּרוטה געלט. דעם ווייבס פֿאַר טשוועקעס, וועלכע מען האָט דערנאָכטן פֿאַרקויפֿט פֿאַר דריי מאָל ח״י זהובים, פֿלעגן זיין פֿאַרזעצט אַ גאַנץ יאָר; אויסער שבת ויום־טוב, ווען ירוחם האָט זיי אַרויסגענומען אויף אַ חרם־קוויטל.

אַז דער יצר הרע נעמט זיך אָבער צוהילף דעם כּוח הדמיון, איז „מי יעמוד“! קוים שטעלט ער אויף אַ הויז, איז ער פֿאַרזאָרגט מיט אַלעם גוטן. אַ בטוח וועט ער זיין, וועט ער זיך באָרגן אויף אַ ציג און האָבן די מחיה אין דער היים. איין שטוב וועט ער פֿאַרדינגען אויף אַ שענק. און, אַז גאָט, ב״ה, וועט העלפֿן, וועט זי אַליין זיין שענקערין. און דער עיקר — די קינדער פֿאַרזאָרגט! די יינגלעך וועט ער סיי ווי סיי שיקן

אין אַ ישיבה אַריין, די מיידלעך וועט ער געבן אַ שטר חצי זכר אויף דער נחלה, און — אַן עק!

אַי מיט וואָס מע וועט בויען? אויף דעם האָט ער געהאַט אַ גרייטן חשבון:

— איך בין — זאָגט ער — מלמד, און דו — פּשעקופּקע, האָבן מיר דאָך צוויי פּרנסות; פון איין פּרנסה וועלן מיר לעבן און פון דער צווייטער — בויען.

— וואָס רעדסטו, משוגע — ענטפערט מלכה — מיט ביידע פּרנסות קומען מיר נישט אויס...

— אַזוי ווי מען נעמט זיך פאַר — זאָגט ער — אַזוי העלפט גאָט, ב"ה, אַ וואָ ראיה — מאַכט ער — אָט זע! נח מלמד, אונדזער שכן, האָט אַ קראַנק ווייב, וואָס פאַרדינט נישט אַ דרייער, און זעקס קינדערלעך — זאָלן געזונט און שטאַרק זיין — און לעבט דאָך פון מלמדות אַליין.

— וואָס רעדסטו, ער איז אַ גרויסער מלמד, סאַמע גבירישע קינדער.

— פאַרוואָס, מיינסטו, איז אַזוי? וואָס איז? ער קאָן בעסער לערנען פאַר מיר? אַוודאי און אַוודאי נישט. נאָר אַז גאָט ב"ה זעט, אַז ער האָט נישט מער ווי איין פּרנסה גיט ער אים אין איר די שפע. און, וואָ ראיה? זע ווייטער! די שוואַרצע ברכה! אַן אַלמנה, אויך מיט פינף קינדער, און איז נאָר אַ פּשעקופּקע אַליין...

— וואָס רעדסטו, פאַריקט ביסטו? יענע? הלוואי אויף מיר געזאָגט, האָט אַ הון רב שטעקן אין עסק. אַוודאי אַ רובל דרייסיק...

— נישט דאָס אָבער איז דער עיקר, — גיט ער איר צו פאַרשטיין, — דער עיקר איז, אַז איר קען אַריינקומען די ברכה נאָר אין די עפּל! דער „ריבונו של עולם" פירט די וועלט על פּי דרך הטבע!

אויך רעדט ער איר איין, אַז מ'קאָן אָפּשפּאָרן פון אַ סך זאַכן... מ'קאָן זיך באַגיין...

און עס איז אַזוי געבליבן. ירוחם האָט זיך אָפּגעזאָגט פון טאַבעקשמעקן, דאָס גאַנצע הויזגעזינד — פון וויערמילך בפרט און פון וועטשערע בכלל, און מע האָט געבויט!

געבויט האָט מען יאָרן־לאַנג. נאָר אַז עס איז געקומען צו דער פייערמויער, איז מלכה געשטאַנען אָן סחורה, ירוחם האָט שוין קיין כוח נישט געהאַט צו לעבן, דער עלטסטער זון האָט זיך געלאָזט אויף דער מדינה, דאָס יינגסטע איז געשטאָרבן, און דאָ פעלט נאָך אַ מטמון — אַ רובל 40 אויף אַ פייער־מויער.

נו, וואס זאל מען טאן? מע האט געמאכט דעם כותב אין גמינע אין דער יד אריין און — אריינגעצויגן זיך אן א פייער־מויער!

ער האט זיך מיט נחת אריינגעצויגן. א נושאים־מאן איז ער, האט אים די חברה געמאכט א חנוכת־חבית. מען האט אויסגעטרונקען, אן גוזמא, אוודאי א פאס ביר, א חוץ בראנפן און ראזשינקע־ווין. עס איז געווען א שמחה, א גדולה.

נאר די שמחה האט לאנג נישט געדויערט, עפעס א באלעבאס האט זיך צעקריגט מיט ירוחמם א שכן, מיט נח מלמד. דער נח מלמד איז אמאל א גרויסער באלעבאס געווען. א גביר עצום! א חוץ דער נחלה, ביי וועלכער ער איז געבליבן, האט ער פארמאגט שיינע עטלעכע מאות; דערצו האט ער געפירט א מסחר מיט האניק. שפעטער, אז עס איז ביי אונדז געווען האס מחלוקת איבערן ליטווישן רב, האט מען אים דעם זון גע־מסרט (ער דינט עד היום מיט א לונגען־פעלער אין פאלק), און ער אליין איז אריינגעפאלן אין א פראצעס פאר אונטערלייגן דעם רב. א רציחה איז טאקע דעמלט געווען. מיט „אויסזאגן” איז מען שוין געווינט, אבער אונטערשפארן א הויז פון אלע זייטן, און אונטערצינדן איז טאקע רצי־חהדיק... צי ער האט געשטעקט דערין צי ניין, נאר דער פראצעס און דער זון האבן אים בדיל הדל געמאכט, און ער איז מלמד געווארן, אלס פריש־געבאקענער מלמד האט ער ווייניק דרך־ארץ געהאט פאר באלעבאטים, האט זיך איינער באליידיקט, ארויסגענומען זיין בן און אריינגעגעבן צו ירוחמען אין חדר.

נחן האט די מעשה פארדראסן, א „חברה־מאן” איז ער פון לאנג, אין פאוויאט פלעגט ער אפליגן טעג און נעכט, א מויל מיט א פען האט ער, נו — איז די מעשה מיט דער פייער־מויער ארויסגעשוומען, און עס איז אראפגעקומען דער סטארשי שטראזשניק.

נאר דערווייל האט נח חרטה געהאט! ער אליין האט זיך געמיט! מע האט אנגעהאנגען אן דער דיעלע א מטבע, איז זי צוריק פארזונקען געווארן.

עס וואלט שוין ווייטער גוט געווען, מאכט זיך אבער א מעשה מיט תכלית. אז ירוחם איז א ראדזינער און טוט אן בלויע ציצית, איז נח א פארברענטער בעלזער און שרייט געוואלד! א ווארט צו א ווארט, די פייער־מויער איז ווייטער ארוים. עס איז שוין א דיעלע אין סאנד.

מע האט געלאזט א „וויראק זאאטשני”, דער סאנד האט געפסקנט,

אז ירוחם זאָל במשך אַ חודש מאַכן אַ פייער־מויער, און אויב נישט — זאָל מען אים צעלייגן דאָס הייזל.

קיין דרייער איז נישט געווען, אצינד האָט שוין נח קיין חרטה נישט געהאַט — (דאָס מחלוקת האָט ערשט ריכט געברענט) — און האָט נישט געוואָלט ענטפערן אַ גוט וואָרט, ירוחם האָט אים גערופן צום רבֿ; נח האָט אויסגעפּאַטשט דעם שמש.

אַז מלכה האָט געזען, אַז עס איז כלה כל הקיצין, האָט זי אָנגעכאַפּט נחן אינמיטן גאַס ביים פּאַדקאָלנער, און געשלעפּט ווי אַ הורג אריין צום רבֿ. עס איז אפילו געווען אַ פולער מאַרק מיט בעלזער, נאָר ווער וועט צוגיין צו אַ יידענע?... „גברא דנשי קטלוהו לית דין ולית דיין". נחס ווייב איז נאָכגעגאַנגען און געשאָלטן מיט טויטע קללות, צוגיין האָט זי מורא!... ביים רבֿ האָט מלכה פאַרציילט די מעשה מהחל ועד כלה! זי פאַרלאַנגט, אַז נח זאָל מאַכן, אָדער עס זאָל זיין אַ פייער־מויער, אָדער די דיעלע זאָל ווייטער איינגעזונקען ווערן!...

אונדזער רבֿ האָט געוווסט, אַז וועמען ער וועט דאָ צופּסקענען, וועט דער צווייטער צד חסידים נעמען זיך צו אים, האָט ער זיך אויסגע־דרייט ווי אַ ייד אַ למדן. ער קאָן נישט פּסקענען... גרמא בנזוקין... בע... מע... קיין פּשרה קען נישט זיין און האָט אָפּגעשיקט די צדדים צו די רביים.

נו, „התובע הולך אחרי הנתבע", נח איז באַשטאַנען, ירוחם — פאַר אין ברירה; און אַזוי האָבן זיך ביידע אָראָפּגעכאַפּט קיין בעלז.

איידער ירוחם איז אַוועקגעפאָרן, האָט ער איבערגעלאָזט זיינס אַ שוואָגער אַ דאָוויערענאָסט, מיט עטלעכע רובל, וואָס ער האָט צוזאַמענ־געבאָרגט (און געבאָרגט האָט מען אים פאַר רחמנות), ער זאָל מאַכן דער־וויל אַן אָפּאָזיציע.

עס איז אָבער אַלץ געגאַנגען שלום־שלימאַזל, דער שוואָגער האָט די פאַר רובל אויפגעגעסן, צי, ווי ער זאָגט, פאַרלוירן... מלכה איז פאַר גרויס צרות קראַנק געוואָרן... ביים רבין האָט אפילו ירוחם געוווּנען אַ „פייער־מויער" מיט „הוצאות", נאָר צוריקצוועגס האָט מען ביידע, נחן מיט ירוחמען, געכאַפּט אויף דער גרענעץ, און אַהיימגעפירט מיטן עטאַפּ.

אַז מען האָט ירוחמען געבראַכט, איז שוין מלכה געווען אויפן עולם אמת, און דאָס הייזל — צעוואָרפן...

ו.

דער משכיל

און מיינט נישט, אַז אין טישעוויץ עקט זיך די וועלט! עס איז דאָ א משכיל אויך. און אַן אמתער משכיל, א פּאַרצייטישער. א מענטש אין די מיטעלע יאָרן, נישט שטודירט, נישט געלעזן, אַן ביכער, אַן צייטונגען אפילו, מיט איין וואָרט, א משכיל פון דער לופט.

ער גאָלט זיך נישט די באָרד; אין טישעוויץ איז מען יוצא מיט אונ־טערשערן, נאָר מע זאָגט, אַז „ער איז מסלסל בשערו אפילו עשרת ימי תשובה"! דייטש גייט ער אויך נישט, דער פעלדשער אין טישעוויץ גייט אויך נישט דייטש, איז אויך א ייד אין א לאַנגער קאַפּאָטע מיט פּאות!

אונדזער משכיל איז יוצא מיט שטיוול־פּוצן, און א שוואַרץ סטענ־געלע אויפן האַלדז. ער האָט שיריים פון פּאות, פאַר דאָס טראָגט ער א קאַנ־טיק קאַשקעטל. „פּראָסטע" (זאָגט מען) וישמן ישורן ויבעט; „עס גייט אים זייער שוויל, א שאַרף געוועלב; איינגאַנצן, אומשטיינס געזאָגט, דריי קינדערלעך, וואָס פעלט אים? איז ער א משכיל!"

מיט וואָס ער איז א משכיל, איז שווער געווען געוויר צו ווערן. עס איז געווען, אַז מע ווייסט, אַז ער איז א משכיל; די גאַנצע שטאָט זאָגט, אַז ער איז א משכיל, ער אַליין איז אויך מודה. דער עיקר זיינע „ווערטלעך", ער רעדט „על השם ועל משיחו".

לויט איך בין דערנאָך געוויר געוואָרן, האָט דער משכיל מיך אויך פאַר א משכיל גערעכנט און זיכער געווען, אַז איך וועל ביי אים איינשטיין, על כל פנים ביי אים „שרייבן" צום ערשטן.

— צו אַזאַ זאַך — האָט ער געזאָגט — דאַרף מען האָבן מענטשן מיט קעפּ. מיט אייך, פערד, וועט ער עפּעס מאַכן?

און אַז דער באָרג איז נישט געקומען צו מחמדן, ווייל ער האָט פשוט נישט געוווסט פון אים, איז מחמד געגאַנגען צום באָרג.

געטראָפן האָט ער מיך ביי אַן אלמנה אין שטוב. אריינגעלאָפן איז ער מיטן רשעס שאלה פון דער הגדה — מיטן: מה העבודה הזאת לכם?

— מאַי פאַניע — וואָס מאַכט איר עפּעס דאָ?

— וווּ דאָ? פרעג איך.

— איר מיינט, הפנים, אַז איך בין פון הינטערן אויוון! אַז מע וווינט אין טישעוויץ, איז מען שוין קיין מענטש נישט, ווייסט מען שוין נישט, וואָס אויף דער וועלט טוט זיך? איר ווייסט: „עם לבן גרתי", איך וווין טאַקע דאָ, נאָר א נאָז האָב איך!

— און אַז איר האָט אַ נאָז און ווייסט, וואָס אויף דער וועלט טוט זיך, נאָכוואָס פרעגט איר?

דער שמש האָט אויפגעשפּיצט די אויערן. האָס איינענע האָבן געטאָן די עטלעכע לײדיקגײערס, וואָס זײנען מיר נאָכגעגאַנגען טריט־בײ־טריט. אויף זייער פּנים איז אויסגעגאָסן אַ ווילדע הנאה, אויפן שטערן — דער פּסוק: „יקומו נא הנערים... לאָמיר זען, ווי צוויי משכּילים באָדיען זיך!"

— וואָס טויג מיר דאָרט, — מאַכט דער משכּיל געריצט, — חזק, שמויזעק! מיין צונג איז אויך נישט קיין פּאַדעשווע! און פאַר וועמען האָב איך מיך דאָ צו צעפּירן, פאַר טישעוויצער חמורים? זעט נאָר די ביד־ליאַקעס.

איך בין אין אַ פאַרלעגנהייט, אַנטקעגן פאַר טישעוויץ קען איך מיך נישט, ווייל די טישעוויצער באַלעבאַטים, אין פענצטער און אין טיר, האָבן גאַנץ אָנגענעם געשמייכלט.

— נאָר, זאָגט מיר, וואָס איז דאָס אַזוינס? דאָס פאַרשרייבן!

— סטאַטיסטיק!

— סטאַטיסטיק־שמיסטיק! מיר האָבן שוין געהערט אַזוינס! נאָר נאָכוואָס טויג עס?

איך האָב געזאָגט, נישט אים, איינגטלעך, נאָר טישעוויצער קהל; זאָלן זיי האָבן אַ באַגריף פון דער סטאַטיסטיק.

— האַ! האַ! האַ! — צעלאַכט זיך געדיכט און גראָב דער משכּיל, — דאָס וועט איר איינרעדן טישעוויצער חמורים, נישט מיר! פאַרוואָס פאַר־שרייבט איר, ווי מע ווינט: מיט אַ פּאָדלאָגע, אָן פּאָדלאָגע? וואָס גייט אייך אָן, אַז איינער ווינט אָן אַ פּאָדלאָגע? האַ?

עס גייט אין דעם, פאַרציייל איך אים, אַז מע וויל אויסווייזן, ווי אָרעם יידן זייִנען, מע מיינט...

— מע מיינט גאָרנישט, — האַקט ער מיר איבער, — נאָר — זאָל זיין אַזוי! וואָס דאַרף מען אָבער וויסן אַקוראַט, וויפל יינגלעך און וויפל מיי־דלעך? און — ווי אַלט יעדעס איז? און אַלע קרענק, וואָס איר פאַרשרייבט!

— מע איז אונדז חושד, אַז מיר דינען נישט אין מיליטער; די ביכער, ווייסט איר אוודאי, זייִנען נישט ריכטיק, ווילן מיר אויסווייזן...

— נו, אויך רעכט, למשל... איך בין אייך דערווייל מוחל... אָבער — פאַטענטן? נאָך וואָס פאַרשרייבט איר, ווער עס האָט? און פאַר וויפל?

— אויסצוווייזן, אַז יידן —

דער משכּיל לאָזט מיך אָבער נישט ענדיקן.

— איר דערציילט מיר נישט קיין באָבע־מעשׂות! דערווייל וועט

מען געוואויר־וועָרן, אַז איינער און דער צווייטער האָט אַ קלענערן פּאַטענט, וועט מען אים שטעלן אַ חופּה!

קוים האָט ער עס אַרויסגעזאָגט, איז האַפּטום דער עולם פון פענצטער נעלם געוואָרן, דער שמש פון טיר האָט זיך אָפּגעטראָגן, און דער משכיל, וואָס האָט גאָרנישט אַזוי שלעכט געמיינט, איז געבליבן ווי פאַרשטיינערט.

דער עולם האָט מורא געקריגן. אין אַ פּאָר שעה אַרום האָט שוין גאַנץ טישעוויץ מיט מיר געקלונגען. מע האָט שוין מיך חושד געווען, אַז איך בין אַ געשיקטער פון דער אַקציז. אַ קשיא אויף אַ מעשה, די אַקציז ווייסט, אַז אַ ייד וועט בעסער געוואויר ווערן אַלע סודות!

איך האָב מיך אַרומגעדרייט אין מאַרק שוין איינער אַליין, דאָס שטעטל האַלט זיך פון מיר פון ווייטן. איין משכיל איז מיר נאָכגעגאַנגען טריט ביי טריט. ער האָט געוואָלט מיט מיר רעדן. נאָר ער איז מיר שרעקלעך נמאס געוואָרן, איך האָב אויף זיין פּרצוף נישט געקאָנט קוקן.

און די פּנימער אין גאַס ווערן ערנסטער און פינצטערער, איך הויב שוין אָן קלערן וועגן פּליטה מאַכן. מע קוקט אויף מיר צופיל פון דער זייט, מע סודעט זיך צופיל!

עס איז מיר איינגעפאַלן צו מאַכן נאָך די לעצטע פּרווו. איך האָב מיך דערמאָנט, אַז דער היינטיקער טישעוויצער רבי איז אַמאָל ביי אונדז דיין געווען, ער וועט מיך דערקענען, על כל פּנים עדות זאָגן, אַז איך בין נישט דאָס, וואָס מע מיינט!

— ווו וווינט דער רבי? — פרעג איך דעם משכיל.

ער דערפרייט זיך און ענטפערט:

— קומט, איך וועל אייך פירן!

ז.

דער טישעוויצער רב

ווער עס האָט נישט דעם טישעוויצער רבס שלאָפּראָק געזען, וועט קיינמאָל נישט וויסן די סיבה, פאַרוואָס די רביצין, זיין דריט ווייב, אַ יידענע קוים אין די מיטעלע יאָרן, טראָגט שוין אַ פּאָר גרויסע ברילן אויף דער נאָז. דער שלאָפּראָק וועט אויס ווי פון איינציקע פעדעם געלאַטעט.

— נאָך צוויי גילדן אַ וואָך, — באַקלאָגט זיך דער רב, — ווען די שטאָט גיט מיר, וואָלט איך געקאָנט שוין דורכקומען; אַזוי איז גאָר ביטער! נאָר

איך וועל מיינס אויספירן... אָן אַ דין־תורה קאָנען זיי זיך נאָך באַגיין, אויף דעם האָבן זיי גוטע ייִדן און... סאַנדעס; „טעפּל — לעפל״ פּסקנט אַ ליאַדע מלמד, שאלות־נשים — עס איז דאָך גאַריש, דאָס קאָן מען נישט מחמיר זיין! אָבער אויספירן וועל איך, איך וואַרט נאָר אויף דער קלפּי! אָן אַ רב וועלן זיי קיין קלפּי נישט מאַכן! לאָמיך זען אַ שטאָט, קיין עין־הרע, אַן עיר ואם בישראל, אָן גבאים! און, וועט דאָס אויך נישט העלפן, וועל איך נישט פאַרוון די חלפים... איך האָב זיי גוט אין דער האַנט!

עס איז שווער געווען דעם רב אַראָפּצופירן פון זיינע אייגענע צרות. דאָך אַז דער משכיל האָט אים צוגעזאָגט, זיך צו סטאַרען פאַר אים ביי קהל, צו פועלן די הוספה, — האָט ער אונדז געבעטן זיצן, און אויסגע־הערט, אין וואָס עס גייט.

נאַרישקייטן! — מאַכט ער, — איך קען דיך! זאָג זיי, די שוטים, אַז — איך קען דיך.

— זיי אַנטלויפן פון מיר!

— עט, אַנטלויפן! וואָס הייסט אַנטלויפן? ווער אַנטלויפן? נאָך וואָס? נאָר מילא, אַז די זאָגסט: אַנטלויפן! וועל איך אַליין מיט דיר אַראָפּ־גיין.

— אין וואָס וועסטו גיין? — רופט זיך אָן אַ ווייבעריש קול פון הינ־טערן אויוון.

— גיב טאַקע אַהער די קאַפּאָטע! — ענטפערט דער רב.

— געבן? איך האָב זי ערשט צעטרענט!

— מילא — מאַכט דער רב, — אויך נישט קיין אומגליק, חס־ושלום, וועלן מיר מאָרגן גיין.

איך גיב אים צו פאַרשטיין, אַז עס איז ערשט מיטאָג־צייט, אַז עס איז מיר אַ שאָד דער טאָג.

— נו, וואָס־זשע זאָל איך טאָן? — פרעגט דער רב און פאַרלייגט די הענט, — פונקט האָט די רביצין זיך גענומען צו מיין קאַפּטאַן...

— רופט זיי אַרויף אַהער!

— רופן איז אַ קלייניקייט, אויך אַן עסק! נאָר ווער וועט קומען? מע וועט מיך הערן ווי דעם רב! אפשר בעסער אַראָפּגיין אין שלאָפראָק?

— עס פּאַסט נישט, רבי, — רופט זיך אָן דער משכיל, — דער סטראַזשניק גייט אַרום אין גאַס!

— פון מיינעטוועגן, — זאָגט דער רב, — איך וואָלט געגאַנגען; זאָגט איר: ניין, איז ניין.

עס בלייבט דערביי, מיר זאָלן אַלע דריי אַרויפרופן דעם עולם פון גאַס דורכן פענצטער. מיטן פענצטער עפענען איז אָבער נישט לייכט צוגע־

גאַנגען. מע האָט עס שוין אַ יאָר פּופּצן נישט געעסנט, די שויבן זיינען דורכגעבערענט פון דער זון, דער קיט איז אויסגעדאַרט, און די שויבן ציטערן ביי יעדן טריט איבער דער פּאָדלאָגע, די קוואַטירן זיינען געלעכערט פון האַליץ־ווערים, צוגעקלעפּט נאָר מיטן ראָסט (זשאַווער) צו דער וואַנט, עס איז נאָך אַ ספק, אויב זיי האָבן זאַוויאַסן.

עס איז אונדז דאָך געראָטן, מיר האָבן איין זייט געעפנט, דערנאָך די צווייטע און אָן אַ שאָדן, דער רב האָט זיך אַנידערגעשטעלט אין דער מיט, איך און דער משכיל פון ביידע זייטן, און מיר אַלע דריי רופן.

דער מאַרק איז פול מיט מענטשן, אין אַ פּאָר מינוט אַרום, איז שוין געווען אַן עולם אין ישטוב.

— רבותים, — מאַכט צו זיי דער רב; — איך קען דעם מענטש...

— מע וועט נישט שרייבן! — האָבן זיך אָנגערופן עטלעכע קולות צוזאַמען. —

דער רב פאַרלירט באַלד דעם קוראַזש.

— נישט! — נישט! — מאַכט ער שטיל, דער משכיל איז אָבער דערוויל אַרויף אויפן טיש און רופט:

— חמורים! מע מוז שרייבן! דער טובת הכלל פאַרלאַנגט עס!

„לטובת הכלל" זאָגט ער, אַז ער האָט מיט מיר „איבערגערעדט שוין דאָס גאַנצע פּשטל", אַז עס איז נישט ווי ער האָט „קאַטאָוועס געטריבן", אַז איך האָב אים אפילו געוויזן בריוו פון רבנים!

— פון וועלכע רבנים? — רופט מען פון אַלע זייטן.

— פון פּאַריזער רב, — האָט דער משכיל געשפּונען אויפן הויכן קול, — פון פּאַריזער רב — (קיין אַנדערער פּאַסט אים נישט), פון לאָנדאָנער...

— יידן, אחיים! — האָט אים עמעץ איבערגעהאַקט, — נישט אונדזערע לייט!

און דער עולם האָט זיך אָנגעהויבן אַרויסשיטן אַזוי געשווינד, ווי ער איז אָנגעקומען, געבליבן זיינען מיר דריי און — דער שמש, וואָס האָט זיך צוגערוקט צו מיר.

— שענקט מיר עפּעס — מאַכט ער — פאַרן טאָג.

איך האָב אים געגעבן עטלעכע צענערלעך. ער האָט נישט איבערגעציילט, אַריינגעוואָרפן אין קעשענע, און, נישט געזעגנט זיך, אַוועקגעגאַנגען.

— וואָס זאָגט איר, רבי? — פרעג איך דעם רב.

— איך וויים? איך האָב שטאַרק־שטאַרק מורא — עס זאָל מיר נישט שאַדטן...

— אייך?

— וועמען דען? דיר? זעסטו אן עסק! וועסטו נישט מאכן די סטאַ־טיסטיק, מען וועט זיך באַגיין אָן איר... כי הנה לא ינום ולא יישן שומר ישראל... איך מיין די שני זהובים א וואָך!

די רביצין מיט די גרויסע ברילן איז דערווייל אפיר פון הינטערן אויוון:

— איך האָב דיר לאַנג געזאָגט, — מאַכט זי, — דו זאָלסט זיך נישט אַריינמישן אין קהלשע זאַכן, נאָר דו פאָלגסט דען מיך? ווי קומט אַזוינס צו א רב, דיין דאגה, — קהל?

— נו, שטיל שוין, רביצין, שטילער, — ענטפערט ער איר ווייך, — זעסט דאָך, איך בין שוין אַזוי, איך האָב א ווייך האַרץ, עס באַרירט מיך — נאָר א שאָד די צוויי גילדן א וואָך!

ח.

דערציילטע מעשות

„אבל והפוי ראש" בין איך אַראָפּגעגאַנגען פון רב מיטן משכיל צוזאַ־מען אין גאַס אַריין. מיר טרעפן דאָך דעם שמש אויפן וועג און דער פאַרזי־כערט, אַז, ווי אים זעט אויס, וועט מען קאָנען מאַהגן ווייטער שרייבן.

דעם גאַנצן „טאַראַראַם" האָבן אָנגעמאַכט צוויי אָפּגעקומענע באַלע־באַטים, וואָס זיינען היינט, פאַר גרויס דחקות געבעך: איינער א טריפהנער שענקער און דער צווייטער א פערדס־הענדלער...

דער משכיל, פון זיין זייט, זאָגט מיר צו צווישן מנחה ומעריב איבער־צושמועסן „דאָס פּשטל" מיטן עולם. און — „הייסט זיין נאָמען נישט שמערל" (אַזאַ נאָמען האָט א משכיל אין טישעוויץ) אויב ער וועט נישט „איבערקערן דאָס שטעטל".

— זיי מעגן זיך — זאָגט ער — אויף די קעפּ שטעלן, און שרייבן מוז מען! והפה שאסר הפה שהתיר!

גוט באַטש, דער משכיל האָט אין א חדר געלערנט; אויף דער גרויסער וועלט טרעפן זיך נאָך אַנדערע משכילים. —

איך גיי צוריק אויף דער סטאַנציע; דער ושמש גייט מיט. ביי מיין באַלעבאָס, דעם אַלמן, איז נאָך א מנין געווען. צווישן מנחה ומעריב האָט מען אָנגעהויבן רעדן וועגן פּאָליטיק, נאָך מעריב איז מען אַראָפּ אויף יידן. דאָס רוב איז שרעקלעך אָפּטימיסטיש. ערשטנס, מיינט מען נישט

זיי צוזייטנס, וועט מען זיך מיט „יענקלען" נישט קיין עצה געבן; שכל האָט ער! הריטנס, גייט עס ווי א רעדל, אביסל אַרויף אביסל אַראָפּ, פערטנס — וועט גאָט העלפן, פינפטנס — וועלן גוטע יידן נישט דערלאָזן.

דאָס אַלטע לידל!

— גלויבט מיר — שפּרינגט אַרויס איינער מיט פליענדיקע קליינע אייגעלעך אונטער אַ קורצן שטערן, — גלויבט מיר, אַז ווען עס זאָל זיין אחדות צווישן אַלע גוטע יידן, זיי זאָלן זיך האַלטן איינס, טאַקע יד־אחת און אויפהערן צו זאָגן תחנון, וואָלט משיח געמוזט קומען.

— דער קאָזשעניציער ז"ל האָט דאָך אויפגעהערט, — פרעגט איינער.

— איין שוואַלב — ענטפערט דער יונגערמאַן. — מאַכט קיין זומער נישט. ווער שמועסט, זיי זאָלן אַרויסגעבן אַן איסור אויף כלל ישראל!

אַמאָל מוז מען זיך אַנטקעגנשטעלן, איינשפּאַרן זיך!

— ווען זיי גיבן אַרויס אַן איסור — שפּעט עמעץ און וואַרפט אויף מיר אַן אויג, — וואָלטן די אַפּיקורסים אַנגעהויבן באַדיי האַווכען אבי צו זאָגן תחנון! אבי משיח זאָל נישט קומען!

דער עולם שמייכלט.

— וואָס קומט אָבער אַרויס — מיינט אַן אַנדערער, — אַז די גרויסע האַלטן זיך נישט צוזאַמען...

דער עולם האָט אָפּגעקרעכצט.

געוויס האָט זיך יעדערער דערמאָנט, וויפל פּעטש ער האָט שוין גע־קריגן, וויפל צרות ער האָט שוין געהאַט דורך דעם נישט ביינאַנד האַלטן. און דער בעסטער סימן, אַז טישעוויץ האָט שטאַרק געליטן פון מחלוקת, איז דאָס, וואָס פון דעם רעדן איז שוין נישט אַרויסגעקומען קיין וויכוח וועגן דעם, ווער עס איז שולדיק, פאַרוואָס עס איז קיין שלום נישטאָ צווישן די גרויסע, מע האָט מורא פאַר אַ נייע מחלוקת.

איך האָב מיך אָנגערופן, אַז אינעם מחלוקת איז מער שולדיק דער דלות. עס איז נישטאָ מיט וואָס צו האַנדלען, מע גייט ליידיק, זוכט מען זיך געשעפטן, זוכט מען נאָך עבירות, פירט מען וויכוחים, אַ והא ראיה: אין גרעסערע שטעט, ווו יעדערער איז פאַרנומען מיט זיינע געשעפטן, איז שטיל.

— עס זאָל עמעץ — מיין איך — אַריינוואַרפן אין טישעוויץ אַ פאַר טויזנט רובל, וואָלט מען פאַרגעסן אָן די אַלע זאַכן.

— אַ גרויסע זאַך עשירות, — רופט זיך אָן איינער, — איך זאָל געוועזן האָבן אַט אַזוי גרויס, אַ גאַנץ שכל, — וואָלט איך היינט גאַנץ טישעוויץ אַריינגעשטעקט אין בוזים... עס האָט זיך אין איין האַר געוועדט: איך האָב נאָר געדאַרפט וועלן.

— אמת, אמת! — האָט מען מעיד געווען פון אַלע זייטן, — אמת, אַ מעשה שהיה —

— מילא, המפורסם אין צריך ראיה.

דער ייִד, וואָס עס האָט אים נאָר געפעלט „אַ נאָגל שכל", אָדער אַ פּיצעלע רצון, נתעשר צו ווערן, האָט אויסגעזען ווי דער דלות אַליין: האָר, געלב, צוזאַמענגעצויגן, אויסגעווייקט, און אין אַ קאַפּאָטע, וואָס האָט נאָר אין טישעווויצער רבס שלאָפראָק איר גלייכן געהאַט.

אויף דעם איז אָנגעקומען דער משכיל.

— נאַטירלעך! — האָט ער זיך צעלאַכט.

— ר' אליה — לאַכט ער — איר האָט אַוודאי דאָס גרויסע געווינס אַ שעה פאַרן ציען פאַרקויפט.

— זע נאָר זיין לצנות! — מאַכט דער ר' אליה, — גלייך ער געדענקט נישט די מעשה.

— אַזוי לאַנג קרענקט מיר נישט מיין קאָפּ — שווערט דער משכיל, — ווי לאַנג איך האָב שוין פאַרגעסן, אויב איך האָב אַמאָל געהערט די ליגן. —

— ליגן? — באַליידיקט זיך ר' אליה — גלאַט אַזוי, ליגן?! נאָך אייך נאָך איז עפּעס אַנדערש אויך ליגן!

איך מיש מיך אַריין און פרעג, וואָס די מעשה איז געווען.

— פון וואָרקער צדיק, זכרונו לברכה, האָט איר דאָך אַוודאי געהערט? הייבט ר' אליה אָן.

— אַוודאי!

— מן הסתם! פון אים האָט קינד און קייט געוווסט! איר ווייסט, אַז צו אים פלעגן פאָרן נישט נאָר חסידי־אומות־העולם, נאָר אַפילו דייטשלעך אויך; אַפילו ליטוואַקעס, די צלם־קעפּ אויך! אַזוי גרויס גאָלד זאָל איך האָבן, ווי גרויס ליטוואַקעס איך האָב דאָרטן געזען. עס איז אַפילו אַ מעשה געווען מיט אַ תוספותל. אַ ליטוואַק מוז דאָך אומעטום ווייזן זיין חריפות, פרעגט ער דאָרט אַ תוספות אין נדרים, דער רבי, זכרונו לברכה, האָט אים אַמישנע פאַרטייטשט פאַרקערט. „ס'טייטש, רבי, שפּרינגט דער ליטוואַק אַרויס, אַ תוספות אין ראש השנה פון דער אייגענער סוגיא זאָגט דאָך בפירוש דעם היפּוך פון אייערע דיבורים?" מילא, וואָס קלערט איר — עס איז געווען אַ נס מן השמים, אַז אַנשי שלומינו האָבן אים נישט געמיתט אויפן אָרט. נאָר נישט אין דעם בין איך אויסן. געהאַנדלט האָט דער וואָרקער מיטן ריבונו של עולם, כביכול, ווי מיט אַ גוטן ברודער:

— ריבונו של עולם, — גייט ער זיך אַ שטעל אַנידער אין מיטן שטוב, — עס וואָלט שוין אפשר גענוג געווען צו מוטשען דיינע יידעלעך מיט היצן! זיי קאָנען נישט זיצן און לערנען!

מע האָט, אַפּנים, עפּעס געענטפערט פון דאָרט.

— אַזוי! — מאַכט ער, — איז עפּעס אַנדערש! איך גיב דיר נאָך! ביי גוט באַצאָלן איז אַלץ רעכט. נאָר ריבונו של עולם! טאָמער אַביסל אויף דער וועלט!...

מען האָט ווייטער אָנגעזען בחוש אין זיין פּנים, אַז ער הערט אַ תשובה און ענטפערט:

— מילא, נישט איז — נישט! דו ביסט קוראַנט, וועלן מיר וואַרטן!

נאָר אין דעם בין איך אויך נישט אויסן. דער עיקר איז געווען פּאַר סנדקאות. פּאַר אַ סנדקאות איז ער שוין געווען שטאָל און אייזן; עס האָט נישט געהאָלפן קיין תירוץ. מען האָט שוין געוואַרט דאָרטן, און קוים האָט ער געגעבן אַ ווונק, איז באַלד מקוים געוואָרן. ער האָט געזאָגט, אַז אייִדער ער גייט צו סנדקאות, אַז ער דערמאָנט זיך נאָר אינעם מוהל־מעסער, איז ער שוין בבחינת פּחד, און דעריבער — „רצון יראיו יעשה״!

ער האָט זיך שטאַרק מצער געווען, וואָס מע איז דערפון געוווייר געוואָרן. ער האָט געוווסט, אַז ער וועט דעריבער שוין נישט לאַנג דאָ פּירן, אַז ער וועט נתבקש ווערן בישיבה של מעלה. אַנישט וואָלט דאָך די וועלט קיין קיום נישט געהאַט. עס האָט געדאַרפט צו זיין בסוד!

נאָר מען איז דערפון געוווייר געוואָרן. איך אויך! איך אַפילו פריער ווי אַנדערע, ווייל דער גבאי משה איז מיין ערשט ווייבס אַ לייבלעכער שוואָגער געווען... און טאַקע דער משה, וואָס האָט אויסגעפּלאַפּלט דעם סוד. דערפאַר האָט מען אים אַפילו מעביר געווען אויף אַ האַלב יאָר; נאָר דער צער פון דעם ייִד איז אַזוי גרויס געווען, אַז דער רבי האָט רחמנות געקריגן, און באַלד צוריקגעשטעלט על כנו, נאָר דאָס געהער אויך נישט צו דער זאַך.

געגנוג איך בין געוווייר געוואָרן.

מילא — „וישמור הדבר בלבו״! איך האָב געוואַרט; איך וועל דאָך נישט גיין איבער אַ נאַרישקייט דולן דעם רבין דעם קאָפּ; איך וואַרט. דעמלט האָב איך געווינט אינגאַנצן אַ מייל הינטער וואָרקע. מיין ערשט ווייב האָט געלעבט, און עס איז איר נישט שלעכט געגאַנגען: שווער אויסצוקומען איז אַפילו געווען... נאָר — איך האָב פאַרדינט פון מיין שדכנות וואָס עס איז, און זי האָט אונדז מפרנס געווען פון דער שטעל. אַ חוצן „דרויב״, האָט זי נאָך קעסט געגעבן אַ פּאָר פּאָלק, — מיין עלטערער טאָכטער. דער איידעם — אַ למדן מופלג! וואָס האָט מיר געפעלט?

ויהי היום, דער איידעם איז אין גער, אין שטעטל איז אַ יאַריד, און די טאָכטער גייט צו קינד. שווער — אַן ערשטלינג... ביילע־באַשע, אונדזער באָבע, קאָן זיך קיין עצה נישט געבן, און זי האָט שוין ווייען דעם דריטן

טאָג. עס העלפן נישט קיין טרוקענע, נישט קיין געהאַקטע באַנקעס, קיין אָדער־לאָזן, עס איז ביטער! און דאָ קריג איך אַ ידיעה, אַז דער רבי קומט אויף סנדקאות! וואָס קלערט איר? „ליהודים היתה אורה!" — מיר זיינען אַלע דערהפּרייט געוואָרן! עס איז אין אונדז אַריין אַ נייע נשמה! מיר בעטן נאָר, גאָט זאָל זי דערהאַלטן נאָך אַנדערטהאַלבן טעג! וואָרום אַריינגעלאָזט האָט מען ערשט פּונקט אַ שעה פאַרן סנדקאות! דאָ ווערט אָבער דערווייל ערגער און ערגער; עס ווערט סכנות־נפשות!

אַ פּאָר שעה פאַרן סנדקאות איז איר דאָך בעסער געוואָרן, אַזוי האָט זיך מיר געדאַכט. זי איז צו זיך געקומען, געעפנט די אויגן, געטריבן די מוטער אויפן יאַריד און מיך צוגערופן צום בעט!.. אַ נאַרישע ידענע... אַלע זיינען אַזוי, פאַרן האָבן זיינען זיי בייז אויף אונדז... שמואליק — זאָגט זי — געפעלט איר נישט! ער איז איר קיינמאָל נישט געפעלן, זי האָט אים פון דער ערשטער שעה נישט געוואָלט! זי קאָן אים גאָרנישט ליידן, זי וויל בעסער שטאַרבן! זי האָט אַמישנע אַרויסגעשיקט די מוטער, ווייל פאַר איר האָט זי מורא געהאַט! זי, עליה השלום, איז טאַקע אַ פייער געווען צו קינדער. ביים באַדעקנס, האָט זי זי געוואָלט פּאַטשן!

איך, פאַרשטייט זיך, גיב איר צו פאַרשטיין, אַז אַלע ווייבער זיינען אַזוי; אַז טייל טוען אַפילו נדרים, מיט די מאַנען נישט מער צו וווינען; אַז דעריבער איז טאַקע דער קרבן חטאת... טייל שווערן אַפילו... נאָר — „אין אדם נתפס על צערו". און זי האַלט זיך אירס. זי געזעגנט זיך מיט מיר... זי דאַרף נישט, נישט קיין נדרים, נישט קיין שבועות, — שמייכלט זי, — „איך גיי — זאָגט זי — אויס ווי אַ ליכט!

מילא, הער איך זי עפּעס, אַז איך זע בחוש, אַז עס איז איר בעסער; זי איז צוריק ביים גאַנצן שכל, און עס איז נאָך איינגאַנצן אַ האַלבע שעה צו סנדקאות! זי איז גאָר אויף נאמנות, שיין־חנוודיק געוואָרן!

איך זיץ ביים בעט, רייד מיט איר... די באָבע אַפילו איז אוועקגעגאַנגען; זי איז געגאַנגען קויפן אַ ווינל אויפן יאַריד, איך קוק אויפן זייגער, עס איז שוין צייט צו גיין, איך קוק אויף איר, — כאחד האדם! געזונט! דאָך גלוסט זיך מיר נישט פון איר אוועקצוגיין, זי איינע אַליין צו לאָזן. און איינע אַליין, כמעט אין דער גאַנצער שטאָט.

ביי אונדז — פאַרשטייט איר — איז יאַריד איין מאָל אין יאָר, און שטייט דריי טעג, און פון דעם האָט מען אַ גאַנץ יאָר פּרנסה, איר קאָנט פאַרשטיין, אַז אַפילו ביים רבין איז אויך קיינער נישט געווען; אַלע אויפן יאַריד.

נו, וואַרט איך אַביסל.

אין אַ האַלבער שעה אַרום איז אָבער ראַפּטום ערגער געוואָרן. זי

כאַפּט מיך אָן ביי דער האַנט, פּאַלט אַרונטער אויפן קישן, מאַכט העוויות, שלעכט!

זי הויבט אָן פּייפן... איך שריי, עס ענטפערט קיינער! פון מאַרק קומט אַריין אַ גול, אַ געריוש פון טויזנטער מענטשן, נאָר מיך הערט נישט קיינער... צווישן אַלפים מענטשן מיט פויערים, — ווי אין אַ מדבר! איך וויל אויסרייסן די האַנט... גיין עמעצן רופן, זי האַלט אָבער זי שטאַרק...

עס דויערט איין מינוט, צוויי, עס איז שוין באַלד שפּעט, דאָ איז ביטער — רייס איך פּאָרט אויס די האַנט און לויף גלייך אַהין! — דער ברית איז געווען אין צווייטן עק שטאָט — איך פלי איבער וועגן, איבער קופּעס סחורות, איך פלי און פלי... עס דויערט מיר אַלץ צו לאַנג. געווען איז תמוז, און מיך האָט לויפנדיק געוואָרפן די קעלט... אָט, אָט, דערזע איך שוין צמחם הויז, ווו עס איז דער ברית.. „לב אדם יודע מרת נפשו" — דאָס האַרץ קלאַפּט אין מיר ווי ביי אַ גזלן: איך פיל, אַז דאָרט איז יציאת נשמה. אָט, האָב איך שוין דאָס ערשטע פענצטער! איך וויל אויף דער טיר נישט וואַרטן, איך וועל אויסהאַקן די שויבן און אַריין. איך לויף גלייך צום פענצטער איך זע, דער רבי איז טאַקע אין שטוב, ער גייט אַרום אויף און אָפּ, איך וועל אַריין ווי אַ גזלן! איך נעם צונויף די לעצטע כוחות... אין די אויערן קלינגט מיר „טאַטעשי! טאַטעשי!"... איך שפּרינג —

דעם דערציילער האָט אָטעם פאַרפעלט. ער רוט זיך אָפּ, לאָזט אַראָפּ די אויגן, אין וועלכע עס האָבן זיך דיקע טרערן געוויזן, און ענדיקט שטילערהייט מיט אַ צעבראָכן קול —

— עס איז אָבער נישט באַשערט געווען! — פאַרן פענצטער איז געווען אַ בערגל מיסט מיט שטיינער — איך בין געפאַלן, און שיר־נישט האַלדז און לייב צעבראָכן... איך האָב נאָך עד־היום אַ צייכן אויפן שטערן... אַז מע האָט מיך אַריינגעבראַנגט צום רבין, האָט ער שוין אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט...

אַז איך בין אַהיימגעקומען (ווי אַזוי, ווייס איך נישט) איז זי שוין געלעגן אויף דער ערד. אָדער זי איז אַראָפּגעפאַלן ביים גוססען, אָדער איך האָב זי אַראָפּגעשלעפּט ביים אַרויסרייסן די האַנט...

דער עולם איז שטיל געוואָרן. עס האָט אונדז געדריקט אַ שטיין אויפן האַרץ, איין משכיל איז באַלד צו זיך געקומען —

— נו, — מאַכט ער — „ברוך דיין אמת!", ווו איז דאָס עשירות!

דער דערציילער האָט זיך אויסגעווישט מיטן אַרבל די אויגן, אַ טרויעריקן שמייכל געגעבן און ווייטער פאַרציילט.

— יאָ... איך האָב אייך נאָר געוואָלט ווייזן, וואָס מע מיינט: נישט באַשערט. דערווייל האָט זיך געמאַכט צרות איבער צרות... מיין ווייב איז

נפטר געוואָרן... די שטעל איז געגאַנגען לאיבוד... ביי אַ מאַנספּאַרשוין... איך בלייב מיטן „דרויב" אָן אַ שטיקל ברויט... האָב איך חתונה געהאַט... איך האָב אַמישנע געבומען אָן עלטערע יידענע. וואָרום, באמת, געמיינט האָב איך — אַ יידענע צו דער שטעל! איך האָב אָבער געהאַט אַ „מקח טעות", וואָס אַ יאָר — אַ בן! דערווייל זייִנען אונדזערע יאַרידים אָפּגע־פאַלן, און אַ גאַנץ יאָר איז די שטעל ווערט אַ „שישקע פּולווער" — האָב איך מיך מיישב געווען! אָן עק זאָל עס האָבן! איך וועל אַוועקלייגן דאָס שדכנות, ווערן אַן עושר און זיצן און לערנען! אי — ווי אַזוי ווערט מען אַן עושר? איך שרייב צו מיין געוועזענעם ווייבס שוואָגער, צום גבאי, אַז, למען השם, ער זאָל מיר מודיע זיין, ווען עס וועט זיך מאַכן אַ סנדקאות.

עס איז נישט אַוועק אַ חודש, קריג איך אַ שליח מיוחד, און לויף קיין וואָרקע. איך שטעל מיך אין ערגעץ נישט אָפּ, לויף גלייך צום רבין.

— און — אַ גרעסערער באָרג מיסט? — לאַכט דער משכיל. דער דערציילער שיקט אין זיין זייט אַ בליק ווי אַ שפּיז.

— דער וואָרקער צדיק, ז"ע — זאָגט ער — האָט געהאַלטן פון טהרות, זיין גאַנצע עבודה איז געווען טהרות.

— זע נאָר, — מאַכט דער משכיל, — ווי ער קוקט אויף מיר! שייגעץ איינער! אַז דו ביסט געקומען אַהער, ווער האָט דיר געהאָלפן? אַ וואָרקער חסיד? אפשר דיין אייגענער פעטער, דער צדיק? אָדער איך? האָ? דו וואָלסט שוין לאַנג געפּגרט פאַר הונגער, ווען נישט איך!

און צו מיר זיך ווענדנדיק:

— און היינט, מיינט איר, וואָס איז ער? מלמד ביי מיינע קינדער, זאָל איך זיי אים היינט אַוועקנעמען, בלייבט ער שטיין אָן פּרנסה — אָן אַ שטיקל ברויט אין פּיסק.

דער ייד שווייגט מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן.

דער משכיל ווערט מיר אַלע רגע עקעלער, כאָטש ער האָט מיר נאָך פריער מיט די אויגן אַ צייכן געגעבן, אַז ער האָט געפּועלט, און מיט די־ הענט געוויזן, אַז מאָרגן וועט מען שרייבן. איך דריי מיך איבער צום ייד:

— נו, נו, דערציילט ווייטער, ר' קרוב.

— זעט אַליין, — מאַכט ער צום משכיל, — אונדזער „פאַרשרייבער", אויפן פּנים קוקנדיק, איז מער משכיל פון אייך, און חוזק מאַכט ער נישט... מע מעג זאָגן אַנדערש... דער רמב"ם, ז"ע, האָט אַפילו אין כישוף להבדיל, נישט געגלייבט... נאָר, ווי עס איז, ענטפערט מען ערנסט... אַ ייד דאַרף האָבן אַ דרך... נאָר חוזק איז נישט מעשה... מעשה... ייד, עס כאַפּט אָן ביי דער לעבער!

— נו, נו! — מאכט דער משכיל ווייכער, — שיט שוין אוים די רעשט.

— איך וועל שוין מקצר זיין — הויבט אָן דער אָרעמער ייד — איך קום אַריין אָן אַ קוויטל, בעל־פּה... אַפילו אָן אַ פּדיון... דעמלט גייט נישט קיין פּדיון... פּאַר סנדקאות איז ער בבחינת „לא יועל כל כופר", אַזוי כלפּי מעלה, ווי כלפּי מטה... נאָר דאָס פּנים איז געווען שרעקלעך! העגט און פּים האָבן אונטער מיר געציטערט! איך שטיי און עפן נישט דאָס מויל. ער, זכותו יגן עלינו, מאַכט גרויסע שפּריַיז אויף און אָפּ.

ראַפּטום דערזעט ער מיך, און גיט אַ געשריי, טאַקע ממש ווי אַ לייב.

— וואָס ווילסטו?

איך האָב מיך נאָך מער דערשראָקן און — קוים געענטפערט:

— עשירות!..

דער רבי האָט, אַפּנים, נישט גוט דערהערט.

— עשירות? פרעגט ער, און דאָס קול איז געווען ווי פון אַ דונער.

— כאָטש... פּרנסה! ענטפער איך נאָך שטילער.

— וואָס, פּרנסה? שרייט ער ווייטער —

— כאָטש פּאַר הונגער נישט שטאַרבן!

דער רבי לויפט אויף און אָפּ, און שטעלט זיך ראַפּטום אָפּ און פרעגט:

— וואָס נאָך?

איך האָב געמיינט — איך שטאַרב! דאַכט זיך מיר, (ווייס איך, מיר דאַכט זיך אַזוי), אַז נישט איך, נאָר עמעץ אַנדערש האָט מיר איי־בערגעדרייט די צונג! און זי האָט געענטפערט:

— יוסף זאָל זיין אַ למדן...

און שוין! — איך בין קוים לעבעדיק אַרויס. און ער, ז"ע, איז די אַנדערע וואָך נפטר געוואָרן...

נו? האָט עפּעס אַ סך געפעלט צו עשירות? אַ האָר! איך בין מיר אַליין שולדיק! ווען איך שפּאַר מיך איין, האַלט מיך איינס — מילא!

— איז כאָטש — פרעג איך — אייער יוסף אַ למדן מופלג?

— ער וואָלט אוודאי געווען, — ענטפערט ער מיט אַ צעבראָכן לשון, — נאָר ער וויל נישט... אויף דעם איז שוין קיין רבי נישט פאַראַן... ער וויל נישט לערנען... טו עפּעס!

—וואָס טויג מיר האָרטן — פאַלט דער משכיל אַריין אין די רייד — דער „היוצא לנו מדברינו" איז: אַז מע דאַרף נישט האָבן קיין מיסט אונטער די פּענצטער; אַז מע פועלט נישט אָן אַ פּדיון, און דער עיקר — אַז מע דאַרף פאַר קיין רבין נישט מורא האָבן!

אין איין רגע איז דער בלאַס־געלער ייד פלאַמענדיק געוואָרן, די

אויגן האָבן זיך אים אונטערגעצונדן, די געשטאַלט האָט זיך אויסגעצויגן, און די שטוב האָט אַ הילך געטאָן פון צוויי פּעטש, וואָס דער משכיל האָט געקריגן.

— — — — — — — — — — — — — — — —

איך האָב מורא, אַז זיין ערשטע בקשה וועט אויך נישט דערפילט ווערן: ער וועט נאָך שטאַרבן פון הונגער.

ט.

אַ ייִנגעלע?

דעם גאַסטהייזערס שיין חנווהדיק ייִנגעלע מיט די מיאוסע תנועה־לעך, מיט די לעקעלעך פול מיט פּעדערן, קאָן מיר אויסן קאָפּ נישט אַרויס. אַחוץ ער שטייט מיר פאַר די אויגן מיט אַ שטשיפּיאָרעק אין האַנט און וויינט און וויל דעם צווייטן; אָדער איך הער אים ביי מנחה־מעריב זאָגן אַזוי קינדיש־וויינענדיק ערנסט דעם קדיש, אַז עס כאַפּט מיך אָן ביים האַרץ.

ווען דער חסיד האָט דעם משכיל געפּאַטשט, איז דאָס קינד אַזוי בלאַס און גרין געוואָרן פאַר שרעק, אַז איך האָב אים אָנגענומען ביי דער האַנט און אַרויסגעפירט פון שטוב.

— קום אַביסל שפּאַצירן!

— שפּאַצירן? שטאַמלט ער.

דאָס בלאַסע פּנים רויטלט זיך.

— דו שפּאַצירסט קיינמאָל נישט?

— היינט נישט. אַז די מאַמע, עליה השלום, האָט געלעבט, פלעגט זי מיך מיטנעמען שבת וויום־טוב שפּאַצירן... דער טאַטע — אים צו לענ־גערע יאָר — הייסט בעסער אַריינקוקן אין אַ ספר.

דאָס איז שוין געווען אין לאַנגן איינפאַרזהויז; פון דער ווייטנס שימערט אַ רויטער „מגן־דוד" פון אַ לאַמטער אַרוים. איך האָב זיין פּנים נישט געזען, נאָר זיין דאַר הענטל האָט אין מיינער געציטערט.

מיר זיינען אַרויס אין גאַס אַריין.

דער הימל הענגט איבער טישעוויץ ווי אַ טונקל בלויער מונדיר מיט מאַט־זילבערנע קנעפּ. מיין מיט־שפּאַצירער האָט עס אוודאי אויסגעזען ווי אַ פּרוכת מיט זילבערנע פליטערלעך באַנייט. אים חלומט זיך אפשר אַזאַ

בלוי־זיידן תפילין־בייטעלע מיט פליטערלעך; אין א יאר פינף־זעקס וועט ער אפשר קריגן אזא מתנה פון דער כלה.

ביינאכט זעט דאס שטעטל גאר אנדעריש אויס. די קרום־און לאם־געבויגענע הייזלעך פארשווינדן אין דער „פאעטישער שטילער שוים פון דער נאכט"; און די פענצטער און שויבן־טירן זעען אויס ווי גרויסע פייערדיקע, פורפור־שטראלנדיקע אויגן...

אויף די קוימענס שטייען שוין אוודאי טעפ מיט זידנדיקע וואסער צו קארטאפל אדער „קליסקעלעך מיט בעבעלעך". לויט סטאטיסטיק פאלט אין טישעוויץ דורכשניטלעך 37 און א האלבער רובל אויף א קאפ א יאר, לערך 10 קאפיקעס א טאג. בארעכנט: מלמד־געלט, צווייערליי געפעס, שבתים און יום־טובים, א קרענק און א גוטן־ייד — אחוץ בייזאכן... וועט איר פארשטיין, אז א יאיכל טרעפט זיך ביים קוימען זעלטן, אז די קליסקעלעך ווערן געמאכט פון רעציען־מעל אן אן איי, און ווער ווייסט, אויב די קארטאפל ווערן געשמאלצן.

דאך שטייען מאנכע הייזלעך שטאק בלינד. דארט גייט א שטיקל טרוקן ברויט מיט, אדער אן א הערינג. און אפשר קריאת־שמע אן ווע־טשערע... אין איינעם פון די הייזלעך מוז שמייען די אלמנה, וואס דארף אזוי ווייניק, און קלאפן זיך אין דארן הארץ־ברעטל אריין ביי דער לאנ־גער ווידוי... אפשר מעסט זי זיך אן אירע תכריכים... דערמאנט זיך אן אמאליקן, מיט א גאלדענעם פאס באזוימטן חופה־קלייד, און פון די אלטע אויגן קאפעט אראפ א טרער, און זי שמייכלט דערביי אריין אין דער פינצטערער נאכט: וואס דארף א יידענע?

מיין יתום האט עפעס אנדערש אין זין.

אונטערטאנצנדיק אויף איין פיסל, רייסט ער ארויף דאס קעפל צו דער לבנה, וואס שווימט נאריש אריסטאקראטיש פון איין הרילע ארויס אין דער צווייטער אריין.

ער זיפצט. צי האט ער געזען א שטערן פאלן? — ניין:

— אוי — זאגט ער — וואלט איך געוואלט, משיח זאל קומען!

— וואס איז?

— איך וויל, די לבנה זאל שוין גרעסער ווערן! עס איז אויף איר אזא רחמנות! זי האט טאקע געזינדיקט, אבער אזוי לאנג צו ליידן... עס גייט שוין דער אלף הששי...

איינגאנצן צוויי בקשות פון טאטן אויף דער ערד — נאך א שטשיפיאַ־רעק, און פון פאטער אין הימל — די לבנה זאל גרעסער ווערן!

עס כאפט מיך אן א ווילדער חשק אים צו זאגן: לאז געמאך! דיין היגער טאטע וועט באלד חתונה האבן, דו וועסט באלד א שטיפמאמע

קריגן, אַ שטיף קינד ווערן, און וועסט ווינען אַ שטיקל ברויט! זיי מוהל דעם שטשיפּיאָרעק, פאַרגיעס אויך די לבנה...

איך האָב מיך קוים איינגעהאַלטן.

מיר זייגען אַרויס פון טישעוויץ, דער פרילינג־אָטעם בלאָזט אויף אונדז פון גרינעם פעלד. ער שלעפּט מיך צו צו אַ בוים. מיר זעצן זיך.

דאָ — פאַלט מיר איין — האָט ער געמוזט זיצן מיט זיין מוטער. זי האָט אים געמוזט ווייזן, וואָס עס וואַקסט אויף די שמאָלע פאַסן פון די מעשטשאַנסקע פעלדער; ער דערקענט ווייץ, קאָרן, קאַרטאָפל.

— און דאָ וואַקסן דערנער! צי קיינער עסט קיין דערנער נישט?

— אייזלען, זאָגט מען, עסן דערנער!

פאַרוואָס — פרעגט ער — האָט גאָט באַשאַפן, יעדער בריאה זאָל עסן עפּעס אַנדערש?!

ער ווייסט נישט, אַז ווען אַלע זאָלן גלייך עסן, וואָלטן אַלע גלייך געווען.

י.

דער יאַרציעווער רב

איז אַ מענטש מיט אַלע „וויגאָדעס", מיט אַלעם גוטן. ער נעמט פיר רובל אַ וואָך און האָט כמעט די והותר! וואָס? „הזיאַר ז'באַבאָן"! ער איז פריער דיין געווען אין אַ גרעסערער שטאָט, אויך גענומען פיר רובל אַ וואָך, און האָט זיך משבת לשבת ביים הערינג כמעט די פינגער צע־שניטן. ער רעכנט מיר אויס: אָנבייסן, ווייס איך, אַ ביסל מילך־גריץ, אַ האַלב פונט פלייש צום וואַרעמס, ביינאַכט אַ גלעזל וואַרעמס מיט נעכ־טיקע בייגל. — איז שוין געווען עונג! נהרא נהרא ופשטיה, — דאָס וואַ־רעמס אין די גרויסע שטעט איז אַ דלות; אַזוי איז מען אינגאַנצן פּטור פון קאַלדאָן... ער איז נישט קראַנק צו וואַרטן ביז וועטשערע, און אינ־דערפרי — אַ ביסל באָרשטש. אַזוי פירט מען זיך טאַקע אין יאַרציעוו און אַזוי איז טאַקע גוט! דאָרט איז זייער שלעכט געווען. אים האָט עס אַפילו נישט געאַרט, ער האָט גאָרנישט ליב קיין פלייש, אין דער וואָכן איז עס אַ „מאַכל גס", טאַקע אַ שווער מאַכל. אין דער וואָכן האָט ער ליב אַ ציבעלקע מיט אַביסל פּיצמיטאַנע. פּיצמיטאַנע האָט ער ליבער אַפילו ווי פורימדיק קרויט, ער האָט שוין אַזאַ טבע. „נאָר די רביצין, זי הערט דאָך נישט" — שמייכלט ער אויף איר קוקנדיק — זי האָט עס אַמאָל פאַר־

דראָסן! אַ ייִדענע האָט קנאה. ווי הייסט? די שוחטקע האָט קישקע, און זי, די דיין'טע — אַפֿילו קיין ביינדל! נישט אַ רציחה, האַ? היינט בין איך אַלץ פּטור; אין יאָרציעוו, ברוך השם, עסט קינד און קייט פֿלייש — משבת לשבת, און אויך שעפּסנס! און אַבי די רביצין האָט נישט וועמען מקנא צו זיין, אַלץ איז גוט.

— מקנא צו זיין! וואָרטשעט אַריין די רביצין.

— איך וויים, איך וויים — לאַכט שטיל דעם רבס קליין געראָנצלט קעפּל, בשעת דאָס ווייך־שפּיציקע בערדל ציטערט, און די אַלטע אויגן ווערן פֿייכטער — איך וויים, דיר איז נישט געגאַנגען אינעם זינדיקן גוף, נאָר אין כבוד התורה... ס'טייטש אַ שוחט — יאָ, און אַ דיין — נישט! אַ דיין איז דאָך גרעסער ווי אַ שוחט! סיי ווי סיי, היינט בין איך פּטור פֿון די אַלע זאַכן! — אַז מע קוילעט גאָרנישט אַ גאַנצע וואָך.

נאָך צופֿרידענער איז ער פֿון דער פֿרישער לופֿט. אין דער גרויסער שטאָט פּאַסט נישט פֿאַר באַלעבאַטים, נאָר גרויסע הייזער: אינמיטן ווויינען רייכע באַלעבאַטים; אונטן אין קעלער, און אויבן אונטערן דאַך — אָרעמע לייט, און — פֿאַרשטייט זיך די משעובדי־קהל.

זומער האָט עס אים געשטיקט... עס איז אַזוי ווייט געקומען, אַז די רביצין האָט אים אַוועקגענבעט דאָס טאַבעק־פּושקעלע, ער זאָל כאָטש קיין טאַבעק נישט שמעקן. זי האָט עס אָבער געמוזט אָפּגעבן; אָן טאַבעק איז ער גאָר אוים מענטש; ער קאָן אַפֿילו ביי אַ ספֿר אָן טאַבעק נישט זיצן. אַפֿילו ווען ער שמעקט נישט, מוז ער דאָס קאָרענע פּושקעלע דרייען אין דער האַנט ביים לערנען, און אַפֿילו (ווי אַציינד) ביים ריידן, אַנישט פֿאַרלירט ער די מחשבות, איז ער מגמגם מיטן לשון.

מילא — וואָס קלערט איר — „אַז ער האָט דערזען יאָרציעוו מיטן גרויסן, מיט גראָז־באַוואַקסענעם מאַרק", האָט ער זיך געוואָלט לאָזן קלעזמער שפּילן. „קלעזמער האָבן טאַקע געשפּילט", דעם טאָג איז גאַנץ קהל אין דער היים געווען, און מע איז אים אַנטקעגן געגאַנגען מיט קאָמאַראַווער מוזיק. אויך האָט ער זיך גאָר מחיה געווען מיט די פּיצעלעך הייזלעך, טאַקע ווי קאָרענע טאַבאַק־שקעטעלעך, סאַמע הילצערנע, איינס איז דאָ אַ געמויערטס, אַ גרויס, דאָס וואָס שטייט אינמיטן מאַרק, — איז עס דעם פּריצס.

און היינט די טרעפּ, וואָס ער איז פּטור געוואָרן. ער איז בטבע אַ כשל־ברך, נאָך אַ יאָר וואָלט ער אָן פּיס געבליבן! און די מנוחה! שטיל! עס בילט נישט קיין הונט, און להבדיל, עס וואַיעווען נישט די קינדער. עס איז דאָ אַ דרייסיק קינדער, איז אָבער זיי אפֿשר זעקס מלמדים. האָט מען טאַקע אויף זיי השגחה, נישט ווי אין די גרויסע שטעט! וואַיעווען, יאָ! פּורים,

חנוכה, אזוי א יום־טוב! — אזוי אבער — מען זאל עס הערן א שאד!

און דער עיקר, האט ער א ברכה פון זיין ליבן נאמען — א שטעטל אן מחלוקת! עס איז אפילו דא צוויי דריי חסידים מיט תכלת, — „גלויבט מיר, איך בעט פאר זייער לעבן”, ווארום, חס־ושלום, איבער הונדערט יאר, וועט זיך מאכן אן עסק מיט דער קבורה! אזוי איז שטיל.

דאס שטעטל איז סאמע דארפס־גייער, אדער „לייפער”. אפילו די באלמעלאכעס זיצן נישט אינדערהיים, און גייען אויף די דערפער ארבעטן. אפילו דער פעלדשער לויפט ארום אין דער סביבה מיט די באנקעס. זונטיק אינדערפרי קענט איר טרעפן דעם גאנצן עולם, ווי ער שיט זיך ארויס פון די הינערשע הייזלעך. אונטער דער שטאט טוט מען אויס די שטיוול, מע הענגט זיי אויף א שטעקן איבער די פלייצעס, און מע צעלויפט זיך אין אלע זייטן. פרייטיק פארנאכט קומען זיי צוריק. אפילו דער שוחט גייט אמאל אוועק אויף א גאנצע וואך, — ווען האט מען צייט צו פירן מחלוקת?

שבת און יום־טוב, איז אפילו עלול צו אזוינע זאכן, עס מאכט זיך אמאל אן עסק, נאר ווי! זיי זיינען גארנישט געוווינט דערצו; עס גייט עפעס אומגעלומפערט, דער עולם איז שלעפעריק און מיד.

זיצט ער טאקע און לערנט.

„עס מאכט זיך אפילו (שמייכלט ער) אמאל א שטיקל מחלוקת, נאר — לשם־שמים! צווישן מיר מיטן שוחט. פארשטייט איר: א שאלה טרעפט זיך זייער זעלטן: א גאנצע וואך גייט מילכיק געפעס, שבת — פליישיק געפעס, ביי איין קוימען, בבת־אחת, שטייען זיי נישט! א שאלת־הריאה טרעפט זיך איינמאל אין יאר! נו, פאר דאס, אז עס טרעפט זיך שוין, לאזט מען אזוי געשווינד נישט ארויס; וואַרפט מען דורך גאנץ ש״ס, אלע פוסקים, און עס ווערט א מחלוקת. דער שוחט איז זייער איינגעשפארט און פארקרענקט און האט נאך א טבע זיין ביגטל חסרונים צו־לייגן אויף יענעמס פלייצע; זאגט ער, אז איך בין „איינגעשפארט און פארקרענקט!”.

לכתחילה האט ער אפילו דא אויך ווילד צער געהאט פון צוויי זאכן: פון די הייוון און פונעם הייזל. „אלץ (שמייכלט ער) דורך דער רביצין”. מיט די הייוון איז אזוי געווען די מעשה: ער האט זיך מושווה געווען מיט קהל פיר רובל א וואך. אז דער פריערדיקער רב האט באקומען פיר רובל א וואך מיט די הייוון, האט מען פון אים מעלים געווען, און גארנישט.

נאר דעם ערשטן שבת־הגדול האט ער געהאלטן גאר א גרויסן דרוש איבער חמץ בפסח. די שטאט איז גאר אויסער זיך געווארן. „א גוטע זאך שמעקט יעדן, אפילו אן עם־הארץ דאורייתא”. איך זאג, אז עס קומט

פון דעם, וואָס אַלע נשמות זיינען געווען ביים באַרג סיני, און דאָרט איז געווען „כל מה שעתיד תלמיד ותיק לחדש"! דעריבער, אפילו ווען די נשמה האָט שוין פאַרגעסן, דערשמעקט זי דאָך, אַז דאָס איז עפּעס פון יענע זאַכן... און טאַקע באַלד חול־המועד האָט מיר די שטאָט אַליין צו־געגעבן די היוון. באותו הרגע האָב איך ביי מיר געפילט אביסל גאווה, און זיין ליבער נאָמען האָט מיך טאַקע באַלד געשטראָפט דערפאַר.

איך האָב געהאַט צרות פון די היוון. אַ גאַנצע וואָך האָב איך געהאַט דין תורות צווישן די באַלעבאַסטעס מיט דער רביצין: דער איז די חלה געווען צו האַרט, דער — צו שווער, דער איז די חלה אָפּרינדיק געוואָרן. מע האָט זי חושד געווען, אַז זי גיסט אַריין וואַסער, ווייס איך? איך האָב נישט געזען און זי זאָגט: ניין.

מילא, עס איז דאָך נאַריש, איך וועל דאָך דער רביצין קיין דין־תורה נישט פּסקענען מאַך איך פּשרות. קומט מען פּרייטיק, טויש איך אויס אויף מיינע קוויליטשן, אַ גאַנצע וואָך גיב איך צו אביסל היוון אויף קליסקעלעך. הכלל — צרות־צרורות! געלויבט איז גאָט, עס האָט אַ שניידער געבראַכט געפּרעסטע היוון. אוים פּונדוש! אַן עק!

מיטן הייזל ווייטער איז אַזוי געווען:

ער האָט באַמערקט, אַז די רביצין מאַכט זיך אַ קניפּל. מילא, מאַכט זי — מאַכט זי, זיין דאגה. די קינדער גייט עס אפילו גוט, נו, וויל זי אפשר אַן אייניקל אַ מתנה קויפן; זאָל זיין אַזוי. ער אפילו האָלט נישט דערפון, נאָר מיט אַ יידענע פירט ער קיין מלחמה נישט. אפשר, טראַכט ער, מיינט זי עפּעס אַנדערש. „איך ווייס, נישט אויסגערעדט זאָל עס זיין, אַ סך גרייטן זיך אַן אויף שפּעטער... ווייס איך! איך זאָג: „ברוך השם יום־יום!", אַז מע וועט נפטר ווערן, וועט זיין תכריכים! נאָר ער מישט זיך נישט אַריין!

די היוון זיינען נאָך דעמלט געגאַנגען, און, קורץ און בקיצור, „איינמאָל דערציילט מען מיר אין בית־המדרש אַ מעשה! באשר, בכן, די רביצין האָט געקויפט אביסל געהילץ! איך קום אהיים, אמת! זי האָט שוין אפילו באַשטעלט באַלמעלאָבעס, זי הייבט אָן בויען אַ הייזל! וואָס איז? זי וויל נישט ווייניגער קאָמאַרינע!" ער האָט זיך ווייטער נישט גע־מישט, — זאָל זי בויען! און זי האָט אויפגעבויט, זי האָט זיך אַריינגע־צווינגען, ער — האָט נאָר איבערגעטראָגן זיין ש"ס.

„נו, בין איך באַלעבאָס אויך!"

איז אים אָבער זייער ווייט געווען צום בית־המדרש.

„לא־עליכם, אויף דער עלטער זיינען מיר שוואַך געוואָרן די פיס. אינדערהיים קיין ספרים האָב איך נישט. אין בית־המדרש ווייטער איז

א חרם, נישט ארויסצוגעבן קיין ספר. נישט נאָר דעם רב, קיין ראש־הקהל אפילו נישט. מאַכט זיך אַ שאלה, האָב איך מיר נישט מיט וואָס די הענט צו צעפירן, איך האָב געליטן צער דערפון!"

„וואָס טוט גאָט? מאַכט זיך אַ שריפהלע, עס זיינען אָפּגעברענט געוואָרן עטלעכע הייזער, מיינס אויך! געליבט איז גאָט! די בעלבאַטים האָבן קיין גרויסן היזק נישט געהאַט, זיי זיינען געווען „סעקוריערט"; איך אוודאי נישט — קהל האָט מיר, ווי איר זעט, אָפּגעצוימט אַ שטיקל בית־המדרש!"

י"א.

לאַשציאָוו

אין אַ טונקעלער זומער־נאַכט, צווישן עלף און צוועלף, בין איך אָנגעקומען קיין לאַשציאָוו. וויטער, אַ מאַרק, ארומגעצוימט מיט געבויטע און געמויערטע הייזלעך. אין מיטן מאַרק ליגן אָנגעוואָרפענע ווייסע שטיינער. איך פאָר צו נענטער, — די שטיינער רירן זיך, קריגן הערנער; עס ווערט פון זיי אַ מאַסע הערלעך־ווייסע ציגן.

די ציגן זיינען געשייטער פאַר טישעוויצער קהל; זיי דערשרעקן זיך נישט. איינער אָדער צוויי אינגאַנצן האָבן אויפגעהויבן די קעפּ, באַטראַכט אונדז שלעפעריק, און ווייטער זיך גענומען צום קאַרגן גראָז אין גאַס און קראַצן איינס דאָס אַנדערע!

גליקלעכע ציגן! עס מאַכט אויף אייך קיינער קיין בלבולים נישט, איר ברויכט זיך נישט שרעקן פאַר סטאַטיסטיקער. אמת — מע קוילעט אייך, נו וואָס? ווער שטאַרבט נישט פאַר דער צייט? יסורים — האָט איר זיכער ווייניקער!

איך דערמאָן מיך, וואָס מע האָט מיר אין טישעוויץ געזאָגט: אין לאַשציאָוו וועט איר בעסער און געשווינדער גיין, רויקע בעלבאַטים, שטילע, עס וועט אייך קיינער נישט נאָכלויפן".

קהל און די ציגן זעען אויס אַ זיווג צו זיין; איינס אין דאָס אַנדערע געראָטן.

דאָך מיין גאַסט־הייזער, מיינס אַן אַלטער באַקאַנטער, מאַכט מיר אביסל שווער דאָס האַרץ, עס איז נישט, זאָגט ער, אַזוי לייכט ווי מע מיינט.

— און וואָס וועט איר טאָן, — פרעגט ער, — איר וועט אַרומגיין מבית לבית?!

— ווי דען?

— הלוואַי זאָל מען אייך ענטפערן אַ גוט וואָרט!

— פאַרוואָס נישט?

— אַ ייד האָט פיינט, מען זאָל אים עפענען און ציילן די קאַסע.

— וואָס איז, די ברכה וועט נישט אַריין?

— ניין, דאָס נישט, נאָר די קללה — דער קרעדיט וועט אַרויס.

י"ב.

די ערשטע פּרווו

אינדערפרי, נאָך איידער דער שמש איז געקומען, זיינען שוין גע־וועזן ביי מיר עטלעכע יידן; זיי ווילן זען דעם פאַרשרייבער. מיין שם פאָרט פאַר מיר.

איך מאַך אַ פּרווו און ווענד זיך צו איינעם.

— גוט־מאָרגן, ר' קרוב.

— גוט־מאָרגן, שלום־עליכם!

ער דערלאַנגט מיר גאַנץ פויל די האַנט.

— ווי הייסט איר, ר' קרוב?

— לוי־יצחק.

— און אויפן דייטשן נאָמען?

— וואָס דאַרפט איר צו וויסן?

— וואָס, אַ סוד איז עס?

— אַ סוד צי נישט אַ סוד, נאָר איר מעגט מיר זאָגן, נאָך וואָס דאַרפט איר וויסן... דאָס איז דאָך אוודאי קיין סוד נישט!

— איר ווייסט דען נישט?

— נישט אקוראַט...

— און ווי איז אייער „מכונה שטוים?"

— „בערנפעליץ", — ענטפערט ער אביסל פאַרשעמט.

— א ווייב?

— עט!

— וואָס הייסט „עט"?

— ער וויל זיך גטן! — ענטפערט פאַר אים אַן אַנדערער.

— וויפל קינדער?

ער מוז זיך מיישב זיין, און ציילט אויף די פינגער: פון ערשטן ווייב, מיינע — איינס, צוויי דריי; איצט — איינס, צוויי, — פון צווייטן ווייב...

עס ווערט אים דאך נמאס צו ציילן —

— נו, זאָל זיין זעקס!

— „זאָל זיין" טויג נישט, איך דאַרף וויסן אַקוראַט!

— זעט איר, אַט דער „אַקוראַט" איז נישט פּראָסט! אַקוראַט!

וואָס דאַרפט איר וויסן אַקוראַט? וואָס איז, אַ טשינאָווניק זענט איר? מ'צאָלט אייך דערפאַר? עס וועט אייך עמעץ נאָכפאָרן און קאָנט־ראָלירן? אַ־ק־ו־ר־אַ־ט!

— זאָג, בהמה, זאָג! — מונטערן די רעשט. האָסט אָנגעהויבן — זאָג!

זיי ווילן וויסן, וואָס פאַר אַ שאלות עס וועט אַלץ זיין.

ער האָט נאָכאַמאָל איבערגעציילט אויף די פינגער און עס איז געוואָרן, ב"ה דריי מער.

— ניין קינדער, זאָלן געזונט און שטאַרק זיין.

— וויפל זין און וויפל טעכטער?

ער האָט נאָכאַמאָל געציילט:

— פיר זין און פינף טעכטער.

— וויפל זין און וויפל טעכטער האָט איר אויסגעגעבן?

— דאָס דאַרפט איר אויך וויסן? זאָגט מיר פּאָרט, נאָך וואָס?

— זאָג שוין, זאָג! — רופט דער עולם אומגעדולדיקער —

דריי טעכטער און צוויי זין, — ענטפערט עמעץ פאַרן געפרעגטן —

— טאַקע? — מאַכט דער געפרעגטער, — און סראַליק?

— ער האָט דאָך נאָך נישט חתונה געהאַט!

— ביסט אַ פערד! מע רופט אים דעם שבת אויף! וואָס מאַכט אויס אַנדערהאַלבן וואָכן? —

איך פאַרשרייב און פרעג ווייטער:

— געדינט אין מיליטער האָט איר?

— אַ באַצאָלטער, 400 רובל! ווו נעם איך זיי היינט — קרעכצט ער.

— און די זין?

— דער עלטערער האָט אַ גולע אונטערן רעכטן אויג, און איז, לאַ־עליכם, נאָך אַביסל געבערעכט... אָפּגעלעגן איז ער אין דריי שפּיטעלער, גע־קאָסט האָט ער ווי אַ חתונה! און מע האָט אים קוים פון פאַלק אַהיימגע־שיקט! דער צווייטער האָט אַ ווייבאַר, דער דריטער דינט —

— און דאָס ווייב?

— מן־הסתם איז זי ביי מיר! וואָס איז די שאלה?

— זי האָט דאָך געקענט זיין ביי איר פֿאָטער!

— אַ קבצן!

— אַ הויז האָט איר?

— ווי דען!

— וויפֿל איז עס ווערט?

— עס זאָל שטיין אין זאַמאָשטש וואָלט עס ווערט געווען, הי איז עס נישט ווערט אַ דרייער, טיליע וואָס איך האָב אַ דירה.

— פֿאַר 100 רובל וואָלט איר עס פֿאַרקויפֿט?

— חס־ושלום! אַ נחלה?! פֿאַר 300 אויך נישט, זעט איר — 500 רובל! מאַ! וואָלט איך מיר געדונגען אַ שטיבל, געמאַכט אַ שטיקל עסק...

— און אַזוי וואָס איז אייער געשעפֿט?

— ווער האָט אַ געשעפֿט?

— פֿון וואָס לעבט איר?

— דאָס מיינט איר?! מע לעבט!

— פֿון וואַנען?

— פֿון השם־יתברך! אַז ער גיט, האָט מען!

— ער וואַרפֿט דאָך נישט פֿון הימל אַראָפּ!

— ער וואַרפֿט טאַקע! איך ווייס, פֿון וואַנען איך לעב? אָט, מאַכט אַ חשבון: איך האָב אַ הון — פֿיר רובל אַ וואָך אוודאי! פֿון הויז האָב איך אַחוץ מיין דירה, אַ רובל 12 הכנסה; גייט אַראָפּ 9 רובל פֿאַדאַטעק, אַ 5 רובל אויף רעפּעראַציע, בלייבט — אַ לאָך אין קעשענע אויף 2 רובל אַ יאָר אוודאי!

ער פֿאַלט אַריין אין גדלות:

— קיין געלט, ברוך־השם, האָב איך נישט! נישט איך, נישט די אַלע יידן, וואָס שטייען דאָ, נישט אַלע יידן! אויסער, אפֿשר די דייטשן פֿון די גרויסע שטעט... מיר האָבן נישט קיין געלט. קיין מלאכה קאָן איך נישט, מיין זיידע האָט קיין שטיוול נישט געניים! פֿונדעסטוועגן, אַז השם־יתברך וויל, לעב איך; און לעב שוין אַזוי אַ יאָר עטלעכע פֿופֿציק! און — דאַרף מען אַ קינד חתונה מאַכן, מאַכט מען חתונה, טאַנצט מען אין דער כּלאָטע!

— הכלל, וואָס זענט איר?

— אַ ייד!

— וואָס טוט איר גאַנצע טעג?

— איך לערן, איך דאַוון... וואָס טוט אַ ייד?! אַז איך עס אָפּ, גיי איך אין מאַרק אַריין...

— וואָס טוט איר אין מאַרק?

— וואָס איך טו? וואָס עס לאָזט זיך! אַט, נעכטן, למשל, האָב איך, דורכגייענדיק, געהערט, אַז יונה באַריק וויל קויפן, פון אַ פּריצם וועגן, דריי טריקעס; פּאַרטאָג בין איך שוין ביים צווייטן פּריץ, וואָס האָט אַמאָל געזאָגט, אַז ער האָט צופּיל טריקעס! האָט איך געמאַכט מיט יונה באַריק יחדיו, און האָבן, ברוך־השם, פאַרדינט צו אַנדערהאַלבן קערבל־שטיק!

— זענט איר, הייסט עס, אַ מעקלער?

— איך ווייס? אַמאָל פאַלט מיר איין, קויף איך גאָר אַ קערציל תבואה!

— אַמאָל?

— וואָס הייסט אַמאָל? אַז איך האָב דאָס קערבל, קויף איך.

— און אַז נישט?

— שאַף איך מיר אַ קערבל!

— ווי אַזוי?

— ווי הייסט ווי אַזוי?

און עס דויערט אַ שטונדע, איידער איך ווער געוווּיר, אַז לוי־יצחק בערנפעלץ איז אַ שטיקל דיין און זיצט אין בוררות, אַ שטיקל מעקלער, אַ חלק סוחר, אַ פּיצל שדכן, אַמאָל, פאַלט אים איין, גייט ער גאָר אין שליחות.

און פון די אַלע אויסגערעכנטע און פאַרגעסענע „מלאָכות" פאַר־דינט ער, כאָטש בדוחק גדול, זיין ברויט פאַר ווייב און קינד! אפילו פאַר דער אויסגעגעבענער טאָכטער, ווייל איר שווער איז גאָר אַ קבצן.

י״ג.

די צווייטע פּרוּוו

מע פירט מיך אין אַ געוועלב אַריין.

עטלעכע פעקלעך זאַפּלקעס, עטלעכע פּידעלעך פּאַפּיראָסן; נאָדלען, שפּילקעס, האָר־נאָדלען, קנעפּלעך, געלער, גריגער זייף! עטלעכע שטיק־לעך הוימיש־געמלאָכטער שמעקעדיקער זייף... אַביסל בשמים, און נאָך קלייניקייטן... אַ צושפּריינג: ביים טיש ליגט אַל אַלטע סאָבע, דאָס איז שוין אַ ביי־געשעפט.

— ווער וווינט דאָ? — פרעג איך.

— איר זעט דאָך! — ענטפערט מיר אַ יידענע און קעמט וויי־טער אַ מיידעלע פון אַ יאָר צען. וואָס האָט דערווייל אַפּגעכאַפּט דאָס קעפּל

פון אונטערן קעמל, און באקוקט מיט גרויסע פארחידושטע אויגן דעם גוי, וואס רעדט יידיש!

— לייגסט צוריק דעם קאפ! חצופה! — שרייט די מוטער.

— ווי הייסט אייער מאן? — פרעג איך.

— משה!

— אויפן דייטשן נאמען?

— זיין נאמען זאל אהיימקומען! — שעלט זי פלוצעם — פיר שעה איז ער געגאנגען אפנעמען ביי דער שכנה א טעפל.

— הער אויף צו פיסקעווען — מאכט דער שמש, — זאג, וואס מע פרעגט דיך —

פארן שמש האט זי מורא, ער איז שמש און סאלטיס צוזאמען. ער נעמט צונויף די פאדאטקעס און איז, אחוץ דעם, א חשוב ביים וואיט:

— ווער פיסקעוועט? ווען? וואס? אויף מיין מאן טאר איך אויך קיין ווארט נישט רעדן.

— ווי הייסט ער אויפן דייטשן נאמען? — פרעג איך נאכאמאל.

דער שמש אליין האט זיך דערמאנט און זאגט מיר: „יונגפרייד".

— וויפל קינדער האט איר?

— איך בעט אייך זייער, ר' קרוב, קומט שפעטער, ווען מיין מאן וועט זיין; האס איז זיין זאך! איך האב אויף מיין קאפ דאס געוועלב מיט דער שטוב, מיט זעקס קינדער לאבוסעס... טשעפעט איר אייך כאטש אפ פון מיר!

איך פארשרייב דערווייל: זעקס קינדער, און פרעג, וויפל זי האט פון זיי אויסגעגעבן.

— אויסגעגעבן! הלוואי וואלט איך אויסגעגעבן, וואלטן מיר ווייניקער גרויע האר געוואקסן! ס'וואקסט ביזן גראען צאפ אריין.

—איר האט סאמע מיידלעך?

— דריי יונגען אויך!

— וואס טוען זיי?

— וואס זאלן זיי טוען? צרות טוען זיי מיר אן! זיי האבן אפענע מיילער!

— פארוואס לערנט איר זיי נישט קיין מלאכה?

זי פארציט די נאז, ווארפט א בייזן בליק און וויל מער נישט ענטפערן.

איך פאל אויף אן המצאה, קויף ביי איר א פעקל פאפיראסן, זי ווערט אביסל בעסער אויפן פנים, און איך פרעג.

— וויפל פארדינט אייער מאן?

— ער? ער פארדינט! מע קאָן זיך דען מיט אים באַהעלפֿן, נאָך אַ טעפּל צו אַ שכנה שיקן? אסור חזיר, ער זוימט שוין פיר שעה! איך וועל דען עסן היינט ווארעמס דורך אים?

זי איז ווייטער אַריין אין אַזאַרט; איך האָב געמוזט אַפּטרעטן און כאַפּן דעם מאַן אין גאַס; איך האָב אים דערקענט, ער האָט געטראָגן אַ טעפּל.

י"ד.

אין שוחטס הויז

פון שוחטס הייזל לויפן מיר אַקעגן פאַרשידענע געמישטע קולות. אַ גבור אַ האָן שרייט זיין קוקוריקו מיט גאווה, גלייך עס וואָלט קיין חלף אויף דער וועלט נישט געווען. טרויעריק האָקען מעקעט אַ צוגע־בונדן קעלבל; עס ליידט, אַפּנים, הונגער... פאַר דאָס צווישן די לאַטעס, אונטערן הויכן, געלעכערטן דאַך, טשיפּטשען הונדערטער פייגל, — זיי האָבן פליגל און לאָבן אויסן שוחט! זומער איז, די לופט איז פול מיט ווער־רעמלעך; מענטשן, אַפילו די אָרעמסטע, די קאַרגסטע, לאָזן איבער קריש־קעלעך... טשיפּ־טשיפּ־טשיפּ, טשיפּ־טשיפּ־טשיפּ! אויסגעבעט איז די נעסט; אויסגעצירט מיט גלאַנצנדיקע פאַרבן דער „ער", סקראָמנע און שטיל די „זי", און די קינדערלעך זיינען זאַט! עס איז זיי ווארעם און — אין ערגעץ נישט פאַרשריבן...

פרעגט זיי אָבער בחרם, וואָס מען מיינט „מום בקדשים"? מיט דער שאלה באַשעפטיקן זיך צוויי יונגעלייט, באָרוועסע, אין יאַרמולקעס, אויס־געטאָן ביז די טליתים־קטנים.

די יונגעלייט זיינען נאָר פסול צו רעווידירן פאַטענטן, סחורות אויף דער קאַמער, אָבער קעלבער צום מזבח — פראַנק און פריי.

ווען גאָט האָט די וועלט צעטיילט; דער פויער האָט זיך גענומען די ערד, דער פישער — דעם טייך, דער יעגער — דעם וואַלד, דער גערט־נער — די פרוכט־ביימער, דער סוחר — די מאָס און די וואָג, און אַזוי ווייטער. האָט דער פּאָעט געווילט אין אַ וועלדל. די נאַכטיגאַל האָט אים געטרילערט, די ביימער — איינגערוימט אַלערליי וואַלד־קלאַטשערייען... און די אויגן, די פּאָעטישע אויגן, האָבן זיך נישט געקענט אָפּרייסן פון דער וועשינס קניען ביים טייך און פון דער קיאַנקע אין אירע הענט, און ער האָט אַלץ פאַרשפּעטיקט! אַז ער איז געקומען, איז שוין די וועלט פאַר־

טיילט געווען. ביי גאָט איז פונזיינעטוועגן מער נישט געבליבן ווי — וואָלקן, רעגנבויגן, ראָסע און זומער־פייגל. צוריקצווועגס האָט ער שוין אפילו די וועשן נישט געטראָפן, זי האָט זיך געשטעלט ערגעץ פאַר אַן אַם...

— האָסט פאַנטאַזיע, באַשאַף דיר וועלטן אַליין! — האָט אים גאָט געזאָגט.

און מע האָט מקנא געווען דעם פּאָעט, זיין וועלט איז די בעסטע! דער פויער באַאַרבעט זיין ערד מיט נויט און שוויים. דער פישער גייט אויך נישט ליידיק; ווינטער דורכצוברעכן דאָס אייז איז נישט קיין גוטע זאַך, דער יעגער ווערט מיד פון לויפן און יאָגן. פון וואַלד־עפּל מאַכן זיך „פּאַנעס" נישט אַזוי גרינג!... דער סוחר אַפילו מוז עפּעס טאָן, כאַטש פעלשן מאָס און וואָג, — אַ נישט שטאַרבט ער פון הונגער. איין פּאָעט וואָס ליגט אויפן בויך און שאַפט זיך וועלטן!

עס איז אָבער אַ טעות געווען. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיין נשמה איז נאָר אַ קאַמערא־אָבסקורא, און די גרויסע וועלט מיט אירע גרויסע בלאָטעס, און מיט די חזירים אין די בלאָטעס פאָטאָגראַפירן זיך אָפּ אין איר! כל־זמן דער חזיר וויסט זיין אָרט, איז נאָך צו דערליידן! קוים אָבער זעצט ער זיך אויבנאָן... ווערט דעם פּאָעטס וועלט אויך חזיריש ווי אונדזערע...

מקנא צו זיין בלייבט נאָר אונדזערע יונגע לייט: דעם שוחטס זון מיטן שוחטס איידעם. אין דער וועלט פון „מום בקדשים" שלאָגט זיך אונדזער וועלט מיט די חזירים אירע נישט אָפּ, צווישן זייער וועלט און אונדזער וועלט איז גאָר קיין שייכות, קיין בריק, קיין צוזאַמענהאַנג נישטאָ.

און דעריבער, אַז איך בין געקומען פון אונדזער וועלט אויף יענער וועלט, ווערן די גמרות פאַרמאַכט, און אויף די יונגע פּנימער האָט זיך באַוויזן שרעק און וווּנדער; ווי זיי וואָלטן דערזען עמיצן פון אַן אַנדערער וועלט.

דער שוחט איז נישט אין דער היים, ער איז געגאַנגען אין דאָרף אַריין — דעריבער בלעקט נאָך דאָס קאַלב אין הויז. די שוחטקע האָט איר שניט־קרעמל.

די שנור און די טאָכטער שטייען ביים קוימען דרייפּאַכיק רויט. ערשטנס, פאַר נחת פון די מענער מיט זייער תורה; צווייטנס, פון דעם קנאַקנדיקן פייער! און דריטנס — פאַר בושה פאַר אַ פרעמדן מאַנספאַרשוין, און אַ דייטש דערצו. איינע האָט געכאַפּט אַ שפּיץ פאַרטעך אין מויל אַריין, די צווייטע האָט זיך אָפּגערוקט, גלייך זי וואָלט אויסגעגאַנגען קדושה; ביידע קוקן אויף מיר פאַרוווּנדערט פון אונטער קורצע שטערנס אונטער האָר־בענדלעך פון געפלאָכטענע פעדים.

די יונגע לייט זיינען דאָך באַלד צו זיך געקומען. זיי האָבן שוין געהערט פונעם „פאַרשרייבער”, געשמויסן זיך, אַז איך בין עס!

דאָס פאַרשרייבן גייט צו געשווינד.

דער שוחט נעמט פיר רובל אַ וואָך. אַחוץ, וואָס ער פאַרדינט אין דאָרף; ווען נישט „שחיטת־חוץ”, וואָלט ער גאָר געלויכטן. דאָס געוועלבל מאַכט ווייניק, דאָך — אַ באַרער שטענדיקער גראָשן. פרנסה, ב״ה, איז דאָ! די קינדער זיינען פאַרזאָרגט: ביז הונדערט יאָר עסן זיי קעסט; פלייש ביים שוחט פעלט נישט! איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר וועלן זיי נעמען ירושה: איינער די חזקה אויף שחיטה, דער צווייטער — דאָס געוועלבל. דאָס הייזל וועט בלייבן בשותפות!

זיי זעען בעסער אויס, ווי אַלע אין שטעטל. בעסער פאַר סוחרים, באַלעבאַטים, באַלמעלאָכעס... אַפילו פאַר די שענקער מיטן פעלדשער צוזאַמען.

עס וועט נאָך קומען אַ צייט — טראַכט איך אַרויסגייענדיק — ווען מלמדות אַפילו וועט זיין איינע פון די בעסטע פרנסות...

עס איז דאָך נישט אַזוי שלעכט ווי מע מיינט. אַחוץ רבנות, שחיטה, שמשות און מלמדות, איז דאָ נאָך אַ גוטע פרנסה...

ביים שוחט אין הויז וווינט אַ „קאָמאָרניצא”; זי צאָלט פופצן רובל אַ יאָר. די טיר איז צוגעשלאָסן, דורכן פענצטער, וואָס גייט אין גאַס אַריין, זע איך דאָך אַ גאַנץ שיין שטיבל. צוויי הויך־פאַרבעטע בעטן מיט ווייסע קישנס, הילצערנע רויט־געפאַרבטע כלי־בית, אויף דער וואַנט, נעבן קוימען, הענגען קופערנע כלים. עס בלאַנקט אַ מעשענער הענגל־לייכטער. דאָס שטיבל איז פול מיט רחבות און באַלעבאַטישקייט.

— זי האָט זילבער אויך, — זאָגט מען מיר, — איך זע אַ גרויסן קאַסטן מיט מעשענע באַשלאָגן; דאָרט מוזן זיין בענטש־לייכטער, אפשר צירונג אויך.

— וואָס קלערט איר, — זאָגט מען, — זי האָט אַ מטמון מיט געלט; דאָס גאַנצע שטעטל ליגט ביי איר אין קעשענע! זי איז אַן אַלמנה מיט דריי יתומים. אַ גאַנצע וואָך איז די דירה געשלאָסן, ווייל זי קומט אַהיים משבת־לשבת, אויסער שבת־חזון. אַ גאַנצע וואָך איז זי אין די סביבות און בעטלט מיט אַלע דריי קינדער.

ט"ו.

די סקולער רביצין

„אסתר המלכה איז געווען גרין, נאָר אַ פּאָדעם ליטוזעליקייט איז איר געווען אויסגעגאָסן אויפן פּנים". אסתר די סקולער רביצין איז אויך גרין; אָבער נישט איין פּאָדעם חסד, נאָר אַ גאַנץ בונט ליטוזעליקע שטראַלן ליגט אויף איר פּנים. און אַלטע יידענע, אַ דאַרע; דאָס קעפּל איבער־געצויגן מיט אַן איינגעשרומפּענעם דין־רויזיקן היטל, הוידעט זיך, ווי אַ הדר אין אתרוג, איבערן רויטן ברוסט־טיכל. נאָר דער אתרוג האָט צוויי ערנסטע, גוטע אויגן!

זי איז אַ היגע געבוירענע, וווינט איינע אַליין. אַלע קינדער האָט זי אויסגעגעבן אין פאַרשיידענע שטעט אַריין; נאָר זיין ביי זיי, וויל זי נישט מכמה טעמים! פּאַר שנירן און איידעמס קאָן מען נישט ערוב זיין; און אַ מאַן האַלט פאַרן ווייב, אַ ווייב — פאַרן מאַן. (נישט אומזיסט זאָגט די היילינקע תורה: „על כן יעזוב": עס ווערט טאַקע אייגן פלייש). — וויל זי זיי נישט מעביר זיין אויף „כיבוד־אם"; דאָס איז אַן אמתער: „לפני עור לא תתן מכשול".

— גאָט, ב"ה, — זאָגט זי, — האָט אמישנע באַשאַפן אַזוי דעם מענטש, אַז ער זאָל נישט זען דעם נאָענטסטנס פעלער, אַנישט וואָלט געווען אַזויפיל גטן ווי כתובות!"

צווייטנס, — האָט דער סקולער רב נישט איינמאָל געזאָגט, אַז אַן אַלמנה, וואָס קומט אָן צו אירע קינדער, איז אַ טאָפּעלע עגונה, און — „דעם סקולער רבס ווערטער האַרף מען איינפאַסן אין גאָלד און טראָגן אויפן האַלדז פאַר אַן אויבל!"

— אמת, — זאָגט זי מיט אַ שטילן זיפץ, — היינט טראָגט מען שוין נישט קיין אויבל, פאַלשע פּערל זיינען שענער!

אין סקול האָט זי נישט געקענט בלייבן. זייט דער סקולער רב, איר מאַן, עליו־השלום איז געשטאָרבן, איז איר די שטאָט נמאס ומאוס געוואָרן.

— טאַקע, — זאָגט זי, — פּנה הודה, פנה זיוה, פּנה, הדרה.

זי פאָרט אַהין איין מאָל אין יאָר, אויף דער יאָרצייט, נאָר זי קאָן זיך דאָרט לאַנג נישט אויפהאַלטן — „אַ פּוסטקע געוואָרן"!

פערציק יאָר האָט זי געוווינט מיטן סקולער רב. די, וואָס האָבן אים געקענט, זאָגן, אַז זי איז געוואָרן ער אויסן אויג.

— ער איז געווען, — ער זאָל מיר עס מוחל זיין — אַ מתנגד; האַלט זי נישט פון גוטע יידן. זיין „עבודה" איז געווען תורה פּשוט — „נגלה",

זיצט זי שטענדיק ביים „צאינה־וראינה״, אָדער לערנט דעם שלחן־ערוך אויף עברי־טייטש! אַלע צוויי ווערטער פאררופט זי זיך אויפן סקולער רב, און — זיין קול, זיינע תנועות, זיינע מנהגים.

נאָך דעם סקולער רבס קידוש און הבדלה, וויל זי קיין אַנדערנס ברכות נישט הערן; מאַכט זי זיך אַליין קידוש והבדלה, איבער חלות אָדער ראָזשינקע־וויין. און איר קידוש איז זיין קידוש אויסן אויג; דער אייגענער שטילער, באַלעבאַטישער ניגון, מיט דער אייגענער מתיקות.

זי עסט „גלאַט כשר״ און איז אַ גרויסע מלומדת.

זי קען אוודאי שאלות פסקענען אויך! זי איז אוודאי געשטאַנען פערציק יאָר נאָכאַנאַנד ביים קוימען, איבערגעדרייט מיטן גוטן פנים צום טיש, ווו דער מאַן איז געזעסן און געלערנט; מיט די טויבן־אויגן האָט זי איינגעזאַפּט יעדע תנועה זיינע; מיט די האַלב באַהאַלטענע אויגן אונ־טערן שטערן־טיכל — זיין יעדעם וואָרט... זי איז געווען אַן אמתער „עזר כנגדו״; זיין יעדער געדאַנק האָט זיך דעריבער אָפּגעשלאָגן אין איר מוח, און זיין גוטסקייט — אין איר האַרץ.

אַ טייך ליגט שוין הונדערטער יאָרן אין אַן אַנדער געלעגער, און אַלע באַוועגונגען פון זיינע פאַליעס זיינען נאָך אויסגעקריצט אויפן פעלדזן פון איבער דעם ערשטן געלעגער. דעם סקולער רבס לעבן האָט געקאָנט רויקער זיין פון אַ טייך, נאָר די הביצין איז פאַר אים קיין פעלדזן נישט געווען. גיכער אַ שוואָם, וואָס האָט אין זיך אַלץ אריינגעצויגן.

פון דער היינטיקער וועלט איז זי נישט צופרידן. „נישט פרום, — זאָל זיך דער רבונו של עולם זאָרגן... אַז זיינע יידעלעך פירן זיך אַזוי — מן־הסתם וויל ער אַזוי... נאָר — אַן אַ תכלית: די טייערסטע שטאָפן זיינען שפינוועבס, אויך נייט מען נישט ווי אַמאָל, פריער צעשניידט מען אויף קליינעם!״

— פון קיין פרוכת וועל איך שוין נישט רעדן, נאָר מע קען אפילו קיין קינד קיין בגד דערפון נישט מאַכן. די פּאַרצייטישע אויבלען ווערן אַלע מאָל טייערער, אַ שטערנטיכל האָט אַן אייביקן ווערט, אפילו פון אַ ברוסט־טוך קאָן מען אויסטעפּן די פעדעם אויף זילבער און גאָלד, נאָר פון פאַלשע פערל און דזשעטן קאָן מען שוין גאָרנישט מאַכן.

— און גלייבט מיר, אַז ס׳איז אַ סך מיאוסער, על־כל־פנים — אין מיינע אויגן!

קיין שנאה טראָגט זי דאָך קיינעם נישט נאָך.

— מיין מאַן, דער סקולער רב, זכרונו לברכה, איז אַ מתנגד געווען, און קיינמאָל נישט גערודפט קיין חסידים, — חס־ושלום!

זי געדענקט, אַז די באַלעבאַטים זיינען אַמאָל געקומען שרייען, אַז

מע איז עובר זמן קריאת־שמע — האָט זי געהערט פון זיין איגן „פּה קדוש" אַזאַ תשובה: עס זיינען פּאַראַנען, — האָט ער זיי געזאָגט, — פאַרשידענע חילות, האָבן זיי פאַרשידן כלי־זיין, אַנדערע מנהגים, נאָר אַלע דינען איין מלכות. אַפילו שטיוול, — האָט ער צוגעגעבן מיט זיין שמייכעלע — מאַכט מען אויך נישט אויף איין קאָפּיטע.

זי געדענקט אַלע זיינע ווערטלעך, און פירט זיך לויט זיינע דעות.

ער פלעגט זיך שטאַרק בייזערן, אויב אַ בעלמעלאָכע האָט זיך פאַר אים אויפגעשטעלט; ער האָט שטאַרק געהאַלטן פון נהנה מיגיע כפּו! און דעריבער, אַז זי איז אַהערגעקומען מיט אירע עטלעכע הונדערט גילדן, האָט זי זיך באַלד פאַרלייגט אַ פאַבריק פון פּאָטאַש.

— אַ יידענע — זאָגט זי — איז נישט פּטור פון דעם; עס איז נישט קיין „מצוות עשה שהזמן גרמא". דער נאָך האָט מען איר די פּאָר זהובים באַהאַלטן, און זי איז געבליבן ביים פּאָטאַש אַליין.

— עס וואָלט — זאָגט זי מיר — קיין שלעכטער מסחר נישט געווען, איך לייז, ברוך השם... פאַר ימים־טובים אַפילו צוויי—דריי רובל אַ וואָך! געלויבט איז זיין ליבער נאָמען. מיין פּאָטאַש האָט אַ שם אין די סביבות, נאָר; — היינטיקע צייטן, אַלץ גייט אויף באַרג... ווערט מיר אַמאָל פאַר־פאַלן.

איך קוק מיך אום אין אַלע זייטן; איך זע נישט קיין כלים, קיין זאַכן צו דער מלאָכה.

— דערצו — גיט זי מיר צו פאַרשטיין — דאַרף מען גאָרנישט; מע נעמט אַביסל זאָלע (אַש פון קוימען), קאַרטאָפל, און אַנדערע געוויקסן, מע צעאַרבעט אין וואַסער, לאָזט אויספּאַרען, און מע שטעלט אויספּרייען צום קוימען. פון דעם קומט אַרויס אומריינער פּאָטאַש; און — אַז מע טוט נאָכאַמאָל דאָס אייגענע, ווערט שוין דערפון „ליטער", דאָס הייסט, „ריינער פּאָטאַש"!

ביי מיין אוועקגיין, פרעגט זי מיך אַביסל פאַרשעמט און באַזאָרגט:

— זאָגט נאָר, איך בעט איבער אייער כבוד, און אַז אייערע כתבים וועלן קומען אין די גרויסע הענט אַריין, וועט מען מיך נישט הייסן נעמען אַ פּאַטענט?

ט״ז.

אַפּעקורירט

אַ רויק־שטילע זומער־נאַכט. אין עק הימל שוואַרצט זיך דאָס באַרימטע וועלדל; אויף זיינע ביימער האָבן עס אונדזערע עלטערן אויסגעשניטן די מסכתות, אויף וועלכע זיי האָבן געמאַכט אַ סיום אין וועג. דאָ נישט ווייט האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט. דער „ראש־הגולה" האָט געזאָגט: פה־לין! און פון דעמלט אָן הייסט דאָס לאַנד פּוילן; די אומות העולם קאָנען אָבער נישט אויסלייגן!

אויך האָט דאָס וועלדל אַ קורצן וועג קיין ירושלים. און — עס איז געווען אַמאָל אַ ציג, ביי איינעם פון די ל״ו צדיקים, און די ציג האָט געקענט דעם וועג; זי פלעגט אַלע טאָג לויפן זיך פּאַשען צום הר־הבית, און צוריקקומען מיט דריי טעפּ מילך פאַרן צדיקס וועגן.

רעכטס פונעם וואַלד, ביי אַ טייכל, ליגט דאָס שטעטל. עס איז געטיילט אויף צוויי חלקים. איין חלק איז אַ לאַנגע שנור — אַ גראָדע, ברוקירטע גאַס מיט געמויערטע הייזער, אונטער בלעכענע דעכער, — סאַמע גשמיות, צוגעקאָוועט צו דער ערד מיט פונדאַמענטן. די איינוווינער פון דער גאַס זיינען זיכער, אַז זיי וועלן דאָ לעבן און שטאַרבן; אַז, ווען עס זאָלן קומען אַלע ווינטן פון דער וועלט, וועלן זיי זיי נישט רירן פונעם אָרט.

דערנאָך גייט ערשט דאָס צווייטע טייל. גאָר אַן אַנדערע וועלט; סאַמע רוחניות: לייכטע הינערנע הייזער, דורכויס סאָסנע און שטרוי, זעלטן אַ שינדל־דאַך. עס בלאָזט אַ קליין ווינטל — וואיננו... צי האָפּן די איינוווינער צו געפינען דעם קורצן וועג, און זוכן, ווי די אומשטערבלעכע ציג, דעם הר הבית, אָדער זיי שפּעקולירן אויף אַ פייער־קאַסע?

און ווי ענלעך די הייזלעך זיינען צו די איינוווינער! אויך שמאָל־ברוסטיק, פאַרטונקלטע פענצטער־אויגן, איינגעהויקערטע אונטער אַ פאַרר־ויקטן שטרויענעם ספּאָדעק.

פון די סוכות קרייען אַרויס העניער, קוואָקען הינער און גענדז געגנגען. פון זומפּ, וואָס לעקט מיט שבעים לשונות די שוועלן, קוואָקען באַלעבאַטיש די פרעש. נישט זעלטן מישט זיך אַריין אַ יידיש קעלבל מיט אַ בלעק, און אַ גוישער הונט ענטפערט אים פון דער לאַנגער גאַס:

באַלד אינדערפרי וועל איך אָנהייבן פאַרשרייבן.

איך ווייס פריער, וואָס עס וועט זיין: אויב נישט 36 רובל אַ יאָר, וועט אַרויס 33 און 32... איך וועל געפינען אַ סך מלאכות און ווייניק ברכות; פאַבריקן פון פּאָטאַש, אַ סך ליידיקע שטובן... דער שמש וועט

מיר אויסרעכענען: ער איז אַ לייפּער, זי — אַ פּשעקופּקע; צוויי מיידלעך דינען אין לובלין, אין זאַמאָשטש... איין בחור איז אַ בעלפער, דער אַנדערער דינט, און די שנור מיט 3־4־5 קינדער איז אַהיימגעפאָרן צו איר פאָטער און מוטער...

איך וועל טרעפן פאַרלאָזטע קינדער, וואָס באָדן זיך צוזאַמען מיט גענדז און ענטן אין עק זומפּ; פּיצלעך דרויב, וואָס רייסט זיך די העדליזלעך אין וויג, קראַנקע אָן הילף אין די בעטן, קעסט־קינדער ביי גמרות, יינגע ווייבלעך אין פּעלענע שייטלעך מיט בושה און אָן בושה... קוים מאַך איך צו די אויגן, שווימען פאַר מיר דורך סאַמע מאַטע, גרינע, בלאַסע, פאַרקרומטע צורות... זעלטן איינע שמייכלט, זעלטן איינע מיט אַ חן־גריבל... אַלע מענער אַזוי ווייניק מענטש אַזוי גולמעוואַטע... ווייבלעך מיט פאַרטריפטע אויגן, טראָגנדיק — אַ מולטער אויבס, אַ זאַק ציבעלעס, אָדער אַ פרישן „אתה בחרתנו" מיט אַ זאַק ציבעלעס צוזאַמען. — איך ווייס פאָרויס, אַז איך וועל טרעפן אַ טריפהנע שענק, צוויי־דריי פערד־גנבים, און מער ווי צוויי־דריי פאַסירער...

נאָר וואָס וועט זיין פון דער סטאַטיסטיק? צי קאָן זי ענטפערן אויף דער פראַגע: אויף וויפל ליידיקע מאָגנס, ליידיקע ציין; אויף וויפל מענטשן, וואָס אַ שטיקל דאַר ברויט ציט זיי די אויגן ווי מיט צוואַנגען אויס די לעכער אַרויס; אויף וויפל מענטשן וואָס זיינען באמת געשטאָרבן פאַר הונגער — עס פאַלט אויס אַ טריפהנע שענק, אַ גנב און אַ פערדס־גנב?

די געלערנטע מעדיצין האָט דערפינדן אַ מאַשין, וואָס פאַרשרייבט דעם דופק, דאָס האַרצקלאַפּן; די נאַרישע סטאַטיסטיק שפּילט זיך מיט ציפערן.

צי ווייסט זי, וויפל מאָל און — יעדעס מאָל — ווי טיף און ווי שטאַרק דאָס האַרץ האָט געקלעמט ביי אַ שפּאַנישן מיוחסעס אייניקל, דעם תבואת־שורס אַ זון, אָדער אַזוי אַ באַלעבאָס, איידער ער האָט דאָס ערשטע מאָל אָפּגעטאָן, וואָס נישט רעכט איז? און ווי לאַנג עס האָט דערנאָכטן געבלוטיקט? צי ציילט זי כאָטש די פריער און שפּעטער נישט געשלאָפענע נעכט? צי רעכנט זי, וויפל טעג הונגער, וויפל מאָל די קינדער האָבן זיך געוואָרפן אין קראַמף, וויפל מאָל די הענט און פיס האָט געוואָרפן דאָס פיבער ביים ערשטן אָנגיסן אַ גלעזל בראָנפן אין אַ פּאַטענט?

אין דער ליידיקער לופט שווימען פאַר מיר אַרויס געלע, בלאַסע און בלויע פּנימער און ברוין־בלויע פאַרברענטע ליפן — ליספּעלן:

— פיר און צוואַנציק טעג איז אויף מיין קוימען קיין פייער נישט געווען.

— צען טעג דורכאַנאַנד האָבן מיר געגעסן שאָלן פון קאַרטאָפל.

— דריי זיינען געשטאָרבן אָן אַ דאָקטער, אָן אַ רעצעפּט; דאָס פערטע האָב איך שוין געמוזט ראַטעווען.

די הייזעריקע ווערטער שניידן מיר דאָס האַרץ, ווי אַ שטומפּיק מע־סער; איך אַנטלויף פון פענצטער, ביי וועלכן איך בין געשטאַנען; אָבער די שטוב איז פול מיט געשפּענסטער.

ביים אויוון שטייט אַ רויטער ייד, אַן אָנגעפּרעסענער —

— כי, כי! — לאַכט ער, — גנבענען, קויפן אַ גנבה? אויך אַ גע־שעפט! לכל־הפּחות אַ חודש זיצן! — און אַ חודש וואָלט איך היזק געהאַט אַ מטמון... אויף מיר וועלן אַלע פּריצים עדות זאָגן... ערלעך, ערלעך!

דאָס קול איז נאָך ערגער; עס זעגט... איך וואַרף מיך אויפן בעט, איך פאַרמאַך די אויגן, און עס באַווייזט זיך מיר די אַלטע גוטע סקולער רביצין.

— אָבער, — מאַכט זי מיט איר קינדיש זילבערן קול, — אָבער, אַז אויב נאָך אַלעם וועט זיך אַרויסווייזן נישקשהדיק, — ווייסטו, קינד מיינס, זאָגן פּרק: ועמך כולם צדיקים?..

עס דאַכט זיך מיר, אַז אירע בלויע, גוטע, טויבענע אויגן גלעטן מיין היסן שטערן מיט פאַרכישופט־ליכטיק־זיסע, לייטזעליקע שטראַלן.

אונטער די אויגן בין איך איינגעשלאָפן, און ביידע מלאכים, דער יצר־טוב מיטן יצר־הרע, האָבן זיך מיר געחלומט. איך האָב זיי געזען ווי זיי פליען אַראָפּ פאַרטאָג פון הימל, איינגעהילט אין אַ רויזיקן לייכטן נעפּל.

דער יצר־הרע האָט געטראָגן אין איין האַנט — אַ בלוי פּאַפּיר מיט אַ גרויס שוואַרץ אויג אין דער הייך, פון דער לינקער זייט, — אַן אַקט, אוודאי פון אַ הויז, אפשר אַ גוט... טייערע קליידער, אתוץ, שטריימלעך, קאַפּטאַנעס מיט סטראָקעס, זיידענע גאַרטלען, ווי אויך צילינדער און פרעק, ווי פאַר איינעם. אויך: שטערנטיכלעך, אויבלען, ברוסט־טיכער פון גינגאָלד, העדלזער פּערל, ווי אויך — זיידענע און אַטלאַסענע שלעפּן פון אַלערליי קאָלירן, — דאָס אַלץ אין איין האַנט, און אין דער צווייטער: שאָלן פון קאַרטאָפל...

דער יצר־טוב — נאַקעט און בלויז, אָן קליידער און אָן כלים, אַזוי ווי גאָט האָט אים באַשאַפן...

ביידע פליען. עס דאַכט זיך מיר, דער יצר־טוב וויל מיר עפּעס זאָגן, ער עפנט דאָס מיילעכל... אָבער נישט זיין קול וועקט מיך אויף, נאָר אַ ווילד געשריי: עס ברענט! איך שפּרינג אויף, אַ שריפה פּונקט קעגנאיבער!

אַ פּייערדיקע צונג שטרעקט זיך אויס צו מיר, און זי, דאַכט זיך, זאָגט:

— שרעק נישט... אַסעקורירט!

י״ן.

דער נשרף

די פייערדיקע צונג האָט מיר אַרויסגעשטרעקט ר׳ חיים ווייצנזאַנגס הויז. וואָס אַמאָל ווערט די צונג גרעסער, דאָס הויז קלענער, ביז עס איז אינגאַנצן איינגעפאַלן אין אַ ים פון יללות און געשריי פאַר שרעק. צום גליק איז קיין ווינט בשעת־שריפה נישט געווען.

אַז פון הינטערן באַד איז אַרויס די זון, אַ רויט־חנעוודיקע, ווי אַ יונגע צדיקת נאָך טבילה, האָט זי שוין מער נישט געזען, ווי שוואַרצע, לאַנגע מענער־קעפּ מיט שטעקעלעך צווישן די גלאָווניעס. זיי זוכן „שיריים" פון ווייצנזאַנגס עשירות, צווישן די „שיריים" פון ווייצנזאַנגס הויז.

אַרום הייזל שטייען ישוין רעדלעך געלע ווייבער. זיי האַלטן זיך צו מיט די „אָפּגעגאָסענע נעגל" די ברודיקע שאַלן איבער די אומגעוואַשענע קעפּ, און מיט בלאַסע ליפּן באַקרעכצן זיי און באַוויינען דאָס הויז.

מיטן מאָרגן איז אָנגעקומען אַ פּריש ווינטל. פריער וואָלט עס זיך די הענט צעפּירט, אַצינד שאָקלט עס קוים מיטן איבערגעבליבענעם אַלטן קוימען, ווי מיט אַ לולב איבער די ווייבער. דער קוימען שאָקלט זיך און קרעכצט טרויעריק, ווי אַן אַלמן — אַן אָבל. און אפשר הערט ער, ווי דער גאַסט־הייער פאַרציילט מיר דעם „חורבן־הבית" און שאָקלט צו מיטן קאָפּ: אמת, אמת!

געשווינדער ווערסטו אַמאָל אויפקלויבן יעדן פאָדעם, יעדן שטויב פון לעבן, פון וועלכע דער שר של שינה האָט דיר אויסגעוועבט אַ פאַנטאַס־טישן חלום, איידער דו וועסט נישט אויסזוכן אַלע מעשים, וואָס אַ ייד מוז טאָן, איידער זיין אויער דערהערט דעם זיסן קלאַנג פון קופּערנעם גראָשן.

איך זאָל וועלן אַלץ פאַרשרייבן, וואָלט אַ שטעטל געדאַרפט האָבן אַ בלאַנקעט, ווי די „יריעה מיט די זילבערנע פּליטערלעך", וואָס דער רבונו של עולם האָט אויסגעשפּרייט צווישן „רגלי השכינה" און אונדזערע קעפּ, כדי די אויגן פון אַ בשר ודם זאָלן נישט זען, וואָס פאַר אַ מינע ער, כביכול, מאַכט, ווען אַזאַ מטופל שטעלט זיך אַנידער, הייבט אויף דעם קאָפּ מיטן אויסגעברענטן מוח, פאַרלאָשענע אויגן און ציטעריקן גאָרגל, און, צוהאַלטנדיק דעם לײַדיקן, איינגעצויגענעם מאָגן מיט אויסגעקנאַקטע, דאַרבייניקע הענט — און ער בעט אָן אַ קול, אָן אַ לשון — די צונג וויל זיך נישט איבערהרייען — נאָר דאָס בלוט זייערס רופט! „רבונו של עולם", איך האָב מיינס געטאָן, אַצינד מוזטו שוין העלפן! „רבונו של עולם"! פרנסני כעורב... וואָס בין איך ערגער פונעם פויגל? — רבונו של

עולם, ווו זיינען מיינע קרישקעלעך? ווען וועט זיין מיין שבת־שירה?"

און לויטן לייב, וואָס ער האָט אויף זיך, איז ער גאַנץ ענלעך צו אַ פויגל; עס פעלט אים נאָר פליגל, און דעריבער אויך אַ נעסט מיט קרישקעלעך...

פאַר דאָס זיינען אַמאָל די יידישע פרנסות אַזוי ספּעציאַליזירט, אַז זייער גלייכן וועט זיין אין 21־טן יאָרהונדערט, ווען איין ספּעציאַליסט וועט אויפהייבן די אויבערשטע ברעם, דער צווייטער — אַראָפּדריקן די אונטערשטע און אַ דריטער וועט באַטראַכטן דאָס קראַנקע אויג.

ווען אַ קאַלבס־בראָטן, אַ שמאַטע אין אַ פאַבריק פון פּאַפּיר, אָדער אַן עקספּאָרטירט איי — זאָלן האָבן אַ מויל צו רײדן און דעם רבין ר' העשלם זכרון, וואָלטן זיי דאָך נישט אימשטאַנד געווען אויסצורעכענען, וויפל יידישע הענט עס האָט זיי אַרויסגעצויגן און אַריינגעפירט, — פון פויערס אָבאָרע אין בראָט־פּאַן, פון מיסטקאַסטן אין האַלענדער אַריין, מעבדות לחירות...

און אַ יידישע פרנסה איז אויך אַזאַ לייטער, ווי יעקב אָבינו האָט געזען אין חלום, בשעת ווען פון אַלע שטיינער איז פאַר זיין קאָפּ איין שטיין געוואָרן. אַ לייטער, וואָס שטייט אויף דער ערד און גרייכט ביזן הימל אַריין.

ווי טיף זי איז איינגעגראָבן אין דער ערד, ווייסט נאָר דער וואָרעם, וואָס ליגט אונטער אירע פיס; ווי הויך זי שטייט — נאָר דער שטערן, וואָס לייכט איבער איר.

אונדזער איינעם שווינדלט, אַרויפקוקנדיק, פאַר די אויגן, אַראָפּקוקנ־דיק אַלץ טיפער און טיפער — דרייען זיך איבער די גדערעם, און דאָס פּנים ווערט אויף אייביק גרין.

אויף דער לייטער גייען מלאכים אַרויף און אַראָפּ... מענטשן, ליידער, קלעטערן מיט די לעצטע כוחות אַרויף און פאַלן אָן כוח אַראָפּ. אַ ייד, ווען אפילו ער ברעכט נישט האַלדז און נאַקן, ווען ער בענטשט שוין גומל, האָט ער שוין אויך נישט קיין כוח נאָכאַמאָל צו קלעטערן...

אויף אַזאַ לייטער איז געקראָכן אונדזער נשרף.

פריער איז ער „געלאָפן" אויפן דאָרף, אונטער די באָרוועסע פיס האָט אים די ערד געברענט. דעם קין קלינגט נישט דעם ברודערס בלוט אין די אויערן, נאָר ווייב און קינדס געשריי: עסן!

גאָט האָט געהאָלפן; אַ פאַר יאָר דורכאַנאַנד האָט ער סאַמע מציאות געקויפט; נאָך אַ משך פון אַ פאַר יאָר — אַוואַנסירט פון אַ „לויפער" אויף אַ „גייער": אינדערהיים איז שוין דאָ פאַרראַט אויף אַ גאַנצער וואָך, דער מוח איז רויקער, און האָט שוין צייט צו פילן, אַז די פיס ווערן גע־שוואָלן, אַז אַ טאַטע פון זעקס קינדער דאַרף גיין, נישט לויפן, אויב ער

ווײל, אַז די פּיס זאָלן אים דערטראָגן על־כּל־פּנים ביז צו אײנעמס בר־מצווה...

און גאָט ב״ה האָט װײַטער געהאָלפן; ער איז שוין, ברוך־השם, אַ דאָרף־סוחר! דאָס הײסט: ער גײט שוין צו פּיס נאָר דעמאָלט, װען עס מאַכט זיך אים נישט קײן געלעגנהײט: פון אײן דאָרף אין צװײטן אַרײַן פאַר אַ קאָפּיקע. מאַכט זיך אָבער אים אַ געלעגנהײט — פאָרט ער.

גאָט, ברוך־הוא, האָט װײַטער געהאָלפן; נאָך אַ פּאָר יאָר, און ער האָט שוין זײַן אײגענע פערד־און־בודקע!

און די צײַט שטײט נישט, ער רוט נישט, גאָט, ברוך־הוא, העלפט, — פון פערד װערט אַ פּאָר פערד, פון דער בודקע — אַ בריטשקע. עס קומט נאָך צו אַ שמײסער! ער איז שוין תבואה־סוחר; פריער האַנדלט ער מיט פויערים, דערנאָך — מיט פּריצים!

און אַז גאָט העלפט, קריגט מען חן בײַ לײַט: פריער בײַם גומיענני, דערנאָך בײַם עקאָנאָם, דערנאָך בײַם זשאָנדצע, דערנאָך בײַם לאָקײ פון הויף, און גאָר צום סוף בײַם כראַביע פּ. אַלײן. אָ! דעמאָלט װערט ער שוין אַ תושב, — אַן „אײנגעזעסענער״ אין שטעטל. פון שמײסער װערט אַ הײ־מישער משרת, פערד און װאָגן פאַרקויפט, און אין דער קעשענע ליגן דעם כראַביע פּ.׳ס קװיטלעך...

װאָס איז ער אַצינד?

אין שטעטל זעט ער שוין אויס װי אַ זון, אַרום װעלכער עס דרײען זיך די שטערן — קלענערע סוחרים, און כוכבי דשביט — מעקלערס.

ער באַשײַנט און באַליכט דאָס גאַנצע שטעטל מיט קרעדיט. יעלענ־סקין זעט ער אויס װי אַ שפּין, װאָס זיצט אינמיטן װעבעכץ, און װי דער כראַביע פּ. איז אײנער פון די פליגן, װאָס װערן פאַרפּלאָנטערט.

נאָך אַ צײַט האָט אונדזער „זון־שפּין״, אָדער „שפּין־זון״ פאַרגרע־סערט דאָס הײזל, געשריבן מיט קינדער תנאים, צוגעזאָגט נדן, געקויפט דער װײַב פּערל, זיך — אַ שאַפּן־פּעלץ, באַשטעלט פאַר די ייִנגלעך בעסערע מלמדים, פאַר די מײדלעך — אַ לערער, אויסצולערנען כאָטש אַ ייִדיש בריװל שרײַבן...

פלוצלינג (על־כּל־פּנים — פאַרן שטעטל) האָט דער כראַביע פּ. באַנק־ראָטירט און אונדזער שפּין־זון, אָדער זון־שפּין האָט אויף אַמאָל אַלץ פאַרלוירן.

— — — — — — — — — — — — — — — —

אַ חודש פריער, װען איך פאָר דורך, װאָלט איך געװען פאַרשריבן: אַ הויז, — 1500 רובל, אַ פּראָפּינאַציע, אַ האַנדל פון װאַלד און תבואה, אַ פּראָצענטניק.

ער האט ביים כראביע פ. 15000 רובל אויף 10 פראצענט, נישט אויף דער היפאטעק, נאר אויף האנט־קוויטלעך...

היינט פארשרייב איך איין ווארט:

„נשרף"!

איך קען דאך צוגעבן:

„א ייד, צווייאון אכציק יאר, געשוואלענע פיס, א הויז־געזינד פון זיבעצן פארשוין"...

י"ח.

דער עמיגראנט

איך עפן א טיר.

א שטוב אן בעטן, אן כלים, אנגעשיט מיט היי און שטרוי. אינמיטן שטוב שטייט אן איבערגעדרייט פעסל. ארום פעסל — פיר מארזאקעס־קינדער מיט צעשויבערטע האר, ארום א גרויסע געלע ליימענע שיסל מיט „פיצמיטהאנע", פון וועלכע זיי שעפן מיט די רעכטע הענטלעך מיט בלעכענע פארגריזטע לעפל. אין די לינקע הענטלעך האלטן זיי צו שטיקלעך קלייען־ברויט.

אין איין ווינקל אויף דער ערד זיצט א בלאס ווייבל, און די טרערן קאפען איר פון די אויגן אויף דער קארטאפליע, וואס זי נעמט זיך צום שיילן. אין צווייטן ווינקל ליגט „ער", אויסגעצויגן אויף דער ערד.

— בחינם אייער טרחה, ר' קרוב, — מאכט ער צו מיר, און הייבט זיך נישט אויף, — בחינם אייער טרחה: איך בין שוין נישט קיין הונגער.

אז ער זעט, אז איך האב דאך קיין חשק נישט אוועקצוגיין, הייבט ער זיך לאנגזאם אויף.

— נו, ווי וועל איך אייך זעצן? פרעגט ער פאהדריסלעך.

איך בין אים מבטיח, אז איך קען שרייבן שטייענדיק.

— איר וועט פון מיר גארנישט האבן! איך ווארט נאר אויף א שיפס־קארטע... איר זעט דאך, איך האב שוין אלץ פון שטוב, אפילו די כלים צו דער מלאכה, פארקויפט.

— איר זענט א באלמעלאכע? פרעג איך.

— א שניידער.

— און וואס נייט אייך ארויסצופארן?

— דער הונגער.

און דער הונגער איז געלעגן אויף זיין פנים, אויף איר פנים, און נאך

מער אין די קינדערס ברענענדיקע אייגעלעך איבער דער פיאַמיטהאַנע.

— קיין אַרבעט נישטאָ?

ער מאַכט מיט די פּלייצעס. עס הייסט: אָן דעם האָט מען שוין לאַנג פאַרגעסן.

— וווּהין פאָרט איר?

—קיין לאָנדאָן. איך בין שוין איינמאָל אין לאָנדאָן געווען, שיין געלט פאַרדינט. מיין ווייב 10 רובל אַ וואָך געשיקט, און אַליין ווי אַ מענטש געלעבט, — האָט דער שוואַרץ־יאָר אַהיימגעשלעפּט.

איך האָב געקלערט, אַז דער „שוואַרץ־יאָר" איז דאָס ווייב.

— פאַרוואָס האָט איר אייער פאַמיליע נישט מיטגענומען?

עס האָט מיך אַליין צוריקגעשלעפּט! פינצטער חושך איז דאָרט. אַזוי ווי איך האָב צוגעמאַכט אַן אויג, האָט זיך מיר געחלומט דאָס שטעטל, דער טייך אַרום, דער וואַלד... עס איז מיר דאָרט ענג געווען, עס האָט גע־צויגן און געצויגן...

— דאָ איז טאַקע — זאָג איך — אַ הערלעכע געגנט.

— לופט בחוצי חינם!... און מיר שלינגען שוין, ברוך־השם, לופט דריי יאָר! היינט פאָר איך שוין מיט ווייב און קינדר! אָן עק זאָל עס האָבן.

— און עס וועט אייך ווייטער אַ שאָד זיין דער וואַלד?

— דער וואַלד — פאַרקרימט ער זיך מיט אַ ביטערן שמייכל — מיין ווייב איז איבערגעבעטן געגאַנגען אין וואַלד אַריין קלויבן יאַגדעס, האָט מען זי אָפּגעצויגן און נאָך מיט אַ פּאָר ביימשן מכבד געווען.

— אַ טייך האָט איר... — וויל איך אים אַוועקציען פון די טרויעריקע געדאַנקען. זיין בלאַס פּנים ווערט נאָך בלאַסער —

— דער טייך! דעם זומער האָט ער מיר אַ קינד צוגענומען.

איך בין קוים אַרויס פון שטוב.

י"ט.

דער משוגענער

איך בין אַהיימגעקומען אויף דער סטאַנציע דענערווירט. איך בין לאַנג געלעגן אויף דער האַרטער סאָפע, איידער איך האָב געקאָנט צומאַכן אַן אויג. עס וועקט מיך אַ שאָרך, דורכן פינצטער גנבעט זיך עמיצער צו מיר אַריין. איך זע אויף דער פּוטרינע צוויי האַרע, ברודיקע הענט. עס הייבט זיך איבער זיי אויף אַ צעשויבערטער קאָפּ מיט צוויי ברענענדיקע אויגן און אַ געל פּנים.

— מיך ווילט איר נישט פאַרשרייבן? — פרעגט דער קאָפּ שטיל.

איך האָב נישט געוווּסט, וואָס צו ענטפערן. ער רעכנט: שתיקה כהודאה, און שטייט שוין אין מיטן שטוב.

דערשראָקן און נאָך מער פאַרוווּנדערט, לאָז איך פון אים קיין אויג נישט אַראָפּ.

— פאַרשרייבט! — מאַכט ער אומגעדולדיק. — דערלאַנגען אייך טינט און פעדער? — ער וואַרט ווייטער נישט אויף תשובה און רוקט מיר צו, צו דער סאָפע, דאָס קליינע טישל מיטן שרייב־געצייג.

— שרייבט, איך בעט אייך, שרייבט!

און דאָס קול איז אַזוי מילד און שטיל, עס שלייכט זיך אַזוי לייכט אַריין אין האַרץ, אַז איך הער מיך אויף צו שרעקן.

איך זעץ מיך אויף צום פאַרשרייבן. איך פרעג, און ער ענטפערט.

— איר הייסט.

— יונה.

— אויפן צונאָמען?

— ייִנגלווייז האָט מען מיך גערופן יונה ציג, נאָך דער חתונה — יונה הראַנג; נאָר זייט עס האָט זיך מיט מיר דאָס מכשול געטראָפן — דער משוגענער יונה.

— אויפן דייטשן נאָמען?

— אַ... דאָס מיינט איר? באַלד, באַלד — פערלמאַן! איר זעט מיינע פערל?!

ער ווייזט מיר די צעריסענע רויטע פאַטשיילע אַרום האַלדז, און זאָגט:

— אמתע פערל, האַ! — נאַר — איך הייס אַזוי! וואָס זאָל איך טאָן?

— אַ ווייב?

—זי זאָלט איר בעסער נישט פאַרשרייבן... זי וווינט נישט מיט מיר... זייט דאָס מכשול האָט מיך געטראָפן, וווינט זי נישט מיט מיר... אַ ווויל ווייבל! איך וואָלט איר זייער גערן געגעבן גט, נאָר דער רב לאָזט נישט; ער זאָגט איך טאָר נישט, — אַ ווויל ווייבל!

דערביי ווערן אים די אויגן פייכט.

— זי האָט אַפילו דאָס קינד צו זיך גענומען. עס איז אים ביי איר בעסער. וואָס וואָלט איך געטאָן דערמיט? אַרומגעטראָגן? מע וואַרפט אויף מיר שטיינער, מע וואָלט מיר נאָך דאָס קינד געשעדיקט.

— איין קינד האָט איר?

— איינס.

— וואָס פאַר אַ „מכשול" האָט אייך געטראָפן?

— איר זאָלט אַזוי וויסן פון אַלדאָס בייז, אויב איך ווייס וואָס. דער עולם זאָגט — אַ דיבוק. דער רופא זאָגט, אַז עס איז מיר אַ שטיין געפאַלן אין קאָפּ אַריין, האָט זיך מיר די נשמה, אָדער ווי ער זאָגט, „דאָס היות” אַראָפּגעלאָזט אין בויך אַריין, דער שוואַרץ יאָר ווייסט מיך! איך געדענק נישט דעם שטיין. אַ בייל אויפן קאָפּ האָב איך אַפילו.

ער נעמט אַראָפּ דאָס היטל מיט דער יאַרמולקע צוזאַמען, בייגט איין דעם קאָפּ און ווייזט מיר אַ גאָל בערגל צווישן די האָר.

— אפשר איז עס פון אַ שטיין, נאָר משוגע בין איך, דאָס איז אמת!

— וואָס איז אייער שגעון?

— צוויי דריי מאָל אין טאָג האָב איך די נשמה אין בויך, דערמלט רייד איך פון בויך אַרויס, און קריי ווי אַ האָן... איך קאָן מיך באַין אופן נישט איינהאַלטן, באַין אופן נישט.

— פאַרן מכשול וואָס זענט איר געווען?

— איך בין נאָך גאָרנישט געווען. עס האָט מיך געטראָפן באַלד ביים ערשטן יאָר קעסט... דעריבער האָב איך טאַקע נאָר איין קינד. געזונט און שטאַרק זאָל עס זיין.

— האָט איר עפּעס געלט?

— איך האָב געהאַט עטלעכע גילדן נדן. אַ סך אַוועקגעגאַנגען אויף רפואות, גוטע יידן... די רעשט האָב איך איר אַוועקגעגעבן.

— פון וואַנען לעבט איר?

— פון צרות... יינגלעך וואַרפן מיר שטיינער, קאָן איך מיך נישט אַרומדרייען אין מאַרק, אַזוי וואָלט איך אפשר עפּעס פאַרדינט געבן אַ סוחר...

מע פלעגט אַמאָל אויף מיר רחמנות האָבן, מקרב זיין. היינט — שלעכטע צייטן; מוז איך בעטלען, בעטל איך פאַר וואַרעמס, ווען די קינדער זיינען נאָך אין חדר.

און איך האָב ווייניק חערפּון... דאָס שטעטל איז קליין; אַחוץ מיר זיינען נאָך דאָ משוגעים... אָט זאָגט מען, ערשט נעכטן, האָט די „לאָקשיכע” געוואָרפן דער דינסט אַ פאַן אין קאָפּ אַריין. זי וועט זיכער משוגע ווערן, גאַנץ זיכער; איך ווייס נאָך נישט, צי זי וועט קרייען ווי איך, צי בלאָזן אין דער פויסט אַריין, ווי שלמהטשע דעם רבס, אָדער שווייגן ווי חנה, די טוקערין...

כ.

בלאַנקעטן

איך וויל דאָס שטעטל נישט אָנרופן בײַם נאָמען, נאָר נאָך אײנס אַזוינס ווען איך טרעף אויפֿן וועג, וואָלט איך אויך אָנגעהויבן קרייען. — טאַט אייך בלאַנקעטן!

„געווען אַן אויסגעצייכנטער שוסטער, מפֿרנס געווען ווייב און קינדער (זעלטן — ווייניקער אַלס פֿיר — פֿינף) בכבוד. געווונען אויף דער לאָטעריע, אויף אַ „בראָנשווייגער", — אַ מטמון מיט גאָלד... אָנגעהויבן טרינקען, אַלץ פֿאַרטרונקען, ווייב און קינדער אויף דער מדינה געלאָזט, און אַליין איז ער נעלם געוואָרן. ושטאַרבט אוודאי ערגעץ אונטער אַ צוים".

נאָר דאָס איז ווייניק יִדישלעך. נאַט אייך „מים שלנו" זיין שותּף צום בראָנשווייגער:

„געווען אַ מלמד. געווונען אויף דער לאָטעריע, געדונגען בשותּפֿות מיטן רבין אַ מיל. די מיל איז געגאַנגען קאַפּויר; באַנקראָטירט... הײַנט איז ער שמש אין אַ חסידים שטיבל. קיין פּענסיע נעמט ער נישט, נאָר ער פֿאַרקויפֿט אין שטיבל דעם ביטערן טראָפּן. דאָס ווייב איז אַן איינקויפֿערין, צעטראָגט אין די הייזער אייער, פּוטער. זי פֿאַרדינט ווייניק, ווייל זי איז לאָם. איין זון איז אַוועק, דער צווייטער אַרבעט ערגעץ בײַ אַ סטאָליער; איינער איז אין דער היים, — קראַנק אויף שקראָפֿול".

„אַלמנה ביילע באַשע — (דעם צונאָמען קאָן מען נישט געוויר ווערן) ווינט צוזאַמען מיט אַ שנור אַ זעלנערקע. (דער מאַן איז נעלם געוואָרן אין טערקישן קריג). די שנור פּליקט פֿעדערן. זי איז אַ מוקערין און אַ וועכטערין בײַ „קימפּעטאָרינס" אָדער אַזוי בײַ קראַנקע. זומער, כּל־זמן דער פּריץ האָט געלאָזט, פֿלעגט זי קלויבן יאַגדעס אין וואַלד. אַ קראַנקע יידענע, בעטלט אַביסל צו".

„זייגוול גראף — ערשט נישט לאַנג געוואָרן אַ שינדער. פֿאַראַיאָרן איז ער נאָך געווען אַ גרויסער פּישער, האָט ער אָפּגעדונגען דעם טײַך, וואָס דער פּריץ האָט געוואָלט פֿאַרדינגען אַ קריסט; אַ סך אָפּטרעט געלט געגעבן. אַ גאַנצן זומער האָט ער געכאַפּט נאָר טריפֿהנע פֿיש, און איז בדיל הדל געוואָרן".

„שמערקע בענטשעס — אַ געוועזענער דאַנציקער סוחר... שוין אַ יאָר צוואַנציק, אַז ער איז אַהיימגעקומען מיטן בייטש־שטעקעלע... האַנדלט פֿון דעמלט אָן מיט ראָזשינקע ווײַן אויף קידוש. דאָס ווייב — אַ נייטאָרין; שוין אַ פּאָר יאָר ליידט זי אויף די אויגן. זיי האָבן אַפֿילו קיין קינדער

נישט, נאָר עס איז אַ גרויסע קאָנקורענץ אויף ראָזשינקע ווײַן, לעבן זיי בדוחק".

„מלך פערלס — אַ שיינער יונגערמאַן, נישט לאַנג נאָך קעסט... געהאַנדלט בשותפות מיט אַ תבואה־סוחר, אָנגעווירן דאָס געלט; דערווײַל איז דער שווער געשטאָרבן אין אָרעמקייט. מע ווייסט נאָך נישט, צו וואָס ער וועט זיך נעמען, אינגאַנצן דריי קינדער. נישט מער".

מע האָט מיך נאָך געבעטן, איך זאָל פאַרשרייבן איינעם (מע האָט פאַרגעסן, ווי ער הייסט) אַ געלן ייִד, מיט ווײַב און קינדער (מע געדענקט נישט וויפל, נאָר אַ סך) ער ציט זיך היינט־מאָרגן אין שטאָט אַריין. דער פריץ האָט אים אָפּגעזאָגט פון דער פאַכט. מע ווייסט נאָך נישט, צו וואָס ער וועט זיך נעמען, נאָר — פאַרשרייבן מעגט איר אים!"

כ"א.

דער למדן־וו"ניק

—בײַ אונדז — די מעשה דערציילט מיר אַ דרדקי־מלמד — איז טאַקע אין דער אמת געווען אַ למדן־וו"ניק.

— ער האָט אַליין געזאָגט? — פרעג איך.

— אַ שיינער למדן־וו"ניק וואָלט ער געווען, ער זאָל אַליין זאָגן! ער האָט געלייקנט שטיין און ביין. אַז מע האָט אים געפרעגט דעריבער, איז ער געוואָרן מלא חמה, אָנגעצונדן. נאָר, אַ קשיא אויף אַ מעשה, געוויר געוואָרן איז מען, געוווסט! — יאָ... די גאַנצע שטאָט, קינד און קייט האָט געוווסט! אַ שאלה דאָס איז! מע שמועסט — ברור כשמש! עס זײַנען געווען אין דער התחלה בלתי־מאמינים, האָבן זיי טאַקע געהאַט אַ מיאוסן סוף.

אָט, למשל: יעקב יוסף ווײַנשענקער, אַ ייִד אַפילו אַן ערלעכער, אַן איש מכובד, האָט עפּעס, איך ווייס נישט ווי אַזוי, געדרייט אויפ'ן מיט דער נאָז. גערעדט? חס־ושלום! נאָר אַזוי, אַ דריי געטאָן מיט דער נאָז, ווי איינער רעדט — מוחל! גאָרנישט! — נו, וואָס קלערט איר? עס איז נישט אויסגעגאַנגען פינף, זעקס יאָר — ואיננו! יעקב־יוסף ליגט אויפן קברות. אַ החמנות איז געווען אויף לאה דער מילכיקערן! עס איז געווען אַ בלאָטע און זי האָט אים פון דער קלאָדקע נישט אָפּגעטרעטן; וואָס זאָל איך אײַך זאָגן, פון דעמלט אָן איז איר מילך געוואָרן געוואָרן בײַ אַלע באַלעבאַטים אפשר אַ חודש נאָכאַנאַנד. און דאָ העלפט נישט קיין בעטן. אַז מע קומט צו אים מאַכט ער זיך כלא־ידע און — שעלט נאָך!

—און גלאַט — ווייל איך מיין חריפות באַווייזן — תלמיד חכם, שמחל על כבודו אין כבודו מחל!

— תלמיד־חכם!? איז א למדן־וו"ניק א תלמיד־חכם? און רעכט עברי, מיינט איר, האָט ער יאָ געקענט? נח מיט זיבן גרייזן! און גלאַט?! עברי איז געהרגישט! ביי אונדז האַלט מען נישט פון קיין עברי. ער האָט אַפילו נישט געקענט מעביר זיין די סדרה. און פונדעסטוועגן, זעט איר, האָט זיין תהילים זאָגן געמאַכט אַזאַ רושם אין די עולמות עליונים! נאָך יענער רב, זכרונו לברכה, האָט געזאָגט, אַז וועלוול (אַזוי האָט ער געהייסן, דער למדן־וו"ניק) לעכערט אַלע שבעה רקיעים! און נאָר זיין תהילים מיינט איר? איך וועל אייך פאַרציילן, וואָס אַ מענטש איז! ביי חנה דער טוקערין איז לאַ עליכמדיק געוואָרן די ציג, האָט זי זי געטריבן צום זגאַכער, וואָס וווינט הינטער דער שטאָט. די ציג וואַקלט זיך, אַזוי חולה איז זי געווען.

אויפן וועג — ס'איז טאַקע געווען מן השמים — טרעפט זיך די ציג מיטן למדן־וו"ניק. און אַזוי ווי זי וואַקלט זיך, האָט זי זיך אָנגערידט אין זיין בגד. וואָס קלערט איר? כאחד האדם! אין דער רגע געזונט געוואָרן. זי האָט עס געהאַלטן אַפילו בסוד, האָט זיך אָבער געטראָפן אַזאַ מעשה: עס איז געוואָרן אַ פּגירה אויף ציגן, טאַקע ממש „אין בית"... האָט זי אויסגעזאָגט די סגולה. האָט מען אַרויסגענאַרט וועלוולען אין מאַרק אַריין און אַרויפגעיאָגט אויף אים אַלע ציגן.

— און אַלע זיינען געזונט געוואָרן?

— אַ שאלה דאָס איז, אַפילו טאָפּלט מילך געגעבן! די טוקערין האָט דערפאַר באַקומען אַ גראָשן פון אַ ציג; נתעשר געוואָרן!

— און ער?

— ער? גאַרנישט! אַז ער האָט אַלץ אָפּגעלייקנט, נאָך געבייזערט זיך און געשאָלטן... און אַזוינער טאָר גאָר קיין געלט נישט נעמען, ער איז דאָך קיין גוטער ייד נישט... ער קען דאָך נישט נתגלה ווערן!

— פון וואָס האָט ער געלעבט?

— אַמאָל איז ער אַ שוסטער געווען (אַ למדן־וו"ניק מוז דאָך זיין אַ באַלמעלאָכע; כאָטש אַ וואַסער־טרעגער, נאָר אַ נהגה מיגיע כפּו), אין זיינס אַ פּאָר שיך פלעגט ער, זאָל לעבן, גיין צו סנדקאות... נאָר אויף דער עלטער איז ער געוואָרן אויס שוסטער; ער האָט שוין נישט געקענט אַפילו קיין דראַטווע ציען, ווער שמועסט אַ לאַטקעלע לייגן... די הענט האָבן אים געציטערט... נאָר אַזוי: אַ שליחותל, אַ קענדל וואַסער, אַ לינה, אַ תהילים זאָגן... פון דער תוכחה... און ווינטער! דער עיקר פון הרובע הייצן אין בית־המדרש!

— האָלץ האָט ער געטראָגן?

— געטראָגן?! און חברה ווו איז? מע האָט געבערענגט האָלץ אַריינגעלייגט, ער האָט קאָמאַנדירט און אונטערגעצונדן... מע זאָגט „אַ דומם”, אַן אויוון! און זעט איר, דער בית־המדרש אויוון האָט אים אַזוי געקענט, ווי אַ ווייב, להבדיל, אַ מאַן! אַז ער האָט אונטערגעהייצט, האָט זיך געברענט; עס האָט געמעגט זיין אַ ווינט סכנות־נפשות! אומעטום האָט געראַוכט, און דער בית־המדרש אויוון האָט געפּלאַקערט! און דער אויוון איז געווען אַ צעשפּאָלטענער, אַ זקן־מופלג! און לאָז אַן אַנדערער פּרוון צוגיין — באין אופן! אָדער עס ברענט ניש, אָדער דער רויך יאָגט פון אַלע שפּאַלטן; און אַ נישט, אַז נישט דאָס און נישט יענץ, גייט אַרויס די וואַרעם דורכן קוימען, און בייגאַכט ווערט מען שיר נישט געפרוירן. דערנאָך, אַז ער איז נפטר געוואָרן, האָט מען טאַקע געמוזט אַריינשטעלן אַן אַנדערע כלי; ווייל אויפן אַלטן אויוון האָט קיינער קיין שליטה נישט געהאַט!...

אַ שאָד אַזאַ ייד! כל־זמן ער האָט געלעבט, איז געווען פּרנסה; היינט, רחמנא־לצלן, אויסצוגיין פּאַר אַ דרייער. און מע האָט קיין דאָקטוירים נישט געדאַרפט...

— ואָלץ זיין תהילים?

— איר פרעגט ערשט! מע שמועסט „תציל ממות”! בחוש!

— איז קיינער נישט נפטר געוואָרן אין זיין צייט?

— כולי האי! קיינער נישט נפטר געוואָרן! וואָס איז, דער מלאך־המות מיינט איר, האָט שוין קיין דעה נישט? וויפל מאָל, מיינט איר, האָט דער „ייד” אַליין, זכרונו לברכה, אָנגעוואונטשן לרפואה שלימה, און ער, דער שטן, האָט זיך געשטעלט „שטאַרצעם”, נו, האָט עפּעס געהאָלפן? אַ מלאך איז פאַרט נישט קיין קליניקייט! און דאָס בית דין של מעלה פּסקענט אים אויך אַמאָל צו! ווי חען! קיין דאָקטער האָט מען פאַרט נישט באַדאַרפט; עס האָט טאַקע קיינער דאָ נישט אויסגעהאַלטן; היינט האָבן מיר צוויי דאָקטוירים!

— חוצן זנאַכער?

— ער איז שוין אויך פאַרמאַפּט געוואָרן...

— געפּגרט?

— אויף אַזוינעם זאָגט מען נישט געפּגרט... די סיטרא אחרא איז אויך נישט קיין קליניקייט...

כ״ב.

דער מסור

אויב טאַמאַשאָוו האָט געהאַט אַ למד־וו״ניק, האָט זי פּאַרדאָס געהאַט אַ מסור אויך! דאָס האָט מיר פאַרציילט דער דרדקי־מלמד, און ער איז אויך ערשט נישט לאַנג — נאָר איך ווייס נישט, וואָס מע זאָגט — נפטר, געשטאָרבן, צי פאַרכאַפּט געוואָרן.

און אפשר מיינט איר — אַ פּראָסטער מסור; פשוט כמשמעו: ער האָט געוועזן ערגעץ אַ פאַלשע מאָס, אַ נישט גלייכע וואָג, איז ער געגאַנגען און האָט אויסגעזאָגט? חס־ושלום, דווקא נישט! נאָר „לא־יחרץ״־געלט! נאָר געסטראַשעט: אָט גייט ער, אָט לויפט ער, אָט פאָרט ער, אָט שרייבט ער, אָט שיקט ער אַ „שטאַפּעט״! וכדומה גוטע זאַכן; און האָט אויסגעצויגן די קליי פון די ביינער...

— און איזן איז ער אַ מכה שולדיק געווען — פאַרציילט דער דרדקי־מלמד — איך געדענק דאָך נאָך, ווען ירוחם האָט אים אַראָפּגע־ברענגט! אַ זיידענער יונגערמאַן! נאָר ירוחם האָט צוגעזאָגט כּדן מיט קעסט און אַליין נישט געהאַט קיין מזון סעודה אחת. און ירוחם אַליין איז אויך אַ מכה שולדיק: דער ברודער זיינער געצל — אַ כּילי, אַ גביר ועצום), דער האָט דאָס גרעסטע חלק דערינען!

עס איז די מעשה מיט צוויי ברידער: איינער אַ קלוגער און אַ גוטער, און דער צווייטער אַ נאַר און אַ שלעכטער. דער גוטער־קלוגער איז אַן אביון. און דער שלעכטער נאַר — אַן עושר גדול. פאַרשטייט זיך, אַז דער רייכער וויל דעם אָרעמען נישט העלפן.

— מילא, כּל־זמן עס איז געגאַנגען וועגן מזונות, האָט ירוחם גע־שוויגן. אָבער, אַז די בתולה זייטע, גרונע, איז איבערגעוואַקסן למעלה מעשרים אמה און אַ 19—20 יעריקע בוגרת געוואָרן, האָט שוין ירוחם געשטורעמט. שטאָט און רב האָבן זיך אַריינגעלייגט און געצל האָט געגעבן אַ קוויטל: אַז, אַ יאָר אחר החופּה, וועט ער אויסצאָלן אַזויפיל און אַזוי־פיל. פריער וויל ער נישט: דאָס פּאָר פּאָלק קאָן זיך נאָך צעגיין, ירוחם וועט אויפעסן דאָס געלט, און מע וועט ווייטער שטורמען נדן.

געוואָלט האָט ער — דריי יאָר, געפועלט האָט מען אויף אַ יאָר! נאָך אַ יאָר, געצל זאָגט לאו הכי! בדיניהם איז דאָס קוויטל נישט ווערט געווען אַ דרייער, דערווייל איז געוואָרן אויס „יד ישראל תקיפה״; דער אַלטער רב איז נפטר געוואָרן, דער נייער רב מישט זיך נישט, ער האָט מורא פאַרן קאַזיאָנע, דער קאַזיאָנע שיקט אָפּ לערכאות... און — גאָרנישט!

געצל גיט נישט א דרייער! ירוחם ווערט נעלם; אדער צו א גוטן ייד, אדער אויף דער מדינה... און בייניש בלייבט ביי גרונען!

דעם ריבונו של עולמס דרכים זיינען טאקע נישט צום פארשטיין! עס איז דאך נאריש, ער איז געווען א בחור. זי — א בתולה, און דאך א זיווג, נישט לפי מעשיו, און — אן אשה — א מאשין, א קאזאק, און א מאן — א גארנישט, א זעקל ביינער, א גל ושל עצמות! וואס קלערט איר, זי האט אים געגומען אין דער לערן און געמאכט פון אים א לייט.

זי האט'ן נאר אנגעדרייצט אויף געצלען. ער זאל נישט לאזן אויסנעמען. נישט לאזן געבן אים קיין עליה... עס האט געהאלפן ווי אן ארבעס אן דער וואנט! געצל האט'ן אויסגעפאטשט, און פון דעמלט אן האט זיך דער יונג געשעמט צו קומען אין בית־המדרש אריין.

איינמאל, פאר פסח, אז ס'איז שוין געווען כלה כל הקצין, האט גרונע ווייטער געיאגט בייניש צום פעטער, און געיאגט מיט א בעזעם; בייניש איז נאכאמאל געגאנגען, און דער פעטער האט אים נאכאמאל ארויסגעווארפן...

און דא איז געשען א מעשה נורא. וואס אויף דער וועלט קאן זיך טרעפן! מיין צווייט ווייב איז דעמלט נאך א גרושה געווען און געוווינט ביי גרונען קאמארינע; און זי האט אליין געזען, ווי בייניש איז אהיימגעקומען נישט טויט און נישט לעבעדיק און האט געציטערט ווי אין א פיבער. א מבין איז מיין פלוניתטע, (איזדער האם אורחים־הויז, איז אפגעברענט געווארן, איז זי הארט באלעבאסטע געווען) האט זי באלד געזען, אז עס איז נישט פשוט!

און דא דארף נאך גרונע אהיימקומען פון מארק, (זי איז געזעסן מיט בייגל) וועט זי אים דערלייגן; האט זי אים פאר רחמנות אן עצה געגעבן, ער זאל זיך לייגן אפרוען אויפן פיעקאליק... און ער, רחמנא לצלן, איז געווען ווי א גולם. מע זאגט אזוי, זאל זיין אזוי; ער איז ארויף אויפן פיעקאליק.

גרונע איז אהיימגעקומען. מיין פלוניתטע האלט בשתיקה; בייניש שלאפט אויפן פיעקאליק, אדער ער מאכט זיך שלאפנדיק. און אפשר איז ער שוין נישט געווען ביי די קלארע געדאנקען. ווארעם, אזוי ווי געצל האט'ן ארויסגעווארפן, האט ער באלד א געשריי געטאן, אז ער וועט אויסזאגן, וווּ דער זון ליגט באהאלטן; און ביי קלארע געדאנקען וואלט בייניש אזוינס נישט געזאגט.

ווי עס איז געווען, אויף דער געצלעבע האבן די ווערטער א גרויסן רושם געמאכט. מיינע שונאים זאלן אזוי וויסן פון זייער לעבן, אויב בייניש האט נאר געוווסט ווו יונה־געצלס איז באהאלטן! נאר — א יידע־

נע — א מאמע! א בן־יחיד!... וואָס קלערט איר — א שפּייז־קראָם האָט זי געהאַט, נעמט זי א טרעגער מיט א זעקל פּסחדיק מעל און הייסט זיך נאָכטראָגן צו גרונען —

זי קומט אריין... (נאָר א שאָד מיין ווייב איז נישטאָ! זי איז דאָך געווען דערביי; אַז זי דערציילט, איז צו קייכן פון געלעכטער) זי קומט אריין, דעם טרעגער לאָזט זי אין הויז.

„גוט מאָרגן, גרונע!" גרונע ענטפערט נישט; ווערט איר שוין פינצטער פאַר די אויגן. „ווו — פרעגט זי — איז ביינישל?" — „דער שוואַרץ יאָר זאָלן ווימן!" ענטפערט גרונע און דרייט זיך איבער צום קוימען, שוימט אַלץ דאָס יאיכל. איז ער דאָך אוודאי געגאנגען מסרן! מיין געצלעכע רופט אריין דעם טרעגער, מע ליינט אָפּ דאָס זעקל מעל, גרונע זעט נישט, אָדער מאַכט זיך נישט זעענדיק, דער מזיק זאָל זי ווימן! די געצלעכע הייבט אָן פלאָמען און צאַפּלען, „גרונישע, מיר זייגען דאָך קרובים, איין בלוט... רופ׳ן צוריק! לאָז ער מיך און זיין נשמה נישט אומברענגען!"

אצינד ערשט האָט זיך גרונע איבערגעדרייט. קיין נאַרישע יידענע איז זי נישט געווען, באַלד פאַרשטאַנען אין וואָס עס גייט, אויסגענאַרט נאָך א פּאָר קערבלעך און געלאָפן מכלומרשט אָפּזוכן ביינישן...

אין שטעטל איז באַלד א שם געוואָרן, אַז ביינישן מסרט... און גרונע האָט הנאה געהאַט דערפון... זי האָט געהאַלטן ביינישן אויפן פּיע־קאַליק און געסטראַשעט און געצאַפּט ביי אַלע באַלעבאַטים, ווו נאָר עס איז געווען עפּעס א חטא.

— איז זי דאָך גאָר דער מסור געווען?

— פריער זי און דערנאָך ער אליין. פאַר האַרצדריקעניש האָט ער אָנגעהויבן צו טרינקען; דערנאָך האָט ער זיך שוין אין די שענקען ארומ־געוואַלגערט און אליין געמאַכט די קוניץ. ער האָט שוין אפילו גרונען א דרייער נישט געגעבן און אַלץ פאַרשאַשעט... א שאָד אַזא כלי! וואָס פון אים איז געוואָרן!

— וואָס איז געוואָרן?

— ער האָט זיך די קישקעס פאַרברענט... פריער נאָך איז ער משוגע געוואָרן, אין די גאַסן ארומגעלאָפן, אָדער וואָכטוויז ערגעץ הינטער א צוים אָפּגעלעגן... נאָר אהיים צו גרונען — באין אופן נישט! אַז ער איז שוין גאָר חרוב געוואָרן, האָבן אים צען מענטשן נישט געקאָנט

אַרײַנפֿירן צו גרונען אין שטוב אַרײַן. ער האָט געשלאָגן, געביסן... מע האָט אים געמוזט נעמען אין בית־המדרש אַרײַן (דאָס אורחים־הויז איז שוין נישט געווען) און דאָרט איז ער נפטר געוואָרן. מע האָט אים אַפילו געוואָלט ראַטעווען, אַ מומחה גערופֿן, מע האָט תהילים געזאָגט...

— דער למד־וו״ניק אויך?

— אוודאי!

— נו?

— אַ מענטש אָן קישקעס, טו עפּעס!

1891 י.



פרץ און יעקב דינעזאָן

דערציילונגען

דער בעלמער מלמד

„אמאָל איז די וועלט אַזוי פאַרפּלייצט געוואָרן מיט תאוות" — דערציילט שכנא פאַר אַ גאַנצן רעדל אין בית־המדרש — אַז מע האָט מורא געקריגן, דער ריבונו של עולם זאָל נישט, כביכול, פאַרגעסן פאַר גרויס גרימצאָרן די שבועה און נישט עפענען די טויערן פון הימל און ברענגען אַ מבול, נאָר אָן נחן און אָן דער תיבה. עס איז, רחמנא לצלן, געווען באו מים עד נפש — ווי זאָגט ער, ביז האַלדז! עס איז אַזוי ווייט געקומען, ביז די ל"ו צדיקים האָבן מורא געקריגן פאַר זיך אַליין און זיינען זיך צוזאַמענגעקומען אויף אַן אסיפה קיין בראָטקעוו. זיי זיינען געזעסן און האָבן געקלערט זיבן טעג און זיבן נעכט; עס איז שוין ביי זיי געווען אַ סבּרא, מע זאָל מאַכן כלו חייב, זאָל משיח קומען, וועט נעמען אַן עק. ס'איז אָבער אינמיטן געווען אַ פּראָסטער ייד, אַ וואַסער־טרעגער, ער האָט זיך איינגעשפּאַרט: ניין און ניין. ס'איז אַראָפּגעקומען אַ בת־קול, דער מלאך גבריאל האָט זיך באַוויזן, מע האָט געזאָגט, אַז מע וויל אַזוי אויפן הימל, אין די עולמות העליונים; אונדזער וואַסער־טרעגער קוקט נישט אויף די אַלע זאַכן, ער וויל נישט קיין עבירה טאָן! מע האָט זיך אַזוי לאַנג געאַמפּערט, ביז עס איז געבליבן, מע זאָל צע־רעכט־מאַכן דעם יצר־הרע.

אַלע ל"ו צדיקים זיינען געווען פּראָסטע אָרעמע יידן: אחוץ וואַסער־טרעגער זיינען נאָך געווען שוסטער, האָלץ־העקער, שטיינער־קלאַפּער וכדומה. נאָר איינער פון זיי האָט פּונקט פאַר אַ קורצער צייט אָפּגענומען אַ גרויסע ירושה פון אַ מומען, וואָס איז געשטאָרבן אין אַלכּסנדריאַ של מצרים, און ער האָט נאָך קיין צייט נישט געהאַט גכשל צו ווערן אינעם גאָלדענעם עגל. אָט פאַר זיין געלט האָט מען אַראָפּגעבראַכט, און טאַקע פון מצרים, אַ סריס.

מע האָט אַראָפּגעבראַכט אַ סריס, מע האָט אים פאַרשטעלט פאַר אַ גוטן יידן, מיט באָרד און פּאות, מיט אַ קאַפּטאַן און מיט סטראָקעס. שיך

און זאָקן, מיט אַן אָפּן האַרץ און מע האָט זיך אָנגעהויבן רייצן מיטן יצר־הרע: אָט דאָ, ביי דעם צדיק, ווייז דיין גבֿורה!

דער יצר־הרע איז געקומען; וואָס זאָל ער ווייזן? ער זעט אַ ייד מיט באָרד און פּאות און צעלאַכט זיך אויף אַ קול: כאַ, כאַ, כאַ! אַ גרויסע זאַך אַרויסצוברענגען צו אַן עבֿירה.

אים איז געראַנישט איינגעפאַלן, אַז דאָס איז אַ סריס. ער זעצט זיך לעבן אים אַנידער, הייבט זיך אָן מיט אים צו ווערטלען, ריידן אַביסל חניפה, חכמהלעך, עזותקייט, ניבול־פה; דער סריס אָבער פאַרשטייט נישט קיין וואָרט און גיט אפילו נישט קיין שמייכל. דער יצר־הרע איז אַזש הייזעריק געוואָרן: דאָס ערשטע מאָל טרעפט זיך אים אַזוי־פיל אַרבעט ביי אַ גוטן יידן! ער גיט אַ פייף: רחמנא לצלן! עס באַווייזן זיך אַלערליי נשים: גבֿאיטעס, פּראָסטע ווייבער, יונגע ווייבלעך און אַזוי נקבֿות. זיי קומען אָן פּאָרלעכווייז, ווי די עופות טמאים אין נחס תיבֿה אַריין, אָנגעטאָן אויף פאַרשידענע אופנים: מיט קרינאָלינעס, אָן קרינאָלינעס, פאַרהאַנגענע, פאַר־שטעלטע, האַלב־נאַקעטע, און מיט פאַרשידענע מידות: לאַכנדיקע, וויי־נענדיקע, שעלטנדיקע, שרייענדיקע — אָבער עס העלפט ווי אַן אַרבעס אָן דער וואַנט! אַ טייך מיט שוויים האָט שוין דעם יצר־הרע באַגאָסן, ער איז אַזוי מיד געוואָרן, גלייך ער וואָלט אַ גאַנצע וואָך האָלץ געהאַקט. און דער סריס רירט זיך אַלץ נישט! דער יצר־הרע גיט נאָך אַ פייף און ברענגט אַרויף רחבֿ־הזונה — עס גייט נישט, כאָטש צעריים זיך! „איך וועל נאָך מאַכן די לעצטע פּראָבע — זאָגט דער יצר הרע — מאַסאַזש! איך וועל נאָך פּרוון אים אַביסל איינרייבן!״ ער כאַפּט דעם סריס און קנייטשט אים, ביגט אים, רייבט אים און גליט אים. ווער, וואָס? דער יצר הרע האָט אַזוי לאַנג אומזיסט געאַרבעט איבערן סריס, ביז ער האָט אָנגעהויבן סאָפּען ווי אַ גאַנדז; עס האָט אים געבראָכן הענט און פיס און האָט פּלוצים אָנגעהויבן צו חלשן.

די ל״ו צדיקים האָבן נאָר דערויף אַרויסגעקוקט. זיי האָבן גענומען דעם יצר הרע, געבונדן מיט דרייסיק בינטלעך כפול־שמונה ציצית, געקוילעט מיט אַ מוהל־מעסער, אַריינגערוקט אין אַ הייסן באַק־אויוון און פאַרברענט אויף קויל. נאָך דעם האָבן זיי גענומען דאָס אַש, און, אַז עס איז געוואָרן אַ שטאַרקער שטורעם־ווינט, האָבן זיי עס פאַרשפּרייט און צעזייט אויף די פיר ווינקלען פון דער וועלט.

אין הימל איז געוואָרן אַ גרויסע שמחה, אויף דער ערד אַ גוט יאָר; אַ לעבן ווי אונטער דער זון: די אומות העולם האָבן אויפגעהערט צו האַלטן מלחמה; מאַן און ווייב האָבן זיך נישט געקריגט און די קאָ־טשערעס מיט די לאָפּעטעס האָט מען נאָר באַנוצט צו חלה־באַקן; אַלע

מלכים האָבן אַהיימגעלאָזט דאָס חייל, די ביקסן האָט מען אוועקגעשענקט קליינע קינדער אויף ל"ג בעומר, און די האַרמאַטן האָט מען גענומען אין די דערפער אַריין און געשטעלט פאַר סטראַשאַקעס אויף די פעלדער. דעמלט האָט מען געמעגט טייטלען מיט די פינגער אויף יעדן האַרמאַט, לאַכן און חוזק מאַכן, ווייל עס וועט אַריין. עס איז געווען אויף דער וועלט שלום ושלווה, לעבעדיק, פריילעך.

עס וואָלט אַלץ גוט געווען, נאָר די חופּה־שטאַנגען, אַזוי ווי זיי זיינען געשטאַנען אין ישול אין אַ ווינקעלע, אַזוי האָט זיי קיינער נישט גערירט. אַלע מאַנצבילן זיינען געוואָרן פּרושים, אַלע ווייבער גבאיטעס און צנועות — אַ גאַנץ יאָר ימי הגבלה! רבנים, שמשים, חזנים, שדכנים און קלעזמער זיינען אַרומגעגאַנגען פּוסט־און פּאַס: אויס חתונה־הוצאות, אויס חתונה־קליידער, אויס נדן, אויס חופּות — הכלל, נאָר מע זיצט און מע לערנט!

די וועלט האָט זיך פאַרזאָרגט: סטייטש? שטאַרבן שטאַרבט מען און קיינער ווערט נישט געבוירן! עס איז אַזוינס נאָך נישט געהערט געוואָרן — און גאָט ווייסט, וואָס עס וואָלט געווען, ווען נישט דער בעלמער מלמד!

אַט הערט אויס אַ מעשה:

נאָך פאַר די ל"ו צדיקימס אסיפה האָט אַ בעלמער מלמד דערפילט, אַז דער יצר־הרע דלובעט אים שטאַרק דעם מוח... ער האָט אים געשלעפּט אין בית־המדרש אַריין — אָך איז מיר! — ער גייט מיט; ער איז מיט אים געפאָרן צו אַ גוטן ייד, מהייכא־תיתי, ער פאָרט גאַנץ גערן; ער גייט מיט אים אין מקווה אַריין, דער ימח־שמוניק האַלט צו די נאָז — נאָר גיין גייט ער. דער מלמד האָט געזען, אַז עס איז שלעכט, ער קען פאַרלירן דאָס מלומדות, האָט ער זיך מיישב געווען און איז אַנט־לאָפן העט, העט אין וואַלד אַריין...

זיבן יאָר איז ער געווען אין וואַלד, געשלאָפן אויף דער גאָלער ערד. געגעסן פוילע וואָרצל און געזאָגט תהילים מיט זוהר. ער איז אַזוי אויס־געדאַרט געוואָרן, אַז מע האָט אים געקענט דורכציען דורך אַן אויערל פון אַ נאָדל, און אַזוי דורכזיכטיק, אַז מען האָט אים גאָרנישט געזען. ער איז פּראָסט געוואָרן אַ רואה ואינו נראה, איר פאַרשטייט?

אַז ער איז געקומען צו דער מדרגה, האָט ער זיך אויפגעהויבן צוריק צו גיין אין ישוב אַריין; אים האָט זיך געדאַכט, אַז אַצינד איז ער שוין אויף אייביק באַפרייט פון דעם יצר הרע, אַז ער מעג שוין פאָרן אַהיים.

נאָר קוים איז ער אַרויס פונעם וואַלד — כאַפּט זיך אויף פּלוצים אַ שטורעם־ווינט, און קערט איבער וועלטן! דאָס איז געווען פּונקט

דעמלט, ווען די ל"ו צדיקים האָבן צעשפּרייט דעם יצר־הרעס אַש אויף אַלע פיר עקן פון דער וועלט. און עס האָט אים, נישט פאַר אייך געדאַכט, אַרייַנגעפּרושעט אַ שטויב אַש אינעם לינקן אויג. אַ שיינע מעשה! דאָס לינקע אויג האָט אָנגעהויבן צו זען אַזוינע זאַכן, וואָס, רחמנא לצלן, מע זעט עס נישט אויף דער גאַנצער וועלט. פונעם לינקן אויג האָט זיך באַלד אָנגעשטעקט דאָס רעכטע אויג, באַלד איז עס אים געקראָכן אין מוח, נאָך דעם אין האַרצן אַריין; איך וועל אייך לאַנג נישט ברייען — דער בעלמער מלמד איז געוואָרן פול מיט יצר־הרע, און אַז ער איז געקומען צוריק אין ישוב אַריין, האָט ער, וואָס טויג אייך מעשות, צוריק אָנגעשטעקט די גאַנצע וועלט.

מיין זיידע, עליו השלום, וואָס האָט מיר דערציילט די מעשה, פלעגט אַלץ זאָגן, אַז ווען נישט דער בעלמער מלמד, וואָלטן מיר שוין לאַנג נישט געווען אויף דער וועלט! און ווען ער, דער זיידע, עליו השלום, האָט געזען אַ חתונה, אַ ברית, אָדער אַ פּדיון הבן, פלעגט ער אַלץ זאָגן: „דאָס איז דעם בעלמער מלמדס מלאכה: אין יעדן פון אונדז שטעקט אַ שטיק בעלמער מלמד!..."

1889

דער תענית

א ווינטער־נאַכט! שרה זיצט ביים „קאַגאַניק” און שטאָפּט אַן אַלטן זאָק. די אַרבעט מיט געפרוירענע הענט גייט נישט זייער געשווינד; פאַר קעלט זייגען איר אויך ברוין און בלאָ געוואָרן די ליפּן, אָפּט ליגט זי אַוועק די אַרבעט און צעלויפט זיך איבער דער שטוב, צו דערוואַרעמען די געפרוירענע פיס.

אין אַ בעט אויף אַ גאַלן שטרוי־זאַק שלאָפן פיר קינדער: אין יעדער זייט צו צוויי קעפּ, איבערגעדעקט אינדערמיט מיט עטלעכע אַלטע קליידער.

וואָס אַמאָל כאַפּט זיך אויף אַן אַנדער קינד, עס הייבט זיך אויף אַן אַנדער קעפּל און רופט: עסן!

— וואַרט, וואַרט, קינדערלעך, — טרייסט זיי שרה, — אָט, באַלד וועט קומען דער טאַטע, ברענגען וועטשערע; איך וועל אייך אַלע אויפוועקן!

— און וואַרעמס — פרעגן די קינדער ווייניקנדיק — מיר האָבן דאָך קיין וואַרעמס נישט געגעסן!

— וואַרעמס אויך!

זי גלייבט דאָך אַליין נישט אין דעם, וואָס זי זאָגט; זי זוכט מיט די אויגן אין אַלע זייטן, טאָמער וועט זי נאָך עפּעס געפינען צו פאַרזעצן... — נישטאָ!

ליידיקע, נאַסע פיר ווענט! אַ צעשפּאָלטענער אויוון! אַלץ איז נאַס און קאַלט!... אויפן קוימען שטייען אַ פּאָר צעבראָכענע טעפּ, אויפן אויוון — אַן אַלט, אויסגעבויגן בלעכן חנוכה־לעמפּל; אין דער הייך אין באַלקן שטעקט אַ נאָגל — אַ זכר פון אַ הענגל־לייכטער, צוויי ליידיקע בעטן און אַ קישן... גאָרנישט, גאָרנישט מער!

עס האָט לאַנג געדויערט איידער די קינדער זייגען ווידער אײַנגעשלאָפן. שרה קוקט אויף זיי מיט האַרץ־ווייטיק, מיט רחמנות, און טראָגט איבער די פאַרוויינטע אויגן צו דער טיר. זי האָט דערהערט טריט;

שווערע טריט אויף די טרעפּ אין דער סוטערינע אריין; קאַנען קלאַפּן, דאָ אין דער רעכטער, דאָ אין דער לינקער זייט וואַנט, אַ שטראַל פון האָפענונג באַליכט איר איינגעשרומפּן פּנים. זי קלאַפּט אַ פּאָר מאָל אַ פּוס אין אַ פּוס, הייבט זיך שווער אויף און גייט צו צו דער טיר. זי עפנט, עס קומט אריין אַ בלאַסער, איינגעבויגענער ייִד מיט ליידיקע קאַ־נען.

— נו? — פרעגט שרה שטיל.

ער שטעלט אוועק די קאַנען, ליגט אָפּ די יאָך, זיפצט אָפּ און ענטפערט נאָך שטילער:

— גאָרנישט, גאָרנישט! מ׳האָט מיר אין עררגעץ נישט באַצאָלט... מאָרגן, זאָגט מען... יעדער זאָגט אַלץ — מאָרגן... איבערמאָרגן... ראָש־חודש...

— די קינדער האָבן כמעט אין מויל נישט געהאַט — מאַכט שרה — כאָטש גוט — זיי שלאָפן... בידנע קינדער מײַנע! זי קאָן זיך נישט איינהאַלטן און הייבט אָן שטיל צו וויינען.

— וואָס וויינסטו, נאַר!? — פרעגט דער מאַן.

— אַך, מענדל, מענדל... די קינדער זיינען אַזוי הונגעריק!...

מיט גוואַלט וויל זי איינהאַלטן די טרערן.

— און וואָס וועט זיין אונדזער סוף? — קלאָגט זי זיך, — מיט יעדן טאָג ווערט ערגער!

— ערגער? ניין, שרה! זינדיק נישט מיט די רייד! פאַראַיאָרן איז ערגער געווען, ערגער! אויך אָן ברויט און דערצו נאָך אַ דירה! די קינדער האָבן זיך בייטאָג געוואַלגערט אין גאַס, ביינאַכט — אין די הויפן... היינט כאָטש אויף אַ שטרוי־זאַק, כאָטש אונטער אַ דאַך!

שרה האָט זיך שטאַרקער צעוויינט.

זי האָט זיך דערמאָנט, אַז דעמלט איז איר טאַקע אינמיטן גאַס אַ קינד אוועקגעקומען. עס האָט זיך פאַרקילט, הייזעריק געוואָרן און גע־שטאָרבן.

— און געשטאָרבן ווי אין וואַלד... נישט געוועזן מיט וואָס צו ראַ־טעווען... מ׳שטייגט געזאָגט (זיי צו לענגערע יאָר) נישט אַפילו די שול איינגעריסן, נישט דאָס פעלד געמאָסטן, קיין עין־הרע נישט אָפּגעשפּראָכן... אַזוי, אויסגעגאַנגען ווי אַ ליכט!

און ער טרייסט זי:

— וויין נישט, שרה, וויין נישט... זינדיק נישט פאַר גאָט!

— אַך! ווען וועט ער שוין אויף אונדז רחמנות האָבן!

— האָב אויף דיר אַליין רחמנות, לאָז דיר נישט צו אַזוי צום האַרץ! זע, ווי דו זעסט אויס! היינט צען יאָר איז געווען אונדזער חופּה... קוק אָן דיין פּנים... וויי און ווינד! דו ביסט דאָך געווען די שענסטע אין שטאָט!

— און דו?! דו האָסט דאָך געהייסן, געדענקסט, מענדל גיבור... היינט ביסטו געבויגן אין דרייען, קראַנק... כאָטש דו האַלטסט פאַר מיר בסוד?!

— אַך, גאָט! גאָט! — רייסט זיך איר אַרויס אַ געשריי.

די קינדער כאַפּן זיך אויף און בעטן: עסן, ברויט!

— חלילה! ווער עסט היינט? — האָט זיך מענדל פּלוצלינג אָנגערופן.

די קינדער זעצן זיך אויף דערשראָקן.

— היינט איז אַ תּענית, — זאָגט מענדל מיט אַ פֿינצטער פּנים.

עס האָט געדויערט אַ פּאָר מינוט, איידער די קינדער האָבן פאַרשטאַנען וואָס מען רעדט צו זיי.

— וואָס פאַר אַ תּענית? — וואָס פאַר אַ תּענית? — פרעגן זיי וויינענדיק.

און מענדל פאַרציילט מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, אַז היינט, נאָך ביי שחרית, צו קריאת התורה, איז אַראָפּגעפאַלן די ספר תורה פון שולחן.

— דעריבער — זאָגט ער — האָט מען אויף מאָרגן אויסגערופן אַ תּענית, אפילו פאַר זויגעדיקע קינדער!

די קינדער שווייגן און ער פירט ווייטער:

— אַזאַ תּענית ווי יום־כיפור, ווי תשעה־באָב: פון היינט פאַרנאַכט אָן! — די פיר קינדער שפּרינגען פלינק אַרויס פון בעט און הייבן אָן באָרוועס, אין די צעריסענע העמדלעך, צו טאַנצן איבער דער שטוב און צו רופן:

— מיר וועלן פאַסטן! פאַסטן!

מענדל פאַרשטעלט מיט די פּלייצעס דעם קאַגאַניק! זיי זאָלן נישט זען, ווי די מוטער גיסט מיט טרערן.

— נו, גענוג! — באַרויקט ער די קינדער — גענוג! אין אַ תּענית טאָר מען נישט טאַנצן... אם ירצה השם, — שמחת־תורה!...

די קינדער זיינען צוריק אין בעט אַריין.

פאַרגעסן דעם הונגער!

אַ מיידעלע הייבט אָן זינגען „אבינו מלך” „אויפן הויכן באַרג”... אַ קעלט לויפט מענדלען אַדורך אַלע גלידער...

— זינגען טאָר מען אויך נישט, — מאַכט ער מיט אַ פאַרשטיקטער שטימע. —

די קינדער ווערן שטיל און שלאָפן איין, מיד פון טאַנצן און זינגען. איינער דאָך, דער עלטסטער, וועקט זיך נאָך און פרעגט:

— טאַטע, ווען ווער איך בר מצווה?

— נאָך ווייט, חיימ׳ל, נאָך ווייט... נאָך פיר יאָר, זאָלסט מיר לעבן און געזונט זיין...

— דעמאָלט וועסטו מיר קויפן אַ פּאָר תפילין?

— ווי דען?

— און אַ תפילין־זעקעלע?

— מן־הסתם!

— און אַ סידורל?... אַ קליינס מיט אַ גאָלדענעם שניט?

— מיט גאָטס הילף... בעט גאָט, חיימ׳ל!

— דעמאָלט וועל איך פאַסטן אַלע תעניתים!

— יאָ, יאָ, חיימ׳ל... אַלע תעניתים...

שטיל האָט ער צוגעגעבן:

— ריבונו של עולם, נאָר נישט אַזוינע, ווי היינט!...

1890 י.

דער משולח

ער גייט, און דער ווינט צעיאָגט די פּאָלעס און די ווייסע באָרד. אַלעמאָל כאַפּט ער זיך אָן מיט דער רעכטער האַנט אין דער לינקער זייט! עס גיט אים אַלע מאָל דאָרט אַ שטאָך. ער וויל זיך דאָך נישט מודה זיין; ער וויל זיך דווקא איינרעדן, אַז ער טאַפּט נאָר ביי דער בוזים־טאַש.

— איך זאָל נאָר דעם קאָנטראַקט מיט דעם געלט נישט פאַרלירן!

— אָט פאַר דעם מכלומרשט ציטערט ער.

— און אַפילו עס שטעכט, איז אויך אַ נאַרישקייט! איך האָב נאָך, געלויבט איז גאָט, גענוג כוח אויף אַזאַ שליחות, אַנדערע אין מיינע יאָרן וועלן שוין קיין וויאָרסט נישט אָפּגיין, נאָר איך, געלויבט איז זיין ליבער נאָמען, דאַרף נאָך נישט צו קיין מענטשן און פאַרדין מיר אַליין מיין ברויט. געלויבט איז גאָט, מען געטרויט מיר געלט!

— ווען איך האָב מיין אייגנס — טראַכט ער ווייטער — וואָס מע געטרויט מיר, וואָלט איך אין שליחות צו זיבעציק יאָר נישט געגאַנגען; וויל אָבער דער ריבונו של עולם אַזוי, איז אַזוי גוט!

עס הייבט אָן צו פאַלן גראָבע פלאָכעס שניי; ער ווישט זיך אַלעמאָל דאָס פּנים.

— איך האָב נאָך — טראַכט ער — איינגאַנצן אַ האַלבע מייל אַוועק! אויך מיר אַ גאַנג! אַ סך נענטער ווי ווייטער! ער דרייט זיך איבער — מע זעט שוין אפילו נישט דעם שטאָטישן זייגער, נישט דעם קלויסטער, נישט די קאַזאַרמע, „נו שמריה, פאָר!"

און שמריה פאָרט אין דעם נאַסן שניי; די אַלטע פיס קאָפּען זיך אַריין און אַרויס. — „געלויבט איז גאָט, עס איז קיין גרויסער ווינט נישט!"

גרויס האָט, אָפּנים, ביי אים געהייסן אַ שטורעם־ווינט; דער ווינט איז געווען גענוג שטאַרק און געיאָגט גלייך אין פּנים אַריין, אַז עס האָט אים אַלעמאָל אָטעם פאַרפּעלט; ער האָט אים אַרויסגענאַרט אַלע

טרערן פון די אַלטע אויגן, וואָס האָבן אים געשטאָכן ווי שפּילקעס, נאָר אויף די אויגן ליידט ער תמיד.

פאַרן ערשטן געלט, פאַלט אים איין, קויפט ער זיך וועגס־ברילן — אַזוינע גרויסע קיילעכדיקע; זיי זאָלן די גאַנצע אויגן פאַרשטעלן.

גאָט זאָל וועלן — טראַכט ער — וואָלט איך צו דעם אויך געקומען! עס זאָל נאָר זיין אַלע טאָג אַ שליחות, און ווייט, נאָר ווייט! גיין, ב"ה, קען איך, וואָלט איך שוין מיר אָפּגעשפּאָרט אויף אַ פּאָר ברילן...

ער דאַרף אפילו אַ שטיקל פּעלצל אויך, עס וואָלט אים לייכטער געווען אויף דער ברוסט... ער רעכנט איבער, אַז דערווייל האָט ער נאָך אַ וואַרעמע קאַפּאָטע!

— זי זאָל זיך נאָר נישט רייסן, וואָלט זי גאָר וויל געווען. ער שמייכלט מיט פאַרגעניגן. דאָס — טראַכט ער — איז נישט קיין היינטיקע קאַפּאָטע, קיין קיי און שפּיי, קיין שפּינוועבס! נאָר פאַרצייטישער לאַסטיק; דאָס, וועט מיך איבערלעבן! און אָן אַ שפּאַלט, דאָס איז אויך אַ מעלה; זי צעפליט זיך נישט אַזוי ווי היינטיקע סחורות, און פון פאַרנט פאַרלייגט זי זיך אויף אַן אייל!...

— אַ פּעלצל — טראַכט ער ווייטער — איז אייגנטלעך בעסער. אַ פּעלצל איז וואַרעם, גוט וואַרעם. נאָר אַלץ פריער ברילן. אַ פּעלצל איז גוט ווינטער און ברילן דאַרף מען תמיד. וואַרעם זומער, אַז עס מאַכט זיך אַ ווינט און יאָגט דעם שטויב גלייך אין די אויגן אַריין, איז ערגער ווי ווינטער!

און עס בלייבט, אַז פריער זיינען ברילן, דערנאָך ערשט אַ פּעלצל! דער אייבערשטער זאָל נאָר העלפן, ער זאָל אָפּנעמען דעם ווייץ... אַ פּיר גילדן וועט ער אוודאי כאַפּן...

און ער שלאָפט ווייטער, און דער נאַסער שניי פּאַטשט אים אין פּנים אַריין, דער ווינט ווערט אַלעמאָל שטאַרקער און די זייט שטעכט אַלע מאָל מער.

— דער ווינט זאָל זיך כאָר וועלן איבערהרייען! נאָר מן־הסתם — טראַכט ער — איז אַזוי בעסער. צוריקוועגס וועל איך מער מיד זיין, וועל איך אים דערמלט האָבן פון הינטן! אָ, דעמלט וועט עס גאָר אַנדערש גיין! אַלץ פאַרזאָרגט, גרינג אויפן האַרץ!

ער האָט זיך געמוזט אָפּשטעלן אַ רגע און דעם אָטעם כאַפּן. דאָס שרעקט אים אביסל איבער:

— וואָס איז אַזוינס מיט מיר געשען? ווייניק פרעסט און ווינטן האָב איך אויסגעהאַלטן אַלס קאָנטאָניסט? — פרעגט ער זיך טרייעריק און האַלב דערשראָקן.

און ער דערמאָנט זיך זיין סלוזשבע אלס ניקאָלאַיעווסקער סאָלדאַט. פינפאונצוואַנציק יאָר ריינער סלוזשבע אונטער דער ביקס, חוץ די קינ־דערישע יאָרן אלס קאַנטאָניסט. ער איז זיך געגאַנגען אַנגעטאָנען אין זיין לעבן, געמאַרשירט איבער בערג און טאָל, אין שניי און אין פרעסט און אַלערליי זאַוויערוכעס. און וועלכע שנייען, וועלכע פרעסט! די ביימער פלעגן פּלאַצן, פייגעלעך פלעגן טויט אַראָפּפאַלן אויף דער ערד! — און דער רוסישער סאָלדאַט איז געגאַנגען פריש, לעבעדיק, און נאָך דערצו אַ לי־דעלע געזונגען, אַ טרעפּאַק, אַ קאָמאַרינסקי און מיט די פיס צוגעקלאַפּט!

דער געדאַנק, אַז ער האָט גאַנצע פינפאונדרייסיק יאָר אויסגעהאַלטן די פּאַרציטיקע סלוזשבע, אויסגעשטאַנען אַלע צרות, אַלע שנייען, אַלע ווינטן, אַלע שלעק, הונגער, דאָרשט און נויטן, און אַ געזונטער אַהיימ־געקומען — דער געדאַנק מאַכט אים גרויס! ער הייבט אויף דעם קאָפּ מיט גדלות און גייט מיט נייעם כוח.

— האַ, האַ, וואָס איז גאָר ביי מיר אַזאַ פרעסטל? אין רוסלאַנד, דאַכט זיך, איז געווען עפּעס אַנדעריש!

ער גייט, דער ווינט ווערט אַביסל שטילער, עס ווערט אַלע מאָל טונ־קעלער, עס פאַלט צו די נאַכט.

— אויך מיר אַ טאָג — טראַכט ער — אַ טל־ומטרל!... און ער הייבט זיך אָן מער צו יאָגן, עס זאָל אים נישט די נאַכט באַפאַלן. נישט אומזיסט גייט ער שבת אין שולכל לערנען תורה, ער ווייסט: מע דאַרף אַרויסגיין און צוריקקומען בכי־טוב!

ער פילט אַביסל הונגער, און אַ טבע האָט ער, אַז ווען ער ווערט הונגעריק, ווערט ער לוסטיק! ער ווייסט, אַז אַפּעטיט איז אַ גוטע זאַך; זיינע סוחרים, וואָס שיקן אים אין שליחות, ווײַנען תמיד נאָר אויף דעם, וואָס זיי זיינען קיינמאָל נישט הונגעריק! ער האָט, ב״ה, אַפּעטיט! אַוו־סער, אַז ער איז נישט בקו־הבריאה, ווי, למשל, נעכטן; ער איז קראַנק געווען, האָט זיך אים געדאַכט, אַז דאָס ברויט איז זויער.

— גיי, ווי איז עס זויער געווען; זעלנעריש ברויט! אַמאָל אפשר יאָ, אָבער היינט? באַקט פּאָניע אַזאַ ברויט, אַז די יידישע בעקערס מעגן זיך באַהאַלטן. און געקויפט האָט ער אַ פריש ברויט! עס איז געווען אַ מחיה צו שניידן. ער איז אָבער נישט געווען בקו־הבריאה, עפּעס האָט אים אַ קעלט געיאָגט דורך די ביינער.

— נאָר געבליבט איז דער, וואָס ער איז נישט ווערט זיין נאָמען צו געדענקען, עס טרעפט זיך אים זעלטן!

אַצינד האָט ער אויך אַפּעטיט, ער האָט אַפילו אין קעשענע ברויט מיט אַ שטיקל קעז... דאָס שטיקל קעז האָט אים דעם סוחרס ווייב געגעבן,

לעבן זאָל זי און געזונט זיין! זי איז טאַקע אַ בעל־צדקה, זי האָט אַ יידיש האַרץ.

— זי זאָל נישט אַזוי קללהן — טראַכט ער — וואָלט זי געווען נאָר אַ וווילע יידענע!... — ער דערמאָנט זיך אין זיין געשטאָרבן ווייב.

— נאָר מיין שפּרינצע בייעפּרייטשקע! זי האָט אויך געהאַט אַ גוט האַרץ, און אַזאַ טבע צו קללהן. וואָס פאַר אַ קינד איך האָב אַוועקגע־שיקט אין דער וועלט אַריין, האָט זי געוויינט ווי אַ ביבער, כאָטש אין דער היים האָט זי זיי געשאָלטן מיט טויטע קללות! ווער שמועסט — דערמאָנט ער זיך — אַז איינס איז געשטאָרבן! זי האָט זיך געוואָרפן גאַנצע טעג ווי אַ שלאַנג אויף דער ערד, געהאַקט זיך מיט די פויסטן אין קאָפּ אַריין.

איינמאָל האָט זי גאָר געוואָלט וואַרפן אַ שטיין אין הימל אַריין!

— „אָט, זעסטו — טראַכט ער — גאָט מאַכט זיך אַ סך פון אַ נאַרישער יידענע!... זי לאָזט אָבער נישט אַרויסנעמען די מיטה מיטן מת! זי פּאַטשט אויס די ווייבער, דער חברה נושאים רייסט זי אויס די בערד״!

— אַ שיינע גבורה האָט געשטעקט אין דער שפּרינצען! עס האָט זיך געדאַכט אַ פליג, און אַזאַ כוח, אַזאַ כוח!...

— פאָרט, זי זאָל עס מיר מוחל זיין, אַ גוטע געווען! זי האָט אפילו מיך אויך נישט פיינט געהאַט, כאָטש זי האָט מיר קיינמאָל קיין גוט וואָרט נישט געגעבן!

געשריגן האָט זי: אַ גט, אַ גט! אַז נישט וועט זי אַזוי אַנטלויפן! נאָר ווי האָט זי געוואָלט אַ גט!

ער דערמאָנט זיך עפּעס און שמייכלט...

די מעשה איז שוין לאַנג, לאַנג... דענסמאָל איז נאָך געווען די קאַנסומציע און ער איז געווען אַ נאַכטוועכטער, און אַרומגעגאַנגען גאַנ־צע נעכט מיטן אייזערנעם שטעקעלע, מע זאָל נישט אַריינגנבענען בראַנפן!

סלוזשבע האָט ער געקענט, ביי פּאַגיען איז אַ גוט חדר, ער האָט גוטע מלמדים געהאַט!... פאַרטאָג, ווינטער איז עס געווען, עס קומט אים אָפּבייטן דער טאָג־וועכטער, חיים־יונה — איז שוין אויפן עולם־אמת — און ער גייט אהיים געפרוירן, פאַרשטאַרט! ער קלאַפּט ביי דער טיר און זי שרייט אים אַרויס פון בעט:

„גיי אין דער ערד אַריין! אין האָב געמיינט, דיין נאָמען וועט אַ־היימקומען״.

אָהאָ! זי איז בייז נאָך פון נעכטן בייטאָג! ער קען זיך אפילו נישט

דערמאָנען, וואָס נעכטן איז אַזוינס געווען, נאָר זיין האָט דאָך עפּעס געמוזט.

— פאַרמאַך דאָס מויל און עפן! — שרייט ער.

— דעם קאָפּ וועל איך דיר עפענען! — הערט זיך אַ קלאָרע תשובה.

— לאָז מיך אַריין! — שרייט ער.

— אין דער ערד אַריין גיי! — ענטפערט זי.

און ער האָט זיך מיישב געווען און איז געגאַנגען אין בית־המדרש אַריין. ער האָט זיך געלייגט שלאָפן הינטערן אויוון. צום שלימזל איז געווען אַ כוואַנד, ער איז פאַרגאַרעט געוואָרן, און מע האָט אים אַהיימ־געטראָגן אַ טויטן...

אַ קלייניקייט האָט דערמלט שפרינצע איבערגעאַרבעט! ער האָט שפעטער גאַנץ גוט געהערט, וואָס זי האָט איבערגעאַרבעט.

מע זאָגט איר: עס איז גאָרנישט, אַ כוואַנד.

ניין! זי וויל נאָר אַ דאָקטער; זי האָט בדעה צו חלשן, צו וואַרפן זיך אין וואַסער אַריין, און שרייט נאָר: מיין מאַן! מיין מאַן! מיין תכשיט!

ער נעמט צוזאַמען אַלע כוחות, זעצט זיך אויף און פרעגט זי געלאַסן:

— שפרינצע, ווילסט אַ גט?

— נעם איין... — זי האָט דאָך נישט געענדיקט די קללה און אַרויס־געלאָזט אַ געוויין...

„שמריה, ווי מיינסטו, גאָט וועט מיך נישט שטראָפן פאַר מיינע קללות, פאַר מיין רשעות?...״

קוים איז ער אָבער געזונט געוואָרן — צוריק די אייגענע שפרינצע: אַ מויל אויף רעדער, אַ צונג אויף שרויפן, און אייזן שטאַרק, זי קראַצט ווי אַ קאַץ, האַ, האַ! אַ שאָד שפרינצע! זי האָט אַפילו קיין נחת פון די קינדער נישט דערלעבט.

עס מוז זיי גוט גיין אויף דער וועלט; אַלע באַלמעלאָכעס. די מלאכה לאָזט נישט שטאַרבן פאַר הונגער! כוח האָבן זיי, אין מיר געראָטן; איי וואָס, זיי שרייבן נישט, וואָס איז? אַליין קענען זיי נישט, און גיי בעט ערשט אַן אַנדערן, יענער זאָל שרייבן! און וואָס פאַר אַ טעם האָט אַזאַ בריוו? ווי איבערגעשוועכטע יויך! און גלאַט מיט דער צייט... יונגע קינדער פאַרגעסן... עס מוז זיי דאָך גאָר גוט זיין...

נאָר שפרינצע נעבעך ליגט אין דער ערד, אַ שאָד שפרינצע!

אַזוי ווי די קאָנסומציע האָט אויפגעהערט, איז זי געוואָרן אויס מענטש! טאַקע, איידער איך האָב מיך געווינט צו שליחות, צו זאָגן דעם פריץ: יאַשניע פּאַניע, נישט וואַשע וויסאָקאָבלאַגאָראָדיע, איידער

מע האָט מיר געטרויט קאָנטראַקטן מיט געלט — האָט געפעלט דאָס שטיקל ברויט...

מילא איך, זעסטו, אַ מאַנצפאַרשוין, אַ געוועזענער קאַנטאָניסט, עסט מען נישט אַ טאָג! איר אָבער איז עס געגאַנגען, אימשטיינס געזאָגט, אינעם גאַנצן לעבן! אַ נאַרישע יידענע, זי פאַרלירט באַלד די כוחות, זי האָט שוין אַפילו נישט געקענט שעלטן, דער גאַנצער שייגעץ איז איר פון קאָפּ אַרויס, און נאָר געוויינט...

עס איז מיר נמאס ומאוס געוואָרן פאַרן לעבן... עפּעס האָט זי גאָר מורא געקריגן פאַר מיר! זי האָט גאָר מורא געהאַט צו עסן, מיר זאָל נישט פעלן, אַז איך זע, אַז זי האָט מורא, בין איך ביי קוראַזש. איך שריי, איך שעלט! למשל: פאַר וואָס גייסטו נישט פרעסן?! איך פאַל אַמאָל אין אַ רציחה אַריין און וויל זי פשוט שלאָגן, נאָר גיי שלאָג אַ ווייטנענדיקע יידענע, אַז זי זיצט פאַרלייגט די הענט און רירט זיך נישט! איך לויף צו מיט אַ קולאַק, שפּיי אין איר נאָך אָן, און זי ענטפערט מיר: „עס פריער דו אָפּ, איך וועל נאָכדעם עסן!” און איך האָב געמוזט פריער אָפּבייסן פונעם ברויט און איר איבערלאָזן די רעשט...

אַמאָל נאַרט זי מיך אַרויס אין גאַס אַריין: איך וועל שוין עסן, גיי נאָר אין גאַס אַריין; גיי, אפשר וועסטו עפּעס פאַרדינען, און מכלומרשט שמייכלט זי דערביי, און גלעט מיך אַמאָל!

און אַז איך גיי און קום צוריק, טרעף איך כמעט דאָס איינענע ברויט! זי רעדט מיר איין, אַז זי קען נישט עסן קיין טרוקנס, זי דאַרף נאָר אַ גריץ!

ער ביגט אַראָפּ דעם קאָפּ, גלייך עס וואָלט אים געדריקט אַ שווערע לאַסט און די טרויעריקע געדאַנקען יאָגן:

— און וואָס פאַר אַ יללות זי האָט געמאַכט, אַז איך האָב געוואָלט מיין שבתדיקע קאַפּאָטע, אָט די, וואָס איך טראָג — פאַרזעצן! מעשים האָט זי געאַרבעט און געלאָפן און פאַרזעצט אירע מעשענע בענטש-לייכטער, און ביז אין טויט אַריין שוין געבענטשט אין קאַרטאָפל!...

פאַרן טויט האָט זי מיר מוחל געווען, אַז זי האָט קיינמאָל נישט געוואָלט קיין גט, אַז זי האָט נאָר אַ ביטז מויל געהאַט.

„די צונג, די צונג, — האָט זי געשריגן. — ריבונו של עולם, זיי מיר מוחל די צונג!” און איז טאַקע געשטאָרבן אין איין פחד, מע זאָל איר אויף יענער וועלט נישט הענגען אויף דער צונג!

„גאָט — מאַכט זי צו מיר — וועט קיין רחמנות אויף מיר נישט האָבן; איך האָב צופיל געזינדיקט! נאָר אַז דו וועסט קומען, נישט באַלד, חס-ושלום! איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר, אַז דו וועסט קומען,

געדענק, כאַפּ מיך אַראָפּ פון תליה! זאָג דעם בית דין של מעלה, אַז דו האָסט מיר מוחל געווען!"

זי האָט באַלד פאַרלוירן די געדאַנקען, אַלץ גערופן די קינדער! עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז זיי זיינען דאָ אין שטוב, אַז זי רעדט מיט זיי, און האָט זיי אויך געבעטן מחילה.

אַ נאַרישע יידענע, ווער וואָלט איר נישט מוחל געווען!

ווי אַלט איז זי געווען איינגאַנצן? אפשר אַ יאָר פופציק! אַזוי פרי געשטאָרבן! אַ קליינינקייט, אַז אַ מענטש נעמט זיך אַליין צו דאָס לעבן, אַז וואָס מע טראָגט אַרויס פון שטוב צו פאַרזעצן, טראָגט מען אַרויס אַ האַלב געזונט, שטיקער פלייש!...

טאָג אויף טאָג איז זי גרינער און געלער; קלענער און דאַרער געוואָרן.

זי האָט געזאָגט, אַז זי פילט ווי דער מאַרך טריקנט איר אין די ביינער... זי האָט געוווסט, אַז זי וועט שטאַרבן...

ווי האָט זי ליב געהאַט די שטוב מיט אַלע זאַכן! וואָס מע האָט אַרויסגעגעבן, אַ בענקל, אַ בלעכענע העסע, איך ווייס וואָס, האָט זי עס באַגאָסן מיט ביטערע טרערן! זי האָט זיך מיט יעדער זאַך געזעגנט ווי אַ מאַמע מיט אַ קינד!... מישטיינס געזאָגט, אַרומגעכאַפּט און כמעט געקושט... „אָהאָ! — מאַכט זי, — ווען איך וועל שטאַרבן, וועסטו שוין נישט זיין אין שטוב!"

אַ מעשה, אַ נקבה איז פאָרט אַ נאַר! אַ הגע איז זי אַ קאָזאַק אין ספּודניצע, און אַ ליאַדע וואָס — ערגער ווי אַ קינד! זעסטו שוין, ביים שטאַרבן איז אוודאי אַ חילוק, צי מיט אַ בענקל, צי אָן אַ בענקל!...

— פּע — האַקט ער זיך אַליין איבער די געדאַנקען, — וואָס מיר קומט אַלץ אין קאָפּ אַריין, דורך די פּוסטע זאַכן גיי איך וואָלגע.

— נו, זעלנערישע פּיס, טראָגט ווייטער! — קאָמאַנדירט ער מיט זיך.

ער קוקט זיך אום — אַרום און אַרום שניי; אויבן — אַ גרויער הימל מיט שוואַרצע שמאַטעס געלאַטעט.

— נאָר מיין אונטערשטע קאַפּאָטע! — טראַכט ער! — שיינעט מיט לאַסטיקענע לאַטעס! ריבונו של עולם, דיר פעלט אויך קרעדיט אין געוועלב?

דערווייל נעמט אַ פראָסט. די באָרד און די וואָנסעס זיינען אייז, אין גוף איז אפילו נישקשה, דער קאָפּ איז גאָר וואַרעם, אויפן שטערן פילט ער טראָפּנס שווייס; נאָר די פיס ווערן וואָס אַמאָל קעלטער און שוואַכער.

שוין נישט ווייט, ער האָט דאָך חשק זיך אָפּצורוען און ער שעמט זיך פאַר זיך אַליין. דאָס ערשטע מאָל דאַרף ער זיך אָפּרוען ביי אַ שליחות פון צוויי מייל וועג. ער וויל זיך נישט מוחה זיין, אַז ער איז אַן אַבציקער און עס איז שוין צייט דערויף.

גיין, ער מוז גיין... נאָר גיין... כּל־זמן מע גייט, גייט מען, עס טראָגט זיך; קוים גיט מען נאָך דעם יצר־הרע און מע רוט זיך אָפּ, ווערט מען שוין אַ לייט!

מע קען זיך גלאַט פאַרקילן, שרעקט ער זיך אַליין איבער, — און וויל זיך אַלץ אויסרעדן דעם שטאַרקן חשק צום אָפּרוען.

— נישט ווייט שוין צום דאָרף, דאָרט וועל איך אויך צייט האָבן!

— דאָס — טראַכט ער — וועל איך יאָ טאָן: איך וועל נישט גיין גלייך צום פּריץ... ביים פּריץ מוז מען וואַרטן אַ שעה אין דרויסן... נאָר גלייך צום ייִד.

— כאָטש גוט, — טראַכט ער — וואָס איך האָב נישט קיין מורא פאַר דעם פּריצס הינט; פונדעסטוועגן, ביינאַכט, אַז מע לאָזט אָפּ דעם בורען, איז פאָרט אַ סכנה; איך האָב מיט אַפילו מיין וועטשערע, און בורי האָט ליב קעז, פאָרט בעסער פריער אויסרוען די ביינער! איך וועל מיר פריער אַריינגיין צום ייִד, אַנוואַרמען זיך, וואַשן זיך, עפּעס עסן...

און עס קומט אים וואַסער אין מויל אַריין; ער האָט פון אינדערפרי אָן נישט געגעסן; נאָר דאָס איז אַ קלייניקייט, אים אַרט נישט, וואָס ער איז הונגעריק; ער האָט הנאה דערפון: אַז מע איז הונגעריק, איז אַ סימן, אַז מע לעבט! נאָר די פיס!...

ער האָט נאָך אינגאַנצן אַ צוויי וויאָרסט, ער זעט שוין אַרויס דעם פּריצס גרויסע שאָפּע... נאָר די פיס זעען נישט, זיי ווילן זיך דווקא אָפּרוען!

— און ווידער פאַרקערט, — טראַכט ער זיך, — וואָס איז, אַז איך וועל מיך אַביסל אָפּרוען? אַ מינוט, אַ האַלבע מינוט! אפשר יאָ? לאָז מיך נאָר פרווון! אַזוי לאַנג פאָלגן מיך די פיס, וועל איך זיי אויך אַמאָל פאָלגן!

און שמריה זעצט זיך אין דער זייט אויף אַ בערגל שניי, אַצינד הערט ער ערשט ווי דאָס האַרץ קלאַפּט אין אים ווי אַ האַמער און עס שטעכט, און דער קאָפּ שוויצט...

ער דערשרעקט זיך... צי ווערט ער נישט קראַנק? ער האָט ביי זיך פרעמד געלט! ער קאָן בלייבן, חס־ושלום, חלשות... און ער טרייסט זיך: געלייבט איז גאָט, וואָס קיינער גייט נישט! און אַפילו עמעץ זאָל גיין, וועט אים אויך נישט איינפאַלן, אַז איך האָב געלט ביי מיר... מישטיינס

געזאָגט, וועמען מע געטרויט געלט!... נאָר אַ קאָפּ זיצן, דער נאָך וואַליי!

נאָר די ברעמען פֿאַלן אים צו ווי בליי.

— ניין, הייב דיך אויף, שמריה, ווסטאַווײַ! — קאָמאַנדירט ער מיט זיך.

קאָמאַנדירן קאָן ער נאָך, אָבער אויספֿירן נישט. ער קאָן זיך נישט ריִרן, אים דאַכט זיך דאָך, אַז ער גייט אַלע מאָל שטאַרקער! אָט זעט ער שוין אַלע הייזלעך... דאָ ווױנט אַנטעק, דאָרט באַזילי; ער קען זיי אַלע, ער דינגט ביי זיי פֿורן. צום ייִד איז נאָך ווייט. נאָר גלייכער צום ייִד... מ׳טרעפֿט דאָרט אַמאָל מזומן... און אים דאַכט זיך, אַז ער גייט צום ייִדס הייזל; נאָר עס רוקט זיך אָפּ אַלע מאָל ווייטער, ווייטער... מן־הסתם דאַרף אַזוי זיין... עס ברענט דאָך אַ פֿריילעך פֿייערל אויפֿן קוימען, דאָס גאַנצע פֿענצטערל איז לוסטיק און רויט, די גראָבע מירל שוימט אַוודאי אַ גרויסן טאָפּ קאַרטאָפֿל, און זי איז אים שטענדיק מכבד מיט אַ קאַרטאָפֿל; אַ פֿאַרגעניגן אַ הייסע קאַרטאָפֿל! און ער רוקט זיך ווייטער. אַזוי דאַכט זיך אים, כאָטש ער זיצט אויף איין אָרט.

דער פֿראָסט האָט אַביסל געלאָזט. עס הייבן אָן פֿאַלן ברייטע, דיקע פֿלאָכעס שניי.

אים איז, אַפּניב, אויך וואַרעמער געוואָרן אין דער שניי־קאַפּאָטע, און עס דאַכט זיך אים, אַז ער איז שוין ביים ייִד אין שטוב. מירל זייערט די קאַרטאָפֿל, ער הערט ווי דאָס וואַסער גיסט זיך, זיור, זיור, זיור, און אַזוי גיסט זיך פֿון זיין לאַסטיקענער קאַפּאָטע אויך. יונה גייט אַרום און זינגט אונטער דער נאָז; זיין שטייגער איז צו זינגען נאָך מעריב, ווייל דעמלט איז ער הונגעריק, און מאַכט אַלעמאָל: „נו, מירל!"

נאָר מירל יאָגט זיך נישט: „וואָלנער טוט זיך בעסער!"

— צי שלאָף איך און עס חלומט זיך מיר? — ווערט ער ראַפּטום פֿריילעך דערשראָקן. עס דאַכט זיך אים, אַז עס עפֿנט זיך די טיר און עס קומט אַריין זיין עלטערער זון... חנא! חנא! אָ! ער דערקענט אים! וואָס טוט ער דאָ? נאָר חנא דערקענט אים נישט, און ער מאַכט זיך נישט ווייסנדיק... כאַ, כאַ, כאַ! ער דערציילט יונהן, אַז ער פֿאָרט צום טאַטן, ער האָט דעם טאַטן נישט פֿאַרגעסן! און יונה ממזר זאָגט אים נישט, אַז דער טאַטע זיצט אויפֿן באַנק־בעטל!.. מירל האָט צו טאָן: זי איז פֿאַרנומען ביי די קאַרטאָפֿל, זי וועט נישט מפֿסיק זיין; זי שמייכלט נאָר, זי רייבט די קאַרטאָפֿל מיטן גרויסן הילצערנעם לעפֿל און שמייכלט!

— אָ! חנא מוז זיין רייך, גאָר רייך! אַלץ איז אויף אים גאַנץ, און אַ קייט... אפֿשר טאָמביק? ניין, אַוודאי גאָלד! חנא וועט נישט טראָגן קיין טאָמביקינע קייט, ח"ו... כאַ, כאַ, כאַ! — ער גיט אַ קוק אויפֿן פּיעקעליק...

כאַ, כאַ, כאַ! — ער פּלאַצט שיעור פֿאַר געלעכטער. יעקל, בערל, זכריה... אַלע דריי... כאַ! כאַ! כאַ! זיי האָבן זיך באַהאַלטן אויפֿן פּיעקעליק, דאָס איז גנבים! כאַ! כאַ! כאַ! אַ שאָד שפּרינצע, אַ שאָד! זי זאָל כאָטש אויך האָבן דאָס נחת! דערווייל באַשעטלט חנא צוויי געגנדן. „חנא! חנא! דערקענסט מיך נישט? איך בין עס!..” און אים דאַכט זיך, אַז ער צעקושט זיך מיט חנאן...

— הערסט, חנא, אַ שאָד די מאַמען, זי זאָל דיך זען!... יעקל, בערל, זכריה, אַראָפּ פֿון פּיעקעליק! איך האָב אייך באַלד דערקענט! קומט אַראָפּ, איך האָב געוווּסט, אַז איר וועט קומען! אַ והאַראַיה. איך האָב אייך מיטגעבראַכט קעז, אמתן שאָפֿענעם קעז! זעט נאָר, קומט, קינדער, איר האָט דאָך עפּעס ליב זעלנעריש ברויט! וואָס? אפֿשר נישט? אמת, אַ שאָד די מאַמע!

און עס דאַכט זיך אים, אַז אַלע פֿיר קינדער האָבן אים אַרומגערינגלט און האַלטן אים אין קושן און דריקן זיך צו אים צו.

— נאָר וואָלנע, קינדערלעך! וואָלנע, דריקט מיך נישט צו שטאַרק! איך בין נישט שוין קיין יונגערמאַן, איך בין אַן אַכציקער!.. וואָלנע, איר דושעט מיך, וואָלנע, קינדערלעך... אַלע ביינער! וואָלנע, איך האָב געלט אין קעשענע! מיר, ב"ה, געטרויט מען געלט!.. גענוג, קינדערלעך, גענוג!..

און עס איז געווען גענוג... ער איז געבליבן פֿאַרשטאַרט מיט דער האַנט אויף דער בוזים־קעשענע.

1890 י.

דער משוגענער בטלן

.1

ער איז געלאָפֿן אויף און אָפּ בייטאָג איינער אליין אין בית־המדרש און פּלוצלינג זיך אָפּגעשטעלט.

— ריבונו־של־עולם, ווער בין איך?

ווער בין איך?... מע רופֿט מיך בערל כּאַנטשעס... נו, בין איך דען בערל כּאַנטשעס? בין איך דער נאָמען? — די שילד איז נאָך נישט די קליט! דאָס הויז, וווּ דער רב וווינט, הייסט „פּאָד קאַרפּיעם" און איך — בערל כּאַנטשעס!

אין טשעכאַנאָוויקע קען מען מיך: מע ווייסט, ווער בערל כּאַנטשעס איז: אָבער אין אַמעריקע? ווען איינער, למשל, גיט אַזוי ראַפּטום א זאָג אַרויס אין אַמעריקע, אין בית־המדרש: „בערל כּאַנטשעס"...' נו, וואָלט עמעץ געוווּסט, אַז מע מיינט מיך?

שאני הכא! דאָ איז עפּעס אַנדערש, דאָ גיט יעדער אַ שמייכל, אַ שאָקל מיטן קאָפּ, מאַכט אַזוי אַ תּנועה... אַ „באַקאַנטע זאַך, בערל כּאַנטשעס!" איינער טראַכט: דער בטלן, דער צווייטער — דער משוגענער, דער דריטער — כ'ווייס וואָס; דער פֿערטער וועט זיך דערמאָנען, אַז איך הייס נאָכן פֿעטער בערל. — טויבעלע, אמת, גיט אַ קרעכץ דערביי, ווייל זי ווייסט, אַז איך בין נעבעך אַ יתום. אָבער אין אַמעריקע, וווּ מען קען נישט חנה די זיצעריקע, און וווּ מע ווייסט נישט, אַז עס איז געווען אויף דער וועלט אַ בערל הקרן, דער מאַמעס אַ ברודער, וווּ מע ווייסט נישט, אַז איך בין, וואָס מע רופֿט מיך: אַ משוגענער, אַ בטלן, אַ יתום און אפֿשר נאָך אַ חקרן אויך (איך בין, דאַכט זיך, גערעטן אין פֿעטער אריין), וואָס פֿאַר אַ רושם וואָלט דאָרט געמאַכט: בערל כּאַנטשעס?!

עפּעס ווייס איך דאָ יאָ ווער איך בין? איך אַליין זאָג דאָך: אַ משוגענער. אַ בטלן ...נו דאָס בין איך!

— בין איך דען נישט משוגע? וועלכער מענטש שטעלט זיך אני־דער קלערן, ווער ער איז! א מענטש איז א מענטש! איך בין א מענטש און הייס: בערל כאנטשעס... וואָלט איך געווען א הויז, וואָלט איך אפשר געהייסן: פּאָד קאָרפּיעם, — אַן אַרעסטאַנט — וואָלט איך געהאט א לאטע אויף די אקסל און א נומער... וואָלט מיין טאטע, נישט די מאמע, געווען דער פּאַרזאָרגער, דער „פּרנסה־געבער", נישט דער בטלן, וואָלט איך געהייסן, „בערל שמערלס". עס וואָלט אפילו שווער געווען ארויסצוזאָגן: „בערל־שמערלס", נאָר מע וואָלט שוין געמוזט! און אפשר וואָלט איך דערייבער ווייניקער געווען ביי מענטשן אין די מיילער — ווען מיין נאָמען זאָל זיך נישט אזוי גלאטיק אראָפּקאָלערן פון דער צונג.

— אָבער ווי איך וואָלט געהייסן — א מענטש בין איך...

א מענטש! נאָר א בטלן דערצו... מאלע א מענטש בלייבט א יתום, נו, וויינט ער אין בית־המדרש? קראנק בין איך עפּעס צו טאָן? אין שליחות גיין, האַלץ האקן, א משרת ווערן און גיין אָנגעטאָן א בגד, נישט קרוע־בלוע, עסן ברויט, נישט זיין ביז דרייסיק יאָר א ישיבה־בחור, עס זאָל מיר פעלן צוויי טעג אין דער וואָך און ארומדרייען זיך אליין און קלערן: ווער איך בין?!

איך וואָלט כאָטש געוווּסט, ווער מיין קאפּאָטע איז; אצינד, אסור אויב איך ווייס! — א שטיק בענדיט, א שטיק חיים, א שטיק יונה, הדריי פּערטל פון מיסט! א מערכה, טויבעלע קאָן נייען, אנישט, וואָלט איך געווען אדם־נאקעט.

— איז דען דאָס אליין נישט קיין שגעון! אזא מין בטלנות! גאָר־נישט... שמערל, חיים, יונה... עס האָט א שיר וויפל בית־מדרשניקעס איך האָב איבערגעלעבט!... איינער איז שוין א סוחר, איינער — א טרעגער, איינער — א שענקער; א דאגה, איינער איז שוין אן אלמן אפילו, שמערל האָט שוין דאָס דריטע ווייב; נאָר אלע האָבן קינדער, געשעפטן, עסקים; גוט, שלעכט, נאָר פּארנומענע מענטשן, עסן נישט קיין טעג, זיינען נישט קיין בטלנים... מענטשן! איך וויל אויך זיין א מענטש!

— וואָס הייסט א מענטש?

— ווי איך בין א ייד, איך בין קיין מענטש נישט.

— ווי איך בין א ייד! איך בין א ייד! אמת, איך בין א ייד, נאָר גאנץ טשאכאנאָווקע זיינען אויך יידן און זיינען נישט איך! הלמאי, איך בין א מאנספּארשוין (כאָטש א קלאָג צו מיין מאנספּארשוין, א ווייר־

טיק צו אים!), נו... אלע מענטשן, וואָס זיינען נישט קיין נקבות, זיינען מאנספּערשוינען, הכלל זיינען אלע בערל באנטשעס!

— ניין, ברודער בערל! נאָר דיך נישט! דו ביסט א מאנספּארשוין, דו ביסט א ייד, אמת; נאָר נישט דו ביסט דער מאנספּארשוין, נישט דו ביסט דער ייד!... דו ביסט עפּעס אנדערש; דאָס אלץ איז נאָר א צולאָג, צוגעגעבענע זאכן; אָבער נישט דו אליין...

— איך רייד מיר איין, אז איך בין א בטלן, א משוגענער, א יתום, און אומגליקלעכער מאנספּארשוין... נאָר בטלנים, משוגעים, יתומים זיינען דאָ א סך, אפשר אזוינע מאנספּארשוינען ווי איך בין — וויניקער; נאָר דאָ איז, א דאגה, אפשר אין אן אנדער שטאָט, אפשר אין אמעריקע, נו, זיינען אלע איינס? חס־ושלום, יעדערער פאר זיך!...

— נו, ווער־זשע בין איך, צו אלדי שווארצע יאָר!

— עס האָט געמוזט אין מיר אריין א דיבוק. עס מוז עמעץ זיצן אין מיר און קלערן איבער מיר. און מיר דאכט זיך: איך אליין קלער! והאראיה, ווען איך האָב כוח (א גאנצע וואָך, אויסער מאָנטיק און דינסטיק), האָט יענער אויף מיר קיין שליטה נישט; קלער איך ווייניקער! און באמת, די חקירה איז, אז קיין שום מענטש אין דער וועלט קאָן נישט איבערקלערן זיך אליין! — ווי הייסט, איך וויל מיך משיג זיין? איך וויל מיך ארויסרייסן פון מיר ארויס, אוועקשטעלן זיך אַדער אים אָן א זייט, „ער” זאָל קוקן אויף מיר! איך — ער זאָל קוקן אויף ער — איך!...

כא, כא, כא! ווי הייסט! זאָל איך מיר נאָר בארעכענען!... עפּעס ווערט מיר ווארעם אין קאָפּ!...

(ער לויפט צו צום כיור, גיסט זיך אָפּ מיט קאלט וואסער; שלעפּט ארויס פון הינטערן אויוון א שמאטע און בינדט זיך שטייף ארום דעם שטערן).

— ציגד וועט עס גיין. נאָכאמאָל!... איך וויל וויסן, ווער איך אליין בין...

— ווו זאָל איך קוקן, אראָפּ צי ארויף, רעכטס — צי לינקס?... איך בין דאָך אין מיר. ווען איך, למשל, קריך ארויף אויפן ארון־קודש, בין איך אינגאנצן אויבן; איך וועל אונטן גאָרנישט איבערלאָזן. לאָמיך לויפן אין קעלער אריין, וועל איך זיין אינגאנצן אונטן... נו, אזוי ווי קאָן איך קוקן אויף מיר?!

היכי דמי!

— וואָס דען זיצט אין מיר און קלערט פאר מיר?

— און עפּעס זיצט דאָך פּאָרט... האָ?

— איך ווייס דאָך, אַז ווען עס זיינען געלעגן ביי דער שמשטע אויסגעציילטע קיכלעך און איך האָב שוין דריי טעג קיין מאכל נישט געהאַט אין מויל, האָב איך גאַנץ שטאַרק חשק געהאַט אָראָפּצושלינגען אַ קיכל... נאָך איך האָב געזאָגט: ניין! מע טאָר נישט! נישט מיין... דער־נאָך האָב איך געפֿונען טויזנט תירוצים... „די שמשטע האָט געטוג פֿאַר־דינט אָן מיר, זי מעג מיר געבן אַ צולאָג", „איך זאָל זי בעטן, וואָלט זי מיר אַליין געגעבן", — „איך וועל איר מיט גאָטס הילף אַמאָל באַ־צאָלן"... נאָר איך האָב אַלץ געזאָגט: ניין, מע טאָר נישט"... און עס איז געבליבן — נישט!... פֿריער איז עס געגאַנגען אײַנס נאָכן אַנדערן: מיר האָט זיך געחאַכט, אַז איך אַליין פֿרעג און איך אַליין ענטפֿער, נאָר דערנאָך, שפּעטער אַביסל, כאָטש תוך־כדי־דיבור, נאָר דערנאָך, איז עפּעס אַנדערש געוואָרן, עס איז געוואָרן צוזאַמען: יאָ און ניין, ניין און יאָ און ווייטער ניין! עס איז געוואָרן אַ מחלוקת, און נישט איז געוואָרן נישט, ווייל איך האָב נישט געוואָלט, אָדער דעם חשק פֿאַר־לוירן; ניין, נאָר די האַנט האָט זיך נישט געקאָנט רירן; זי האָט נישט געוווסט, וועמען צו פֿאָלגן... אַ והא־ראיה, איך בין דערנאָך שטאַרק מיד געווען, טאַקע ווי נאָך אַ גרויסער מחלוקה, ווי נאָך אַ הייסן וויכוח מיט יונה לאָקוש, וואָס ווייל מיר אַלץ איינרעדן, אַז דער גאון, זכרונו לברכה, זיצט אין גן־עדן מיט אַ פֿאַראָצטער באָרד, ווייל ער האָט נישט געהאַלטן פֿון חסידות?

אַזאַ פֿערד!... נאָר מיד בין איך געווען; איך דערמאָן מיך גאַנץ זיכער, זיכער! דאָס אײנציקע איז געווען פּורים, ווען איך האָב געטראָגן פֿון פּרץ פּיינהאַלץ, פֿון גביר, דעם רב, שלח־מנות. איך האָב געהאַט אַ פֿול מויל מיט וואַסער, די צונג איז מיר אַרומגעלאָפֿן אין מויל ווי משוגע, ווי איך לויף אַציגד אַרום אין בית־המדרש. די הענט האָבן מיר געציטערט; אַ שטיק טאָרט, מאַקאַראָנען, עפּעס נאָך עטלעכע מיני־נים... איך, נאָשער, האָב געוואָלט, איך, ערלעכער מאַן, האָב נישט געוואָלט!.

— מע זאָגט: „יצר־טוב", זאָל זיין אַזוי! אָבער סיי ווי סיי בין איך דאָך נאָר אַ דירה, וווּ עס וווינען צוויי שכנים, איינער הייסט: „יצר־טוב", דער צווייטער — „יצר־הרע". נישט אַזוי? ווייטער די מעשה מיט די נעמען... אָבער ווער זיינען זיי? ווער בין איך?!

— איך בין אַ דירה, איך בין אי דער גוטער שכן, אי דער שלעכ־טער שכן. אַלץ איך, און דערצו ווייל איך ווייסן, ווער איך בין?! נאַ,

כא, כא! שא! נעכטן ערשט, דער עולם האָט געלאַכט, וואָס איך בין געבליבן שטיין אויף איין אָרט אפשר א שעה! איך ווייס, וואָס איך בין געשטאַנען! איך האָב געוואָלט גיין פּרוּוון, צי איך קאָן א שייט האָלץ צעהאַקן, צי קאָן איך אַרבעטן... איך האָב שוין אָנגעהויבן גיין; שטייען צוויי בענק: אין דער זייט א באַנק, אין יענער זייט א באַנק. דאָ דערציילט מען, אז מע הייצט אין באָד, הייבט אָן בייסן דאָס גאַנצע לייב, און איך וויל צוגיין צום קעסטל, אַרויסשלעפּן דאָס בעזעמל און גיין אין באָד אַריין... קעגנאיבער האָט זרח מלמד דערציילט יענקל קעצלן, אז אין „בעל־עקידה" איז דאָ אויף דער הייַנטיקער סדרה א פּלאַר־פּלאַמדיקער דרוש! וויל איך וויסן, וואָס זרח מלמד איז געפעלן, צולויפן צו דער מזרח־וואַנט און אַראָפּכאַפּן דאָס ספר... נו, בין איך טאַקע געשטאַנען! די פיס האָבן נישט געוווּסט, וועמען צו פאָלגן: צי דעם בערל כאַנטשעס, וואָס וויל גיין אין באָד אַריין, ווייל עס בייסט אים, צי דעם בערל כאַנטשעס, וואָס וויל וויסן, וואָס זרח מלמד איז געפעלן!... איך בין טאַקע אַזוי לאַנג געשטאַנען, ביז איך האָב מיך דערמאָנט, אז איך האָב קיין מנחה נישט געדאַוונט!

— נו, על־כן? וווינען אין מיר שוין פיר פאַרשוינען! א האָלצהעקער, א בעל־עקידהניק, א בעדער, און דער לעצטער א מנחה־דאַוונער, וועלכער האָט אַלע אונטערגעיאָגט הינטערן אויוון, זיי זאָלן קיין פּיפּס נישט געבן, נאָר ער האָט צו שאַפן, און די פוס מוזן אים פאָלגן. א והא־ראיה, בין איך טאַקע צוגעגאַנגען צו דער וואַנט און האָב געדאַוונט!

א שטיקל אמת שטעקט דערינען... וואָרים זיי זיינען נישט פאַרלוירן געוואָרן; זיי האָבן זיך נאָר באַהאַלטן הינטערן אויוון, זיי האָבן פון דאָרטן אַרויסגעקוקט... זיי האָבן געווונקען צו מיר און האָבן מיך מבטל געווען! אינמיטן שמונה־עשרה האָב איך אַלץ אין זינען געהאַט: האָלץ האַקן, שמייסן זיך אויף דער העכסטער באַנק אין באָד, און דעם בעל־עקידהס דרשות אויך!...

— נו, הכלל, וואָס העלפט דער יצר־טוב מיטן יצר־הרע, אז איך בין אמאָל דריי, און אמאָל פיר!

— אָט אַצינד פיל איך, אז „איך" אליין בין עפּעס גאָרנישט! איך אליין וואָלט גאָרנישט געלעבט. איך אליין, ווען איך לעב אפילו, וואָלט איך מיך אינדערפרי אפילו פון דער באַנק נישט אויפגעהויבן, איך וואָלט געלעגן ווי א גולם עד סוף כל הדורות... איך בין טאַקע א גולם, איך האָב גאָר קיין נשמה נישט; וואָס דען? אַלץ אַרום לעבט,

אלץ ארום האָט נשמות, די נשמות זייערע לאָזן ארויס פון זיך אזוינע לאַנגע, דינע, שפּיציקע פּעדעמלעך, אזוינע שטראַלן, און זיי כאַפּן זיך און טשעפּן זיך אין מיר, קריכן אין מיר אריין, רירן מיך, שטעלן מיך אויף די פיס, הייסן מיך גיין, טאָן, לויפן... אָבער איך אליין בין גאָרנישט.

ווער דען פּאַרט קלערט? האַ? ווער זיצט אין מיר און קלערט? ווייטער א פרעמדער? נישט איך?

— נו, זאָל זיין א פרעמדער! ווער איז ער? ווי קומט ער צו מיר? צי בין איך א שטיין, און ער — א פייגעלע?... דוד המלך, עליו השלום, זאָגט: יונתי, הייסט עס מיין טייבעלע! — וויל דאָס טייבעלע האָלץ האקן, אין באָד אריין גיין, אראָפּגנבענען פון שלח־מנות, אוועקשניפּן א קיבל ביי דער שמשטע, און תוך־כדי־דיבור זען דעם בעל־עקידהס דרשה?... פו, טייבעלע, נישט שיין! ביסטו עס, מעגסטו זיך שעמען!

— כא, כא, כא, בערל כאַנטשעס איז א טייבעלע, א פייגעלע; בערל כאַנטשעס האָט א קליין פּיסקעלע מיט פליגעלעך, בערל כאַנטשעס וועט אמאָל ארויספליען פון דער שטייג...

— נו, בערל כאַנטשעס, דעמלט וועסטו אויך קלערן, ווער דו ביסט? אויך זיין א יתום, אויך זיין א בטלן, אויך זיין משוגע?

אוודאי, ווער דען? די שטייג איז משוגע? די שטייג איז א יתום?

— ריבונו של עולם! ווער בין איך פּאַרט?

.2

עס קומט אריין אין בית־המדרש אריין וואָלף סוחר.

בערל כאַנטשעס דערזעט אים, און אנטלויפט אין א זייט. וואָלף סוחר וואַשט די הענט, ווישט אָפּ אָן דער פּאָלע, נעמט ארויס פון דער שאַנק א ספר און זעצט זיך אריינקוקן. בערל כאַנטשעס לאָזט פון אים קיין אויג נישט אראָפּ...

— ווער איז ער? — פרעגט ער זיך און ענטפערט זיך באלד:

— וואָלף סוחר! — ער גיט זיך דערביי א שטאַרקן קניפּ אין באַק אריין...

— בהמה! חמור! וואָלף סוחר איז אזוי ווי בערל כאַנטשעס! אזוי הייסט ער; נאָר ווער איז ער?... צי איז ער איינער, צוויי, צי דריי? צוויפל פייגעלעך פּישטשען אין זיין שטייג, פּאַרשטייסטו, וואַיטעק!?

ער האָט זיך נאָך שטייפער צוגעצויגן דעם קאָפּ.

— לאָמיך קלערן...

— אַציינד איז ער איינער, איין וואָלף סוחר... ער זיצט און לערנט! פּאַרטיפט, ער זעט מיך נישט. ער לערנט אוודאי נדרים, זיין פּרק, מער קאָן ער נישט... אַציינד איז ער אַ קונח, קונם, קונס... אַציינד איז ער אַ „לשון שבדו חכמים" אַציינד ווייס איך, וואָס ער איז, אַ פּרק נדרים... דערנאָך? דערנאָך וועט וואָלף סוחר אַראָפּגיין אין גאַס אַריין, וועגן תבואה אויף אַ פּאַלשער וואָג, אָפּנאַרן גאַנץ קרויך־פּוילן און אַהיימגיין געבן דעם ווייב, דער אָרעמער, דערשלאָגענער טויבע, צוועלף פּעטש מיט פיר דזשאָך! זעסט דאָס לעמעלע, בערל באַנטשעס! זעסט דאָס שעפּעלע, זעסט, ווי עס קנייטשט איין דעם שטערן, זעסט די פרומע אייגעלעך, זעסט, זעסט! און דו שוטה, דו בערל כאַנ־טשעס, דו חמור, ווילסט מיר איינרעדן, אַז דאָס איז דער אייגענער גנב פון גאַס, דער אייגענער רוצח פון דער היים? ניין, בערל כאַנטשעס! מיר וועסטו דאָס נישט איינריידן! ניין, ניין! — נישט אַזוי קוקט אַ גנב, נישט אַזוי זעט אויס אַ רוצח!... שוטה!...

— איך זאָג דיר, בערל כאַנטשעס, אַז עס זיינען דאָ דריי וואָלף סוחרס... איינער איז אַ לעמעלע, אַ פרום לעמעלע, וואָס זיצט און לערנט נדרים און וועט אויף יענער וועלט אויך לערנען נדרים, און טאַקע מיטן רבונו של עולמס פּירוש... דער צווייטער — איז אַ גנב און וועט דאָרטן אויך כאַפּן פון די טעלער; דער דריטער איז אַ רוצח, וואָס הרגעט דאָס ווייב מכות רצח...

— אַ רחמנות אויף איר!... עס שניידט מיך ביים האַרצן, אָפּט חלומט זי זיך מיר. ...זי בעט מיך אַמאָל, ביינאַכט אין שלאָף, איך זאָל איר העלפן... דאָס הייסט: זי בעט נישט מיטן מויל, זי רעדט נישט חס־ושלום, אַ יידישע טאָכטער רעדט נישט מיט אַ מאַנספּאַר־שוין... נאָר זי קוקט אויף מיר מיט אַזאַ... מיט עפּעס אַזאַ... מין קוק...

— רבונו של עולם! קוקן מעג זי דאָך! זי מעג קוקן אויף אַ מאַנספּאַרשוין!

— כאַ, כאַ, כאַ! איך אַ מאַנספּאַרשוין... וואָלף סוחר איז אַ מאַנס־פּאַרשוין, פוילן זאָל ער, וואָלף סוחר! איך בין אים אַ שונא אויפן לעבן, איך האָב ביי אים אַ טאָג; נאָר אַ שונא בין איך אים: שׂנאת־חינם טאַקע, נאָר אַ שונא... איך וואָלט אים געשטאָכן! יאָ!... נאָר נישט דעם וואָלף סוחר, וואָס זיצט און לערנט, אַפילו דעם גנב נישט, נאָר דעם רוצח! אים וואָלט איך געשטאָכן... איך אַליין קאָן נישט, איך אַליין האָב נישט צו שאַפן, איך בין נאָר אַ שטייגל... איך האָב

אפילו א קניפּיק, נאָר א שאַרפן, מען קאָן מיט אים נעגל שניידן, א קאָפּ גאָלן...

— איך מאַך מיר אפילו קיין לאָמטערן נישט, ווייל עס איז מיר א שאָד דער קניפּיק ער זאָל נישט שטומפּיק ווערן...

דאָך איך אליין קאָן נישט... מע דאַרף, עס זאָל מיר עמעץ הייסן; עפּעס א בת־קול, עפּעס איינער, אפילו זרח מלמד! זאָל ער אליין מיר הייסן! ווער שמועסט ווען זי זאָגט מיר, אזוי שטיל, ביינאַכט אין חלום; נאָר זי וועט נישט זאָגן, א יידישע טאָכטער וועט נישט זאָגן. חס־ושלום! איך וואָלט זי פיינט געהאַט, זי זאָל מיט מיר ריידן.

— אזוי איז בעסער, קוקן זאָל זי, און שטענדיק, און א גאַנצע נאַכט, בייטאָג קאָן נאָך עמעץ דערזען, חס־ושלום! עס איז גענוג יעדע נאַכט...

— אָ, ווי שיין וואָלט עס געווען! איך וואָלט ארויסגענומען דעם קניפּיק, איבערגעגאַנגען די כאַלעווע, איין מאָל, צוויי מאָל, דריי מאָל, און בוך!...

— כא, כא, כא! עס וואָלטן אויסגעלאָפן געדערים און גערדער רימלעך. כא, כא, כא! און בלוט, רויט בלוט... כא, כא, כא!

— ניין. וואָלף סוחר, נדרים־לערנער, נישט דיך מיין איך! יענעם, יענעם, דעם רוצח... נאָר נישט דיך!

— הערסט, בערל כאַנטשעס, ווען דו ביסט א מענטש, ווען דו ביסט נישט קיין יתום, קיין בטלן, קיין משוגענער, קיין חוקר, וואָלט שוין אלץ גוט געווען... טייבעלע וואָלט אפילו געוויינט, זי וואָלט דאָך געוואָרן אן אלמנה. נאָר איך וואָלט איר אין חלום געזאָגט: טייבעלע, גענוג, דו האָסט צוויי מאַנען, איינער גנבעט, דער צווייטער זיצט און לערנט, וואָס טויג דיר דער הדיטער? ווילסט דווקא דריי? דווקא מע זאָל דיך, טייבעלע, שלאָגן. דווקא דו זאָלסט וויינען גאַנצע טעג און גאַנצע נעכט...

— און אפשר איז ער פאָרט נאָר איינער?...

— בערל כאַנטשעס! דריי זיינען זיי, לאָמיר זיך ווענדן. קום אומיישנעו, ווייל ער זיצט דאָ און לערנט, קום אין גאַס אריין, וועסטו זען, ווי יענער גנבעט דיערווייל אין גאַס... דערנאָך ווי ער שלאָגט, קום! וועסט זען!...

ער הייבט זיך אויף, לויפט אויף די נעגל צו דער טיר, שלעפּט ארויס דעם שליסל און פאַרמאַכט אויף יענער זייט...

3.

ער קומט צוריק בלאס און אין כעס.

— זיי האבן זיך באהאלטן, די גנבים! וואס האבן זיי צו טאן? עס איז היינט נישט קיין טאג! עפעס א יום־טוב, עס הענגען פענער, מע קאן נישט גנבענען... טייבעלע איז נישט אין דער היים... זי האט געמוזט גיין צו א שכנה. די טיר איז צו... זיי האבן זיך אפשר ביידע באהאלטן! איך האב אריינגעקוקט דורכן פענצטער. אונטערן בעט, האט זיך מיר געדאכט, רירט זיך עפעס, אויף דער פאדלאגע האט זיך דער שאטן געהוידעט, געוואפן, געצאפלט, א קשיא אויף א מעשה, ער זיצט דא און לערנט, און זיי ליגן אונטער די בעטן... ווו דען זאלן זיי ליגן! —

— און וואלף סוחר, דער תם, דער נדרים־לערנער האט אפילו נישט געהערט, אז איך האב אויף אין צוגעשלאסן די טיר! ער איז אזוי פארטיפט אין לערנען!

— און אפשר לערנט ער גארנישט? אפשר זיצט דא דער גנב און וויל אפנארן מיך מיטן ריבונו של עולם?

— וואלף! — רופט ער אים פלוצלינג.

— וואס איז?

— גארנישט!

— בטלן! —

אין א מינוט שפעטער:

— וואלף!

— וואס איז?

— איך האב א קניפיקל!

— וויל דיר!

— ווילסט זען?

— ניין!

— דארף מען נישט!

אין א פאר מינוט ארום:

— וואלף!

— וואס?

— דו לערנסט, צי דו מאכסט נאר אזוי?

— וואס גייט עס דיך אן?

— איך. דארף נייטיק צו וויסן, כ'לעבן, נייטיק!...

— שטיל, משוגע!

אין נאָך א פּאָר מינוט:

— וואָלף!

— וואָס איז?

— וויפל ביסטו?

וואָלף סוחר ווערט בייז, מאַכט צו די גמרא און גייט אַרויס פון בית־המדריש; בערל באַנטשעס בלייבט אַליין.

— צי האָב איך גערעדט מיט וואָלפן? און וואָס האָב איך מיט אים אַזוינס גערעדט? וואָס איז ער אַנטלאָפן? ווי בין איך אַרויסגער גאַנגען? האַ? וואָס טוט ביי מיר אין האַנט דאָס קניפּיקל?

ער וווּנדערט זיך שטאַרק, און נאָך מער, בפרט, אַז ער דערזעט, אַז ער האָט זיך דורכגעשניטן די כאַליעוועס. ער ווערט בייז.

— בערל בטלן! דו אַליין האָסט צעשניטן דיין כאַליעווע? טייבעלע וועט דיר וויטער שענקען אַ פּאָר שטיוול? זי האָט וויניק געלייזט פאַר יענע שטיוול! זעסטו, בטלן, זעסטו, משוגע, זעסט, עס איז עמעץ אין דיר אין נישט דו! זעסטו?

— לאָמיך נאָך אַליין זען, ווי דו זעסט אויס, חמור, וואָס לאָזט זיך די שטיוול צעשניידן! לאָמיך דיך אָנקוקן, בטלן!

ער לויפט צום כיור, כאַפּט די שמאַטע אַראָפּ פון קאָפּ און הייבט אָן רייבן און פּוצן דאָס מעש.

— איך זע דיך שוין אביסל, בטלן, — וואַרט, וואַרט, איך וועל דיך נאָך בעסער זען. איך וועל דיין גאַנץ טריפה פּרצוף זען, דיין חמור־קאָפּ!...

ער לאָזט זיך אַראָפּ אויף די קני און רייבט מיטן גאַנצן כוח. ער בלייבט דאָך פלוצלינג שטיין.

— ווער פּוצט דעם כיור? ווער? איך? איך האָב כוח? איך האָב דען היינט געגעסן, נעכטן געגעסן? וואָס איז היינט? דינסטיק! מאָנטיק און דינסטיק האָב איך דאָך נישט קיין טעג. ווער רייבט?!

ער האָט זיך צוריק צוגעכאַפּט צו דער אַרבעט.

— זאָל רייבן, ווער עס וויל, איך, צי דער פויגל, צי די טויב, דער יצר־הרע, צי דער יצר־טוב, נאָר דיין בטלניש טריפה פּרצוף מוז איך זען באַלד, באַלד! און אויף אַמאָל!

ער פֿאַרמאַכט די אויגן און רייבט ווייטער אַ ווײַלע מיט כּוח. דערנאָך עפֿנט ער די אויגן און דערזעט זיך.

— כאַ, כאַ, כאַ! אַזוי זע איך אויס, אַ מת, אַ ריינער מת! צו נעמען אויף דעם טהרה־ברעט, צו לייגן שערבעלעך אויף די אויגן!

— זעסט, טײַבעלע, ווי איך זע אויס! זעסט! און אַזוי זע איך אויס, ווען דו דערלאַנגסט מיר אַלעמאָל אַ שטיקל ברויט... אַ נישט, ווי וואָלט איך נאָך אויסגעזען?

ער פֿאַרטראַכט זיך, און דערמאָנט זיך ווייטער.

— אַ מת! דאָס בין איך, יאָ, יאָ! דאָס איז בערל בטלן, בערל יתום, בערל משוגע, אָט דאָס! און ווער בין איך פֿאָרט?

ער קוקט אויפֿן כּיור און קוקט אויף זיך.

דאָרטן זעט מען נישט די צעריסענע כאַליעוועס! וווּנדערט ער זיך און ווערט בייז.

— אַ מכּה דיר! — שרײַט ער פּלוצלינג אויס — אַ מכּה דיר, דו כּיור־מענטש! דו דאַרפֿסט אויך האָבן צעריסענע כאַליעוועס! אַז איך האָב, דאַרפֿסטו אויך האָבן!

ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזן מער אויף דער פּאַדלאָגע, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף דער ערד און אַרײַנגעשטופּט די פֿיס אין כּיור.

— איך זע נישט, נאָר דו האָסט, דו האָסט צעריסענע כאַליעוועס! זעסטו!...

אויפֿצוהייבן זיך איז אים שווין שווער. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז דער מענטש אינעם כּיור האַלט אים צו בײַ די פֿיס; ער האָט זיי דאָך אָפּגעריסן, אויפֿגעהויבן זיך, אַביסל פֿאַרוווּנדערט, אַביסל דער־שראָקן.

— כּיור־מענטש! בטלן! — האָט ער זיך געריצט און פֿאָרט מורא געהאַט צו קוקן אין כּיור אַרײַן. ער איז צוגעלאָפֿן צום אויוון, אָנגענומען אויף די הענט קאַלך און פֿאַרשמירט דעם כּיור.

— ליג דאָרט אין דער קרענק, קוק נישט אַרויס!

דער קאָפּ האָט אים אָנגעהויבן שטאַרק ווי טאָן, און די פֿיס האָבן אים געבראָכן, ער האָט זיך ווייטער פֿאַרטראַכט.

— לאָמיך נאָר עפּעס דערמאָנען.

— אַצינד טוט מיר ווי דער קאָפּ... אַז דער רוצח שלאָגט טײַבע־לען, טוט מיר ווי דאָס האַרץ... עס ברעכן מיר די פֿיס. אַז איך גיב מיר אַ קניפּ אין באַק, פּלאַמט מיר די באַק, ווײַל איך האָב אַ באַק, איך האָב הענט און פֿיס, איך האָב אַ קאָפּ מיט אַ האַרץ און האָב

אפשר א נשמה אויך — אלץ האָב איך, נאָר וואָס בין איך אליין? נישט די באַק, די פּיס, נישט דאָס האַרץ, נישט דער קאָפּ, נישט די נשמה, וואָס דען? גאָרנישט...

— איך זאָל מיך קאָנען מאבד עצמו לדעת זיין, און אליין זען, וואָס עס וועט זיין, וואָס עס וועט בלייבן, אַז עס וועט אָוועקפאַלן דער קאָפּ, די הענט, די פּיס, די באַקן, די צעריסענע כּליעוועס... דעמלט וואָלט איך אפשר עפּעס געוווּסט? צי וואָלט נישט א יושר געווען צו פּרוּוון...

— ווען זי זאָל נאָר הייסן! אפשר וואָלט איך עס ביי איר געפּרוּווט?

1890 י.

מענדל ברײנעס

מענדל ברײנעס (קײן פֿאַמיליען־נאָמען איז נאָך דעמלט נישט געװען) איז געװען אַ יושב אוהל, דאָס הײסט: אַ שטיק שײנער ייד; קײן גרױסער לַמדן נישט, נאָר — תהילים פֿאַרן דאַװנען, עין־יעקב נאָכן דאַװנען, און בײנאַכט — אַ פּרק משניות. — ער פֿלעגט גאַנץ אָפֿט אַהײמנעמען אַן אורח, יעדן פּרימאָרגן אַרײנװאַרפֿן אין מאיר בעל־הנס, האַלטן מפֿטיר־יונה, האָבן אַ גרױס חלק אין דער קאָנסאָרציע פֿון פּתיחות, און דערצו פֿלעגט ער גלאַט זײן אַ מתעסק במצוות: אַ מגיד איז געקומען, מע דאַרף אַרומגײן צונױפֿנעמען פֿאַר אָרעמע לײט, אױף מצות, אױף האָלץ און קאַרטאָפֿל; מע דאַרף עירובֿין, עמעצן אַן אוהל שטעלן וכדומה — טוט ר' מענדל ברײנעס אַן די ברײטע טוװנע, נעמט דעם גראָן שטעקן מיט דער מעשענער גאָלקע און גײט מיטן רבֿ, מיטן דאָזאָרצע, אָדער אַזױ מיט אַ שײנעם באַלעבאָס. ער האַלט זיך פֿאַר אַ מצװה אַלײן צו טראָגן די פּושקע, כאָטש הינטן גײט נאָך דער שמש.

װינטער האָט ער קײן מינוט צײט נישט געהאַט: תהילים זאָגן, דאַ־װנען, עין־יעקב לערנען, אָנבײסן, אַ נדבֿה מאַכן, מנחה־מעריבֿ, אַ פּרק משניות און װעטשערע — און קריאת־שמע לײענען, שלאָפֿן, חצות, װײטער שלאָפֿן... עס איז אים פֿון טאָג קײנמאָל קײן רעשט נישט געבליבן. פֿאַר דאָס זומער־צײט פֿלעגט אים בלײבן אַ נאָך־װאָרעמס, אַ גרױסער נאָך־װאָרעמס, ער פֿלעגט אים אױך פֿאַרברענגען אין בית־המדרש. נאָר רײדן שױן פֿון װעלט־זאַכן, פֿון נײע המצאות, פֿון פּאָליטיק...

מענדל ברײנעס איז נישט קלוג געװען. אין חדר פֿלעגט מען אים רופֿן מענדל שוטה; אַז ער האָט חתונה געהאַט, איז די אַפּיניע װײבער געװאָרן און ער פֿלעגט שױן הײסן: „מענדל תּם". ערשט דערנאָך, אַז ער איז אַראָפּ פֿון קעסט, געװאָרן אַ באַלעבאָס פֿאַר זיך און ברײנע, זײן װײב, האָט זיך געמאַכט אַ שפּײז געװעלב און געליזט „שטיקער גאָלד",— האָט מען אים געקרױנט אױף „מענדל ברײנעס", און װײל מענדל ברײ־נעס איז קײנעם אין װעג אַרײן נישט געגאַנגען, קײנעם אַ שלעכט װאָרט

נישט געזאָגט, און בית־המדרש און קהל האָט געהאַט פון אים, האָט קיינער נישט דערמאָנט וואָס אַמאָל איז געווען, האָט קיינער הויך נישט געלאַכט, אַז ער פלעגט צווישן אַלע פינף ווערטער זאָגן: אָבער וואָר, איך בין קיין נאַר נישט? אַ־יאָ איך בין קלוג?

— אמת, איך בין קיין נאַר נישט! — זאָגט אַמאָל ר׳ מענדעלע — און פונדעסטוועגן פאַרשטיי איך נישט, ווי אַזוי מע אַרבעט אויס אַזאַ דין און געלעכערט שטרוי אין די שעניקעס אַריין! איך האָב אַמישנע אַהויס־געשלעפּט אַוודאי פערציק שטרוי, איינס נאָכן אַנדערן, אַלע זיינען הויל, — חלולים, חלולים. איך האָב געוואָלט פרעגן מיין בריינען, זי איז שוין אָבער געווען אין געוועלב.

און איידער עמעצ האָט צייט געהאַט צו לאַכן, האָט ער זיך שוין אַליין געענטפערט:

— דאָס שטרוי מוזן אַוודאי די פויערים ברענגען פון ענגלאַנד!

פון ענגלאַנד האָט מענדל בריינעס אַ סך געהערט און געהאַלטן טאַקע עולם ומלואה.

עס איז געווען נאָך דער סעוואַסטאָפּאָלער קריג; דאָס גאַנצע בית־המדרש האָט נאָך געקלונגען מיט ענגלישע המצאות. די מעשות האָבן דערציילט אויסגעדינטע זעלנער, וואָס האָבן עס אַליין געזען, מיט אייגענע אויגן.

טאַקע גבורות הבורא, דערציילט נאָך אַ בית־המדרש־באַלעבאָס: למשל אַ האַרמאַט! וואָס טויג, רבותים, אַ האַרמאַט? די האַרמאַט שיסט אויס אַ קויל! נו וואָס איז? דאַרף מען דאָך ערשט פועלן, אַז דער שונא זאָל וועלן שטיין אונטערן חלול! און דער שונא איז הווקא גאָר קיין נאַר נישט, ער לאָזט זיך נישט אָנרעדן צו אַזוינע זאַכן. אַמאָל נאַרט ער גאָר אָפּ, ער שטייט, דו שיסט און ער גנבעט זיך אַוועק! עס האָט געהאַלטן ביי כלה כל הקיצין! די ממזרים, די ענגלענדער, האָבן האָך אָבער געהערט די מעשה פון צפרדע של מצרים, האָבן זיי זי נאָכגעמאַכט! זיי האָבן ממציא געווען אַזאַ גרויסן האַרמאַט, וואָס שיסט אַרויס פון זיך נישט קוילן, נאָר גאַנצע האַרמאַטן, און יעדע פון די האַרמאַטן, אַז זי פאַלט אַראָפּ, גיט זי אַ טהאַסק אין דער ערד, צעפּלאַצט, און עס שפּרינגען פון איר אַרויס צען נייע האַרמאַטן, און די האַרמאַטן ערשט שיסן מיט קוילן!! נו, גיי היט דיך פאַר דעם! אַצינד קענט איר פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ מין שחיטה דאָס האָט אָנגעמאַכט!

און איר מיינט כישוף! חלילה, אַ פּראָסטע ספּרונזשינע!

און אַז מע האָט געפרעגט, פאַרוואָס נאָך דער קריג האָט זיך מלכות רוסיא נישט נאָכגעמאַכט אַזוינע האַרמאַטן, האָט מען געוווסט צו ענט־

פערן, אַז באַלד נאָך דער מלחמה זיינען זיך די מלכותן צונויפגעקומען, און, כדי מען זאָל נישט חרוב מאַכן די וועלט, האָט מען געמאַכט מיט „זייער בחורים", אַז מע זאָל שוין מער נישט שיסן מיט פּלאַכטעס קאָכע־דיקער הירזש און נישט מיט אַזוינע האַרמאַטן.

פון דעמלט אָן האָט מענדל בריינעס געהאַלטן עולם ומלואה פון ענגלאַנד, און וואָס ער האָט עפּעס געזען, און זיין שכל האָט נישט גע־קענט משיג זיין, איז אַלץ געווען פון ענגלאַנד. אַז דער זייגער קומט אַרויס פון ענגלאַנד, פון דעם איז נישט געווען צו קלערן, נאָר די ערשטע ספּרונ־זשינע האָט אויך געמוזט מאַכן אַן ענגלישער שמיד! און ער האָט גערעדט מיט גרויס התלהבות פון ענגלאַנד, פון אירע חכמים, פון אירע קאָוואַלעס:

— זיי מוזן דאָרט זיין שיינע חכמים!

מענדל בריינעס וואָלט געוואָלט לעבן אין ענגלאַנד, נאָר שטאַרבן, איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר, אין ארץ־ישראל. ערשטנס פאַר פרומ־קייט; צווייטנס, גלאַט, האָט ער בטבע זייער ליב געהאַט מנוחה, און ווען ער פלעגט זיך דערמאָנען אין גלגול מחילות, האָט ער אויף דריי טעג פאַר־לוירן דעם אַפּעטיט. און ווייל ער האָט פאָרט נישט אויפגעהערט צו עסן, האָט ער געהאַט זעקס טעג בויך־ווייטיק! מחיה האָט ער זיך געווען, אַז ער איז געוואָר געוואָרן פון אַ זיכערן מענטש, אַז ארץ־ישראל איז ווייטער פון ענגלאַנד.

— גוט — טראַכט ער, און קלערט שוין פון דעמלט אָן אויפן רעכטן אמת צו פאָרן קיין ארץ ישראל, „וואָרעם דער וועג מוז דאָך גיין דורך ענגלאַנד!"

ער וואָלט שוין לאַנג פאַרקויפט דאָס געוועלבל מיטן כלי־בית און געפאָרן, ווען נישט בריינע.

בריינע האָט גאַנץ ערלעך געהאַלטן איר מענדעלען. זי האָט זיך גע־ווונטשן צו זיין זיין פוסבענקעלע אין גן־עדן; זי האָט אים געקעכלט און געשטאָפּט, געאַרבעט ווי אַן איזל, מפרנס צו זיין, צו שוכן און צו קליידן מענדלען מיט די פיר קינדער: דריי מיידלעך און איין יינגל. איר גאַנצער עולם־הזה איז געווען, אַז זי האָט געזען פון געוועלב אַרויס איר מענדלען גיין מיט דער צדקה־פּושקע אין דער לינקער און מיטן שטעקן מיט דער מעשענער סקיפּקע אין דער רעכטער האַנט! זי האָט פאַרקויפט בחצי־חינם איר שטאָט אין עזרת־נשים, ווייל די פענצטער גייען אין שול אַריין, און באַצאָלט „ממון־קרח" פאַר אַ שטאָט נעבן בית־המדרש־פענצטער, זי זאָל זען ווי מענדל איז עולה לתורה און מאַכט די זיסע ברכה. עס האָט גע־קוואָלן דאָס האַרץ, ווען מענדעלע האָט אונטער געזאָגט דעם חזן, „האישה בריינע בת מורינו"... און מנדר געווען פאַר איר געזונט ח"י פּעמים ח"י;

זי איז געווען גליקלעך, אַז זי פֿלעגט שבת און יום־טוב גיין מיט אים דאַ־ווענען צוזאַמען; און אַז זיי האָבן זיך צעשיידט ביי די צווייערליי טרעפּ, פֿלעגט זי בלייבן שטיין אויפֿן ערשטן שטאַפּל און איבערדרייען זיך און זען ווי איר מענדעלע הייבט די פֿיסלעך אויף די מענערישע טרעפּ. נאָכן דאַווענען האָט זי אים אָפּגעוואַרט ביי דער שוועל, און אַז זי האָט אים דערזען, און זי האָט דערהערט זיין „גוט־שבת", איז זי רויט געוואָרן, גלייך ווי זי וואָלט ערשט פֿון אונטער דער חופּה אַפּער. פֿונדעסטוועגן האָט זי געוווּסט, אַז מענדעלע איז נישט קלוג אין די „וועלט־נאַרישקייטן", אַז ער איז נאָר אַ חכם אין די קליינע אותיות, אַ מוח אין בית־המדרש, אָבער אַזוי, אין עולם־הזה־זאַכן, נאָר לאָ!... דאָס איז שוין איר זאַך!

— ניין, מענדעלע, — זאָגט זי אים געלאַסן, — מע פֿאַרט נישט אַזוי, מע פֿאַרקויפֿט נישט קיין מחיה! אפֿשר שפּעטער, אַז מיר וועלן חתונה מאַכן אַלע קינדער, אָפּגעבן קעסט, דערלעבן כאָטש אַן אייניקל, און אפֿשר אַן אור־אייניקל, דעמלט, זעסטו, מהיכא־תיתי, איבערגעבן די קינדער די מחיה...

און מענדל האָט געוווּסט, אַז ברײַנע איז אין וועלט־זאַכן אַ „ווילדע חכמה" און האָט געוואַרט! וואָרעם נאָך ירושלים און ענגלאַנד, איז אים ברײַנע געווען פֿאַרבאָקן אין האַרץ.

ער האָט דערווייל נישט אַלע קינדער חתונה געמאַכט, און ער קומט איינמאָל אַהיים זייער טרויעריק:

— זעסטו, ברײַנע, מאַכט ער, אַ פּאַוויעסטקע צום בית־דין של מעלה! ער ווייזט איר אַ גראָע האָר אין דער באָרד.

ברײַנע טרייסט אים:

— רייד נישט קיין נאַרישקייטן, מענדעלע, דו ביסט נישט קלאָר אין אַזעלכע זאַכן... מיין טאַטע, עליו־השלום, איז גראָ געוואָרן צו פֿופֿציק יאָר, און דיר צו לענגערע יאָר...

— אונדז צו לענגערע יאָר, פֿאַרבעסערט מענדל

— און אונדז צו לענגערע יאָר האָט ער נאָך געלעבט אַוודאַי אַ יאָר דרייסיק!

— היינט אָבער שוואַכע דורות, נישט די פּאַרצייטיקע כוחות! — זאָגט מענדעלע און לאָזט אַראָפּ די אויגן.

ברײַנע האָט אים אויסגערעדט דאָס עגמת־נפֿש און אים אָנגעהויבן בעסער צו קעכלען: געמט ביים קצב נאָך אַ האַלב פֿונט פֿלייש צום וואַ־רעמס...

— איי, ברײַנטשע, זאָגט דער קצב, איר האָט אַוודאַי מחותּנים צום טיש, זאָל אייך זיין צו מזל!

— ניין, ענטפערט ברײנע... הײנטיקע שוואכע דורות...

און ביים עסן לייגט זי אַלעמאָל צו מענדעלען נאָך אַ שטיקל, נאָך אַ פּיצל... „עס דאָס, דאָס איז אַ מחיה“, און האָט, קוקנדיק אויף מענדעלען אין זינען געהאַט: זאָל אים זיין צו געזונט... הײנטיקע שוואכע דורות!..

זי האָט מיקלאָמפּערושט „געבאַפּט אַ זעמל אין געוועלב, געוואַשן זיך ביי דער שכנה“, אַמאָל — האָט איר אַ קרובה געקאָכט אַ נייע מאָדע קילישע און איר געבראַנגט אַ פּאָר לעפל צו פּאַרזוכן; אַמאָל איז זי געווען אויף אַ ברית, כאָטש זי האָט פאַרגעסן ווי די יולדת הייסט, — אַבי זי איז נישט הונגעריק געווען ביים עסן און נאָר געבעטן זיך:

— עס, מענדעלע, עס, וואָס גלייכסטו זיך צו מיר? תורה תתיש כוח! מתיש כוח, מיינסטו, ברײנע.

— זאָל זיין מתיש כוח... אָדער ווי אין פּרק שטייט: אם אין תורה אין קמח, אז מען לערנט, מוז מען עסן!

מענדל שמייכלט אויפן נייעם גרייז.

— אָבער איך, וואָס טו איך? איך גיי אַ גאַנצן טאָג ליידיק, אָדער זיץ איבערן פּייער־טאָפּ, קומט אַריין אַ קונה, מעסט איך אָפּ אַ קוואָרט באָבעלעך, צי קאַשע, צי מעל, נישט — נישט! דעריבער דאַרף איך ווייניקער עסן.

מענדל גלייבט אין דער געבאַפּטער זעמל, אין דער קילישע, אינעם ברית, כאָטש ער האָט תחנון געזאָגט. אַ קשיא אויף אַ מעשה, אוודאי ביי אַ מנין... ער דאַרף טאַקע — גלייבט ער — מער עסן. אַ קאַטאַוועס — יעדן טאָג צוויי יום תהילים, אַ פּרק משניות, עטלעכע בלאַט עין־יעקב, הײנט־זשע — דאַוונען, פּושקע טראָגן, שטעקן שלעפּן, ער ווייסט?

און ער איז שטאַרק צופרידן, וואָס זיין כשרע ברײנע האָט אַזאַ רויק לעבן, וואָס זי זיצט ליידיק אין געוועלבל איבערן פּייער־טאָפּ, פאַרלייגט די הענט און וואַרט אויפן קונה, קומט ער — קומט ער, נישט — נישט! זייער גליק! זאָל זי כאָטש נישט אַזוי פיל אַרבעטן ווי ער. זאָל זי זיך כאָטש אויסרוען די ביינער, און מענדעלע שטאָפּט אין זיך אַריין וואָס אַמאָל מער, אַבי ער זאָל האָבן כוח מאַריך־ימים צו זיין, ער זאָל דערלעבן צו זען ענגלאַנד און צו שטאַרבן דערנאָך אין ירושלים.

אחוץ פון ברײנע האָט מענדעלע נאָך נחת פון קינדער: אַן עלטערן זון האָט ער חתונה געמאַכט אין דער פּרעמד; ער עסט שוין קעסט ביים שווער! געלויבט איז גאָט, זייט ער האָט חתונה געהאַט איז נאָך פון אים קיין בריוו נישט געווען אַ סימן, אַז עס גייט אים גוט, אַז ער איז בקו הבריאה. — ווער עס קומט צו פאָרן, ברענגט אַ גרוס... נאָך אים גייט אַ חתן־בחור —

א חדר־ייִנגל. ברײַנע באַשטעלט מלמדים, צאָלט שכר לימוד, זעט — ער זאָל לערנען מיט זײַנס גלײַכן. ער פֿאַר דאָס פֿאַרהערט אים אַלע שבת... נאָר פֿאַרן עסן האָט מענדעלע פֿײַנט צו פֿאַרהערן. נאָכן עסן איז בעסער. מער רחבות. דערנאָך דרימלט ער טאַקע באַלד אײַן, און כאַפּט זיך ערשט אויף ביים מלמדס לחיים, גיט דעם זון אַ קניפּ אין בעקל און שוין!

ער האָט נאָך דרײַ טעכטער, יונגע קינדער, צײַכן מיידלעך, גאָר ווײַלע קינדער אַלע. דרך־ארצדיקע קינדער. שטילע קינדער. שטענדיק רײנע, אָפּגעוואַשענע, אַ מחיה!... ער זעט אַפֿילו נישט, ווען מע וואַשט זיי, ווען מע קעמט זיי, ווען ברײַנע לאַטעט און פֿאַרריכט! ער קאָן כמעט נישט פֿאַרשטיין ווי אַזוי דאָס ווערט קלוג און פֿײַן געבוירן!..

— טאַקע מײַנע קינדער! — טראַכט ער זיך מיט גאווה. — אין מיר אַרײַן געראָטן! ער דאַנקט און לויבט זײַן ליבן נאָמען דערפֿאַר, וואָס ברײַנע האָט אַזאַ רויק לעבן, נישט ווי אַנדערע מאַמעס; וואָס די קינדער דרייען איר נישט אָפּ דעם קאָפּ! און ווי די קינדער פֿאָלגן! ער הייסט זיך, למשל, ברענגען אַ טרונק וואַסער — ברײַנע האָט אַ טבע אַלץ, וואָס ער זאָגט, איבערצוזאָגן. און קוים חזרט זי איבער: ברענגט דעם טאַטן וואַסער, לויפֿט דאָס קינד שוין און ברענגט; אַ מחיה אַזוינע קינדער! ער קומט אין שטוב אַרײַן און ברײַנע זאָגט נאָר: דער טאַטע גייט — איז שוין שטיל!

— געלויבט איז גאָט, מע רעדט שוין דעם צווייטן זון אַ שידוך. און אַ גוטן שידוך. ברײַנע וויל טאַקע פֿאַרן אָנקוקן די כּלה, חנאות־צײַט וועט זי עס טאָן; אַזוי האָט זי אים געזאָגט. און ווײַל ער איז געוואָר געוואָרן, אַז צום מחותן פֿאָרט מען נישט דורך ענגלאַנד, איז ער איר מוחל דעם כּבוד, זאָל זי זיך אַביסל איבערפֿאָרן. פֿאַרוואָס נישט. זי פֿאָרט אײַנגאַנצן פֿיר מאָל אין יאָר נאָך סחורה, אויך קומט זי צוריק מיד און מאַט פֿון לויפֿן, באַקוקן, דינגען... זאָל זי אײנמאָל כאָטש פֿאָרן און קומען מיט נחת. זאָל די וועלט זען, וואָס פֿאַר אַ ווײַב ער האָט! ער אַליין וועט זיך ווײַזן אויף די תנאים! אַפֿילו ביי דער חופּה איז אויך גענוג! דעם ערשטן זונס כּלה האָט זי אויך אָנגעקוקט; זי איז שוין מזלדיק צו אַזעלכע זאַכן... ער וועט זיך נאָך גענוג אָנפֿאָרן...

עס זײַנען ווײַטער אַוועקגעגאַנגען אַ פּאָר יאָר, און גאָט בענטשט, בענטשט ער מיט אַלעם, אַפֿילו מיט מנוחה — דער צווייטער זון האָט אויך חתונה געהאַט, און גוט חתונה געהאַט, ער עסט שוין אויך קעסט.

מענדעלע האָט אַפֿילו גאַנץ ווייניק געוווּסט ווער און וואָס! עס איז אים איבערגעגאַנגען כמעט ווי אין אַ חלום. ער האָט אַפֿילו קיין אײנציקן טאָג קיין יום־תהילים נישט פֿאַרפֿעלט... עס האָט אים דער קאָפּ נישט ווי־

געטאָן, אויסער אינדערפֿרי, נאָך דער גרויסער נאַכט, פֿון ווייניקער שלאָפֿן!

און מענדעלע פֿרייט זיך, — נאָך איינגאַנצן דריי מיידלעך חתונה צו מאַכן, (ביי ברײנען גייט עס געשווינד), און דערנאָך: שוין! איבערגעבן די מחיה, דינגען אַ ברייטן וואָגן, מע זאָל זיך קענען אויסציִען, אָנפּאַקן מיט ענגליש שטרוי און וויאָ!

נאָך עפּעס פֿילט ער, אַז די פֿיס זיינען אים נישט בקו־הבריאה, אַז פֿון אַ קורצער צייט איז אים דער אָטעם שווער, נאָר ברײנע לאָזט אים נישט צו קיין עגמת־נפֿש, זי טרייסט אים און קעבלט אים אַלע מאָל מער; זי איז אים מבטיח, אַז ער וועט נאָך אַלץ דערלעבן!

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

איינמאָל זיצט ער אין בית־המדרש ביים עין־יעקב און דערהערט אַ געשריי; עס דאַכט זיך אים — זיין טאָכטער; ניין, ווי קומט זי אויפֿן שול־הויף? און אַ כּלה־מיידל וויינט נישט... עפּעס לויפֿט מען אויף די טרעפּ, מע שרייט: טאַטע! טאַטע! פֿאָרט איר קול! עס איז אָבער דאָך נישט מעגלעך!

ער וויל איבערקלערן, נעמט אַרויס אַ שמעק טאַבעק, נאָר איידער ער האָט אים אַריינגעזשעצט אין די נאָז־לעכער, האָט אים שוין די טאָכטער געריסן ביי די לאַצן:

— טאַטע! די מאַמע איז אַוועקגעפֿאַלן, געוואַלד!

און איידער ר' מענדעלע איז צו זיך געקומען און אַהיימגעלאָפֿן, איז שוין ברײנע געלעגן טויט!

אין איין טאָג איז מענדעלע גרייז־גראָ געוואָרן, דער אָטעם טאַקע שווער און די פֿיס טאַקע געשוואָלן... ער האָט זיך נישט געריכט, אַז ברײנע זאָל אים נישט איבערלעבן... ביי אַזאַ מאַן, ביי אַזוינע קינדער, ביי אַזאַ ווילטאָג!..

און ברײנע, אַזוי ווי מע האָט זי נישט אַרויסגעזען ביים לעבן, האָט מען זי קוים אָנגעזען אויף דער מיטה... אַזאַ דאַרעניש!..

1891 י.

די אלמנה

די גראָע, רירעוודיקע נעפּל קלויבן זיך צוזאַמען אויף אַ שוואַרצן וואָלקן. עס איז דושנע, עס וועט פאַלן אַ שטאַרקער רעגן; ער שיקט זיך שוין אָנזאָגן דורך עטלעכע דיקע טראָפּן... דאָס שטיבל שטייט אונטערן באַרג, דאָס שטרויענע דעכל איז פול מיט לעכער; עס האָט נישט ווער עס צו פאַרריכטן.

די וואָלקן האָבן פאַרשטעלט די זון. די רעשט ליכט פאַרשטעלט דער באַרג; אין שטיבל איז כמעט פינצטער, עס איז פאַרנאַכט, באַלד וועט די נאַכט צופאַלן... אין עק, אויפן קוימען, שטייט אַ ליידיק לעמפּל מיט אַן אָפּגעבראָכן גלעזל אָן נאַפט... עס האָט נישט ווער צו גיין נאַפט קויפן.

אין שטיבל איז שטילער ווי אין דרויסן...

דער קוימען איז נישט ליידיק: עטלעכע ערדענע, האַלב צעבראָכענע טעפּלעך, אַביסל אַש... אַ שטיקל אָפּגעשליפענער ציגל, איזערנע פּיס־לעך, — נאָר אָן אַ פונק פייער. פאַר דער טיר ליגט נאָר אַ פוילע ליפּע האָלץ, עס האָט נישט ווער זי צו צעהאַקן.

דער באַלעבאָס פון שטיבל איז קראַנק געווען אַ גאַנץ גייענדיק יאָר און וואָס אַ טאָג איז קלענער געוואָרן דאָס אָפּגעשפּאָרטע קניפּל...

ער האָט געזאַמלט פון אַ קינדס וועגן: „צוזאַמענגעקליבן אַ רובל הונדערט, אוועקגעגעבן אויף פּראָצענט"... האָט גאָט באַשערט אַ מיידעלע „זאָל זיין נדן פאַר איר!"

איז אָבער געקומען די קרענק!

פון קניפּל האָט אַלע מאָל מער געפּעלט געלט און דעם קראַנקען — כוחות און בלוט... עס האָבן אַרויסגעוואַנדערט די כלים פון שטוב; די לעצטע איז אַרויסגעגאַנגען די ניי־מאַשין... מיטן לעצטן דרייער פון קניפּל איז אַרויס אויך די נשמה פון גוף...

דאָס ברודיקע שטיקל לייוונט פונעם קניפּל הענגט אַצינד איבער אַ גלאָז וואַסער ביים נשמה־ליכטל.

ביי דער טיר שטייט אַ קליין אייזערן קעסטל... דאָס איז דער געוועזענער דינסטס. זי איז ערשט אַרויסגעגאַנגען זיך זוכן אַן אָרט.

אין לייַדיקן שטיבל איז כמעט פֿינצטער...

אויף דער פּאָדלאָגע שימערט אַביסל צעוואָרפֿן שטרוי... אויף די פֿיר ווענט שטאַרען אַרויס פֿאַרשיידענע נעגל.

אויף זיי האָט געהאָנגען אַ שפּיגעלע (הייַנט דאַרף מען עס נישט... די אַלמנה וואָלט זיך פֿאַר איר פּנים דערשראָקן...) אַ חנוכּה־לעמפּל (פֿאַר וועמענס וועגן?) עס האָבן געהאָנגען קליידער... יעדער האָט זיך פֿאַר זיין טויט אָפּגעכאַפּט זיינס!

אין אַ ווינקל שטייט אַ וויגל; אין וויגל ליגט אַ קינד. עס שלאָפֿט.

אויף דער ערד נעבן וויגל זיצט די פֿרישע אַלמנה. די דאַרע הענט פֿאַרבראָכן, דער שווערער קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויפֿן וויגל... די אויסגעוויינטע אויגן קוקן שטאַר אויפֿן סופֿית.

עס דאַכט זיך, זי לעבט נישט, זי פֿילט נישט, זי קלערט נישט... איר האַרץ קלאַפּט נישט, זי האָט קיין דופק נישט...

דאָך אין מוח וואַלגערט זיך אַ מחשבה; קיין אַנדערע טרייבט זי נישט אַרויס, רירט זי זיך נישט —

— „הענע, — האָט ער אַמאָל געזאָגט, — דערלאַנג מיר דאָס שערל!" ער האָט עס נישט געדאַרפֿט, ער האָט דערביי עפּעס קליגעריש געשמייכלט... וואָס האָט ער געוואָלט? איך זאָל צוגיין צו אים? איך האָב געשיילט קאַרטאָפֿלעס... צי האָב איך אים דערלאַנגט דאָס שערל. ניין; עס איז עמעץ דערווייל אַריינגעקומען... ווער?

זי קען זיך נישט דערמאָנען און קלערט אַלץ: ווער?
דאָס קינד דערווייל שלאָפֿט און שמייכלט אין חלום.

1891 י.

די לעזערין

פרייטיק צו־נאַכטס:

אינעם שטיבל איז שרעקלעך שטיל, אין ד׳ אמות שלאָפן זיבן נפשות.

דער אַלטער וואַסער־טרעגער האָט נישט געהאַט: נישט קיין פלייש, נישט קיין פיש, נישט קיין בראָנפן, נישט קיין חלה. ער האָט קידוש געמאַכט איבער ברויט. עס איז קוים אויף צוויי גראָשנדיקע בענטש־ליכט געבליבן. ער האָט אפילו קיין פריש העמד נישט באַקומען.

איין עונג שבת איז געבליבן: אויסשלאָפן זיך פאַר אַ גאַנצע וואָך.

דעם זעלבן עונג שבת האָט דאָס ווייב אויך... אַ גאַנצע וואָך לויפט זי אַרום אין די דערפלעך, קויפט אויף אייער, הזיר־האָר, שמאַטעס. די וואָך איז זי געלאָפן אָן געלט, זי האָט אומזיסט געבעטן קרעדיט, און איז אַהיימגעקומען פרייטיק פאַרנאַכט אָן סחורה, אַ געהרגעטע, אַ פאַרחלשטע, קוים האָט זי אָפּגעבענטשט ליכט, איז זי אויך אַנדערגעפאַלן און איז איינגעשלאָפן...

געוויינטלעך שלאָפט דער וואַסער־טרעגער מיט דריי — און זי מיט צוויי קינדער צוזאַמען. היינט זיינען זיי בייִדע צו פרי אַנטשלאָפן געוואָרן. די קינדער האָבן זיי נישט געוואָלט וועקן, און זיי ליגן צעלייגט און כראָפּן אויף דער גאָלער ערד.

פון די בענטש־ליכט צאַנקט נאָך איינס, און פון די שטוב־נפשות איז נאָך איינע וואַך.

די עלטסטע טאָכטער.

די צעפלאָכטענע האָר זיינען רויט. דאָס פנים — געל: גענערט פון קאַרטאָפל נישט צו דער זאַט. אין די אויגן דאָך ברענט; די איינגעפאַלענע ברוסט הייבט זיך און פאַלט, די דאַרע הענט ציטערן...

זי לעזט ביים צאַנקענדיקן ליכט שמרס אַ ראָמאַן. די ליפּן ציטערן פאַר אומגעדולד.

זי איז צערודערט. זי שרעקט זיך: טאָמער גייט איר אויס דאָס ליכטל, און זי וועט נישט געוויר ווערן דעם סוף פון פּיפּערנאָטער!

1891 י.

שלום בית

חיים איז א טרעגער.

אז ער גייט דורך די גאַס. איינגעהויקערט אונטערן קאַסטן סחורה זעט מען אים נישט אַרויס; עס האַכט זיך, אַז דער קאַסטן גייט אַליין אויף צוויי פיס... דאָס שווערע אָטעמען הערט זיך דאָך פון וווייטנס!

דאָך — אַט לייגט ער אָפּ די לאַסט, באַקומט זיינע עטלעכע גראָשן; ער גלייכט זיך אויס, אָטעמט שטאַרק אָפּ, בינדט אָפּ די פּאָלעס, ווישט זיך אָפּ דעם שוויים פון פּנים, גייט גלייך צום ברונעם, טוט אַ פּאָר שלינג וואַסער און לויפט אין הויף אריין.

ער שטעלט זיך לעבן אַ וואַנט, הויבט אויף דעם ריזן־קאָפּ אזוי, אַז דער שפּיץ באָרד מיט דער נאָז, מיטן דאַשעק פונעם היטל, קומען אויס אויף איין שטח.

ער רופט:

— חנה!

פון אונטערן דאַך עפנט זיך אַ קליין פענצטערל, און אַ קליין זויבעריש קעפּל אין אַ ווייסן ציפּיק ענטפערט:

— חיים?!

דאָס פּאָר־פּאָלק קוקט זיך גאַנץ צופרידן אָן; די שכנים זאָגן: זיי קעטשקען זיך. חיים וואַרפט אַרויף זיין פּאַרדינסט, איינגעוויקלט אין אַ שטיקל פּאַפּיר. חנה כאַפּט עס אין דער לופט; עס איז איר נישט דאָס ערשטע מאָל.

— אַ בריה נפלאה! — מאַכט חיים, און האָט גאָר קיין חשק נישט אָוועקצוגיין.

— גיי, גיי, חיים! — שמייכלט זי, — איך קאָן מיך נישט רירן פון קראַנקן קינד... איך האָב צוגעשטעלט דאָס וויגל צום קוימען...

מיט דער האַנט שוים איך און מיטן פוס וויג איך...

— וואָס מאַכט עס, נעבעך?

— בעסער!

— געגלויבט איז גאָט! און הענע?
— ביי דער נייטאָרין!
— יאָסל?
— אין חדר.
חיים לאָזט אראָפּ די באָרד, גייט אוועק און חנה קוקט אים נאָך, ביז ער ווערט איר פאַרשוווּנדן.
דאָנערשטיק און פרייטיק דויערט עס לענגער.
— וויפל האָסטו דאָ אינעם פּאַפּירל? — פרעגט חנה.
— צוויי און צוואַנציק גראָשן.
— איך האָב מורא, עס איז ווייניק!
— וואָס דאַרפסטו דען, חנהלע?
— פאַר א זעקסער שמירעכץ פאַרן קינד, פאַר עטלעכע גראָשן ליכט, חלה האָב איך שוין... פלייש אויך, אַנדערטהאַלבן פונט... נו — בראָנפן אויף קידוש!... היינט דאַרף מען נאָך עטלעכע הרענגלעך!
— הרענגלעך וועל איך דיר שוין שאַפן, עס מוז זיין אויפן מאַרק.
— דאַרף איך נאָך...
און זי רעכנט אויס, וואָס זי דאַרף נאָך אַלץ אויף שבת. סוף כל סוף בלייבט: אז מע קאָן קידוש מאַכן איבער חלה, און אז אָן א סך זאַכן איז זיך גאַנץ לייכט צו באַגיין.
דער עיקר איז — בענטש־ליכט, אויך די זאַלב פאַרן קינד!
און פונדעסטוועגן, אַז גאָט העלפט, די קינדער זיינען געזונט, די מעשׂעגע לייכטער — נישט פאַרזעצט, בפרט, אויב עס איז נאָך דאָ א קוגל — האָט דאָס פאַר־פאָלק גאָר א פריילעכן שבת!
וואָרום חנה איז א בריה נפלאה צום קוגל!
שטענדיק פעלט איר עפּעס; דאָ מעל, דאָ אייער, דאָ פעטס, און צום סוף קומט אַרויס א פעטער, א זיסער, א מחיהדיקער קוגל, ער צע־גייט פשוט אין אַלע אבֿרים!
— דאָס קאָכט דער מלאך, — זאָגט חנה, און שמייכלט פאַר נחת.
— יאָ א מלאך, אוודאי א מלאך! — לאַכט חיים, — דו מיינסט, אַז דו ביסט אַ קליינער מלאך, אַז דו האַלטסט אויס פון מיר און פון די קינדער. וויפל מאָל טוען זיי דיר אָן צרות, איך ווער אמאָל בייז... נו, איך הער עפּעס א קללה פון דיר, ווי אַנדערע ביי די ווייבער? און באַשר, דו האָסט א סך נחת פון מיר? דו און די קינדער גייען נאַקעט און באָר־וועס... צו וואָס טויג איך? נישט צו קידוש, נישט צו הבדלה, איך קאָן אפילו נישט רעכט קיין זמירות זינגען...

— ביסט פֿאַרט אַ גוטער טאַטע, און אַ גוטער מאַן! — האַלט זיך חנה ביים איריקן, — אַזאַ יאָר אויף מיר, און אויף כל ישׂראל... איך זאָל זיך נאָר עלטער'ן מיט דיר, ריבונו של עולם!

און דאָס פֿאַר פֿאָלק קוקט זיך אין די אויגן אַריין אַזוי גוט, אַזוי וואַרעם, און אַזוי מיטן גאַנצן האַרץ, אַז עס דאַכט זיך, אַז זיי זײַנען ערשט פֿון אונטער דער חופּה אַפּער...

עס ווערט נאָך פֿריילעכער ביים טיש...

נאָר נאָכן שלאָף, גייט חיים אין קליינעם שולכל אַריין הערן תּורה.

דאָרט לערנט אַ מלמד מיטן פּראָסטן עולם „אלשיך". עס איז היים, די פּנימער זײַנען נאָך פֿאַרשלאָפֿן; איינער כאַפּט נאָך אַ דרימל, דער צווייטער לאָזט אַרויס אַ הויכן גענעץ; נאָר ראַפּטום, ווען עס קומט צום רעכטן אָרט, מע שמועסט פֿון יענער וועלט, פֿון גיהנום, ווו מע שמייסט די רשעים מיט אייזערנע ריטער; פֿון ליכטיקן גן־עדן, ווו די צדיקים זיצן אין גאָלדענע קרוינען און לערנען תּורה... דעמלט ווערן אַלע אויפֿגעלעבט; די מײַלער — אָפֿן, די פּנימער — רויט... מע הערט זיך אײַן אָן אָן אָטעם, וואָס עס וועט זײַן אויף יענער וועלט!

ער ליידט צוזאַמען מיט די רשעים; באָדט זיך אין הייסער סמאָלע; ער ווערט געוואָרפֿן כף הקלע, קלויבט שפּענער אין ווייסטע וועלדער... אַלץ לעבט ער דורך, און עס באַדעקט אים דער קאַלטער שווייס... פֿאַר דאָס האָט ער שפּעטער נחת גלייך מיט אַלע צדיקים: דאָס ליכטיקע גן־עדן, די מלאכים, דער לויתן, דער שור־הבר, און אַלע גוטע זאַכן שטעלן זיך אים פֿאַר אַזוי לעבעדיק און אַזוי בולט, אַז ווען דער מלמד ענדיקט, גיט אַ קוש און פֿאַרמאַכט דאָס ספֿר, כאַפּט ער זיך אויף ווי פֿון אַ חלום, טאַקע ווי פֿון יענער וועלט.

אַך, — כאַפּט ער שווער דעם אָטעם, וואָס ער האָט אײַנגעהאַלטן די גאַנצע צײַט, — ריבונו של עולם! כאָטש אַ שטיקל, כאָטש אַ פּיצל, כאָטש אַ בראָקעניו עולם הבא... פֿאַר מיר, פֿאַר מײַן ווײַב, און פֿאַר אַלע מײַנע קינדערלעך!

און דעמלט ווערט ער טרויעריק; ער פֿרעגט זיך: „אומשטיינס געזאָגט, פֿון וואָס, פֿאַר וואָס?..."

איינמאָל איז ער נאָכן לערנען צוגעגאַנגען צום מלמד:

— רבי, — זאָגט ער, און זײַן קול ציטערט, — גיט מיר אַן עצה, איך זאָל זוכה זײַן צו האָבן עולם הבא!

— לערן, מײַן קינד, תּורה! — הערט ער אַ תּשובה.

— איך קאָן נישט!

— לערן משניות... עין־יעקב, כאָטש פּרק...

— איך קאָן נישט!

— זאָג תהילים!

— איך האָב קיין צייט נישט!

— דאַוון ערנסט!

— איך פאַרשטיי נישט, וואָס איך דאַוון!

דער מלמד קוקט אים אָן מיט רחמנות:

— וואָס ביסטו? — פרעגט ער.

— אַ טרעגער.

— נו, זיי משמש תלמידי חכמים.

— וואָס הייסט?

— טראָג, למשל, אַלע פאַרנאַכט אין בית המדרש אַריין אַ פּאָר קאַנען וואַסער, די לומדים זאָלן האָבן צו טרינקען...

חיים ווערט דערפרייט.

— רבי, — האָט ער ווייטער געפרעגט, — און מיין ווייב?

— אַז דער מאַן זיצט אויף אַ שטול אין גן־עדן, איז דאָס ווייב זיין פוסבענקעלע.

— — — — — — — — — — — — — — — —

אַז חיים איז אַהיימגעקומען הבדלה מאַכן, איז חנה געזעסן און געזאָגט: „גאָט פון אברהם". אַז ער האָט זי דערזען, האָט אים עפּעס אָנגעכאַפּט ביים האַרץ.

— ניין, חנה — פאַלט ער צו איר צו, — איך וויל נישט, דו זאָלסט זיין מיין פוסבענקעלע... איך וועל מיך אַראָפּבייגן צו דיר. איך וועל דיך אויפהייבן און זעצן דיך נעבן מיר. מיר וועלן צוזאַמען זיצן אויף איין שטול, ווי אַציגנד... עס איז אונדז אַזוי גוט צוזאַמען... הערסט, חנה, דו מוזט זיצן מיט מיר אויף איין שטול... דער ריבונו של עולם וועט מוזן באַשטיין.

1891 י.

אין פּאָסט־וואָגן

א.

ער האָט מיר אַלץ פאַרציילט אויף אַמאָל, אין איין אָטעם, אין איין מינוט כמעט, בין איך געוואָר געוואָרן, אַז ער איז חיים, יונה הרובע־שאָוועס אײדעם, בערל קאָנסקיוואָליעס זון, און אַז דער לובלינער גביר מערנשטיין, געהער אים צו אַ פעטער פון דער מוטער, עליה השלום צד. נאָר דער פעטער זיינער פירט שוין כמעט אַ גוייש הויז; טאַקע, ווייסט ער נישט אויב מע עסט, נאָר אומגעוואַשן — האָט ער אַליין געזען...

עס איז עפּעס, זאָגט ער, אַנדערע מאָדנע ברואים: לאַנגע האַנטעכער ליגן אויף די טרעפּ. אײדער מע גייט אַריין, מוז מען געבן אַ קלונג; אין שטוב זיינען אויסגעשפּרייט געמאָלטע טישטעכער... מענטשן זיצן ווי אין אַ תפיסה, גייען שטילערהייט ווי גנבים... בכלל, זאָגט ער, איז ביי זיי שטיל ווי רחמנא לצלן צווישן טויב־שטומע...

זיין ווייב האָט אַזאַ מין משפּחה אין וואַרשע, נאָר צו זיי קומט ער נישט; גלאַט זיי זיינען קבצנים אויך — „וואָס טויגן זיי מיר? האַ?"...

ביים לובלינער פעטער איז נישט ווי גאָט האָט געבאָטן, איז ער ווייניקסטן אַן עושר. נו, אַז מע רייבט זיך נעבן אַ פעטן, ווערט מען אויך פעט; ווו מע האַקט האָלץ, פאַלן שפּענער, ווו עס איז אַ סעודה, קאָן מען אָפּלעקן אַ ביין.. אָבער דאָרט — קבצנים!

ער ריכט זיך אַפילו מיט דער צייט צו קריגן אַ שטעלע ביים לובלינער פעטער. די געשעפטן, זאָגט ער, זיינען שלעכט, היינט האַנדלט ער מיט אייער, ער קויפט זיי אויף אין די דערפער און שטעלט זיי אָפּ קיין לובלין. פון דאָרט גייען זיי קיין לאָנדאָן... מע זאָגט, אַז דאָרט לייגט מען זיי אין קאַלך־אויוון אַריין און עס קומט פון זיי אַרויס הינער... „עס מוז זיין אַ ליגן... די ענגלענדער מוזן גאַנץ איינפאַך ליב האָבן אייער!", נאָר סיי־ווי־סיי — דאָס געשעפט איז דערווייל דערשלאָגן...

אלץ בעסער דאָך ווי תבואה! תבואה איז גאָר געהרגעט. באַלד נאָך דער חתונה איז ער געוואָרן אַ תבואה־סוחר. ער איז געווען אַ לערן־קינד, האָט מען אים צוגענומען אַ שותף אַן אַלטן סוחר... דער סוחר, האָט אים אויסגעמאַכט דאָס אויער, פּשט פּשוט געפּריצעוועט...

ב.

אינעם פּאָסטוואָגן איז פינצטער, איך האָב חיימס פּנים נישט געזען, און, עד היום ווייס איך נישט, ווי אַזוי ער האָט אין מיר אַ ייד דער־קענט... אַז ער איז איינגעשטינן בין איך געזעסן אין ווינקל און געדרימלט, זיין קול האָט מיך ערשט אויפגעוועקט... פון שלאָף רעד איך נישט... אפשר האָב איך אַ יידישן קרעכץ געגעבן אפשר האָט ער דערפילט, אַז מיין קרעכץ און זיין קרעכץ זיינען איין קרעכץ?

ער האָט מיר אפילו דערציילט, אַז זיין ווייב קומט אַרויס פון וואַרשע, אַז עד היום שמעקט איר נישט קאָנסקיוואָליע...

אין וואַרשע האָט זי זיך אָנגעשטעקט מיט אַנדערע זאַכן. זי איז אַ גרויסע בריה אין פּויליש, דייטשערישע אַדרעסן לייענט זי ווי אַ וואַ־סער. זי זאָגט אפילו, אַז זי קאָן שפּילן, נישט אויף אַ פידל, נאָר עפּעס אויף אַן אַנדערע מאָדע כלי...

— און איר ווער זייט? כאַפּט ער מיך פלוצלונג אַן ביי דער האַנט.

פון שלאָפן איז שוין נישט געווען וואָס צו ריידן, און אָנגעהויבן אינטערעסירן האָט ער מיך שוין אויך. עפּעס אַ מעשה, אַ קליינשטעטל־דיקער יונגערמאַן, אַ ווייבל, אויפגעצויגן אין וואַרשע, דאָס קליינע שטעטל שמעקט איר נישט... פון דעם קאָן עפּעס זיין, טראַכט איך, מע דאַרף געוואָר ווערן אַקוראַט, עפּעס צוליגן, וועט זיין אַ ראָמאַן... וועל איך באמת צוברעקן אַ מין גזלן, אַ קאַטאָרזשניק, אַריינהאַקן אַ פּאָר באַנק־ראָטן און צערייסן אַ פּיפּערנאָטער, וועל איך אויך זיין אינטערעסאַנט.

איך בויג מיך צו, צו מיין שכן און זאָג אים ווער איך בין.

— אַזוי, זאָגט ער, איר זייט עס טאַקע, איר אַליין... און זאָגט מיר, איך בעט אייך, ווי נעמט עס אַ מענטש צייט און קאָפּ, זיך אויסצוקלערן מעשות...

— איר זעט דאָך!

— איך ווייס? האָט איר געמוזט קריגן אַ גרויסע ירושה און איר לעבט פון פּראָצענט.

— חס ושלום, מיינע עלטערן לעבן, ביז הונדערט און צוואָנציק יאָר.

— האָט איר געמוזט אויף דער לאָטעריע געווינען!
— אויך נישט...
— וואָס דען?
איך האָב אים באמת נישט געוווסט וואָס צו ענטפערן...
— האָט איר פון דעם פרנסה?
איך ענטפער אן אמתע יידישע תשובה: בע!
— און דאָס איז אייער גאַנצע פרנסה, גאָר אָן א צושפּרינג?
— דערווייל...
— אַוואַ! וואָס האָט איר, איך בעט אייך, דערפון?
— זייער ווייניק!
— אויך טויט?
— געהרגעט...
— שלעכטע צייטן, זיפצט מיין שכן.
א פּאָר מינוט איז שטיל געווען, מיין שכן קאָן דאָך לאַנג נישט רוען:
— זאָגט מיר, איך בעט אייך, נאָך וואָס טויגן די מעשׂות?
— איך מיין נישט אייך, חלילה, — פאַרבעסערט ער זיך — חס ושלום, א ייד דאַרף פרנסה. צאַפּט ער פון דער וואַנט; דאָס איז ביי מיר גאָר קיין קשיא נישט... וואָס טוט נישט א ייד פאַר פרנסה? אָט, האָב איך נישט געקריגן קיין געלעגנהייט, פאַר איך מיט דער פּאָסט, גאָט ווייסט אויב איך זיץ נישט אויף שפּיגל. נאָר דעם עולם מיין איך, וואָס טויגן די מעשׂות? וואָס פאַר א תכלית שטעקט דערינען? וואָס שרייבט מען אין די ביכלעך?
ער וואַרט נישט אויף קיין תשובה און ענטפערט זיך אליין: —
— עס מוז גלאַט זיין אַזאַ מאָדע, א מין קרינאַלינע, א קשיא אויף ווייבער!
— און איר — פרעג איך אים, — איר האָט נאָך קיינמאָל נישט געלעזן די ביכלעך?
— אייך מעג איך דאָך זאָגן, איך האָב יאָ אפילו א שטיקל ידיעה דערפון... אָט אַזוי גרויס...
ער האָט מיר אוודאי אָפּגעמאָסטן א שטיקל אויפן פינגער, א נאָגל מיט א שטיקל פלייש צו, נאָר עס איז פינצטער געווען.
— עס האָט אייך פאַרט אינטערעסירט?
— מיך? חס ושלום! אלץ מיין ווייב! די מעשׂה דערפון, פאַרשטייט איר, איז אַזוי געווען: עס וועט זיין א יאָר פינף—זעקס, טאָקע זעקס, א יאָר נאָך דער חתונה — מיר האָבן נאָך קעסט געגעסן... האָט זיך עפּעס געמאַכט,

אז מיין אשה איז נישט געווען אינגאַנצן; נישט חלילה קראַנק, זי איז אַרומגעגאַנגען, נאָר אַזוי, נישט בקו חבריאה...

איינמאָל פרעג איך זי, וואָס איז איר...

— איינגעטלעך, — כאַפּט ער זיך צוריק, — ווייס איך נישט, נאָך וואָס איך דול אייך דעם קאָפּ מיט אַזעלכע זאַכן...

— אדרבא, — זאָג איך אים, — דערציילט, ר׳ קרוב...

מיין שכן לאַכט:

— מע דאַרף שטרוי אין מצרים? איר דאַרפט מיינע מעשות, איר קאָנט אייך נישט אויסקלערן אַליין?

— דערציילט, ר׳ קרוב, דערציילט...

— איר שרייבט אַפּנים, פאַר יענעם ליגנט, און פאַר זיך ווילט איר אמת?

אז מע זאָל שרייבן אמת, פאַלט אים גאָר נישט איין...

— נו, — מאַכט ער, — זאָל זיין אַזוי...

ג.

— נו, — פאַרציילט מיין שכן — עס איז קיין בושה נישט: אין אַ באַזונדער חדר האָבן מיר געוווינט, אַ יונגערמאַן בין איך געווען, מער צוגעלאָזט צו אַזעלכע זאַכן — פרעג איך זי, וואָס עס איז איר, לאָזט זי אַרויס אַ געוויין...

איך האָב אויף איר שטאַרק רחמנות געהאַט. אויסער דעם, וואָס זי איז, קיין עין הרע, ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר, מיין ווייב — איז זי נאָך — אַ יתומה... און איך דער פרעמד, טאַקע עלנט!

— ווו הייסט עלנט? — וווּנדער איך מיך.

— מיין מאַמע, עליה השלום, איז, פאַרשטייט איר, נפטר געוואָרן, אַ יאָר־צוויי פאַר מיין חתונה, און מיין טאַטע, עליו השלום, האָט שוין קיין אַנדער ווייב נישט גענומען.

מיין מאַמע, זכותה יגן עלינו, איז געווען אַן אשה צנועה, און מיין טאַטע האָט זי נישט געקענט פאַרגעסן... נו, איין יידענע אין שטוב... דער טאַטע אַליין, עליו השלום, האָט קיינמאָל קיין צייט נישט געהאַט... כמעט אַ גאַנצע וואָך אויף די דערפער געווען, ער האָט געהאַנדלט מיט כל המינים, וואָס איר ווילט נאָר — אייער, פּוטער, שמאַטעס, חזיר־האָר, לייוונט.

— און איר?

— איך בין געזעסן אין בית־המדרש און געלערנט... נו, א ווייבל אליין, — האב איך גערעכנט, — האט זי מורא... ווי קומט אבער ווייגען דערהצו? „ניין" — זאגט זי — „זי נודזיעט זיך"... נודזיעט זיך? וואס הייסט דאס?

געזען האב איך, אז זי גייט ארום ווי איינער אין שלאף. אמאל רעדט מען צו איר און זי הערט נישט, אמאל פארטראכט זי זיך און קוקט אויף דער וואנט, און קוקט, און קוקט... אמאל מאכט זי מיט די ליפן, און מ'הערט נישט איר קול... נאר וואס הייסט נודזיען זיך? אלץ ווייבערישע זאכן. אז עס לא היה די נשים... א ייד, א מאנצביל נודזיעט זיך נישט... א ייד האט גאר קיין צייט נישט זיך צו נודזיען, א ייד איז הונגעריק אדער זאט; אדער אן עסק, אדער אין בית־המדרש, אנישט שלאפט ער... האט מען שוין גאר צייט, רויכערט מען א לולקעצ׳יבוך — אבער נודזיען זיך?

— פארגעסט נישט, — זאג איך אים, — א ייִדענע אן תורה, אן קהלשע זאכן, אן תרי"ג מצוות...

— דאס איז טאקע די מעשה; איך האב מיך טאקע באלד אנגע־הויבן שטויסן, אז נודזיען זיך איז א מין ליידיק־גיין, א מין בטלה, וואס מ'ווערט שיר משוגע דערהביי. אונדזערע רבותים האבן שוין דאס לאנג געזען ברוח הקודש... איר קענט די קליינע אותיות? הבטלה מביאה לידי שעמום! על פי דין טאר קיין ווייבל נישט גיין ליידיק, זאג איך איר טאקע: טו עפעס! זאגט זי, זי וויל „לעזן"!

„לעזן" איז אויך ביי מיר געווען א משונה ווארט... געוווסט, אפילו, האט מען שוין, אז ביי די, וואס לערנען זיך שרייבן, הייסט לערנען „לעזן", להבדיל, ביכלעך מיט צייטונג. איך האב אבער נאך דעמלט נישט געוווסט, אז זי איז אזא מלומדת... זי פלעגט מיט מיר ווייניקער ריידן ווי איך מיט איר! זי איז אפילו א הויכע יידענע, נאר פלעגן פלעגט זי האלטן דעם קאפ אראפ, די ליפן פארביסן, גלייך זי קאן קיין צוויי נישט ציילן... זי איז בכלל געווען א שטילע... א שאף! און שטענדיק איז איר אויפן פנים געווען אויסגעגאסן אזא מין פארזארגעניש — גלייך עס וואלט איר א שיף מיט זויער־מילך אונטערגעגאנגען... זי וויל — זאגט זי — לעזן, און וואס? פויליש דייטש... זאל זיין עברי־טייטש, אבי לעזן...

און דא איז קאנסקיוואליע קיין זכר פון קיין ביכל נישטא! רחמנות האב איך אויף איר, אפזאגן קאן איך נישט... זאג איך איר צו, אז ווען איך וועל זיין ביים פעטער אין לובלין, וועל איך איר ברענגען ביכלעך...

— און דו האסט גארנישט? — פרעגט זי.

— איך? חס ושלום!

— וואָס דען טוסטו גאַנצע טעג אין בית־המדרש?
— איך לערן!
— איך וויל אויך לערנען, — מאַכט זי.
איך גיב איר צו פאַרשטיין, אַז גמרא איז, להבדיל, קיין מעשה־ביכל נישט, אַז זי איז נישט פאַר ווייבער, אַז עס איז גאָר דאָ אַ דיעה אין דער גמרא, אַז נקבות טאָרן נישט לערנען, אַז גמרא איז לשון־קודש...

עס האָט אָבער נישט געהאָלפן! מ'זאָל וויסן דערפון אין קאָנסקע־וואָליע וואָלט מען מיך פאַרשטיינערט, און זיי וואָלטן גערעכט געווען! איך וועל אייך לאַנג נישט ברייען, איך וועל אייך דערציילן קורץ און בקיצור, זי האָט אַזוי לאַנג מיך געבעטן, געוויינט, געחלשט, אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ביז זי האָט געפועלט. איך פלעג מיך יעדע נאַכט אַנידערזעצן און פאַר־טייטשן איר אַ בלאַט גמרא...

איך האָב אָדער פריער געוווסט דעם סוף...
— און דער סוף איז געווען?
— פריעגט גאַרנישט... איך האָב איר איבערגעזעצט אַ בלאַט „ארבעה אבות נזיקין"... חשור והבור, והמבעה, וההבער... און טאַקע מיט רש"י, מיט תוספות, מיט מהרש"א... איך האָב געקנאַקט, און זי — איז דערביי נאַכט אויף נאַכט איינגעשלאָפן... עס איז נישט פאַר קיין יידענע!

אַ גליק האָט מיך געטראָפן, אַז אין דער גרויסער זאַווערוכע, וואָס עס איז אין דעם יאָר געווען, האָט זיך אַ פאַקטערגער פאַרבלאָנדזשעט קיין קאָנסקיוואָליע. האָב איך איר אַהיימגעבראַכט אַ פוד, אַ גאַנץ פוד מעשה ביכלעך... אַצינד ווייטער איז געוואָרן פאַרקערט... זי האָט מיר־געלייענט, און איך בין איינגעשלאָפן...

און עד־היום — מאַכט ער — ווייס איך נישט, נאָך וואָס עס טויגן מעשה ביכלעך, פאַר מאַנצבילן אוודאי נישט! אפשר שרייבט איר נאָר פאַר ווייבער?

ד.

דערווייל האָט אָנגעהויבן טאָגן...
אין דער טונקעלער בויד האָט אויפגעטויכט מיין שכנס געל, לאַנג און דאַר פנים; אַ פּאָר אונטערגעשלאָגענע, מידע, רויטע אויגן.
ער האָט געוואָלט, אַ פּנים, זיך נעמען צו דאַווענען פון פאַרנט, ער האָט געווישט די פאַרטויעטע שויב פון פּאָסט־וואָגן, נאָר איך האָב אים איבער:

— זאָגט נאָר, איך בעט אייך, ר׳ קרוב, האָט אויף מיר קיין פאַריבל נישט, היינט איז שוין אייער ווייב צופרידן?

— ווי הייסט צופרידן?

— זי נודזשעט זיך נישט מער?

— זי האָט היינט אַ „שטעל" מיט זאַלץ און מיט הערינג... איין קינד ביי דער ברוסט... צוויי — צו קעמען און צו וואַשן!... מיט נעזלעך שנייצן איז זי יוצא פאַר אַ טאָג...

ער ווישט נאָך אַמאָל די שויב, איך שטער אים ווייטער —

— זאָגט נאָר ר׳ קרוב — ווי זעט אויס אייער ווייב?

— מיין שכן שטעלט זיך אויף, וואַרפט אויף מיר מיט אַ זייטיקן בליק, באַטראַכט מיך פון קאָפּ ביז פיס און פרעגט מיך שטרענג:

— וואָס איז, איר קענט מיין ווייב! פון וואַרשע, וואָס?

— חלילה, ענטפער איך אים, איך מיין גלאַט, טאָמער בין איך אין קאָנסקיוואָליע, וויל איך זי דערקענען...

— איר ווילט זי דערקענען! שמייכלט ער באַרוויקט, מהיכא־תיתי! האָט איר אַ סימן: זי האָט אַ פּעפּער אויף דער לינקער זייט נאָז!

ה.

דער ייד איז אַראָפּגעקראָכן פון פּאָסטוואָגן, ער האָט זיך מיט מיר געזעגנט, שטייענדיק שוין אויפן שטאָפּל, פונדערווייטנס, און גאָר קאַלט.

ער איז מיך, אפּנים, חושד, אַז איך קען פּאָרט זיין ווייב, און אפשר, אַז איך געהער צו זיין טריפהנער משפחה!

איך בין געבליבן איינער אַליין, נאָר פון שלאָפן איז שוין נישט געווען וואָס צו רייִדן. דער פרישער מאָרגן האָט מיך דורכגענומען; מיין ליטעראַרישער פּאַלטאָ איז אונטערגעשלאָגן מיט ווינט, און דער קילער מאָרגן גנבעט זיך מיר אַריין אין אַלע גלידער. איך האָב מיך צוריק פאַררוקט און אָנגעשפּאַרט אין ווינקל. דרויסן האָט אָנגעהויבן שיינען די זון. עס קען זיין, אַז איך בין געפאָרן אין אַ הערלעכע געגנט. די ערשטע שטראַלן פון דער זון, האָבן אפשר זיך הערצלעך געקושט מיט שפּיצן פון בערג, מיט גרינע בוימער. און אפשר געגלימשט זיך אויף אַ שפּיגל־בלאָען טייך... איך האָב דאָך די העזה נישט געהאַט צו עפענען דאָס קליינע פענצטערל...

אַ יידישער ליטעראַט האָט דרך־ארץ פאַר קעלט; איך האָב מיך גענומען „אויסצוקלערן", ווי דער ייד זאָגט, אַ מעשה. דאָך אַנדערע מחשבות האָבן מיר איבערגעשלאָגן...

צוויי פאַרשידענע וועלטן, אַ מאַנישע וועלט, און אַ ווייבערישע וועלט... אַ וועלט מיט „אַרבעה אָבות נזיקין", און אַ וועלט מיט מעשה־ביכלעך, וואָס מ'עט קויפט אויפֿן פֿוד!

לעזט ער, יוערט זי אַנטשלאָפֿן; לעזט זי, ווערט ער אַנטשלאָפֿן... ווייניק האָבן מיר כיתות... ווייניק צעפֿאַלן מיר אויף „פּראַנצויזישע נעז", „ענגלישע שטעקן", „דייטשע יעגערס", „ליטווישע חזירים", „פּוילישע שנאָרער", „ארץ־ישראל־שלעפּער"... ווייניק אַז יעדעס אבר פֿון אונדזער גוף ליגט אין אַן אַנדער שטאַל, און האָט אַן אַנדערן קלינגענדיקן ביי־נאָמען; ווייניק וואָס יעדער אבר צעפֿאַלט נאָך אויף פֿאַרשידענע חלקים: חסידים, מתנגדים, דייטשן... שפּאַלטן מיר זיך נאָך אויף זכרים און נקבות... אין יעדער איינציקער יידישער, ענגער, נאַסער, ברודיקער שטוב מוזן אויך זיין צוויי באַזונדערע וועלטן...

לעזט ער — ווערט זי אַנטשלאָפֿן, לעזט זי — ווערט ער אַנטשלאָפֿן.

מוואָלט געדאַרפֿט, טראַכט איך, על־כל־פּנים די צוויי וועלטן צו פֿאַרייניקן...

דאָס איז דער חוב פֿון יעדן יידישן שרייבער... נאָר די יידישע שרייבער האָבן צופֿיל אייגענע חובות... מע זאָל ווייניקסטנס האָבן אַ צו־שפּרונג צו דער פּרנסה...

מיין קלערן איבער אַ צושפּרונג צו דער פּרנסה האָט איבערגעהאַקט דער פּאָסטיליאָן מיט עטלעכע שאַרפֿע טענער. איך בין דאָך נישט אַראָפּ־געגאַנגען פֿון וואָגן, עס איז מיר אַביסל וואַרעמער געוואָרן, די זון האָט אָנגעהויבן צו ווייזן, אַז זי איז נישט קאַרג.

איך האָב ווייטער געקריגן אַ שכן, נאָר ביים ליכטיקן מאָרגן האָב איך אים גוט געזען און אַפֿילו דערקענט. עס איז געווען מיינער אַן אַלטער באַקאַנטער, מיר האָבן קינדווייז צוזאַמען זיך געגליטשט, אָפֿט געשפּילט אין בעקן־ברויט, כמעט חברים געווען... הערנאָך בין איך געגאַנגען אין ברודיקן פֿינצטערן חדר אַריין, און ער אין ליכטיקן פֿרייען גימנאַזיום...

אַז איך האָב נישט געקענט, האָט מען מיך געשמיסן, פֿאַר טרעפֿן דעם מהרש"אס קשיא — געקניפּן אין בעקל, סיי ווי סיי האָט מיר וויי געטאָן; ער איז אַמאָל געזעסן אין קאַרצער און אַמאָל געקריגן פֿינפֿן... איך האָב מיר דעם קאָפּ געבראָכן איבער קתא המגלא, און ער — איבער גריכישע און לאַטיינישע ציין־קלאַפּענדיקע ווערטער. דאָך האָבן מיר זיך געהאַלטן צוזאַמען. מיר האָבן געלעבט בשכנות; ער פֿלעגט מיך בסוד לערנען לעזן,

דערנאָך באַרגן ביכער, אין די שפּעטערע יאָרן האָבן מיר ביידע איבערגעקערט די וועלט, ליגנדיק אויפֿן גרינעם גראָז נעבן טייך... איך האָב געוואָלט דערפֿינדן אַזאַ מין פּולווער, וואָס זאָל שיסן נאָר פֿון ווייטנס, אויף הונדערטער מייל, למשל; ער — אַ באַלאָן, אַרויפֿצופֿליען צו די שטערן, ביי יענע מענטשן אויך עפּעס איינפֿירן אַ „פּאַראַדעק"! מיר האָבן געהאַט שרעקלעך רחמנות אויף דער אומגליקלעכער וועלט, זי איז אַריין אין אַ בלאָטע, ווי שלעפּט מען זי אַרויס! אַן אומגעשמירטער וואָגן, פּוילע פֿערד, און דער באַלעגאָלע שלאָפֿט!

דערנאָך האָב איך חתונה געהאַט, און ער איז געפֿאָרן אין אוניווערסיטעט אַריין. קאָרעספּאָנדירט האָבן מיר נישט. פֿון ווייטנס האָב איך געהערט, אַז עס האָט זיך אים געטראָפֿן אַ מכשול און איז אַנשטאָט דאָקטער — אַפּטייקער געוואָרן, אין אַ קליין שטעטל ערגעץ...

אַז מיין שכן איז אַריין אין וואָגן, האָב איך שיר נישט אויסגעשריגן: פּאַר פֿרייד; עס איז מיר וואַרעם געוואָרן אונטערן האַרץ. די הענט האָבן זיך אויסגעשפּרייט, דער גאַנצער קערפּער האָט זיך צו אים איבערגעבויגן, דאָך האָב איך מיך צוריקגעהאַלטן; מיט אַלע כוחות צוריקגעהאַלטן.

אַ קשיא אויף אַ מעשה, טראַכט איך, עס איז טאַקע יאַנעק פּאָלגיעווסקי, אונדזער געוועזענעם סעקוועסטראַטאָרס זון; עס איז טאַקע מיין געוועזענער חבר; ער האָט טאַקע אַמאָל געהאַט ברייטע אָרעמס און האָט געוואָלט אַרומכאַפּן די גאַנצע וועלט און אויסקושן איר יעדעס אבר, אויסער די מיאוסע בראָדאַווקעס, וואָס מע דאַרף אָפּשניידן! נאָר אַ קשיא אויף אַ מעשה... היינטיקע צייטן! אפֿשר איז ער שוין אַן אַנטיסעמיט, אַ מזיק אין דער „ראָלא", אפֿשר זיינען היינט מיר, יידן, די בראָדאַווקעס, — וואָס מע דאַרף אָפּשניידן פֿון אייראָפּעס שיינער נאָז, ער וועט מיך נאָך אָפּמעסטן מיט אַ פּאָר קאַלטע אויגן, אָדער זיך אַפֿילו צעקושן מיט מיר, נאָר זאָגן, אַז איך בין נישט ווי אַלע יידן...

איך האָב אָבער אַ טעות געהאַט, פּאָלניעווסקי האָט מיך דערקענט געפֿאַלן מיר איבערן האַלדז, און נאָך איידער איך האָב צייט געהאַט מיט אים זיך צו צערעדן, באַלד געפֿרעגט, ווי מיר געפֿעלט דער פּאָדלער אַנטיסעמיטיזם...

— עס איז עפּעס — זאָגט ער, נאַטירלעך אויף פּויליש. — עס איז עפּעס אַ מין כאָליערע, אַ מין עפּידעמיע...

— טייל זאָגן, אַז עס איז פּאָליטיש...

— גלייב נישט, — מיינט פּאָלניעווסקי, — די פּאָליטיק מאַכט קיין נייעס, — באַשאַפט נישט קיין פאַקטן.

זי קאָן נאָר אויסנוצן די וואָס עקזיסטירן; טייל אונטערדריקן, טייל אויפהייבן, אַ ליאַדע פונק קען זי צעבלאָזן אויף אַ גיהנום פייער; נאָר קיין איינציקן פונק דערגליען... די מענטשן־נאַטור, נישט די פּאָליטיק, שפּינט די געשיכטע־פעדעם, די פּאָליטיק צעפלעכט, פאַרדרייט, פאַרקניפּט און פאַרפּלאָנטערט זיי!

דער אַנטיסעמיטיזם איז אַ קרענק. די פּאָליטיק שטעלט זיך ביים קראַנקן בעט ווי אַ נאַרישער שלעכטער דאָקטער, וואָס וויל די קרענק פאַרלענגערן.

די פּאָליטיק נוצט אויס דעם אַנטיסעמיטיזם; עס פליט אַ שטיין אין דער לופט, לענגט אים ביסמאַרקס אונטער־בעלפער אין שול־פענצטער אַריין; אַז נישט — וואָלטן אַנדערע ישויבן געפּלאַצט. עס הייבט זיך אויף אַ פּראָטעסטירנדיקע פויסט ,רוקט מען איר אונטער אַ ייִדישע האָרע, איינגעהאַרבעטע פּלייצע — אַז נישט וואָלטן אַנדערע ביינער געקנאַקט...

אָבער דער שטיין, די פויסט, די שנאה, דער האַס — עקזיסטירן פאַר זיך אַליין...

ווער שטאַרבט אויף אַ פיזישן אונטערגאַנג? שוואַכע קינדער, איבערגעלעבטע אַלטע לייט, פאַרקרענקטע מענטשן; ווער פאַלט אונטער אַ מאָראַלישע עפּידעמיע? דאָס פּעבל־קינד, דער איבערגעלעבטער אַריסטאָקראַט און עטלעכע משוגעים, וואָס שפּרינגען אַרויס און פירן דאָס קראַנקע רעדל צום ווילדן טאַנץ! עס האַלטן זיך נאָר געזונטע מוחות!..

— וויפל געזונטע מוחות האָבן מיר? — פרעג איך.

— וויפל? זייער ווייניק, לײדער! — ענטפערט פּאָלניעווסקי.

מיר זיינען ביידע טרויעריק שטיל געבליבן. וואָס מיין שכן האָט געקלערט ווייס איך נישט, מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אפילו די געזונטע, אייזערנע כוחות זיינען אויך אָנגערירט. עס זיינען פאַראַן צווייערליי צייטן אין דער געשיכטע: אַמאָל פירט דער בעסטער, קליגסטער מענטש די מאַסע, און — אַמאָל שלעפּט די מאַסע די בעסטע, קליגסטע מענטשן... דער מאַסע־אָנפירער איז אַ קאָלאָמבוס, וואָס זוכט פאַר דער מענטשהייט אַ ניי גליק, אַ ניי אַמעריקע... קוים פעלט אָבער וואַסער און ברויט אויף דער שיף, אַמפּערן זיך די שיפסקנעכט און זיי פירן!.. דאָס ערשטע האָרף מען עמעצן קוילן, — מען דאַרף אַי — פליישׁ עסן, אַי — די רציחה שטילן...

— און מיין נישט — האָט מיר פּאָלניעוואָסקי איבער די טרויעריקע געדאַנקען — אַז איך מאַך מיר אַליין קאָמפּלימענטן, און איך האַלט מיך אַליין פאַר דעם שטאַרקן גייסט, וואָס האַלט אויס די עפּידעמיע, פאַר אַן אייכנבוים, וואָס דער שטורעם רירט אים נישט פון אָרט...

— ניין, ברודער, — זאָגט ער ווייטער — איך בין נישט פון די גיבורים. איך וואָלט אפשר געווען מיט אַלע גלייך, מיך וואָלט אפשר אויך דער ווינט אָפּגעריסן ווי אַ פויל בלעטל פון עץ־הדעת, און מיט מיר אַרומגע־דרייט אין דער לופט. איך וואָלט אויך געלעבט, מיט אַלע פוילע בלעטער צוגלייך, און עס איז ביי אונדז אַ באַל, אַז מיר טאַנצן מיט חשק, אַז דער ווינט איז אונדזער געדונגענער קלעזמער, וואָס שפּילט אונדז צו אויפן פייפערל...

מיך האָט געראַטעוועט אַ צופאַל... איך האָב אַ יידיש ווייבל דער־קענט! — הער!

איך האָב מיך איבערגעבויגן צו מיין שכן; זיין פּנים איז נאָך ערנסטער, נאָך פינצטערער געוואָרן, ער האָט געשטעלט די עלנבויגן אויף דער קני און אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף די הענט...

— נאָר מיין נישט — מאַכט ער צו מיר, — אַז איך האָב דערקענט אַ העלדן פון אַ ראָמאַן, אַן אייזערנעם כאַראַקטער, וואָס ברעכט צוימען און מויערן און גייט זיך שטאָלץ זיין וועג; מיין נישט אפילו אַן „אויס־נאַם", אַ געבילדעטע מיט נייע אידעען, בעסערע, נאָר פון די בעסער אומגליקלעכע. איך האָב זי ליב געקריגן, איך זאָג דיר אויס דעם אמת. און, ווען איך הער, אָדער איך לעז עפּעס שלעכטס אויף יידן בכלל... שווימט זי מיר אַרויס פון זכרון מיט אירע פייכטע טרויעריקע אויגן, שטעלט זיך פאַר מיר און בעט זיך: גלייב נישט, איך בין נישט אַזוי!...

ער פאַרטראַכט זיך.

די געשיכטע איז גאַנץ איינפאַך, וועקט ער זיך און הויבט אָן צו־ריק צו דערציילן.

מיר האָבן איבער דער גאַנצער צייט נישט קאָרעספּאָנדירט, און די ווייסט נישט, וואָס מיט מיר איז איבער דער גאַנצער צייט געשען, איך וועל דיר דערציילן קורץ; איך פאָר נאָך ביז לוקאָווע...

— פון גימנאַזיע בין איך אַריין אין אוניווערזיטעט און שטודירט מעדיצין. איך האָב נישט געענדיקט... אַביסל זיינען חברים, אַביסל די לערער און מער נאָך, איך אַליין שולדיק... איך האָב געמוזט אַרויסטרעטן, ווערן אַפּטייקער, חתונה האָבן, נעמען אָן פאַרליגן זיך אין אַ קליין שטעטל אַ קראָם פון פילן מיט ריצן־אייל...

עס האָט מיך דאָך אַ גליק געטראָפן; איך האָב געקריגן אַן ערלעכן שווער, וואָס האָט מיר אויסגעציילט דאָס געלט באַלד נאָך דער חתונה, אַ גוט און שיין ווייב, אַ נישקשהדיק קליין שטעטל...

מיין ווייב האָט געהייסן מאַריאַ... אָט שטייט זי מיר אַצינד פאַר די אויגן... זי דרייט זיך איבער צו מיר פון שפיגל אומבאַהאָלפן: דער גאָלד־געלאָקטער קאָפּ וויל זיך נישט אונטערגעבן איר דעספּאָטישן קאָם. זיי, די לאָקן, צעלויפן זיך לוסטיק אין אַלע זייטן... זיי ווילן נישט ליגן צוגע־דריקט און קראַנץ, וואָס איז דעמלט מאָדע געווען...

שלאַנק... און אַזוינע גוטע, אַזוינע האַרציק־לאַכנדיקע הימל־בלויע אויגן...

די פּראַקסע האָט אונדז ווייניק געשטערט... דאָס שטעטל איז צו אָרעם געווען, און אַן אַפּטייק אָן אַ דאָקטער איז ווייניק וואָס ווערט. מע האָט זייער ווייניק געליזט, האָבן מיר טאַקע געלעבט ווי אין גן־עדן... און זומער איז עס געווען שטענדיק אויף דער ווערענדע, האַנט אין האַנט, אויג אין אויג, ליפּ אין ליפּ!

און וואָס האָט אונדז געזאָלט אינטערעסירן? פּרנסה איז געווען, גיין ערגעץ? וווהין? פון דער ווערענדע האָבן מיר געזען כמעט דאָס גאַנצע שטעטל... די נידעריקע, איינגעבויגענע הייזלעך, מיט די הויכע, ברייטע, שוואַרצע הילצערנע בוידעמס, וואָס האָבן זיך געבויגן, ווי מיט רחמנות איבער די ביגל און אויבערזייצעריקעס, פון די אָרעמע שטיבלעך פאַר די הייזלעך... גלייך זיי האָבן געוואָלט באַשיצן די איינגעשרומפּענע, אַלטע, אויסגעדאַרטע פּנימער פון דער זון...

דאָס שטעטל איז אַמאָל רייך געווען, די בוידעמס זיינען פול געווען מיט אַלערליי תבואות און פּרוכטן; דער מאַרק — מיט פורן, מיט פּויערים, מיט מעקלער; צווישן די ווייסע סיערמענגעס און די גרויע כאַלאַטן פלעגט זיך אַמאָל באַווייזן אַ גרויסער פּריץ אויך... (אַזוי ווייניקסטנס האָט מען מיר אינעם שטעטל דערציילט) נאָר דער שאָסיי מיט דער באַן האָבן דאָס שטעטל אַרויסגעוואָרפן פון דער האַנדל־וועלט, די גאַס איז לער, די בוי־דעמס פול מיט פוילע ציבעלעס און שטיקער קעז — די איינציקע ירושה, וואָס עס איז געבליבן פון די גוטע צייטן...

אָרעם — ווי נאָר זיך צו דענקען! אויף יעדן קערצל קאָרן, וואָס אַ פּויער ברענגט, וואַרפן זיך 10 סוחרים, שטייגן דעם פּרייז, און מיט גלייכט מען זיך אויס, מע זאָגט זיך צו אָפּטרעט־געלט, אָדער מע קויפט בשותּפות — נאָר אַלע צען שאַרן אומזיסט אויס אַלע טאַשן, זיי האָבן פאַרן קערצל תבואה נישט צו באַצאָלן, און באָרגן צו די רעשט אויף פּראָצענט...

און הונדערט שניידער אויף איין פּאָר ביין־קליידער, פּופּציק שוסטער אויף אַ לאַטקעלע... איך האָב נאָך אַזאַ דלות נישט געזען...

מיר האָבן זיך אָפּגערוקט פון שטאָטישן לעבן ווי ווייט עס איז נאָר מעגלעך געווען; די גליקלעכע זיינען עגאָיסטן...

נאָר קעגנאיבער אונדז. ווי־זאַ־ווי, האָבן מיר באַמערקט אַ יונג ווייבל, אוודאי נישט מער ווי פון אַ יאָר 18, העכסטנס צוואַנציק. און פון איר האָבן מיר ביידע נישט געקענט אָפּרייסן אַן אויג... זי, פּראָוודע, פון אונדז אויך נישט... עס איז געווען אַ זעלטענע דערשיינונג... שטעלט איך פּאָר — אַ שיינהייט, אַ בילד אין אַ ברודיקע ראַם, ווי נאָר אַ יידיש פענצטער קען זיין אין אַ קליין שטעטל, אונטער אַ שרעקלעך־אויסגע־קרימטן דאַך... שטעל דיר פּאָר, אַ פּאָר טרויעריקע, טרוימיש פּייכטע אויגן אויף אַן אַלבאַסטער ווייס פּנים, און — אונטער אַ האָרבאַנד!...

גאָט! זי האָט אויף אונדז אַ שרעקלעכן איינדרוק געמאַכט...

שטונדן־לאַנג פלעגט זי שטיין געבויגן איבערן פענצטער, פאַרבראָכן די הענט, און טרויעריק געקוקט אויף אונדז, אָדער אויף די שטערן אין הימל, און שלינגען די טרערן. מיר האָבן געזען, אַז זי איז שטענדיק אַליין, עלנט, (איירע מענער האָבן קיינמאָל קיין צייט נישט), שטענדיק פאַר־טרויערט, פאַרבענקט, איר אומגליק איז געווען אויסגעגאָסן אויפן בלאַסן פּנים... זי איז זיכער געקומען ערגעץ פון דער פרעמד; פון אַ בעסער. פרייער הויז, זי האָט געבענקט ערגעץ ווייט, ווייט אַוועק. איר האַרץ האָט געצאַפּלט צו אַ פרייער לעבן. זי האָט אויך געוואָלט לעבן, ליבן און גע־ליבט זיין... ניין, זאָגט וואָס איר ווילט, עס טרעפט זיך צווישן אייך אָפּט די עוולה, איר פאַרקויפט איירע טעכטער... אמת, מיט דער צייט געוויי־נען זיי זיך צו, מיט דער צייט פאַרגעסן זיי... זיי זיינען פרום, זיי זיינען גוט, און געדולדיק... נאָר ווער קאָן איבערציילן די ביטערע טרערן, וואָס פאַלן אויף זייער פאַרשוואַרצט פּנים, איידער דאָס אויג ווערט אויסגע־טריקנט. ווער קען איבעררעכענען וויפל קלעם עס טוט אין האַרץ, איידער עס געוויינט זיך אָפּצושטאַרבן לעבעדיקערהייט? און פאַרוואָס קומט עס זיי, צי ווירקלעך ווייל זיי זיינען גוט און פרום?

דו זאָלסט קענען דעם ווייבלס מאַן; אַ געלעניש... איינגעהויקערט... צוויי מאָל געזען אין טאָג האָב איך אים! אין דער פרי אַרויסגיין, ביי דער נאַכט אַהיימקומען...

אַן עוולה...

איר וועט מיר אפשר מודה זיין, אַז איך האָב פאַלניעווסקין אויף דעם נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן...

מיר האָבן געשוויגן אַ ווײַלע און פּאָלניעווסקי האָט ווײַטער אָנגעהויבן צו דערציילן:

— איינמאָל האָט אונדז דאָס ווײַבל פֿאַרפֿעלט. זי איז אַ גאַנצן טאָג אין פֿענצטער נישט געשטאַנען.

„זי מוז קראַנק זײַן“, האָבן מיר געטראַכט.

פֿאַרנאַכט קומט דער מאַן, דאָס געלעניש, און פֿרעגט אויף אַ רפֿואה.

— וואָס פֿאַר אַ רפֿואה?

— איך ווייס? — מאַכט ער — אַ רפֿואה!

— פֿאַר וועמעס וועגן?

— דאָס דאַרפֿט איר אויך וויסן? פֿאַר מײַן ווײַבס וועגן!

— וואָס איז איר?

אָסור, אויב איך ווייס... זי זאָגט — דאָס האַרץ טוט איר ווײ...

אַזוי־אַרום, דערציילט פּאָלניעווסקי, איז געוואָרן אונדזער ערשטע באַקאַנטשאַפֿט. איך וועל דיר נישט לאַנג ברייען... אַ שטיקל דאָקטער בין איך דאָך, בין איך אַהין געגאַנגען.

פּאָלניעווסקי האָט גערעדט שוין האַלבע ווערטער; ער זוכט פּאַפּיראָסן, דערנאָך שוועבעלעך, ענדלעך האָט ער אָפּגעהאַקט, געעפֿנט דעם סאַקוואָיאַזש, און געפּאָרעט זיך עטלעכע מינוט.

איבער דער צײַט האָבן מיך געקוועלט פֿאַרשידענע געדאַנקען.

איך האָב אָנגעהויבן צוריקצוקוקן אויף פּאָלניעווסקי מיט אַנדערע אויגן; זײַן דערציילונג האָט מיר אָנגעהויבן ווײ־טאָן...

ווער קען אַ מענטש? ווער ווייסט, וואָס אין אים שטעקט? עס הייבט זיך מיר אָן דאַכטן, אַז איך האָב פֿאַר מיר אַ קריסטלעכן טכויר, וואָס גנבעט זיך אַרײַן אין אַ יידישע הינער־שטײַג. ער אַמפּערט זיך צופֿיל איבערן מזל פֿון יידישע טעכטער, צו לאַנג זוכט ער מיר שוועבעלעך; עפּעס שעמט ער זיך פֿאַר מיר! פֿאַרוואָס וויל ער נישט „לאַנג ברייען“?! פֿאַרוואָס וויל ער מיר נישט דערציילן אַלץ כּהוויה, מיט אַלע פּרטים? ווער ווייסט וואָס פֿאַר אַ ראָלע ער האָט אין דער זאַך געשפּילט, צי נישט די אַלטע ראָלע פֿון שלאַנג אין גן־עדן! וואָס איז, דאָס געוויסן וועט נישט לאָזן? אויך מיר אַן עסק! אַ יידיש ווײַבל, פֿאַרוואָס נישט! אַמאָל איז אַ מצווה געווען אָפּצוטױפֿן, הײַנט כאָטש צו עמפּערן אַ יידישע טאָכטער קעגן איר גאָט, אירע עלטערן, איר מאַן, און — איר גאַנץ לעבן.

עס הייסט ליבעראַליזם, אַרײַנגיין אין תּפֿיסה, ברענגען מיט זיך אַ פֿרישע פּאַליע לופֿט, אַ בינדט שטראַלן פֿון דער זון, אויפֿוועקן דעם אַרעסטאַנט, געבן אים אַ שטיקל לעקעך, און פֿאַרשווינדן ווערן... נישט צו זען ווי דער אַרעסטאַנט קריצט מיט די ציין, ווען עס דרייט צוריק איבער דער

פאַראָסטעטער שליסל אין שלאָס; ווי פינצטער עס ווערט זיין פּנים, ווי ענג אים ווערט די לופט, ווי ספּאַזמיש ער אָטעמט, ווי ער רייסט פון זיך האָר און פלייש, אָדער באַגיסט, אויב ער קאָן נאָך ווייגען, מיט ביטערע טרערן זיין פאַרשימלט, פון מייז אויסגעביסן שטיקל קלייען־ברויט...

אויפוועקן אַ פינצטער, פאַרשלאָפן, פאַרדריקט יידיש־ווייבעריש האַרץ, זאָל דאָרטן אויפקלינגען אַ זיסער ראָמאַנטישער טאָן, זאָל דאָרטן אויפ־פלאַמען אַ נייַ, ווילד, אומבאַקאַנט, אָדער לאַנג פאַרגעסן, געפיל; אָפּקושן זיך, און דערנאָך — אַדיע! פאַרהאַמערט די טיר! זאָל איר זייער און ביטער זיין דאָס לעבן.

· · · · · · · · · · · · ·

מיר האָבן זיך אַזויפיל אָנגעגעסן מיט סם, מיט גאַל, מיט האַס, אַז ווען מע דערלאַנגט אונדז ברויט מיט זאַלץ, זיינען מיר אויך זיכער, אַז עס איז פאַרגיפטעט... מעג די האַנט ציטערן פאַר רחמנות, מעג אין אויג הענגען אַ מיטלייד־טרער, אויף די ליפּן — טרייסט...

עס איז שווער צו גלייבן! מיר זיינען אויך אָנגעשטעקט, עס איז אויף אונדז אויך אַן אונטערגאַנג!

· · · · · · · · · · · · ·

פּאַלניעווסקי האָט דערווייל געפונען זיינע שוועבעלעך און איך האָב אומגערן גענומען אַ פּאַפּיראָס. מיר האָבן פאַררויכערט, די בויד איז פול געוואָרן מיט בלויע, רויכיקע רעדער. איך האָב געקוקט אויף זיי, נאָכגע־יאָגט און געטראַכט: נישט לענגער געדויערט דאָס גוטע מיטן שלעבטן צוזאַמען!

· · · · · · · · · · · · ·

— מיר האָבן זיך דערקענט, — דערציילט ווייטער מיין קריסטלעכער שכן, — נאָר צו ענגערע פריינדשאַפט איז נישט געקומען...

— פאַרוואָס? — פרעג איך איבערראַשט.

— פונדערוויטנס האָבן מיר זיך ווייטער אָנגעקוקט ווי די בעסטע גוטע פריינד, נאָר נישט זי האָט געקענט צו אונדז, נישט מיר צו איר קומען.

— זי וואָלט מער נישט באַדאַרפט! עס איז אַן אומגעהויער פרום שטעטל. אויסער דעם פעלדשער און אַ יונג דאַמען־שניידערל טראָגן אַלע כאַלאַטן...

אויסער דעם, ווייס איך אפשר אַליין נישט, וואָס עס האָט אונדז דאָך צוריקגעהאַלטן... נאָר נישט אין דעם בין איך אויסן...

מיך האָט דערווייל געטראָפן דאָס גרעסטע אומגליק, וואָס אַ מענטש קאָן טרעפן.

די אַפּטייק האָט גאַנץ ווייניק אַריינגעטראָגן און מיין ווייב האָט אָנגעהויבן קרענקען.

טאָג־טעגלעך האָב איך געזען בחוש, אַז זי שטאַרבט מיר אָפּ, און עס איז נישט געווען מיט וואָס צו ראַטעווען. זי האָט באַדאַרפט איטאַליען, און איך האָב נישט געהאַט איר עסן צו געבן... און ביי אַן אָפּצערונג, ווי דו ווייסט, איז דער קראַנקער פול מיט האָפענונג, ער גלויבט נישט אין דער קרענק!

דאָס גאַנצע וויטיק, דעם גאַנצן צער מוזטו אונטערדריקן, האַלטן טיף באַגראָבן אין האַרץ. ווען דאָס האַרץ בלוטיקט, מוזטו שמייכלען, דיין שטערן מוז זיין גלאַט! יעדע סעקונדע שטאַרבט אין דיר יעדעס אבר, און דו מוזט העלפן פּלענער מאַכן וואָס עס וועט זיין איבער אַ יאָר, ווי אַזוי מע וועט פאַרגרעסערן דאָס הויז, קויפן אַ פּיאַנע...

דאָס קול האָט זיך אים פאַרענדערט —

„איך בין נישט אימשטאַנד דיר אַלץ צו דערציילן, נאָכאַמאָל איבערצולעבן די אַלע פינצטערע צרות... נאָר מיין אומגליק האָט מיך צוזאַמענגעבראַכט מיט איר אומגליק, מיר האָבן זיך אַזוי־אַרום נענטער דערקענט“...

פון דער ווייטנס האָט זיך געוויזן לוקאָווע!

— אין די אייניקע מינוטן, וואָס איך האָב נאָך צייט, קען איך זאָגן, אַז אַזאַ אומגליקלעך מענטש ווי דאָס ווייבל איז געווען, און דערביי מיט אַזויפיל געפיל און רחמנות פאַר אַנדערע — האָב איך נאָך אין מיין לעבן נישט געזען... און אַלץ אַזוי איינפאַך, נאַטירלעך, נישט איבערגעטריבן...

זי האָט מאַריאַס בעט נישט אָפּגעטרעטן. זי האָט געפּועלט ביים מאַן, ער זאָל מיר געלט שאַפן אויף קלענערע פּראַצענט. זי איז אונדזער וועכטערן, אונדזער ווירטן, אונדזער קעכן, אונדזער איבערגעגעבנסטער פריינד געווען!

און אַז מאַריאַ איז געשטאָרבן, איז אפשר שווערער געווען זי צו טרייסטן ווי מיך.

דעמאָלט האָב איך מיך איבערצייגט, אַז די שנאה צווישן פעלקער איז נישט נאַטירלעך... נישט מער, עס איז שלעכט אויף דער וועלט; הייסערע בלוטיקערע אָדער אומגליקלעכערע ווילן פּראָטעסטירן, נאָר דער פאַלשער שרייבער, דער פּאָליטישער אַדוואָקאַט, שרייבט זיי אַ דאַנאָס אויף יידן...

איך האָב געזען בחוש, אַז יידן זיינען אונדז קיין שונאים נישט, אַז מיר קאָנען לעבן בשלום!...

לוקאָוו רוקט זיך אַלץ נענטער און נענטער, און איך האָב אַלץ מורא פאַרן סוף, איך האָב אים איבער און פרעג:

— און וואָס איז דער סוף געווען מיט דעם ווייבל?

— איך ווייס? איך האָב צו קבורה געברענגט מיין ווייב, פאַר־קויפט די אַפּטייק, צעווײנט זיך ביים געזעגענען מיט מיין שכנה, און — גאָרנישט — היינט וווין איך אין לוקאָווע, עס גייט מיר היינט אויך נישט גוט...

— און זאָג נאָר, ווי הייסט דאָס שטעטל, וווּ דו האָסט פריער גע־וווינט?

— קאָנסקיוואָליע —

— דיין שכנה איז אַ הויכע, אַ בלאַסע?...

— יאָ!

— אַ דאַרע?

— יאָ; דו קענסט זי? פרעגט ער דערפרייט.

— זי האָט אַ פּעפּער אויף דער לינקער זייט נאָז?

— וואָס פאַר אַ פּעפּער? לאַכט יאַנעק, וואָס פאַלט דיר איין.

איך קלער, אַז איך האָב אַ טעות געהאַט און פרעג:

— אפשר אויף דער רעכטער זייט נאָז?

— וואָס פאַר אַ פּעפּער? וואָס רעדסטו?

— האָסטו אפשר נישט באַמערקט... נאָר איר מאַן איז אַ געלער?

— יאָ.

— ער הייסט חיים?

— דאַכט זיך מיר, ניין, און אפשר יאָ, ווייסט דער טייוול...

— אָבער זי הייסט חנה?

— אַך, ווי! שרה! איך געדענק זיכער שרה... איך פלעג זי רופן סאַ־רוכנאַ... איר נאָמען וועל איך דאָך נישט פאַרגעסן!

דער נאַר בין איך געווען, איין יידיש ווייבל לעבט אַזוי?

1891 י.

אַ קלעזמער־טויט

אַ סקעלעט ליגט אין בעט. אַ סקעלעט איבערגעצויגן מיט אַ געלער, דאַרער, טרוקענער הויט; מיכל קלעזמער שטאַרבט אַוועק. נעבן אים אויף אַ קאַסטן זיצט מירל, זיין ווייב, מיט געשוואָלענע אויגן פאַר געוויין. אין ענגן שטיבל זיינען צעשפּרייט זייערע אַכט זין, אַלע — קלעזמער. שטיל, קיינער רעדט נישט צום צווייטן; עס איז נישטאָ פון וואָס צו רעדן. דער דאָקטער האָט לאַנג אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט, דער רופא אויך, אַפילו ראובן פון הקדש דער אמתער מומחה, האָט אויך געהייסן שרייבן דריי פייען... קיין ירושה וועט נישט זיין, די חברה־קדישא וועט געבן תכריכים און אַ קבר, די חברה נושאים — וועט נאָך צוגעבן אַ טרונק בראַנפן... אַלץ איז אָפן און דייטלעך, נישטאָ פון וואָס צו ריידן, איין מירל וויל נישט זיך אונטערגעבן!... זי האָט נאָך אַלעם ערשט אויפסניי גאָר געוואַלדיק איינגעריסן די שול. אַצינד קומט זי ערשט פון קברים מעסטן. זי האַלט זיך אירס — „ער שטאַרבט דורך די קינדערס זינד. זיי זיינען נישט פרום, הולטייען, דעריבער נעמט זיי גאָט, ב״ה, דעם טאַטן צו“... „די קאַפּעליע פאַרלירט די קרוין; עס וועט שוין קיין חתונה קיין פנים נישט האָבן, עס וועט ביי קיין ייד שוין קיין אמתע שמחה נישט זיין“.

גאָטס רחמנות איז דאָך גרויס. מע דאַרף שרייען, בעטן, וועקן! און זיי, די קינדער די קלעזמער־יונגען, „האָבן גאָר קיין רחמנות נישט, גייען אָן לייבצודעקלעך“... ווען נישט די גרויסע זינד, האָט זי אַ פעטער — אַ שוחט אין הימל; ער מוז דאָרטן זיין גאָר דאָס איבערשטע פון שטייסל. ער וואָלט איר נישט אָפּגעזאָגט! ביים לעבן, זכרונו לברכה, פלעגט ער זי שטענדיק גלעטן... ער איז איר אוודאי היינט אויך נישט שלעכט. ער וואָלט זיך געמיט, ער וואָלט אַלץ געטאָן... נאָר די זינד — שרייט זי — די זינד! „מע פאָרט אויף גוישע בעלער, מע עסט דאָרט ברויט מיט פוטער, גאָט ווייסט וואָס נאָך!... אָן אַרבע־כנפות... ער וועט דאָך נישט דורכברעכן קיין מויער... ער טוט אוודאי זיינס... אוי, די זינד, די זינד!“

די זין ענטפערן נישט, זיי קוקן אראפ אויף דער ערד; יעדער אין זיין ווינקעלע.

— עס איז נאך ציים! — כליפעט זי, — קינדער! קינדער! געוואלד, קינדער! תשובה טוט!

— מירל, מירל, — רופט זיך אָן דער קראנקער, — לאָז געמאך, מירל, עס איז שוין פארפאלן, איך האָב שוין מיינס אָפגעשפילט, מירל, הער אויף, מירל, איך וויל שטארבן!

מירל ווערט אונטערגעצונדן:

— „אַ רעכטע, שיינע, ריינע!... שטארבן וויל ער, שטארבן! און יעד, און מעך... ניין, איך וועל דיך נישט לאָזן שטארבן, דו מוזט לעבן... דו מוזט... איך וועל אַזוי שרייען, אַז עס וועט נישט קאָנען קומען צו יציאת נשמה"! עס זעט אויס, אַז אין מירלס האַרץ האָט זיך געעפנט אַן אַלטע נישט פאַרהיילטע וווּנד.

— לאָז געמאַך, מירל, — בעט זיך דער קראַנקער — מיר האָבן זיך ביידע שוין גענוג אָנגעשאָלטן ביים לעבן... גענוג... פאַרן טויט פאַסט נישט אַזוינס... אוי, מירל, מירל, איך האָב געזינדיקט, דו האָסט געזינדיקט... גאָר אַן עק!... שווייג בעסער! איך פיל כסדר, ווי דער קאַלטער טויט קריכט מיר אַרויף פון די שפּיץ פינגער פון די פיס ביז צום האַרץ, עס שטאַרבט אַ צאָל נאָך אַ צאָל... שריי נישט, מירל... עס איז גלייכער אַזוי!

— ווייל דו ווילסט מיינע פּטור ווערן, — פאַלט אַריין מירל אין די רייד, — אוי, דו האָסט שטענדיק געוואָלט מיינע פּטור ווערן, — וויינט זי ביטער — שטענדיק! די שוואַרצע פעשע איז דיר נאָר געלעגן אין האַרץ... דו האָסט שטענדיק געזאָגט, אַז דו ווילסט שטאַרבן. ווי יצו מיינע יאָר... ער טוט אַפילו אַצינד קיין תשובה נישט... אַפילו אַצינד... אַצינד...

— נישט נאָר די שוואַרצע פעשע, — שמייכלט ביטערלעך דער קראַנקער, — עס זיינען אַ סך שוואַרצע פעשעס געווען, און ווייסע אויך, און געלע אויך... נאָר דיך, מירל, האָב איך קיינמאָל נישט געוואָלט פּטור ווערן... אַ מויד איז אַ מויד, דאָס איז שוין אַ קלעזמערשע זאַך... עס ציט ווי אַ בלאָטער עס איז עפּעס אַ מין טשעקאַוואָשטש... אַ ווייב איז דאָך אַ ווייב! דאָס זיינען צוויי גאָר אַנדערע זאַכן... געדענקסט, אַז די שוואַרצע פעשע האָט דיר גערעדט אַ שלעכט וואָרט, האָב איך זי אינמיטן גאַס אויסגעטשאַסקעט אויף אַלע זייטן...

— שווייג שטיל, מירל! אַ ווייב איז אַ ווייב! אויסער, — אַז מע גט זיך... אויך — טוט ווי דאָס האַרץ... גלויב מיר, מירל, איך וועל בענקען נאָך דיר... נאָך אייך אויך קינדער! איר האָט מיר אויך גענוג צרות

אָנגעטאָן, נאָר גאָרנישט... דאָס ליגט שוין אינעם פּידעלע — אינעם קלעזמער־לשון... איך ווייס, איר האָט מיך נישט ערלעך געהאַלטן, דאָך ליב געהאַט, אַז איך האָב אַמאָל געטאָן אַן איבעריקן טרונק בראָנפן, האָט איר געוואָרטשעט „שיכור"... מע טאָר נישט אַזוי, אַ טאַטן טאָר מען נישט... מילא... איך האָב אויך געהאַט אַ טאַטן און האָב אים אויך נישט בעסער באַהאַנדלט... נאָר אַן עק פון דער זאַך!... איך בין אייך מוחל...

ער איז מיד געוואָרן רעדנדיק.

— איך בין אייך מוחל, — האָט ער נאָכאַמאָל אָנגעהויבן נאָך אַ פּאָר סעקונדן, ער האָט זיך אַביסל אונטערגעהויבן אויפן בעט און באַטראַכט דעם עולם...

— זעט נאָר, — זאָגט ער פלוצלינג, — די ביקעס! אַריינגעשלאָגן די אויגן אין דער ערד אַריין, גלייך עס קאָן קיין צוויי נישט ציילן!

— האָ? פּאָרט אַ שאָד אַ טאַטע! באַטש אַ שיכור, האָ?

דער יונגסטער זון האָט אויפגעהויבן די אויגן. אין דער אייגענער רגע האָבן די ברעמען אָנגעהויבן ציטערן, און ער האָט אַרויסגעלאָזט אַ געוויין. די רעשט ברידער זיינען אים נאָך. אין אַ מינוט אַרום איז דאָס גאַנצע פיר־איילנדיקע שטיבל פול געווען מיט יללה...

דער קראַנקער האָט געקוקט און געשעפּט נחת.

— נו, — מאַכט ער ראַפּטום מיט אַ פרישן כוח, — גענוג! איך האָב מורא, עס וועט מיר צופיל אַ שאָד זיין! גענוג, קינדער, פאָלגט אַ טאַטן;

— רוצח! — שרייט מירל, — רוצח, לאָזן זיי וויינען, זייערע טרערן העלפן, ריבונו של עולם...

— שווייג, מירל, — האַקט איר דער קראַנקער איבער, — איך האָב דיר שוין געזאָגט, איך האָב מיינס שוין אָפּגעלעבט... גענוג... ע! חיים, בערל... יונה... אַלע! הערט! געשווינד, נעמט די כלים!

אַלע גלאָצן אויס די אויגן.

— איך חיים, — מאַכט דער קראַנקער, — איך בעט אייך! טוט מיר צוליב, נעמט די כלים און קומט צו צום בעט!

די קינדער האָבן געפאָלגט און אַרומגעשטעלט זיך ביים בעט; דריי פידל, איין קלאַרנעט, אַ באַס, אַ טראָמפּייט...

— לאָזט מיך הערן, ווי די קאַפּעליע וועט שפּילן אָן מיר... — מאַכט דער קראַנקער.

— מירלשי, איך בעט דיך, רוף דערהווייל אַריין אונדזער שכן.

דער שכן איז געווען דער שמש פון דער חבֿרה נושאים. מירל האָט נישט געוואָלט לכתחילה גיין, נאָר ער האָט אויף איר געקוקט מיט אַזאַ

מין געבעט, אַז זי האָט געמוזט פּאָלגן. (שפּעטער האָט זי דערציילט, אַז דער „מירלשי" און דער קוק פאַרן טויט זיינען געווען גאָר להבדיל די אייגענע ווי באַלד נאָך דער חופּה... „איר געדענקט, קינדער, מאַכט זי, זיין זים קול און זיינע אויגן!")

דער שמש פון דער חברה נושאים איז אריינגעקומען, ער האָט גע־וואָרפן אַן אויג אויפן חולה און געזאָגט:

— זייט מוחל, מירל, רופט אַריין אַ מנין.

—מע דאַרף נישט, — רופט זיך אָן דער קראַנקער, — וואָס טויג מיר אַ מנין? איך האָב מיין מנין, מיין קאַפּעליע! גיי נישט, מירל, איך דאַרף נישט קיין מנין...

און אויסדרייענדיק זיך צו די קינדער, מאַכט ער:

— הערט, קינדער... שפּילט אָן מיר, ווי מיט מיר, שפּילט גוט... זייט נישט קיין שקצים אויף אָרעמע חתונות... האַלט ערלעך די מוטער, און אַצינד — שפּילט מיר אָפּ די ווידוי... אונדזער שכן וועט פאַרזאָגן...

און — די פיר־איילנדיקע שטוב איז געוואָרן פול מיט מוזיק.

1891 י.

א פאַרשטערטער שבת

(אַ בילד)

האַלב שבת! אַ בערגל מיסט ביי דער טיר — צום אַרויסוואַרפן; די לאָקשן ליגן אָפּגעשווענקט אין שיסל, מע דאַרף זיי נאָר באַגיסן מיט אַ לעפל יויך, זיי זאָלן זיך נישט צוזאַמענקלעפּן. אויפן טיש איז גרייט בראָנפן אויף קידוש; אַ קוילעטש מיט אַ חלה — צום באַדעקן מיט אַ זיידן חלה־טישטעכל!

זרח, דאָס יונגע באַלעבעסל, איז שוין אָפּגעוואַשן. מיט צוויי פינגער פון יעדער האַנט דריקט ער אויס דאָס וואַסער פון די פאות. מרים, די יונגע באַלעבאָסטע, שטייט ביי אים און פוצט אים צו די קאַפּאָטע.

— אַ, דו... שלימזל! — שמייכלט זי צו אים — אַנדערטהאַלבן יאָר נאָך אַ חתונה מאַכט מען אַזוי צורעכט מלבושים! זע, דאָ אויפן לאַץ! זעסט? אַ פלעק פון חלב — זי קראַצט מיט די נעגל, גייט איבער מיט דער באַרשט.

— גענוג שוין, — בעט זיך זרח, — די הענט וועלן דיר וויי טאָן! דו קאָנסט דאָך שוין קוים דעם אָטעם כאַפּן, לאָז שוין אָפּ!

— אָ־וואַ! גלייכער, זיי זאָלן אַביסל וויי טאָן, איידער מע זאָל זאָגן אין בית־המדרש, אַז דו האָסט אַ וויַיב אַ שמאָדער, וואָס פוצט דיר אַפילו די שבתדיקע קאַפּאָטע נישט אָפּ!

זי געפינט נאָך אַ פלעק, בייגט זיך נאָך אַמאָל איין און פוצט. דאָס בלאַסע פנים רויטלט זיך, די אויגן בליצן, און שווער ווערט איר דער אָטעם, — איהם האָט זי דאָך אויסגעפירט... זרח קושט זי אויפן קאָפּ.

— וואָס געפעלט עס דיר אַזוי? — רייסט זיך מרים אויס מיט אַ געלעכטער — די האָר־באַנד?

— שעם דיך כאָטש פאַר דער מאַמען — האָט זי צוגעגעבן שטיל.

די האָר־באַנד, וואָס זי טראָגט אויפן קאָפּ, און די מוטער, וואָס שטייט אַצינד איבערגעדרייט צום ספרים־שענקל און זוכט, מכלומרשט, דאָס טייטש־חומש — זיינען איר צוויי שטיינער אויפן האַרץ.

פֿאַר דער חתונה האָט מרים געהאַט אַ פּאָר דיקע, לאַנגע צעפּ פֿון בלאָנד־זייַדענע האָר. אַלע מיידלעך האָבן איר די צעפּ מקנא געווען. אַז זי פֿלעגט דורכגיין דעם מאַרק, פֿלעגן מענטשן טראַכטן: אָט, דער יצר־הרע גייט. זרח, דעמאָלט שוין איר חתן — פֿלעגט ציטערן פֿאַר פֿרייד, אַז ער האָט אַמאָל באַקומען אירס אַ צאָפּ אין דער האַנט אַריין; נאָר אימ־שטיינס געזאָגט, ווען איז עס אים געראָטן? אַ קנאַפּ יאָר זיינען זיי געווען חתן־כלה... געזען האָבן זיי זיך אָבער קוים עטלעכע מאָל... איינמאָל שבועות בייַנאַכט (הושענה־רבה האָט מרים מורא געהאַט פֿאַרן יום־הדין); איינמאָל האָט זי זיך אַרויסגענאַרט שמחת־תורה פֿון הקפֿות; נאָך אַמאָל האָבן זיי זיך געטראָפֿן חול־המועד פּסח אויפֿן שפּאַציר אונ־טער דער שטאָט... און דעמאָלט טאַקע האָט מען זיי „געכאַפּט"! עס איז געוואָרן אַ גערודער, אַ געשרייערײַ. דער רב האָט געשיקט רופֿן די על־טערן; געזאָגט זיי, אַז ער גלייבט באמונה שלימה, אַז עס זיינען ערלעכע קינדער, פֿונדעסטוועגן איז זיין עצה, מען זאָל באַלד שטעלן אַ חופּה...

מרימס מוטער, — די „לאַנגע סערל" — האָט אַפֿילו קיין צייט נישט געהאַט צו מאַכן אַלע איינשיטן. זרחס פֿאָטער, דער שטריקנמאַכער, האָט נאָך נישט געהאַט דעם גאַנצן נדן; אַ חופּה האָט מען געשטעלט! און פֿאַר דער חופּה האָט מען אָפּגעשוירן די בלאָנד־זייַדענע האָר!

מרים האָט געוויינט מיט ביטערע טרערן —

זיצנדיק צווישן די בחורים, האָט זרח, — אַזוי דערציילט ער — דערפֿילט, ווען מע האָט זיך גענומען צו די צעפּ. עס האָט אים אַ שניט געטאָן אין האַרץ! ביי דער גילדענער יויך, האָבן זיי ביידע אויסגעזען, ווי „עס וואָלט זיי אונטערגעגאַנגען אַ שיף מיט זויער־מילך".

אַך, די האָר־באַנד, די האָר־באַנד!

די האָר וואָלטן צוריק געוואַקסן, מע זאָל זיי נישט דאַרפֿן אַלעמאָל אונטערשערן! זרח זאָגט אַפֿילו, אַז עס זיינען פֿאַראַן אַזעלכע שטעט, ווו ייִדישע טעכטער טראָגן שייטלען, טייל אַפֿילו, — אייגענע האָר; ווייסט מען דאָך, אַז ער איז אַ שטיק אַפּיקורס, דער זרח. „ווען גאָט זאָל אים העלפֿן, — זאָגט ער, — ער זאָל געווינען אויף דער לאָטעריע (פֿון סוחרים נתעשר צו ווערן, איז שלא כדרך הטבע), וואָלט ער איבערגעלאָזט דער שוויגער אַ פּאָר טויזנטער, און ער מיט מרים־לעבן וואָלט אַוועק אין איינע פֿון די גרויסע שטעט!...

מרים אָבער וויל נישט הערן און געדענקען! זי בעט זיך רחמים ביי זרחן, ער זאָל נישט רעדן דערפֿון; זי קושט אים און האַלדזט אים, ער זאָל בעסער שווייגן.

ערשטנס — ווי לאָזט מען עס איבער אַליין אַ מאַמען; טאַקע מיט געלט, נאָר טאָמער ווערט זי, חס ושלום, קראַנק... אַ מענטש אין די יאָרן... ווער וועט איר דערלאַנגען אַ לעפל וואַרעם וואַסער? צווייטנס — האָט מרים־לעב אַליין מורא פאַר דער עבֿירה! ווען זיינען טאַקע דאָ אַזוינע שמועסן; אַז זרח זאָגט, איז אוודאי אמת, זי גלייבט, — נאָר אַ קשיא אויף אַ מעשה. סדום־ועמורה פון טייטש־חומש זיינען אויך שטעט געווען, מיט נאָך ערגערע מנהגים: אייזערנע בעטלעך פאַר אורחים... יתומים האָט מען אויסגעשמירט מיט האָניק... נו, כּהיום! און ווער ווייסט, אויב מאָרגן וועט נישט דער אייבערשטער אַראָפּשיקן זיינע מלאכים, זיך אַן עצה האַלטן, און איין רגע איבערקערן די היינטיקע סדום־ועמורהס?

זי ווייסט, אַז גאָט ברוך הוא, איז אַן ארך אַפּים; ער וואַרט אוודאי... אפשר וועלן זיי תשובה טאָן!

— נו, הכּלל, — זאָגט מרים, — דאַרפן מיר זיך אַריינלייגן אין קראַנקען בעט?

— ניין, זרח, — זאָגט זי, — איך וויל נישט... אַז מע זאָגט, מע טאָר נישט, טאָר מען נישט...

פון דער מוטער האָט זי נאָך מער צרות.

די לאַנגע סערל האָט ליב די טאָכטער מער ווי צען מוטערס צוזאַמען; קיין שלעכט וואָרט וועט זי איר נישט זאָגן. — נאָר זינט מע האָט „געכאַפּט די חתן־כּלה", האָט זי אויף זיי שטענדיק אַן אויג... היט זי זיי אָפּ!

— דו ביסט, — זאָגט זי צו מרימן, — אַ פרומע נשמה, נאָר אַ ווייך האַרץ האָסטו; און קעגן דעם יצר־הרע מוז מען האָבן אַן אייזערנע גבֿורה. אַ מענטש מוז זיך שטעלן ווי אַ לייב, ווייל דער יצר־הרע איז ערגער ווי אַ שלאַנג!

און זי האָט זיך גענומען צו דער גוטער, נאָר שוואַכער טאָכטער, צו דער פרומער, נאָר שוואַכער נשמה, זי אונטערצוגאַרטלען קעגן יצר־הרע! און נאָך יעדן אונטערגאַרטלען בלייבט מרים אויס מענטש. עס טוט איר ווי דאָס האַרץ; ביינאַכט שרעקן זי אַלערליי חלומות...

קוים גייט זרח אַרויס פון שטוב, הייבט זיך אָן דאָס מוסר זאָגן.

סערל איז אַ מושלמת, לייענט עבֿרי־טייטש ווי אַ וואַסער; קאָן דאָס טייטש־חומש מיטן קבֿ־הישר, מיטן ראשית־חכמה און נאָך עטלעכע אַזוינע ספֿרים, כּמעט אויסנווייניק; אין גיהנום איז זי קלאָר; זי איז אין יעדן ווינקעלע ווי אין דער היים! זי ווייסט, ווו מע קאָכט אין הייסער סמאָלע, ווו מע ברענט מיט שוואַרצן פייער, און שדים בראָטן די נשמות, ווי הינדלעך אויף דער שפּיז! זי איז קלאָר אינגאַנצן שלחן־ערוך פון יענער וועלט:

פאַרוואָס מע הענגט אויף דער צונג... מע וואַרפט צווישן הימל און ערד, און אָדלער און קראָען רייסן אויס שטיקער פלייש; פאַרוואָס מע לויפט אַרום אין וועלדער, און ווילדע חיות בייסן די פיענטעס, פאַרוואָס מע שינדט אָפּ די הויט, מע וויקלט אַיין אין שטעכעדיקע דערנער... און מע הייסט נאָך שעפּן וואַסער מיט אַ קאַן אָן אַ דנאָ... איין גליק איז נאָר, וואָס גאָט איז פול באַרמהערציקייט! ער וויל נישט מער, נאָר מע זאָל תשובה טאָן... און מרים הערט דאָס אַלץ אויס מיט האַרצקלאַפּן, מיט ציטערדיקע ליפּן, און אַ פּנים ווי קרייד.

זי שרעקט זיך... זי ווייסט, אַז אַ מענטש איז זינדיק... ערגער איז אין די טעג, ווען אן אשה איז פול מיט שדים, ווען אַרום איר טאַנצן רוחות רעות... ווען אַן אשה טאָר נישט קוקן אין שפּיגל אַריין, פון אירע בליקן זאָל קיין פלעקן נישט ווערן! איר הויך איז דאָך דעמלט מיט טומאה, די קליידער — באַשיט מיט דיבוקים, מיט פיפּערנאָטערס! ווי געציטערט האָט זי דעמלט פאַר זרחן...

און נאָך איידער עס האָט זיך עפּעס אָנגעהויבן, האָט שוין די מאַמע מורא געהאַט, וואָס אַמאָל געפרעגט: טאָכטערשי, אפשר שוין? אפשר האַלטסטו עס בסוד, אפשר ווילסטו דיר פאַרזינדיקן די יונגע יאָר.. זע, קוק, נאָך אַמאָל, טאָמער פאָרט! אפשר האָסטו נישט גוט אכטונג געגעבן...

— מאַמעשי, — פרעגט אַמאָל מרים, — פאַרוואָס האַלט עס זרח אַזוי פאַר גרינג? ער לאַכט אַפילו, אַז איך וואַרף אים די שליסעלעך?

— אַן עוולה, אַ גרויסע זינד! — זאָגט די מאַמע, — נאָר אַ מאַנצפּאַרשוין איז שוין בטבע אַזוי... אימשטיינס געזאָגט, זיי ווייסן דען... און וואָס האָט אַזוינער מורא? ער כאַפּט אַמאָל אַריין אַ פּרק משניות, ווערן אים זעקס בלאַט חטאים אויסגעמעקט פון בוך! און ווען איז זייער יום־הדין? איין מאָל אין יאָר — ימים־נוראים... אָבער אַן אשה, נעבעך, אַ „שעשני כרצונו”, דאָס איז ווי אינדיטשקעס! אַ ליאַדע וואָס, איז אויף זיי, רחמנא־לצלן, אַ פּגירה! היינט זע, בשעתן טראָגן, בשעתן האָבן — דעמלט הענגט דאָך יאָ די נשמה אויף אַ האָר! סאַמע ימים־נוראים! און וואָס, אימשטיינס געזאָגט, זאָל אונדז מציל זיין? דאָס טייטש־חומש?!... אַ קאַטאָוועס, אַ מענטש אָן ציצית, אינגאַנצן דריי מצוות: חלה, נדה, הדלקת הנר... מיט זולה איז נאָך נישט אַזוי געפערלעך! מע קאָן נאָך יוצא זיין! הדלקת הנר אויך... פרייטיק, צוועלפן, מאַכט מען שבת, אָבער יענע... עס איז דען גאָר צו דערהיטן?

— אַז דיין אויג, — זאָגט זי, — קוקט אויף דעם אייגענעם אָרט, וו זיין אויג; אַז דיין הויך טרעפט זיך צוזאַמען מיט זיין אָטעם, — שוין! לילית כאַפּט דאָס שוין אויף, זי קריגט שוין שליטה, זי פליט אַרויף גלייך

צום כסא הכבוד, מיטן הויך, מיטן בליק, מאכט דערפון אן עסק! באלד הייבן אָן שטאַרבן יולדות... קליינע קינדער...

און מרים האָט זיך דערפילט זינדיק פאַר גאָט פאַר אַ סך אַזוינע „בליקן" מיט „הויכן"... נאָך אַזאַ הויך אָדער אַזאַ בליק, האָט זי נעכט נישט געשלאָפן פאַר פחד, איר נשמה זאָל נישט אַרויספליען, און אַליין אָנשרייבן אין בוך!...

איינמאָל איז געקומען אין שטעטל אַריין דער אַקרוזשנאָי סוד. מע איז געלאָפן אויף זיין ווונדער. מרים איז איינמאָל אויך געגאַנגען זען; עס איז געווען באַלד נאָך דער חתונה — געלוסטן זיך אַזוינע זאַכן. האָט זי געזען דריי סודיאַס, אַ פּראָקוראָר, אַ סעקרעטאַר און איינעם, וואָס מע האָט געמשפּט... און וואָס עס גייט האָט זי נישט פאַרשטאַנען, נאָר דערנאָך, אַז מע האָט אויסגערופן: קאַטאָרגע, האָט זיך דער פאַרמשפּטער אַ וואָרף געטאָן אויף דער ערד, גלייך אַ דונער האָט אים דערשלאָגן... פון דעמלט אָן האָט זי נאָך מער פחד פאַרן בית־דין של מעלה! דאָ האָט זיך דער פּראָקוראָר אביסל געאיקעט; דאָרט וועט רעדן דער שטן! מיט שוואַרץ פייער וועט ער שיטן, קאָכעדיקער פעך וועט זיך אים גיסן פון מויל... און וואָס, קאַטאָרגע? דאָרט רופט מען אויס: כף הקלע, בראָטן הייסט מען און ברענען!

„ווי וועט עס דעמלט חלשן די נשמה"! טראַכט מרים. און עס ווערט איר קאַלט אין אַלע אברים, אין האַרץ הויבט אָן שטעכן ווי מיט נאָדלען!

פון דעם אַלעם ווייסט נישט זרח. אַז ער איז דאָ אין שטוב, שווייגט די מוטער. דעמלט איז מרים לוסטיק און פריילעך. גאָר אַן אַנדערער מענטש..

ווען אָבער איז ער אין שטוב? פרייטיק פאַרנאַכט, שבת... אַ גאַנצע וואָך האָט ער דאָך זיין מסחר! מוז ער דאָך זיין אין גאַס...

ביינאַכט האָט מען אויך נישט קיין רו... די לאַנגע סערל שלאָפט נישט האַלבע נעכט; קריכט אַרום, גייט אויף און אָפּ, לייענט הויך די לאַנגע קריאת־שמע מיטן גאַנצן על־חטא...

זרח קריצט טיילמאָל מיט די ציין; דאָך מוז ער שווייגן. ער האָט אמאָל דער שוויגער אַ שלעכט וואָרט געזאָגט, האָט זיך מרים די אויגן אויסגעוויינט! מער וועט ער דאָס נאַרישקייט נישט טאָן... די ציין קריצן, נאָר שווייגן מוז מען.

פון דער שוויגערס מוסר־זאָגן האָט ער גאָרנישט געוווּסט; ער זעט, אַז מרים ווערט וואָס אמאָל בלאַסער, שוואַכער, אַז זי כאַפּט זיך וואָס אַמאָל אָפּטער אָן ביי דער ברוסט, אָטעם פאַרפעלט איר... און ער שמייכלט. ער האָפט אויף נחת!... טיילמאָל פאַלט אים איין, אַז מע וואָלט געדאַרפט

אפשר רופן א דאָקטער. ער טוט עס דאָך נישט, און ברענגט עס נישט איבער די ליפּן, פאַר מורא, ער זאָל זי נישט איבערשרעקן... זייט א קור־צע צייט שרעקט זי זיך אַליין איינעם. נאָכט אויף נאַכט שרעקט זי זיך. א קאַץ לאָזט זיך הערן פון דאַך, א הונט גיט א ביל אין גאַס... עמעץ קלאַפּט ערגעץ אין א טיר, א ליאַדע שאַרך, שרעקט זי, זי לאָזט אַרויס א געשריי און בלייבט ליגן פאַרציטערט, האַלב פאַרחלשט... ברענג איך א דאָקטער, פאַלט זי באמת, חס ושלום, אַריין אין א קרענק.

אָפּט מאַכט זיך דערפון א שמועס.

— וואָס איז דיר, מרים־לעב? וואָס פעלט דיר?

— מיר, — ענטפערט מרים מיט א בלאַסן שמייכל אויף די ליפּן, — מיר? אַז דו ביסט נאָר דאָ און שטוב, איז מיר וואויל ווי די וועלט! מע זאָל אונדז נאָר קיין עין־הרע נישט געבן!

זי ציטערט פאַר אַן עין־הרע; מע האָט זי דען נישט מיט וואָס מקנא צו זיין! אַז זרח דרימלט איין שבת נאָכן עסן, גייט זי גאַנץ אָפּט שטילער־הייט צו און בלאָזט אויף אים; עס איז זומער, דאָס פענצטער איז אָפן, א קשיא אויף א מעשה? עמעץ גייט דורך און וואַרפט אריין אַן עין־הרע! עס דאַכט זיך איר, אַז מע מוז זי מקנא זיין, אַז עס איז קיין שענערער, קיין באַשמעקטערער מענטש אויף דער וועלט נישטאָ! קרוין־פוילן אויס־צופאָרן!

„וועך שמועסט, טראַכט זי, ער זאָל נאָך זיין אָפּגעהיט אין יענע זאַכן! אביסל מער אָפּגעהיט!... נאָר, ווייטער דאָס אייגענע, ער איז דאָך, ווי די מוטער זאָגט, א מאַנצפּאַרשוין, ער האָט גאַנצע תרי"ג מצוות... איז דאָס ביי אים גאָר קיין יחוס נישט"...

זרח מיינט, אַז עס מוז איר פאַרט עפּעס זיין, נאָר זי לייקנט שטיין און ביין: „וואָלט ער נאָר אינדערהיים געוועזן... שטענדיק אינדערהיים"...

ער הערט און שמייכלט; די אמתע כוונה פון די רייד פאַרשטייט ער אָבער נישט; און זי וועט קיינמאָל נישט פאַרמסרן די מאַמען. ער וועט קיינמאָל נישט וויסן, וואָס זי ליידט, ווען ער איז נישטאָ...

אצינד אָבער פאַלט צו שבת... אצינד מעג זרח גיין... זאָל ער גיין דאַווענען... שבת האָט זי פאַר דער מוטער קיין מורא נישט; שבת זאָגט זי קיין מוסר נישט... שבת „איז די מאַמע א ווײַלע מאַמע"!

— מרים־לעב, — מאַכט זי צו איר, אַז זרח איז אַרויסגעגאַנגען, — היינט איז שבת, פוץ דיך אָפּ, טו דיר אָן א קליידל... אַז דיין מאַן וועט נאָכן דאַווענען קומען מיט די מלאכים אין שטוב אַריין, זאָלסטו אים אַקעגנלויפן מיט אַלעם גוטן, פאַר דעם וועסטו זוכה זיין....

— ...א גראָבן קוש פון זרחן — ענדיקט מרים מיט א געלעכטער.

דער מוטער געפעלט אפילו נישט דער אויספיר, עס איז דאך אבער שבת, שבת־לעב, און זי וועט קיין בייז ווארט נישט רעדן. זי נעמט זיך צום טייטש־חומש, טוט אן א פאר גרויסע ברילן און לייענט.

מרים הערט זיך איין. אפט הערט זי מיטן גאנצן הארץ. טייל מעשות געפעלן איר זייער. זי צעלאכט זיך, אז עס קלינגט ווי א זילבערן גלעקל, ווען דאס יונגל אברהם, וואס האט צעהאקט דעם אלטן תרחס שטיינער־נע געטער זאגט דעם אלטן: אז דאס האט דער גרעסטער פון זיי געכאפט דעם האמער און צעהאקט אלע קליינע; דאס הארץ ציטערט איר פאר שרעק, יצחק זאל נישט דערקענען, אז דאס „מאלצייט" דערלאנגט אים יעקב, נישט עשו; טרערן קומען איר אין די אויגן אריין, ווען יעקב טרעפט זיך מיט רחלן ביי דעם ברונעם; לבנען איז זי א שונא אויפן לעבן, פארוואס ער האט יעקבן גענארט... ווען עמיץ, למשל, נארט אזוי אפ זהחן... בררר! עס ווערט איר קאלט אין אלע אברים. פאר דאס, שפעטער, אז יעקב קריגט ביידע: אי לאהן, אי רחלען, ווערט זי רויקער; זי ווייסט דאך, אז עס איז געווען פארן חרם דרבינו גרשום...

היינט גייט די סדרה תרומה; מע ברענגט דאס און יענץ צום משכן... דאס אינטערעסירט זי ווייניקער... זי איז מיד און שלעפעריק.

דאס קעפל צעוויגט זיך, די ברעמען פאלן צו, זי דרימלט איין... א גוטער, חנעוודיקער שמייכל באוויזט זיך איר אויפן בלאסן פנים... עס הייבט זיך אן צו רויטלען... נאר עס וועקט זי דער מוטערס שטימע:

— מרים!

— וואס מאמעשי, איך הער...

— נישט דאס מיין איך...

— וואס דען, מאמעשי?

— לויט מיין רעכענונג איז היינט... פארשטייסט, טאכטערשי, איז היינט די צייט...

— נאך נישט, מאמעשי!

— גיב נאר גוט אכטונג, טאכטער!

מרים דרימלט ווייטער איין; די זעלבע זילבערנע שיסל מיט די זיל־בערנע לעפל, און די מוטער וועקט זי ווייטער.

— זיכער נאך נישט?

לײדער איז שוין געווען „שוין"...

— א שאד! — מאכט סערל, — א פארשטערטער שבת.

זי זיפצט אפ און פארטיפט זיך צוריק אין טייטש־חומש... ווייטער נשיאים, שיסל, לעפל... מרים דרימלט ווייטער איין, נאר דאס פנים רויטלט זיך נישט, קיין שמייכל צירט נישט די פיינע ליפן...

אין דער צייט האָט זרח אָפּגעדאַווּנט, און כאַפּט זיך שטילערהייט אַרויס פון בית־המדרש, עס זאָל אים קיינער נישט פאַרהאַלטן. ער לויפט איבער דער גאַס...

אַז ער קומט צו צו דער טיר, שטעלט ער זיך אָפּ. ער הערט זיך איין וואָס אין שטוב טוט זיך.. די שוויגער לייענט... מרים זיצט אַוודאי און הערט, שטאַרק פאַרנומען, ווי געוויינלעך. ער וויל זי איבעראַשן.

שטיל עפנט ער די טיר... די שוויגער הערט נישט, מרים שלאָפט.

מיט איין שפּרונג איז ער ביי איר און ער קושט זי ביים „גוט־שבת!"...

— פּושע באַהלי ישראל! — גיט סערל אַ געשריי.

עס האָט לאַנג געדויערט, איידער מע האָט די פאַרציטערטע מרים דערמונטערט.

עס איז געווען — אַ פאַרשטערטער שבת.

1892 י.

אַ כעס פון אַ יידענע

דאָס קליינע שטיבל איז פאַרחושכט ווי אין אים דער דלות, אויף וועלכן עס ווײַנען אַלע פיר ווענט... אינעם אָפּגעריסענעם סופיט שטעקט אַ האָקן — אַ יתום נאָך אַ געוועזענעם הענגל־לײַכטער, דער גרויסער אָפּגעשיילטער אויוון איז „אַרומגעגאַרטלט בײַ די לענדן" מיט אַ גראָבן זאַק, שטייט איבערגעבויגן אין אַ זײַט, און קוקט אַריבער צו זײַן פּינצטערן שכן — צום ליידיקן שוואַרצן קוימען, אויף וועלכן עס ליגט אַן איבער־געדרייטער טאָפּ מיט אַן אָנגעבראָכענעם ראַנד, און אין אַ זײַט, אַן „עליו־השלום", אַ צעבראָכענער לעפל, דער בלעכערנער גיבור האָט געהאַט אַן ערלעכן טויט: ער איז געפאַלן אין דער מלחמה מיט אויסגעדאַרטער, אײַנ־געשפּאַרטער, נעכטיקער קאַשע!

דאָס שטיבל איז איבערגעפּולט מיט כלים; עס שטייט אַ הימל־בעט, פאַרהאַנגען מיט צעריסענע פאַרהענגלעך... דורך די לעכער קוקט אַרויס דאָס בעטגעוואַנט, אָן ציכלעך, מיט רויטע פאַרפּעדערטע אויגן. עס שטייט אַ וויגל, פון וועלכן עס שײַנט אַרויס אַ גרויס געלבלעך קעפּל פון אַ שלאָ־פנדיק קינד... עס שטייט אַ קאַסטן, באַשלאָגן מיט בלעך, מיט אַן אָפּגע־נעם הענגל־שלאָס, — עס מוז שוין דאָרט קיין גרויס עשירות נישט זײַן, עס שטייט נאָך אַ טיש מיט דריי בענקלעך; דאָס הילצערנע מעבל איז אַמאָל רויט געפאַרבט געווען, הײַנט איז עס טונקל־ברודיק... רעכנט נאָך צו: אַ שאַף, אַ פּאָמיעס־שאַף, אַ פּאַס וואַסער, אַ קאָציובע מיט אַ לאָפּעטע, וועט איר פאַרשטיין, אַז מע קען שוין אין שטיבל פון ד' על ד', קיין שפּילקע נישט אַרײַנוואַרפן...

און דאָך זײַנען דאָ: און ער און אַ זי.

זי — אַ יידענע אין די מיטעלע יאָרן — זיצט אויפן קאַסטן, וואָס פילט אויס דאָס אָרט צווישן הימל־בעט און דער וויג.

זי האָט רעכטס דאָס אײַנציקע, קליינע, פאַרגרינטע פענצטער; לינקס — דעם טיש. זי אַרבעט אַ זאָק, שאָקלט צו דאָס וויגל מיטן פוס און הערט זיך אײַן, ווי ער לערנט בײַם טיש. און ער לערנט מיט אַ זינ־

נענדיק־וואָלאָכיש־וויינענדיק קול, ער לערנט און באַוועגט זיך אומרויק, אָפּגעריסן און נערוועז. טייל ווערטער שלינגט ער, טייל ציט ער, טייל כאַפּט ער, טייל היפּערט ער איבער; טייל אַקצענטירט ער און דריקט אויס מיט ליבשאַפט, טייל שיט ער גלייכגילטיק אַרויס, ווי אַרבעס פון אַ זאַק; דערביי רוט ער נישט אַ רגע: דאָ כאַפּט ער אַרויס פון קעשענע אַן אַמאָל רויט און גאַנץ געוועזענע פאַטשיילע, ווישט זיך די נאָז, דעם שווייס פון פּנים און שטערן, באַלד לאָזט ער זי אַראָפּ אויפן שויס און כאַפּט זיך קרייזלען די פּאות, צופּן דאָס שפּיציקע, ערטערווייז קוים גראָלעכע בערדל... אָט, באַהאַלט ער אַן אויסגעצופּטע האָר אין ספר אַריין און הייבט זיך אָן פּאַטשן אויף דער קני, די הענט דערפילן דערווייל די פּאַ־טשיילע, כאַפּן זי און וואַרפן אַ שפּיץ אין מויל אַריין; ער בייסט, וואַרפט איבער איין פוס אויפן צווייטן און טוישט אַלע מינוט די פיס.

ביי דער גאַנצער צייט קנייטשט זיך אים זיין בלאַסער שטערן אין דער לענג און אין דער ברייט, עס קנייטשט זיך אויס אַ קמץ איבער דער נאָז. די לאַנגע ברעמען ווערן, אונטער דער איבערגעליגטער הויט פון שטערן, כמעט פאַרלוירן. דערווייל גיט אים — דאַכט זיך — עפּעס אַ שטאָך אין דער ברוסט; כאַפּט ער און דערלאַנגט זיך מיט דער רעכטער האַנט אויף דער לינקער זייט אַן „על חטא"... ראַפּטום פאַרלייגט ער דעם קאָפּ לינקס, דריקט צו מיט אַ פינגער די לינקע זייט נאָז, מאַכט מיט דער רעכטער זייט אַ קינסטלעכע פאַנטאַנע, וואַרפט איבער דעם קאָפּ רעכטס, די פאָנ־טאַנע שפּריצט פון דער לינקער זייט נאָז!... אין מיטן כאַפּט ער אַ שמעק טאַבעק, צעהוידעט זיך בעסער, דאָס קול קלינגט, דאָס בענקל קנאַקט, עס רודערט דער טיש!

דאָס קינד וועקט זיך נישט! עס איז געוווינט צו דער מוזיק.

און זי, דאָס יונגערהייט איינגעשרומפּענע ווייב, זיצט און שעפּט נחת פון מאַן. זי לאָזט פון אים קיין אויג נישט אַראָפּ; איר אויער פאַר־לירט נישט קיין איינציקן טאָן פון זיין מויל... אַמאָל זיפצט זי: ער זאָל אַזוי — טראַכט זי — טויגן צו דער וועלט ווי צו יענער, וואָלט איר דאָ אויך וויל און ליכטיק געווען... דאָ אויך...

— „מאַ! — טרייסט זי זיך — ווער שמועסט פון אַ כבוד! נישט יעדער איז זוכה צו ביידע טישן".

זי הערט זיך איין... איר איינגעשרומפּן פּנים ענדערט זיך, דאָס אויך וואָס אַמאָל, זי איז אויך נערוועז:

ערשט איז דערויף אויסגעגאָסן געווען אַ ווילדע הנאה; אַזוי פיל נחת האָט זי פון זיין תורה געשעפּט... דערמאָנט זי זיך, אַז היינט איז דאָך שוין האָנערשטיק, אַז עס איז דאָך קיין דרייער אויף שבת נישטאָ,

אין דאָס גן־עדן ליכט אויפֿן פּנים ווערט וואָס אַמאָל טונקלער און טונקלער, ביז דער שמייכל פֿאַרשווינדט פֿון גאַנצן פּנים... דערנאָך וואַרפֿט זי אַ בליק דורכן פֿאַרגרינטן פֿענצטער, קוקט אויף דער זון — עס מוז שוין זיין שפּעט און עס איז נאָך אין שטוב קיין לעפֿל וואַרעם וואַסער נישטאָ — און די שפּיזלעך בלייבן איר שטיין אין דער האַנט, אַ טונקעלער שאָטן האָט שוין דאָס פּנים באַדעקט: זי וואַרפֿט אַן אויג אויפֿן קינד; עס שלאָפֿט שוין אומרויִק, עס וועט זיך באַלד אויפֿכאַפּן, עס איז פֿאַרן קראַנקען קינד קיין טראָפּן מילך נישטאָ — און פֿון שאָטן איז שוין אַ וואָלקן געוואָרן, די שפּיזלעך הייבן אָן אין דער האַנט צו ציטערן, צו וואַרפֿן זיך...

און אַז זי דערמאָנט זיך נאָך, אַז, אויסער דעם, גייט צו פּסח... אַז די אויריינגלעך מיט די בענטש־לייכטער זיינען פֿאַרזעצט, דער קאַסטן — לער, דער הענגל־לייכטער — פֿאַרקויפֿט, — הייבן אָן די שפּיזלעך גאָר מערהעריש צו טאַנצן! דער וואָלקן אויפֿן פּנים ווערט טונקל־בלאָ, אָנגעלאָדן... אין די קליינע, גראָע אויגן, וואָס מען זעט קוים אַרויס פֿון אונטערן טיכל אויפֿן קאָפּ, באַווייזן זיך — בליצן:

ער זיצט נאָך אַלץ און לערנט; ער באַמערקט נישט, אַז עס מאַכט זיך אַ געוויטער, אַז עס ווערט אַלעמאָל געפֿערלעכער... אַז זי לאָזט אַרויס דעם זאַק מיט די שפּיזלעך פֿון דער האַנט און הייבט אָן קנאַקן די אויסגעדאַרטע פֿינגער, אַז זי קנייטשט איין דעם שטערן פֿאַר ווייטיק, איין אויג ווערט צוגעמאַכט, און דאָס צווייטע קוקט אויף אים מעסער־שפּיציק, אויפֿן מאַן, דעם למדן, אַז עס וואָלט אים, ווען ער זאָל עס זען, קיל געוואָרן אין אַלע אבֿרים; דאָך ער זעט נישט, ווי איריע בלאָע ליפּן ציטערן, ווי די גאָמבע ציטערט, ווי עס קלאַפּט איר אַ צאָן אָן אַ צאָן... ווי זי האַלט זיך איין מיט אַלע כּוחות, נישט אויסצוברעכן... ווי דער דונער רייסט זיך און רייסט, און עס דאַרף נאָר אַ קלייניקייט, ער זאָל אַרויס פֿון מויל.

דאָס קלייניקייט האָט זיך געטראָפֿן:

ער לערנט און זאָגט: „שמע מיניה — — — תּלת...” און טייטשט זיי אויס בנעימות: „איז דאָך פֿון דאַנען געדרונגען”... ער וויל זאָגן: דריי — נאָר דאָס וואָרט „געדרונגען” איז שוין גענוג געווען... אין דעם וואָרט האָט זיך אָנגעכאַפּט דאָס פֿאַרביטערטע האַרץ, דאָס איז געווען דער פֿונק צום פּולווער!

איר שטאַרקער ווילן פּלאַצט: דאָס אומגליקלעכע וואָרט האָט געעפֿנט אַלע פֿאַרהאַמערטע טויערן, אויפֿגעהאַקט אַלע ריגלען... אויסער זיך איז זי צוגעשפּרונגען צום מאַן מיט פֿיאַנע אין מויל, מיט נעגל אין פּנים אַריין.

— געדרונגען זאָגסטו, געדרונגען? אוי! אַ דרינגעניש זאָל אויף דיר קומען, ריבונו של עולם! — האָט זי אויסגעשריגן מיט אַ הייזעריק קול פֿאַר כּעס — אַ דרינגעניש, ריבונו של עולם! יאָ! יאָ! — האָט זי ווייטער מיט אַ שלאַנגען קול געסיטשעט: פֿאַר פּסח... דאָנערשטיק... ס'קינד קראַנק... קיין טראָפּן מילך! האַ!

עס פֿאַרפֿעלט איר אָטעם, די איינגעפֿאַלנע ברוסט שלאָגט פּאַליעס, פֿון די אויגן יאָגן בליצן.

ער בלייבט ווי פֿאַרשטיינערט. גלייך איז ער אויפֿגעשפּרונגען פֿון בענקל, אָן אָטעם פֿאַר שרעק, און האָט זיך הינטערווייליעכס געריקט צו דער טיר.

זיי שטייען איינס קעגן אַנדערן און קוקן זיך אָן; ער מיט גלעזערנע אויגן פֿאַר שרעק, זי — מיט ברענענדיקע — פֿאַר כּעס... ער באַמערקט דאָך באַלד, אַז זי האָט פֿאַר כּעס קיין שליטה נישט, נישט איבער דער צונג, נישט איבער די הענט. די אויגן ווערן אים אַלעמאָל קלענער; ער כאַפּט אַן עק פּאַטשיילע אין מויל אַריין, רוקט זיך נאָך אַביסל אָפּ, אָטעמט טיפֿער אָפּ און מורמלט:

— הער, דו, אשה... ווייסטו, וואָס ס'איז ביטול תּורה? נישט לאָזן דיין מאַן לערנען, האַ? אַלץ פּרנסה, האַ? און ווער גיט דעם פֿויגעלע? אַלץ נישט גלייבן אין גאָט! אַלץ יצר־הרע, אַלץ נאָר די וועלט... נאַרישע אשה... מרשעת! נישט לאָזן לערנען אַ מאַן... דערפֿאַר קומט גיהנום...

אַז זי ענטפֿערט נישט, ווערט ער שטאַרקער ביי זיך! איר פּנים ווערט בלייכער און בלייכער, זי ציטערט אַלע מאָל מער, און וואָס מער זי ציטערט און ווערט בלייכער — פֿעסטער און האַשער ווערט זיין קול:

— „גיהנום! פֿייער! הענגען אויף דער צונג! אַרבע מיתות בית־דין!"

זי שווייגט, דאָס פּנים איז איר שוין ווי קרייד.

ער פֿילט, אַז ער טוט נישט גלייך, אַז ער דאַרף זי נישט אַזוי קרענקען, אַז ער רעדט נישט ערלעך; נאָר איינהאַלטן קאָן ער זיך שוין נישט, אַלעס שלעכטע, וואָס ער האָט ביז אַהער אין זיך געהאַט, שיט זיך אים אַרויס, ער קאָן עס נישט איינהאַלטן.

— „ווייסט וואָס טייטש? — גייט זיין קול איבער ווי אין אַ בייזן דונער: סקילה — דאָס הייסט, וואַרפֿן אין גרוב אַריין און פֿאַרשיטן מיט שטיינער! שׂרפֿה — פֿירט ער ווייטער און וווּנדערט זיך אַליין אויף זיין העזה — שׂרפֿה, דאָס הייסט: אַריינגיסן אין די געדערים אַ לעפֿל הייס־קאָכנדיק־זידנדיק בליי! הרג איז בסיף... דאָס הייסט: מע האַקט אָפּ דעם קאָפּ מיט אַ שווערד... אָט אַזוי! און ער מאַכט אַ באַוועגונג מיט דער

האַנט אַרום האַלדז. היינט חנק... ווערגן... הערסט — ווערגן! פאַרשטייסט — ביטול תורה! אַלץ פאַר ביטול תורה!

דאָס האַרץ טוט אים שוין ווי פאַר רחמנות אויף זיין קרבן, נאָר עס איז אים דאָס ערשטע מאָל, ער זאָל אַזוי גובר זיין... עס פאַרשיכורט אים! אַזאַ נאַרישע יידענע! ער האָט ביז אַהער גאָרנישט געוווסט, אַז מען קאָן זי אַזוי איבערשרעקן.

— אָט דאָס איז ביטול תורה! שרייט ער ענדלעך אויס. ער האַקט דאָך אָפּ, זי קאָן דאָך צו זיך קומען און כאַפּן אַ בעזעם! ער שפּרינגט צוריק צו צום טיש, פאַרמאַכט די גמרא און לויפט אַרויס...

— אין בית־המדרש אַריין גיי איך! שרייט ער צו איר שוין מיט אַ ווייבערער שטימע און פאַרמאַכט נאָך זיך די טיר.

דאָס געשריי מיטן קלאַפּ פון דער טיר האָט אויפגעוועקט דאָס קרענקלעכע קינד. עס הייבט לאַנגזאַם אויף די שווערע ברעמען, דאָס וואַקסן־געלפּנים פאַרקרומט זיך, און עס הייבט אָן צו פּיפּן אונטערן געשוואָלענעם נעזל. נאָר זי שטייט אַלץ אויף איר אָרט, אויסער זיך, ווי פאַרשטיינערט און הערט נישט דעם קינדס קול.

— האַ! — רייסט זיך איר ענדלעך אַ הייזעריק קול פון דער פאַרענגטער ברוסט אַרויס. — אַזוי — נישט די וועלט, נישט יענע וועלט.... הענגען — זאָגט ער — ווערגן — זאָגט ער — הייסע סמאָלע — בלייזאָגט ער! ביטול תורה!

— גאָרנישט... מיר גאָרנישט... העשעט איר אין צעריסענעם האַרץ! דאָ הונגער... אָן אַ קלייד... אָן בעטש־לייכטער... אַלץ נישט... דאָס קינד הונגעריק... קיין טראָפּן מילך... און דאָרט — הענגען... הענגען אויף דער צונג... ביטול תורה — זאָגט ער. —

— הענגען... כאַ! כאַ! כאַ! — רייסט זיך ראַפּטום אַרויס איר פאַרפאַרצווייפלט קול... — הענגען, יאָ, נאָר דאָ! דאָ! — באַלד! אַלץ איינס! נאָך וואָס וואַרטן?

דאָס קינד הייבט אָן העכער צו וויינען, נאָר זי הערט אַלץ נישט.

— אַ שטריק! אַ שטריק! — שרייט זי אויסער זיך, און זוכט מיט פאַרבלאָנדזשעטע אויגן אַ שטריק אין אַלע ווינקעלעך.

— אַ שטריק ווו נעמט מען! זאָל ער שוין מיין געביין דאָ נישט טרעפן! לאָמיר כאָטש דאָס גיהנום פּטור ווערן! זאָל ער וויסן! זאָל ער זיין אַ מאַמע! זאָל ער! אַ כפּרה בין איך! אַ מלאך־המוות! אַן עק! אַן עק זאָל זיין! אַ שטריק!

און דאָס לעצטע וואָרט רייסט זיך איר פון האַלדז אַרויס ווי אַ רוף אויף הילף ביי אַ שׂרפה.

זי דערמאָנט זיך, אַז עס ליגט ערגעץ אַ שטריק... יאָ, הינטערן אויוון... מע האָט געזאָלט אויפֿן ווינטער דעם אויוון איבערבינדן, ער מוז נאָך דאָרט ליגן...

זי לויפֿט צו און געפֿינט דעם שטריק: אַ פֿרייד — זי האָט געפֿונען דעם אוצר! זי וואַרפֿט אָן אויג אויפֿן סופֿיט — דער האָקן זיצט... זי דאַרף נאָר אויפֿן טיש אַרויף. —

זי שפּרינגט אַרויף —

נאָר פֿון דער הייך דערזעט זי, אַז דאָס דערשראָקענע, פֿאַרחלשטע קינד איז אויפֿגעזעצט, עס בייגט זיך איבערן וויגל; עס וויל אַרויס! אָט, אָט, פֿאַלט עס אַרויס...

— מאַמע! — האָט דאָס קינד קוים אויסגערופֿן פֿון שוואַכן העלדזל.

עס כאַפּט זי אָן אַ נייער כּעס.

זי וואַרפֿט אַוועק דעם שטריק, שפּרינגט אַראָפּ פֿון טיש, לויפֿט צו צום קינד, און וואַרפֿט אים דאָס קעפּל אויפֿן קישן צוריק; שרייענדיק:

— ממזר! אַפֿילו הענגען לאָזט עס מיך נישט! אַפֿילו נישט הענגען בשלום! עס וויל שוין ציען... ציען וויל עס... אָ! סם וועסטו ציען פֿון דער ברוסט! סם!

—נאַ! פֿרעסער, נאַ! — שרייט זי אויס אין איין אָטעם, און שטופּט דעם קינד די אויסגעדאַרטע ברוסט אין מויל אַריין:

— נאַ, צי, בייס!...

1893 י.

אין קעלער־שטוב

(אַ בילד)

אַ גרויסע קעלער־שטוב, פול מיט בעטן.

. . . .

פריידע די האַלאַדריגיכע שלאָפט שוין לאַנג אויף איר קאַסטן, אין איר ווינקעלע צווישן אויוון און וואַנט. זי האָט זיך היינט פרי געלייגט, ווייל עס איז מאָרגן יאַריד אין אַ נאָענט שטעטל, דאַרף מען אויפשטיין פרי און אַרויספאָרן מיט דער מאַזש. זי שלאָפט דאָך אומרויק — זי וועט האָבן צרות צרורות מיטן געלעגנהייט: זי האָט באַדינגען דעם באַלע־גאָלע, ער זאָל זי אויפנעמען מיט אַ קליין פעסל, און נאָך פאַרן איינשלאָפן האָט זי אַ ישוב געהאַט, אַז עס איז גלייכער מיטצונעמען דאָס גרויסע פאַס. זי האָט זיך לאַנג אומרויק געוואָרפן אויפן געלעגער: „אַ בייז מויל אַ יידענע האָט — האָט זי אויף זיך אַליין זיך געבייזערט — אַרויסגעכאַפּט זיך: „ס'קליינע פעסל"! נאָך וואָס? נאָך ווען? דעם באַלעגאָלעס דאגה? ער וועט דאַרפן מפיים זיין די פערד מיט נאָך אַביסל האָבער?" אַזוי וואָר־טשענדיק אויף דער מיאוסער צונג, וואָס אַן אשה האָט, איז זי קוים איינגעשלאָפן. פון אונטערן איבערבעט שטאַרט אַרויס אַ רויט קאָפּנטיכל, וואָס פאַלט איר אַראָפּ אויפן פנים ווי אַ רעמל אַרום דער שפּיציקער, בלוי־לעכער נאָז. זי אָטעמט שווער. זי מוז האַלטן די ביינ־קע הענט אויפן אַלטן האַרץ; גאָט ווייסט, וואָס עס חלומט איר! אפשר וואַרפט זי דער באַלעגאָלע אַוועק, און זי בלייבט אַ האַלב יאָר אָן פרנסה!

דער ווינקל קעגנאיבער געהערט צו יאָסל וואַסער־טרעגער, דאָס ווייב מיט צוויי קינדער שלאָפן אין איין בעט און ער מיטן עלטערן חדר־יינגל — אין צווייטן. פון די בעטן רייסט זיך אויך אַלע מאָל אַרויס אַ זיפץ, דאָ איז מען אויך איינגעשלאָפן מיט עגמת־נפש. דאָס חדר־יינגל האָט גע־וויינט „רבי־געלט"! און די עלטערע טאָכטער איז געבליבן אָן אַרט. זי האָט געהאַט אַ ווילע שטעל, ביי אַ פּאָר־פאָלק אָן קינדער, דאַרף פּלוצ־לינג די באַלעבאָסטע שטאַרבן! זי איז אַהיימגעקומען; זי וועט דאָך נישט

בלייבן אליין מיטן אלמן! עס קומט איר א פאר רובל שכירות; מע וואלט געקאנט דערפון כאטש, רבי־געלט באצאלן; טענהט אבער דער אלמן „לא פקדני" — דאס ווייב האט אים נישט אנגעזאגט און ער אליין ווייסט נישט; ער האט זיך קיינמאל נישט געמישט אין ווייבערישע זאכן. איידער מע איז איינגעשלאפן האט מען זיך אפילו אביסל געקריגט: די מוטער האט געראטן, מע זאל דעם אלמן רופן צו א דין־תורה; די טאכטער וויל בעסער שרייבן א פראשעניע אדער צום „מיראוואי" אדער צום „נאטשאלניק", יונה וויל ביידע עצות נישט הערן: דער אלמן וועט זיך נוקם זיין און אפרעדן אים אלע באלעבאטים. „ער דארף נאר — זאגט יונה — געבן א פיפס, בין איך אוים קאפעליוש־מאכער... עס האט דען א שיעור וויפל וואסער־טרעגער עס גייען היינט ארום שלינג און שלאנג, זייט מע האט די וואסער־לייטונג געמאכט?"

ארויף צוציער שנארכט בערל טרעגער איינער אליין ווי א „כראביע" אין בעט. ביידע קינדער שלאפן אין צווייטן; דאס ווייב איז א קעכין און האט היינט א חתונה. דאך — שלאפט מען אויך נישט רויק. בערלען בלאנדזשעט ארום שוין א צייט עפעס א ווייטיק צווישן די ביינער, אויך דער עלטערער זון זיפצט אלע מאל פון שלאף; ער ארבעט ביי קאלך־לעשן און האט זיך א פיסל אפגעבריט.

נאך ווייטער, שלאפט ווי א „כראבינע" איינע אליין אין א בעט, צירל די זיצערין; אין צווייטן שלאפן אלע דריי קינדער. איר מאן איז א נאכטוועכטער. בעלות, אז ער וועט קומען וועט זי ארויסגיין מיט ברויט און פרישע בייגל.

מיר האלטן שוין ביים דריטן ווינקל, עס שטייט נאך א בעט — א שמאל אייזערן בעטל אן אומגעזונט געדרויטלטער פרויען־קאפ שלאגט זיך אפ פון א קנויל־אלטווארג, וואס דינט איר אלס קישן. די יונג־פארברענטע ליפן עפענען זיך אפט, ארויסצולאזן א שווערן זיפץ, „א שווערע פרנסה" האט איר מאן, „ער האט קיין מזל נישט". מיט חירוף־נפש האט ער יענע וואך ארויסגעשלעפט א קופערנעם קעסל און באגראבן אין זאמד אונטער דער שטאט — האט מען אים געפונען! ווער ווייסט מיט וואס ער וועט היינט אהיימקומען? אפשר זיצט ער שוין גאר... און דא האט מען דריי וואכן קיין טעפל ווארעם וואסער נישט צוגעשטעלט... פון דער דירה טרייבט מען...

„א שווערע פרנסה... און מזל!" זיפצן די פארברענטע ליפן. און מע מוז זיך נאך פאר שכנים היטן. מע פרעגט אלץ: וואס טוט דיין מאן? וואס קומט ער אזוי שפעט אהיים?...

— — — — — — — — — — — — — — —

איבער אַלע בעטן ציטערט אַ טונקעלע שיין פון מיטן שטוב; פון איבער די שפּאַנישע ווענטלעך, וואָס זיינען די גרענעצן פון אַ יונג פּאָר־פּאָליקס ממשלה, טריינעס „ד' אומות". די יונגע באַלעבאָסטע שלאָפט נאָך נישט; ערשט צוויי חדשים נאָך דער חתונה — וואַרט זי אויפן מאַן, וואָס דאַרף קומען פון בית־המדרש. ביי איר ברענט עס דער קאַגאַניעץ, וואָס וואַרפט העל־ווייסע פלעקן, אויפן שוואַרצן סופיט, און שיקט אַרויס דורך די לעכער פון שפּאַנישן ווענטל, די עטלעכע אָרעמע שטראַלן, וואָס טאַנצן איבער די אָרעמע בעטן מיט די אָפּגעאַרבעטע, מידע פּנימער.

אין טריינעס ממשלה איז ליכטיקער און ריינער. — צווישן ביידע בעטן אויף אַ ווייס טישל ליגט אַ קרבן־מנחה סידור צווישן צוויי קליינע מעשענע לייכטערלעך — איר דרשה געשאַנק! אויף דער וואַנט הענגען חתונה־מלבושים, אַ טלית־זאַק מיט אַן אויסגענייטן מגן־דוד. פאַר דאָס איז קיין בענקל אין דער ממשלה נישטאָ. זי זיצט אויף אַ בעט, פאַרריכט אַ נעץ פאַר די ציבעלעס, וואָס ליגן לעבן איר צעוואָרפן אויפן ליילעך. דאָס גאַנצע בעטגעוואַנט ליגט אויפן צווייטן בעט — אונטערן בעטגעוואַנט איז באַהאַלטן דאָס יאַיכל אויף וועטשערע.

עס עפנט זיך שטיל די טיר. טריינע ווערט רויטלעכער. זי פאַרלירט די נעץ פון דער האַנט און שפּרינגט אויף פון בעט. זי בלייבט דאָך שטיין, עס פּאַסט נישט פאַר שכנים; טאָמער כאַפּט זיך ווער אויף, וועט מען הוכא־וטלולא פון איר מאַכן! צרות האָט זי פון די שכנים! פוי; פריידלען, דער עיקר... זי קאָן נישט פאַרשטיין, ווי אַזוי מע שעלט נישט אַ מאַן באַלד צומאָרגנס נאָך דער חופּה! „וואַרט — זאָגט זי, די „אַלטע מכשפה!", — דו וועסט שוין זען! וואָס פאַר אַ מזל דו וועסט ביי אים האָבן... ווייז אים נאָר אַ פינגער!"

פריידל לאָזט איר קיין פרייע מינוט. אַ מאַן — זאָגט זי — אַז מע פירט אים נישט אַרום ביי דער נאָז, איז ער ערגער ווי אַ וואָלף; ציט ער די קליי פון די ביינער אַרויס דאָס בלוט זויגט ער אויס פון די אָדערן; שוין 10 יאָר — זאָגט פריידל — זיצט זי אָן אַ מאַן, און קאָן נאָך אַלץ צו די כוחות נישט קומען! און פריידל איז אַ קלוגע יידענע. אַ מלומדת! „וואָס עס קומט אים — זאָגט זי — על פּי דין, וואַרף אים ווי אַ הונט אַ ביין, און ווייטער — וואַראַ! נאָר פון דער ווייטנס — נאָר געפלוכט!

טריינע האָט צייט דאָס אַלץ זיך צו דערמאָנען, ווייל עס דויערט, איידער יאָסעלע גנבעט זיך דורך אויף די נעגל צווישן די שכנים; יעדער טריט זיינער שלאָגט איר אָפּ אין האַרץ, נאָר אַנטקעגן־גיין — פאַר קיין שום געלט. אָט פאַלט ער שיר! אָט איז ער שוין ביי די ווענטלעך. — זי אָטעמט אָפּ.

— גוטנאָוונט! מאַכט ער שטיל מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן.
— גוט יאָר! ענטפערט זי נאָך שטילער.
— ווילסט עסן? פרעגט זי.
— און דו?
— מאַ...
ער איז אַרויס אונטער די ווענטלעך און איז צוריקגעקומען מיט אָפּגעוואַשענע הענט; זי דערלאַנגט אים אַ האַנטעך. אויפן עק פון טיש שטייט שוין גרייט אַ „מוציא" מיט זאַלץ און דאָס אָפּגעגעסענע יאַיכל.
ער זיצט אויף זיין בעט, אויפן גאַנצן בעטגעוואַנט; זי אויף אירן מיט די ציבעלעס. זיי עסן גאַנץ לאַנגזאַם און רעדן דערביי מיט די אויגן — ווי ערשט נאָך אַ חתונה. און מיט די מיילער — פון פרנסה.
— נו, ווי האַלטסטו?
— אָט, — זיפצט ער אָפּ, דריי תּלמידים האָב איך שוין!
— בלייבט טאַקע מלמדות? — פרעגט זי טרויעריק.
— מאַ! — ענטפערט ער.
— געלויבט איז גאָט דערפאַר, — טרייסט זי זיך און אים צוזאַמען.
— געלויבט איז גאָט — זאָגט ער איר נאָך — נאָר דאָס איז ערשט 120 רובל!
ער זיפצט.
— נו, וואָס זיפצסטו?
— רעכן: — ענטפערט ער. — אַ רובל אַ וואָך דירה־געלט איז זעקס און צוואַנציק רובל אַ זמן; שולדיק בין איך נאָך... חתונה־הוצאות...
— ווי הייסט? — פרעגט זי פאַרוווּנדערט.
ער שמייכלט:
— דו מיינסט טאַקע, נאַרעלע, אַז דער טאַטע האָט געקאָנט מער ווי צוזאָגן?
— נו, הכּל! — האַקט זי אים איבער.
— דאָס הייסט — פירט ער ווייטער דעם חשבון — אַ רובל 12, איז שוין 38, וואָס בלייבט אויף עסן?
זי רעכנט:
— צוויי און אַכציק, דאַכט זיך?
— אויף זעקס און צוואַנציק וואָכן!
— נו, וואָס איז — מאַכט זי — איבער דריי רובל אַ וואָך!
— און וווּ איז — פרעגט ער טרויעריק, — האָלץ... ליכט... שבת ויום־טוב?
— עט, גאָט פאַרלאָזט נישט — טרייסט זי — אין קען אויך עפּעס

טאָן: אָט האָב איך איינגעקויפט ציבעלעס! אייער זיינען וואָלוול, וועל איך אויך איינקויפן, במשך א פאָר וואָכן וועט עפּעס כאַפּן אויפן שאָק!

— און רעכן נאָך איבער — פירט זי ווייטער — וואָס קאָסט האָלץ און ליכט? א גאַרנישט! אפשר א רובל א וואָך... בלייבט אַלץ...

— און שבת! און יום־טוב? וואָס רעדסטו, קינד?

און דאָס וואָרט „קינד" איז אַרויס אזוי ווייך, אזוי גוט־האַרציק, אַז זי צעשמייכלט זיך.

— נו, בענטש נאָר בענטש, — מאַכט זי, — לייג אָפּ די חשבונות אויף מאָרגן... שוין צייט צו שלאָפן.

זי פאַרשעמט זיך דאָך, לאָזט אַראָפּ די ברעמען און גלייך זי פאַר־ענטפערט זיך:

— דו קומסט אזוי שפּעט... — זאָגט זי מיט א האַלב געמאַכטן גענעץ.

ער בויגט זיך צו איר צו איבערן טיש:

— נאַריש קינד — פליסטערן זיינע ליפּן — איך קום דאָך אומישנע שפּעט, מיר זאָלן קאָנען צוזאַמען עסן... פאַרשטייסט! אזוי פּאַסט דאָך נישט... ווייסט דאָך א מלמד!

— נו, בענטש נאָר, בענטש! — ראָט זי דאָס אידיקע מיט פעסטער געשלאָסענע אויגן.

ער מאַכט די זייניקע אויך צו. ער וויל ערנסט בענטשן. די אויגן רייסן זיך אים דאָך אַלע ווײַלע אויף... ער דריקט פעסטער אַראָפּ די ברעמען, עס בלייבט דאָך א שפּאַלט, דורך וועלכן ער זעט זי, עפּעס וואונדער־פאַרביק באַלייכט, אַז ער קאָן פון איר דעם בליק נישט אָפּרייסן.

„זי איז מיד", — קריגט ער רחמנות.

ער זעט ווי זי רוקט זיך העכער אַרויף אויפן בעט, שפּאַרט אָן דעם קאָפּ אָן דער וואַנט. „זי וועט אזוי איינשלאָפן", קלערט ער.

„פאַרוואָס נעמט זי נישט קיין קישן?" ערגערט אים. אויסרעדן קאָן ער נישט, מאַכט ער: מ... מ...!

זי הערט דאָס נישט. ער זאָגט צו דאָס בענטשן, ענדיקט, שטעלט זיך אויף, און בלייבט שטיין, נישט וויסנדיק וואָס צו טאָן.

ער רופט: — טרייינע! — נאָר אזוי שטיל, אַז עס קאָן זי נישט וועקן. ער רוקט זיך צו צו איר בעט און בויגט זיך איבער איר. איר פּנים שמייכלט: אזוי זיס... עס מוז זיך איר עפּעס חלומען... און ווי שיין זי שמייכלט. אַן עבירה זי וועקן! דאָך וועט איר דאָס קעפּל ווייטאָן... איי, האָט זי האָר־געהאַט — ער האָט זיי אויף די תנאים געזען — שוואַרצע לאַנגע... הייגט גאָל... דער ציפּיק איז א געשטריקטער, א דינער מיט לעכעלעך... אפילו א חנוודיקער... ער שמייכלט אויך מיט!

מע מוז זי דאָך וועקן! ער בייגט זיך צו נאָך נענטער, דערפילט איר אָטעם, ציט אים גיך אין זיך אריין... זי ציט אים צו ווי א מאַגנעס... און נישט ווילנדיק רירט ער אָן אירע ליפּן מיט די זייניקע.

— איך שלאָף נאָך נישט — מאַכט זי ראַפּטום און עפנט א פּאָר שעל־מיש־לאַכנדיקע אויגן. זי וואַרפט אים אירע הענט ארום אקסל און ציט אים צו צו זיך.

— ניש־קשה — רוימט זי אים איין אין אויער אריין, אזוי זיס, אזוי גוט — ניש־קשה... גאָט, דער גוטער, וועט העלפן... דאָס האָט ער דאָך אונדז צוזאַמענגעברענגט... ער וועט נישט פאַרלאָזן! עס וועט זיין — אי האָלץ... אי ליכט... עס וועט זיין פּרנסה... עס וועט גוט זיין... גאָר גוט זיין... ס'וואָר, יאָסעלע? ס'וואָר!

ער ענטפערט נישט, ער ציטערט אינגאַנצן.

זי שטופּט אים אביסל אָפּ פון זיך.

קוק אויף מיר, יאָסל — פאַלט איר איין צו פאַרלאַנגען.

יאָסל וויל פאָלגן, און קען נישט.

— בטלן, — מאַכט זי צו אים ווייך, — נאָך נישט צוגעוווינט, האַ?

ער וויל באַהאַלטן זיין קאָפּ אויף איר ברוסט, זי לאָזט נישט.

— וואָס שעמסטו דיך, בטלן! — קושן מעגסטו, און קוקן נישט?

ער וויל בעסער קושן; זי לאָזט נישט.

— קוק אויף מיר, איך בעט דיך!

יאָסל עפנט די אויגן מיט כוח; זיי פאַלן דאָך באַלד צוריק צו.

— איך בעט דיך, מאַכט זי נאָך ווייכער, נאָך זיידענער.

ער קוקט, אצינד לאָזט זי אַראָפּ די ברעמען.

— זאָג נאָר — מאַכט זי — זאָג מיר דעם אמת, איך בעט דיך... איך בין עפּעס א שיין ווייבל?

— יאָ! רוימט ער איר איין, און זי דערפילט נאָך הייסער זיין אָטעם.

— ווער האָט דיר געזאָגט?!

— איך זע דאָך! א מלכה ביסטו, א מלכה!

— און זאָג נאָר, יאָסל — פרעגט זי ווייטער! — דו וועסט שוין שטענדיק אזוי... שטענדיק אזוי זיין?

— ווי אזוי מיינסטו, טריינע?

— איך מיין — ציטערט איר שטימע — קעגן מיר אזוי גוט...

— ווי דען?

— אזוי הארציק?

— ווי דען?

— שטענדיק?

— שטענדיק! איז ער מבטיח.
— וועסט מיט מיר עסן שטענדיק צוזאמען?
— זיכער... בלי נדר, — ענטפערט ער!
— און... וועסט אויף מיר קיינמאל נישט שרייען?...
— ק ײ נ מ א ל . . . בלי מסקנא!
— קיינמאל נישט אנטאן קיין צרות?
— צרות? איך? דיר?... ווי הייסט? פארוואס?
— איך ווייס? פריידע זאגט —
— ווא — די מכשפה!
ער רוקט זיך ווייטער צו. זי שטויסט אים אפ צוריק.
— יאסעלע?
— וואס?
— זאג — ווי הייס איך?
— טריינע!
— פע — פארציט זי די קליינע ליפעלעך —
— טריינישי — פארבעסערט זיך יאסל.
עס געפעלט איר אלץ נישט.
— טריינינקו...
— ניין!
— נו, — טריינע־לעבן, טריינע־קרוין, טריינע־הארץ, ישוין גוט איזוי?
— יא! — ענטפערט זי גליקלעך, — נאר...
— וואס נאר, לעבן מיינס, נחת מיינס?
— נאר, הער יאסל... און... — שטאמלט זי.
— און וואס?
— און אז עס וועט, חס־ושלום פעלן אמאל פרנסה... אז איך וועל וויניק פארדינען... וועסטו אפשר... אפשר שרייען...
טרערן קומען איר אין די אויגן אריין.
— חס־ושלום! חס־ושלום!
ער רייסט אוים דעם קאפ פון אירע הענט, און פאלט צו צו די נאך אפענע ליפן.

— א רעכטע, שיינע ריינע כפרה, צו זייער קאפ, צו זייערע הענט און פים — הערט זיך א קול פון אונטער די וועגטלעך — קוש־וואך גאר ביי זיי! קיין אויג לאזט מען נישט צומאכן...
דאס איז פריידלס הייזעריק־שפיציק־גיפטיק קול.

1893 י.

דאָס שטריימל

זיין בין איך אַ קירזשנער, נאָר דער עיקר — אַ שטריימל־מאַכער. אמת איז, אַז דאָס רוב פּרנסה האָב איך פון פוטערישע סיערמיענגעס און טרענגער־פעלצלעך.

עס פעלט אויך אַמאָל אַריין לייב מילנער מיטן שאָפּן־פעלץ...

אמת איז, אַז אַ שטריימל טרעפט זיך זעלטן, זייער זעלטן: דען — ווער טראָגט היינט אַ שטריימל? אַ רבי! און דאָס שטריימל לעבט אים שטענדיק איבער...

אויך איז אמת, אַז ווען עס טרעפט זיך שוין אַ שטריימל, מאַך איך עס ערשט אומזיסט. אָדער האַלב אומזיסט. לכל־הפּחות — לייג איך מיין אַרבעט צו. דאָס אַלעס בין איך מודה, און דאָך בין איך דער עיקר אַ שטריימל־מאַכער, ווייל אַ שטריימל האָב איך ליב צו מאַכן!

אַז עס קומט מיר אין די הענט אַריין, איז „אחרי בלותי" — פיל איך ערשט וואָס איך בין און וואָס איך קאָן!

פון וואָס דען — זאָגט אַליין — זאָל איך הנאה האָבן?

איך פלעג אַמאָל נחת האָבן פון פוטערישע סיערמיענגעס...

ערשטנס: פאַר וואָס נישט?

צווייטנס: האָב איך מיר געטראַכט: „דאָס פוטערל גיט אונדז ברויט, ער אַרבעט זומער אַזוי שווער און ביטער, און איך קען אים נישט שיצן פאַר דער זון, וועל איך כאָטש ווינטער, ווען ער רוט, אים אָפּהיטן פון קעלט!"

און דריטנס — האָב איך געהאַט אַ פיין לידעלע דערצו!

אַ יונגערמאַן בין איך געווען, אַ קול האָב איך געהאַט ווי אַ גלאָק, און איך פלעג נייען און זינגען:

„שטעך, נאָדל, שטעך,
„אַ לעדער ווי אַ בלעך,
„אַ פוטער ווי אַ בארשט!

„ס׳מאַכט זיך אַ סיערמיענגע פּיין
„ס׳וועט דעם פּויערל וואַרעם זיין...
„מרים־לעב, מיך דאַרשט!“

און אַזוי ווייטער! נאָך עטלעכע סטראָפן... און דאָס גאַנצע לידל, פאַרשטייט זיך, איז נאָר געמאַכט געוואָרן פאַרן „מאמר המוסגרס“ וועגן, עס זאָל אויסקומען דער — „מרים־לעב, מיך דאַרשט!“

ווייל, איר מוזט וויסן, אַז די היינטיקע אשה־צנועה, מרת מרים־דבשה, איז דעמלט נאָך קיין גבאיטע נישט געווען; זי האָט מיך נישט גערופן ווי היינט „בערל קאַלבאַס“, נאָר „בערעלע“, און איך פלעג זי רופן „מרים־לעב“! עס איז, בעונותינו הרבים, געווען אַ גרויס ליבשאַפט צווישן אונדז, און קוים האָט זי דערהערט דעם „מאמר המוסגר“ — אַז מיך דאַרשט, האָט זי מיר באַלד דערלאַנגט אַביסל וויינשל־שנאַפּס! שנאַפּס האָט אַ גרויסע פּעולה אויפן כוח־הדם, און איך פלעג זי טאַקע תוך כדי דיבור אָנכאַפּן ביים קלייד, דערלאַנגען אַ ברענענדיקן קוש אין די רויטע קאַרשן אריין... און דאַפּלט דערפרישט, נעמען זיך צוריק צו דער סיערמיענגע!

היינט — אויס קאַרשן!

איך היים „בערל קאַלבאַס“, זי „מרים־דבשה“...

אויך בין איך געוואָר געוואָרן, אַז ערד איז דאָ ווייניק, פּויערים — אַ סך... מע זאָגט: צופיל... אַז די „איבעריקע“ פּויערים ליידן הונגער; אַז אַפילו פון זעקס מאָרג ערד קען מען אויך נישט לעבן, אַז ווינטער, דער־ריבער, רוט דאָס פּויערל אויך נישט.

עס גייט ערשט אַ „זוואָזקע!“

אַ שיינע זו האָט ער עס ווינטער! גאַנצע טעג און נעכט פירט ער ווייץ אין לייבלס מיל אַריין!

וואָס קלערט איר? איך קען אַ סך נחת האָבן, אַז מיין סיערמיענגע, מיין פּראַצע, ווערט אַ גאַנצן ווינטער אויסגעוויקט, נאָכקריכנדיק אַ פּאַרגירהשע פערד, וואָס שלעפּן לייבל מילנערס תבואה פאַר 13 גראָשן פּער זאַק,, פאַר 5 מייל וועגס!

פיש! און וואָס האָב איך פאַר אַ נחת פון אַ טרעגער־פּעלצל?

אַ גאַנצן ווינטער טראָגט עס זעק מיט מעל אין לייבל מילנערס מיל אַריין און אַ גאַנצן זומער ליגט עס פאַרזעצט אין שענק פאַר ח׳י גראָשן.

אלול־צייט, אַז מע ברענגט עס מיר אויפצוריכטן, ווער איך נאָך שיכור פון ריח פון שלעכטן בראַנפן!

און אַז לייבל מילנערס שאַפּן־פּעלץ, בכבודו ובעצמו, פאַלט מיר אין די הענט אַריין, ווי מיינט איר, האָב איך נחת דערפון?

עס איז טאַקע אַ שאַפּן־פּעלץ, עס איז טאַקע אַ כּבוד, מע האָט טאַקע דערפאַר הרד־ארץ אין שטעטל; נאָר מיר קומט דערפון קיין גוטס נישט אַרויס.

איך האָב אַ מיאוסע טבע געקריגן: איבער וואָס איך זע, האָב איך ליב צו קלערן: פון וואַנען עס קומט? פאַר וואָס עס איז אַזוי? צי קען נישט אַנדערש זיין? און אַזוי ווי איך קריג לייבל מילנערס פּעלץ אין דער האַנט אַריין, הייב איך אָן צו קלערן:

ריבונו של עולם! נאָך וואָס האָסטו באַשאַפן אַזוי פיל מינים פּעלצן? פאַר וואָס האָט איינער אַ שאַפּן־פּעלץ, דער צווייטער אַ טרעגער־פּעלצל, און דער דריטער אַ סיערמיענגע און אַ פּערטער גאָרנישט?

און קוים הייב איך אָן צו קלערן, פאַרטראַכט איך מיך, די נאָדל בלייבט שטיין, און האשה־הצנועה, מרת מרים תחיה, וואַרפט מיר וואָס עס קומט איר אונטער דער האַנט אין קאָפּ אַריין...

זי וויל גלייך מיט אַלע, אַז „בערל קאַלבאַס" זאָל ווייניקער קלערן און מער אַרבעטן...

נאָר וואָס זאָל איך טאָן, אַז איך מוז קלערן! אַז איך וויים פאָרט, אַז לייבל מילנער לאָזט זיך נישט פריער איבערשטרייכן דעם שאַפּן־פּעלץ, ביז ער רייסט נישט אָפּ אַ גראָשן פון זאַק דער סיערמיענגע, און דעם אייגענעם גראָשן פאַר פּוד דעם פּעלצל...

נו, זאָל איך פון דעם נחת האָבן?

אַך, איך האָב שיר נישט פאַרגעסן!

אַ וואָך פאַר סליחות האָט זיך מיר שיר נישט געמאַכט אַ נייע מאָדנע אַרבעט.. וואָס ווייבער קענען! עס קומט אַריין פריידל די גבאיטע מיט שרעקלעך גרויסע האַנטשו אויף די הענט — איך קוק מיך צו, עס איז אַ פּאָר פּויערישע שטיוול — איך האָב געמיינט, אַז איך פּלאַץ פאַר געלעכטער.

— גוט מאָרגן! — מאַכט זי צו מיר, מיט איר זיס־אָפּגעריסן קעלכל,

— גוט־מאָרגן! בערעלע!

זי איז מיין ווייבס חברטע, און איז זיך נוהג, פּונקט ווי די גאַנצע שטאָט, און רופט מיך שטענדיק „בערל קאַלבאַס"! היינט: בערעלע! און אַזוי זיס — איינגעמאַכטס דערפון צו פרעגלען! פאַרשטייט איך שוין, אַז זי דאַרף עפּעס צו מיר...

איך קלער, אַז זי האָט די פּויערישע שטיוול פון אַ וואָגן „אַראָפּגעצויגן" (עס איז דאָך נישט ערגער פאַר קליין־געלט פון — צדקה־פּושקע) און וויל ביי מיר די סחורה באַהאַלטן! — פרעג איך זי שטרענג:

— וואָס ווילט איר?

— באַלד מיטן „ירגזון", — ענטפערט זי נאָך זיסער, האַניק רינט איר פון אַלטן מויל אַרויס, — באַלד „וואָס ווילט איר?" און ווו איז דער „גוט־יאָר"!

— זאָל זיין „גוט־יאָר", נאָר אַן עק —

— וואָס איילסטו דיך, בערעלע — שמייכלט זי נאָך זיסער — אָט בין איך געקומען דיך פרעגן, אויב דו האָסט נישט עטלעכע שטיקלעך פּוטער —

— און וואָס איז, אַז כ'האָב?

— וואָלט איך דיר אָנגעשלאָגן אַן עסק — מאַכט זי.

— נו? אַרויס דערמיט! רעדט!

— דו זאָלסט זיין אַ גוטער, בערעלע, וואָלסטו מיר אויסגעבעט אָט די שטיוול מיט שטיקלעך פּוטער! איך וואָלט געהאַט אין וואָס צו גיין צו סליחות, און דו וואָלסט דיר נאָר וואָלוול אַ מצווה געקויפט!

איך פאַרשטייט אַ מסחר? אַ „וואָלוועלע מצווה!"

— איר ווייסט דאָך — זאָג איך איר —אַז בערל קאַלבאַס איז נישט קיין בעל עסקן אויף מצוות?

— נאָר וואָס? פון אַן אָרעמער ייִדענע וועסטו געלט נעמען?

— נו, נישט קיין געלט! איך וועל עס אייך טאָן פאַר גאָר אַ קלייניקייט: איך וועל אייך אויסבעטן די שטיוול, און איר וועט מיר נאָר דערציילן אייערע חטאת־נעורים...

וויל זי נישט, האָב איך זי אָפּגעשיקט צו אַן איינבינדער!

בעט איך נישט קיין שטיוול אויס! עס איז מיר אַזוי אויך נמאס ומאוס פאַרן לעבן! איר לאַכט? און דאָך, אַז איך האָב נישט קיין שטריימל, איז מיר אַלעס נמאס ומאוס! וואָרעם וואָס? אויף וואָס אַרבעט איך? אַלע דעם שטיק חומר אָנצופילן און מיט וואָס? מיט ברויט און מיט קאַרטאָפל, ברויט אַן קאַרטאָפל און גאַנץ אָפט נאָך מיט קאַרטאָפל אָן ברויט! כדאי?

גלייבט מיר, אַז אַ מענטש אַרבעט פופציק יאָר און עסט פופציק יאָר טאָג־טעגלעך קאַרטאָפל, מוז אים נמאס ומאוס ווערן דאָס לעבן! מוז אים דאָך אַמאָל איינפאַלן — זיך, אָדער לייבל מילנער, אַ מעשה צו טאָן! און אויב איך עס ווייטער רויק מיינע קאַרטאָפל, און אַרבעט ווייטער, האָב איך עס נאָר דעם שטריימל צו פאַרדאַנקען!

אַז איך קריג אַ שטריימל אין דער האַנט אַריין, ווערט מיר אויפֿגע־פֿרישט דאָס בלוט אין די אָדערן! ווייס איך נאָך וואָס איך לעב!

— — — — — — — — — — — — — — —

מאַכנדיק דאָס שטריימל, פֿיל איך, אַז איך האַלט אַ פֿויגל אין דער האַנט, און אַט וועל איך זי עפֿענען, וועט דער פֿויגל אַרויספֿליִען הויך, הויך, קיין מיטן אויג צו דערזען!

און איך וועל שטיין און קוקן און קוועלן: דאָס איז מ יי ן פֿויגל, איך האָב׳ן געמאַכט, איך האָב׳ן אַרויפֿגעשלאָגן אין דער הייך!

אין שטאָט, ברוך־השם, האָב איך קיין דעה נישט, צו קיין אַסיפֿה רופֿט מען מיך נישט, אַליין גיין, בין איך קיין שנײַדער נישט, איך קום נישט כמעט אַרויס אין גאַס אַרײַן. איך האָב קיין שטאָט נישט, נישט אין שול, נישט אין בית־המדרש, נישט ביי אַ מנין! איך האָב אויף גאָר־נישט, און ערגעץ נישט צו שאַפֿן... אין דער היים איז מרת מרים די רייטערקע! איידער איך פּרוּוו עפֿענען דאָס מויל צו ריידן אַ וואָרט, באַ־האָגלט זי מיך שוין מיט קללות! זי ווייסט שוין, וואָס איך וויל זאָגן, וואָס „בערל קאָלבאַס" מיינט, און עס קאָכט!

נו, וואָס בין איך? אַ גאָרנישט! און דאָך, לאָז איך אַמאָל אַרויס אַ שטריימל אויף קהל — בייגט זיך קהל אין דרייען!

איך זיץ אינדערהיים און שווייג, און מיין שטריימל שאָקלט זיך אויבנאָן אויף אַ חתונה, אויף אַ ברית, אויף אַ סעודת־מצווה... עס הוידעט זיך איבערן גאַנצן עולם ביי דער קלויז, ביי אַ דרן־תורה!

און אַז איך דערמאָן מיך אין דער גדולה, וואַקסט מיר טאַקע דאָס האַרץ...

קעגנאיבער מיר וויינט אַ שמוקלער.. איך בין אים אסור נישט מקנא!

זאָל זייגער אַן עפּאָלעט, אָדער אַ שליפּע, זאָגן אויף איין אָקס „טריפֿה!" און אויפֿן צווייטן „כשר"! אַדרבא, לאָמיר זען! און אַז מיין שטריימל זאָגט אויף פֿיר אָקסן דורכאַנאַנד: „טריפֿה!" ווערט דער קצב א ו י ס ג ע ר י ס ן, די העקער־יונגען באַהאַלטן די ציין אין בייטל, דאָס גאַנצע שטעטל האָט נייע „ניין־טעג", אַ גאַנצע סאָטניע קאָזאַקן קריגט פֿאַר־זעקס גראָשן אַ פֿונט פֿלייש, און פֿאַרפֿאַלן! עס רעדט קיינער נישט אַ וואָרט!

אָט, דאָס הייסט אַ גבורה!

איך געדענק דען נישט? פֿאַראַיאָרן איז געווען אַ גזירה אויף שאָף.

עפּעס, זאָגט מען, מאַכן די שעפּעלעך אַזוינע מאָדנע הקפֿות, ביז זיי פֿאַרדרייען די קעפּלעך און פֿאַלן אַנידער טויט! איך בין נישט געווע;

דערבײַ: „הקפות" איז „הקפות", נאָר מן־הסתם האָט שוין יענקל קצב געהאַט וואָלוול שאָפן־פליש!

דער וועטעריגאַר איז געקומען און געזאָגט: מריף! מע הערט איים ווי די קאַץ!

ער האָט אַראָפּגעבראַכט פירעלײַ עפּאָלעטן, אַ פּאָר שליפעס! מע האָט זיי אַלע אוועקגעגנבעט דאָס פליש פון אונטער דער האַנט, און נאָך אויפן דריטן טאָג האָט דאָס גאַנצע שטעטל געהאַט וואָלוול כשר פליש אויף וועטשערע!

בײַ מײַן שטרײַמל גנבעט מען נישט! עס דאַרף קיין שליפעס, קיין עפּאָלעטן נישט, ער אַליין רירט זיך אויך נישט פון אָרט! און כל־זמן מײַן שטרײַמל זאָגט נישט: עס! עפנט זיך אין שטעטל קיין מויל נישט אויף!

איר מיינט אפשר, אַז די גבורה שטעקט אין דעם, וואָס איז אונטערן שטרײַמל — אסור חזיר!

איר ווייסט אפשר נישט, וואָס דערונטער איז?

איך, ב"ה, ווייס!

די בריאה איז, ב"ה, פריער אין נאָך אַ קלענער שטעטל אַ מלמד געווען, און מײַן טאַטע, עליו־השלום, איידער ער האָט געזען, אַז עס וועט שוין פון מיר קיין לייט נישט זײַן, האָט ער מיך אַהינגעשיקט צו דער בריאה לערנען! עס איז געווען רחמנא־לצלן אַ שלימזל, וואָס די וועלט פאַרמאָגט עס נישט! אַ זעלטענער מלמד!

די באַלעבאַטים האָבן געזען, אַז ער קען זיך נישט אויף קיין „צורת מטבע", האָבן זיי אים באַלד אָפּגעריסן אַ העלפט שבירות, און די צווייטע העלפט געצאָלט מיט אָפּגעריבענע צווייערס פאַר דרײַערס, אָדער מיט בלעכערנע פּערציקערס; די רביצן האָט געזען, אַז זי וועט מיט אים מיט גוטן נישט אַרויס, פלעגט זי אים טאָג־טעגלעך דאָס בערדל אויסצופּן!

און איר האָט נישט וואָס פאַריבל צו האָבן!

ערשטנס, האָט געפעלט פּרנסה; צווייטנס, האָט אַ ייִדענע ליב צו צופּן; דריטנס, האָט ער שוין אַזאַ בערדל געהאַט, וואָס האָט זיך געבעטן, כמעט געחלשט, מען זאָל עס צופּן! עס האָט אַזוי באַשײַמפּערלעך געבעטן, אַז מיר, תלמידים, האָבן זיך אויך נישט געקענט אײַנהאַלטן, און אַלע מאָל האָט זיך געמוזט אַן אַנדערער אַראָפּלאָזן אונטערן טיש, צוכאַפּן זיך צום רבינס בערדל און אַרויסרײַסן אַ האָר!

נו, זאָגט אַליין! קאָן אין אַזאַ בריאה שטעקן אַ גבורה?

אסור חזיר! עס איז אין אים קיין שום ענדערונג נישט געשען! די אייגענע קליינע, פארלאָשענע, מיט אייטער פאַרגאָסענע, בטלנישע, שטענדיק דערשראָקענע אויגן!...

אמת, פאַר דחקות איז אים דאָס ערשטע ווייב געשטאָרבן, נו וואָס איז? מאי נפקא־מינה? צופּט אים דאָס צווייטע דאָס בערדל! ווי באַלד עס בעט זיך, עס חלשט, מע זאָל עס צופּן, אַז מע קאָן עס נישט אָפּזאָגן! און איך אליין, ווען איך זע עס, קומט מיר אויך דאָס וואַסער אין מויל אריין, אַ צופּ צו טאָן!

נאָר וואָס דען איז געשען? נישט מער נאָר, וואָס איך האָב אים אַ שטריימל געמאַכט!...

איך בין מודה און מתוודה, אַז נישט מיין עצה איז עס געווען! מיר וואָלט עס גאָרנישט איינגעפאַלן!

קהל האָט באַשטעלט און איך האָב געמאַכט; נאָר קוים איז דאָס אייגענע קהל געוואָר געוואָרן, אַז דאָס שטריימל, וואָס זיי האָבן ביי מיר באַשטעלט, וואָס איך, אָרעמער „בערל קאָלבאַס", האָב געמאַכט, קומט צו פאָרן און איז שוין אַ וויאָרסט הינטער דער שטאָט, איז עס אַרויסגעלאָפן מיט אַ שמחה, מיט אַ גדולה! קינד־און־קייט איז אַרויסגעלאָפן, קראַנקע זיינען פון די בעטן אַרויס! מע האָט אויסגעשפּאַנט די פערד און גאַנץ קהל האָט זיך אויף איינמאָל געוואָלט איינשפּאַנען און שלעפּן מיין שטריימל; גאָט ווייסט, וואָס פאַר אַ מחלוקת עס וואָלט דערפון אַרויס! וואָס פאַר אַ פּעטש, וואָס פאַר אַ מסירות.. ווען נישט וואָס אַ חכם האָט אַן עצה געגעבן: מע זאָל מאַכן אַ ליציטאַציע!

און לייבל מילנער האָט געגעבן ח"י מאָל ח"י זהובים, און ער איז געווען דאָס ערשטע פערד!

נו, שטעקט נישט אַ גבורה אין מיין שטריימל?

* * *

מיין אשה צנועה רופט מיך (אחוץ בערל קאָלבאַס) נאָך בעל־תאוהניק, עזות־מחוצפניק, ניבול־פהניק, כל־בוניק, און וואָס דאָס וואַסער ברענגט איר אין מויל אריין...

עס איז אמת, א מענטש איז קיין חזיר נישט! איך האָב הנאה פון א גלייכווערטל; איך האָב אמאָל ליב לייבל מילנער, אין די אויגן און הינטער די אויגן, אַריינצוזעצן אַ שפּילקע.

אויך, — וואָס וועל איך דאָ לייקענען? — די דינסט־מיידלעך, וואָס נעמען וואַסער קעגנאיבער אין הויף ביים פּלומפּ, זיינען ח"ו קיין כהנים אין דוכענען נישט, האָב איך ליב א קוק צו טאָן...

נאָר, גלויבט מיר, אַז נישט דאָס דערהאַלט מיך ביים לעבן!

מיך דערהאַלט ביים לעבן איין זאַך: איך ווייס, אַז איך לאָז איין מאָל אין יובל אַרויס אַן עבודה־זרהלע אויף קהל, און דער גאַנצער עולם בוקט זיך צו איר, צו מיין „מעשי־ידי"!

איך ווייס, אַז ווען מיין אשה־צנועה וואַרפט מיר די שליסעלעך איבערן טיש, אַז דאָס האָט איר מיין שטריימל אַזוי געהייסן! מיך הערט זי ווי די קאַץ, אָבער מיין שטריימל מוז זי פאָלגן!

ווען זי קומט אַהיים ערב שבת ווי יום־טוב פון יאַטקע אָן פלייש, און שעלט דעם קצב — ווייס איך, אַז דער קצב איז אַ מכה שולדיק, אַז מיין שטריימל לאָזט זי היינט קיין קוגל נישט מאַכן!

איך ווייס, אַז ווען זי נעמט נאָך אַ גאָר גוטן טאָפּ און וואַרפט אים אַרויס אין גאַס אַריין, אַז דאָס האָט נישט זי, נאָר מיין שטריימל דעם טאָפּ אַרויסגעוואָרפן! אַז ווען זי נעמט און קנייפּט אויס פון ראָשטשינע אַ שטיק טייג און וואַרפט עס אין פייער אַריין, און הייבט אויף די הענט און פאַרגלאָצט די אויגן צום באַלקן, ווייס איך גאַנץ גוט, אַז דער באַלקן הייבט דערפון גאָרנישט אָן צו וויסן, — אַז דאָס האָט גאָר מיין שטריימל דאָס שטיקל טייג פאַרברענט!

* * *

און דערביי ווייס איך, אַז מיין אשה־צנועה איז נישט קיין בת־יחידה ביי קהל, און קהל איז נישט קיין בן־יחיד ביי גאָט; אַז קהל האָט אַ סך אַזוינע נשים־צדקניות, און גאָט, ב"ה, האָט אַ סך אַזוינע קהלס, און אַז מיין שטריימל האָט איבער אַלע מיליאָנען מיליאָסן נשים צדקניות צו שאַפן!

מיליאָנען שליסל ווערן געוואָרפן, מיליאָנען ווייבער מאַכן נישט קיין קוגל, מיליאָנען טעפּ פּלאַצן אויף די שטיינער אין גאַס, און פון דעם חלה־נעמען וואָלט איך מיך אונטערגענומען מפרנס צו זיין אַ פאָלק אביונים!

און ווער טוט דאָס אַלעס? אַלץ מעשי־ידי! אַלץ מיין שטריימל!

* * *

וווייטער דער שמוקלער! אַט זיצט ער קעגנאיבער דעם פענצטער; זיין פּנים גלאַנצט, גלייך מע וואָלט עס מיט שמאַלץ באַשמירט.

וואָס גלאַנצט עס? וואָס פינקלען אים די לויפנדיקע אייגעלעך?

ער האָט אָנגעדרייט אַ פּאָר גאָלדענע שליפעס!

ערשטנס, ווייסן מיר וואָס גאָלד און וואָס מישורא איז! און צווייטנס, ווייס איך, אַז אַ פּאָר שליפּעס מוזן צען מאָל מער זעלנער האָבן הינטער זיך אַלס לייבלס שאָפּן־פּעלץ — סיערמיענגעס און טרעגער־פּעלצלעך! און היינט זאָל פּרווון די גרעסטע גאָלדענע שליפּע אַרויסגעבן אַ פּריקאַז: „צען אָקסן זאָלסטו קוילן און אַ האַלבן קאָכן! קרענק זאָלסטו קייען, פּירעלייגעפּעס האָבן און די מילץ עסן אויף דער לינקער זייט טעלער, פון יעדן ביסן זאָלסטו וואַרפן אַ שטיק אין פייער, צי אין וואַסער אַריין!" אָדער: „יעדער חתן מוז מיר פריער ווייזן זיין כלה, און יעדע כלה איר חתן!". „מיט מיר — אַלעס, אַפילו צעזעצטערהייט, אָן מיר — נישט אַ לעק".

די גרעסטע גענעראַלסקע שליפּע וועט גאָר די פאַנטאַזיע, די העזה דערצו נישט האָבן! און ווען יאָ, וואָלט זי געמוזט פאַרזייען מיט נייע זעלנער די גאַנצע מדינה: ביי יעדן בעט אַנידערשטעלן כאָטש אַ פּאָר קאָזאַקן, איינער זאָל היטן דעם צווייטן, און ביידע — דאָס בעט!

און וויפל וואָלט דערביי נאָך גנבות געשען, וויפל קאָנטראַבאַנדע! וויפל וואָלט מען אָפּגענאַרט! רבונו של עולם, ווי פאַרמאָגט מען דאָס!

און מיין שטריימל טוט דאָס אַלעס, און שטיל און פיין, אָן נאַהייקעס. אָן קאָזאַקן!

איך זיץ מיר גאַנץ שטיל אין שטוב און ווייס, אַז אָן מיין שטריימלס דערלויבעניש וועט זיך קיין משהלה צו קיין חנהלע נישט צורירן, קיין אויג נישט וואַרפן!

חס־ושלום!

און פאַרקערט, אַז מיין שטריימל הענגט אָן אַזאַ משהלען אָדער אַ חנהלען אַ לונג און לעבער אויף דער נאָז, איז — צום טויט! קענסטו פון איר נישט אַנדערש פּטור ווערן סיידן מיטן לעבן צוזאַמען! און ווילסטו אַזוי לאַנג נישט וואַרטן, מוזטו קומען בעטן, חלשן פאַרן אייגענעם שטריימל: שטריימעלע, ראַטעווע! שטריימעלע, עפן מיר אויף די קייטן! לאָז מיך אַרויס פון תפיסה!

* * *

אין עק גאַס איז דאָ אַ שענק.

זינט מיין אישה־צנועה איז אַ גבאיטע געוואָרן, און גיסט מיר אויף וויינשל קיין שנאַפּס נישט אויף, כאַפּ איך מיך דאָרט אַמאָל אַריין, דאָס האַרץ צו דערכאַפּן! בפרט אין אַ תענית... על־כל־פּנים בין איך דאָך נישט מחויב צו פאַסטן; עס איז דאָך פּאָרט מיין אייגן שטריימל.

דעם שענקער קען איך שוין פון לאַנג... ער לעבט אויך נישט פון

מצוות און מעשים־טובים... נאָר נישט אין דעם בין איך אצינד אויסן...

צוויי טעכטער האָט ער געהאַט! צוויי שוועסטער פון איין טאַטע־מאַמע! וואָס זאָג איך, א צווילינג! ווי איך בין א ייד. —

עס איז דען מעגלעך געווען איינע פון דער צווייטער צו אונטער־שיידן? און א חנוודיקער צווילינג, א ברכה צו מאַכן!

פנימלעך — ווי שמחת־תורה־עפּלעך פון א פאַן אראָפּ! באשמעקט — ווי בשמים־שקעטעלעך; אויפגעוואַקסן ווי לולבן, און צוויי פּאָר אויגן, זאָל גאָט שומר ומציל זיין! אז איינע וואַרפט א בליק, דאכט זיך — א בריליאַנט האָט געבליצט, און אַרנטלעכע קינדער! אין שענק און דאָך ווייט פון שענק!

אין ארון־קודש אליין וואָלט מען זיי נישט בעסער און ערלעכער דער־צויגן!

* * *

אין שענק געבוירן און דאָס זיינען מלכה׳ס געווען! עס האָט קיין איינציקער שיכור פאַר זיי קיין שלעכט וואָרט נישט גערעדט... קיין סטראַזשניק, קיין אקציזניק! עס זאָל געווען דער גרעסטער מאַן אריינקומען, וואָלט ער אויך, דאַכט זיך, די העזה נישט געהאַט, איינער א קניפּ צו געבן אין בעקל נישט מיט די הענט, נישט מיטן אויג, נישט אפילו אין גע־דאַנק! איך האָב שיר־שיר נישט געזאָגט: אז אין זיי שטעקט מער גבורה ווי אין מיין שטריימל! און איך וואָלט א גראָבן טעות געהאַט!

דאָס שטריימל, האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז שטאַרקער, טויזנט מאָל שטאַרקער פאַר זיי!

* * *

א צווילינג! איינע אָן דער אַנדערער האָט זיך נישט געוויזן. אז איינע האָט עפּעס ווי געטאָן, האָט די צווייטע דעם אייגענעם שמערץ געפילט... און דאָך — ווי געשווינד האָבן זיך זייערע וועגן צעשיידט...

דאָס אייגענע געטאָן, קוים עטוואָס אַנדערש, און דאָך!...

ביידע האָבן זיך פלוצלונג פאַרענדערט: טיילמאָל זיינען זיי פריילעכער, טיילמאָל טרויעריקער און פאַרטראַכטער געווען ווי פריער! — איך קאָן אייך נישט אויסמאָלן, וואָס מיט זיי איז געשען. די רעכטע ווערטער ליגן מיר אויף דער צונג, נאָר איך קאָן זיי נישט אראָפּשאַרן... א מענטש האָט

נישט געלערנט... נאָר אין זיי איז עפּעס טיפער, פעסטער און צוגלייך טרויעריקער און זיסער געוואָרן...

און מע האָט געוווּסט, ווער עס איז שולדיק דערינען: מע האָט געטייט אויף די פינגער אויף צוויי משהלעך, וואָס האָבן ביידע חנהלעך נאָך שענער, נאָך בעסער, נאָך חנעוודיקער, נאָך עפּעס העכער געמאַכט!...

עס, עפּעס האָב איך אַן אַנדער לשון באַקומען, עס פּאַסט עפּעס גאָרנישט פאַר אַ קירזשנער! אַ טרער האָט זיך מיר אין די אויגן פאַרדרייט: נישט פאַר מיינע יאָרן.

מיין אשה־צנועה וועט ווייטער זאָגן: בעל־תאווהניק...

איך וועל אייך שוין לאַנג נישט ברייען:

ביידע שוועסטער האָבן דאָס אייגענע געטאָן, כהויה דאָס אייגענע, נישט אומזיסט זיינען זיי דאָך אַ צווילינג געווען!

ביידע האָבן משהלעך באַקומען, און ביידע האָבן געמוזט אין אַ קורצער צייט אַרום, אַריינזעצן קליינעס אין די קליידלעך.

שעמט אייך נישט, דער סדר־עולם איז אַזוי; גאָטס ווילן איז עס, וואָס איז די בושה.

און דאָך ווי אַנדערש איז ביי יעדער געשען!

איין שוועסטער האָט געטראָגן פראַנק און פריי: פאַר גאָט אין שול, פאַר לייט אין גאַס, פאַרן סטראַזשניק, אַקציזניק און אַלע געסט אין שענק!

די אייגענע שוועסטער האָט זיך דערנאָך אין דער ווייט פון די שיכורים, אין אַ שטילער שטוב, אין אַ וואַרעמער שטוב, אין אַ ווייס בעט אַריינגעלייגט:

מע האָט די פענצטער פאַרהאַנגען, די גאַס מיט שטרוי אויסגעלייגט, עס איז אַ באָבע געקומען; מען האָט נאָך אַ דאָקטער געשיקט... דערנאָך איז אַ שמחה געווען... און ווי הייסט אַ שמחה!

און עס האָט אָנגעהויבן וואַקסן אַ ניי קליין משהלע — לתורה, לחופּה ולמעשים טובים — און, אַז זי האָט געזען ווי גוט עס איז, שיט זי שוין יאָר־ביי־יאָר מיט קליינע משהלעך, און איז אַ באַלעבאַסטע עד היום־הזה...

אָבער די צווייטע האָט געטראָגן בסוד־סודות, ווייען געקריגן אין אַ קעלער, דאָס קינד האָט אָפּגענומען אַ שוואַרצע קאַץ...

איר קליין משהלע ליגט שוין לאַנג ערגעץ הינטער אַ צוים, מער וועט שוין קיין משהלעך ביי איר נישט זיין! און איין גאָט ווייסט, ווו זי אַליין איז אַהינגעקומען! — זי איז אַוועק!

מע זאָגט, אַז זי דינט ערגעץ אויף דער וועלט, אַז זי לעקט אָפּ פון פרעמדע טעלער... אַנדערע זאָגן, אַז זי לעבט שוין נישט מער...

אַ שלעכטן סוף געהאַט!

און דער גאַנצער חילוק איז געווען, וואָס דאָס ערשטע איז געשען אויפֿן שול־הויף, אויפֿן אַלטן בערגל מיסט, אונטער אַ ברודיק שטיקל וואָלן־ציינג מיט באַזילבערטע אותיות... נאָר מיטן שטריימל — און דאָס צווייטע איז געשען ערגעץ אין זינגענדיקן וואַלד אויף פֿרישן גראָז מיט פֿרישע בלומען, אונטער גאָטס בלויען הימל, אויסגעזייעט מיט זײַנע שטערן, נאָר אָן דעם שטריימל.

עס העלפֿן נישט קיין שמעקנדיקע בלומען, קיין זינגענדיקער וואַלד, נישט גאָטס הימל, נישט זײַנע שטערן, נישט גאָט אַליין! —

נישט אין זיי אַלע שטעקט די גבורה; און שטריימל שטעקט זי! נישט אין פּאַנאַנעס, נישט אין שליפֿעס, נישט אין טויזנט מאָל שענערע חנהלעך, נאָר אַלץ אין שטריימל, אין דעם שטריימל, וואָס איך, „בערל קאַלבאַס" מאַך.

און דאָס נאָר דערהאַלט מיך בײַם נאַרישן לעבן פֿון קאַרטאָפֿל.

1893 י.

באָנטשע שווייג

דאָ, אויף דער וועלט, האָט באָנציעס שווייגן טויט גאָר קיין איינדרוק נישט געמאַכט! פרעגט עמעצן בחרם: ווער באָנציע איז געווען, ווי אַזוי ער האָט געלעבט, אויף וואָס ער איז געשטאָרבן! צי האָט אים דאָס האַרץ געפּלאַצט, צי די כּוחות זיינען אים אויסגעגאַנגען, צי דער מאַרך ביין האָט זיך איבערגעבראָכן אונטער אַ שווערער לאַסט... ווער ווייסט? אפשר איז ער גאָר פאַר הונגער געשטאָרבן!

אַ פערד אין טראַמוויי זאָל פאַלן, וואָלט מען זיך מער אינטערעסירט. עס וואָלטן צייטונגען געשריבן, הונדערטער מענטשן וואָלטן פון אַלע גאַסן געלאָפן און די נבֿלה באַקוקט; באַטראַכט אפילו דאָס אָרט, וווּ די מפּלה איז געווען...

נאָר דאָס פערד אין טראַמוויי וואָלט אויך די זכיה נישט געהאַט, עס זאָל זיין אַזוי פיל פערד ווי מענטשן — טויזנט מיליאָן!

באָנציע האָט שטיל געלעבט און איז שטיל געשטאָרבן; ווי אַ שאָטן איז ער דורך — דורך אונדזער וועלט!

אויף באָנציעס ברית האָט מען קיין וויין נישט געטרונקען, עס האָבן קיין כּוסות געקלונגען! צו בר־מצווה האָט ער קיין קלינגענדיקע דרשה נישט געזאָגט... געלעבט האָט ער ווי אַ גרוי קליין קערנדל זאַמד ביים ברעג פון ים, צווישן מיליאָנען זייןסגלייכן; און אַז דער ווינט האָט אויפגעהויבן און אויף דער אַנדערער זייט ים אַריבערגעטראָגן, האָט עס קיינער נישט באַמערקט!

ביים לעבן האָט די נאַסע בלאָטע קיין צייכן פון זיין פוס נישט באַהאַלטן? נאָכן טויט — האָט דער ווינט דאָס קליינע ברעטל פון זיין קבֿר אומגעוואָרפן; דעם קבֿרנס ווייב האָט עס געפונען ווייט פון קבֿר און דערביי אַ טעפּל קאַרטאָפל אָפּגעקאָכט... עס איז דריי טעג נאָך באָנציעס טויט, פרעגט דעם קבֿרן בחרם, וווּ ער האָט אים געלייגט!

וואָלט באָנציע אַ מצבֿה געהאַט, וואָלט אפשר איבער הונדערט יאָר

אַז אַלטערטום פֿאַרשער זי געפֿונען, און דער נאָמען „באַנציע שוויי:" וואָלט נאָך אַמאָל איבערגעקלונגען אין אונדזער לופֿט.

אַ שאָטן! זיין פֿאָטאָגראַפֿיע איז נישט געבליבן ביי קיינעם אין מוח, ביי קיינעם אין האַרץ; עס איז פֿון אים קיין זכר נישט געבליבן!

„קיין קינד, קיין רינד"; עלנט געלעבט — עלנט געשטאָרבן!

ווען נישט דאָס מענטשלעכע גערודער, וואָלט אפֿשר עמעצער אַמאָל דערהערט ווי באַנציעס מאַרך־ביין האָט אונטער דער לאַסט געקנאַקט; וואָלט די וועלט מער צייט געהאַט, וואָלט עמעצער אפֿשר אַמאָל באַמערקט, אַז באַנציע (אויך אַ מענטש) האָט לעבעדיקערהייט צוויי אויסגעלאָשענע אויגן און שרעקלעך איינגעפֿאַלענע באַקן; אַז אַפֿילו ווען ער האָט גאָר שוין קיין לאַסט נישט אויף די פּלייצעס, איז אים אויך דער קאָפּ צו דער ערד געבויגן, גלייך ער וואָלט לעבעדיקערהייט זיין קבר געזוכט! וואָלטן אַזוי וויניק מענטשן ווי פֿערד און טראַמוויי געווען, וואָלט אפֿשר אַמאָל עמעצער געפֿרעגט: ווו איז באַנציע אַהינגעקומען?!

ווען מע האָט באַנציען אין שפּיטאָל אַריינגעפֿירט, איז זיין ווינקל אין סוטערינע נישט ליידיק געבליבן — עס האָבן דערויף צען זיינס גלייכן געוואַרט, און צווישן זיך דעם ווינקל „אין פּלוס" ליציטירט; ווען מע האָט פֿון שפּיטאָל־בעט אין טויטן־שטיבל אַריינגעטראָגן, האָבן אויפֿן בעט צוואַנציק אָרעמע קראַנקע געוואַרט... ווען ער איז אַרויס פֿון טויטן־שטיבל — האָט מען צוואַנציק הרוגים פֿון אונטער אַן איינגעפֿאַלן הויז געבראַכט — ווער ווייסט ווי לאַנג, ער וועט רויק ווינען אין קבר? ווער ווייסט וויפֿל עס וואַרטן שוין אויף דעם שטיקל פּלאַץ...

שטיל געבוירן, שטיל געלעבט, שטיל געשטאָרבן און נאָך שטילער באַגראָבן.

. . . .

נאָר נישט אַזוי איז געווען אויף יענער וועלט! דאָרטן האָט באַנציעס טויט אַ גרויסן איינדרוק געמאַכט!

דער גרויסער שופֿר פֿון משיחס צייטן האָט געקלונגען אין אַלע זיבן הימלען: באַנציע שוויי איז נפֿטר געוואָרן! די גרעסטע מלאכים מיט די ברייטסטע פֿליגל זיינען געפֿלויגן און איינער האָט דעם אַנדערן איבערגעגעבן: באַנציע איז „נתבקש געוואָרן בישיבה של מעלה! אין גן־עדן איז אַ רעש, אַ שמחה, אַ גערודער: באַנציע שוויי! אַ שפּאַס, באַנציע שוויי!"

יונגע מלאכימלעך מיט בריליאַנטענע אייגעלעך, גאָלדענע דראָטאַרבעטנדיקע פֿליגעלעך און זילבערנע פּאַנטאָפֿעלעך זיינען באַנציען אַנטקעגנגעפֿלויגן מיט שמחה! דער גערויש פֿון די פֿליגל, דאָס קלאַפּן פֿון די פּאַנטאָפֿעלעך און דאָס פֿריילעכע לאַכן פֿון די יונגע, פֿרישע, רויזיקע מיי־

לעכלעך האָט פאַרפּולט אַלע הימלען און איז צוגעקומען ביז צום כסא־הכבוד, און גאָט אַליין האָט אויך שוין געוווּסט, אַז באָנציע שווייג קומט!

אבֿרהם אָבינו האָט זיך אין טויער פון הימל געשטעלט, די רעכטע האַנט אויסגעשטרעקט צום ברייטן „שלום־עליכם” און אַ זיסער שמייכל שיינט אַזוי העל אויף זיין אַלטן פּנים!

וואָס רעדלט אַזוי אין הימל?

דאָס האָבן צוויי מלאכים אין גן־עדן אַריין פאַר באָנציעס וועגן אַ גינגאָלדענע פאָטער־שטול אויף רעדלעך געפירט!

וואָס האָט אַזוי העל געבליצט?

דאָס האָט מען דורכגעפירט אַ גאָלדענע קרוין מיט די טייערסטע שטיינער געזעצט! אַלץ פאַר באָנציען!

— נאָך פאַרן פּסק פון בית דין של מעלה? — פרעגן די צדיקים פאַרוווּנדערט און נישט נאָר אָן קנאה.

— אָ! ענטפערן די מלאכים, דאָס וועט זיין אַ פּראָסטע פּוסטע פאָר־מע! קעגן באָנציע שווייג וועט אַפילו דער קטיגור קיין וואָרט אין מויל נישט געפינען! די „דיעלע” וועט דויערן אַ פינף מינוט!

— איר שפּילט זיך מיט באָנציע שווייג? —

אַז די מלאכימלעך האָבן באָנציען געכאַפּט אין דער לופט און אָפּ־געשפּילט אים אַ זמר; אַז אבֿרהם אָבינו האָט אים ווי אַן אַלטן קאַמראַד די האַנט געשאָקלט; אַז ער האָט געהערט, אַז זיין שטול איז גרייט אין גן־עדן! אַז אויף זיין קאָפּ וואַרט אַ קרוין; אַז אין בית דין של מעלה וועט מען איבער אים קיין וואָרט נישט ריידן — האָט באָנציע, גלייך ווי אויף יענער וועלט, געשוויגן פאַר שרעק! עס איז אים דאָס האַרץ אַנטגאַנגען! ער איז זיכער, אַז דאָס מוז זיין אַ חלום, אָדער אַ פּראָסטער טעות!

ער איז צו ביידע געוווינט! נישט איינמאָל האָט אים אויף יענער וועלט געחלומט, אַז ער קלייבט געלט אויף דער פּאָדלאָגע, גאַנצע אוצרות ליגן... און אויפגעכאַפּט האָט ער זיך נאָך אַ גרעסערער קבצן ווי נעכטן... נישט איינמאָל האָט אים עמעץ פאַר טעות צוגעשמייכלט, אַ גוט וואָרט געזאָגט און איבערגעדרייט זיך און אויסגעשפּיגן...

— מיין מזל — טראַכט ער — איז שוין אַזוי!

און ער האָט מורא די אויגן אויפצוהייבן, דער חלום זאָל נישט פאַר־שווינדן; ער זאָל זיך נישט אויפכאַפּן ערגעץ אין אַ הייל צווישן שלאַנגען און עקדישן! ער האָט מורא פון מויל אַ קלאַנג אַרויסצולאָזן, מיט אַ גליד אַ ריר צו טאָן — מע זאָל אים נישט דערקענען און אַוועקשליידערן אויף כף־הקלע...

ער ציטערט און הערט נישט די מלאכימס קאמפלימענטן, זעט נישט זייער טאנצן ארום אים, ער ענטפערט נישט אברהם אבינו אויפן הערצלעכן „שלום־עליכם", און — געפירט צום בית דין של מעלה — זאגט ער אים קיין „גוט מארגן" נישט...

אויסער זיך איז ער פון שרעק!

און זיין שרעק איז נאך גרעסער געווארן, אז ער האט נישט ווילנדיק, דערזען די פאדלאגע פון בית דין של מעלה, סאמע אלבאסטער מיט ברילי־אנטן! „אויף אזא פאדלאגע שטייען מיינע פיס!!" — ער ווערט אינגאנצן פארשטארט! ווער ווייסט וועלכן גביר, וועלכן רב, וועלכן צדיק מען מיינט... ער וועט קומען — וועט זיין מיין פינצטערער סוף!".

פאר שרעק האט ער אפילו נישט געהערט ווי דער פרעזעס האט בפירוש אויסגערופן „די דיעלע פון באנציע שווייג!" און, דערלאנגענדיק דעם מליץ יושר די אקטן, געזאגט: לעז, נא בקיצור!"

מיט באנציען דרייט זיך דער גאנצער סאלאן. עס רוישט אים אין די אויערן. אינעם געררויש הערט ער דאך אלע מאל שארפער און שארפער דעם מלאכס־מליצס זיס קול ווי א פידל:

— זיין נאמען — הערט ער — האט אים געפאסט ווי צו א שלאנק לייב א קלייד פון אן ארטיסט א שניידערס האנט.

— וואס רעדט ער? — פרעגט זיך באנציע, און ער הערט ווי אן אומגעדולד קול האקט אים איבער און זאגט:

— נאר אן משלים!

— ער האט זיך קיינמאל — הויבט ווידער אן דער מליץ יושר! אויף קיינעם געקלאגט, נישט אויף גאט, נישט אויף לייט: אין זיין אויג האט קיינמאל נישט אויפגעפלאמט קיין פונק פון האס, ער האט עס קיינמאל נישט אויפגעהויבן מיט א פרעטענזיע צום הימל.

באנציע פארשטייט ווייטער נישט א ווארט, און דאס הארטע קול שלאגט ווייטער איבער:

— אן רעטאריק!

— איוב האט נישט אויסגעהאלטן. ער איז אומגליקלעכער געווען —

— פאקטן, טרוקענע פאקטן! — רופט נאך אומגעדולדיקער דער פרעזעס.

— צו אכט טאג האט מען אים מל געווען —

נאר אן רעאליזם!

— א מוהל א פושער האט דאס בלוט נישט פארהאלטן —

— ווייטער!

— ער האָט אַלץ געשוויגן (פירט ווייטער דער מליץ יושר) אַפילו ווען די מוטער איז אים געשטאָרבן און ער האָט צו הדייצן יאָר אַ שטיפמאַמע באַקומען... אַ שטיפמאַמע אַ שלאַנג, אַ מרשעת...

— מיינט מען דאָך אפשר פאָרט מיך — טראַכט באָנציע —

— אָן אינסינואַציעס אויף הדיטע פּערזאָנען, בייזערט זיך דער פּריזעס.

— זי פלעגט אים קאַרגן דעם ביסן... אייערנעכטיק פאַרשימלט ברויט... האָר־פלאַקס פאַר פלייש... און זי האָט קאַווע מיט סמעטענע געטרונקען —

— צו דער זאַך! — שרייט דער פּרעזעס.

— זי האָט אים פאַר דאָס קיין נעגל נישט געקאַרגט און זיין ברוין־און בלוי לייב פלעגט אַרויסקוקן דורך אַלע לעכער פון זיינע פאַרשימלט־צעריסענע קליידער... ווינטער אין די גרעסטע פרעסט האָט ער איר באָרוועס אויפן הויף האָלץ געהאַקט, און די הענט זיינען צו יונג און צו שוואַך געווען, די קלעצלעך צו דיק, די האַק צו שטומפּיק... נישט איינמאָל האָט ער זיך די האַנט פון די געלענקען אויסגעריסן, נישט איינמאָל האָט ער זיך די פיס אָפּגעפרוירן, נאָר געשוויגן האָט ער, אַפילו זיך פאַרן פאָטער —

— פאַרן שיכור! — לאַכט אַריין דער קטיגור און באָנציען ווערט קאַלט אין אַלע אבֿרים —

— נישט געקלאָגט, — ענדיקט דער מליץ־יושר דעם זאַץ.

— און שטענדיק עלנט — פירט ער ווייטער — קיין חבֿר, קיין תּלמוד־תּורה, קיין חדר... קיין גאַנץ בגד... קיין פרייע מינוט —

— פאַקטן! — רופט ווייטער דער פּרעזעס.

ער האָט געשוויגן אַפילו שפּעטער, ווען דער פאָטער האָט'ן, שיכורערהייט אַמאָל אָנגעכאַפּט ביי די האָר און אינמיטן אַ שנייענדיקער ווינטערנאַכט אַרויסגעוואָרפן פון שטוב! ער האָט זיך שטיל אויפגעהויבן פון שניי און איז אַנטלאָפן ווו די אויגן האָבן אים געטראָגן...

אויפן גאַנצן וועג האָט ער געשוויגן... ביים גרעסטן הונגער האָט ער נאָר מיט די אויגן געבעטלט!

ערשט אין אַ שווינדלדיקער, נאַסער פרילינג־נאַכט, איז ער אין אַ גרויסער שטאָט אַריינגעקומען, ער איז אַריין ווי אַ טראָפּן אין ים און דאָך האָט ער די אייגענע נאַכט אין אַרעסט פאַרבראַכט... ער האָט געשוויגן, נישט געפרעגט פאַרוואָס, פאַר ווען? ער איז אַרויס און די שווערסטע אַרבעט געזוכט! נאָר ער האָט געשוויגן!

שווערער פאַר דער אַרבעט איז געווען זי צו געפינען — ער האָט געשוויגן!

באַהנדיק זיך אין קאַלטן שוויס, צוזאַמענגעדריקט אונטער דער שווערסטער לאַסט, ביים גרעסטן קראַמפּ אין לײדיקן מאָגן — האָט ער געשוויגן!

באַשפּריצט פון פּרעמדער בלאָטע, באַשפּיגן פון פּרעמדע מײלער, געיאָגט פון טראָטואַרן מיט דער שווערסטער לאַסט אַראָפּ אין גאַס צווישן דראָשקעס, קאַרעטן און טראַמוויס, קוקנדיק יעדע מינוט דעם טויט אין די אויגן אַריין — האָט ער געשוויגן!

ער האָט קײנמאָל נישט איבערגערעכנט, וויפל פּוד לאַסט עס קומט אוים אויף אַ גראָשן, וויפל מאָל ער איז געפאַלן ביי יעדן גאַנג פּאַר אַ דרייער, וויפל מאָל ער האָט שיר־נישט די נשמה אויסגעשפּיגן, מאָנענדיק זיין פּאַרדינסט; ער האָט נישט גערעכנט, נישט זיין, נישט יענעמס מזל, נאָר געשוויגן!

זיין אײגן פּאַרדינסט האָט ער אויך נישט הויך געמאָנט! ווי אַ בעטלער האָט ער זיך ביי דער טיר געשטעלט, און אין די אויגן האָט זיך אַ הינטישע בקשה געמאָלט! „קום שפּעטער" — און ער איז פּאַרשוונדן שטיל ווי אַ שאָטן, כדי שפּעטער נאָך שטילער אויסצובעטלען זיין פּאַרדינסט!

ער האָט אַפילו געשוויגן, ווען מע פלעגט אים אָפּרייסן פון זיין פּאַרדינסט, אָדער אַריינוואַרפן אַ פאַלשע מטבע!...

ער האָט אַלץ געשוויגן...

— מיינט מען דאָך טאַקע מיך! — טרייסט זיך באָנציע.

— אײנמאָל — פירט ווייטער דער מליץ יושר נאָך אַ טרונק וואַסער — איז אין זיין לעבן אַן ענדערונג געשען... עס איז דורכגעפלויגן אַ קאָטש אויף גומענע רעדער מיט צעפלאָשעטע פערד... דער שמייסער איז שוין לאַנג פון ווייטנס געלעגן מיט אַ צעשפּאָלטענעם קאָפּ אויפן ברוק... פון די דערשראָקענע פערדס מײלער שפּריצט דער שוים, פון אונטער די פּאַדקאָוועס יאָגן זיך פונקען, די אויגן בלישטשען ווי ברענענדיקע שטורקאַצן אין אַ פינצטערער נאַכט — און אין קאָטש זיצט נישט טויט, נישט לעבעדיק אַ מענטש!

און באָנציע האָט די פערד פּאַרהאַלטן!

און דער געראַטעוועטער איז געווען אַ ייד אַ בעל־צדקה און האָט באָנציען די טובה נישט פּאַרגעסן!

ער האָט אים דעם געהרגטנס בייטש־איבערגעגעבן; באָנציע איז אַ שמייסער געוואָרן! נאָך מער — ער האָט אים חתונה געמאַכט, נאָך מער — ער האָט אים אַפילו מיט אַ קינד פּאַרזאָרגט —

און באַנציע האָט אַלץ געשוויגן!

— מיך מיינט מען, מיך! — באַפּעסטיקט זיך באַנציע אין דער דעה און האָט דאָך נישט די העזה אַן אויג צו וואַרפן אויפן „בית דין של מעלה"...

ער הערט זיך ווייטער איין צום מלאך מליץ:

— ער האָט געשוויגן אפילו, ווען זיין בעל־טובה האָט אין קורצן באַנקראָטירט און אים זיין לוין נישט באַצאָלט...

— ער האָט געשוויגן אפילו, ווען דאָס ווייב איז פון אים אַנטלאָפן און איבערגעלאָזט אים אַ קינד פון דער ברוסט...

— ער האָט געשוויגן אפילו מיט פופצן יאָר שפּעטער, ווען דאָס קינד איז אויפגעוואַקסן און גענוג שטאַרק געווען — באַנציען אַרויסצוּוואַרפן פון שטוב...

— מיך מיינט מען, מיך! — פרייט זיך באַנציע.

— ער האָט אפילו געשוויגן — הויבט אָן ווייכער און טרויעריקער דער מלאך מליץ — ווען דער איינגענער בעל־טובה האָט זיך מיט אַלע אויסגעגליכט, נאָר אים קיין גראָשן שכירות נישט צוריקגעגעבן — און אפילו דעמלט, ווען ער איז באַנציען (ווייטער פאָרנדיק אויף אַ קאַטש מיט גומענע רעדער און פערד ווי לייבן) איבערגעפאָרן...

ער האָט אַלץ געשוויגן! ער האָט אפילו דער פּאָליציי נישט געזאָגט ווער עס האָט אים צוגערעכט געמאַכט...

ער האָט געשוויגן אפילו אין שפּיטאָל, ווּ מע מעג שוין שרייען!

ער האָט געשוויגן אפילו ווען דער דאָקטער האָט אָן פופצן קאָפּיקעס נישט געוואָלט צוגיין צו זיין בעט, און דער וועכטער, אָן פינף קאָפּ. — טוישן אים די וועש!

ער האָט געשוויגן ביים גוססן — ער האָט געשוויגן ביים שטאַרבן...

קיין וואָרט קעגן גאָט, קיין וואָרט קעגן לייט!

— דיקסי!

באַנציע הייבט אָן ווייטער צו ציטערן אויפן גאַנצן לייב. ער ווייסט, אַז נאָכן מליץ יושר גייט דער קטיגור! ווער ווייסט וואָס דער וועט זאָגן!

באָנציע אַליין האָט זיין לעבן נישט געדענקט. נאָך אויף יענער וועלט האָט ער יעדע מינוט די פריערדיקע פאַרגעסן...

דער מלאך מליץ האָט אים אַלץ דערמאָנט... ווער ווייסט, וואָס דער קטיגור וועט אים דערמאָנען!

— רבותי! — הויבט אָן אַ שאַרף־שטעכנדיק־בריענדיק קול — נאָר ער האַקט אָפּ —

— רבותי, — הייבט ער נאָכאַמאָל אָן, נאָר ווייכער און האַקט ווידער אָפּ.

ענדלעך הערט זיך, פון דעם אייגענעם האַלדז אַרויס, כמעט אַ ווייך קול:

— רבותי! ער האָט געשוויגן! וועל איך אויך שווייגן!

עס ווערט שטיל — און פון פאָרנט הערט זיך אַ נייע ווייכע ציטערדיקע שטימע:

— באָנציע, מיין קינד באָנציע! רופט עס אים ווי אַ האַרפע... מיין קינד באָנציע!

אין באָנציען צעווײנט זיך דאָס האַרץ... ער וואָלט שוין אַצינד די אויגן געעפנט, נאָר זיי זיינען פאַרפינצטערט פון טרערן... עס איז אים אַזוי זיס־וויינענדיק קיינמאָל נישט געווען... „מיין קינד", „מיין באָנציע" — זייט די מוטער איז געשטאָרבן, האָט ער אַזאַ קול און אַזוינע ווערטער נישט געהערט —

— מיין קינד! פירט ווייטער דער אַב־בית־דין — דו האָסט אַלץ געליטן און געשוויגן. עס איז נישטאָ קיין גאַנץ גליד, קיין גאַנץ ביינדל אין דיין לייב אָן אַ וווּנד, אָן אַ בלוטיק אָרט, עס איז נישטאָ קיין איין באַהאַלטן אָרט אין דיין נשמה, וווּ עס זאָל נישט בלוטן... און דו האָסט אַלץ געשוויגן...

דאָרט האָט מען זיך נישט פאַרשטאַנען דערויף! דו אַליין האָסט גאָר אפשר נישט געוווּסט, אַז דו קענסט שרייען, אַז פון דיין געשריי קענען יריחום מויערן ציטערן און איינפאַלן? דו אַליין האָסט פון דיין פאַרשלאָפענעם כוח נישט געוווּסט...

אויף יענער וועלט האָט מען דיין שווייגן נישט באַלוינט, נאָר דאָרט איז דער עולם השקר, דאָ אויפן עולם־האמת, וועסטו דיין לוין באַקומען!

דיך וועט דאָס בית־דין של מעלה נישט משפטן, דיר וועט עס נישט פסקענען.

דיר וועט עס קיין חלק נישט אויס־ און נישט אָפּטיילן: נעם דיר, וואָס דו ווילסט! אַלעס איז דיין!

באָנציע הייבט דאָס ערשטע מאָל די אויגן אויף! ער ווערט ווי פאַרבלענדט פון דער ליכט פון אַלע זייטן! אַלץ בלאַנקט, אַלץ בליצט, פון אַלעם יאָגן שטראַלן: פון די ווענט, פון די כּלים, פון די מלאָכים, פון די דיינים! סאַמע ענגלען!

ער לאָזט די מידע אויגן אַראָפּ!

— טאַקע — פרעגט ער מסופּק און פאַרשעמט.

— זיכער! — ענטפערט פעסט דער אַב־בית־דין! זיכער, זאָג איך דיר, אַז אַלץ איז דיין. אַלץ אין הימל געהער צו דיר! וואָרעם אַלץ, וואָס דאָ בלאַנקט און בליצט איז נאָר אַן אָפּשיין פון דיין פאַרשוויגענער גוטסקייט, און אָפּגלאַנץ פון דיין נשמה, דו נעמסט נאָר ביי דיר אַליין!

— טאַקע? — פרעגט באָנציע נאָכאַמאָל, נאָר שוין מיט אַ זיכערן קול.

— טאַקע! טאַקע! טאַקע! — ענטפערט מען אים אויף זיכער פון אַלע זייטן.

— נו, אויב אַזוי — שמייכלט באָנציע — וויל איך טאַקע אַלע טאָג, איינדערפרי אַ הייסע בולקע מיט פרישע פּוטער!

דיינים און מלאָכים האָבן אַראָפּגעלאָזט די קעפּ פאַרשעמט; דער קטיגור האָט זיך צעלאַכט.

1894 י.

אין געמויזעכץ

אַמאָל איז געווען אַ געמויזעכץ. —

עס איז זיך געשטאַנען גאַנץ אַפּאַרט; אָפּגעטיילט פון דער רעשט לאַנקע (ווו בהמות האָבן זיך געפּאַשעט און יונגע פּאַסטעכער מיט שטיינער געוואָרפן), מיט הויכן שאַוער און שאַרף־שפּיציקע דערנער, און אָפּגעזונדערט פון דער לופט — מיט אַ פּעט־בלישטשנדיק־גרין הייטל. וואָס דער ווינט צערייסט אַמאָל אין אַ יאָר. — געלעבט אין געמויזעכץ האָבן (ווי דער סדר עולם איז) גאַנץ קליינע ווערעם, וואָס האָבן געגעסן — נאָך קלענערע.

דאָס געמויזעכץ איז — נישט לאַנג, נישט ברייט און אַפילו נישט טיף. די ווערעמלעך האָבן עס נאָר דעם פּעטן שליים, די וואַסער־געוויקסן און די פוילע צווייגלעך צו פאַרדאַנקען, אויב זיי קאָנען דאָס געמויזעכץ נישט דערגרונטן. נישט צושווימען צו אַ ברעג.

די געמויזעכץ־געאָגראַפיע שלאָפט דעריבער נאָך אין וויג.

פאַר דאָס האָט די געמויזעכץ־גאווה שוין לאַנג אָפענע אויגן: די פאַנטאַזיע איז אונטערן פינצטערן הייטל ביי דער גאַנצער ממשלה און ביידע צוזאַמען שפּינען און וועבן.

און מיט דער צייט האָבן זיי אויסגעשפּונען אַ מסורה פון קדמונים, אַן אמת ווערעמיקע טראַדיציע:

„דאָס געמויזעכץ איז דער ים־הגדול!"

„אין אים גיסן זיך אַריין אַלע פיר טייכן פון גן־עדן... דער חדקל ברענגט מיט מיט זיך דאָס גאָלד — דאָס איז דער שליים, אין וועלכן עס שטעקט זייער פּרנסה — און די רעשט דריי טייכן ברענגען בלומען — דאָס זיינען די וואַסער־געוויקסן, צווישן וועלכע זיי שפּילן זיך אין באַהעלטעניש אין אַ יומא־דפּגרא — פּערל — אַלע זשאַבע־שיסעלעך און קרעלן — די פאַרפוילטע צווייגלעך"...

„דאָס גרינע הייטל, די פאַרפּעצטע יאַרמולקע איבערן געמויזעכץ, איז דער הימל איבערן ים־הגדול! אַן עקסטראַ באַזונדער הימל פאַר זייער וועלט!"

שטיקלעך אייער־שאָלן, וואָס האָבן זיך דאָרט פאַרבלאָנדזשעט, שפּילן די ראָלע פון שטערן און מיט אַ פאַרפוילטער דיניע האָט מען יוצא געווען פאַר דער זון...

די שטיינער, וואָס פלעגן אַמאָל אַריינפאַלן דורך די פאַסטעכער, זיינען — גאַנץ נאַטירלעך — געווען אַבני־אלגביש־שטיינער, וואָס דער הימל וואַרפט זינדיקע לייט אין קאָפּ אַריין און, אַז דער הימל האָט זיך צעשפּאָלטן, און עטלעכע שטראַלן פון דער אמתער זון האָבן אָפּגעשרפעט אַ ווערעמדיקן מוח, האָט מען געפילט און געגלייבט אין גיהנום!

נאָר — ווייל האָט זיך געלעבט אין געמויזעכץ! ווי יעדער איז געווען פון זיך און מיט אַלע צופרידן! ווער עס וווינט אין ים־הגדול איז שוין בטבע אַ פיש! איין ווערעמל פלעגט דאָס צווייטע רופן: שלייען, הערטס! אויף מצבות פלעגט מען קריצן: קראָקאָדיל און לויתן! „פלאָטקע” איז געווען די גרעסטע באַליידיקונג, פאַר „קעלבקים” האָט מען זיך יום־כפור נישט מוחל געווען! דערביי האָבן געבליט: אַסטראָנאָמיע, פּאָעזיע און פילאָזאָפיע ווי די רויזן!

די שטיקלעך אייער שאָלן האָט מען געציילט ביז מען איז דערגאַנגען, אַז מען קען זיי נישט איבערציילן...

ראָמאַנטיקער האָבן די פמליא של מעלה” אויף טויזנטער אופנים ביי־זייגען; דערביי פלעגט מען פּאַטריאָטן פאַרגלייכן צו שטערן, שטערן צו דאַמען־אויגן און די דאַמען אַליין צום הימל, אויב נישט גאָר צום גיהנום. די פילאָזאָפיע האָט באַוועזט די פרומע געשטאָרבענע נשמות אין דער פוילער דיניע אַריין...

קורץ — עס האָט גאָרנישט געפעלט! דאָס לעבן האָט געהאַט אַלע פאַרבן פון רעגן־בויגן! מיט דער צייט האָט מען צוגעמאַכט אַ קאָדעקס מיט הונדערטער פירושים, עס האָבן זיך איינגעפירט טויזנטער מנהגים! און אַז אַ ווערעמל האָט זיך פאַרגלוסט עפּעס אַ שינוי, איז גענוג געווען, עס זאָל זיך דערמאָנען, וואָס די „וועלט” וועט זאָגן דערויף — עס זאָל ־ויט ווערן, חרטה קריגן! און תשובה טאָן!

נאָר... איינמאָל איז אַ חורבן געשען!

עס איז דורך אַ סטאַדע חזירים!

שרעקלעכע פיס האָבן צעטרעטן דעם הימל, צעקנעטן דעם שליים, צעריבן די קרעלן, צעמאָרשטן די בלומען... און פון דער גאַנצער אָפּגעזונדערטער „וועלט” אַ תוהו ובוהו געמאַכט!

טייל ווערעם זיינען טיף אונטערן שליים געשלאָפן (און ווערעם שלאָפן לאַנג), זיינען זיי טאַקע ניצול געוואָרן... אַז זיי זיינען צוריק אַרויף איז שוין דער הימל צוריק־צוזאַמענגעשוואומען, זיך צוריק צונויפגעקלעפּט...

נאָר — גאַנצע הויפן דערדריקטע, דערשטיקטע און צעטרעטענע ווערעם זיינען געלעגן אָן קבורה, און טויטערהייט עדות געזאָגט אויפן חורבן!

וואָס איז געשען? פרעגן די בעפער דערשראָקן, און זוכן אַ לעבעדיקע בריאה, וואָס זאָל זיי קאָנען דערקלערן די סיבה פון דער שרעקלעכער מגיפה. נאָר נישט לייכט איז צו געפונען אַ לעבעדיקע בריאה! וואָרעם נישט לייכט איז איבערצולעבן אַ הימל! ווער עס איז נישט צעטרעטן געוואָרן, איז געשטאָרבן פאַר שרעק; ווער עס איז נישט געשטאָרבן פאַר שרעק, איז געשטאָרבן פאַר ווייטיק; די רעשט האָבן זיך אַליין דאָס לעבן גענומען... אָן הימל איז קיין לעבן!

איינער איז יאָ אַפילו געבליבן לעבן, נאָר, קוים האָט ער זיי דערציילט, אַז דער הימל, וואָס זיי זעען אַצינד, איז גאָר אַ נייער פון דער נאָדל אַז יענעם הימל האָבן חיות צעטרעטן; אַז ער האָט זיי געזאָגט, אַז אַ ווערמיקער הימל לעבט נישט אייביק... אַז אייביק, קאָן זיין, לעבט נאָר דער אַלגעמיינער הימל, — האָט מען באַלד דערקענט, אַז ער איז אַראָפּ פון זינען.

מע האָט אים מיט גרויס רחמנות געקאָוועט און אין דול־הויז אַריינגעשיקט.

1894 י.

פון דול־הויז

א.

עולם־הבא

אַ — ניין! מיך וועט איר נישט איינרעדן! די וועלט איז נאָך קיין וועלט נישט!

וואָס מיינט איר? עס ציטערט זיך אָן א ליכט, עס ברענט העלער אָדער טונקעלער — לויט דעם חלב, לענגער אָדער קירצער — לויט דער לענג און די דיק — עס ברענט, ציאַנקט און ווערט פארלאָשן מיט א קלע־נערן אָדער א גרעסערן ריח — און שוין — דאָס איז עס אינגאַנצן?

איך — וואָלט אזא לעבן נישט באשאפן!

פרעגט א גימנאזיסט פון פינפטן קלאס, וואָס עס ווערט פון אן אויסגעברענט ליכט! ער וועט אייך זאָגן, אז עס איז נישט צו נישט געוואָרן! ער וועט אייך אויפווייזן מיט אותות ומופתים, אז די נאטור איז אווירטשאפט, ווו עס ווערט גאָרנישט פארלוירן, קיין שטויב, קיין האָר... פון אויסגעברענטן ליכט ווערן גאזן; מע זעט זיי נישט, נאָר דאָ זיינען זיי; זיי שוועבן ארום אין דער לופט.

א חלבן ליכטל פאר א גראָשן ווערט אין דער נאטור נישט פאר־לוירן, נאָר איך, איך מיט מיין שכל, מיין ווילן, מיין יושר, מיין צער, מיינע טרערן — איך ווער פארלוירן, פון מיר בלייבט גאָרנישט!

און זיי זאָגן, אז איך בין משוגע!

און הייסט דאָס א וועלט?

יאָשע זייגערמאכער איז קיין גרויסער מייסטער נישט, און דאָך וועט פון זיין שטוב נישט ארויסגיין א זייגערל, וואָס זאָל יעדע רגע

וועלן צעזעצט, צעקלאפּט און צעשפּרונגען ווערן; וואָס זאָל האָבן אין זיך אַן אייביקע, באַשטענדיקע מלחמה: איין רעדל זאָל רייבן, שלייפן און הריקן דאָס צווייטע, איין ציינדל זאָל צופּן, רייסן און בייסן דאָס אַנדערע, און די האָר, אָדער ווי ער זאָגט — די פעדער, זאָל אַלץ אַרומנעמען און שטיקן און ווערגן, עס זאָל קיינער קיין אָטעם נישט קאָנען כאַפּן!

צי האָט ווער געזען אַמאָל אַ דרעש־מאַשין, וואָס דרעשט זיך אַליין? צעפּעס, וואָס רייסן פון זיך אַליין אַראָפּ די הויט?

ניין, דאָס איז קיין וועלט נישט! אַן ערב־רב איז עס, אַ דולהויז איז עס! געקוילעטע הענער לויפן אַרום און כאַפּן קערנדלעך, דאָס בלוט רינט, און זיי ווערגן זיך! אַ דולהויז איז עס, אַ מבול דאַרף עס, — קאַלט, קאַלט וואַסער!

און ווער וואָלט פאַר אַזאַ פינצטערע וועלט אַזויפיל ליכטיקע, גאָלדענע שטערן באַשאַפן?

גלייך זי ווייסט דען, די פינצטערע ערד, וויפיל שטערן זי האָט?

„מע קאָן נישט איבערציילן!” זאָגט זי...

וואָלט עס נאָר מטבעות געווען, זילבערנע, גאָלדענע מטבעות, וואָלטן שוין אַלע, אַלע געציילט, נישט ווי היינט נאָר אַ מנין געלערנטע בטלנים, אַלע וואָלטן געציילט און מען וואָלט שוין איבערגעציילט!

ניין, דאָ איז נאָך דאָס רעכטע לעבן נישט! דאָ לעבט מען נאָר דערווייל, אין ערב־רב, אָן אָרדענונג, אויסגעמישט: לייבן, טכוירן, בערן, ווערעם און פייגל, און אַלדי שוואַרצע יאָר צוזאַמען... עס טרעפט זיך אַ מענטש אויך...

נאָר — אַז מען דערזעט אים, פּאַקט מען אים אין דולהויז אַריין...

עס איז גענוג אַן אויג צו וואַרפן אויף די ליכטיקע, קלאָרע, זאַנפטע, מילדע, ריינע שטערנדלעך, מע זאָל איינזען, אַז דאָרט איז ערשט דאָס רעכטע לעבן... נאָר דאָס אמתע לעבן שטראַלט אַזוי רויק, אַזוי זיכער!

און דאָרט לעבן די מינים באַזונדער, יעדער שטערן האָט זיין מין און דעריבער שטראַלן זיי מיט שלום, מיט עולם־הבא!

דאָרט הערט מען נישט אַלץ איינײַנעם: „מײַן טויט אָדער דײַן טויט!".

אויב א שטערן ציטערט אין הימל, איז עס פּאַר החמנות אויף אונ־דזער פינצטערער ערד! אז איינער פון זיי טרעפט זי פּלוצלינג אויפן וועג, דערשרעקט ער זיך און פאַלט... די זון קאָן נישט צוקוקן, ווי עס לעבט זיך ביי אונדז, פאַרשטעלט זי זיך טיילמאָל דאָס פּנים, און עס ווערט א ליקוי־חמה... די לבנה איז נעכטער, זי זעט בעסער: רייסט זי פון זיך פּאַסן, און מע מוז יעדן חודש מאַכן א נייע לבנה!

„טויזנט אויגן האָט דער מלאך־המות!".

עס איז קיין וואונדער נישט. ער דאַרף די מינים סאָרטירן און יעדן שיקן אויף זיין שטערן אַרויף; און דאָ איז א מאַסקאַראַד, א פּורים־שפּיל, סאַמע פאַרשטעלטע, עס איז קיינער נישט אין זיין אייגענער הויט!

אמערגסטן איז מיט די כל־בוניקעס!...

ב.

כל־בו

אַמאָל, — האָט מיר מיין באָבע, די אַרענדאַרקע, פאַרציילט — האָט זיך באוויזן א כל־בוניק, דאָס איז געווען ביים פּריץ אויפן הויף, ווו זי האָט די פּאַכט געהאַלטן, דעריבער ווייסט זי די מעשה. —

פונוואַנען האָט ער זיך גענומען? ווייסט מען נישט.

איינער האָט געזאָגט, אז זיין מוטער איז א בעקערן געווען און האָט'ן אויסגעקראַצט פון אַלע מולטערס — א ווייסקראַבעק, רחמנא־לצלן!

אַנדערע דערציילן אַנדערש: אויפן הויף אונטער א שאָפּע, איז א קעסטל געשטאַנען, ווו אַלע פון הויף האָבן וואַסער גענאָסן — הינט אויך! דערפון איז אַרויס א שוואָם... נישט קיין הונט־שוואָם, נאָר א שוואָם „מכל המינים שהוא"...

דערנאָך האָט זיך עפּעס א ווינטל געמאַכט, די שוואָם האָט זיך אָפּ־געריסן, אַוועקגעקאָלערט און האָט זיך שפּעטער אויפגעהויבן אַלס א לעבעדיקער כל־בוניק...

סיי ווי סיי קומט ער אַרויס פון פּריצס הויף!

און אַ וווּנדערלעך חיהלע איז דער כּל־בּוניק געווען!

אָן ביינער, פֿון סאַמע ווייך פֿלייש, און האָס קעפּל האָט זיך לויז געדרייט אויפֿן האַלדז, ווי אויף אַ גוט געשמירט שרייפֿל! ער האָט זיך נישט גערירט פֿון אָרט און מיטן קעפּל געדרייט קיין מזרח, קיין מערבֿ, קיין צפֿון, קיין דרום! ווו איר ווילט נאָר אַליין! און ווייל ער האָט יעדן צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, האָט ער מיט אַלעמען בשלום געלעבט, און פֿון קיינעם און מיט קיינעם גלייך — נישט געליטן!

עס שלאָגן זיך צוויי הענער; איינער שרייט: קוקעריקו, דער צווייטער וויל הווקא: קיקעריקי! דער כּל־בּו מישט זיך נישט אַריין. נאָר, אַז דער הויף איז שוין באַדעקט מיט פֿעדערן און די הענער צעפֿאַלן זיך אָן כּוח, גייט ער צו און זאָגט: איר האָט בּיידע רעכט: דער „בּיאור" זאָגט: „קיקעריקי!" און די שבֿעים זקנים „קוקעריקו!" און בּיידע הענער בּלייבן זיך שונאים און אים גוטע־פֿריינד!

עס איז קיין שטילער הויף נישט געווען... דער הונט האָט געביסן דעם חזיר בּיים אויער, די קאַץ האָט געשפּיגן אויפֿן הונט, און אַן אַדלער מיט אַן אונטערגעשאָסענעם פֿליגל איז אַרומגעגאַנגען און אַלעמען געוואָרפֿן אין זיבעטן שוויים אַריין; נאָר דער כּל־בּוניק האָט זיך מיט אַלע געחבֿרט: ער האָט זיך געהאַלטן אַמאָל בּיים רעכטן, אַמאָל בּיים לינקן אויער, און דער חזיר האָט געמיינט, אַז ער איז אויך אַ געביסע־נער! דעם הונט האָט ער איינגערוימט: „בּררר... סאַמע גנבֿים, אַן ערלע־כער מאַן בּיסטו!" דערנאָך איז ער אַרויפֿגעשפּרונגען אויפֿן צוים און געוואַשן זיך מיט דער קאַץ צוזאַמען פֿאַרן רעגן...

פּלוצלינג גאָר האָט ער דעם אָדלער דערזען! ער ציט אויף זיך אַ בּענקשאַפֿט, אין אויג ווייזט זיך אַ טרער: נישט גוט, בּרודער, דעם אונ־טערגעשאָסענעם! ער זיפֿצט, און דער אָדלער מיינט, אַז ער בּענקט אויך נאָך די הויכע וואָלקן, און גייט אַוועק מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, נאָר מיט אַ ווייך האַרץ... „אויך אַן אומגליקלעכער!"...

און אַז קיינער זעט נישט, שפּרינגט ער גאָר אַריין אין שטאַל צום קליינעם אייזעלע און רוימט אים איין: ווייסט, קאַנסט הייבט מיר אויך נישט אָן צו געפֿעלן!

און אויף דער וועלט... פֿו!... פֿו!... אויפֿן פּריצים הויף, מיין איך — איז אים גאָרנישט שלעכט געווען... ער האָט מיט אַלעמען גוט געלעבט, מיט אַלעמען זיך געחבֿרט, בּיי יעדן עפּעס געכאַפּט...

יעדער האָט אים געדענקט א זכות פון א שאָקל אויף זיין זייט! און כאָטש קיינער האָט אים נישט ליב געהאַט, האָבן אים אַלע פאַרבעטן: ווער אויף פרישטיק, ווער אויף מיטאָג — און ער האָט אַלע מאכלים נעגעסן... און יעדערער האָט מיט אים געגריסט און דערביי זיך אין האַרצן געוווּנדערט: פאַרוואָס האָב איך אים נישט געגן?

נאָר אייביק לעבט נישט קיינער, אפילו נישט קיין כל־בו! עס איז געקומען זיין צייט, און דער רוח האָט אים פאַרטראָגן אין א מדבר אריין, אויפן זאַמל־פּלאַץ, ווו די נשמות פון אַלע חיות, בהמות ועופות נעמען זיך צוזאַמען, און דער מלאך המות סאָרטירט זיי, באַנדראָלירט און שיקט אויף יענער וועלט.

ווען דער כל־בו איז אָנגעקומען, איז שוין די סטעפּ באַדעקט געווען מיט אָפּגעטיילטע מחנות, וואָס האָבן איינס אויפס אַנדערע געקוקט צום לעצטן מאָל און שאַרף באַטראַכט! זיי ווילן געדענקען אויף יענער־וועלט, וואָס פאַר א מינים דאָ זיינען געווען. די עופות זיינען אומגעדולדיק גע־שטאַנען אויף איינציקע פיס; פון די אינדיקעס שניידט זיך אָן א בלוט־רויטע שאַרפע אויף א מויל; ווי דינע זילבערנע נעפּל הוידען און וויגן זיך די טויבן אין דער לופט; שטאָלץ און ערנסט האַלטן זיך די אָדלער אין א זייט; א גאַנצע באַנדע אייזלען האָבן זיך צוזאַמענגעשלאָגן מיט די קעפּ און קלערן, וואָס פאַר א דערנער עס קאָנען וואַקסן אויף יענער וועלט.

און דער מלאך־המות האָט שוין גענומען דאָס פּייפערל צום מויל, א צייכן צו געבן צום אוועקפליען... ער האָט שוין אויפגעהויבן די הענט, יעדן צו ווייזן זיין וועג! נאָר ער האָט די האַנט אראָפּגעלאָזט, דאָס פּיי־פערל פאַרגעסן! ער האָט דעם כל־בו באַמערקט.

— ווער ביסטו? — פרעגט דער מלאך־המות, וואָס האָט נאָך אזא בריאה נישט געזען.

כל־בו שווייגט; ער ווייסט אליין נישט, ווער ער איז!

טויזנט אויגן האָט דער מלאך־המות, און מיט יעדן אויג זעט ער אינעם כל־בו אן אנדער באַשעפעניש.

— צי וועט זיך קיינער נישט דערקענען צום נייעם גאַסט? — וועגדט ער זיך צו די אַלע מינים, וואָס זיינען שוין אויסגעשטעלט גרייט צום פליען.

נאָר קיינער ענטפערט נישט, יעדער מין זעט אינעם כל־בו א קליין פּיצל זיינס, נאָר אַזויפיל פרעמדס!

עס דויערט א ווײַלע, און דער מלאך־המות נעמט זיך צוריק צום פּיפּערל... ער וויל א צייכן געבן: זאָלן זיך די מינים פליען יעדער אין זיין וועג, זאָל דער כל־בו בלייבן אין סטעפּ!

דעמאלט אָבער האָט דער כל־בו ארויסגעלאָזט א שרעקלעך געוויין, אין וועלכן עס האָבן זיך געהערט אלע יללות פון אלע מינים חיות און עופות! ער איז צוגעפאלן צום מלאך־המות קניי און האָט אים די פיס געקושט.

— ווו לאָזטו מיך איבער, דו בארמהארציקער מלאך!

דער מלאך־המות ווערט גערירט פון זיינע טרערן, נאָר וואָס צו טאָן ווייסט ער נישט.

— אויף יעדן שטערן — זאָגט ער דעם כל־בו — שטייט א מלאך ביים טויער און קוקט נאָכאמאָל דורך דעם גאנצן טראנספּאָרט... מע וועט דיך אין ערגעץ נישט ארייננלאָזן; און קיין עקסטרא וועלט פאר כל־בו־ניקעס האָט נאָך גאָט נישט באשאפן...

— בארמהארציקער מלאך! דאָ בלייבן וויל איך נישט, קאָן איך נישט, איך געהער דאָך שטיקלעכווייז צו אלע מינים, זאָל יעדער מין זיך צונעמען זיין חלק!

— ערלעך! — זאָגט דער מלאך — דיין פסק זאָל מקוים ווערן!

און, אז יעדער מין האָט זיך אויסגעפּיקט זיין חלק, איז ביי יעדן מין א דין הערל געבליבן, און ביים ערשטן ווינט האָבן זיך די האָר אָפּגעריסן און געבליבן דערנאָך הענגען אין דער לופט...

מיט דער צייט האָבן זיך אויף דער וועלט די כל־בוניקעס געמערט, נאָר אלע האָבן אזא סוף.

און ענדע זומער, אויב דו זעסט שפּינוועבס הענגען איז דער לופט, זאָלסטו וויסן, אז דאָס זיינען כל־בו־האָר!

אזוי האָט מיר מיין באָבע דערציילט...

ג.

אַ חלום

איר ווילט וויסן, פונוואנען איך קום אהער?

איך וועל אייך דערציילן; איך האָב קיין סודות נישט.

אמאָל בין איך גאָר אַ געזונטער געווען; אייגנטלעך פּאַרקערט, איך האָב געליטן; נאָר אויפן מאָגן, אויף די פיס, אויף נאָך אַנדערע קרענק אין לייב, אַ נשמה אָבער האָב איך געהאַט אַ געזונטע — זי האָט אפילו פרי־מגדים פאַרדייעט; אַ מוח — אַן אייזערנעם; אַ קליינקייט! דעם פּאַרציווער רבּס אייניקל!

פאַר מיין קעפּל האָט מען מיר אַן אשת־צנועה געגעבן — איר קענט זיך אפשר? ביילע די שטריקמאַכערן, אַ ווױלע ייִדענע! גדן אייך, ווי דען! איך האָב ווייטער געלערנט, נאָר געהאַנדלט אויך! יש מקום בראש... מיט איין זייט האָב איך געזופּט ש״ס ופּוסקים, מיט דער צווייטער „קאָנדיציעס” געמאַכט: מכלומרשט ווייץ געקויפט און אָפּגענומען געלט מיט פּראָצענט...

הכלל — איך בין געווען אי אַ למדן, אי אַ סוחר און האָב טאַקע מיט די קינדער גוטע שידוכים געטאָן... אויף אייך אזא יאָר!

עס גייט זיי אפילו נישט גוט, די קינדער! נאָר איינגעטינקט אין יחוס האָב איך זיי!

דעמלט האָב איך געדאַרפט חתונה מאַכן אַ טאָכטער, דער מחותן האָט דווקא געוואָלט באַרעס געלט, און איך בין געפאָרן מאָנען ביים פריץ...

מאַכט זיך אַן עסק, האָט דער פריץ צו טאָן מיט סערוויטוטן, די פויערים האָבן אים געוואָלט שלאָגן, רייצט ער אויף מיר אָן אַ הונט — אויך אַ יושר!

נאָר דערווייל מוז מען אַנטלויפן.

איך לויף, לויף, לויף... און קום אין גאָרטן אריין... זאָל זיין אין גאָרטן, אבי איך הער שוין נישט דעם כּלבֿס בילן, עס פעלט מיר אַ פיענ־טע פון זאָק, אַ שטיק פּאָלע, מיין דאגה, ביילע וועט צונייען...

נאָר הונגעריק בין איך געווען, דאָס הארץ האָט אין מיר געחלשט.

און דאָ, זע איך, אַ גאָרטן, אַ גן־עדן! טרויבן ווי אין ארץ־ישראל. עפּל — גאָלדענע, באַרנעס — געשפּרענקלטע, גרויסע. דער זאַפט, דאַכט זיך, טריפט פון זיי אַראָפּ. איך שטרעק אויס די האַנט — ריבונו

של עולם — די טרויב אנטלויפט, דער עפל רוקט זיך אָפּ, די בארנע בייגט זיך אוועק אין א זייט...

און, הערט א מעשה, אלע ריידן.

— נישט דו — זאָגן זיי מיט כעס — נישט דו האָסט אונדז גע־פּלאַנצט...

איך ווער בייז. מיר קומט פּראָצענט, א הונט האָט מיך געביסן, פאר שרעק ציטערן מיר נאָך די קני, און פאר זיי איז נאָך ווייניק! איך מוז דאָך עסן!

איך טאנץ און טאנץ ארום בוים; איך וואָרף מיט די הענט, איך צאַפּל, א פיבער וואַרפט מיך פאר צאָרן, דער זיבעטער שווייס באַ־דעקט מיך — און קיין איינציקע פרוכט לאָזט זיך נישט כאַפּן. זיי האָבן נאָך גאָר אָנגעהויבן צו זינגען, ווי א חזן מיט משוררים:

נישט דו האָסט אונדז געזעצט,
נישט דו האָסט אונדז געפּלאַנצט...

און נאָכאמאָל דאָס איינענע:

נישט דו האָסט אונדז געזעצט,
נישט דו האָסט אונדז געפּלאַנצט!

הערסט א מעשה? און נישט איבערצושפּאָרן! דאָס גאנצע בלוט האָט אין מיר אויפגעקאָכט, און איך האָב מיך אזוי לאנג געוואָרפן און געוואָרפן, ביז איך בין אנידערגעפאלן אויף דער ערד מיט שוים אין מויל.

איך ליג און דרעמל, נישט ווייט פון מיר, א געלן קאַפּעליוש, פּונקט אזוינס ווי דער פּריץ טראָגט, נאָר א קלענערער, ווי פאר אן נפל־ ווען! איך כאַפּ א ציטער! וואָס איז דאָס? אינמיטן דערמאָן איך מיך, אז מיין ווייב האָט אזוינע קאַפּעליושן אהיים געבראַכט און דערפון א וועטשערע געקאָכט, מיט קליסקעלעך... אהא! דערמאָן איך מיך, א שוואָם איז עס, ווי איך בין א ייד — א שוואָם, זאָל זיין רויערהייט!

אפשר א הונט־שוואָם, אפשר סם?

ניין, אז גאָט וויל נישט, סמט מען זיך נישט, איך שטרעק אויס די האַנט, נאָר די חוצפּה רוקט זיך אויך אָפּ מיט א גאווה, זי טאַנצט און היפּט אוועק אויפן דינעם שטעקעלע. „איך האָב דיך א סך גע־קאָסט?" פרעגט זי, מילא, איך וועל דאָך נישט גיין טענהן מיט א חצופה. „וואקס אין דר'ערד אריין!" טראַכט איך...

וואָס טוט מען? הונגער, ממש הונגער!

זאָל זיין גראָז! פאלט מיר איין. הלמאי אָדם הראשון האָט קיין

פלייש נישט געגעסן, ער איז פרומער געווען פאר מיר און דאָך יוצא געווען מיט „ירק עשב"! און איך ליג אויף הערלעך, אויף אמת געשמאַק גראָז. נאָר אביסל, טראַכט איך, מיטן מויל אָנצוכאַפּן, אבי צו זיך צו קו־מען און פון גאָרטן ארויס; וועט עס מיר שאַטן, וועט מיר מיין ביילע מאַכן א „ווינער טרענקל"... א דאגה דאָס איז — האם! נאָר איך נעם אָן א פול מויל מיט קליינע שאַרפע שטיינדלעך; איך האָב מיר דאָס גאַנצע מויל צעבלוטיקט, און דאָס גראָז — „האיננו"! איך ליג אויף א גאָל שטיקל ערד, כלחוך השור!

אָ, שלעכט! איך זע בחוש, אז דער פריץ איז א מכשף און זיין גאָרטן איז א כישוף! א שווינדלער — א כישופמאַכער! ער האָט אפשר גאָר קיין גאָרטן, קיין פעלד, קיין וואַלד נישט; עס איז אינגאַנצן נאָר א כישוף, אבי ביי אן ערלעכן ייד א הלוואהלע צו מאַכן... פּראָצענט שרייבט ער צו, וואָס שאַדט עס?!

און מיט א הארץ, וואָס קלאַפּט ווי ביי א גזלן, שפּרינג איך אויף, און לויף מיט די לעצטע כוחות פון גאָרטן ארויס.

אָט בין איך אויפן פעלד...

איי — זאַנגען ווי גאָלד, זיי שאָקלען זיך ווי ערלעכע יידן ביי שמונה־עשרה... זיי פאַרבעטן מיך: קום, ייד, מאַך א ברכה; קום, פאַר־ציטערטער רבס אייניקל, און בייג צו די כשרע ליפּן...

איך לויף צו מיט אן אָפן מויל, נאָר דאָס פעלד לאָזט ארויס א געלעכטער! און לאַכנדיק זינגט עס, דאָס פּויערשע פעלד זינגט:

ווו ביסטו געווען
ווען דער פּויער האָט געאַקערט!
ווו ביסטו געווען,
ווען דער פּויער האָט געזייט?...

א רעכטע שיינע, ריינע כפּרה! ווי הייסט, ווו איך בין געווען? איך בין געזעסן און האָב געלערנט, תהילים געזאָגט, געדאַוונט! מעשות פון זיידן עליו־השלום, פון פאַרציטערטן רב, דערציילט... א דאגה, וואָס א ייד טוט?

וואָס קומט אָבער ארויס, וואָס איך וויים דעם אמת, אז די זאַנגען זינגען און רוקן זיך אָפּ. איך פּרוו זיי שוין גאָרנישט זאָגן, איך וויים שוין, וואָס כישוף באַטייט!

נאָר, ניין! נישקשה, פאַר הונגער וועל איך דאָך נישט שטאַרבן! עטלעכע געוויקסן, זע איך, שטייען אין דער מיט און רירן זיך נישט פון אָרט; זיי ווייסן, אז איך בין דעם פאַרציטערטן רבס אייניקל, אז איך זיץ

און לערן, און, אַז דאָס האַרץ איז מיר אַוועק, איז אַ מצווה איך זאָל עפּעס טועם זיין. איך רוק מיך צו, זיי שטייען; נענטער — זיי רירן זיך נישט פון אָרט! האָם! געוואַלט! עס ברענט, פייער האָב איך אין מויל, פייער, פייער! פּאַקשיווע איז עס געווען! ,

איך בין אַנידערגעפאַלן...

זכות־אָבות האָב איך געהאַט, און איך בין נישט געבליבן אויפן אָרט...

און אַז איך האָב מיך אויפגעכאַפּט, בין איך געלעגן אין בעט,ביילע מיינע האָט געוויינט און אויפן קאָפּ האָט מיך געדריקט אַ זעקל אייז.

— וווּ איז שׂרה? די כלה, וווּ איז? — פאַלט מיר פּלוצלינג איין צו פרעגן.

מיין ביילע צעוויינט זיך. ערשט אויף אַ קול.

זי איז אַוועק — זאָגט זי — עפּעס אין אַ פאַבריק אַריין, אַרבעטן וויל זי...

וואָס קלערט איר?! גאָרנישט!

איך בין אַנטשלאָפן געוואָרן און האָב מיך אויפגעכאַפּט שוין דאָ.

1895 י.

„אַז מע זאָגט „משוגע" — גלייב!"

איר פֿרעגט אויף משה יאָסעלעס? וועגן אַ שידוך פֿרעגט איר? אדרבא! וועמען דען זאָלט איר פֿרעגן, אַז נישט מיך? מיין חבר געווען, ווי דען! איך האָב אַפילו זייער גוט זיין פֿאָטער, דעם דיין, געקענט; לסוף ימיו ביי אונדז דיין געווען, אוודאי! ער זאָל מיר עס מוחל זיין, אַ מתנגד געווען, נאָר אַן אייזערנער מוח! אַזוינער מעג זיין אַ מתנגד, אַז אַ מענטש איז אַליין ביים צאַפּן!

אויס קבלה האָט ער אַפילו חוזק געמאַכט. נאָר איך גלייב אים זייער! אַ פֿאַרצייטיקער ייד, האָט ער אונדז, יונגעלייט, געוואָלט אָפּסטראַשן!

צו קיין גוטן־ייד איז ער טאַקע נישט געפֿאָרן, נאָר ער איז אַליין געווען אַ גוטער־ייד.

זיין זיצן און לערנען! מיט אַ נאַסן האַנטעך אַרומגעוויקלט דעם קאָפּ (אַנישט, זאָגט ער, ווערט אים דער מוח פּלאַצן), מיט איין פֿוס אונטער זיך... און פֿון אונטער די לאַנגע, בייזע ברעמען האָט זיך טאַקע ממש פֿייער געשיט! וואָס קלערט איר, אויב משה רב יאָסעלעס איז אַ מיוחס? איינגעטונקט אין יחוס! נאָר גלאַט, ער אַליין איז קיין לייט נישט! עס טוט מיר דאָס האַרץ ווי, נאָר וואָס אמת איז אמת! אַ פּלוט איז ער, אין מוח פֿעלט עפּעס!

יינגלווייז אויך אַן אייזערנער מוח געווען; זונטיק האָט ער שוין געקאָנט דעם שיעור אויסנווייניק! באַלד זונטיק!

נאָר משוגע! זיינע תנועות, זיינע העוויות, און אויך אַזוינע לאַנגע ברעמען, און ברענענדיקע אויגן, ווי דער פֿאָטער, עליו־השלום. נאָר דער פֿאָטער איז געווען מיושב און ער — משוגע. אַ יונג מאַכט זיך אַ מאָדע צו קוקן אין הימל אַריין! ער גייט, למשל, דורך — אַ וואָלקן, זעט ער אינעם אַ געשטאָרבענעם פֿעטער, אַ כהן־גדול, אַ צאַפּ... וואָס איר ווילט נאָר אַליין, זעט ער אין דער כמאַרע! איז דער הימל לויטער, זאָגט ער, אַז עס איז אַ האַשאַהשנהדיקער פּרוכת!

ווינטער פֿלעגט ער אָפּליגן גאַנצע טעג אין פֿענצטער און אַרויסקוקן

אויפן שניי. בריליאנטן, זאָגט ער, זעט ער אין שניי! ווײ, עס איז דען נאָכצודערציילן? איך וועל אייך לאַנג נישט ברייען, נאָר די מעשה איז אזוי געווען:

מיר האָבןביידע אין איין וואָך חתונה געהאַט; איך בין געפאָרן צום שווער קעסט עסן, און ער האָט זיך געזוכט אַ מעמד.

בײם שווער, ווי דער שטייגער איז, האָב איך גאָר אין משהלען פאַרגעסן; אין שטעטל דאָרט איז געווען אַ מחלוקת, האָב איך מיך שטאַרק אַריינגעלאָזט...

דערנאָך האָב איך מיינע צרות געהאַט: אַ קינד איז מיר, לאַחעליכם, געשטאָרבן, און מיט איר האָב איך אויך נישט גוט געלעבט; אַהין — אַהער, מיר האָבן זיך געגט און מע הייבט מיר אָן צו ריידן שידוכים פֿון דער היים!

איך לאָז איבער דאָרט די קינדער; זי וויל נישט, האָבן מיר אַ דין־תורה, דער רב פּסקנט, זי זאָל זיי האַלטן ביז צו דריי יאָר; קום איך אַהיים, גיי אין בית־המדרש אַריין און טרעף משהלען:

„וואָס מאַכסטו גוטס?"

— אַזוי... — ענטפֿערט ער.

„האָסט שוין עפּעס קליינוואַרג?"

— ניין, — מאַכט ער.

„פֿאַרוואָס?"

— איך ווייס פֿאַרוואָס?

„און וואָס טוסטו דערצו?"

— גאָרנישט!

איר הערט אַ תשובה!

„פֿאָרסט ערגעץ?"

— מיין טאַטע איז אויך נישט געפֿאָרן.

איר הערט אַן עסק! אַז דער טאַטע איז נישט געפֿאָרן, פֿאָרט ער אויך נישט! ווי הייסט? „איך האָב, זאָגט ער, אַ צוואה!" איך גלייב נישט מיינע אייגענע אויערן! אַז עס גייט וועגן קינדער, פֿאָרן קריסטן צום רבין!

ביי מיינעם, זאָל לעבן, האָב איך געזען איבער דער צייט, איך זאָל קיין גוזמא נישט זאָגן, איבער צוואַנציק געגאָלטע בערד... איינער האָט דעם רבין אַנידערגעלייגט פּופֿציק זילבערנע טאָלער! עס האָט אים אַפֿילו געהאָלפֿן; ווי אַ טויטן באַנקעס! וואָרעם טאַקע, העלף אַזוינעם, וואָס איז איינגע־טונקט אין עבודה־זרה; נאָר — ער האָט זיינס געטאָן! און דער — גאָר־נישט! מע זאָגט, עס פֿאָרט נישט אַ גראָבער־יונג, אַ טרעגער, אַ שוסטער — אָבער ער, משהלע?! וואָס איז, ער ווייסט נישט, אַז גאָט, ברוך־הוא,

איז אַמאָל אַמישנע גוזר, דער צדיק זאָל האָבן וואָס מבטל צו זיין? וואָרעם אז נישט, טאַקע, וואָס פאר א וועלט וואָלט זיך געפירט? אלץ על־פּי־דין... שטענדיק גלייך ווי אַ ווירע? נאָר, גיי, טענה מיט'ן! —

דערווייל האָט זיך מיר דער קאָפּ פאַרדרייט; איך בין געשטאַנען אין אַסך שידוכים אויפן אָרט, און געמאַכט האָט זיך, אַז איך האָב חתונה געהאַט פון דער פרעמד...

וואָס קלערט איר? מע האָט מיך אָפּגענאַרט, אַז עס איז מיר אַ חרפּה און אַ בושה געוועזן אויסצוזאָגן; אַהין און אַהער, איך קום צו פאָרן — מיין משהלע איז שוין אַן אלמן צום מזל! און דאָ הייבט זיך אָן אַ נייער שגעון! ער לאָזט זיך קיין שידוך נישט ריידן...

על־פּי־דין מעג מען ריידן אַ שידוך אין דער שבעה, וויל ער טאָן לפנים משורת הדין! דערנאָך וויל ער איבערוואַרטן שלושים; דערנאָך איז אים די ספירה נישט מזלדיק; דערנאָך פאלט אים איין צו וואַרטן אַ גאַנץ יאָר! און נאָך דעם אַלעם, אַז איך האָב שוין קוים דערלעבט און דאָס יאָר איז אַריבער, זאָגט ער ערשט, אַז ער איילט זיך נישט! אַן אַנדערער, זעסט, אַז דו קאָנסט זיך באַגיין אָן אַ ווייב, מהיכא תיתי, האָב חתונה, נעם אַ פּאָר גילדן נדן און פאָר ערגעץ אַוועק און ווער אַ פּרוש!

ניין, דאָס וויל ער נישט, דאָס דאַרף ער נישט! ער האָט גלאַט צייט! ער וויל זיך פּשוט מיישב זיין!

וואָס קלערט איר, ער האָט אָפּגעלעבט אַ פּאָר יאָר טאַקע, נישט פאַר אייך געדאַכט, ווי אַ כלב אין דרויסן! וואָרעם טאַקע באמת, וואָס איז ווערט אַ מענטש אָן אַ שטיקל יידענע? אָן אַביסל וואַרעמס, אָן אַ געקאָכטע קאַר־טאָפל? מיט הערינג האָט ער זיך געשפּייזט; געזעסן און געקנעלט און גע־געסן הערינג! אַ שיין לעבן!

אָט, קוקט מיך אָן, וואָס פאר אַ פּנים איך האָב! און ווי לאַנג איז, אַז מיין דריט ווייב איז נפטר געוואָרן? אפשר אַ האַלב יאָר!

נו? תוהו־ובוהו אין אַלע ווינקעלעך: אָן אַ העמד אויף שבת, די מחיה אין שענק איז אין דער ערד! קיין גאַנצע פּאָר פּלודערן נישט! און ער זיצט און קנעלט, אין גאָרנישט!

איר קאָנט פאַרשטיין אַ לעבן! אינדערפרי אַ ציבעלע מיט ברויט, מיטאָג אַ שטיקל הערינג, ביינאַכט די רעשט פונעם הערינג, וואַשן — וואַשט מען זיך מיט אַ קוואָרט ביים פּלומפּ אויפן הויף, מע ווישט זיך אָפּ אָן די פּאָלעס, און מע קייט הערינג מיט ברויט! וואָס קלערט איר, אַ שיין פּנים האָט ער געהאַט, צו גרונט איז ער געגאַנגען! קיין אויגן האָט מען נישט געזען, נאָר צוויי שוואַרצע לעבער אין קאָפּ! איינגעבויגן — כפל־שמונה, און אַ הולך, אַז גאָט זאָל זיך מרחם זיין!

ער האָט זיך אַרומגעדרייט ווי אַ שאָטן, ווי אַ מת, רחמנא לצלן, און האָט דעם גאַנצן קאָפּ פאַרלוירן; איינמאָל, שבת, לויפט ער אין בית־המדרש אַריין מיט טלית און תפילין אונטערן אָרעם! אַ מענטש גייט דורך דער גאַס, זעט שטריימלעך, אַטלאַסענע קאַפּאָטעס, פאַרמאַכטע געוועלבער און גאָרנישט, ער לויפט מיט טלית און תפילין!

— משהלע! — שרייט מען אים נאָך — ער הערט נישט! און דאָ איז שבת, מע טאָר קיין גרויסע שפּרייזן נישט מאַכן, און גלאַט — מע צעלייגט זיך פאַר געלעכטער! אַ מערכה, וואָס אַ שניידער־יונג האָט אים נאָכגעוואָרפן אַ שטיין, געטראָפן אין פּלייצע אַריין און ער איז אומגעפאַלן...

און אַ וווּנדערלעכע זאַך: כל זמן ער לערנט, לערנט ער, ער איז כאחד האדם, נישט צו דערקענען; ער דערהייצט זיך, רעדט, חזרט איבער — און דערביי איז ער פאָרט משוגע. מע האָט דערזען, אַז ער איז אַזוי פאַרטיפט אין לערנען, אַז ער פאַרגעסט אַמאָל אַ קינד אַ קלאַפּ צו געבן; דעם קאַנטשיק האָט ער שוין לאַנג ערגעץ פאַרוואָרפן! און, וואָס קלערט איר, די קינדער האָבן אַ גן־עדן אין חדר!

מע וואָלט אים צוגענומען דאָס מעמד, לערנט ער אָבער אַזוי ווויל, אַז די קינדער קענען אָן קניפּ, אָן אַ ריר; אַזאַ כוח האָט ער שוין געהאַט. פאַר דאָס, קוים פאַרמאַכט ער די גמרא, ווערט ער אוים מענטש, נישט צו גאַט, נישט צו לייט. ער פאַרגעסט צו עסן, צו שלאָפן, צו דאַוונען אפילו; אַ מערכה, וואָס ער האָט אַ מזל געהאַט צו די קינדער, דאָס לעבן האָבן זיי אים ליב געהאַט, זיי האָבן זיך פאַר אים מקריב געווען! אַלץ דערמאָנט און דערלאַנגט.

„רבי, וואָשט אייך" — זאָגט אים אַ תלמיד, וואָשט ער זיך. „רבי, עסט!" דאָס נישט! „עסן — זאָגט ער — וועט ער נישט; ער וויל וואַרטן, ער האָט פּיינט אַליין צו עסן!" טאָמער ווייסט איר, אויף וועמען ער וויל וואַרטן? ער וואַרט און זיצט אַזוי מיטן עק פון העריגנג אין דער האַנט און שאָקלט זיך און קוקט אין דער טיר אַריין, גלייך אליהו הנביא דאַרף אַריינ־קומען.

פּלוצלונג דערמאָנט ער זיך, אַפּנים, אַז אליהו הנביא קומט נאָר צום סדר, הייבט ער אָן צו עסן און צו וויינען צוזאַמען. „וואָס וויינט איר, רבי?" פרעגן אים די דערשראָקענע קינדער — ענטפערט ער נישט, דרייט זיך איבער צו דער וואַנט, און די קינדער הערן, אַז ער וויינט! טייל מאָל גייט ער צו צו דער קליידער־שאַנק, וואָס איז אים פון ווירטשאַפט געבליבן, עפנט זי אויף, שטעלט זיך אַנידער און קוקט, און קוקט, גלייך ער וואָלט דאָ דער גרויסער גביר געווען, און שטייט און קלערט, וואָס פאַר אַ קאַ־פּאָטע ער זאָל אָנטאָן, אַן אַטלאַסענע אָדער אַ זיידענע; מיט אָדער אָן

סטראָקעס! און דאָ, שווער איך אייך בנאמנות, איז אין שאַנק, אויסער אירע עטלעכע שמאַטעס, וואָס קיינער האָט צומאָל נישט געוואָלט אָפּקויפן, קיין לעק נישט געווען!

אין שטעטל, באמת, האָט יעדער זיינס אין זין, יעדער האָט מיט זיך צו טאָן. איך האָב יאָ אויף אים רחמנות געהאַט, בין איך פּונקט דעמלט צום ערשטן מאָל אָן אַלמן געוואָרן!

איך האָב אייך שוין דערמאָנט, אַז מיטן צווייטן ווייב האָב איך מיך גאָר אָפּגענאַרט, אָבער גאָר אינגאַנצן! זי האָט, געקרענקט און געקרענקט, ביז זי איז, נישט פאַר אייך געדאַכט, געשטאָרבן, און איך האָב ווייטער געמוזט זיך אַרומקוקן וועגן אַ שידוך און חתונה האָבן. וואָרעם, באמת, האָב איך שוין געהאַט, ווי מע זאָגט, „מיינע, אירע און אונדזערע" קינדער. און וואָס קאָן אַ מאַנצפּאַרשוין טאָן מיט קינדער? אדרבא, וואָס? זויגן וועל איך זיי? איינשלעפן? וואַשן און קאָרמען? עס איז מיר אוודאי ביטער געווען ווי גאַל, און האָב צו משהלען קיין צייט נישט געהאַט! נאָר קיין שלים מזל ברוך־השם, בין איך נישט. איך האָב געזען, ווי צו טאָן, און האָב חתונה געהאַט צום דריטן מאָל, טאַקע מיט דעם דריטן ווייב, וואָס איז לאָ־עליכם, נישט פאַר אייך געדאַכט, נישט פאַר קיין שום ייד געדאַכט, ערשט נישט לאַנג געשטאָרבן. זי איז אפילו אַ בריה אַ יידענע געווען, צו דער שענק ווי געוווּנטשן, און דווקא נישט געקינדלט.

וואָס טוט גאָט? פּאַרקילט זי זיך — אינמיטן זומער, אין חודש תמוז! — אין מקווה... קריגט אַ לונגען־אָנצינדונג, קאָסט אָפּ אַ מטמון מיט געלד, און שטאַרבט אוועק! הכלל, ווו האַלט איך? יאָ, מיטן דריטן ווייב האָב איך דעמלט חתונה געהאַט, און קוים האָט זי איבערגענומען די שענק און איך האָב געזען, אַז איך האָב מיך אויף וועמען צו פאַרלאָזן, האָב איך מיך באַלד גענומען משהלען פאַרזאָרגן!

„דו מוזט חתונה האָבן — זאָג איך — „דיין טויט וועט זיין, אַז חתונה האָבן מוזטו!"

ער הערט מיך ווי־ן רב! אַזוי, טראַכט איך, וואַרט! איך האָב אָפּגעשטעלט מיט די באַלעבאַטים, מע האָט אים מכלומרשט דעם חדר צענומען! איינמאָל פאַר אַלעמאָל — אַ מלמד מוז האָבן אַ ווייב! מיין משהלע — גאָרנישט; אָן תלמידים איז אָן תלמידים!

ער גייט זיך אַרום הינטער דער שטאָט שפּאַצירן, וואַלגערט זיך אַרום אויפן לאַנקע ביים טייך... נישט זיין זאַך! וועט ער הונגעריק, קומט ער אין שטאָט אַריין און כאַפּט ערגעץ אַ שטיקל ברויט, וואַשט זיך, עסט און בענטשט, און גייט אַוועק. איך מיין שוין, אַז עס וועט דערפון גאָרנישט זיין, נאָר צום דריטן טאָג, משהלע איז דאָ אין בית־המדרש! ער וויל שוין

חתונה האָבן! אפשר מיינט איר, ער איז צום שכל געקומען? ער האָט אַ ישוב געהאַט, אַז אַ מענטש אָן אַ ווייב איז קיי און שפּיי? חס־ושלום! נאָכן קנעלן בענקט ער! די קינדער פעלן אים!

נו, זאָל זיין פון אַ קאָזאַק, אבי צום לעבן! ער גיט האַנט — תקיעת־כף, אַז ער וועט חתונה האָבן, מיך מאַכט מען פאַר אַן עומד, איך זאָל אים אויסזוכן אַ שידוך, און ער קריגט צוריק די תלמידים!

און וואָס קלערט איר, אַז איך האָב גענומען די זאַך אין דער האַנט אַריין, האָט אוודאי געברענט אונטער די פינגער! נאָר איך קען נישט זאָגן — אַ גאָט זאַך איז עס אויך געווען! פונקט מאַכט זיך אים אַ ווילער שידוך! פריער האָט מען אים אפילו מיר אָנגעשלאָגן, נאָר אַ שדכן, אַ ימח־שמוניק, האָט מיר דעם קאָפּ פאַרדרייט. שטעלט איך פאַר, אַ יידענע, אַ ישמאַליק־גרוב, אָנגעזאַפּט מיט עשירות! אַ בעל־הלוואהניצע, אַן אלמנה, אויף משכנות פלעגט זי לייען, און אַ בריה נפלאה געווען; אויפן קאָפּ דאָס גאַנצע געשעפט געפירט, און קיין איינציק מאָל אויף איר היזק, אויף דער האָר זיך נישט טועה געווען. און זי האָט אים דווקא געוואָלט, אַזאַ מזל האָט ער שוין געהאַט! איך קלער אים צוזאַמען צומאַכן אויף מלבו־שים, כאָטש אַ שטריימל קויפן... אַ טלית־קטן; שיקט זי זאָגן, אַז זי וויל נישט, זי גיט אַ פינף און צוואַנציקער, און מע האָט מלבוש ומנעיל גע־ווען כיד המלך... פון אלעם גוטן: אַ שטריימל, שיך און זאָקן, צוויי טליתים קטנים, צוויי צי דריי פּאָר פלודערן... מען האָט קיין שהיות נישט גע־מאַכט, באַלד אַ חופה געשטעלט און מיין משהלע שיינט אונטער דער חופה ווי אַ שרהלע, נאָר וואָס דאָס משוגענע פּנים רוט נישט אַ רגע, גלייך ער וואָלט ווייען געהאַט. די ליפּן ציטערן ווי ביים אָפּשפּרעכן אַן עין־הרע. און די אויגן ברענען עפּעס נישט היימלעך... אמת משוגע! נאָר באַלד האָט זיך גאָר געמאַכט אַ נייער שגעון!

ערשטנס, וויל נישט די יידענע, ער זאָל קנעלן. זי פאַרדינט אפשר צען רובל אַ וואָך, וואָס טוט עם איר? וואָס דאַרף זי עס? זיץ און לערן און שמעלץ זיך אין מילך און פּוטער! וויל ער נישט! ער מוז קנעלן, ער איז שוין געוווינט צו די קינדער, ער קאָן אָן זיי נישט לעבן! וועסט האָבן דיינע אייגענע קינדער! ניין, דערוויל מוז ער האָבן אַ מעמד.

נו, אַ שיינע כפּרה, האַלט זיך ביי דעם מעמד; ווערט ער אָבער אויפּסניי פאַרטראַכט, הערט ממש אויף צו ריידן, אויסער ביים לערנען מיט די קינדער... און אַזוי האָט ער נישט מער ווי צוויי ווערטער אין מויל: ס׳איז נישט דאָס! וואָס „נישט דאָס”, ווער „נישט דאָס”, ווייסט מען נישט.

די יידענע, נעבעך, האָט זיך דאָס לעבן געשטרעקט, טאַקע מקריב

געוועזן פאר אים; געקאכט און דערלאנגט דאס שענסטע און דאס בעסטע, און ער הייבט אלעמאל אויף די אויגן, כאפט א שווערן אטעם און זיפצט: נישט דאס! ס'איז גאר נישט דאס!

ער פארזיצט זיך אמאל ביינאכט אין בית־המדרש, נישט ער דאוונט, נישט ער לערנט, נאר גלאט, ער זיצט אזוי איבערן שטענדער אדער שפרייזט ארום פון איין וואנט צו דער צווייטער. דער לעצטער, וואס גייט ארויס, קריגט אויף אים רחמנות, רופט אים מיט: „משה, גייסטו?" ער ענטפערט נישט. „פארוואס גייסטו נישט אהיים?" ער שווייגט. מע כאפט אים אן ביים אקסל און שאקלט מיט אים, כאפט ער זיך אויף ווי פון דער הינער־פלעט און זאגט: „ס'איז נארנישט דאס!"

שלעכט, דאס ווייבל, נעבעך, האט מיר דעם קאפ פארווייגט; ווארום טאקע, איך האב דאך זי אריינגעפירט, איך בין דאך דער ערב־קבלן געוועזן...

און עס שניידט מיך טאקע ביים הארץ; א יידענע נעבעך, אזויפיל הוצאות געמאכט, אזויפיל געלד אפגעקאסט און איינגעהאנדלט זיך א „גארנישט דאס"! מילא, וואס קאן איך העלפן? איך גיב איר אן עצה, זי זאל אים פארנארן צום רבין... מע' מאכט א פלאן אויף ראש השנה. ווארום טאקע, ראש השנה איז גרעסער דער עולם — טאקע א וועלט קומט אויף ראש השנה! — האבן מיר א קימא לן, אז דער כוח פון צדיק איז אויך גרעסער. נאר פאר ראש השנה טרעפט זיך אזא מעשה! איינמאל, אונטער־צייט, זאגט אים דאס ווייבל פאר דער וועטשערע, ער זאל ארויסגיין פארמאכן דעם לאדן. ווארעם טאקע, זי וויל נישט עסן צוזאמען ביי אפענע פענצטער; זי נעמט די שרויף אין דער האנט אריין, ער גייט ארויס, אויפן וועג זיפצט ער: „ס'איז נישט דאס!" ער שפארט אונטער דעם לאדן, זי פארשרויפט, נאר קומען — קומט ער שוין נישט אריין, ער איז נעלם געווארן.

וואס קלערט איר, עס האט זיך געטאן אין שטעטל! מע האט גערעכנט: א משוגענער, איז ער זיך אין דער קעלט געגאנגען באדן און איז דער־טרונקען געווארן, אדער ער איז אזוי ארויסגעגאנגען היינטער דער שטאט און האט פארבלאנדזשעט, א דאגה אויף א משוגענעם! מע האט געדונגען פויערים, געזוכט אין טייך, אין דער געגנט, קיין זכר פון א מענטש! אויף אנטלויפן איז נישט צו רעכענען, ווארום טאקע, עס טרעפט זיך א מענטש אנטלויפט פון א ווייב, מהיכא תיתי, נישט איינער אנטלויפט, נאר — א מענטש עסט אפ וועטשערע, נעמט מיט א קאפאטע! ווער לאזט עס שטיין א שיסל קליסקעלעך מיט באבעלעך און לויפט אוועק אין אן אלטער, וואכעדיקער טוועטע? און עס איז א הארץ רייסנדיק רחמנות אויף דער עגונה נעבעך — עס האט זי וויניק געקאסט? א לייטישע חתונה, מלבושים,

רח"ש... און פאַרוואָס? פאַר ווען? פיר וואָכן געלעבט מיט אַ מאַן! און וואָס פאַר אַ לעבן! אומשטיינסגעזאָגט — אַ לעבן! מע קאָן נישט זאָגן, ער האָט איר אַפילו קיין שלעכט וואָרט נישט גערעדט. נאָר קיין גוטס אויך נישט, אַלץ די משוגענע ווערטער: „ס'איז נישט דאָס"! עס איז איר, נעבעך, אַזוי אויך טאָג אויף טאָג דער מאַמעס מילך איינגעפאַלן, דאַרף זי נאָך ווערן אַן עגונה!

וואָס טוט מען? מע שרייבט צו רביים; עס העלפט נישט! האָט מען געפרעגט אַ שאלה, צי מע מעג שרייבן אויפן „מגיד"...

אײנער האָט יאָ געהייסן דער צווייטער — נישט געהייסן; מילא, מתיר צו זיין אַן עגונה, האָט מען יאָ געשריבן, נאָר לעבן זאָל ער אַזוי, דער „מגיד", ווי ער ווייסט עפּעס און פונוואַנען זאָל ער וויסן? אַז די רביים האָבן נישט געוווּסט!

גאָרנישט, ווי אין וואַסער אַריין!

דאַכט זיך ישוין פאַרפאַלן? ניין! פאַלט פּלוצלינג ווי פון הימל אַראָפּ אַ שליח מיוחד מיט אַ גט! אפשר מיינט איר פון ווייט? ניין, דווקא פון פינף וויאָרסט אונטער דער שטאָט, פון פּיטשעוּקי.

נו, האָט גאָר געקאָנט עמעצן איינפאַלן, אַז אַ משוגענער וועט אַנט־לויפן אינגאַנצן אויף פינף וויאָרסט? עס איז גאָר קיינעם אויף דער מחשבה נישט געקומען, אַזוי נאָענט צו זוכן! ביים גט שיקט ער איר נאָך צו אַ חרם־קוויטל אויף 200 גילדן פאַר אירע הוצאות. אויסצאָלן, שרייבט ער, וועט ער אַ גילדן אַ וואָך, און איז איר משועבד דערויף אַלע זיינע נכסים! דעם ערשטן גילדן האָט איר דער שליח געבראַכט!

אין אַ פאָר וואָכן אַרום איז ער אַליין געקומען און האָט זיך ווייטער אויסגעזוכט אַ מלמדות.

— משוגענער — פרעג איך אים, — נאָך וואָס ביסטו געקומען, האָסט נישט געקאָנט דאָרטן קנעלן?

— איך האָב געבענקט! — זאָגט ער.

— צו וועמען?

— צום היגן בית־עלמין! — זאָגט ער, און ער זאָגט עס אַזוי ערנסט, אַז אַ גרויל גייט דורך די ביינער! איר האָט געהערט, אַ מענטש זאָל בענ־קען צום בית־הקברות? ער בענקט! און ער זאָגט קיין שקר נישט!

נאָך מעריב גייט ער נאַכט אויף נאַכט אַרום הינטער דער שטאָט און דרייט זיך אַרום בית־עלמין! אַ כהן איז ער, אַריינגיין טאָר ער נישט, דרייט ער זיך אַרום צוים און קוקט פונווייטנס אויף די מצבות!

וואָס פאַר אַ שוואַרציאָר, קלער איך, איז דאָס? צי איז עס נישט

אמאָל אַ סגולה אויף קינדער? צי איז ער נישט אַ מקובל געוואָרן? אפשר גאָר אַ כּישוףמאַכער.

וואָס זאָל איך אייך זאָגן, עס זיינען מיר שוין געקומען הוריות אין קאָפּ אריין, אַ קשיא אויף אַ מעשה! אָדער ער איז אַ באַהאַלטענער צדיק, אָדער ער האָט פאַרקויפט די נשמה אין גיהנום אריין, ווייס איך? קליינער־היט האָב איך געהערט, אַז אויב מען ציט אַ ליכט מיט חלב פון אַן ער־פהלע אויף אַ פאָדעם פון אַ ציצי — ווערט מען אַ רואה ואינו נראה — און גלייבט מיר, ווען איך ווייס נישט, אַז ער איז אַ כהן, וואָלט איך זיכער געמיינט, אַז ער האָט זיך מתחבר געווען מיט אַ חברה גנבים און זוכט אַ נפהלע אונטערן צוים! גנבענען, פאַרשטייט זיך, וועט משה רב יאָסעלעס נישט, אָבער ליכט צו שמעלן, אפשר יאָ... אַ דאגה! וואָס טוט נישט אַ ייד צוליב פרנסה?!

עס איז אָבער נישט! ער קוקט שוין וואָכנלאַנג און קוקט, און גאָר־נישט; מע הערט נישט און מען זעט נישט! און גיי פאַרשטיי?

פאַרשטייט איר שוין, וואָס מע מיינט „שגעון”? אַז מע זאָגט „משוגע” — גלייב!

אַזוי, אַזוי רב קרוב, משהלע איז מיין חבר, איך האָב אים ליב דאָס לעבן... נאָר משוגע, נעבעך, איז ער... חתונה מאַכן איז אים שווער, זייער שווער... מילא, איך זאָג אייך נישט „ניין”... איר ווילט דאָך אוודאי עפּעס פאַרדינען, טוט ווי איר פאַרשטייט.

זעט איר, אויב איר האָט פון מיינעטוועגן אַ שידוך...

1895 י.

י. ל. פרץ און זיין פרוי אין יאָר 1914

חתונה געהאַט

איך געדענק מיך נאָך פון דער צייט, ווען איך האָב אין צייכן געשפּילט און זומער־צייט אויפן הויף פון ליים חלות געבאַקן; ווינטער בין איך אַ גאַנצן טאָג געזעסן אין שטוב און געוויגט אַ קליין ברודערל, וואָס איז געבוירן געוואָרן קראַנק און האָט געקרענקט ביז צום זיבעטן יאָר, ווען עס איז געשטאָרבן אויף אַן אונטערגאַנג. —

זומער, כּל־זמן די זון האָט געשיינט, איז דאָס אומגליקלעכע באַשעפעניש געזעסן אויפן הויף, געוואַרעמט זיך אויף דער זון און געקוקט, ווי איך שפּיל אין צייכן.

ווינטער איז עס פון וויג נישט אַרויס, און איך האָב אים מעשׂות דערציילט און לידלעך געזונגען. די רעשט ברידער זיינען אַלע אין חדר געווען.

די מאַמע איז שטענדיק געווען פאַרנומען, אפשר 10 פּרנסות האָט זי געהאַט, די אָרעמע מאַמע: אַ פּשעקופּקע געווען, לעקעך געבאַקן, אויף בריתן און חתונות געגאַנגען... טוקערן געווען, קברים־מעסטערן, זאָגערן, און אַזוי אַן אייניקייפערן פאַר באַלעבאַטישע הייזער.

דער טאַטע איז פאַר 3 רובל אַ וואָך געווען אַ שרייבער ביי ר׳ זיינוול טערקלבוים אין וואַלד. — און דעמלט זיינען נאָך די גוטע צייטן געווען: די מלמדים — באַצאָלט, דירה־געלט — כּמעט צו דער צייט, קיין טרוקן ברויט אין מויל אַריין האָט נישט געפעלט.

טײַלמאָל האָט די מאַמע אויף וועטשערע אַ קולישע געמאַכט. דעמלט איז שוין אַ גאַנצער יום־טוב געווען. דאָך האָט עס זעלטן פּאַסירט.

די מאַמע פלעגט מערסטנטייל אַהיימקומען שפּעט, מיד; גאַנץ אָפּט פאַרוויינט און פאַרביטערט. זי קלאָגט זיך, אַז עס ווערן איר ביי די באַבעלאָבּסטעס חובות פאַרפאַלן; אַז מען הייסט איר אויסליגן, דערנאָך — קומען מאָרגן און איבערמאָרגן... דערווייל ווערן נייע קניות געמאַכט, און צום סוף, אַז עס קומט צום חשבון, געדענקט נישט די באַ־

לעבאָסטע, צי זי האָט נישט באַצאָלט פאַרן אייערנעכטיקן האַלב־קוואַרטירל פוטער... מע „שטעלט עס דערווייל אַוועק", מע מוז פרעגן דעם מאַן, וואָס איז העריביי געווען: ער האָט אַן אייזערנעם זכרון, וועט אַוודאי געדענקען, ווי אַזוי דער חשבון איז געווען. צומאָרגנס ווייזט זיך אויס, אַז דער מאַן איז אַהיימגעקומען צו שפּעט פון בית־המדרש און זי האָט'ן פאַרגעסן צו פרעגן; דעם דריטן טאָג דערציילט זי מיט נחת, אַז זי האָט געפרעגט דעם מאַן, נאָר ער האָט זיך אויף איר געבייזערט, וואָס זי פאַרדרייט אים דעם קאָפּ: „ער האָט מער נישט וואָס צו טאָן, נאָר אױסצוהערן ווייבערישע חשבונות!" און עס בלייבט, אַז זי וועט זיך אַליין דערמאָנען.

דערנאָך הייבט זיך איר אָן דאַכטן, כמעט אויף זיכער, אַז זי האָט דאָס האַלבע קוואַרטירל פאַררעכנט; שפּעטער וואָלט זי מויערן דערויף געשטעלט. און, אַז די אָרעמע מאַמע דערמאָנט נאָך אַמאָל וועגן קוואַרטירל, הייסט זי שוין אַ חצופה, מאַכט זי אַ בלבול, וויל זי אויסנאַרן אַ האַלבן גילדן... איז מען זי מתּרה, אַז אויב זי וועט נאָך אַמאָל אַ פּיפּס טאָן וועגן דער פוטער, זאָל זי זיך מער אין די אויגן נישט ווייזן!

די מאַמע, וואָס איז אַמאָל אַ „גבירישע טאָכטער" געווען, און וואָלט, ווען נישט דער פּריץ, וואָס האָט איר צוגענומען דעם נדן, אַליין אַ באַלעבאָסטע געווען, האָט עס נישט געקאָנט לייכט איבערטראָגן; זי פלעגט טײלמאָל אַהיימקומען מיט געשוואָלענע אויגן, געוואָרפן זיך מיט אַ געוויין אויפן בעט און אַזוי אָפּגעלעגן אַ גרויסע ווײַלע און וויינען, און ביטערלעך וויינען, ביז זי האָט זיך אויסגעוויינט דאָס ביטערע האַרץ, און איז אויפגעשטאַנען און אָפּגעקאָכט אונדז אַביסל קליסקעלעך מיט באָבעלעך.

טײלמאָל האָט זי אויסגעלאָזט דעם כעס צו אונדז; איינגנטלעך, דער עיקר צו מיר: דעם קראַנקן בערל האָט זי קיינמאָל גאָרנישט געזאָגט, די ברידער פון חדר אויך גאַנץ זעלטן — זיי פלעגן נעבעך אַהיימקומען אַזוי אויך מיט ברוינערבלויע אויסגעקניפּטע באַקן און אונטערגעשלאָגענע אויגן; פאַר דאָס האָב איך גאַנץ אָפט געלייזט אַן אומזיסטן ריס ביי די האָר אָדער אַ מתּנת־יד.

„דו ביסט נישט קראַנק געווען דערווייל אָנצוליִיגן אַ פייער, צושטעלן אַ טעפּל וואַסער" — און דאָך, אַז איך האָב עס אַמאָל געטאָן, איז נאָך ערגער געווען: „זע נאָר מיין באַלעבאָסטע! גאָרנישט, אַ פייער ליִיגט זי אָן, דאָס האָלץ זאָל זיך דערווייל אומזיסט און אומנישט אויסברענען... עס אַרט זי עפּעס מיין פּראַצע? — בדלות מאַכט זי מיך!"...

טיילמאָל האָט דער טאַטע געלייזט אונטער די אויגן; די מאַמע זעצט זיך אַנידער אויפן בעט מיטן פּנים צום פענצטער, און אַרויסקוקנדיק אין דער לופט אַריין, קרעכצט: „עס אַרט אים עפּעס? ער זיצט זיך דאָרט אין וואַלד, ווי אַ כראַביע, שמעקט פרישע לופט, ליגט זיך אויפן גראָז, פרעסט זוויער־מילך, אפשר נאָך סמעטענע, איך ווייס? און דאָ דאַרן מיר די קישקעס!"...

ביי דעם אַלעם איז דעמאָלט גוט געווען, מע האָט קיין הונגער נישט געליטן, און נאָך אַ וואָך מיט פאַרשידענע קליינע צרות איז געקומען אַ פריילעכער, על־כל־פּנים, אַ רויקער שבת. דער טאַטע פלעגט אָפט אהיימקומען, און די מאַמע פלעגט זיך אַרומדרייען אין אַלע ווינקעלעך און בסוד־סודות שמייכלען.

אָפט פלעגט פריטיק פאַרנאַכט, פאַר ליכט בענטשן, די מאַמע מיך קושן אין קאָפּ אַריין... איך האָב געוווּסט, וואָס דאָס באַדייט, וואָרום אַז עס האָט געטראָפן, און דער טאַטע איז נישט אַהיימגעקומען אויף שבת, בין איך „אַ מכשפה" געווען, האָט מיר די מאַמע מיטן קעמל האַלב האָר אויסגעריסן און דערצו נאָך עטלעכע זעץ דערלאַנגט אין די פּלייצעס. איך האָב נישט געוויינט; מיין קינדיש האַרץ האָט געפילט, אַז דאָס מיינט די מאַמע נישט מיך, נאָר איר טרויעריק מזל!

דערנאָך האָט זיך דער וואַלד אויסגעהאַקט, דער טאַטע איז אין דער היים געבליבן און עס האָט אָנגעהויבן פעלן אין מויל אַריין. געפעלט, איינגטלעך, האָט נאָר דעם טאַטן, דער מאַמען און מיר; די רעשט קינדער האָבן ווייניק וואָס געוווּסט דערפון; דאָס קראַנקע ברודערל האָט גאָרנישט געדאַרפט, עס האָט געזופּט אַמאָל אַביסל גריץ, אויב מע האָט אים דערלאַנגט, און אַלץ אײנײנעם געקוקט אויפן בעליק... די אַנדערע, נעבעך, גייען אין חדר אַריין, „זיי מוזן דאָך האָבן אַ לעפל געקעכטס"... נאָר איך בין גאַנץ אָפט הונגעריק געווען.

דער טאַטע מיט דער מאַמען האָבן שטענדיק דערמאָנט די אַמאָליקע צייט מיט טרערן אין די אויגן; איך — פאַרקערט! איך האָב מיך אין דער שלעכטער צייט בעסער געפילט. זייט עס האָט געפעלט ברויט אין שטוב, האָט מיך די מאַמע טאָפּלט ליב באַקומען: ביים קעמען האָט זי מיר די האָר נישט געריסן, אין די דאַרע ביינער אַריין נישט געבוּכעט; דער טאַטע פלעגט מיך ביים וואַרעמס גלעטן איבערן קאָפּ און פאַרשפּילן מיך, איך זאָל נישט זען, ווי מע פאַרטיילט מיך; און איך בין נאָך ביי מיר גרויס געווען, אַז, ווען מע דאַרף פאַסטן, פאַסט איך

גלייך מיטן טאטן און מיט דער מאמען, אז איך בין שוין א גרויסע מויד!

אין דער צייט איז דאס קראנקע ברודערל געשטאָרבן.

געשען איז עס אזוי: איינמאָל האָט זיך די מאמע אויפגעכאפּט און געזאָגט איבערן בעט צום טאטן: „ווייסט, בערלען איז אוודאי בעסער, ער איז א גאנצע נאכט געשלאָפן, קיין איינציק מאָל נישט געוועקט".

איך האָב עס דערהערט — איך האָב שטענדיק א לייכטן שלאָף געהאט — און בין מיט פרייד אראָפּגעשפּרונגען פון געלעגער אויפן קאסטן, אין צוגעלאָפן צו מיין „איינציקן ברודערל" (אזוי האָב איך עס גערופן, אזוי ליב האָב איך עס געהאט). איך האָב געהאָפט צו דער־זען אויפן פארמעטענעם פּנימל א שמייכל, וואָס פלעגט זיך באווייזן אמאָל אין א יאָר... נאָר איך האָב א טויט פּנים געפונען.

עס איז געוואָרן א שבעה...

דערנאָך איז דער טאטע נישט געזונט געוואָרן, און דער רופא האָט אָנגעהויבן צו גיין אין שטוב אריין...

כל־זמן עס איז געווען, ווי־עס־איז צו צאָלן, פלעגט אריינגיין דער אלטער רופא אליין; דערנאָך, אז דאָס גאנצע בעטגעוואנט מיטן הענגל־לייכטער, מיטן טאטנס ספרים־שאנק, וואָס די מאמע האָט א צייט נישט געלאָזט רירן, זיינען אריין אין רפואות, האָט דער רופא אָנגעהויבן שיקן דעם „יונג".

דער יונג איז דער מאמען שרעקלעך נישט געפעלן: עס שפּראָצן אים עפּעס שפּיציקע „וואָנסעלעך", גייט אָנגעטאָן ווי א גוי, און דערצו וואַרפט ער אלעמאָל אריין עטלעכע ווערטער פויליש.

איך האָב פאר'ן מורא געהאט, עד־היום ווייס איך נישט פארוואָס. נאָר, ווען ער האָט געדאַרפט קומען, פלעג איך ארויסלויפן אויפן הויף און איבערוואַרטן ביז ער וועט אוועקגיין.

איינמאָל איז א שכן קראנק געוואָרן, אויך אן אָרעמאַן, און אויך אפּנים נאָך אלע כלים אין שטוב. און דער יונג (עד־היום ווייס איך נישט, ווי אזוי ער האָט געהייסן) איז פון אונדזער שטוב אריבערגעגאנגען צום שכן. דורכגייענדיק דעם הויף, האָט ער מיך געטראָפן זיצן אויף א קלאָץ.

איך האָב אראָפּגעלאָזט די אויגן. דערפילנדיק, אז ער קומט צו מיר נענטער, איז מיר קאלט געוואָרן אין די קניעלעך און דאָס הארץ האָט מיר אָנגעהויבן שטאַרקער צו שלאָגן.

ער איז צוגעקומען, האָט מיך אָנגענומען ביי דער גאָמבע, אויפ־

געהויבן מיר דעם קאָפּ און געזאָגט, דווקא אויף פּראָסט יידיש:

— „אַ שיינע מויד ווי דו ביסט, דאַרף נישט זיין צעשויבערט, דאַרף זיך אויך פאַר קיין בחור נישט שעמען!".

ער האָט מיך אָפּגעלאָזט, און איך בין אַריינגעלאָפן צוריק אין שטוב. איך האָב געפילט, אַז דאָס גאַנצע בלוט שלאָגט מיר אַלץ איינינעם אין פּנים אַריין. איך האָב מיך פאַרריקט אין טונקעלסטן ווינקל אונטערן אויוון, מכלומרשט, אויסציילן די ברודיקע וועש... דאָס איז געווען מיט־וואָך.

פרייטיק האָב איך דאָס ערשטע מאָל דער מאַמען אַליין דערמאָנט, אַז מע דאַרף מיר אויסוואַשן דעם קאָפּ, אַז איך בין צעשויבערט.

— אַ קלאָג איז צו מיר! — האָט די מאַמע פאַרבראָכן די הענט,

— איך האָב זי דאָך דריי וואָכן נישט געקעמט!

פּלוצלינג ווערט זי בייז:

— מכשפה — האָט זי אויסגעשריגן, — אַזאַ גרויסע, בייז־דער־וואַקסענע מויד קאָן זיך אַליין נישט צוואָגן! אַן אַנדערע אויף דיין אָרט וואָלט נאָך די אַנדערע קינדער געוואַשן!

— שרהלע, שריי נישט! — בעט זיך דער טאַטע; נאָר דער מאַמעס כעַ ווערט שטאַרקער און שטאַרקער:

— מכשפה, הערסט! שוין זאָלסטו דיך צוואָגן! הערסט! הערסט — די אותה רגע. הערסט!

און דאָ האָב איך מורא צוצוגיין צום קוימען, וווּ דאָס הייסע וואַסער איז געשטאַנען ווייל, דורכגייענדיק דורך דער מאַמען, וואָלט איך געלייזט אַ בוכצע, געראַטעוועט האָט מיך, ווי געווינלעך, דער טאַטע.

— שרהלע, — האָט ער געקרעכצט — שריי נישט, מיר טוט דער קאָפּ אַזוי וויי!...

דאָס איז געגנג געווען. דער מאַמעס כעס איז ווי מיט דער האַנט אַוועקגענומען געוואָרן... איך בין פריי דורכגעגאַנגען די שטוב און צוגע־קומען צום טאָפּ וואַסער.

איך צוואָג מיך אומגעלומפּערט און זע, ווי די מאַמע גייט צו צום טאַכן און ווייזט אויף מיר מיט אַ שווערן זיפץ:

— ריבונו של עולם, עס וואַקסט נעבעך, ווי אויף הייוון, מאַכט זי שטיל צום טאַטן, נאָר מיין אויער כאַפּט יעדעס וואָרט — שיין ווי אַ גאָלד... און וואָס?

דער טאַטע האָט געענטפערט מיט נאָך אַ טיפערן זיפץ.

דער רופא האָט נישט איינמאָל פאַרזיכערט, אַז דעם טאַטן איז גאָר־נישט. דאָס עגמת־נפש האָט זיך אים געלייגט אויף דער לעבער, דער־בער איז זי אויפגעשוואָלן און דריקט צו דאָס האַרץ; מער נישט; דער עיקר זאָל ער מילך טרונקען, קיין עגמת־נפש זיך נישט צולאָזן, גיין אין גאַס אַריין... ריידן, שמועסן, זוכן זיך אַן עסק... דער טאַטע האָט אָבער געזאָגט, אַז די פיס ווילן אים נישט טראָגן. פאַרוואָס, בין איך ערשט שפּעטער געוואָר געוואָרן.

איינמאָל, זומער פאַרטאָג, האָט מיך אויפגעוועקט אַ שמועס צווישן טאַטע־מאַמע:

— ביסטו דיך אין וואַלד, נעבעך, אָנגעגאַנגען, — מאַכט די מאַמע.

— אַ שאלה דאָס איז, — ענטפערט דער טאַטע, — אין וואַלד האָט מען אויף צוואַנציק ערטער געהאַקט אויף איינמאָל. פאַרשטייסט, דער וואַלד איז דעם פּריצס, די פויערים האָבן אָבער סערוויטוטן: זיי קומט די צווייגן, וואָס פאַלן אַראָפּ און וואַלגערן זיך אין וואַלד, ווי אויך דאָס האָלץ פון דיביימער, וואָס אַ דונער צעשלאָגט... נו, אַז מע האַקט אויס דעם וואַלד, האָבן זיי האָך היזק דעם סערוויטוט, מוזן זיי זיך קויפן האָלץ צום בויען און צום הייצן, האָבן זיי, פאַרשטייט זיך, געוואָלט לייגן אַן אַרעסט, אַראָפּברענגען דעם קאָמיסאַר; זיי האָבן זיך אָבער צו שפּעט מיישב געווען. ר׳ זיינוועלע האָט נאָר דערזען, אַז זיי קראַצן זיך אין די קעפּ, האָט ער שוין געגעבן אַ באַפעל, מע זאָל אַנידערשטעלן נאָך פערציק האַקער! עס איז געוואָרן אַ גיהנום, אפשר אויף צוואַנציק ערטער האָט מען געהאַקט. אין זיין מוז מען אומעטום... וואָס קלערסטו? די פיס פלעגן מיר געשוואָלן ווערן ווי די בוראַקעס...

— ווי אַ מענטש זינדיקט! — קרעכצט די מאַמע — איך האָב גע־מיינט, אַז דו האָסט דאָרט גאָרנישט, וואָס צו טאָן...

— אוודאי! — שמייכלט טרויעריק דער טאַטע — נאָר פון גרויען טאָג ביז שפּעטער נאַכט אויף די פיס!

— און אַלץ פאַר 3 רובל אַ וואָך? בייזערט זיך די מאַמע.

— ער האָט מיר צוגעזאָגט צו דערלייגן, דערווייל, ווייסטו דאָך איז אים די טראַטווע אונטערגעגאַנגען... האָט ער געזאָגט, אַז ער איז בדיל־הדל געוואָרן...

— און דו גלייבסט?

— עס קאָן זיין...

— שטענדיק — בייזערט זיך די מאמע — ווערט ער בדיל־הדל און דאָס פֿאַרמעגן וואַקסט און וואַקסט.

— אַז גאָט העלפֿט, — זיפֿצט דער טאַטע.

עס איז שטיל אַ ווײַלע.

— ווייסט ניט, וואָס מאַכט ער? — פֿרעגט דער טאַטע, וואָס איז שוין כמעט אַ יאָר ניט אַרויס פֿון שטוב.

— וואָס זאָל ער מאַכן? ער האַנדלט מיט פֿלאַקס, מיט אייער; אַ שענק האָט ער...

און זי וואָס מאַכט?

— זי, נעבעך, קראַנק...

— אַ שאָד, אַ גוט מענטש —

— אַ בריליאַנט! די איינציקע באַלעבאָסטע, וואָס „מאַכט ניט אײַן" אַ גראָשן; זי וואָלט אַפֿילו געצאָלט צו דער צייט, נאָר זי האָט בײַ אים ווייניק וואָס צו שאַפֿן...

— דאַכט זיך, — מאַכט דער טאַטע, — דאָס דריטע ווײַב.

— אַוודאי! — באַשטעטיקט די מאַמע.

— זעסט, שרה, — מאַכט דער טאַטע, — דאַכט זיך שוין — אַ ייִד אַ גביר.. האָט ער קיין מזל ניט צו ווײַבער... יעדערער האָט זײַן פּעקל.

— און אַזאַ יונג בלוט! — האָט צוגעגעבן די מאַמע, — אין גאַנצן עטלעכע און צוואַנציק יאָר.

— כּי גײַ ווייס? ער איז אַוודאי אַ זיבעציקער און — אײַזן שטאַרק.

— און אָן אַ בריל!...

— און זײַן גאַנג; די פּאָדלאָגע ציטערט!

— און איך, זעסט, ליג אין בעט.

עס האָט מיך דורכגענומען בײַ די לעצטע ווערטער.

— גאָט וועט העלפֿן, — טרייסט די מאַמע.

— נאָר זי, זי... — קרעכצט ווײַטער דער טאַטע און וואַרפֿט אַ בליק צו מיר אַרויפֿן קאָפּן. — זי וואַקסט, קיין עין הרע, ווי אויף הייוון... פּאַרנט, האָסט געזען?...

— אַ שאלה דאָס איז!

— און אַ פּנים... שײַנט ווי די זון...

עס איז ווײַטער שטיל געוואָרן אַ ווײַלע.

— ווייסט, שרהלע, — מאַכט ווײַטער דער טאַטע, — מע איז ניט יוצא — פֿאַר גאָט.

— מיט וואָס?

— מיט איר! ווי אַלט ביסטו געווען צו דער חתונה?

— יינגער פֿאַר איר!

— נו?...

— נו... וואָס?

אין דער איינציקער מינוט האָט מען צוויי קלעפּ געטאָן אין לאָדן.

די מאַמע איז אַראָפּגעשפּרונגען פֿון בעט, אין איין רגע האָט זי אָפּגעריסן דאָס שטריקל, אויף וועלכן דער לאָדן האָט זיך געהאַלטן און אויפֿגעפּראַלט דאָס פֿענצטער, וואָס האָט שוין לאַנג קיין באַשלאָג נישט געהאַט.

— וואָס איז? — האָט זי אַרויסגעשריגן אין גאַס אַריין.

— רבקה זיינוועלעס איז נפֿטר געוואָרן.

די מאַמע איז צוריקגעשפּרונגען פֿון פֿענצטער.

— ברוך דיין אמת! — האָט דער טאַטע אַרויסגעזאָגט... — שטאַרבן איז גאָרנישט...

— ברוך דיין אמת, — מאַכט די מאַמע, — ערשט פֿון איר גערעדט!

דעמאָלט האָב איך געהאַט אַ וווּנדערלעך אומרויקע צייט. איך ווייס אַליין נישט, וואָס מיט מיר איז געווען...

טייל מאָל בין איך גאַנצע נעכט נישט געשלאָפֿן. די שלייפֿן האָבן מיר ווי האַמער געקלאַפּט און דאָס האַרץ האָט גענאָגט, גלייך עס וואָלט זיך געשראָקן פֿאַר עפּעס, אָדער שרעקלעך נאָך עפּעס געבענקט; טייל מאָל איז מיר ווייטער אַזוי וואַרעם און ווייך געווען אויפֿן האַרץ, אַז איך האָב געוואָלט אַלץ אַרומנעמען און קושן און האַלדזן.

נאָר וועמען? די ברידערלעך האָבן זיך נישט געלאָזט; דער פֿינף־יאָריקער יוחנן האָט אויך געקאָפּעט און געשריגן, אַז ער וויל זיך נישט שפּילן מיט אַ מיידל. די מאַמע, אויסער דעם, וואָס איך האָב פֿאַר איר מורא געהאַט, איז שטענדיק בייז און פֿאַריאָגט... דער טאַטע — נאָך קראַנקער.

במשך אַ קורצער צייט איז ער אינגאַנצן גרוי געוואָרן ווי אַ טויב, דאָס פּנים איז איינגעשרומפּן געוואָרן ווי אַ פֿאַרמעט, און די אויגן האָבן אַרויסגעקוקט אַזוי אומבאַהאָלפֿן און מיט אַזאַ שטום געבעט, אַז עס איז געווען, איך זאָל עס דערזען און אַרויסלויפֿן פֿון שטוב מיט אַ געוויין.

דעמאָלט דערמאָן איך מיך אָן מיין בערעלען... אים וואָלט איך גע־

קאַנט אַלץ דערציילן, קושן און האַלדזן... ליגט ער דאָרט אין דער קאַלטער ערד, און עס כאַפּט מיך אָן נאָך אַ ביטערלעכער געוויין...

די טרערן, אײַנגעטלעך, פֿליִען זיך מיר באַוויזן גאַנץ אָפֿט אָן אַ טעם.

טײַלמאָל קוק איך אַרויס אויפֿן הויף און זע, ווי די לבֿנה שווימט און שווימט צו אַלע מאָל נעענטער צו דעם אויסגעווייסטן צוים, וואָס איז קעגן אונדזער פֿענצטער, און קאָן דעם צוים נישט איבערשווימען.

און איך באַקום פּלוצלינג רחמנות אויף דער לבֿנה, עס הייבט מיך אָן קלעמען בײַם האַרץ און די אויגן גיסן און גיסן...

טײַלמאָל, ווײַטער, פֿלעג איך אַרומגיין מאַט. איך פֿלעג מיך אַרומוואַקלען אָן כּוח מיט אַ בלאַס פּנים און אונטערגעשלאָגענע אויגן; אין די אויערן רוישט, דער קאָפּ איז שווער, און עס דאַכט זיך מיר, אַז עס איז מיר אַזוי נישט גוט אויף דער וועלט, אַזוי נישט גוט, אַז עס וואָלט אַמבעסטן געווען צו שטאַרבן.

דעמאָלט ווײַטער האָב איך בערעלען שטאַרק מקנא געווען... ער ליגט זיך דאָרט אַזוי רויק...

גאַנץ אָפֿט אויך, האָט זיך מיר געחלומט, אַז איך שטאַרב, אַז איך ליג אין קבֿר, אָדער, אַז איך פֿלי אַרום אין הימל אין אײן העמד מיט צעלאָזטע האָר און קוק אַראָפּ און זע, וואָס אויף דער וועלט טוט זיך.

פּונקט דעמאָלט האָב איך פֿאַרלוירן די אַלטע חבֿרטעס, מיט וועלכע איך האָב אַמאָל אין ציכן געשפּילט, און האָב שוין קיין אַנדערע נישט באַקומען. אײנע איז שוין אַרויסגעגאַנגען שבת מיט אַן אַטלעסענע יופּע און אַ קייט און אַ זייגער! עס האָט שוין געזאָלט זײַן איר חתונה. אַנדערע זײַנען „כּלה־מיידלעך" געוואָרן. שדכנים און מחותנים „האַקן אָפּ די טירן" און מע האָט זיי געקעמט, געוואַשן, געקליידט, בשעת ווען איך בין נאָך אַרומגעגאַנגען באָרוועס, אין אַן אַלטע בעזינע, קורצע ספּאָדניצע, אין אַן אויסגעבליאַקעוועטן ציצענעם סטאַניק, וואָס האָט אויף מיר אויפֿן סאַמאַראָדנע פֿראַנט אין עטלעכע ערטער געפּלאַצט, און איך האָב אים צוגעלאַטעט מיט אַן אַנדער קאָליר ציץ... די כּלה־מיידלעך האָבן מיך געמיידט און מיט יינגערע קינדער האָב איך מיך געשעמט צו חבֿרען; אויך האָבן מיך שוין די ציכן נישט געוויילט. בײַטאָג פֿלעג איך מיך דעריבער נישט אַרויסווײַזן אין גאַס אַרײַן. די מאַמע, ווײַטער, האָט מיך אין ערגעץ נישט געשיקט, און אַפֿילו, אַז איך האָב אַמאָל געוואָלט גיין אַ גאַנג, נישט געלאָזט. פֿאַר דאָס פֿלעג איך מיך אָפֿט אַרויסכאַפּן פֿאַרנאַכט און אַרומגיין הינטערן הויז בײַ די שפּײַכלער, אָדער זעצן זיך נישט ווײַט פֿון טײַך.

זומער פלעגט אמאָל די מאמע צו מיר אַרויסגיין; צוגעגאַנגען איז זי קיינמאָל נישט, נאָר אין טויער זיך געשטעלט, אומגעקוקט זיך און אַוועק־געגאַנגען, — איך פלעג כמעט הערן ווי זי זיפצט, קוקנדיק אויף מיר פון ווייטן.

מיט דער צייט האָט דאָס אויך אויפגעהערט.

איך פלעג מיר אָפּזיצן איינע אַליין שעהן לאַנג און איינהערן זיך ווי עס רוישט דאָס קליינע טייכל, ווי עס שפּרינגען די פרעש פון גראָז אין טייך אַריין, אָדער נאָכיאָגן שרעגעס אַ לייכטן וואָלקן אין הימל...

איך פלעג אמאָל האַלב איינשלאָפן מיט אָפענע אויגן.

איינמאָל האָב איך דערהערט פון ווייטנס אַ טרויעריק לידל. דאָס קול איז געווען יונג און פריש, און עס האָט זיך מיר מיט אַ טרויער אויסגעגאָסן אינעם גאַנצן לייב. עס איז געווען אַ ייִדיש לידל.

דאָס זינגט דער „רופאַ־יונג", — טראַכט איך — אַנדערע וואָלטן זמירות, נישט קיין לידלעך געזונגען.

איך טראַכט אויך, אַז מע מוז אַריין אין שטוב און אַזוינע לידלעך נישט הערן און מיטן רופאַ־יונג זיך נישט טרעפן. נאָר אויפגעהויבן האָב איך מיך נישט; איך בין עפּעס ווי פאַרחלומט געווען, מאַט, איך בין גע־בליבן זיצן אויפן אָרט, כאָטש דאָס האַרץ איז אומרויק געווען.

דאָס לידל קומט צו אַלץ נענטער און נענטער, עס גייט פון יענער זייט טייך איבער דער בריק.

איך הער שוין טריט אויפן זאַמד, איך וויל ווייטער אַנטלויפן, נאָר די פיס פאָלגן נישט און איך זיץ ווייטער.

ענדלעך איז ער צוגעקומען צום אָרט, וווּ איך בין געזעסן.

— דו ביסט עס, לאה?

איך ענטפער נישט.

און די אויערן רוישט מיר נאָך שטאַרקער, די שלייפן שלאָגן נאָך האַסטיקער און עס דאַכט זיך מיר, אַז איך האָב קיינמאָל אַזאַ גוט און זיס קול נישט געהערט.

ער מאַכט זיך ווייניק דערפון, וואָס איך ענטפער אים נישט. ער זעצט זיך נעבן מיר אויפן קלאָץ און קוקט מיר גלייך אין פּנים אַריין.

זיין בליק האָב איך נישט געזען, ווייל איך האָב די אויגן נישט אויפ־געהויבן, דאָך געפילט האָב איך, ווי עס האָט מיר געברענט דאָס פּנים.

— ביסט אַ שיינע מויד, לאה, — מאַכט ער צו מיר, — אַ שאָד!

עס האָט מיך אָנגעכאַפּט אַ שרעקלעך געוויין און איך בין אַנט־לאָפן.

דעם צווייטן אָוונט בין איך שוין נישט אַרויסגעגאַנגען, דעם דריטן אויך נישט. נאָך דעם פּערטן, פרייטיק צו נאַכטס, איז מיר שוין אַזוי שווער געווען אויפן האַרץ, אַז איך האָב געמוזט אַרויסגיין; עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך וועל דערשטיקט ווערן אין שטוב. ער האָט אויף מיר, אַפּנים, אין שאָטן, הינטער אַ הויזווינקל — געוואַרט, ווייל, קוים האָב איך מיך געזעצט אויף מיין אָרט, איז ער מיר ווי אויסגעוואַקסן פון אונטער דער ערד.

— אַנטלויף נישט פאַר מיר, לאה! — האָט ער זיך מיט אַ ווייך, האַרציק קול געבעטן — גלייב מיר, איך וועל דיר קיין שלעכטס נישט טאָן.

זיין ערנסט, ווייך קול האָט מיך באַרויקט.

ער האָט אָנגעהויבן ציען אַ שטיל טרויעריק לידל, און מיר זיינען ווייטער געקומען די טרערן אין די אויגן אַריין. איך האָב מיך נישט געקאָנט איינהאַלטן, און האָב אָנגעהויבן שטיל צו וויינען.

— וואָס וויינסטו, לאה, — האָט ער אָפּ און פרעגט, אָננעמענדיק מיך ביי דער האַנט.

— דו זינגסט אַזוי טרויעריק — האָב איך אים געענטפערט און אַרויסגעצויגן די האַנט פון זיינע.

— איך בין אַ יתום, — מאַכט ער, — עלנט... אין דער פרעמד.

עס האָט עמעץ זיך באַוויזן פון גאַס און מיר זיינען זיך צעלאָפן.

דאָס לידל האָב איך מיך אויסגעלערנט און פלעג עס זינגען שטי־לערהייט יעדע נאַכט אויפן געלעגער; דערמיט בין איך איינגעשלאָפן, דערמיט בין איך אויפגעשטאַנען. דאָך גאַנץ אָפט האָב איך חרטה געהאַט און געוויינט, וואָס איך האָב מיך באַקאַנט מיט אַ „רופא־יונג", וואָס קליידט זיך דייטש און גאָלט זיך דאָס בערדל. וואָלט ער זיך אַזוי גע־טראָגן ווי דער אַלטער רופא, וואָלט ער כאָטש אַ פרומער ייד געווען... איך האָב געוווּסט, אַז ווען דער טאַטע ווערט עס געוואָר, שטאַרבט ער, חס־ושלום, פאַר עגמת־נפש, די מאַמע וואָלט זיך אַ מעשה געטאָן! דער סוד איז מיר געלעגן ווי אַ שטיין אויפן האַרץ.

איך גיי צו צום טאַטנס בעט, דערלאַנגען אים עפּעס, אָדער די מאַמע קומט אַריין פון גאַס, און איך דערמאָן מיך אָן מיין זינד, הייבן אָן אונ־טער מיר די הענט און פיס ציטערן, און דאָס פּנים פאַרלירט דעם לעצטן טראָפּן בלוט, און דאָך האָב איך אים יעדן טאָג צוגעזאָגט, אַז איך וועל מאָרגן אויך אַרויסקומען; און איך האָב נישט געהאַט פאַרוואָס פאַר אים צו אַנטלויפן. ער האָט מיך שוין אַפילו ביי דער האַנט נישט אָנגענומען,

מער נישט געזאָגט, אז איך בּין א שיינע מויד. ער האָט מיט מיר נאָר גערעדט, געלערנט מיך לידלעך... איינמאָל נאָר האָט ער מיר א שטיקל באַקסער געבראַכט.

— עס, לאָה!

איך וויל נישט נעמען.

— פאַרוואָס? — פרעגט ער טרויעריק, — פאַרוואָס ווילסטו ביי מיר נישט נעמען?

איך האָב מיך אַרויסגעכאַפּט, אז איך וואָלט בעסער געגעסן א שטיקל ברויט.

ווי לאַנג אונדזער זיצן צוזאַמען און זינגען האָט געדויערט, ווייס איך נישט. נאָר איינמאָל איז ער געקומען טרויעריקער ווי שטענדיק, איך האָב עס באַלד אין זיין פּנים דערקענט, און האָב'ן געפרעגט, וואָס איז אים.

— איך מוז אַוועקפאָרן.

— ווו אהין? — פרעג איך אָן א קול.

— צו דער סוב־רעוויזיע.

איך האָב אים אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט.

— צו די זעלנער וועסטו גיין?

— ניין, — האָט ער מיר געענטפערט און דריקט מיר די האַנט — איך בין א שוואַכער... איך לייד אויפן האַרץ, קיין זעלנער וועל איך נישט זיין, נאָר שטעלן מוז איך מיך...

— וועסט צוריקקומען?

— אַוודאי...

מיר שווייגן א ווײַלע.

— עס וועט נאָר דויערן, — מאַכט ער, — א פּאָר וואָכן...

איך שווייג און ער קוקט אויף מיר מיט א געבעט.

— וועסט בענקען נאָך מיר?

— יאָ... האָב איך אליין קוים געהערט מיין תשובה.

מיר שווייגן ווייטער א ווײַלע.

— לאָמיר זיך געזעגענען.

מיין האַנט איז נאָך געלעגן אין זיינע.

— פאָר געזונט! — האָב איך אים געזאָגט מיט א פאַרציטערטן קול.

ער האָט זיך איבערגעבויגן, מיר א קוש געטאָן און איז פאַרשוווּנדן געוואָרן.

איך בין לאנג געשטאנען ווי שיכור.

— לאה! — האב איך דערהערט דער מאמעס קול, נאר דאס אלטע, ווייכע, כמעט זינגענדיקע קול, נאך פון דער צייט, ווען דער טאטע איז געזונט געווען.

— לאהשי!

אזוי האט מען מיך שוין לאנג נישט גערופן. איך האב נאכאמאל א ציטער געטאן און בין מיט די נאך ברענענדיקע ליפן ארייננעלאפן אין שטוב. נאר איך האב די שטוב נישט דערקענט. אויפן טיש זיינען געשטאנען צוויי פרעמדע לייכטער מיט ברענענדיקע ליכט, עס איז געשטאנען בראנפן מיט לעקעך — דער טאטע איז געזעסן אויף א שטול, אנגעלענט אויף א קישן, אויפן פנים האט עפעס ווי געשמייכלט פון יעדן רונצל ארויס. — עס זיינען געשטאנען נאך בענקלעך ביים טיש, אויך פרעמדע... עס זיינען דא פרעמדע מענטשן געווען — נאר די מאמע כאפט מיך ארום און קושט, און האלדזט מיך:

— מזל־טוב, טאכטער, טאכטערשי, לאהשי. מזל־טוב!

איך פארשטיי נישט וואס מע מיינט, נאר דאס הארץ שרעקט זיך און קלאפט, און קלאפט אזוי מוראדיק! אז די מאמע האט מיך ארויסגעלאזט פון די ארעמס, האט מיך דער טאטע צוגערופן. איך האב קיין כוח נישט געהאט צו שטיין און האב מיך אראפגעלאזט פאר אים אויף די קניען און אנגעשפארט דעם קאפ אויף זיין שויס. ער גלעט מיר דעם קאפ, קרייזלט מיר די האר:

— וועסט שוין, קינד מיינס, נישט לײדן קיין הונגער, קיין נויט; וועסט שוין, קינד מיינס, נישט ארומגיין נאקעט און בארוועס... וועסט זיין א נגידה... וועסט זיין רייך... דו וועסט פאר דיינע ברידערלעך מלמד־געלט צאלן... מע וועט זיי שוין פון די חדרים נישט ארויסווארפן... דו וועסט אונדז אויך העלפן... איך וועל געזונט ווערן...

— און ווייסט, ווער דער חתן איז? — פרעגט די מאמע מיט א פרייד — טאקע ר' זיינוויל! טאקע ר' זיינוויל. ער האט אליין א שדכן געשיקט...

איך ווייס נישט, וואס מיט מיר איז געשען, נאר אויפגעכאפט האב איך מיך אויפן געלעגער אין מיטן טאג.

— געלויבט איז גאט! — האט די מאמע אויסגעשריגן.

— געלויבט איז זיין ליבער נאמען! — האט דער טאטע געזאגט.

און מע האט מיך ווייטער געהאלדזט און געקושט. נאך מער —

מע האָט מיר איינגעמאכטס דערלאַנגט!... אפשר ווײַל איך וואַסער מיט זאַפּט? אפשר אַ ביסל ווײַן?

איך האָב צוריק די אויגן פאַרמאַכט און געקניכט מיט אַ שטיקנדיק געוויין.

— ווײַל, ווײַל — פרייט זיך די מאַמע — זאָל זי זיך אָפּוויינען, מײַן אָרעם קינד! מיר זײַנען זיך אַליין שולדיק, אויף אַמאָל אַזאַ נחת דערציילט! אַזוי פּלוצלינג! עס קאָן אַן אָדער פּלאַצן, חס־ושלום! נאָר אַצינד געלויבט איז גאָט! ווײַן דיר אָפּ דאָס האַרץ, זאָלן אַלע צרות אַוועקשווימען מיט די טרערן און אַ נײַ לעבן זאָל זיך אָנהייבן, אַ נײַ לעבן...

דער מענטש האָט צוויי מלאכים — אַ גוטן און אַ שלעכטן מלאך, און איך בין זיכער געווען, אַז דער גוטער מלאך הייסט מיך אײַנעם רופֿאַ־יונג פאַרגעסן, עסן ר׳ זיינוועלעס איינגעמאַכטס, טרינקען זײַן זאַפּט מיט וואַסער און קליידן זיך אויף זײַן חשבון, בשעת ווען דער שלעכטער מלאך האָט מיר איינגערעדט, איך זאָל איינמאָל פאַר אַלעמאָל זאָגן דעם טאַטן און דער מאַמען, אַז איך וויל נישט, באין אופן נישט.

ר׳ זיינוועלען האָב איך נישט געקענט, איך האָב׳ן אפשר אַמאָל געזען, נאָר — אָדער פאַרגעסן, אָדער באַלד נישט געוווסט, ווער מען איך זע... נאָר הינטער די אויגן האָב איך אים פײַנט געהאַט.

באַלד די צווייטע נאַכט האָט זיך מיר געחלומט, אַז איך שטיי אונטער דער חופּה.

דער חתן איז ר׳ זיינוועלע און מע פירט מיך זיבן מאָל אַרום אים, נאָר די פיס זײַנען מיר פאַרשטאַרט און די אונטערפירערקעס טראָגן מיך אין דער הייך —

די מאַמע האָט אָקעגנגעטאַנצט מיט אַ קוילעטש, און עס גייט שוין די גאָלדענע יויך.

איך האָב מורא די אויגן אויפצוהייבן. איך בין זיכער, אַז איך וועל דערזען אַ בלינדן, אָן אַן אויג, און אַ לאַנגע, אַ שרעקלעך לאַנגע נאָז... עס קומט מיר אַ קאַלטער שווייס אויפן לײַב — נאָר פלוצלונג רוימט ער מיר אײַן אין אויער:

— לאַהשי, אַ שיינע מויד ביסטו!

און דאָס קול איז גאָרנישט פון קיין אַלטן מאַן — עס איז יענעמס קול... איך עפן אַביסל די אויגן — עס איז יענעמס פּנים...

— טס! — רוימט ער מיר אײַן, — זאָג נישט אויס. איך האָב ר׳ זיינוועלען פאַרנאַרט אין וואַלד אַרײַן, אַרײַנגעלייגט אין אַ זאַק, צוגע־

כונדן א שטיין און אריינגעוואָרפן אין טייך (אזא מעשה האָט מיר אמאָל די מאַמע דערציילט) און איך בין דאָ אויף זיין אָרט!

איך האָב מיך אויפגעכאַפּט פאַרציטערט.

דורך א שפּאַרע פון לאָדן האָט אריינגעשלאָגן א בלאַסער שיין פון דער לבנה, און האָט באַלויכטן די גאַנצע שטוב. איך באַמערק ערשט, אז אין מיטן באַלקן הענגט צוריק דער הענגל־לייכטער. טאַטע־מאַמע שלאָפן אויף בעטגעוואַנט, — דער טאַטע שמייכלט פון שלאָף די מאַמע אָטעמט רויק... און דער גוטער מלאך זאָגט מיר: אז דו וועסט זיין גוט און פרום, וועט דער טאַטע געזונט ווערן, די מאַמע וועט אויף דער עלטער נישט אַרבעטן אזוי שווער און ביטער, און פון דיינע ברידערלעך וועלן אַרויסקומען לומדים, רבנים, גאונים, גרויסע יידן, מע וועט פאַר זיי צאָלן מלמד־געלט.

— נאָר קוש — זאָגט דער שלעכטער מלאך — וועט דיך ר' זיינ־וועלע... ער וועט זיך צו דיר צורירן מיט די פייכטע וואָנסן... ער וועט דיך אַרומנעמען מיט די ביינערדיקע הענט... אויך וועט ער דיך פייניקן ווי יענע ווייבער, און וועט דיך יונגערהייט יאָגן אין קבר אַריין; און ער וועט קומען צו פאָרן און וועט עגמת־נפש האָבן דיך קיין לידלעך שוין נישט לערנען, וועסט שוין מיט אים אָוונט אויף אָוונט נישט זיצן... דו וועסט זיצן מיט ר' זיינוועלען...

ניין! הימל און ערד זאָלן צוזאַמענקומען! צערייסן די תנאים.

איך בין שוין נישט געשלאָפן ביז אין דער פרי...

די ערשטע האָט זיך אויפגעכאַפּט די מאַמע; איך וויל מיט איר ריידן, נאָר איך בין געוויינט און אלע געפאַרן זיך ווענדן צום טאַטנס הילף.

אָט, וועקט זיך שוין דער טאַטע.

ווייסט, שרהלע — זיינען זיינע ערשטע ווערטער — איך פיל מיך גאָר, גאָר גוט; וועסט זען, איך וועל נאָך היינט גיין אין גאַס אַריין.

— געלויבט איז זיין ליבער נאָמען; אלץ אין אונדזער טאָכטערס מזל, אלץ מזל, אלץ אונדזער טאָכטערס, דער צדיקהס זכות.

— און דער רופא איז טאַקע גערעכט, די מילך שמעקט מיר זייער וויל...

זיי שווייגן און דער גוטער מלאך זאָגט מיר נאָך אמאָל:

אז דו וועסט גוט און פרום זיין, וועט דער טאַטע ווערן געזונט; וועט אָבער פון דיינע ליפּן אַרויס א זינדיק וואָרט — פאַלט ער אַוועק און שטאַרבט.

— הערסטו, שרהלע — מאכט ווייטער דער טאטע — הער שוין אויף צו זיין א פשעקופקע...

— וואס רעדסטו?

— וואס דו הערסט! — איך וויל נאך היינט זיין ביי ר' זיינוועלען.. ער וועט מיך צונעמען צו א געשעפט, אדער בארגן עטלעכע רובל, וועלן מיר זיך מאכן א געוועלבל, איך וועל שטיין, אביסל, דו אביסל — דערנאך וועל איך אנהייבן האנדלען מיט תבואה...

— הלוואי, זאל גאט געבן!

— אוודאי וועט גאט געבן! אז דו וועסט היינט נעמען אויף חתונה־קליידער, זאלסטו דיר אויך נעמען... כאטש אויף צוויי קליידער, און פארוואס נישט? ער האט געהייסן נעמען, וואס מע דארף; דו וועסט דאך נישט זיין אויפן אויפרופן אין דיינע בגדים.

— גיין שוין, גיי! — ענטפערט די מאמע — דער עיקר מוז מען די קינדער עפעס מאכן — ראובן גייט בארוועס, ער האט זיך יענע וואך א האלץ אריינגענומען, לאמט ער נאך. אויך גייט צו ווינטער, מע דארף לייבלעך און העמדלעך, וואטאווע קאפאטקעלעך.

— נעם, נעם...

— הערסט, מאכט דער גוטער מלאך, — אז דו וועסט ריידן א שלעכט ווארט, וועט די מאמע דיינע קיין קלייד נישט האבן, און דו ווייסט, אז דאס אלטע פאלט איר אראפ פון לייב; דיינע ברידערלעך וועלן ווינטער־צייט אין די גרעסטע פרעסט לויפן אין חדר אריין בארוועס, און זומער וועלן זיי זיך אריינגעמען העלצער אין די פיס...

— איך זאג דיר דעם אמת — מאכט די מאמע, — מע וואלט געדארפט אלץ אויסרייזן „ברחל בתך הקטנה”, ווארעם זייער א גוטער מענטש איז ער נישט... מע דארף אפרייזן, וויפל ער וועט איר פארשרייבן — ווארעם יורשים וועט זיין ווי האלץ... ווען אפילו נישט קיין אקט — זאל ער כאטש געבן א הרם־קוויטל, ווארעם טאקע, ווי לאנג קאן אזוינער לעבן? נאך א יאר, נאך א יאר...

— ביי ווילטאג — זיפצט דער טאטע — לעבט מען לאנג.

— לאנג! פארגעס נישט — זיבעציק יאר... טיילמאל ווערט אים עפעס ווי טויט אונטער די אויערן...

און דער שלעכטער מלאך זאגט: אז דו וועסט שווייגן, וועסטו גיין אונטער דער חופה מיט א טויטן, מיט א מת וועסטו לעבן... מע וועט דיך לייגן־פירן מיט א בר־מינן...

די מאמע זיפצט.

— אלץ איז ביי גאָט אין די הענט — מאַכט דער טאַטע.

די מאַמע זיפצט ווייטער און דער טאַטע זאָגט:

— און וואָס קאָן מען טאָן... מע האָט געקאָנט בעסער מאַכן? אוודאי, ווען איך בין געזונט, ווען איך פאַרדין, ווען עס איז כאָטש דאָ טרוקן ברויט אין שטוב...

ער האָט אָפּגעהאַקט; מיר האָט זיך געדאַכט, אַז עפּעס וויינט דעם טאַטן אין האַרץ.

— וואָלט זי כאָטש יינגער געווען מיט אַ פּאָר יאָר, וואָלט איך דאָס לעצטע געטאָן... ווייס איך? אפשר אויף דער לאָטעריע געשפּילט... און איך האָב געשוויגן.

מיין זיבעציק־יאָריקער חתן האָט געגעבן אויף חתונה־קליידער עטלעכע הונדערט גילדן דעם טאַטן און מיר אַ תוספת־כתובה אויף הונדערט און פופציק גילדן...

מענטשן האָבן געזאָגט: אַ וווילער שידוך!

איך האָב חברטעס באַקומען; די, מיט דער סאַמעטענער יופּע און גאָלדענעם קייט־און־זייגער פלעגט ביי מיר זיין צוויי דריי מאָל אין טאָג. זי איז געווען גליקלעך ווי די וועלט, וואָס איך האָב זי דעריאָגט, וואָס מיר האָבן חתונה אין איין חודש! איך האָב געהאַט נאָך חברטעס. נאָר זי האָט זיך צוגעקלעפּט צו מיר. „יענע זיינען דאָך „סמאַרקאַטע מיידלעך”; ווער ווייסט, ווי לאַנג עס וועט נאָך ביי זיי דויערן!”.

רבקה האָט חתונה פון דער פרעמד, נאָר עסן קעסט וועט זי פריער אין דער היים 2 צי 3 יאָר. איבער דער גאַנצער צייט וועלן מיר זיך האַלטן צוזאַמען; זי וועט אַריינלויפן צו מיר אויף ציקאָריע, איך צו איר אויף ציקאָריע, אָדער שבת נאָכן שלאָף אויף ביילעק־יויך.

— און אַז איך וועל ווערן אַ קימפּעטאָרן — מאַכט איינמאָל רבקה און דאָס פּנים שטראַלט איר — וועסטו זיצן ביי מיר — יאָ?

איך שווייג.

— ווי — מאַכט רבקה — וואָס טרויערסטו אַזוי? עס טרעפט זיך צו זיבעציק יאָר אויך...

— גיי שוין, גיי; — טרייסט זי מיך ווייטער — אַז גאָט וויל, שיסט אַ בעזעם! און ווען נישט — ווי לאַנג, מיינסטו, וועט עס דויערן? אַ מענטש לעבט דאָך נישט אייביק! אַזאַ יאָר אויף מיר, וואָס פּאַר אַ יונגע אַלמנה דו וועסט זיין! די פינגער צו לעקן!

רבקה ווינטשט ר׳ זיינוועלען נישט קיין שלעכטס:

— ער איז אפילו א כלב שבכלבים! יענץ ווייב האָט ער געפּייניקט... נאָר יענץ ווייב איז א קראַנקע געווען. און „דו ביסט געזונט ווי א נוס... דיך וועט ער גוט באהאַנדלען, נאָך ווי הייסט גוט!".

ער איז צוריקגעקומען!

דעם טאַטן איז טאַקע בעסער, נאָר עס האָט זיך אים פאַרגלוסט אביסל טרוקענע באַנקעס — אַזוי האָט ער מורא געהאַט אַרויסצוזאָגן. ער פילט, אַז פון ליגן, און דערנאָך פון זיצן אַלץ אײנײנעם האָט זיך אים דאָס בלוט פאַרזאַמלט אויף איין אָרט, מען דאַרף עס צעשלאָגן! אביסל אויך ברעכן אים די פּלייצעס און אויף דעם איז טרוקענע באַנקעס א רפואה בדוקה.

איך האָב אָנגעהויבן ציטערן ווי אין פיבער: מיט טרוקענע באַנקעס קומט דער „יונג", נישט דער רופא אַליין.

— וועסט אַריינרופן דעם רופא? — פרעגט מיך דער טאַטע.

—וואָס רעדסטו — פאַלט אים די מאַמע אין די רייד, — א כלה־מיידל...

זי איז אַליין געגאַנגען.

— וואָס ביסטו אַזוי בלאַס געוואָרן? — פרעגט מיך דער טאַטע דערשראָקן.

— גאָרנישט.

— שוין עטלעכע טעג... פאָרשט דער טאַטע.

— עס דאַכט זיך דיר, טאַטע.

— די מאַמע זאָגט אויך...

— ע!

— היינט — וויל מיך דער טאַטע דערפרייען — וועט מען דיר שוין מעסטן די חתונה־קליידער.

איך שווייג

— דו פרייסט זיך גאָרנישט? — פרעגט דער טאַטע.

— פאַרוואָס זאָל איך מיך נישט פרייען?

— דו ווייסט דאָך אפילו גאָרנישט, וואָס מע מאַכט דיר.

— מע האָט דאָך מיר א מאָס גענומען!

דערווייל איז אָנגעקומען די מאַמע מיטן רופא אַליין.

עס איז מיר גרינגער געוואָרן אויפן האַרץ; נאָר אין איין וועגס האָט אין מיר עפּעס געקלאַפּט: דו וועסט אים אפשר שוין מער נישט זען...

— אוי, א וועלט, — קומט אריין דער רופא, סאפּנדיק און קרעכצנ־דיק. — ר׳ זייטוועלע האָט חתונה מיט א יונגע מויד, און לייזערל דעם גבאים ווערט א פּרוש — אנטלאָפן פון ווייב!

— לייזערל? שרייט אויס די מאַמע פאַרוואונדערט.

— ווי איר הערט! היינט גיי איך ארום צו זעכציק יאָר פון אינדער־פרי ביז נאכט אויף די פיס, און מיין יונג ליגט זיך אין בעט אריין...

איך הייב אָן ווייטער צו ציטערן.

— האלט נישט אזא גוי! — באמערקט די מאַמע.

— א גוי? — מאכט דער רופא, — ווי הייסט א גוי?

— וואָס טויג מיר די מעשות, — האקט איבער אומגעדולדיק דער טאַטע, — טוט בעסער אייערס.

מיין טאַטע איז בטבע געווען א גוטער; עס האָט זיך מיר שטענ־דיק געדאכט, אז ער קען קיין פליג אויף דער וואנט נישט רירן, און דאָך האָט אין זיינע רייד געשטעקט אזוי פיל בזיון פארן רופא.

אלס קראַנקער אין בעט פלעגט ער גליקלעך זיין, אז עמעץ איז אריינגעגאנגען און באלאקעט מיט אים; נאָך מיטן רופא האָט ער קיינמאָל נישט געקענט ריידן א וואָרט, ער האָט אים שטענדיק איבער־געהאקט אינמיטן און געהייסן, ער זאָל זיינס טאָן, נאָר אצינד האָב איך עס דאָס ערשטע מאָל דערפילט; עס האָט מיר אָנגעהויבן דאָס הארץ וויי צו טאָן וואָרעם, ווי אזוי וואלט ער נאָך יענעם באליידיקט, יענעם, וואָס ליגט נעבעך קראַנק!...

פאַרוואָס איז ער קראַנק?

געזאָגט האָט ער, אז ער האָט א הארץ־פעלער.

וואָס דאָס איז, האָב איך ריכטיק נישט געוווּסט; מן־הסתם איז עס אזוינס, וואָס לייגט אמאָל אין בעט אריין, און דאָך — האָט מיר דאָס הארץ געזאָגט, — אז איך מוז אויך האָבן א שטיקל שולד דערביי.

ביינאכט האָב איך אין שלאָף געוויינט; די מאַמע האָט מיך אויפ־געוועקט, און געזעצט זיך ביי מיר אויפן בעט.

— שאַ, קינד מיינס! — האָט זי מיר געזאָגט, — לאָמיר דעם טאַטן נישט וועקן; — און אונדזער שמועס איז געווען פון מויל אויף אויער.

די מאַמע, האָב איך באמערקט, איז שטארק צעדרודערט: זי קוקט אויף מיר פאַרשנדיק, זי וויל עפּעס ביי מיר דערגיין, און איך האָב מיך באַשלאָסן איר גאָרנישט צו זאָגן, על־כל־פּנים נישט ווען דער טאַטע שלאָפט.

— קינד מיינס, וואָס האָסטו געוויינט?

— איך ווייס נישט, מאמע.

— פילסט דיך געזונט?

— יאָ, מאמעשי! נאָר טיילמאָל טוט מיר דער קאָפּ ווי.

זי איז געזעסן האַלב אָנגעשפּאַרט אויפן בעט און איך האָב צו־גערוקט דעם קאָפּ און אָנגעלענט אויף איר האַרץ.

— מאמע — פרעג איך — וואָס קלאַפּט ביי דיר דאָס האַרץ?

— פאַר מורא, טאָכטערשי.

— דו האָסט אויך מורא ביינאַכט?

— ביינאַכט און ביטאָג, איך האָב שטענדיק מורא.

— וואָס האָסטו מורא...

— איך האָב מורא פאַר דיר...

— פאַר מיר?

די מאמע ענטפערט נישט, נאָר איך פיל, אז עס פאַלט מיר אויפן פנים, אַ טרער אויפן פנים, אַ וואַרעמע טרער.

— דו וויינסט, מאמעשי?

די טרערן פאַלן אָפטער און אָפטער.

„איך וועל נישט זאָגן", באַפעסטיק איך מיך אין דער דעה.

אין אַ ווײַלע אַרום פרעגט מיך פלוצלינג די מאמע:

— צי האָט דיר נישט רבקה עפּעס אָנדערציילט?

— וועגן וואָס, מאמע?

— וועגן דיין חתן.

— פונוואַנען קען זי מיין חתן?...

— זי זאָל אים קענען, וואָלט זי נישט גערעדט; נאָר אזוי, ווי אין שטאָט... ווייסט נישט, פאַר קנאה... אַ ייד אַ גביר, האָט כוח צו נעמען אויף דער עלטער אַ בתולה, רעדט מען אוודאי... ווייס איך? צי האָט מען דיר נישט געזאָגט, אז דאָס לעצטע ווייב זיינס איז געשטאָרבן, ווייל ער האָט זי געפּייניקט?

איך זאָג איר גאַנץ קאַלטבלוטיק, אז איך האָב עפּעס געהערט דערפון, נאָר פון וועמען ווייס איך נישט.

— אוודאי פון רבקהן — דאָס מויל זאָל איר הונטן שטיין — בייזערט זיך די מאמע.

— פון וואָס דען — פרעג איך — איז זי אזוי פלוצלינג גע־שטאָרבן?

— פון וואָס? אַ האַרץ־פעלער האָט זי געהאַט...

— נו, וואָס? אז מע האָט אַ האַרץ־פעלער שטאַרבט מען?

— אוודאי...

מיר האָט עפּעס ווי געקנאַקט אין מוח...

— — — — — — — — — — — — — — —

איך בין געוואָרן אַ „זיידן־קינד" — מע האָט מיך אין אַלע הייזער געלויבט; די טאַטע־מאַמע האָבן עס גאָרנישט געקאָנט פאַרשטיין; דער שניידער אוודאי נישט. איך האָב מיר גאָרנישט אויסגעבאָטן: וואָס די מאַמע האָט געוואָלט, האָט זי געמאַכט, וואָס פאַר אַ מאַטעריע, וואָס פאַר אַ שניט, וואָס פאַר אַ קליידער... אַלץ וואָס זי האָט נאָר אַליין געוואָלט.

רבקה פלעגט אַריינקומען און קנייפּן זיך אין די באַקן: „ווער פאַרלאָזט זיך אין מאָדע־זאַכן אויף אַ מאַמען — אַ יידענע פון דער אַלטער וועלט?! וועסט שבת נישט קענען זיך ווייזן, נישט אין שול, נישט אין גאַס, אין ערגעץ נישט"!

— דו קוילעסט זיך! — האָט זי געוועינדיקט.

מיר איז איינגעפאַלן, אַז איך בין שוין לאַנג געקוילעט. און איך האָב רויק געוואַרט אויף שבת־נחמו, ווען מע האָט געזאָלט פאַרבעטן דעם חתן אויף קידוש...

דערנאָך וועט זיין אַן אויפרופן, דערנאָך אַ חתונה.

דעם טאַטן איז ווירקלעך בעסער, ער גייט טיילמאָל אַרויס אין גאַס אַריין, ער הייבט אָן געוואָר צו ווערן וועגן תבואה. רעדן, ווי ער האָט געקלערט, דעם חתן וועגן אַן הלוואה, האַלט ער נאָך פאַר צו פרי, ער רעכנט שבת־נחמו צו פאַרבעטן אים נאָך אויף שלוש־סעודות און נאָכן שלוש־סעודות אַריינצוּוואַרפן עטלעכע ווערטער.

אַז עס איז שוין גוט, איז צייט אָפּצוּווישן דעם רופא; מע האָט אפילו היינט קרעדיט, ער מאָנט נישט, שיקט שוין נישט דעם יונג, קומט אַליין, נאָר עס איז צייט, זאָל זיין אַן עק, וויפל מע האָט אָפּגעשיקט, וויים איך נישט, נאָר דער שליח איז געווען אברהמל, וואָס האָט געזאָלט, דורכגייענדיק אין חדר אַריין, דערלאַנגען די עטלעכע גילדן.

שפּעטער האָט איז פּלוצלינג אַריינגעקומען דער יונג...

— וואָס? וויפיל געשיקט? — באַגעגנט אים דער טאַטע.

— ניין, ר' יהודה — איך בין געקומען זיך געזעגענען.

— מיט מיר? — פרעגט דער טאַטע פאַרוואונדערט.

אַזוי ווי ער איז אַריינגעקומען, בין איך אַנידערגעפאַלן אויפן ערשטן בענקל, וואָס איז געשטאַנען נעבן מיר; נאָר ביי די ווערטער האָב איך מיך פּלוצלינג אויפגעשטעלט און אין קאָפּ האָט אויפגעבליצט אַ

געדאנק, אַז איך דאַרף אים שיצן, נישט לאָזן באַליידיקן. עס איז דאָך נישט געקומען דערצו.

— איך פלעג דאָ אַריינקומען — האָט ער געמאַכט מיט זיין וווּך, זיס און טרויעריק קיל, וואָס האָט זיך געגאָסן אין האַרץ אַריין ווי אַ בוימאייל — אַצינד פאַר איך אַוועק, אויף שטענדיק... האָב איך געמיינט —

— נו, נו, אדרבא — מאַכט שוין געלאַסענער דער טאַטע — זעץ דיך, יונגערמאַן, עס איז אפילו שיין פון דיין זייט, אַז דו געדענקסט אַ באַלעבאָס... אדרבא...

— טאַכטער'שי, — מאַכט ער צו מיר, — מע דאַרף אים עפּעס געבן!

ער האָט זיך אויפגעשטעלט בלאַס, מיט ציטעריקע ליפּן און פייער־דיקע אויגן, נאָר אין דער רגע האָט זיך אים דאָס פּנים צוריק מרה־שחורהדיק געענדערט.

— ניין, ר' יהודה, איך דאַרף נישט, איך דאַנק אייך — זייט געזונט!

ער האָט די הענט נישט אויסגעצויגן צו קיינעם, און אויף מיר קוים אַ בליק געוואָרפן.

אין דעם בליק האָט דאָך געשטעקט אַ פאָרוואָרף, עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז ער באַשולדיקט מיך, אַז ער וועט מיר נישט מוחל זיין, — וואָס, האָב איך רעכט אַליין נישט געוווּסט.

און איך בין ווייטער אין חלשות געבליבן.

— שוין דאָס דריטע מאָל, — הער איך — זאָגט די מאַמע צום טאַטן...

„עס מאַכט נישט אויס, אין די יאָרן טרעפט זיך עס... נאָר חס־ושלום ווערט ר' זייננוועלע געוואָר, שיקט ער אָפּ די תנאים. ער האָט שוין געטוג געהאַט יענע חולנית...".

קיין חולנית בין איך דאָך נישט געווען.

אין חלשות בין איך אינגאַנצן נאָך איינאיינציק מאָל געפאַלן: ביי דער גאָלדענער יויך, אַז איך האָב „ר' זייננוועלען" דאָס ערשטע מאָל רעכט דערזען...

נישט מער.

אפילו נעכטן, ווען דער רופא, וואָס שניידט מיין „ר' זייננוועלען" אויס אַלע חודש די נעגל, וואָס וואַקסן אים אין די פינגער אַריין, האָט מיך, אַרויסגייענדיק געפרעגט, צי איך געדענק זיין יונג, און דערציילט, אַז

ער איז געשטאָרבן אין וואַרשעווער שפּיטאָל — בין איך נישט געפֿאַלן אין חלשות, איך האָב קוים אַ טרער געלאָזט. איך האָב אַליין נישט געוווּסט פֿון איר, נאָך דעם רופֿא איז זי, די טרער, געפֿעלן.

— איר זייט אַ גוטע — האָט ער געזאָגט, און דעמאָלט האָב איך זי ערשט דערפֿילט אויף דער באַק.

מער נישט.

איך בין אַ געזונטע; איך לעב שוין פֿינף יאָר מיט ר׳ זיינוועלען... ווי אַזוי, וועל איך אפֿשר אַן אַנדערשמאָל דערציילן.

1895 י.

דעם רבינס ציביק

אלע, נישט דווקא אלטע יידן, געדענקען נאָך, ווי ביי שרה־רבקהן האָט אמאָל געפעלט נישט דווקא קינדער, נאָר אפילו ברויט, רחמנא ליצלן! פשוט־פשט — ברויט!

חיים־ברוך אליין, דער מאַן איר׳ער, איז שטענדיק געווען א גרויסער חסיד; טאַקע פון דער התחלה אָן, זייט דער שווער זיינער, (עליו השלום — אין ערלעכער ייד געווען) האָט אים אראָפּגעבראַכט פון הינטער לובּ־לין.

מע האָט באַלד געזען, אַז עס איז אַ כלי, אַ ברכה פון זיין ליבן נאָמען; אַז עס איז אזוינס, וואָס, אויב עס ברענגט נישט משיחן, צאַפּט עס, וויינקסטנס משקה פון דער וואַנט!

ער האָט שוין אַזאַ צורה געהאַט.

אין די טיפע, אונטערגעשלאָגענע אויגן האָט שטענדיק געציטערט א מין באַהאַלטן שיינדל, גלייך עמעץ דרייט זיך דאָרט ארום מיט א ליכט אין דער פינצטערער שטוב!

א בלאַס פּנים, נאָר ביי וואָס־עס־איז, האָט עס אויפגעבליט ווי א רויז, אַזא דין הייטל האָט ער געהאַט.

ביי די שלייפן האָט שטענדיק זיך עפעס געוואָרפן, געקלאַפּט.

און מיטן פשוטן יוזעפאָווער גארטל האָט זיך די בריאה צען מאָל ארומגענומען, אפשר מער!

פאַרשטייט זיך אליין, אַז פון פשוט לערנען איז נישט געווען וואָס צו ריידן. אזוינס גייט טיפער און טיפער: זוהר, עץ־חיים... וואָס איר ווילט נאָר אליין!

מיטן רבין, זאָל לעבן, פלעגט ער אפּזיצן שעהן לאַנג, און זיי האָבן צווישן זיך אפילו קיין וואָרט נישט גערעדט, נאָר אַלץ אויפן אויג, מיטן ווינק! נו, רעדט מיט אזוינעם מכוח פּרנסה?

פאַרוואָס האָט׳ן דער בית־המדרש גערופן „חיים־ברוך שרה־רבקהס",

אָדער בקיצור: „שרה־רבקהס מאַן"? פאַרוואָס האָט מען אָנגעהאָנגען אַלע „שערי־בינה" אין טאָפּ אַרבעס מיטן ביסל הייוון, מיט וועלכע שרה־רבקה האָט געהאַנדלט? איז טאַקע נישט צו פאַרשטיין.

זי אַליין, שרה־רבקה, האָט געהאַט ווילד עגמת־נפש דערפון.

עס איז טאַקע — האָט זי געפילט — אַ כבוד, וואָס ער הייסט אויף איר נאָמען, נאָר — זי האָט אָבער אויך געוווּסט, אַז אַזוי־אַרנאָך קומט זי אָפּ מיטן ביסל נחת אויף דער וועלט!

זי פלעגט גאַנץ אָפט, כמעט אַ פּאָר מאָל אין דער וואָך, קומען אין בית־המדרש אַריין מיטן טאָפּ אַרבעס.

„חיים־ברוך! — שרייען די ישיבה־בחורים, — דיין שפּייזערין גייט!".

חיים־ברוך, זעט אויס, האָט נאָך געפילט איר גאַנג אויף די טרעפּ; ער האָט שוין לאַנג פאַרשטעקט די צורה אינעם זוהר; איבערן שטענדער ציטערט נאָר דאָס פּעטע, פאַרפעדערטע שפּיצל פון דער יאַרמולקע. נאָר אפילו אויף דעם שפּיצל קוקט זי אויך נישט; זי קוקט בכלל נישט אין זיין זייט אַריין, זי וויל נישט זען ווי די שכינה רוט איבער זיין לערנען. זאָלן זיך אירע אויגן נישט פאַשען אויף דער וועלט, אַלץ — טראַכט זי — דאָרט! דאָרט, אויף יענער וועלט! אין האַרץ פילט זי דאָך אַ וואַרעמ־קייט, אַ נחת.

פון בית־המדרש גייט זי אַרויס ווי אויפגעוואַקסענער, גרעסער, מיט אַ העלערן, פרייערן בליק! עס איז גאָרנישט צו דערקענען, אַז זי איז שוין אַ ווייבל פון עטלעכע און צוואַנציק יאָר! — און אַ קנייטש אויפן שטערן, מיט אַ געריטלט חנוודיק פּנימל, גלייך זי איז ערשט פון אונטער דער חופּה אַרויס!

און פון דעם טאַקע, אַז זי דערמאָנט זיך — האָט זי עגמת־נפש.

עס וועט איר, — טרייסט זי אין האַרץ, גאָרנישט בלייבן אויף יענער וועלט. זי וועט אַרויפקומען ווי אַן אָפּגעפליקטע גאַנדז, און אַ זכות אויפן לייב... און וואָס טוט זי דען! זי דרייט זיך אַרום מיטן טאָפּ אַרבעס אין גאַס, צעטראָגט, פון איין דאָנערשטיק צום צווייטן הייוון אין עטלעכע הייזער! וואָס האָט ער פון איר?

כל־זמן דער פאָטער, עליו השלום, האָט נאָך געלעבט און דאָס רעדל האָט זיך געדרייט, איז געווען אַ דירה און צו עסן, און צו טרינקען, טאַקע — כיד המלך. היינט? אויף אַלע שונאי־ציון געזאָגט!

דער נדן איז ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן, דאָס הייזל — פאַרקויפט! אינדערפרי, — פיש־גריץ — קאַרטאָפל מיט וואַסער!

ביינאַכט אַ יאַיכל מיט אַ נעכטיקן בייגל!

אָט, דאָס איז זיין עולם־הזה!

שוין זיבן יאָר, האָט זי אים אפילו קיין קאַפּאָטע נישט געמאַכט...

פון פּסח צו פּסח — אַ היטל, אַ פּאָר שטיוול, נישט מער!

משבת לשבת גיט זי אים אַרויס אַ העמד; אימשטיינס געזאָגט — אַ העמד! שפּינוועבס!

זי טראָגט שוין אַ בריל דורך די העמדער: צערע און צערע און גאָרנישט...

„רבונו של עולם", — טראַכט זי, — אַז מען וועט נעמען אויף יענער וועלט איין אות פון זיין תורה אויף איין וואָגשאָל, און אויף דער צווייטער וועט מען אַרויפלייגן אַלע מיינע יאַיכלעך מיט פישגריצן, מיט מיינע אויגן צוזאַמען... וואָס וועט איבערוועגן?

זי ווייסט אפילו, אַז וואָס עס איז פאַרקניפּט אויף דער וועלט, איז פאַרבונדן אויף יענער אויך! אַז נישט אַזוי געשווינד טיילט מען דאָרט אָפּ אַ מאַן פון אַ ווייב! און ער וועט דען לאָזן? אַזאַ בריליאַנט ווי ער איז? זי זעט דען נישט, ווי ער וויל דווקא, זי זאָל אויך טועם זיין ביים עסן... עס איז דאָך נאַריש, — ער וועט דאָך נישט רעדן, נאָר מיט די אויגן ווינקט ער; און מאַכט זי זיך נישט וויסנדיק, ברומט ער, ווי אינמיטן שמונה־עשרה... ניין! לאָזן וועט ער נישט — ער וועט נישט באַשטיין, ער זאָל זיצן אויף דער פאָטער־שטול צווישן צדיקים און אָבות, און זי זאָל זיך ערגעץ אַרומוואַלגערן אין עולם־התוהו, אין וויסטע וועלדער...

וואָס העלפט עס אָבער? ערשטנס, וועט איר גלאַט זיין אַ חרפּה די אויגן אויפצוהייבן צווישן די אמהות: די בושה וועט זי פאַרברענען!

צווייטנס, האָט זי קיין קינדער נישט... און — „יאָרן ציען, יאָרן פליען"...

זיבן יאָר וווינען זיי שוין, נאָך דריי באַשריגענע יאָר און — אַ גט!

זי וועט אים דען ריידן דאָס אַנדערע וואָרט?

און אַנדערע וועט זיין פּוסבוענקועלע אין גן־עדן זיין, און זי וועט זיך, גאָט ווייסט, מיט וואָס־עס־איז פאַר אַ שניידער פינצטערן ערגעץ אין גיהנום...

וואָס? עס קומט איר מער?

נישט איינמאָל קומט איר אַ שניידער אָדער אַ שוסטער צו חלום און זי כאַפּט זיך אויף מיט אַ יללה.

ער וועקט זיך אויף דערשראָקן.

ביינאַכט אין דער פינצטער רעדט ער אַמאָל; ער פרעגט, וואָס איז?

נאָר זי ענטפערט: גאָרנישט.

זי וויינט, בעט גאָט, עס זאָל איר אריין אַ ברכה אין די אַרבעס אָדער אין די הייוון.

און ער איז טאַקע געווען אַ בריליאַנט!

אַ נאַרישע יידענע, טראַכט ער, און וואָס איר גייט דאָ! פונדעסטו־וועגן — קלערט ער — דאַרף מען עפּעס טאָן העריגען! אפשר וועט זי ניבער עפּעס אַמאָל נעמען אין מויל אריין, פאַרגינען זיך!

ער האָט געזוכט אין די ספרים און געזוכט. נאָר אָפּט מאַכט זיך, אַז וואָס מען זוכט, געפינט מען דווקא נישט! אַזוינע זאַכן קומען בהיסח הדעת, אומגעריכט!

טיילמאָל — דאַכט זיך אים — אַז ער איז שוין אויף אַ דרך, איז אים, מעשה שטן, עפּעס מבלבל, און ער מוז אָנהייבן זוכן אויפדאָסניי!

ער האָט זיך מיישב געווען, צו מאַכן דערפון אַ שמועס מיט אים, זאָל לעבן!

עס איז אָבער שווער געגאַנגען.

איינמאָל האָט דער רבי נישט געהערט, פאַרטראַגן געווען; דאָס צווייטע מאָל, האָט ער געשאָקלט מיטן קאָפּ, נישט אהין און נישט אהער; דאָס דריטע מאָל האָט ער געענטפערט:

הם! אוודאי וואָלט אַ יושר געווען! דערווייל איז אָבער עמעצ' אריינגעקומען און האָט איבערגעהאַקט.

נאָכאַמאָל איז ער עקסטרע געפאָרן און געפרעגט: נו?

— נו! נו! — האָט דער רבי געענטפערט: און גאָרנישט.

איינמאָל אָבער זיצט חיים־ברוך ביים רבין, ערב שבת, און גיט אַ זיפץ.

— קיין שטיינער, בייזערט זיך דער רבי, מיינס אַ חסיד זיפצט נישט, וואָרעם טאַקע, וואָס?

— די דייזין! — ענטפערט חיים־ברוך.

— מע האָט שוין אין כל תפוצות ישראל חלות געבאַקן, — ענט־פערט דער רבי! פרייטיק נאָך צוועלף רעדט מען נישט פון קיין הייוון!

שבת־צו־נאַכטס האָט שוין חיים־ברוך אַרויסגערעדט בפירוש:

— רבי, מאַכט ער, — אפשר וואָלט איר זיך מכנים געווען אין דער זאַך?

דער רבי ווערט ווייטער בייז:

— און דו — מאַכט ער — ביסט חולה? פאַר דיין תפילה איז דער הימל, חס־ושלום, פאַרמאַכט?

חיים־ברוך האָט בפירוש געהערט „חס־ושלום" און עס איז אים אַראָפּ אַ שטיין פון האַרץ. פונדעסטוועגן איז ווייטער אַוועק אַ פּאָר הדשים און גאָרנישט...

אויף ראש־השנה איז ער ווייטער געקומען.

מוצאי יום־טוב גיט אים דער רבי פּלוצלינג אַ קלאַפּ אין די פּלייצעס בפני קהל ועדה און פרעגט:

— „חיים־ברוך, וואָס פעלט דיר?".

ער ווערט פאַרשעמט, און ענטפערט: „גאָרנישט!".

— שקר! — מאַכט דער רבי, — דיר פעלט עפּעס.

— וואָס — פרעגט חיים־ברוך פאַרציטערט, און אויף דער צונג איז אים שוין געלעגן די „ברכה אין הייזון און אַרבעס".

דער רבי לאָזט אים אָבער נישט קומען צום וואָרט און צוילט אים אָפּ ווערטער ווי פּערל:

— „דיר — חיים־ברוך — פעלט — אַ — ליולקע־ציביק!".

דער עולם איז נבהל ונשתומם געוואָרן.

דו רויכערסט, — מאַכט דער רבי, — פון אַ פּיפּקעלע, ווי אַ באַ־לעגאָלע!

חיים־ברוכן איז אַרויס דאָס פּיפּקעלע פון מויל, ער האָט קוים אַרויס־געשטאַמלט:

— איך וועל זאָגן שרה־רבקהן.

— זאָג, זאָג, — מאַכט דער רבי, — זאָל זי דיר קויפן אַ גרויסע ליולקע־ציביק... נעם דיר מיט מיין יום־טובדיקע פאַר אַ מאָס; כהויה זאָל זי זיין.

און ער האָט אים איבערגעגעבן זיין ליולקע־ציביק.

און דאָס איז געווען איינגאַנצן!

נאָך אוידער ער איז אהיימגעקומען, האָט מען שוין אין שטעטל געוווסט, אַז חיים־ברוך פירט דעם רבינס יום־טובדיקע ליולקע־ציביק...

— נאָך וואָס, נאָך ווען? האָט מען געפרעגט אין אַלע געסלעך, אין אַלע הייזלעך.

— נאָך וואָס? האָבן געצאַפּלט אַלע יידישע נשמות. נאָך וואָס? און מע האָט זיך אַליין געענטפערט: מן־הסתם אויף קינדער!

חיים־ברוך, דאַכט זיך, ליידט נאָך אויף דעם, וואָס אַלע לומדים ליידן, מן־הסתם וועט דער רויך פון רבינס יום־טובדיקע ליולקע אויף דעם אויך האָבן אַ פּעולה! אהא! נאָך עפּעס: שרה־רבקה ליידט אויף די

אויגן! צו 22 יאָר טראָגט זי א בריל; דער רבי האָט עס אוודאי אין זין געהאַט, א קליינקייט — חיים־ברוכס ווייב!

און גלאַט: צו וואָס העלפט נישט אזא ציביק? און נאָך א יום־טובדיקער ציביק?!

און נאָך איידער חיים־ברוך איז אראָפּ פון דער פור, האָבן אים שוין הונדערטער מענטשן געבעטן, ער זאָל באָרגן דעם ציביק: אויף א חודש, א וואָך, א טאָג, א שעה, א מינוט, א רגע...

מען וויל אים אָפּגילטן!

און ער האָט אלע געענטפערט:

— איך וויים? פרעגט שרה־רבקהן...

א נבואה איז אים ארויס פון מויל...

שרה רבקה האָט א וויל געשעפט...

ח״י גדולים פאר א צי פון ליולקע־ציביק! ח״י גדולים, נישט א גראָשן ווייניקער.

און דער ציביק העלפט!

און מע צאָלט, און שרה רבקה האָט שוין אירס א הייזל, א שיין געוועלבל, א סך היזון אין געוועלבל, א סך אנדערע סחורות.

זי אליין איז פולער געוואָרן, געזונטער, אויסגעגליכט! זי האָט דעם מאַן שוין נייע וועש געמאַכט, די ברילן אוועקגעלייגט...

פאר עטלעכע וואָכן איז מען געקומען נאָכן ציביק פארן פריץ וועגן! מע האָט אנידערגעלייגט הדרי זילבערנע רובל, ווי דען!

— און קינדער! ווילט איר וויסן.

אוודאי! שוין הדרי צו פיר... ער איז אויך א גאנצער מענטש גע־וואָרן...

און אין בית־המדרש איז א שטענדיקער פלפול.

טייל זאָגן, אז שרה רבקה וויל נישט און וועט נישט אָפּגעבן דעם רבין דעם ציביק! אנדערע זאָגן, אז זי האָט אים שוין לאנג אָפּגעגעבן, און דאָס איז אן אנדערער.

ער אליין, חיים־ברוך, שווייגט.

ולמאי נפקא מינה? אבי ער העלפט!

1895 יאָר.

די פרומע קאַץ

דריי זינג־פייגעלעך זיינען געווען אין איין שטוב און אַלע דריי, איינס נאָכן צווייטן — האָט די קאַץ צעריסן געמאַכט...

עס איז קיין איינפאַכע קאַץ נישט געווען, נאָר אַן אמת, אמת־פרומע נשמה, וואָס האָט נישט אומזיסט געטראָגן די ווייסע גוטריידישע יופּע און געהאַט אייגעלעך, אין וועלכע דער הימל האָט זיך געשפּיגלט...

עס איז אַ פרומע קאַץ, אַ טבילה־קאַץ געווען! צען מאָל אין טאָג האָט זי זיך געוואַשן... און געגעסן האָט זי שטיל, ערגעץ אין אַ זייט, אין אַ ווינקעלע...

אַ גאַנצן טאָג האָט זי געכאַפּט, וואָס עס איז מילכיקס, און ערשט, אַז די נאַכט איז צוגעפאַלן, האָט זי געגעסן פליש, כשר מויזן־פליש...

און נישט געאיילט זיך צו דער אכילה, ווי אַ גראָבע זאַך. נישט געכאַפּט און געשלונגען, ווי פּראָסטע טויען; נאָר בנעימות, שפּילנדיק... זאָל דאָס מייזל לעבן נאָך אַ רגע, נאָך אַ רגע... זאָל עס אַביסל אַרומ־טאַנצן, אָפּציטערן, ווידוי־זאָגן — אַ פרומע קאַץ כאַפּט נישט...

אַז מען האָט אין שטוב אַריין דעם ערשטן זינג־פויגל געבראַכט, האָט זי אויף אים באַלד רחמנות באַקומען; עס האָט זי ביים האַרץ אָנ־געכאַפּט.

— אַזאַ שיינס, — זיפצט זי, — אַזאַ קליינס, אַזאַ מחיהדיק פייגעלע זאָל קיין עולם־הבא נישט האָבן!

— און עס קאָן קיין עולם־הבא נישט האָבן! — איז זיכער די קאַץ — ערשטנס, וואַשט זיך עס דיטשמעריש, מיטן גאַנצן לייב אין שיסעלע וואַסער...

צווייטנס, אַז מען האָט עס איינגעזעצט אין שטייג, איז עס שוין אַ חיה־רעה, כאָטש אַ יונג, זיס און פיין פייגעלע... האַלט עס שוין מער פון דינאַמיט ווי פון שולחן־ערוך!

הײנט דאָס זינגען אַלײן! דאָס אױסגעלאַסענע זינגען, דאָס צו־פּיפּן און דאָס קוקן גלײך אָן שום הרד־אָרץ אין הימל אַרײַן! דאָס רײַסן זיך אַרױס פֿון שטײג צו דער זינדיקער װעלט, צו דער פֿרײַער לופֿט, צום אָפֿענעם פֿענצטער...

צי איז נאָך אַמאָל אַ קאַץ אין אַ שטײג געזעסן? צי האָט נאָך אַמאָל אַ פֿרומע קאַץ אַזױ געפּיפּן, אַזױ זמירות־בן־סלואַדיק געפּיפּן?

— און אַ שאָד! — װײנט דאָס פֿרומע האַרץ אין דער פֿרומער קאַץ,

— עס איז דאָך אַ לעבעדיקע זאַך, אַ טײַערע נשמה, אַ פֿונק פֿון דער הײך!

דער קאַץ קומען טרערן אין די אױגן:

— און דאָס גאַנצע אומגליק איז, װאָס דער זינדיקער גוף איז אַזױ שײן, דער עולם־הזה דערײַבער — אַזױ לוסטיק, דער יצר־הרע אַזױ שטאַרק...

װי קאָן אַזאַ קלײן זיס פֿײגעלע זיך אַקעגנשטעלן דעם שרעקלעך־גרױסן יצר־הרע?

און װאָס מער עס לעבט, מער זינדיקט עס, גרעסער װעט זײַן די שטראָף...

הא!

און אַ הײליק פֿײַער האָט זיך אָנגעצונדן אין דער קאַץ, דאָס פֿײַער פֿון פּנחס בן אלעזר, בן אהרן הכהן... און זי איז אַרױפֿגעשפּרונגען אױפֿן טיש, װו די שטײג מיטן זינג־פֿײגעלע איז געשטאַנען, און —

עס פֿליִען שױן פֿעדערן אין צימער...

מע האָט די קאַץ געשלאָגן... די שלעק נעמט זי אָן פֿאַר ליב... זי האָט פֿרום אָפּגעקרעכצט, אָפּגעמיאַוטשעט אַ יעמערלעכן על־חטא... ·

מער װעט זי שױן נישט זינדיקן...

די קלוגע קאַץ פֿאַרשטײט, פֿאַר װאָס מע האָט זי געשלאָגן... מער װעט זי אױף קײן שלעק נישט פֿאַרדינען...

— מע האָט זי געשלאָגן — פֿאַרשטײט די קאַץ, — דערפֿאַר װײל זי האָט פֿאַרפֿעדערט די שטוב; װײל אױפֿן װײַסן געשטיקטן טישטעך זײַנען געבליבן פֿלעקן פֿון בלוט...

אַזאַ פּסק מוז מען מקיים זײַן גוט, שטיל און פֿרום, עס זאָל קײן פֿעדער נישט פֿליִען, קײן טראָפּן בלוט נישט פֿאַלן...

און — אז מען האט דעם צווייטן זינג־פויגל געקויפט און אין שטוב געלאזט, האט זי אים שוין שטיל און פיין דערוואָרגן און מיט די פעדערן צוזאמען איינגעשלונגען...

מע האט די קאץ געשמיסן...

אצינד האט ערשט די קאץ פארשטאנען, אז נישט וועגן פעדערן גייט עס, נישט וועגן פלעקן פון בלוט אויפן טישטעך...

דער סוד איז, אז מע טאָר נישט טייטן! אז מע דארף ליב האָבן, מוחל זיין... אז נישט מיט ארבע מיתות בית־דין פארבעסערט מען די זינדיקע וועלט!

מע דארף מחזיר־למוטב זיין, מוסר זאָגן, צום הארץ רעדן!

א קאנאריק א בעל־תשובה קאָן קומען צו אזא מדרגה, צו וועלכער די פרומסטע קאץ וועט נישט דערגרייכן!

און די קאץ דערפילט, ווי עס וואקסט אין איר דאָס הארץ פאר פרייד! אויס אלטע, שלעכטע און הארטע צייטן! אויס בלוט פארגיסן! רחמנות, רחמנות, און נאָכאמאָל רחמנות...

און מיט רחמנות איז זי צוגעגאנגען צום דריטן קאנארעק!

— שרעק דיך נישט — מאכט זי, — מיט דער ווייכסטער שטימע, וואָס איז אמאָל ארויס פון א קאצישן האלדז, — זינדיק ביסטו, נאָר איך וויל דיר קיין שלעכטס נישט טאָן, ווייל איך האָב רחמנות אויף דיר!

איך וועל דיר אפילו די שטייג נישט עפענען, איך וועל דיך אפילו נישט אָנרירן!

דו שווייגסט? — זייער גוט! איידער פרעכע לידער צו זינגען, איז גלייכער שוויגן!

דו צאפּלסט — נאָך בעסער! צאפּל, צאפּל, מיין קינד, נאָר נישט פאר מיר, פארן בורא־עולם צאפּל, פאר זיין ליבן נאָמען!

הלוואי זאָלסטו שוין אזוי בלייבן — שטיל, ריין און צאפּלדיק...

איך וועל דיר העלפן צאפּלען! פון מיין פרומער נשמה וועל איך הויכן אויף דיר שטילקייט, זיסקייט און פרומקייט... מיט מיין הויך זאָל אריין אמונה אין דיין ליב, יראת־שמים און דיינע ביינדעלעך, תשובה און חרטה אין דיין הערציעלע!

און די קאץ פילט ערשט, ווי גוט עס איז מוחל צו זיין, ווי א פרייד
עס איז יענעם אריינצובלאָזן מיטן הויך פרומקייט און ערלעכקייט...
און עס וואקסט דאָס פרומסטע הארץ אין דער פרומסטער ווייסער
קאץ, —
נאָר דער קאנאריק קאָן און דער קאצן־לופט נישט אָטעמען —
עס האָט אים דערשטיקט!

וועבער־ליבע

(דערציילונג אין בריוו)

ערשטער בריוו

טייערער, קינעטיקער שוואגער!

דו פרעגסט, ווי מיר גייט? מן־הסתם, ווי א רשע אויף יענער וועלט. פאר שוסטער — שרייבסטו — זיינען שלעכטע ציימן געקומען? מיר, וועבער, האבן שוין לאנג אויפגעהערט אויף גוטע ציימן צו האפן. מענטשן זאגן, אז עס איז א הינטישע צייט. שטעל דיר פאר, אז אלטע, גוטע זועבער פארדינען פיר־פינף רובל א וואך, געוויינלעכע און יונגע, ווי איך מעגן זיך באגנוגענען מיט דריי־פיר, און אויף דריי־פיר רובל מוז מען שווער ארבעטן, מוז מען זיצן ביי דעם שטול פון זיבן איינדערפרי ביז צען ביינאכט, ארבעטן 15—16 שעה אין טאג; און צו דעם מוז מען שוין גליק האבן, ווייל נאר גליקלעכע וועבער האבן באשטענדיקע ארבעט; מאסן גייען ארום מיט פארחלשטע פנימער און ליידיקע הענט.

אזוי ברודער! אלטע לייט דערציילן, אז אמאל פלעגן זיין פיל יחסנים, וואס האבן נישט געוואלט ארבעטן; היינט ווערט די שווערסטע ארבעט געזוכט, געשפירט, געבעטלט, און קוים אויסגעבעטלט! און אז מע האט זי שוין, ציטערט מען ערשט, מע זאל זי, גאט באהיט, נישט פארלירן: צופריער גאט און דערנאך דער ברויט־געבער זאלן, חלילה, נישט אפשטיין; זיי זאלן שיטן מיט ארבעט, מיט ארבעט ביז צום טויט! ביז צום דערשטיקן! ווארום טאמער פארפעלט ארבעט? טאמער ווערט מען קראנק און די שיצן פאלן פון די ציטערנדיקע הענט ארויס?

און וואס וועט זיין אויף דער עלטער? אויף דער גרויער, שוואכער עלטער וואס וועט זיין?

און אז מע זעט ארום זיך אזוי פיל קראנקע, אזוי פיל אויסגעמאטערטע, אלטע וועבער, איז קיין וווּנדער נישט, אז מע קאן און קרענקט און

שוואכע עלטער קיין רגע נישט פארגעסן; און ווירקלעך — ביי פיפצן־זעכצן שעה ארבעט א טאָג, ביים אריינאָטעמען קליי און פארביקן שטויב פון גארן, ביים איבערקומען מיט א ברויט און א הערינג א טאָג און א מאָגערן געקעכטס ביינאכט, מוז א קרענק זיין אן אָפטער גאסט, קאָן מען אויף קיין געזונטע עלטער נישט רעכענען! דערצו האָבן נאָך א טייל ווייבער און קינדער. פארשטייסט? נישט אליין טרינקט מען זיך — מיט א בינטל אויפן האלדז!

דו זאָלסט זען, ווי א באוויבטער און א באקינדלטער קומט אהיים פון דער ארבעט, ווי ער ווארפט א קוקן, דערשראָקענעם בליק אויפן אויסגעמוטשעטן ווייב, אויף די קינדערלעך, „הויט און ביין", וואָס וואקסן־אויף ערגער ווי אין וואלד, דו זאָלסט זען, ווי געשווינד ער שלינגט איין דאָס קארגע מאָגערע געקעכטס, ווי האסטיק ער ווארפט זיך אין בעט אריין!

שלאָפן וויל ער, איינשלאָפן, פארמאכן די אויגן פארמאכן, ער זאָל די צרות, דעם יאָמער נישט צוזען!

נאָר וואָס העלפט עס? פון ביידן לעבן ווערן בייזע חלומות... עס חלומט זיך, אז דאָס ווייב איז קראנק, און עס איז איר נישטאָ מיט וואָס צו העלפן... אז איין קינד האָט דעם צווייטן א פינגער אָפגעביסן ביים געשלעג איבער א ביסן ברויט, און אז אינמיטן איז אריין דער ווירט פון הויז און טופעט מיט די פיס: דירה־געלט! אז נישט, ווארפט ער דאָס גאנצע געזינדל ארויס אינמיטן ווינטער אויפן שניי.

און אז מע כאפט זיך אויף אינדערפרי, פאלט גאָר אזוי געשווינד נישט איין די אויגן צו עפענען: אזוי גוט און פיין גיסט זיך דאָס לעבן מיט די חלומות צוזאמען.

אז עס קומען זיך אלטע וועבער צוזאמען, רעדט מען פון גוטע צייטן; נאָר נישט פון די, וואָס וועלן אָדער זאָלן קומען: אין דעם גלייבט שוין קיינער נישט! נאָר פון אמאָליקע גוטע צייטן, ווען דער וועבער האָט געארבעט אויף זיך אליין, מיט זיין אייגענעם גארן, אויף זיין אייגענעם שטול און האָט זיך אליין זיין ארבעט פארקויפט... א וועבער פלעגט פארדינען פופצן־צוואנציק רובל א וואָך, ער איז געווען א באלעבאָס פאר זיך. א מענטש א פרייער מיט א דעה אפילו אין שטאָט־זאכן. מע זאָגט, אז עס איז אמאָל א וועבער דאָזארצע געווען! היינט איז א וועבער א פראָסטער ארבעטער, דער גארן איז נישט זיין, די אויסגעארבעטע סחורה גיט ער אוועק! ער ווייסט נישט וויפל עס קאָסט דער גארן און וויפל ער באקומט פאר זיין ארבעט, נישט זיין

האגה, ער נעמט פארן „שטערן" און זיבן־אכט קאָפּיקעס א „שטערן", הייסט שוין א ראַיעלער פרייז!

יאָ! איך פארגעס גאָר, אז איך רייד מיט א שוסטער, וואָס ווייסט נישט, וואָס א שטערן איז; שטעל דיר פאָר, אז דו וווינסט אין א גרויסער שטאָט, ארבעטסט נישט אויף דיינע באַלעבאַטים, דו אליין קויפסט קיין לעדער נישט, נעמסט קיינעם קיין מאָס נישט און טראָגסט קיינעם די שטיוול נישט! דו קאָנסט נאָר איין סוחר, וואָס גיט דיר די סחורה אויסצוארבעטן, און נעמט ביי דיר צו די ארבעט, צאָלט דיר פאר אזוי פיל פאָר שטיוול אזויפיל און אזויפיל.

אָט דאָס פארשטייסטו איז א „שטערן", ארבעטסט אַגולנע פארן סוחר. דעם פארדינסט נעמט דער סוחר צו און דיר גיט ער וואסער אויף קאשע, ווארעם אנדערע האָבן דאָס אויך נישט, און דערוויילרעדט מען נאָך פון א מאשין, וואָס וועט ארבעטן שטיוול אָן שוסטערישע הענט... גוט? אזוי א שטייגער לעבט זיך ביי אונדז! זיבן־אכט קאָפּעקעס פאר א שטערן איז א פרייז משוגע צו ווערן. נאָר וואָס מאכט מרים־לעב? צי האָט זי נאָך ליב צו שטיקן נאָזטיכלעך פאר פרעמדע נעז? צי ארבעט זי נאָך זינגענדיק? צי הילכט נאָך די שטוב מיט איר זילבערנעם קול? צי זיינען נאָך אירע אויגן אזוי פריש, אזוי קינדעריש־ריין, אזוי הימל־בלוי? זיי רויטלען זיך נאָך נישט? און דו, וואָס ביסטו? צי רעכנסטו נישט, אז בשעת דער מלחמה צווישן גריכנלאנד מיטן טערק לוינט זיך אריינצוגנבענען קיין פאלעסטינע אויף קבֿר־אָבות? און אפשר האָסטו הארץ צו גיין קיין ארגענטינע אין מלחמה האלטן מיטן היישעריק? ווארום דאָ, ברודער, איז ביטער ווי גאַל!

און אפשר האַלטסטו זיך אינעם אַלטן, גוטן, פרומען „אַלשיך" און זעסט טויזנט און איין נאכט אויפן יידישן אופן? שרייב! איך רעכן, אז מרים־לעב מעג צושרייבן... הער, אז מרים־לעב חלומט זיך מיר אמאָל מיט רויטע אויגן, גיי איך אין פאבריק אריין מיט געבײלטע פויסטן... נאָר דאָס פארשטייסטו נישט.

דיין טרייער קינפּטיקער שוואָגער...

צווייטער בריוו

אז דו האָסט מיך עטלעכע מאָל אין איין בריוו געפרעגט, ווי עס גייט מיר, האָב איך דיין מיין געלעזן צווישן די שורות, צווישן די ווערטער, און האָב פארשטאַנען אז מיין געטרייער, קינפּטיקער שוואָגער

פרעגט: הכלל, ווען שטעלט מען א חופה? און אז איך האָב דיר געשיקט א בינטל וועבערישע צרות, האָסטו דיך אפילו אָנגעהויבן צו שטויסן, אז דאָס הייסט: דערוויל נישט!

אין אייזערנעם מוח האָסטו, קינפּטיקער שוואָגער מיינער; אין דיין אייזערנעם קוגל־טאָפּ מוז מען אריינשלאָגן מיט א האמער, אז נישט פארשטייסטו נישט!

נאָר, אז דו האָסט שוין ארויסגעלייגט אלץ, ווי א הערינג אויפן טעלער, מוז איך דיר שוין געבן א קלאָרע, אויסגעטיטשטע תשובה.

איך קאָן נישט, איך טאָר נישט חתונה האָבן!

דו פרעגסט צי האָב איך נישט אין דער פרעמד פארגעסן, וואָס איך האָב אין דער היים געזאָגט, צי האָט מען מיך נישט פארטוישט, אויף אן אנדערן, על־כל־פּנים דאָס הארץ פארביטן? אָדער צי איז עס נישט ווי מע זאָגט: אויס די אויגן — אויסן הארץ? איך האָף, ניין, איך גלייב, אז מרים־לעב האָט דעם בריוו נישט געזען, זי וואָלט אזוינע שאלות נישט געפרעגט. זי ווייסט, אז אונדזערע הערצער זיינען צוזאמענגעבונדן אויף אייביק, אויף לעבן און טויט!

אַי, ברודער, ברודער! חתונה האָבן וויל איך, ווי אַ מענטש וויל גליקלעך זיין. ווי אַ מענטש וויל באַפרייט ווערן פון בענקשאַפט, פון הארצוויי־טיק, פון קאָפּברעכעניש. איך וויל, נאָר מאלע, וואָס א וועבער וויל?

אונדזערע ברויט־געבערס א זון מיט א טאָכטער האָבן געוואָלט, האָבן זיי חתונה געהאַט, און עס איז א פריילעכע חתונה געווען; מע האָט אפילו אונדז, וועבער, נישט פארגעסן; מע האָט אונדז בראָנפן געשטעלט, און אז איך האָב געזאָגט, אז איך טרינק נישט, האָט אויף מיר דער מייסטער געקוקט פון א זייט, און האָט זיך אוודאי א קניפּל אין נאָז־טיכל געמאכט!...

און דער וועג פון דער היים אין שול אריין איז געווען אויסגעלייגט מיט דיוואַנען, א קאַפּעליע האָט געשפּילט, האָט מען אין הימל געהערט, די לבנה מיט די שטערן האָבן געטאַנצט! די העכסטע פאַבריקן זיינען שטיל געוואָרן, פארהילכט, פארשעמט! פון טאַנץ־זאלן האָט זיך ליכט געגאָסן, די גאנצע גאס האָט זיך אין ליכט געבאָדן! ליכט האָט זיך געגאָסן, ווי ווייַן, און ווייַן, ווי וואסער; נעכטן איז געווען די האָכצייט, היינט איז דאָס יונגע פּאָר־פאָלק געפאָרן מאכן א לוסטרייזע...

זיי האָבן געוואָלט, האָבן זיי חתונה געהאַט, מיינסט אפשר, זיי האָבן זיך נייטיק געברויכט? עס האָט איינס אָן צווייטן לעבן נישט געקאָנט? גאָט באַהיט! ער האָט עטלעכע באקאנטע מיידלעך אין זיין

פאַבריק, און אַ טאָג פאַר דער חתונה האָט ער זיי אַ מאָלצייט געמאַכט, און האָט יעדער אַ מתנה געלאָזט, זי זאָל אָן אים נישט פאַרגעסן, ביז ער וועט צוריקקומען... און עס איז אַ לוסטיקע מאָלצייט געווען, לוס־טיקער, ווי די האָכצייט אַליין, מע האָט נאָך בעסערן ווײַן געטרונ־קען!

צווישן די מיידלעך איז אויך אַ ווײַבל געווען, אַ וועבערס אַ ווײַב... איך קען אים — אַ שיכּור איז ער! נאָר גיי ווייס צי שיכּורט ער, ווײַל זי פירט זיך אַזוי, צי פירט זי זיך אַזוי, ווײַל ער שיכּורט. צי פירן זיי זיך ביידע אַזוי. ווײַל דאָ איז דער „אַלשיך” אויס דער מאָדע אַרויס און שבת גייט עולם שפּאַצירן... נאָר לוסטיק איז געווען!

די כלה ווײַטער איז אויך קיין צנועה נישט! אַמאָל פלעגט זײַן אַ מיידל, ווי אַ שפּיגל און ברודיק ווערן פון אַ הויך, היינט זײַנען די מאַמזעלן, ווי די זײַפן, וועד ווייסט, וואָס עס איז שוין אַדורכגעדרונגען!... איך ווייס נאָר, אַז אַ חודש פלעגט זי זיך קושן מיטן בוכהאַלטער און אַ חודש מיטן פּראָקורענט; שפּאַצירן פלעגט זי גיין און פאָרן מיט ביידע צוזאַמען...

און דאָך האָבן זיי געהייראַט, און אַצינד מאַכן זיי אַ לוסטער ־ רייזע; און איך מיט מרים־לעב קאָנען צוזאַמען קיין לעבן נישט פירן, כאָטש מיר דאַרפן איינס דאָס צווייטע ווי ברויט, ווי וואַסער, ווי לופט... כאָטש אונזערע געדאַנקען זײַנען דורכגעפלאָכטן, כאָטש זי איז מיר אינעם פלייש און אין די אָדערן אַרײַנגעוואַקסן, מוז זי דאָך זיצן בײַ דיר און בלענדן זיך די אויגן איבער שטיקערײַ, און איך, איך מוז דאָ זיצן איינער אַליין און וועבן, און וועבן, בשעת אין מוח ברענט, און די גאַל גיסט זיך אויס אין אַלע גלידער! און צוזאַמענקומען קאָנען מיר זיך נישט!

דו וואָלסט זען, ווי אַ באַווײַבטער, באַקינדלטער וועבער זעט אויס. איך רייד שוין נישט פון דער היים, נאָר אין פאַבריק ווי ער זעט אויס, ווי ער בייגט זיך און נייגט זיך פאָרן ברויט־געבער מיט זײַנע „מענטשן”, ווי ער קריכט זיי אונטער די פיס, ווי ער ציטערט פאַר זייער הויך, ווי ער בעטלט קוים אויס אַ גינסטיקן בליק... ברר! אַ קעלט גייט מיר דורך די ביינער, אַז איך זע עס! ניין! איידער דעם וועל איך קיינמאָל נישט באַשטיין! זאָל מיך אײַנשלינגען אייביקע פינצטערניש אָן אַ שטראַל פון גליק, אָן טרייסט, אָן האָפענונג; הונגער וועל איך לײַדן, ווי אַ נאַקעטער וואָרעם אויף נאַסער ערד, אונטער אַ ווײַנענדיקן הימל זאָל איך ליגן, און דאָס נישט! — און וועט נישט בעסער זײַן, איז פאַר־

פּאַלן! זאָל מיך מרים־לעב פאַרגעסן, אויב זי קאָן, פאַרלייקענען, אויב זי וויל, אַנישט זאָל זי ליידן גלייך מיט מיר, כּמעט יעדער באַזונדער! אויף דער ערד מוז אַמאָל גליק וואַקסן, די ערד דאַרף אפשר אונדזערע טרערן, אונדזער בלוט דערצו, מיר וועלן עס געבן! זאָל אַמאָל און פאַר אַנדערע וואַקסן!

איך ענדיק נישט דעם בריוו. פּלוצלינג איז ליכטיק געוואָרן אין מיין האַלב־פינצטערן ווינקל. איך קוק מיך אום — דאָס פענצטער פלאַמט — עס ברענט ערגעץ — אפשר אין פאַבריק?

דיין...

דריטער בריוו

דו פרעגסט, פאַרוואָס עס איז אַזוי שלעכט? פאַרוואָס עס ווערט אַלעמאָל ערגער? עס איז אַן איינפאַכע זאַך: לייג צו דיינע לאַנגע אויערן: ווער שטעלט דעם פּרייז פון דעם וועבערס אַרבעט? דער וועבער וויל ווי ס'איז מענטשלעך לעבן, און דעריבער ווי מעגלעך טייערער פאַר־קויפן זיין אַרבעט; זיין ברויט־געבער, ווידער, וויל וואָס מער פאַרדינען און דעריבער וואָס ווייניקער צאָלן פאַר דער אַרבעט. איז דאָ אַ סך אַר־בעט און ווייניק וועבער, מוז דער פאַבריקאַנט צאָלן וויפל דער וועבער וויל; איז דאָ אַ סך וועבער און ווייניק אַרבעט, איז פאַרקערט, מוז דער וועבער נעמען וויפל דער ברויט־געבער גיט אים; און וועבער ווערט טאָג־טעגלעך מער, די צאָל וואַקסט ווי אויף הייוון... די חכמה וויסן שוין די קינדער אין דער וויג, נאָר דו ביסט דאָך אַ שוסטער, און אַן אַלשיך־שוסטער, קאָן זיין דו ווייסט עס נישט.

די קאָנקורענץ צווישן די וועבער וואַקסט פון טאָג צו טאָג. עס קאָנקורירן איינער מיטן צווייטן, יונגע, וואָס קאָנען מער און לענגער אַרבעטן, שפּאַרן אַרויס די אַלטע, וואָס האָבן שוין צו דער קאַטאָרגע קיין קרעפטן נישט; קאַוואַליערן, וואָס קאָנען זיך באַגנוגענען מיט אַ קליינעם פאַרדינסט, יאָגן אַוועק די באַווייבטע און באַקינדלטע, וואָס דאַרפן מער; דערנאָך קומען לערן־ייִנגלעך און פאַרטרייבן די וועבער! און דער לוין ווערט געוואָרפן און פאַלט פון טאָג אויף טאָג... היינט הערט זיך נאָך, אַז נייע יונגע בעלי־צדקות וועלן עפענען וועבער־שולן, וואָס וועלן אַרויסוואַרפן יאָר־יערלעך נייע וועבער!

עס איז ווייניק, וואָס עס איז שלעכט, דאָס שלעכטע מוז נאָך זיין

אזוי איינפאַך, אזוי ריכטיק, אזוי גלאַט, פעסט און קיילעכדיק, ווי א רינג ארום האַלדז!...

און עס וועט קומען א צייט, ווען זיבן וועבער וועלן אָנכאַפּן איין ברויט־געבער און בעטן זיך: גיב ארבעט, גיב, האַלב אומזיסט, זאָל זיין אומזיסט, נאָר פאַרנומען זאָלן מיר זיין און פאַרגעסן, אַז אונדזערע ווייבער בעטן און די קינדער העלפן צו...

דו גלייבסט נישט, אַז אַלץ האָט א גרענעץ און קאָן ווייטער נישט גיין? איך גלייב, ארבעט איז אויך א מין שיכרות, זי פאַרהילכט, פאַר־טויבט! זי פאַרשלאָגט דעם קאָפּ מיט די געהירן און מען פאַרגעסט אָן זיך, אָן דער וועלט! עס איז אויך א מין בראָנפן!

דערפאַר איז אָבער היינט א פרייע וועלט! קיינער טאָר מיך נישט נייטן, איך זאָל ארבעטן; איך בין קיינעמס פּאָדאַנע נישט! איך אַרבעט ווען איך וויל, וואָס איך וויל, — א פרייער פויגל בין איך; נאָר ווער עס וויל שיסט מיך, פליקט מיך אָפּ און לייגט מיך אין טאָפּ אריין. איך וואָלט געוועזן א פרייער מענטש, איך זאָל קיין מאָגן נישט האָבן, ער זאָל נישט מאָנען: עסן און עסן! איך זאָל נישט דאַרפן טרינקען, וווינען, איך זאָל ארבעטן אויף איבעריקע אָנגענעמע זאַכן! אָ, דעמאָלט וואָלט איך אַנדערש געשאַצט מיין ארבעט; אָבער היינט?

איך וויל נעמען א סך, דער ברויט־געבער וויל געבן ווייניק; מיר ביידע זיינען פריי, און דאָך, קאָן ער זיך אָן מיר באַגיין און איך אָן אים נישט.

היינט הער איך אויף צו ארבעטן, מאָרגן וואַרפט מען מיך אויף צוויי שפּענער פון דירה אַרויס; איבערמאָרגן קריג איך מאָגן־קראַמפן פאַר הונגער; נאָך א טאָג און איך שטיי שוין פון דער ווייטנס און קוק מיט ברענענדיקע אויגן אויף דער זיצערינס ברויט און קאָן מיך באַין אופן נישט אָוועקרייסן פון אָרט; דאָס ברויט איז א מאַגנעט; מיט נעגל בין איך צוגעשלאָגן צום אָרט...

איך האָב עס נאָך אַליין נישט געפּרוּווט, נאָר אזוי קוקן אויף ברויט. אזוינע אויגן האָב איך שוין געזען! אזוינע אויגן האָבן נאָר וועלף אין די וועלדער!

נו, דערפון וועל איך דיר אַן אַנדערש מאָל דערציילן. עס איז שפּעט, — און מיר ברעכט דער קאָפּ, ווי א שאַרבן.

דיין...

פערטער בריוו

א שיינעם דאנק פאר דיין טרייסט; בעסער געזאָגט: פאר דיין גוטן ווילן מיך צו טרייסטן, וואָרעם וואָס ביסטו שולדיק, אז אפילו אין קאָפּ פון אָרעמסטן שוסטער שלאָגט זיך אָפּ די וועלט א סך בעסער ווי זי איז?

אז איך וועל איבערזעצן דיין שוסטער־געדאנק אויף מיין וועבער־שפּראך, וועט עס הייסן, אז גוטע און שלעכטע צייטן בייטן זיך, ווי זומער און ווינטער; אז אויב היינט איז דאָ ווייניק ארבעט און א סך ליידיקע הענט, וועט אמאָל דער זאַפּאַס אויספארקויפט ווערן און עס וועט זיין פארקערט: ארבעט אין די מאסן און ווייניק וועבער; און דעמלט וועט זיין א גן־עדן אויף דער וועלט! מע וועט אונדז זוכן מיט ליכט אין די גאסן, און אז מע וועט אונדז, וועבער, געפינען, וועט מען זאָגן: שנייד אונדז אָפּ די קעשענע, נאָר ארבעטן קום! בעט דיר אויס דאָס טעלערל פון הימל, נאָר נעם די שיצן אין דער האנט אריין! מע וועט צאָלן פאר „שטערן" מי־יודע וויפל, און וועבער וועלן אומגיין אין גאָלד.

און דעמלט וועל איך דיר נאָר א פּיפּס געבן, וועסטו קומען מיט מרים־לעב צולויפן, פאָרנדיק אָדער רייטנדיק, און מע וועט שטעלן א חופה צו מזל, צו ברכה, צו גליק...

אוי, אלטער, אלטער נאר! א שיינעם זייפנבלאָז האָסטו עס אויפגעבלאָזן! הער א מעשה, וואָס מע דערציילט: עס האָט זיך אמאָל א מכשף אויף א שטעטל פארליבט און געוואָלט עס יאָגן און פּלאָגן, עס איז אָבער א פרום שטעטל געווען, פול מיט הייליקייט, און ער האָט דערויף קיין גרויס שליטה נישט געהאט; האָט ער זיך מיישב געווען און האָט זיך פאר א פאקנטרעגער פארשטעלט, און אָנגעהויבן אלע הייליקייטן אויסצוקויפן און ער איז א רייכער סוחר געווען; מיט גאָלד געצאָלט האָט ער! עס איז געקומען צו א רענדל פאר א בינטל ציצית, א רענדל פאר א תהילימל, פאר א שמירהלע, נאָר ברענגט! די סחורה מכלומרשט שיקט ער קיין אמעריקע, עס האָט זיך א נייער פלאץ געעפנט אויף יידישקייט...

און דער עולם האָט געגלייבט און אָנגעהויבן טראָגן פון די שטיבער ארויס; פריער האָבן זיך געלאקעמעט געמיינע לייט, לאסט־ און וואסער־טרעגער, דערנאָך באלמעלאָכעס, דערנאָך באלעבאטים, עס איז געקומען די צייט אויף שמשים, חזנים, דיינים און שוחטים... קיין איינציקער האָט נישט אויסגעהאלטן... דער רב אפילו נישט, ער האָט אויך אויס־

געליידיקט די שטוב, פאר געלט וועט מען אנדערע סחורה באקומען...

און אז מע האט אלץ אויספארקויפט, האט דער מכשף שליטה באַ־קומען און אָנגעהויבן פלאָגן דאָס שטעטל מיט שלאפקייטן און אלערליי קרענק...

און עס איז זיך נישטאָ מיט וואָס צו ראטעווען, קיין מזוזה ביי דער טיר, קיין שמירהלע אין פענצטער; קיין יידיש וואָרט אין שטוב!

עס איז נישט געווען פון וואָס קיין עין־הרע אָפּצושפּרעכן, פון וואָס א פרק משניות צו לערנען, א יהי־רצון צו זאָגן... און אז מע האָט געוואָלט נאָך אנדערע ספרים שיקן און מע האט געעפנט די קאסטנס מיט גאָלד, זיינען אויפן אָרט פון רענדלעך, נישט פאר אונדז געדאכט, שארבנס געלעגן!...

און אזוי איז מיט אונדז אויך אמאָל געשען!

געשען איז עס פאר א פאָר יאָר, נאָך איידער איך בין אהערגע־קומען, פלוצלינג איז א גליקלעכע, א בריליאנטענע צייט אויף וועבער געקומען, עס האט סחורה פארפעלט!

מע האָט ארבעט געברויכט, ארבעט, וואָס מער ארבעט; וואָס מער וועבער, וואָס מער הענט! דער פאבריקאנט, דער כישוף־מאכער, האָט גאָלד געצאָלט, די ארבעט איז אין גאָלד געגאנגען... און עס האָט א גייענדיק יאָר געדויערט! נאָר אז דאָס יאָר איז אריבער, איז געבליבן קרענק ומיט שארבנס!

אונדזערע לייט האָבן קיין שכל נישט געהאט מיט דער גוטער צייט זיך צו באנוצן און הייבן דעם פרייז; אלע צוזאמען וואָלטן עס אפשר געטאָן, נאָר צעוואָרפענערהייט האָט יעדער באזונדער געוואָלט נאָר אויסרייסן וואָס מער ארבעט פאר זיך, וואָס מער איינצושלינגען פארדינסט! און דער וועבער האָט זיך צוגעכאפט צו דער ארבעט ווי צו א הייסן פלאָדן; און עס איז געוואָרן א געכאפעריי, א געשלעגעריי איבער דער ארבעט, מע האָט ארבעט גענומען מיט געוואלט, מיט גע־וויין, מיט געשריי און מיט קללות! דער פאבריקאנט האָט זיך פאר פרייד די הענט געריבן, מיט די פעטע אויגן געבליפעט, קוקנדיק ווי דער עולם האָט געארבעט, צום טויט געארבעט, נישט פּוּפּן־זיעכצן, נאָר צוואנציק און צוויי־און־צוואנציק שעה א טאָג האָט מען געוועבט! קראנקע זיינען פון די בעטן ארויס, די שוואכסטע האָבן גבורות באַ־וויזן! מע האָט געארבעט און געלט גענומען, מע האָט אלע קרעפטן, די לעצטע כוחות פארקויפט! פאר געלט וועט מען נייע כוחות באקומען!

און אומגעגעסן, אומגעשלאָפֿן האָט מען געשווינד געמאַכט סחורות און אויסגעאַרבעט!

און אז מע האָט שוין אויסגעאַרבעט דעם זאַפּאַס, האָט מען זיך שוין אויסגעאַרבעט די כוחות, דאָס געזונט מיטן לעבן...

און אז מע איז קראַנק געוואָרן, איז אויך דאָס געלט פֿאַרשוווּנדן געוואָרן, און קיין נייע אַרבעט איז שוין נישט געווען און מע האָט שוין נישט געהאַט מיט וואָס זיך צו ראַטעווען פֿון דער נויט...

אַזוי איז געשען. און זאָל מאָרגן נאָכאַמאָל קומען די צייט, וועט דאָס זעלבע געשען! כּל־זמן די וועבער קאָנקורירן איינער מיטן צווייטן, קאָן אַנדערש נישט זיין; מוז יעדער כאַפּן וואָס מער אַרבעט, מוז יעדער וואָס מער שטונדן זיצן ביי דער שטול, און וואָס מער מיר כאַפּן, און וואָס לענגער מיר אַרבעטן, וויניקער ווערט אַרבעט, וויניקער ברויכט מען וועבער, גרעסער ווערט די קאָנקורענץ, פֿאַלט אַלץ נידעריקער דער פּרייז! ווייטער א פּוסטע זאַך, א רינג אַרום האַלדז!

דערצו קומען נאָך צו די לוינקעטניקעס: נאָר וועגן דעם אין מיינע ווייטערדיקע בריוו.

דיין...

פֿינפֿטער בריוו

דו ווייסט נישט, וואָס דער „לוינקעטניק” איז? איך וועל עס דיר קורץ און שאַרף פּאַרטייטשן; איך האָב פֿאַרגעסן, אַז איך רייד מיט א שוסטער, נישט מיט א וועבער.

דער לוינקעטניק, ברודער, איז נישט קיין פֿאַבריקאַנט, נישט קיין וועבער; נישט ער אַרבעט אַליין, נישט ער האָט קיין אייגענע צו פֿאַרגעבן; ער איז נאָר א מיטלמענטש — ער נעמט און אַרבעט ביים פֿאַבריקאַנט און גיט עס אַוועק אַרבעטער; דאָס הייסט: ער שטייט אין דער מיט צווישן פֿאַבריקאַנט און וועבער, און ווו עס פֿליט א קאַרגער ביסן פֿון פֿאַבריקאַנטס האַנט צום וועבערס מויל! כאַפּט ער עס אין דער לופֿט, בייסט אָפּ א האַלבן חלק... טיילמאָל שלינגט ער אים איין אינגאַנצן, און ווערט נישט דערשטיקט...

און דער לוינקעטניק נעמט אָן אַרבעט נישט פֿאַר פּאַרטיקע וועבער, נאָר פֿאַר לערן־יונגען, וואָס אַרבעטן אונטער זיין אויפֿזען... זיי לערנען זיך ביי אים און אַרבעטן אומזיסט; טיילמאָל צאָלן זיי נאָך צו; ערשט נאָך א געווייסער, געווענג לאַנגער צייט הייבט ער אָן צאָלן, נאָר ביסלעכווייז און ביליק. דער לוינקעטניק האָט דעריבער צוויי גוטע מעלות:

ערשטנס שיקט ער יאָר־יערלעך ארויס א נייע פּארטיע וועבער־קבצנים, וואָס ווארפן דעם פּרייז, אבי ארבעט צו באקומען; און צווייטנס — ווארפט ער אליין דעם פּרייז, ווייל ער ארבעט מיט פרעמדע, אומזיסטע אָדער וויניקסטנס מיט ביליקע הענט און קאָן באשטיין גאנץ ביליק צו ארבעטן. נאטירלעך, מוז דער וועבער נאָכגיין, און דער פּרייז פאלט וואָס אמאָל נידעריקער.

אפשר שלעכטע מעלות? קומט זיי נישט דערפאר די וועלט און יענער־וועלט?

וועגן יענער־וועלט, ווייס איך, נאטירלעך, וויניק וואָס צו זאָגן. איך האָב שוין לאנג פון דאָרט דורך גוטע און פרומע לייט קיין ידיעה נישט געהאט; נאָר די וועלט האָבן זיי, נאטירלעך, לעבט דער פאבריקאנט, שענער און בעסער, נאָר דעם לוינקעטניקס וייב טראָגט אויך פּערל אייפן האלדז און בענטשט שבת־ליכט אין א פּאָר גרויסע זילבערנע לייכטער.

נאָר מרים־לעב וועט ווייטער זאָגן, אז איך בין אלעמאָל געווען א גוטער און היינט בין איך א שלעכטער געוואָרן; אז אמאָל פלעג איך נישט קוקן יענעם אין טאָפּ אריין, און היינט שטעכט מיך דער האָבער, און האָב אויף אלץ גרויסע אויגן...

מרים־לעב, עס איז אזוי, און עס איז נישט אזוי.

אמת, אז איך בין אמאָל בעסער געווען... עס איז געווען דעמלט, ווען מיין פּאָטער, עליו־השלום, האָט געלעבט און איך בין אין דער היים געזעסן... אמת, איך האָב קיין מוטער נישט געהאט, און דער פּאָטער האָט א גאנצן טאָג מיט שיצן געוואָרפן... נאָר צו עסן און צו טרינקען האָב איך געהאט און אויך וו דעם קאָפּ אנידערצולייגן... אויב איך האָב קינדוויז צופיל צייט געהאט, און צו וויניק חברים, און האָב גענוג צייט געהאט זיצנדיק אליין, זיך ארומצוקוקן און אלץ באטראכטן, האָט עס מיר דאָך וויניק געשאדט... דער געדאנק האָט זיך פריער אויפגעוועקט, נאָר גאָר איינגאנצן אויספּלאָנטערן פון קרענצל איז נישט פאר מיינע כוחות! איך האָב א סך געקלערט און וויניק וואָס פארשטאנען... שפּעטער האָב איך מיך, שפּילנדיק, ביים טאטן וועבעריי געלערנט און די מלאכה איז מיר געפעלן... זי האָט מיר אויסגעוויזן ווי א קונץ, א פיין מייסטערשטיק; אנדערש איז מיר נישט איינגעפאלן.

א טאטן האָב איך געהאט, ווי איר ווייסט, א בלאסן, א דארן, מיט טריבע ארומגעלאָמעוועטע אויגן און שארפביינקע באקן. נו, וואָס איז? גאָט, ברוך־הוא, האָט די וועלט באשאפן און אויף איר פארשיידענע מענטשן געמאכט, טייל פעטע, טייל מאָגערע, טייל לאנגע, טייל קורצע,

און יעדן אן אנדער פּנים און אנדערע אויגן געגעבן... אבי איך האָב ליב דעם טאַטן און דער טאַטע האָט מיך ליב! און איך האָב צו גאָט קיין טענה נישט געהאַט. וואָרעם ציים איך האָב דעם טאַטן געדענקט, האָט ער אַזוי אויסגעזען, און עס איז מיר גאַרנישט איינגעפאַלן, אַז ער איז אַמאָל אַ געזונטער, פרישער יונגערמאַן געווען, מיט ליכטיקע ברענענדיקע אויגן, וואָס זיינען מיין מאַמען מידלוויז אַזוי געפעלן געווען. געוווסט האָב איך, אַז איך האָב אַ מוטער געהאַט און עס האָט מיר ווי געחלומט, אַז אין שטוב פלעגט זיך אַמאָל אַרומדרייען אַן אַלבאַסטער־ווייס ווייבל, מיט שוואַרצע ברעמען און בלויע טיפע, נאָר ברענענדיקע אויגן. נאָר געזאָגט האָט מען מיר, אַז גאָט, ברוך־הוא, האָט זי צו זיך גענומען, זי איז אים מן־השמים געפעלן געוואָרן... ווער האָט מיר געזאָגט, אַז זי איז אַוועקגעגאַנגען פון דער וועלט, ווייל זי האָט געטריבט ווייַן און פלייש צום געזונט און די ביידע זאַכן זיינען נישט פאַר אָרעמע לייט? מע האָט עס מיר פאַרשוויגן, פונקט ווי מע האָט פאַר מיר געהאַלטן בסוד, אַז די וועבעריי זייגט אויס דעם מאַרך פון די ביינער און האָט מיר דעם פאָטער בלאַס, דאַר און בלינד געמאַכט.

מיין פאָטער האָט נאָך אויף אַסטמאַ געליטן... צי האָב איך געוווּסט, אַז דאָס קומט פון שטויב פון גאַרן? דער אייגענער גאָט, וואָס האָט מיר אַ דאַרן פאָטער געגעבן, האָט אים טריבע אויגן געמאַכט און נאָך אַסטמאַ געשיקט. — פאַרוואָס? אַ פראַגע איז עס! איך האָב אַ מלמד געהאַט, תורה געלערנט און געוווּסט, אַז אפילו מלאכים זינדיקן, בפרט אַ בשר־ודם, בפרט אַ וועבער... און גאָט שטראָפט, מען זאָל אָפּקומען אויף דער וועלט!

אַז איך פלעג מיך אויפכאַפּן בייַנאַכט און זען, ווי דער פאָטער דרימלט כמעט זיצנדיק אויפן קישן און האָט אַ שרעקלעך שווערן אָטעם, פלעג איך מיך באַגיסן מיט פרומע קינדיש־הייסע טרערן. און בעטן גאָט, אַז אויב מיין פאָטער האָט קעגן אים געזינדיקט, זאָל ער בעסער מיך שטראָפן! און אַז איך האָב נישט געפועלט, האָט עס מיך ווייניק געוווּנדערט, וואָרום וואָס פאַר אַ זכות האָט אַזאַ וועבער־קינד געקאָנט האָבן ביי אַזאַ גרויסן שרעקלעכן גאָט, ער זאָל הערן מיין געבעט?

נאָר אָפט פלעג איך מיך אויפכאַפּן, און דער פאָטער איז נאָך געזעסן ביי דעם שטול... טיילמאָל האָט שוין דער מאָרגן געגרויט און מיט דינע שטראַלן זיך אַריינגעגנבעט דורכן לאָך פון לאָדן. „טאַטע" פלעג איך זיך בעטן, „לייג שוין אַוועק די אַרבעט, קום שוין שלאָפן", — קוים וואָס ער האָט דערהערט און ענטפערט מיר: „באַלד, באַלד, קינד

מיינס!" און רירט זיך נישט פון אָרט. „איך וועל נאָך ענדיקן — זאָגט ער — דעם שטערן". און איך בין איינגעשלאָפן מיט דעם געדאַנק, אַז דער טאַטע איז אַמאָל אַן איינגעשפּאַרטער און וויל דווקא אַרבעטן, כאָטש עס טוען אים די אויגן וויי! ווינטער־צייט פלעגט מיר טײלמאָל קאַלט זיין אַליין אין בעט און עס פלעגט מיר ביטער ווערן אויפן האַרצן, טראַכטנדיק, אַז דער פאָטער האָט ליבער זיין שטערן ווי מיך, כאָטש דער שטערן וואָלט איבערנאַכט נישט געפרוירן געוואָרן, און איך ציטער פון קעלט!

אַלץ האָט מיר מיין מלמד געזאָגט און פאַרטייטשט, נאָר נישט דאָס, אַז מיין טאַטע האָט זיין שטערן פיינט שנאת־מות, אַז נישט ער וויל דעם שטערן ענדיקן, נאָר איך זאָל מאָרגן צו פרישטיק אַ בייגל האָבן; אַז נישט ער וויל דווקא אַרבעטן ביינאַכט, כאָטש ער האָט שוואַכע אויגן, נאָר ווייל ער מוז אַרבעטן ביינאַכט! פונקט אַזוי, ווי עס האָט מיר קיינמאָל קיינער נישט געזאָגט, אַז פון גאַרן־שטויב קריגט מען אַסטמאַ...

היינט ווייס איך עס, און דעריבער קאָן איך אַזוי גוט נישט זיין! היינט ווייס איך, אַז די שלעכטע אומבאַרמהערציקע וועלט האָט צו מיין פאָטער געזאָגט: דו אַרבעטסט אַ סך, אַ סך, צאָלן וועט מען דיר ווייניק, און פּרנסה בעט ביי גאָט! דו אַרבעט אַ סך, מאַך אַ מאַסע שטערן אַ ביינאַכט אַ ביי טאָג, און ביי גאָט בעט אַ רפואה אויף די אויגן! אַכצן שעה אין טאָג זיץ אין שטוב איבער דעם שטול געבויגן, שלינג איין פאַרביקן, פאַרסמטן שטויב, און וועסט אַסטמאַ באַקומען, האָסטו אַ ריינע פּרעטענזיע צו גאָט! וואָס שאַדט עס דיר, אַז מיר וועלן הערוויל דיין אַרבעט טראָגן און פון אַ טייל פון איר רייך ווערן און אַצינד רעדט זי אַזוי צו מיר!

דער פאָטער מיינער האָט געגלייבט און שטיל און פרום געליטן; און אפשר האָט ער שטילערהייט געוווסט און נאָך טויזנט מאָל מער געליטן פאַר מיר? ווער ווייסט? מיט קינדער רעדט מען נישט פון אַזעלכע זאַכן!

צי האָט מיין מלמד געוווסט, וועמען ער האָט געדינט? צי איז אים גאָר איינגעפאַלן, אַז ער בינדט מיין נשמה מיט פרומען, נאָר פעסטן שפּינוועבס און וואַרפט זיי אַרויס פאַר די הינט? פון וואַנען האָט ער געזאָלט וויסן? ער אַליין איז אויך אַ וועבער געווען, ער אַליין האָט אויך באַלעבאַטים געדינט? מיין פאָטער איז געשטאָרבן אויף אַסטמאַ, און ער אויף אַ לונגען־פעלער!

נו, איז א וואונדער, אז געגאַרט פון אַלע זייטן, האָב איך געלעבט א גוטן טאָג און בין א גוטער געווען?

ווער שמועסט שפּעטער, אז איך האָב א געוויס פרייליך מיידל דערקענט און פלעג מיט איר יעדן אָוונט זיך טרעפן אין הויז הינטערן טויער? עס האָט זיך אָנגעהויבן א ניי וואונדערליך לעבן, זיסע לבנה־נעכט און נאָך זיסערע חלומות... גאָט מיין איינציקער! ווי גליקליך בין איך געווען. און ווי גליקליך האָב איך מיך געפילט ביים ראש־חודש־בענטשן, ווען דער חזן האָט געזונגען „אם כל ישראל אחיהם" — אַלע יידן זיינען ברודער! א קאַטאָוועס, א מענטש האָט א זיבן־אַכט־מיליאָן ברידער און שוועסטער און מרים איז איינע פון זיי! איך האָב מיך גע־פילט אזוי גרויס, אזוי שטאַרק, אזוי שטאָלץ! ערשט שפּעטער בין איך געוואָר געוואָרן, אז דאָס מזל קאָן מיך אויסרייסן פון דער היים און מיך פאַרוואַרפן ווי א פוילן עפּל, ערגעץ אריין אין דער פרעמד, ווו דאָס האַרץ וועט פאַרגיין פאַר בענקשאַפט, אז זי וועט בלייבן דאָרט אהן שטריקן און וויינען באַזונדער; ערשט שפּעטער בין איך געוואָר געוואָרן, אז מאָריץ פיינבאַך, מיין ברויט־געבער, איז מיר גאָר קיין ברודער נישט, אז ער האָט מער רחמנות אויף זיין פערד, ווי אויף מיר! נאָר דעמלט, האָב איך נאָך דאָס אויך נישט געוווסט, און בין אזוי פריי מיט א שמייכל אויפן יונגן פּנים, מיט פאַרחלומטע אויגן און אויסגעשפּרייטע הענט אַנטקעגן געגאַנגען דער וועלט...

היינט ווייס איך עס, היינט ווייס איך צופיל... נאָר צי בין איך עמעצן מקנא? צי וויל איך דען דעם לווינקעטניקס זילבערנע לייכטער? אָדער מיין ברויט־געבערס בייטל מיט געלט? ניין! כ'וויל עס נישט. מיר חלומט זיך א ריינע אויפגערוימטע שטוב, צוויי בעטן הילצערנע, זאָל זיין צו איינציקע קישן, נאָר ווייסע, שניי־ווייסע ציכן! א ברויט אין ווייסן הילצערנעם אַלמער; א האַלב פונט פליש צו מיטאָג אויף א פער־זאָן, און וועט גאָט א קינד געבן, זאָל דערפאַר אין דער מוטערס ברוסט זיין מילך, פרישע מילך, נישט גאַל, נישט סם! אָנטאָן וויל איך מיך אָרעם, נאָר ריין, זאָל זיין געלאַטעט, נאָר נישט צעריסן, און וואָס נאָך וויל איך? אז מיין ווייב און מיין קינדס מוטער זאָל זיין די, וואָס איך ווייס, צו וועלכער עס ציט מיך מיטן גאַנצן לעבן, מיט דער גאַנצער נשמה! אָט אזוי ווייניק וויל איך, נאָר דאָס ווייניקע קאָן אויך נישט געשען, ווייל איך מוז אנדערע שפּייזן און אליין הונגעריק זיין! איך

בין קיינעם נישט מקנא, דאָך פאַרחריסט מיך, פאַרוואָס בין איך נאָר א רינע, וואָס לאָזט דורך וואַסער, און אליין טרינקט זי נישט.

דיין...

זעקסטער בריוו

דו שרייבסט, אז איך זינדיק, אז איך פאַרלאַנג צופיל, כאָטש עס האָט מיר קיינער הערויף קיין קאָנטראַקט נישט געגעבן, מרים־לעב זאָגט, אז מע קאָן לעבן מיט גאָרנישט, אָדער כמעט מיט גאָרנישט, אז אויב מע האָט זיך ליב, עסט מען „וואָס עס איז" אָדער „באָדיי וואָס"... איך אליין האָב אויך אמאָל אזוי געמיינט; איך האָב מיך אָבער צוגע־קוקט צום לעבן פון מיינע חברים; איך האָב עפּעס אנדערש געזען! איך האָב שרעקלעכע זאַכן געזען!

אז איך האָב די ערשטע צוויי רובל א וואָך באַקומען, האָב איך א געשריי געטאָן און דערמלט אונטערגעשפּרונגען פאַר פרייד! מיין ער־שטער געדאַנק איז געווען אייך א דעפּעשע צו געבן, גרייט זאָלט איר זיין! טעלעגראַפירט דאָך האָב איך נישט, עס איז מיר פּלוצלינג א שאָד געווען דאָס געלט! נישט מיינס! נאָר מרים־לעבס געלט איז מיר א שאָד געווען! עס איז שוין איר געלט געווען! איך וועל בעסער שרייבן, און איך האָב ביינאַכט געשריבן, נאָר צומאָרגנס דעם בריוו נישט אוועקגעשיקט.

אין אָוונט בין איך צו מיינעם א באַקאַנטן וועבער געגאַנגען; איך האָב געוווּסט, אז ער איז ערשט דריי יאָר נאָך דער חתונה, און איך האָב געוווּסט, אז עס איז א ליבע געווען און מיר האָט זיך געגלוסט, עס האָט מיך געצויגן צו זען כאָטש איין אָוונט, כאָטש איין סצענע פון א גליקלעך היימיש לעבן, אויף וועלכן איך האָב אזוי געהאָפט! דער־וויל דורך א שפּאַרע אריינקוקן און זען, ווי עס פירט זיך אין גן־עדן. און איך האָב געזען!...

איך האָב געזען צוויי קראַנקע קינדער, איינס האָט דיפטעריט באַ־קומען און דאָס צווייטע האָט זיך זאַראַזשעט... זי איז געזעסן ביים טיש געבויגן איבער א ניי־מאַשין, און ער, דער פאַרליבטער מאַן, איז ארומ־געגאַנגען אויף און אָפּ, בייז און וואַרפנדיק מיט די הענט! אז ער איז נענטער צו מיר צוגעגאַנגען, האָב איך ביי אים געזען טרערן אין די אויגן; נאָר די טרערן זיינען מיר עפּעס נישט געפעלן, און פון מויל האָב איך א ריח פון בראָנפן דערפילט... איך האָב מיך געשווינד צוריקגע־צויגן, נאָר געשלאָפן יענע נאַכט בין איך שוין נישט...

איך בין געלעגן מיט א פֿערענע אויבן און האָב באַשיימפּערלעך און אָן אויפֿהער געזען דאָס בילד, ווי זי זיצט איבערגעבויגן איבער דער מאַשין; איך האָב איר פּנים נישט געזען, נאָר זיכער געפֿילט, אז עס איז דערשראָקן, פֿאַרציטערט און בלאַס, און פֿון די אויגן פֿאַלן גרויסע, גרויסע טרערן, ווי די אַרבעס... און די פּלייצע פֿלאַטערט און ציטערט... און עס האָט זיך אַלץ געדאַכט, אַז אָט גייט ער צו און דערלאַנגט איר מיט דער פּויסט אין פּלייצע אַריין... אויב נישט היינט, וועט ער עס מאָרגן טאָן... ער וועט שוין קיין איינציק מאָל נישט אַהיימקומען ניכ־טער...

איך האָב געזען דערנאָך נאָך אַנדערע זאַכן. מע טייט מיט די פֿינ־גער אויף די עלטערן, וואָס האַנדלען מיט פֿלייש — פֿון אייגענע טעכ־טער... איך האָב געזען קינדער, וואָס וואַרפֿן אַרויס די עלטערן, ווען זיי הערן אויף שוין פֿאַרדינען...

אָ, איר קאָנט עס גאָרנישט פֿאַרשטיין! נישט נאָר לייוונט און וואָלן־צייג וועבן מיר, מיר וועבן אויס גאָר פּונקט נייע מנהגים, נייע מידות פֿון דער נאָדל! אויך וועבן מיר אויס תּכריכים פֿאַר דער אַל־טער, גוטער און פֿרומער וועלט, און מע וועט זי אין זיי באַגראָבן... און עס וועט אויפֿשטיין א נייע, פֿוילע, דורך און דורך פֿאַרפֿוילטע וועלט. און ווער עס וועט נאָך האָבן א ריינערע נשמה וועט פֿון איר אַנטלויפֿן, ווו עס וואַקסט אַפֿילו קיין פֿעפֿער נישט!

ד יי ן ......

אַכטער בריוו 1)

מזל־טוב! ענדלעך האָסטו זיך געריִרט פֿון אָרט!! הונגער און נויט האָבן אויף דיר נישט געווירקט, נאָר די וועלט, האָסטו מורא זאָל נישט אונטערגיין, די ריינקייט און פֿרומקייט זאָל נישט פֿאַרלוירן ווערן!

און אויף אַן המציאה ביסטו געפֿאַלן: קודם־כּל שרייבסטו דאַרף מען די לווינקעטניקעס אונטערברענגען!

דו האָסט אַפֿילו קיין אַמעריקע נישט אַנטדעקט, אַפֿילו קיין פּול־ווער נישט געפֿונען, ווייל דאָס האָט מען שוין פֿאַר דיר געטאָן. דיין לידל זינגען שוין די פֿייגל אויף די דעכער! נאָר א נאַגראַדע ביסטו ווערט, און איך וועל דיר דערפֿאַר דערציילן די מעשה פֿון די פּאָר אויגן, וואָס האָבן אַזוי פֿייערדיק אויף א פֿרעמד ברויט געקוקט!...

---

1) דער זיבעטער בריוו איז ערגעץ פֿאַרלוירן געגאַנגען.

אמאָל, און דווקא ערשט נישט לאַנג איז געווען אַ וועבער, גראָד אַ גוטער וועבער, נאָר, ווי מע פלעגט זאָגן, נישט מער קיין קלוגער, אָדער דער קאָפּ זיינער איז נישט אויף זיין אָרט געשטאַנען, אָדער עס האָט דאָרט אינעווייניק עפּעס געפעלט. נאָר דערפאַר האָט ער געהאַט אַ ברייט אויסגעוואַקסן האַרץ, ווו, אויסער זיין אייגענעם פּאָרטרעט, איז נאָך געהאַנגען דאָס בילד פון אַלע וועבערישע צרות, און ווייל עס איז זייער גרויס געווען, האָט ער כמעט זיין אייגענעם פּאָרטרעט פאַרשטעלט, און דעריבער האָט ער אָפּט זיך אליין נישט געזען! ער אליין האָט גענוג פאַרדינט, — די צייטן זיינען נאָך עטוואָס בעסער געווען, ער האָט זאָגאַר אַ געליבט מיידל געהאַט און נאָר וואָס געוואָלט חתונה האָבן, נאָר אַ געדאַנק האָט זיך אים אריינגעשלאָגן אין מוח און דער געדאַנק האָט אים צורעכט געמאַכט. ער האָט זיך איינגערעדט, אַז אויב יעדער איינציקער וועבער איז, באַזונדער גענומען, אַ שוואַך, ווייך ריטל, וואָס דער ערגסטער לוינקעטניק דרייט זיך אַרום, אויב ער וויל, אַרום פינגער, וואָלטן אַלע צוזאַמען געקאָנט זיין אַ שרעקלעך שטאַרקער בעזים אויסצוקערן און אַרויסצוואַרפן מיטן מיסט נאָך עפּעס בעסערס ווי אַ לוינקעטניק איז, נאָר מיט וואָס בינדט מען דעם בעזים?

און אַ שלעכטע נאַטור האָט ער געהאַט, שטענדיק אָפּן צו האַלטן דאָס מויל, און וואָס פאַרא גרינער פויגל עס איז אים געבוירן געוואָרן אין דער קליינער נעסט פון קאָפּ, פלעגט ער באַלד אַרויספליען פראַנק און פריי אויף דער פרישער וועלט... עלטערע מענטשן האָבן אים געוואָרנט, ער זאָל נישט זיין קהלס פאַרזאָרגער, ווייל קהל צאָלט מיט שטיינער פאַר ברויט; דאָס געליבטע מיידל האָט אים געהאַלדזט, געקושט און געוויינט, ער זאָל זיך נישט מיאוס מאַכן דאָס מויל מיט אַ בעזים, נאָר ער האָט זיך געהאַלטן ביי זיינעם, אַז מען דאַרף בינדן אַ בעזים!

און געערעדט דערפון האָט ער וואָרעם, מיט האַרץ, מיט בלוט, די וועבער האָבן ווייניק פאַרשטאַנען, נאָר גוט געפילט, און פלעגן מאַכן אַרום אים רעדלעך, און אַז ער האָט גערעדט האָבן טייל געזיפצט און טייל געשאָלטן. נאָר פון דעם איז ער נישט צופרידן געווען. ער פלעגט זאָגן, אַז פאַר טויזנט זיפצן וועט דער בעקער קיין איינציק ברויט נישט געבן, און פון אַ מיליאָן קללות וועט זיך ביים לוינקעטניק אין מויל קיין איינציקער צאָן נישט קריצן... נאָר וואָס דען ווילסטו, לעבן מיינס? אַ בעזים וויל ער מאַכן נאָר אַ בעזים...

און עס האָט זיך אָנגעהויבן צו בינדן אַ בעזים! דער עולם האָט

זיך צוזאַמענגענומען און געשווירן, מער בײ קײן לווינקעטניק קײן אַרבעט נישט אָנצונעמען! די וואָס אַרבעטן שוין, זאָלן אוועקגײן... און באַלד איז געפאַלן געלט, מע זאָל אויפהאַלטן די, וואָס גײען אַוועק, ביז זײ וועלן דירעקט פון פאַבריק קײן אַרבעט נישט באַקומען; איז עס געוואָרן אַ רעש אין די גרויסע וועלטן; דערשראָקן און פאַרציטערט זײנען אַרומגעלאָפן לווינקעטניקעס, שטיל און װי װײט מעגלעך אײדל האָבן אפילו פאַבריקאַנטן גערעדט! און די װעבער האָבן זיך געפרײט. האַ! עס שטעקט דאָך אַ קראַפט אין אָרעמע לײט, מע דאַרף זײ נאָר וועקן, וועלן זײ וועלטן איבערקערן! אַ גדולה, אַ פרײד!...

עס איז אַ פײנער פאַרביקער זײפנבלאָז געװען, נאָר ער האָט צו געשווינד געפּלאַצט! ערשטנס, זײנען געווען עטלעכע שלעכטע וועבער, וואָס האָבן קײנמאָל קײן אַרבעט נישט געהאַט, האָבן זײ זיך באַלד אַרײַנגעשלײכט צו די לווינקעטניקעס און אָנגעהויבן צו אַרבעטן... אַנדערע האָבן זיך דערשראָקן און געשווינד צוריק זײערע ערטער פאַרכאַפּט; די רעשט האָט עס דערזען און אַלײן געמוזט זיך מתיר־נדר זײן און נאָך איבערבעטן דעם לווינקעטניק: „זײ אונדז מוחל, עס איז גאָרנישט אונדזער הויט, כאָטש זי ליגט אויף אונדזער לײב, שינד, וויפל דו ווילסט!” און דאָס לעבעדיקע וואַסער איז צוריק אין די קאָריטע אַרײַן, צוריק דאָס אַלטע לעבן!

נאָר אַ נײַעס איז געשען: דעם מענטש מיטן האָרץ האָט מען פון פאַבריק אַרויסגעוואָרפן, און ער האָט שוין אין ערגעץ קײן אַרבעט נישט באַקומען. די געליבטע כלה האָט נאָטירלעך צעריסן די תנאים... די וועבער האָבן געשוויגן; מע וועט דאָך פאַר אײן מענטשס וועגן נישט אַוועקוואַרפן די פרנסה!

געשען איז עס נאָך אײדער איך בין געקומען, נאָר איך האָב נאָך די זכיה געהאַט צו זען, ווי דער מענטש מיטן ברײטן האַרץ האָט געקוקט אויף אַ לעבל ברויט בײ דער זײַצערין אויפן טיש.

ד י י ן ...

נײַנטער בריוו

איך האָב גאָרנישט געוווּסט, אַז מײַן מרים־לעב האָט אַזאַ דעה בײ גאָט! — קוים האָט זי אין לעצטן בריוו געווונטשן מיך כאָטש נאָך אַמאָל צו זען, פאָר איך שוין אַהײם!

עס פעלט נאָך אפילו אויף הוצאות, נאָר איך האָב נאָך עטלעכע איבעריקע זאַכן צו פאַרקויפן... דאָס בעט מיטן קישן און קאָלדרע, מיטן

שעניק אפילו האָב איך שוין פאַרהאַנדלט; איך האָב אָבער נאָך אַן איבעריקן ראָק און צוויי־דריי איבעריקע העמדער.

אויף הוצאות וועט געננג זיין, אַנישט וועל איך צושפּרייזן צופוס.

און פאָרן אַהיים פאָר איך דורך גאָר אַ פּשוטע זאַך; איך האָב אַ נאַרישן פעלער געמאַכט און מוז אַהיימפאָרן.

די מעשה איז אַזוי געווען: צייט איך האָב די וועלפישע אויגן געזען, האָב איך מיר געטראַכט: בעסער אַ לויט שכל אידער אַ פונט האָרץ: בעסער ביינאַכט אָפּן צו לאָזן די טיר אידער ביי טאָג דאָס מויל. זיין נוצן צום עסן, נאָר נאָך מער די צונג איינצובייסן, אויב זי וויל זיך אַן איבעריק מאָל איבערדרייען. דער מענטש איז טאַקע געקרוינט און געהויבן איבער אַלע חיות מיט די רייד, נאָר „גוט מאָרגן — גוט יאָר" איז גענוג גערעדט און וואָס איבעריק שאַדט! און נאָך אַזוינע גוטע און קלוגע זאַכן האָב איך מיר געטראַכט און איינגעקאַרבט, אַבי איך זאָל קיינמאָל, אַזוי ווי יענער מיטן ברייטן האַרץ און אָפענעם מויל אויף אַ זיצערינס ברויט נישט ברויכן צו קוקן...

פון אַזאַ קוקן — האָב איך געטראַכט — קומט קיין גוטס נישט אַרויס. אויפן בעסטן פאַל קומט מען דערצו, אַז מע כאַפּט אַ ברויטל.

און וואָס וואָלט מיין פרומער מלמד געזאָגט? ער וואָלט זיך באַלד געשטעלט פאַרן בית־דין של מעלה און עדות געזאָגט, אַז ער אַליין האָט מיך געלערנט: „לא תגנוב! רירט נישט קיין פרעמדס!".

וואָרום, ווי דו ווייסט, איז מיין פרומער מלמד אַ קורצזיכטיקער געווען, און קוים וואָס ווייטער פאַר זיין אייגענער נאָז נישט געזען... אַז דאָס ווייב פלעגט אים אַנידערלייגן אַ ברויטל אויפן טיש, האָט ער געזען ברויט, מער נישט ווי ברויט! וואָס ברויט? וועמ ברויט? ווי קומט עס צו אים? פון וואַנען נעמט זיך ברויט? ווער האָט געזייט, ווער געשניטן, ווער געמאָלן, ווער געבאַקן? וועמענס שווייס שטעקט דערין, וועמענס בלוט? דאָס האָט ער קיינמאָל נישט געזען... פון הימל אַראָפּ, צו פון אונטער דער ערד אַרויס וואָלט ער געשריגן: גנב! און אויף מיר וואָלט דאָס היטל געבריענט!

נאָר וואָס קומט אַרויס, אַז דער מענטש דענקט און די צרות (אייגענע צו פרעמדע) לענקען! אַז, ווי ענג עס איז נישט ביי איינעם אין האַרצן, פאַלט דאָך אַמאָל אַריין אַ נאַרישקייט; אידער דו קוקסט זיך אום, האָסטו עס אָפּגעטאָן און פאַרפאַלן, — כאָטש קנייפ דיר אויס די באַקן. מיין געוועזענער ברויט־געבער זאָגט, אַז ער האָט זיך אויף מיר

נישט געריכט; איך אליין וואָלט עס אויך נישט געגלויבט! און דאָך מוז עס אמת זיין, והא־ראיה: איך פאָר אהיים!

נאָר צו דער זאַך! עס איז דאָ אמאָל געווען א גרויסע וועבערי־שע חברה מיטן נאָמען „פועלי צדק”. אָט א יידישע חברה, אויף וועל־כע אלע האָבן דורך די פינגער געקוקט, ווייל מע האָט דאָרט נישט מער ווי געדאוונט און שבת אלשיך געלערנט... צי האָבן שוין די אל־טע וועבער געפילט, אז זיי מוזן דאווענען באַזונדער, בעטן אויף עפּעס אנדערש איידער זייערע ברויט־געבער? ווער ווייסט? נאָר מיט דער צייט איז דאָס דאווענען כמעט פון דער מאָדע ארויס. און אויפן אָרט פון אלשיך הערן, שפּאַצירט דער עולם היינטער דער שטאָט און באַמיט זיך אויסצואָטעמען דעם שטויב פון גאַרן, וואָס מע האָט אָנגענומען א גאַנצע וואָך... מיט דער צייט האָבן אויסער עטלעכע, גאַנץ אלטע וועבער, מיט די אלטע טליתים און זילבערנע עטרות — א זכר פון די אמאָליקע גוטע צייטן, — אלע אָן דער חברה פארגעסן... נאָר לעצטנס, אז מע האָט מיטאמאָל געוואָרפן דעם פרייז, האָט עס דעם עולם אונ־טערגעטראָגן; עס איז געוואָרן א רעש, א מהומה, וואָס טוט מען, וואָס נעמט מען פאָר! און פלוצלונג האָט מען זיך דערמאָנט, אז עס איז א חברה פאַראַנען, אז עס איז דאָ אן אָרט, ווי זיך צוזאַמענצוגיין און א וואָרט צו רעדן! און דער עולם האָט זיך געלאָזט אין „פועלי־צדק” אריין, און האָט מיך געשלעפּט... די מאסע איז ווי א פעד, זיך נישט אָפּצורייסן!

צי האָסטו אמאָל געזען, ווי פונקען פליען איבער א שמידעריי? מיליאָנען פונקען, און זיי וועלן נישט אָנצינדן קיין איינציקן שטרוי אויפן דאַך! נעם זיי אָבער צוזאַמען, וועלן זיי א וועלט פאַרברענען! דאָס איינענע איז א חברה! קוים איז זיך דער עולם צוזאַמענגעקומען, האָט געברענט! עס האָבן טויטע געהערט, שטומע גערעדט, לאָמע זייַ־נען אויף און אָפּ געלאָפן, פאַראַליזירטע האָבן נאָר פאַטשן געוואָלט, נאָר פאַטשן... אנדערע האָבן געשריגן, אז כל־זמן מע וועט נישט גע־פינען צוויי־דריי ברויטגעבערישע בייכער צעשניטן אינמיטן מאַרק, וועלן די צרות קיין ענדע נישט נעמען!

איך האָב פיינט פאַטשן, פון צעשניטענע בייכער קאָן איך בטבע נישט הערן, און איך וויל זיך ארויסגנבענען פון עולם מיט די שאַרפע צונגען, נאָר שטומפּיקע קעפּ; ליידער, מע האָט מיך באַמערקט און עס איז פלוצלינג א געשריי געוואָרן: ער אנטלויפט. מסרן גייט ער! מסרן! און די ווערטער זיינען גענוג געווען, איך וויל צוריק גיין, ארויפשפּרינ־

גען אויפן ערשטן טיש און אָנהייבן ריידן, גלייך מיר וואָלט אויך עפּעס געפעלט אין קאָפּ און דאָס האַרץ וואָלט זיך מיר אויך צעוואַקסן אין דער לענג און אין דער ברייט.

זאָל איך אייך איבערגעבן מיינע נאַרישע רייד? נאָך וואָס? איך האָב נאָר געוואָלט די וועבער זאָלן זייער אייגן געשעפט פאַרשטיין, זיי זאָלן איינזען, אַז ערשטנס מוז מען זיך פעסט צוזאַמענהאַלטן, אַז די „פּועלי צדק" דאַרפן אויפגעפרישט און געשטאַרקט ווערן, אַז מע מוז זאַמלען געלט, געלט פאַר קראַנקע, געלט פאַר אַלטע אָן כוח, געלט פאַר וועבער אָן אַרבעט, געלט פאַר אַלע אויף דער שלעכטער צייט, ווען עס לוינט זיך נישט צו אַרבעטן... און דער עיקר איז, אַז קיינמאָל דאַרפן וועבער צווישן זיך נישט קאָנקורירן, נישט מיטן פּרייז, נישט מיט פאַר־לענגערן די צייט פון דער אַרבעט... איך האָב זיי דערציילט, אַז ערגעץ אַנדערש אַרבעט מען נאָר צוועלף, אין אויסלאַנד נאָר צען שעה, אויף א טייל ערטער נאָר אכט. איך האָב זיי געזאָגט, אַז א מענטש איז קיין פערד נישט, און אַז פערד אַרבעטן דאָך ווייניקער פאַרן פּוילסטן וועבער... און נאָך אַזוינע זאַכן, וואָס א מענטש מיט שכל האַלט ביי זיך און רעדט נישט אַרויס. דו ווייסט אפשר אַנדערש זאָגן מרים־לעב? דו האָסט דאָך שטענדיק ליב געהאַט מיך אָפּצושפּאַרן, צו זאָגן פאַרקערט, נאָר דערפון וועלן מיר שוין ריידן אינערהיים! דערווייל האָט מיר געשאַדט.

די גאַנצע צייט, וואָס דו האָסט פון מיר קיין בריוו נישט דערהאַלטן, בין איך געזעסן און גאָט ווייסט פאַרוואָס? ערשט ווען מע איז אויף זיכער געוואָר געוואָרן, דערנאָך, אַז איך האָב אָפּגעהאַלטן פון פּאַטשן און בייכער־שניידן, האָט מען מיך אָפּגעלאָזט, נאָר געהייסן אַרויספאָרן אויף א פּאָר יאָר פון שטאָט... א וועבער, זאָגן זיי, דאַרף זיצן און אַרבעטן, נישט שפּרינגען אויף טישן און ריידן...

שלעכט, נאָר צוויי זאַכן טרייסטן מיך! ערשטנס, איך האָב א זאָג מען געוואָרפן און איך בין זיכער, אַז ער וועט וואַקסן; פונדערווייטנס זע איך שוין, ווי ער וואַקסט! און ער וואַקסט, ווי עס באַדאַרף צו זיין: אין דער טונקל, שטיל און באַשיידן, עס דאַרף קיין האָן נישט קרייען! און צווייטנס, וואָס מרים־לעבס ווונטש וועט דערפילט ווערן און מיר וועלן זיך זען... גיך און באַלד זען... גרייט נאָר אָן אביסל זאַלץ, איינ־צורייבן מיר די פּלייצעס מע האָט זיי מיר אביסל צעהאַקט...

ד יי ן ...

איין איינציקער בריוו פון שוסטער צום וועבער

איך שרייב געשווינד און אין איין ציטערניש, האָב גאָט אין האַרץ, פאַר ווי דו ווילסט, נאָר קום נישט אהער, איך האָב קוים, קוים געפועלט ביי דער שוועסטער, זי זאָל לאָזן איינעם אריינגיין, א פיינעם בעל־מלאכה, אן אלמן... די אָרעמע מרים האָט זיך געגוג די הענט געבראָכן, און די אויגן אויסגעוויינט, אייידער זי איז באַשטאַנען, אַצינד וועסטו קומען און די גאַנצע זאַך וועט צעדודערט ווערן! און זאָג אליין, חתונה האָבן ווילסטו נישט און, ווי דער אמת איז, אַצינד קאָנסטו נישט, נאָך וואָס זאָלסטו איר שטערן אין וועג? דו אליין פאַרדינסט וויניק, איך — אסור אויב איך בין בכוח זי אויסצוהאַלטן, איך האָב מיינע אייגענע געגוג. אויב דו ביסט אן ערלעכער מאַן, פאַר ערגעץ אַנדערש אַוועק... געדענק אָן גאָט!

1897 י.

קלאָץ־געשיכטן

1

דער קלאָץ אַליין

אין מיטן מארק ליגט אן אלטער, פוילער קלאָץ...

דאכט זיך, טויט ווי אלע טויטע — און דאָך, אין א שטילער זומער־נאכט, ווען אלץ ארום איז פארזונקען אין טיפן שלאָף, ווען לבנה און שטערן דרימלען אונטער א לייכטן זילבער־נעפל ווערט זיך אין מיר אויף דער אלטער כישוף־מאכער... „האָקוס־פּאָקוס!" — דער קלאָץ לעבט!

ערגעץ אין מצרים ליגט א פארכישופטער אלטער קלאָץ, וואָס ווערט זיך יעדן פרימאָרגן (ווען די פרישע, ריינע זון שטייט אויף) און יעדן אָוונט (ווען די זון גייט אונטער פארשעמט און פארבלוטיקט) און גיט פון זיך ארויס א וואונדערלעכן קלאנג; — מיין קלאָץ דערציילט גאנצע געשיכטן.

אלץ, וואָס איך שרייב פונעם שטעטל, האָב איך אים צו פארדאנקען, דאָס אלץ זיינען „קלאָץ־געשיכטן"... דאָס אלץ דערציילט ער מיר. נאָר אָנהייבן הייבט ער אָן פון זיך. רעכט האָט ער! יעדערער איז ביי זיך דער הייליקער מיטלפונקט, ארום וועלכן עס שטעלט זיך אויס די רעשט וועלט.

עס גייט כסדר: איך, דערנאָך ערשט אלץ, וואָס מיין איז: מיין משפחה, מיינע חברים, מיינע גוטע פריינט, מיינע באקאנטע, מיין שטאָט, מיין געגנט, מיין לאנד... אלץ וואָס מיין איז!

שפּעטער נעמען מיר שוין שותּפים צו: אונדזער ערד, אונדזער וועלט.

פאַר דעם קומען מיר צוריק צו: מיין גאָט! נאָר דאָס זאָל זיין א סגולה צו פּרנסה...

טייל מיינען אפילו, אז זיי זיינען, נישט נאָר דער מיטלפּונקט, נאָר זאָגאַר דער ברען פּונקט פון דער וועלט. דאָס גאַנצע ליכט לויפט זיך דאָ צוזאמען ארויסצושטראַלן ערשט פון זיי אויף דער רעשט וועלט... אָן א חלבן ליכטל אפילו אין האנט, לויפן די באַרמהערציקע לייט ארום אין די גאַסן און שרייען: ליכט! ליכט! ווי אמאָל דער כביכול און דערנאָך, להבדיל, געטע פאַרן טויט...

אנדערע קלערן גאָר: צי איז אויסער זיי נאָך עפּעס פאַראַנען!...

„איך בין איך" — על־כן — בין איך דאָ! נאָר די רעשט וועלט, צי איז זי נישט מיינער א חלום פון א זומער־צי א ווינטער־נאַכט, ווי עס מאַכט זיך?

און באמת, ווער נייטיקט מיך צו גלייבן, אז אויסער מיר עקזיס־טירט נאָך עפּעס? פילן פיל איך נאָר מיין הונגער, מיין דורשט, מיין עגמת־נפש... איי וואָס — מע זאָגט?

דאָס איז ווייניק!

מע פלעגט אמאָל זאָגן, אז עס איז פאַראַן: ערלעכקייט, רחמנות, יושר, אמת וכדומה, און עס האָט זיך ארויסגעוויזן — א חלום, א וויסטער חלום...

און — והא־ראיה! אז איך, איך נאָר, נעם א קאָפּ בראָנפן, טאַנצט די גאַנצע וועלט ארום ווי שיכּור!

לאָמיר בעסער צוריקגיין צום קלאָץ, צו זיין אויטאָביאָגראַפיע!

געווען איז ער אמאָל א בוים.

א פרישער גרינער בוים אין וואַלד!

געוואָרצלט האָט ער אין דער ערד. געצווייגן זיך אין הימל ארייַן...

און אָדלער, נאַטירלעך, פליט העכער: זיינס האָט ער דאָך געטאָן בשלי־מות; ער האָט זיך געהויבן און געהויבן, איבער זיינס גלייכן גע־וואַקסן; ער האָט שוין אפילו א גרויס שטיק הימל געזען!

טיילמאָל האָט זיך אים געדאַכט, אז אָט־אָט, פאַלט אַראָפּ דאָס טע־לערל פון הימל און לייגט זיך אים — א קרוין אויפן קאָפּ! און ער איז ווערט די קרוין, ער ציט זיך אַלץ אינייַנעם ארויף!...

געלעבט האָט זיך נישט שלעכט!

טויזנט בלעטער צום אָטעמען, אריינצוציען גרינציג... א פּאָר שאָק וואָרצלען אונטער דער ערד, צו ציען חיונה — זאפט און זאלץ! דאָס איז פאַרן גוף; די נשמה האָט: פייגל־קאָנצערט און וואָלקן־מאסקאראדע!

צווישן די צווייגן זשומט, ברומט, טרילערט און קלינגט... אויפן הימל פליט און ציט, און יאָגט זיך. פון א זייט שווימט א סטאדע וואָ־ליקע שעפעלעך; אָט טרייבט זיי אקעגן א גראָמאדע צוויטיקע, שוואר־צע וועלף... אלע פארשווינדן, און איבער דער ברייט פון הימל ציט זיך אויס א לאנגער דייטש מיט גרויסע שטיוול, מיט א מעשענע פּיקל־הויב אויפן קאָפּ.... ער ווערט אויך צערונען, שא! דער הימל הענגט ארויס וועש צו טריקענען... דאָס גרעט שאָקלט זיך, הוידעט און ווארפט זיך, גלייך עס וויל אראָפּפאלן און א האלבע וועלט „מלבוש־ערומים" זיין...

דאָס איז אלץ זומער.

ווינטער־צייט הילט זיך איין דער בוים אין ווייסן מאנטל און דרימלט. ער שלאָפט איין, און חלומט איבער א וועלט!

אין אזא שלאָף הערט איינמאָל: טראך! טראך!

א האק, צי א דונער! ער צי אן אנדערער?

איידער ער קומט צו זיך — באַץ! ער ליגט שוין אויסגעצויגן אויפן שניי...

און ער שלאָפט ווייטער איין... און ער חלומט ווייטער:

— פּארפאלן! עס וועט זיך אָנהייבן א ניי לעבן, גאָר אן אנדער לעבן! נישט אין היימישן וואלד, נישט צווישן זיינס גלייכן — ביי־מער, נאָר אין דער אייביקער פרעמד!

נישט „הימל און ערד" וועט עס הייסן, נאָר „הימל און וואסער", בעסער געזאָגט: הימל און הימל, אן אמתער פון אויבן, און אָפּגע־שפּיגלטער פון אונטן...

א מאסט וועט ער זיין, אויף דער גרעסטער שיף שווימען; אויף דער גרעסטער שיף, אויפן גרעסטן ים! און א וועלט וועט ער זען!

דעם וואלד וועט ער דאָך נישט פארגעסן!

וועט ער נענטער קומען צו א שטיק ערד, וועט ער זיך שאָקלען און גריסן דעם וואלד... פון צייט צו צייט וועט אים דער ווינט צו־

טראָגן אביסל ריח פון נאָדלען און בלעטער... אויף דער שיף וועט גע־וויס זיין א שטייגל... דרינען א קליין זיס פייגעלע.

ער חלומט און פילט, ווי די האק שפּאַרט אים אין די זייטן, שיילט און רייסט... שאדט נישט!

„טערפּי קאָזאַק, אטאמאַנאָם בודיעש!"

אנדערע האָט מען אויף פּיר־פּיצלעך צעהאַקט, אויף אַש פאַר־ברענט, אויף אַלע וועלט־עקן פאַרשפּרייט דאָס אַש און צעזייט, און ער וועט זיין אַ מאַסט!

אויפגעכאַפּט האָט ער זיך נישט אלס מאַסט... מע האָט פון אים קוים א באַלקן געמאַכט, און א הויז איינגעמויערט.

ענג, דושנע, פינצטער — עס דריקט פון אַלע זייטן...

ער פאַלט אַוועק אין א נייעם שלאָף, אין א וויסטן שלאָף; אָן חלומות, אָן האָפענונג, אָן טרייסט...

און אזוי איז ער פופציק און אפשר הונדערט יאָר געשלאָפן....

און עס וועקט אים ווייטער: טראַך! טראַך!

ער כאַפּט זיך שוין אויף באמת אין א ים. אין א רויטן, פייערדיקן ים... פאַליעס פייער שלאָגן...

דאָס איז מיין עק! — טראַכט ער — אין גיהנום בין איך! — מיינט ער.

נאָר א קלאַץ דענקט און די פּאָזשאַרנע קאָמאַנדע לענקט און טוט אירם... אַצינד ליגט ער אינמיטן גאַס...

ער ליגט און פוילט און נוצט נאָך דער קליינער וועלט...

האָלץ - ווערעם ציען פון אים די גאַנצע פּרנסה... א צעשויבערטע דינסט־מויד לויפט צו און רייסט אויס א קינדל... דער שרייבער פון מאַגיסטראַט נעמט זיך יעדן טאָג נאָכן מיטיק א צאָן־שטעכער... פּריטיק רייסט פון אים, ווער אין גאָט גלייבט, עדות צום נעגל־פאַרברענען...

קומט אינמיטן דערנאָכט אין שטעטל א קליין סוחרל, א נשרפל, צי אזוי א בעטלער, נעכטיקט ער איבער אויפן קלאָץ...

טיילמאָל ציט זיך אויף אים אוים דער נאַכט־וועכטער און שנאָרכט...

2

בייטאָג

א זומער־מאָרגן...

מיט געשריי און געוויין, געלעכטער און געזאַנג רייסט זיך דאָס יונגוואַרג אַרויס פון די קליינע הייזלעך... נאַקעט, האַלב־נאַקעט, מיט און אָן שטיקלעך ברויט אין די הענט — לויפט עס צום קלאָץ.

מע שפילט זיך...

און שפילן זיך הייסט קאַפּירן די עלטערע וועלט.

אַלס חתן־כלה פאָרט מען אויף א שטעקן שפּאַצירן, קושט מען זיך אין די ווינקעלעך, שענקט מען זיך מתנות.

איז ווייניק, דערלייגט מען נאָך א שערבעלע, נאָך א שטיקל לע־דער... א נישט גייט דער שידוך אָפּ, האָט מען א דין־תורה, צאָלט מע קנס...

אַלס מאַן און ווייב, קריגט מען זיך, שעלט מען זיך און מע שרייט... ווערט מען מיד, לאָזט מען דעם רעשט גרים־צאָרן אויס צו די קינדער, צו די אָרעמע קינדער פון האָלץ און שמאַטעס...

זיי זיינען „ממזרים"... ווילן נישט לערנען, נישט פרום זיין, נישט טאָן די הענט אין קלטן וואַסער אריין... נאָר פרעסן וויל עס און זויפן, און עס האָט א קישקע אָן א דנאָ!

פאַר גרויס צרות מאַכט מען זיך „שטעלן"; פאַרשעלט מען די קונימס ביינער. צו דער סחורה — ווי א גאָט אין הימל — לייגט מען צו, און צאָלן מוז מען פאַטענט, שטעל־געלט, מלמד־געלט, דירה־געלט, הייגט קינדער חתונה מאַכן... און זיי דינגען זיך נאָך, די נשמה ציען זיי אַרויס!

דערנאָך גייט א לוויה... א קאַץ איז געפּגרט, צי מען האָט א טויט מייזל געפונען...

אינמיטן קומט דער בעלפער...

אין מיטן טאָג פאַרנעמען דעם קלאָץ עטלעכע ווייבלעך, קעסטר קינדער... ביים שיינעם וועטער זעצן זיי זיך אויס אין די ווייסע יאַ־קעלעך, קאָלירטע מיכלעך און, פאַר בושה, מיט א האַנט־אַרבעט אויף דער שויס. און מע פאַרברענגט א גוטע שעה...

פריער גייט עס צו שטיל.

איינע רויטלט זיך און דערציילט, ווי גוט זי ווערט באהאנדלט; די צווייטע „האָט נאָך זייט זי לעבט אזא מאן נישט געזען!" די דריטע שווייגט און פלאמט; די מוז זיין די גליקלעכסטע... טיילמאָל שלינגט דאָך איינע אראָפּ א טרער נאָך א טרער — מע האָט איר געוויס אן אלטן מלמד געגעבן...

דערנאָך ווערט רעדאַגירט די שטאָט־צייטונג, די מויל־ארבעט, וואָס צעפליט זיך פיל פון בויגן אין אלע שטובן, אין אלע הייזער אריין, און קומט דערנאָך צוריק צום קלאָץ פארגרעסערט און פארשענערט, נישט צום דערקענען...

עלטערע מענטשן זאָגן, אז פון קלאָץ וועט קיין גוטס נישט ארויס...

פארנאכט גייען שוין די יונגע ווייבלעך, אויסגעפוצט אין די נאָך פרישע חתונה־קליידער הינטער דער שטאָט, אויפן שאָסיי, ביים ראנד פון קליינעם וועלדל, פון וועלכן אונדזער קלאָץ קומט ארויס. אין וועלדל זיך „ארייַנלאָזן" איז קיין שטייגער נישט; עס וואָלט שוין צו־פיל „דייטשעריש" אָדער „פריציש" געווען... די „שיינע ברײנדל" פלעגט שפאצירן אין וואלד, האָט זי זיך אמאָל אויסגעשפאצירט, אויף אלע שונאים געזאָגט: — „א רחמנות אויפן אלטן פאָטער, אויפן גע־וועזענעם לאנד־שדכן, ער שעמט זיך פאר דער ליכטיקער שיין!".

דעם קלאָץ פארנעמען דערווייל עטלעכע אלטע ווייבער, וואָס כאפּן זיך ארויס אויף א רגע, אביסל לופט צו שעפּן, אביסל נחת צו האָבן און אָפּצורעדן זיך פון הארץ...

און, אז מען האָט שוין איבערגעשיט דאָס גאנצע שטעטל, רעדט מען פון „וואָס אמאָל איז געווען און היינט איז נישטאָ"...

אמאָל זיינען געווען געטרייע מענער און היינט — פאר די היינט ארויסצווארפן, איינס ביי איינס טרייף ווי חזיר; עס גייט זיי קיין וואָר וואָרט ארויס פון מויל... נאָך דער חתונה איז „קעטשעלע־מעטשעלע", ביי איין טיש עסט מען, פון איין שיסל; — וואָס עלטער — ווערט מען קעלטער, און — גאָרנישט!

פארצייטנס פלעגט א יידענע האלטן אן אוראייניקל ביים פאר־טעך און איר איידעמס ביי דער ברוסט; היינט נאָכן דריטן, העכסטנס נאָכן פערטן מאָל — קראנק, דארף מען שוין דאָקטוירים און... דאָ רוימט מען זיך איין עטלעכע סודות און מע שפייט אויף אלע זייטן...

דעריבער שטראָפט טאַקע דער בורא עולם... ער וועט זיין גוטס נישט וואַרפן אין דער בלאָטע אריין. פּרנסה נישטאָ, קליינע קינדער גייען אַזיס ווי די ליכט, פאַר זעלנער נעמט מען... און קהל, און רב שווייגן! —

אפילו די זון איז שוין אויך נישט דאָס, וואָס אַמאָל! פאַרצייטן פלעגט מען פון פּסח ביז סוכות גיין אין איין העמד... עס רעדט זיך נאָר אַזוי, באַשפּינט און באַנייט איז מען געווען, און די ספּאָדניצעס מיט די זילבערנע און גאָלדענע פליטן זיינען אַ סך שענער געווען, ווי די היינטיקע מאָדעס... נאָר וואַרעם איז געווען, אַ מחיה! ווער האָט געוווּסט פון הוסטן, פון שווערן אָטעם, פון אַ ציטערניש אין די ביינער?

די זון גייט אונטער; די ווייבער צעלויפן זיך; מע דאַרף וועטשערע קאָכן. פאַר די „געטרייע" מענער, דאָס פּנים פאַרפלאָמען...

עס פלאַמט אויף איין פענצטער נאָכן צווייטן, אַ שויבן־טיר נאָך אַ שויבן־טיר. מיט די רויטע אויגן קוקן די הייזלעך אין גאַס אריין, און ביים קלויז זיצן שוין מענער נאָך מנחה־ומעריב.

מע רעדט פון פּאָליטיק, פון פּרנסה, פון יידישן מזל...

איינער ציט זיך אויס אויף דער אָרעמער ערד, שפּאַרט אָן דעם קאָפּ אויף דעם ווייכן, פוילן האַלדז און קוקט אין הימל אריין מיט צער, מיט נחת, מעט געבעט — ווי איינער, ווי אַמאָל — און דרימלט אַזוי איין.

פּלוצלינג ווערט אַ געשרייערי פון טיר און פענצטער, ווייבערישע קולות רופן: חיים, יאָסל, ראובן.

אַנדערע, מיט אַ צולאָג — אַ קללה: דיין נאָמען זאָל אהיימקומען; די קאַרטאָפל ווערן קאַליע!

און ערשט גאָר שפּעט, אַז דאָס שטעטל שלאָפט איין, רוקט זיך אַרויס פון נידעריקסטן הייזל ר׳ שמערל, דער געוועזענער לאַנד־שדכן...

פערציק יאָר איז ער אַרומגעלאָפן זוכן חתנים און כלות, ביז ער האָט די פיס פאַרלוירן; קוים ער שלעפּט זיי נאָך...

אַ האַלבע געגנט האָט ער חתונה געמאַכט, נאָר זיין אייגענער טאָכ־טער פאַרגעסן. אין גרויען צאָפּ אריין פאַרזעסן... ניינצן יאָר דערלעבט!

ער זעצט זיך און באַהאַלט דעם אַלטן גרויען קאָפּ אין די ציי־

טערדיקע הענט... נדן האָט ער איר געקליבן; נישט געגעסן, נישט גע־טרונקען, צופּים מיילן גאַנצע געגאַנגען... אַלץ געקליבן און געקליבן!

אזא חרפּה, אזא שאַנד!

ער הייבט די אויגן אויף צום הימל.

כאָטש גוט, וואָס זיין רחל האָט עס נישט דערלעבט!

— גאָט! — וויינט אין אים דאָס האַרץ — זאָל זי נאָך תשובה טאָן... אוועק וועל איך מיט איר... איך וועל איר אַ נייעם נדן צוזאַמענ־מאַכן... מיט קראַנקע פיס וועל איך פון טיר צו טיר אויף הכנסת־כלה גיין... חתונה מאַכן, לייטיש חתונה מאַכן!

— גאָט, שיק אַ שטראַל פון דיין ליכט אין איר האַרץ אַריין! אַ האַרץ האָט זי דאָך אַ גוטס געהאַט, אַ גוט האַרץ... אַ שטילע איז זי, אַ גוטע געווען,,, אַ האַרציקע!...

— מעשה־שטן, מעשה־שטן! — קלאָגט דער אַלטער אין דער שטי־לער נאַכט אַריין...

און אַז ער גייט אויך אַוועק, דעמלט דערציילט מיר דער קלאָץ זיינע מעשהלעך.

3.

נאָך האַלבער נאַכט

טאָפּלט דיק ווערט דער קלאָץ; ער גיסט זיך מיט זיין אייגענעם שאָטן צוזאַמען. אַ גרויע, טיפע שטילקייט וויגט זיך איבערן טויטן מאַרק.

דאָס שטעטל שלאָפט; טיר און טויער געשלאָסן.

זעלטן רוישט דורך דער לופט אַ פלעדערמויז, אַן אומגליקלעכע פלעדער־מויז אין אַ שטעטל, ווו די ווייבער האָבן קיין האָר נישט! פון ערגעץ אַ הינטער־גאַס בלעקט פון צייט צו צייט אַ קעלבל, גליך עס וואָלט זיך געקלאָגט אויפן לעבן, וואָס עס איז צו קורץ און ווערט נאָך פאַר דער צייט איבערגעריסן מיט געוואַלד. פון צייט צו צייט לאָזט זיך הערן אַ הונט פון דער קריסטלעכער פאָרשטאָט, וואָס קאָן די לבנה נישט ליידן; וואָס רירט זי זיך אין דער שטילער נאַכט? — — — —

ווייטער איז שטיל, די אָרעמע קליינע וועלט האָט קוים איינגעוויגט

אירע קליינע — ווען אויך געווג טיפע — שמערצן, האפענונגען און פארלאנגען, ווי אויך איר קליינעם יצר־הרע...

שטיל און טרויעריק ליגט דער קלאץ אין מיטן מארק; שטיל און טרויעריק שווימט איבער אים אין הימל א פוילע געלע לבנה.

וואס ביסטו, לבנה, אזוי געל? וואס איז אזוי קרענקלעך דיין פנים? פון דיר שניידט מען דאך קיין צאן־שטעכער, קיין עדות צו נעגל, קיין קינדלעך? צי האסטו מיטלייד מיטן יידישן קעלבל פון הינטערגאס? צי שרעקט דיך דער הונט פון דער קריסטלעכער פארשטאט?

און פיליכט ביסטו גאר אונדז ארעמע מענטשן מקנא, ווייל, ווי עס איז, האבן מיר א נאכט צום שלאפן?

קראנקע לבנה! נישט אלע שלאפן.

דא און דארט שפארט זיך ארויס אביסל ליכט דורך א שפארע פון א לאדן; ארום מאנכע ציטערן דין־שטראליקע, רויטלעך־בלויע מגן־דודים...

דא איז זיך א שניידער, צי א שוסטער, און אפשר א טליתים־וועבער, ביי דער ארבעט פארזעסן. אן ארעמע נייטארין פינטלט מיט די רויטע אויגן און נייט, און שטעפט...

דארט שטייט אויף א דערשראקענע מוטער צום קראנקן קינד...

ערגעץ אנדערש אין א ווינקעלע, ביי א גראשנדיקן חלבן ליכטל, ציילט אויס א בעטלער זיין צוזאמענגעמאכט פארמעגן.

אינעם גרויסן, ווייסן הויז ליגט א קראנקע; זרח שענקערס ווייב. גיי בארעכן א וועלט: א יונג ווייבל, אן אלטער מאן; גייט ער ארום א געזונטער און זי ליגט איבעראנאנד! שטארבט זי אוועק, עס ברענט א קאגאניק, עס זיצט א חברה־מאן... זרח גייט אהין און צוריק פאר־טראכט און רייסט זיך די איינציקע האר פון דער ווייסער בארד:

„ער האט זי באלד נישט געוואלט! וואס האט אים געטויגט אזא בלאסע, אזא ווייסע... מע האט זי אים איינגערעדט, איינגערעדט האט מען זי אים... ער האט יענע געוואלט און יענער להכעיס האט ער מיט דער חתונה געהאט...

עס לייכט זיך אויך ביים דיין אין פענצטער. ער זיצט נאך און

לערנט, און אפשר קלערט ער שוין וועגן א הספד; זרח איז א גביר און א ייד א למדן: אשת חבר כחבר...

ווו עס איז פינצטער שלאָפן אויך נישט אלע...

קעגנאיבער דעם גרויסן ווייסן הויז שטייט און איינגעפאלענע, פארפינצטערטע שטוב, מיט אויסגעביסענע ווענט. די לאָדנס הענגען קרום אראָפּ און פארמאכן שוין לאנג נישט די פענצטער. אין שטוב, ביי דער בלאסער שיין פון דער לבנה ציטערן ווי בלוטיקע פלעקן די קישנס און ציכלעך און צוויי שטענדיק זיפצנדיקע בעטן...

אין אלטער איינגעשרומפענער ווייבער־קאָפּ מיט אויסגעלאָשענע אויגן הויבט זיך אויף און רופט צום צווייטן בעט:

— טויבע, הערסט?

עס קומט פון צווייטן בעט קיין ענטפער, עס הערט זיך פון דאָרט קיין אָטעם נישט, די אלטע לאָזט זיך נישט נארן, זי ווייסט, אז טויבע שלאָפט נישט, אז זי קאָן נישט שלאָפן... עס לאָזט זי נישט שלאָפן...

—טויבע! — רופט די אלטע הארטער.

— וואָס ווילסטו, מאמע? — הערט זיך פון צווייטן בעט אן אָפּגע־ריסן קול, אָנגעזאָפּט מיט טרערן, — וועסט מיר די קינדער וועקן!

די אלטע שווייגט א רגע. אין דער שטילקייט הערט זי, ווי טויבע דרייט זיך איבער אין בעט און פארגראָבט דאָס פּנים אין קישן.

— הערסט, טויבע! — מאכט די אלטע נאָך א ווײַלע — דיין מענדל וועט היינט־מאָרגן אוועק... ער האָט שוין דעם טלית־זאק פאר־פּאקט... אן עגונה וויל ער דיך לאָזן, אן עגונה! ער האָט דען יהדות? ער האָט דען א יידיש הארץ?... ער וועט דיר קיין גט נישט לאָזן!

פון צווייטן בעט הערט זיך א פארשטיקט געוויין.

די אלטע מרוטשעט פאר זיך:

— טאטע־מאמע נישט געפאָלגט... געפוצטע שטיוועלעך געוואָלט...

זרח — א שמאלץ־גרוב — נישט! געפוצטע שטיוועלעך! דעם טאטן אין קבר אריין געפירט... גאָט שווייגט נישט, גאָט צאָלט... ריבונו של עולם...

טויבע שפּרינגט ארויס, ווי אן אונטערגעשאָסענער פויגל, פון בעט, כאפּט אויף זיך א קלייד מיט א שאל און לויפט ארויס פון שטוב.

— און יענע שטארבט — מרוטשעט ווייטער די אלטע און לייגט

דעם ציטערדיקן קאָפּ צוריק אויפֿן רויטלעך־שוואַרצן קישן — וואָלט ער איר אַ גט געלאָזט, וואָלט אפשר נאָך צוריק זיווג געווען...

טויבע זעצט זיך אויפֿן קלאָץ. די באָרוועסע פֿיס צעפּליסן זיך אינעם זאמד, די גרויע שאַל מיטן גרויען קלייד אין דער גרויער לבנה־נאַכט... עס זעט זיך נאָר איר בלאַסער פּנים מיט די ברענענדיקע אויגן, וואָס קאָנען זיך נישט אָפּרייסן פֿון גרויסן, ווייסן הויז, פֿון ציטערדיקן ליכט, וואָס רייסט זיך אַרויס דורך דער שפּאַרע פֿון די גרינע לאָדנס...

— שטאַרבן — טראַכט טויבע — איז נאָך גאָר נישט!

נאָר זי דערשרעקט זיך פֿאַר אירע אייגענע ווערטער; זי זאָל עס נאָר נישט האָבן אַרויסגעזאָגט אין אַ בייזער שעה!

— לעב, לעב מירעלע! — ליספּלט זי מיט ציטערדיקע ליפּן. — זאָל דיר גאָט דיין לעבן באַנייען... הונדערט און צוואַנציק יאָר זאָלסטו לעבן...

דאָס געבעט רייסט זיך אָפּ פֿון זיך אַליין. טרויעריק־פֿינצטערע געדאַנקען באַהערשן זי. נאָך בייטאָג האָט זי געהערט, אַז דער דאָקטער האָט אָפּגעטראָטן פֿון מירלס בעט, און אַלע מבינים האָבן אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט...

„איין גאָט קאָן העלפֿן", האָט מען געזאָגט, און טויבעס האַרץ ציטערט. צי וויל נישט גאָט אויספֿירן זיינס... צי איז זי מיט זרחן קיין זיווג נישט געווען...

ער (איר מאַן) מוז אַוועק, עס איז שוין נישטאָ פֿון וואַנען צו לעבן... אַמעריקע ציט אים... און יענע — יענע שטאַרבט...

זי בלייבט און זרח — בלייבט...

„נאָר נישט קיין גט, נאָר נישט קיין גט!" צאַפּלט אין איר דאָס האַרץ —

דאָס אַלץ האָט מיר דער קלאָץ דערציילט.

1899 י.

די לבנה דערציילט

— מיד פון קוקן אויפן ווייסן מאַרמאָר און אויערס ווייסע גאַז־באַלייכטונג, האָב איך מיך אוועקגעדרייט און געוואָרפן א בליק אויף א הינטערגאַס.

פון אן איבערגעבויגן הייזל גייט אַרויס א באָרוועס ייִנגל, שלעכט געקליידט (די שמאַטעס האַלטן זיך אויף אים קוים) און קענגאיבער, פון א צווייט הויז, כמעט א מפּולת קומט אויך אַרויס א ייִנגל.

קוים זיינען זיי איינער צום צווייטן צוגעקומען, האָב איך שוין נישט געוווּסט, וועלכער איז אַרויס פון וועלכן הויז. ביידע אויסגעדאַרט, מיט ברענענדיקע אויגן, ביידע ציטערן פאַר קעלט, אפשר פאַר הונגער אויך.

איך הער ווי זיי שמועסן:

— פּאַרטיק?

— און דו?

— אויך!

— האָסט געגעסן?

— ניין... דער טאַטע האָט נישט געבראַכט.

— מיינער — קראַנק; די מאַמע וויינט...

— גייען מיר?

— בעסער לויפן... ס׳איז קאַלט...

— נו!

זיי לויפן פייל פון בויגן אין שטאָט אַריין.

איך קוק זיי נאָך.

ביי איינעם פון די שענסטע הייזער שטעלן זיי זיך אָפּ.

— זעסט! מיין פּעטערס הויז — מאַכט איינער שטאָלץ.

דער צווייטער ווייזט אויף א הויז קעגנאיבער:

— דאָס איז מיין פּעטערס!

— מיין פעטער האָט מען אָבער געבראַכט אַן אַראַביש פערדל פאַר זעכצן טויזנט!
— מיינער האָט אַ קאַרעטע מיט פיר פערד ווי די לייבן!
— מיינער האָט אפשר טויזנט דערפער!
— מיינער — אפשר הונדערט שטעט!
— שוטה! ביי מיין פעטער זיינען די מעבל פון גאָלד!
— בהמה! ביי מיין פעטער — סאמע בריליאַנטן!
— אָבער מיין מומע מיט אירע פערפומען! די נאָז רייסט עס אויף!
— אָווא! מיין מומע גייט אַלע טאָג אין טעאַטער אריין...
— און אז מיין פעטער שפילט יעדע נאַכט אין קאָרטן — האָ?
זיי האָבן זיך לאַנג געשפּאַרט און שיר נישט געפּאַלן זיך אין די האָר אריין...
איינער איז דאָך פריער אָפּגעשטאַנען.
— קאַלט! — מאַכט ער מיט אַ ציטער.
דער צווייטער שטייט אויך אָפּ:
— איך בין זייער הונגעריק, — זאָגט ער, — עס נאָגט מיך! קלינג אָן ביי דיין פעטער...
— ניין — ענטפערט יענער דערשראָקן — ער האָט אָנגעזאָגט דעם שווייצער, ער זאָל מיר העַנט און פיס צעברעכן!
— מיין פעטער — דאָס זעלבע! — ענטפערט דער צווייטער.
זיי לאָזן ביידע טרויעריק אַראָפּ די קעפּ.
— גייען מיר?
— בעסער לויפן...
און אויפן וועג:
— מאָרגן ביינאַכט נאָכאַמאָל...
— יאָ... איבערלויפן... איך וועל געבן אַ סימן... איך וועל אַ קריי טאָן ווי אַ האָן...
— ...איך וועל דיר ענטפערן מיט אַ מיאוק פון אַ קאַץ.
— גוט...
זיי זיינען מיר פאַרשוואונדן געוואָרן.

האשה מרת חנה

(א פּעקל בריוו)

צוויי בריוו, וואָס חנה האָט באַקומען פון איר ברודער מנחם-מענדל. און איין בריוו פון איר שוועגערין חוה-גיטל. בסך-הכל דריי בריוו.

ערשטער בריוו

החיים והשלום לאחותי הצנועה מרת חנה תחיה.

דיין בריוו האָב איך דערהאַלטן. וואָס קלערסטו, איך האָב געגנוג טרערן פאַרגאָסן און א גאַנצע נאַכט געזיפצט און געקרעכצט; וואָס קומט מיר אָבער אַרויס, גאָט אין הימל איז מיין עדות, אז איך בין דיר נישט אימשטאַנד צו העלפן, און וואָס דו שרייבסט וועגן דער ירושה, מוז איך דיר, ליבע שוועסטער, זאָגן, אז דאָס איז גאָר קיין ווערטער נישט! נאָכן יידישן דת האָסטו קיין שום טענה־ומענה אויף דער ירושה; פרעג דיין מאַן, ער איז דאָך א ייד א למדן, וועט ער דיר אויך זאָגן דאָס אייגענע. און דו דאַרפסט גאָרנישט פרעגן דעם מאַן, ער זאָל דיר ערשט זאָגן; אזא אשה כשרה ווי דו, עפנט אויף דאָס טייטש־חומש און זעט, אז צלפחדס טעכטער האָבן באַקומען ירושה, נאָר ווייל עס זיינען קיין בנים זכרים נישט געווען, אָבער קוים זיינען דאָ בנים זכרים, באַקומען די טעכטער קיין ירושה נישט, און קיין שטר חצי זכר האָסטו נישט. איי, וואָס דו זאָגסט, אז דער טאַטע, עליו השלום, האָט דיר דעם גאַנצן נדן נישט געסילוקט, איז אַוודאי קיין טענה נישט, וואָרעם, צוריק געשמועסט, ווער קריגט דעם גאַנצן נדן? מיר האָט מען, ווייסטו, אויך אָפּגערעדט, און איך האָב, חלילה, קיין טענות נישט צו קיינעם. — און, בכלל, איז דער שכל מחייב, אז אויב דער טאַטע, עליו־השלום, האָט נישט געהאַלטן זיין התחייבות, האָט דאָס צווייטע צד

אויך אזוי געטאָן, און מע איז דערויף באַשטאַנען; די צדדים האָבן איינער דעם צווייטן מוחל געווען, ווי ביי אונדז יידן דער מנהג איז. און איך האָב נישט געוואָלט שטעלן אויף מיין דעה, און איבערגעשמועסט די זאַך מיט אונדזער רב און מיט די דיינים, און אַלע זאָגן פה־אחד, אַז עס איז אַזוי.

און, בנוגע צו דער טענה, וואָס דו שרייבסט, אַז דו האָסט נאָר א האַלב יאָר געגעסן קעסט, נישט א גאַנץ יאָר, — פון דעם ווייס איך שוין גאָרנישט! לא פקדני אבא — דערפון האָט מיר דער טאַטע, עליו־השלום, נישט געזאָגט. און ווייסן ווייסטו, אַז איך בין דעמאָלט געווען א פרוש, בין געזעסן פאַר דער גאַנצער צייט ביים רבין, זאָל לעבן, און געלערנט... און חוה־גיטל מיינע דערציילט, אַז עס איז אַזוי געווען: עס איז געוואָרן א שטיקל מחלוקת צווישן אייך וועגן דער מאַמע, עליה־השלומס, שטאָט אין דער ווייבערישער שול, און איר האָט אייך אַרומגעריסן ביי די קעפּ, און דער טאַטע, עליו־השלום, האָט דערפון גרויס צער געהאַט און גרויס עגמת־נפש; און איינמאָל, שבת צו־נאַכטס, האָסטו געכאַפּט דאָס פעקל מיטן מאַן און ביסט מיטן אַוועק אין זיין שטעטל אַריין, — אויב אַזוי, ווער איז אייך שולדיק! אויף וועמען שרייסטו? ווער האָט אייך געהייסן אַנטלויפן? אַז מע דאַרף עסן קעסט, עסט מען...

נאָר — איך מיין נישט, חס־ושלום דיר אָנצוטאָן עגמת־נפש. איך וויל דיר נאָר אויסווייזן, ווי ווייט אומגערעכט דו ביסט; אָבער יאָ גערעכט, נישט גערעכט, מע דאַרף זיך פירן לפנים משורת הדין, בפרט קעגן אן אייגענע שוועסטער, נאָר וואָס העלפט עס? וויל יאָ, וויל נישט, אַז מע קאָן נישט! דאַרפסט וויסן, שוועסטער־לעבן, אַז דער פאָטער אונדזערער, זכרונו לברכה, האָט פאַר דער פטירה געמאַכט א צוואה, ער האָט אַוועקגעגעבן דאָס גרויסע ש"ס דעם גרויסן בית־המדרש! דאָס קליינע ש"ס — דעם קליינעם בית־המדרש. די משניותן מיט די עשרים־וארבעס האָט ער געהייסן שיקן אין שטיבל אַריין, ווו ער, עליו־השלום, האָט געדאַוונט... קבורה־געלט, נישט אויסגערעדט זאָל עס זיין, האָט געקאָסט צוויי הונדערט גילדן, מיר ליגט האָב איך אויך צעטיילט א פופציק גילדן, וואָס רייד איך, מער, א סך מער ווי פופציק גילדן! דעם טאַטנס, עליו־השלומס, מלבושים האָב איך אויך צעטיילט אָרעמע לייט, חוץ דער זיידענער קאַפּאָטע, וואָס איך האָב, לויט צוואה, איבערגעלאָזט פאַר מיין משהלע, שיחיה, ער זאָל אין איר גיין אין א מזלדיקער שעה, צו דער חופה, במהרה בימינו, אמן. וואָס דען בלייבט בסך־הכל?

עס בלייבט נישט מער, נאָר דאָס הייזל, נו, קיין שרפ״ט איז עס נישט ווערט. דער דאך איז, לא־עליכם, א חולה־נופל; אויף א האָר הענגט ער, דער וואָיט הייסט אראָפּנעמען די אלטע פייער־מויער, און אינגאנצן איז עס בחזקת־סכנה.

נישט מער, שוועסטער־לעבן, דו מיינסט, איך האָב פּרנסה! אז דער טאטע, עליו־השלום, איז נפטר געוואָרן און איך בין אראָפּ פון קעסט, האָב איך פארדונגען די דריי שטובן לינקס גרונם דעם סוחר, מע רופט אים גרונם צאָפּ (דו מוזט אים אוודאי געדענקען און דאָס ווייב זיינס — זלאטע), מיט דעם געלט קווטל איך מיך און באצאָל קוים פּאָדימנע און אנדערע פּאָדאטקעס, וואָס וואקסן פון טאָג צו טאָג. שולדיק בין איך בסך־הכל פאר א יאָר אנדערהאלבן מיט א שמייץ! דערוויל טו איך מיר עצות, גיב א טרונק בראָנפן, — קום שפּעטער, קום מאָרגן, כנהוג, נאָר דער שטריק אויפן האלדז וואקסט, און וואָס דער סוף דערפון וועט זיין, ווייסט איין ריבונו של עולם.

איך באוווין די דריי שטובן רעכטס אינאיינעם מיטן אריינפאָר־הויז און מיט דער שענק; די צייט דערוויל איז זייער שלעכט. די דערפער ארום האָבן זיך פארשווירן, נישט צו טרינקען קיין בראָנפן. איז נאָך ווייניק, האָט דער פריץ געעפנט אין די ארומיקע דערפער שפּייזגעוועלבער מיט טיי־הייזער, — וואָס זאָל איך דיר זאָגן? מע דאַרף רחמים! מע קוקט זיך די אויגן אויס, איידער מע דערזעט א פויער!

און וואָס דו שרייבסט, אז ווער עס קומט זאָגט דיר, אז איך האָב שיין פּרנסה — זיי וויסן, אז מענטשן האָבן נאָר גרויסע אויגן. איידער מע פארדינט א דרייער, איז קריעת ים־סוף. דערוויל מוז מען ביילעסאָשען חתונה מאכן, און איך ווער גראָ און אלט דעריבער. די הוצאות זיינען אין לשער, אויף חוב וויל מען נישט געבן, צו די מלבושים פעלט נאָך א זיידן אויבער־מלבוש, ואחרי ככלות־הכל, מוז חוה־גיטל מיינע, באלד נאָך דער חתונה פאָרן צו א דאָקטער. אז שמואל רופא הייסט שוין פאָרן, פארשטייסטו שוין, ווי עס האלט, רחמנא לצלן... איך האָב געפרעגט דעם רבין, זאָל לעבן, הייסט ער, זאָל לעבן, אויך פאָרן קיין ווארשע. און דער הוסט ווערט שטארקער פון טאָג צו טאָג, — גלייך מע וואָלט האָלץ געהאקט!

און דאָס, וואָס דו ווילסט מיך איבערשרעקן, אז אויב איך וועל דיר נישט באלד ענטפערן ווי עס געהער צו זיין, וועסטו שרייבן צו אונדזער קרובה אין לובלין, און זי וועט גיין צו איר אדוואָקאט, און מע זאָל מיך איבערגעבן אין גוישע הענט אריין, — זיי וויסן, שוועסטער־

לעב, אז דערפאר האָב איך גאָר קיין פחד נישט! ערשטנס, פארשטיי איך, אז עס איז גלאט גערעדט, אז אזאַ כשרע צנועה, ווי מיין שוועס־טער איז, ווייסט, וואָס א בית־דין איז, און וואָס א סאָנד, להבדיל, איז... אזא שטות וועסטו נישט טאָן. א יידישע טאָכטער טוט נישט אזוי! און דו זאָלסט אפילו וועלן, האָסטו דאָך א מאן צו הונדערט און צוואַנציק יאָר, און ער וועט אזא עוולה נישט דערלאָזן! ער וואָלט זיך שוין נישט געטאָרט ווייזן ביים רבין זיינעם, אפילו נישט אין שטיבל אריין קומען!

אויסער דעם, ראַט איך דיר, זאָלסט, חס ושלום, נישט ארויסוואַרפן קיין געלט אויף אדוואָקאטן; און עס לא היה זיינען זיי די אדוואָקאטן. נאָר גיב און גיב און הערסטו אויף צו געבן, ווייסט ער שוין נישט ווער דו ביסט.

און דערמאָנען מוז איך דיר נאָך די טאָמאַשאָווער מעשה, וואָס דער טאַטע, עליו־השלום, פלעגט דערציילן. אפשר האָסטו זי פארגעסן, וועל איך דיר נאָכאמאָל דערציילן. אמאָל איז דאָרט נפטר געוואָרן א באַלעבאָס; איז די טאָכטער זיינע, א גרושה, געלאָפן צום אסעסאָר, ער זאָל איר אויסטיילן א חלק ירושה, ווי עס איז בדיניהם. דערווייל, אזוי ווי זי איז געשטאַנען און גערעדט מיטן אסעסאָר, איז ביי איר אין שטוב ארויסגעפאלן א קויל פון קוימען... אין דער רגע האָט זיך אונ־טערגעצונדן די שטוב, און עס איז איר, נישט פאר אונדז געדאכט, נישט פאר קיין שום ייד געדאכט, א קינד פארברענט געוואָרן.

און איך ראָט דיר, שוועסטער חנה, זאָלסט זען חרטה האָבן און תשובה טאָן אויף דעם, וואָס דו האָסט געשריבן. אין אדם נתפס על צערו, דאָס הייסט, ווי מענטשן זאָגן — צרות נעמען דעם שכל צו; נאָר א קטרוג קאָן, חס־ושלום, זיין דערפון, און דו דארפסט עפעס אויף זיך נעמען, כאָטש א תענית איבער א טאָג.

איך פון מיין צד בין דיר מוחל מיטן גאנצן הארץ. און, אז דו וועסט קומען, אם ירצה השם, אויף מיין טאָכטערס חתונה, וועט אלץ ווערן אויסגעהיילט, וועסט זיך מיט אונדז משמח זיין אין א מזלדיקער שעה. נאָר זע, למען השם, נישט צו דערמאָנען פון פראָצעסן, חס־ושלום! —

און דער עיקר פארדריסט מיך אויף בעלך, נ"י ויזרח, המופלג, וואָס שרייבט גאָרנישט פון זיין געזונט. אויב ער איז אויף מיר אין בעס, זינדיקט ער, און ער דארף דאָך וויסן אז כל הכועס וכו'. חוץ דעם, האָט זיך ארויסגעלאָזט א קויל אין אונדזער שטעטל, אז ימים־

נוראים איז ער נישט געווען ביים רבין און האָט געדאַוונט אין בית־המדרש. נאָך זאָגט מען, אַז ער וויל אוועקלייגן דאָס לערנען און זיך צו עפּעס צושלאָגן. אַ נהנע מיגיע כפּו, זאָגט ער, וויל ער זיין. וואָס פאַר אַ צער איך האָב דערפון, קאָנסטו משער זיין. וואָרעם „תורה מה תהיה עליה"? ווער וועט זיצן און לערנען, אַז נישט אַזוינע טייערע קעפּ ווי ער?!

ער דאַרף וויסן, אַז דער טאַטע, עליו־השלום, האָט זיך מיט'ן משדך געוועדן נישט אויף דעם תנאי! און בפרט היינטיקע צייטן, ווען די אומות־העולם נעמען זיך צום מסחר און די עסקים פאַלן פון טאָג צו טאָג, איז אַוודאי אַ יושר, נשים זאָלן האַנדלען און די מענער זאָלן טאַקע יושב ועוסק בתורה זיין, און העכער ריבונו של עולם וועט זיך אפשר טאַקע מרחם זיין... זאָל ער זיך בעסער אַרויסנעמען אַ כתב־רבנות, זאָל ער ווערן אַ שוחט, מלמד, — וואָס ער וויל, נאָר נישט קיין סוחר, חס־ושלום... איך זאָל נאָר וויסן, אַז ער וועט מיר נישט אָפּרעדן מיין קינד פון מיין רבין, וואָלט איך אים מיין משולחן געשיקט מיט קעסט!

זע, אַז דיין מאַן זאָל אַוועקלייגן די נאַרישקייטן, דו מאַך דיר אַ געוועלבל, אַ שטעל. און זכות־אָבות, הן פון דיין צד, הן פון בעלך נ"י'ס צד וועט אייך בוודאי ביישטיין.

און פאַריאָג, ראַט איך דיר, די מרה־שחורה, מיט וועלכער דיין בריוו איז אויסגעווייקט, אַז עס שניידט ביים האַרץ. אַ בשר־ודם אָן בטחון, איז ערגער ווי אַ בהמה, רחמנא לצלן. ער דרייט זיך אַרום אויף דער וועלט, ווי אַ יתום אָן אַ טאַטן; אַ גאָט, ברוך הוא, אין הימל האָבן מיר, פאַרלאָזן פאַרלאָזט ער נישט.

אַז דער מענטש פאַלט אַריין אין מרה־שחורה, איז אַ סימן, אַז ער האָט, חס־ושלום, קיין אמונה, קיין בטחון נישט, און דאָס איז נישט ווייט פון ערגערע זאַכן, רחמנא לצלן! וואָס איך וויל אפילו איבער מיין מויל נישט ברענגען!

גם שרייב מיר, אחותי חנה, ווי עס שטייט ביי אייך מיט אַרבעט. אונדזערע גרויסע סוחרים דו געדענקסט דאָך זיי דער לאָמער יוחנן און יונה סגי־נהור האָבן אויפגעהויבן דעם מקח און דער פּריץ אונדזערער האָט נישט אויף זריעה. אפשר וועט זיך, אם ירצה השם, מאַכן אַ שטיקל עסק... עס איז אפשר מן השמים, איך זאָל האָבן צושטייער צו חתונה־הוצאות. דיין טובה פאַרלאַנג איך, חס־ושלום, נישט אומזיסט; זאָל זיך נאָר עפּעס מאַכן, שיק איך אייך אויף הוצאות, זאָלסט קומען עם

בעלך המופלג, שיחיה, אויף סאָשע־ביילע, שתחיהם חתונה, איך וועל נאָך פאַר דיר א מתנה געבן — דרושה־געשאַנק מצד הכלה!

חוה־גיטל, שתחיה, גריסט דיך גאָר פריינטלעך. אליין שרייבט זי נישט, ווייל עס איז היינט ביי אונדז יאַריד; זיינען געקומען צוויי סוחרים פון די זאַמאָשטשער אכלער און ווילן דווקא געפילטע פיש. די כלה, שתחיה, איז געגאַנגען צום שניידער אָנמעסטן א מלבוש, און מיך האָט מען דאָ אליין איבערגעלאָזט פאַר א שומר ביים קוימען.

און זע, למען השם, אחותי חנה, נישט צוצולאָזן צום הארץ, אוועקצוטרייבן די מרה־שחורה און לעבן מיט בטחון. ווער עס שפּייזט א ווערעמל אויף דער ערד, א פייגעלע אין נעסט, וועט דיך אויך נישט פאַרלאָזן.

גריס בעלך, וכו'.

פון מיר אחיך —

מ נ ח ם ־ מ ע נ ד ל

צווייטער בריוו

החיים והשלום לאחותי מרת חנה תחיה.

איך האָב דיין צווייטן בריוו דערהאַלטן, ער איז געוואָרן דורכגעוויקט פון טרערן, און פיל זלזולים קעגן מיר, זוגתי חוה־גיטל, שתחיה, און אפילו בתי הכלה, ביילע סאָשע, שתחיה, און איך האָב דערפון פיל שפיכת־דמים געהאַט, וואָרום פאַר וואָס? אחותי חנה, דו זאָגסט, אז איך בין, חס־ושלום, א גזלן, אז איך האָב דיך געטראָפן, חס־ושלום, אין וואַלד, און איך האָב דיך געהרגעט, חס־ושלום; אז דורך מיר און זוגתי חוה־גיטל, שתחיה, ביסטו פאַרוואָגלט געוואָרן פון דער היים, אז מיין טאָכטער ביילע־סאָשע איז, ביי דיר אין די אויגן, א חצופה, ווייל זי מאַכט זיך זיידענע מלבושים... מה אומר ומה אדבר, אז איך מוז הערן און שווייגן, ווייל איך ווייס, אז דיר איז אזוי שלעכט... אז נישט דו רעדסט, נאָר דיין שווער געמיט רעדט...

די זאַך איז אָבער נישט אזוי. איך בין, חס־ושלום, קיין רוצח נישט! און זאָל קומען איינער פון גאַס, און זאָגן, אז די קאַפּאָטע, וואָס איך טראָג אויפן לייב, איז זיינע, און ער וויל האָבן א דין־תורה, רעד איך מיט אים נישט דאָס אנדערע וואָרט, און גיי מיט'ן צום רב. און, אם ירצה השם, אז דו וועסט קומען אויף ביילע־סאָשעס חתונה,

האָב איך מיט דיר א דין־תורה, בפירוש א דין־תורה, פון קיין פשר האַלט איך נישט!

און זע אליין! בנוגע צו די קעסט, וואָס דו האָסט נישט דערעסן, ביסטו דאָך אליין מודה אין דיין בריוו, אז די סיבה איז געווען א מחלוקת צווישן דיר און זוגתי, תחיה. ווער עס האָט אָנגעהויבן איז נישט מיין זאַך. איך זע נאָר, אז בעלך איז, קיין עין־הרע, א גרויסער גולם, שהלך אחרי אשתו... איר זייט, זאָגט מען, אין א מוצאי־שבת אנטלאָפן, לייטן־געלעכטער אָנגעמאַכט. דער טאַטע, — עליו־השלום, האָט געהאַט דערפון גרויס שבירת־הלב און קיצור־ימים, (אזוי האָט ער בפירוש געזאָגט; שכנים האָבן געהערט!) און דו לייגסט אלץ ארויף אויף חוה־גיטל תחיה! מאַכסט איר גלאַט א בלבול!

נאָר! מאי דהוה הוה — דער טאַטע עליו השלום איז שוין אויפן עולם האמת! אוים קעסט, אוים טענות! שריי חי־וקים קעגן גאָט, ברוך הוא!

און זיי וויסן, אז בתי הכלה, ביילע־סאָשע איז גאָר, חלילה, קיין חצופה נישט! זי איז נעבעך גאָרנישט שולדיק! צי די זיידענע מלבושים נייט מיך דער מחותן, דער תקיף. איינמאָל האָט זי אפילו געוויינט, אז זי שטעלט אונדז בדלות. וואָס זאָל מען אָבער טאָן, אז אין די תנאים שטייט בפירוש: „בגדי משי וסאַמעט”, און ער טרעט נישט אָפּ פון די תנאים. אז נישט, זאָגט ער, איז אוים, צערייסט ער די תנאים! און מער פעלט מיר נישט, נאָר בתי תחיה זאָל, חס ושלום פאַרזיצן!

און זיי וויסן, אז דער נדן איז אויך נאָך נישט געסילוקט אינגאַנצן במזומנים. צוגעזאָגט האָב איך זעקס, געגעבן דריי; אויף נאָך שתי מאות האָב איך געמוזט געבן אן אקט אויפן הויז. ווייסטו דאָך, אז דאָס הויז איז אויפן טאַטנס, עליו־השלומס נאָמען, — קאָסט וויי־טער געלט, איידער מע קאָן פאַרשרייבן, וד"ל... אויף דער רעשט האָב איך געגעבן א זאָלאָטוועקסל אויף שטעמפּל, וליתר תוקף־ועוז — נאָך א חרם־קוויטל. און אצינד בין איך ערשט אין דער קלעם, אז דער ריבונו של עולם זאָל זיך מרחם זיין.

נאָר רייד מיט א יידענע! נישט אומזיסט האָבן אונדזערע חכמים געזאָגט „נשים דעתן קלות” און מענטשן זאָגן: לאַנגע האָר — מיידל־וויז מיין איך, און קורצער שכל... איך שרייב דעריבער באַזונדער לבעלך, שיחיה; ער איז א מאַנצביל, א בן־תורה, א מופלג בתורה, און ער וועט וויסן, אז א בשר־ודם טאָר זיך נישט ארויפלייגן אויף אן אנ־

דערן בשר־ודם, וואָרעם: וכשל עוזר ונפל עזור, — אַ בשר־ודם קאָן קוים זיך אליין דערטראָגן.. אַ מענטש מוז האָבן בטחון.

און איך בין בטוח, אַז גאָט וועט דיך, חס־ושלום, נישט פאַר־לאָזן; ער פאַרלאָזט נישט קיין שוואַכע פליג! נאָר פון רבונו של עולם קאָנסטו געהאָלפן ווערן. צו אים זאָלסטו מתפלל זיין, און איך פון מיין צד, אַז איך וועל, אם ירצה השם, זיין ביי אים זאָל לעבן, וועל איך אָנגעבן פון דיינעטוועגן אַ קוויטל מיט אַ באַזונדערן פדיון: צוויי צי דריי מאָל ח״י און עס מוז פועלן!

און בנוגע צו אַרבעס, האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם. איי־דער וואָס, איידער ווען, האָט זיך גבריאל דער פאַכטער אָראָפּגעבראָכן פון אייער געגנט עטלעכע פורן אַרבעס. פאַרדינט האָט ער אַ מטמון! ער מאַכט שוין חתונה אַ זון און גיט שוין נדן... וואָס קלערסטו, אַז גאָט וויל, פעלט דיר אויף אַ מאַרקע, פאַרשפּעטיקט זיך דיין תשובה אויף מיין בריוו, און גבריאל ווערט דער חכם!

און וואָס דו שרייבסט, אַז דאָס קינד דיינס איז נישט בקו־הבריאה, זאָל טאַקע דער רופא־חולים העלפן; אין סכנת־נפשות, גלויב נישט, נאָר אָן מרה־שחורה! איך האָב געטאָן מיינס. איך בין אויפגעשטאַנען גאַנץ פרי, געגאַנגען אין גרויסן בית־המדרש אַריין, אַריינגעוואָרפן אין מאיר בעל הנס, אויפגעשריבן אויף דער מזרח־וואַנט „לרפואה שלימה" מיט גרויסע אותיות. און, אויב עס וועט זיין אם ירצה השם, אַ לייזונג, וועל איך נאָך שיקן ליכט אין שול אַריין. דעם רבין זאָל לעבן, וויל איך אויך מודיע זיין. און נישט דערמאָנען, אַז בעלך איז נישט זיין חסיד, און דו ווייסט, אַז ביי אים, זאָל לעבן, בין איך אַ בן־בית...

פון מיר, אחיך — מ נ ח ם - מ ע נ ד ל.

עיקר שכחתי. מירל־פייגע, דעם דיינס טאָכטער איז, לא עליכם, געווען מקשה לילד, האָט מען אַראָפּגעבראַנגט אַ דאָקטאָר פון טאָמאַ־שאָוו און דער מאַן איז תיכף אוועקגעלאָפן צום רבין, זאָל לעבן. צי דער דאָקטאָר האָט קאַליע געמאַכט, צו וואָס, נאָר אַז דער מאַן איז גע־קומען, האָט ער זי שוין געטראָפן אויף דער מיטה. ער האָט איר גע־מאַכט אַ גאָר שיינעם הספד. איצינד רעדט מען אים שידוכים, איך וועל מיך אויך אַריינלייגן אין דער זאַך. עס איז אַ מצווה אַזאַ שיינעם יונגן מאַן אַ טובה צו טאָן. אגב, טאָמער באַשערט השם יתברך אַ רייכן שידוך וועל איך נישט צולייגן.

אחיך הנ״ל

זוגתי חוה־גיטל, שתחיה, לאָזט דיך גריסן גאָר פריינטלעך. וכן בתי הכלה שתחיה. מיט גאָטס הילף וועסטו, אם ירצה השם, די טעג באַקומען א חתונה־בריוול. עס זאָל אונדז אַלע זיין צו מזל און צו ברכה.

מנחם־מענדל הנ"ל.

גיסתי האהובה, המיוחסת והצנועה האשה הכשרה הלא היא מרת חנה תחיה.

ראשית, בין איך דיר מודיע, ליבע שוועסטער און שוועגערין, אַז מהיום והלאה, אַז גאָט וועט שענקען דאָס לעבן, וועל איך אָפּנעמען דיינע בריוו, נישט מיין בעל־הבית, און אשפּה וועל איך פון זיי מאַכן! צווייטנס, ליבע שוועגערין, איז דאָס פון דיין זייט, צווישן אונדז גערעדט, א גרויסע חוצפּה, וואָס דו האָסט זיך אָן אונדז אָנגעכאַפּט אַזן דווקא פאַר א חתונה, און מאכסט אונדז די טעג פינצטער ווי די נעכט, און ווילסט נאָך אָנמאַכן א שוואַרץ־פינצטער לעבן צווישן מאַן און ווייב. דו מוזט, אפּנים, מיינען, ליבע שוועגערין, אַז דו ביסט נאָך ביים שווער, זכרונו לברכה, אויף קעסט, אַז דו ביסט א פאַרצויגענע בת־יחידה, אָן שום דרך־ארץ; און אַז מע גיט דיר נישט דאָס טעלערל פון הימל, ווילסטו אַלעמען אויסשטעכן די אויגן, די וועלט אומברענגען, און די קולות דיינע גייען עד לב השמים. איך געדענק נאָך דיין טופּען מיט די פיסלעך, דיין זעצן מיט די פויסטן אין טיש אַריין, בשעת, ווען דער תם דיינער שטעלט זיך אין א ווינקל אַריין, שאָקלט מיטן שאָפּענעם קעפּל, און די פּאות וואַרפן זיך אים, ווי די לולבים; דער שווער, זאָל עס מיר דאָרט מוחל זיין, זאָגט דאָך אוודאי, אַז די בת־יחידה איז גערעכט.

טייערע שוועגערין חנה! עס איז שוין צייט זיך אויפצוכאַפּן פון שלאָף, צו פאַרגעסן די פוסטע חלומות, און צו זען אויף וואָס פאַר א וועלט מע איז. דער שווער, זכרונו לברכה, איז שוין לאַנג אויפן עולם־אמת; נישטאָ קיין קעסט, אויסגעדרונען! א בת־יחידה קאָנסטו נאָר זיין ביי דיין אייגענעם מאַן, נישט ביי קיין אַנדערן, און איך ווייז דיר צוויי מאָל פינף פינגער!

און דעם בריוו־טרעגער האָב איך זהיר והזהר אָנגעזאָגט, ער זאָל דיינע בריוו אָפּגעבן מיר צו דער האַנט, נישט מיין כשר בהמהלע. זיי וויסן, ליבע שוועגערין, אַז די גאַנצע וועלט בלאָזט אויף די נעגל פון

דיין שגעון! ווער עס הערט, זאָגט נישט אַנדערש, נאָר א דיבוק, רחמנא־לצלן! סערל די נגידה האָט מיר בפירוש געזאָגט, אז דו ביסט ווערט מע זאָל דיך קורע־כדג זיין! און איך קאָן גאָרנישט פאַרשטיין, וואָס דו ווילסט האָבן פון מיר! נישט איך, חוה־גיטל, האָב, חס־ושלום, געשריבן די תורה; נישט איך, חוה־גיטל, בין, חס־ושלום אראָפּ מיט דונער און בליצן אויפן בארג סיני, אוועקצוגזלען פון דיר דעם דין פון ירושה; און אז דער שווער דיינער, זאָל עס מיר דאָרט מוחל זיין איז געווען אזא בטלן, ווי דיין מאַן דער תם, און מע האָט דיר נישט געגעבן קיין שטר חצי זכר, בין איך שולדיק? און דער ריבונו של עולם איז נישט, חס־ושלום, אין מיין רשות; די שליסל פון שערי רחמים, ליגן נישט ביי מיר, — עס איז דאָ צו וועמען צו שרייען! האָסט נישט קיין סידור, קיין מחזורים, קיין תחינות! דאַוון, בעט רחמים! און אויב דאָס קינד דיינס איז טאקע חולה מסוכן, איז דאָרט אויך דאָ אן ארון־קודש איינצוריסן, קברים צו מעסטן, און מאיר בעל הנס אויף צדקה פעלט אויך נישט! דו ווייסט אָבער נישט מער, נאָר — חוה־גיטל און ווידער חוה־גיטל! פעלט דיר פרנסה, ווער איז שולדיק? חוה־גיטל, גיסט דו צו איר אויס דיין ביטער הארץ; איז דיר קראַנק דאָס קינד, ווער איז שולדיק? מסתמא חוה־גיטל, און פאַרשרייסט מיר דעם קאָפּ, און איך, איין גאָט אין הימל ווייסט דעם אמת, בין חולה־מסוכן, איך פּאָכע מיט דער נשמה און ביי א ליאדע עגמת־נפש, ווער איך ממש אויס מענטש. און אז מיר כאַפּט אָן דער הוסט, איז טאקע סכנות־נפשות, מיין איך, אז עס עקט זיך מיין וועלט. איך בין, ווי מע זאָגט: א פוס אין שטוב א פוס אין גרוב. און אז די דאָקטוירים ווען מיך נאָך הייסן פאָרן קיין אויסלאנד וואסער טרינקען, בלייב איך אָן א העמד, חס־ושלום; און אויף וועמענס הענט לאָז איך איבער די שטוב, די פרנסה, די זעקס קינדערלעך, וואָס?

דו ווייסט, דאכט זיך, אז אויף מיר שטייט דאָס גאנצע הויז, אז אלץ ליגט אויף מיין קאָפּ, אז ווו אחיך מנחם־מענדל גיט זיך נאָר א ריר, איז באלד א שאָדן; לײמענע הענט האָט ער, דער שלימזל! א מענטש זאָל נישט טויגן, נישט צו גאָט, נישט צו לייט; זאָל נישט אריינטאָן קיין האנט אין קאלט וואסער אריין, גאָר נישט! פעלט מיר נאָך עס זאָל קומען דער דאָקטער און זאָגן, אז עס וואקסט ביי מיר די מילץ אין דער ברייט, אז די סכנה איז חס־ושלום, זייער גרויס, אז איך ברויך גרויס רחמים! — קומסטו און מאכסט מיך פאר א גליקלעכע נגידה, איך זאָל דיר העלפן.

ליבע שוועגערין, איך זאָג דיר בפירוש, אז דו האָסט א הארץ פון א טאָטער, נישט פון א יידישע טאָכטער; ביסט פשוט א מענטש אָן רחמנות! שוין צייט, זאָלסט גאָר אינגאַנצן אויפהערן מיט דיינע ליב־הארציקע בריוועלעך און זע, למען השם, צו קומען אויף דער חתונה, וואָס וועט זיין, אם ירצה השם, גאָר קירצלעך. ווען, ווייס איך נאָך אליין נישט, ווייל איך וויל עס נישט נעמען אויף מיין אחריות. זאָל מנחם־מענדל פאָרן צום צדיק, און אָפּשטעלן אויף זיין באראָט, ווען די חתונה, זאָל זיין אין א מזלדיקער שעה, און איך וועל דיר שוין מודיע זיין. מתנות ברענגען דארפסטו נישט. און, אז דו וועסט, אם ירצה השם, קומען עם בעלך המופלג, שיחיה, וועט איר ביי מיר זיין פון די געהויבענע געסט, איך וועל אייך זעצן אויבן־אָן; און די כלה בעט אייך אויך זייער און זייער, איר זאָלט קומען אויף דער חתונה, נאָר איר זאָלט אייך לייטיש פירן, נישט חס־ושלום, פארגעסן, ווו איר זייט אויף דער וועלט, און נישט אָנטאָן קיין חרפות ובושות.

גריס בעלך, שיחיה, מיטן קינד לרפואה שלימה.

פון מיר, דיין שוועגערין —

חוה־גיטל

ב.

פיר בריוו, וואָס חנה האָט באַקומען פון מאַן שמואל־משה.

ערשטער בריוו

זוגתי האהובה מרת חנה תחיה

ווען מיין בריוו וועט קומען צו דיר אין דער האנט אריין, וועל איך, בעלך שמואל־משה, שוין זיין אין מרחקים. און איך בעט ביי דיר סליחה ומחילה אויף דעם. איך בין אוועק פון דיר נישט מיט מיין גוטן ווילן, איך האָב שוין לענגער נישט געקאָנט אויסהאלטן; איך האָב געזען בחוש, אז עס איז כלה כל הקיצין, אז עס איז שוין די צרות נישט צו דערטראָגן; דעם נדן האָבן מיר אויפגעגעסן, די ירושה האָט דיין ברודער, דער גזלן, איינגעשלונגען, ער האָט באנוצט די צייט, ווען די בריוו זיינען צווישן אייך געגאנגען, און האָט פארשריבן דאָס הויז אויפן מחותנס נאָמען, — צו שלאָגן זיך צו א שטיקל עסק האָב איך נישט געקאָנט. נישט געהאט מיט וואָס; איז מיר קיין אנדערע עצה נישט גע־

בליבן נאָר, אָדער זיך, חס־ושלום צו הענגען, ווי משה דער שניידער האָט געטאָן, אָדער אנטלויפן קיין אמעריקע — האָב איך אויסגעקליבן אמעריקע; זאָל איך כאָטש יענע וועלט נישט פארלירן. און אין אמעריקע וועל איך שוין נישט זיין קיין בטלן, קיין „כלי־יקר"; איך וועל מיט גאָטס הילף מיטן שוויס פון שטערן, מיט מיינע צען פינגער פארדינען אויף א שטיקל ברויט, ביז השם יתברך וועט זיך מרחם זיין און וועט ארייגשיקן די ברכה אין מיינע צען פינגער, און אפשר וועט ער נאָך בענטשן דיין מסחר דאָרט מיט די ציבעלעס, און וועט אונדז צוריק צו־זאמענפירן, אָדער מיך צו דיר אָדער דיך צו מיר! אמן, כן יהי רצון.

און איך בעט דיך זייער, ליבע, גוטע חנה, זאָלסט דיך נישט אזוי מצער זיין, נישט אזוי פיל וויינען. דו ווייסט, אז מיין גאַנצער מיין מיטן אוועקפאָרן איז נאָר — פרנסה, נאָר דאָס שטיקל ברויט! דו ביסט זוגתי חנה און איך בין דיין מאַן שמואל־משה, און ביידע זיינען מיר צוגעבונדן צום קינד, זאָל לעבן און געזונט זיין. ווען איך וואָלט געהאט כאָטש א שטיקל טרוקן ברויט, וואָלט איך עס, חס־ושלום, נישט געטאָן... אפשר וועט זיך דערווייל השם יתברך מרחם זיין, און, אז דיין ברודער, דער גזלן, וועט דערהערן, אז איך האָב דיך חס־ושלום געלאָזט אַן עגונה, וועט ער פאָרט אפשר רחמנות קריגן, דאָס שטיינערנע הארץ וועט ווייכער ווערן, און ער וועט דיר גיכער אפשר שיקן עטלעכע רובל אויף פרנסה...

וואָס זאָל איך רעדן און וואָס זאָל איך זאָגן, מיין גאָלדענע חנה?! איך מוז דיר זאָגן, אז די מחשבה אוועקצופאָרן, און דיך איבערצו־לאָזן מיטן קינד, איז מיר שוין א סך מאָל ארויפגעקומען אויפן זינען. איך האָב שוין לאנג געזען, אז איך האָב נישט קיין אנדערע ברירה. טאָג אזוי נאכט האָב איך דערינען געקלערט, איביים דאווגען, אי ביים לער־נען. איך האָב נאָר געוואָרט, דעם קינד, עס זאָל אים זיין לרפואה שלימה, זאָל בעסער ווערן. אז דעם קינד, זאָל לעבן, איז בעסער געוואָרן, האָב איך דאָך נישט געהאט דאָס הארץ דיר צו זאָגן, אז איך וויל אוועק, ווי די אויגן וועלן מיך טראָגן... איך האָב מורא געהאט, אז דו וועסט זאָגן, אַז דו ווילסט נישט, און איך וועל נישט קאָנען טאָן קעגן דיין רצון. האָב איך אלץ אין מיר געהאלטן, אָפגעגעסן זיך אין דער שטיל דאָס הארץ. נאָר, אייערנעכטן, אז דו האָסט אהיימגעברענגט א פונט ברויט, און צעטיילט פאַר מיר און פארן קינד, זאָל געזונט זיין, און געזאָגט, אז דו האָסט שוין געגעסן ביים שכן, און איך האָב דערקענט אין דיין פנים, וואָס האָט באקומען אלערליי קאָלירן, — ווייל דו קאָנסט

בטבע נישט זאָגן קיין ליגן — אז דו נאַרסט מיך, אז דו האָסט נאָך אין דיין מויל נישט געהאַט, — האָב איך בשעת מעשה דערפילט, ווי ווייט איך זינדיק קעגן דיר! עסנדיק פון ברויט, האָב איך געפילט, אז איך עס פון דיר דאָס פלייש, חס־ושלום; און דערנאָך, ביים גלעזל טיי, אז איך טרונק, אז איך זויג אויס, חס־ושלום, דיין בלוט. עס האָבן זיך מיר מיט אמאָל די אויגן געעפנט; איך האָב ערשט דערזען, וואָס פאַר א פושע ישראל איך בין! און אויסזאָגן האָב איך פאַרט מורא געהאַט, בין איך אנטלאָפן אָן דיין ידיעה. —

ביי יחיאל דעם מלווה האָב יאך פאַרזעצט די אויבערשטע קאַפּאָטע מיטן טלית, נאָר למען השם, דאָס זאָל קיינער נישט וויסן — און איך האָב גענומען אויף הוצאות. אז עס וועט מיר פעלן, זיינען אומעטום דאָ יידן בני רחמנים און מע וועט מיך, חלילה, נישט לאָזן פאַלן אין גאַס. וועל איך אָנקומען צו מתנת בשר ודם! און א נדר האָב איך גע־טאָן, אז איך וועל, אם ירצה השם, שפּעטער, אז זיין ליבער נאָמען וועט זיך מרחם זיין, און איך וועל וואָס עס איז פאַרדינען, וועל איך אלץ אָפּגעבן אויף צדקה, מיט רווחים, — אם ירצה השם!

דאַרפסט פאַרשטיין, מיין גאָלדענע חנה, ווי מיר איז שווער און ביטער דאָס אוועקפאָרן... אז אונדזער איינציק טייער קינד, איז געבוירן געוואָרן, איז מיר אוודאי אין זינען נישט אריינגעקומען, אז איך וועל אים מוזן איבערלאָזן, כאָטש אויף א צייט, אָן א טאַטן...

די נאַכט, וואָס איך בין אַוועק, בין איך אָפּגעשטאַנען, אוודאי א שעה אויפן זייגער איבער דיין בעט; דו ביסט געשלאָפן. ביי דער שיין פון דער לבנה, האָב איך ערשט געזען, ווי דו זעסט, נעבעך, אויס! ווי דאָס קינד, נעבעך, איז געל ווי וואַקס... פאַר פּחד און גרויס רחמנות האָט מיר דאָס האַרץ געשטיקט; איך האָב שיר נישט אַרויסגעלאָזט א געוויין; אויס מענטש בין איך אַרויס פון שטוב. איך האָב אָנגעקלאַפּט ביים בעק־קער, געקויפט א ברויט, שטילערהייט זיך אריינגעגנבעט אין שטוב און דיר איבערגעלאָזט. איך בין ווייטער געשטאַנען א ווײַלע און האָב קוים כוח געהאַט אָפּצורייסן די פיס פון דער ערד... וואָס זאָל איך דיר זאָגן, חנה, א מענטש שפּירט אמאָל אין איין רגע יסורים פון הונדערט יאָר!

חנהשי קרוין, איך ווייס גאַנץ גוט, אז איך בין א גזלן, א רוצח, וואָס איך האָב דיר נישט געלאָזט קיין גט, על כל פּנים אויף א תנאי: אָבער גאָט אין הימל איז מיין עדות, אז איך האָב דערצו קיין כוח נישט געהאַט, קיין האַרץ נישט געהאַט, מיר דאַכט זיך, אז ווען איך וואָלט דיר איבערגעלאָזט א גט, וואָלט איך, חס־ושלום, געשטאָרבן

אונטערוועגס פאַר יסורים; מיר זיינען דאָך אַ געטרייער, כשרער זיווג; השם יתברך אליין האָט אויפן זיווג מסכים געווען. און איך בין צו דיר אָנגעבונדן מיטן גאַנצן האַרץ: איין נשמה אין צוויי גופים. און איך ווייס נישט, ווי איך וועל לעבן אָן דיר און אָן דעם קינד, זאָל געזונט זיין, אפילו איין מינוט. און טאָמער זאָגט דיר עמעצער, אַז איך האָב דיך געלאָזט, חס־ושלום, אַן עגונה, גלויב נישט! דען איך, שמואל־משה, בין דיין מאַן, און וואָס איך האָב געטאָן האָב איך געמוזט טאָן. וואָרעם וואָס טוט נישט אַ מענטש פאַר נויט...

חנהשי קרוין, ווען איך וואָלט פאַר דיר געקאָנט אויפרייסן מיין האַרץ, דו זאָלסט זען, וואָס דאָרט טוט זיך, וואָלט מיר אפשר אַביסל גרינגער געוואָרן. — אַצינד, מיין כשרע נשמה, לייד איך גרויסע צרות! די טרערן גיסן זיך מיר פון די אויגן, אַז איך זע נישט, וואָס איך שרייב, און דאָס האַרץ קלעמט, און אין מוח דרייט זיך ווי אַ מיל... און עס קלאַפּט מיר אַ צאָן אָן אַ צאָן... און דער באַלעגאָלע, דער עם־הארץ, שטייט איבער מיר און האַקט אין טיש אַריין און שרייט: פאָרן, פאָרן!

ריבונו של עולם, האָב שוין אַמאָל רחמנות אויף מיר, אויף מיין ווייב חנה, זאָל געזונט זיין, און אויפן קינד, איך זאָל נאָך אַמאָל פון אים נחת דערלעבן.

פון מיר, דיין טרייער מאַן, וואָס שרייבט אויפן וועג אין קרעטשמע

ש מ ו א ל ־ מ ש ה.

צווייטער בריוו

אשתי היקרה והאהובה

וואָס זאָל איך רעדן, וואָס זאָל איך זאָגן; איך זע בחוש, אַז מן השמים האָט מען מיך געהייסן פאָרן. אַז דאָס איז געווען אַ גאָט־זאַך. דאָס האָט ער מיר אַריינגעגעבן שכל, איך זאָל אַוועק קיין אַמעריקע; אַלץ, וואָס השם יתברך טוט לאָזט זיך אויס צום גוטן.

מיין ליבע חנה! בשעת איך מאַך צו די אויגן, דאַכט זיך מיר, אַז איך בין אַיינדערהיים, און עס חלומט זיך מיר פון עק וועלט! וואָרעם באמת, ווער וואָלט געגלייבט, אַז אַזאַ בטלן, אַזאַ מענטש אָן אַ צונג אין מויל ווי איך, — אַ מענטש, וואָס קאָן קוים אַ צורת מטבע, זאָל פאָרן מיט דער באַן, לאָזן זיך אויף אַ שיף איבערן ים און קומען בשלום קיין

אמעריקע! אצבע אלהים! — גאָטס השגחה איז עס... זיין ווילן נאָר האָט גובר געווען, אַז איך האָב געקאָנט איבערלאָזן דיך מיטן קינד, זאָל לעבן, השם יתברך זאָל געבן, מיר זאָלן נאָך זוכה זיין אים מגדל צו זיין, לתורה לחופה ולמעשים טובים!

חנהלע קרוין! איך האָב מיך פריער אָנגעזען גרויס וווּנדער אויף דער יבשה. דאָס איז אָבער גאָר נישט קעגן דעם, וואָס איך האָב געזען אויפן ים. אויפן ים האָב איך פאַרגעסן אַלץ, וואָס איך האָב פריער געזען אויף דער יבשה, און אצינד, ביי די וווּנדער אין אמעריקע, פאַרגעס איך ווייטער דעם ים!

און אויף דער שיף האָב איך, אין דער התחלה, גרויס צער און עגמת נפש געהאַט; טאַקע אין לשער, נאָר דאָס אַלץ איז אויך געווען לטובה, און איך גלויב, אַז איך האָב דאָס אַלץ איבערגעלעבט אין דיין זכות און אין זכות פון אונדזער איינציק קינד!

חנהלע, דו מוזט אוודאי געדענקען ליב חזן, וואָס איז אַמאָל, מיט עטלעכע יאָר צוריק, געקומען צו אונדז אין שטעטל אַריין, און האָט ביי אונדז געדאַוונט ימים־נוראים מוצאי יום כפור, געדענק איך, האָסטו מיר געזאָגט, אַז ציט די לעבסט, האָסטו נאָך אַזאַ דאַווענען נישט געהערט. איך געדענק נאָך אַפילו דאָס לשון, ווי דו האָסט מיר געזאָגט: ליב חזן צעשרייט זיך ווי אַ ליב און צעוויינט זיך ווי אַ קינד...

אויף מאָרגן, איז געוואָרן עפּעס אַ מחלוקת אין שטעטל. מע האָט ליב חזן נישט אין זינען געהאַט, נישט רעכט באַצאָלט; און ער איז, נעביך, אַרומגעגאַנגען אין די הייזער... געדענקסט מיט אַ קליין מיידעלע, געטעכטל האָט זי געהייסן. זי האָט נאָכגעזונגען דעם פּאַטערס ניגונים מיט איר קינדיש קולכל... אַז זיי זיינען אַריינגעקומען צו אונדז, האָסטו אויף איר גרויס רחמנות באַקומען, האָסט זי גענומען צו זיך אויף דער שויס, געקושט אין קאָפּ, האָסט איר עפּעס געשענקט, איך געדענק שוין נישט וואָס, און האָסט זיך נאָך צעוויינט פאַר רחמנות אויף דער אָרעמער יתומה אָן אַ מאַמען... דיך וווּנדערט אפשר, וואָס איך געדענק אַזוי אַלץ?

זיי וויסן, חנהלע קרוין, אַז איך געדענק אַלע דיינע זיסע רייד, אַלע דיינע תנועות, וואָס האָבן טויזנט חן געהאַט; שטענדיק שטייסטו מיר פאַר די אויגן! פאַרנדיק אויפן ים, האָט זיך מיר אויך וואָס אַמאָל געדאַכט, אַז דו שטייסט נעבן מיר, דאָס קינד האַלט זיך אָן דיין פאַרטעך, און איך הער דיין קול און דעם קינדס קול, און עס קלינגט מיר אין די אויערן מיט אַזאַ זיסקייט, וואָס איז גאָר נישט צו באַשרייבן. —

און אַצינד האָב איך מיך מיט דעם אייגענעם ליב חזן אויפן וועג געטראָפן. נישט צו זינדיקן מיט די רייד, איז דער ליב חזן גאָר איינגאַנצן אַראָפּ פון וועג! גאָר, גאָר...

אויף דער שיף האָט ער נישט שטאַרק געקוקט, יאָ כשר, נישט כשר; טרינקען טרינקט ער ווי נישט קיין ייד... איבער דער גאַנצער צייט האָב איך אים נישט געזען אין טלית און תפילין... אָדער ער זאָל בענטשן נאָכן עסן... גיין גייט ער אַרום גאַנצע טעג אָן א היטל... און לא די, וואָס ער אליין איז אַזוי, פירט ער נאָך די טאָכטער אין זיינע דרכים... די דעמאָלטיקע קליינע וועט היינט אַלט זיין אַ יאָר זיבעצן, וואָלסטו זען — אַ פאַרטרעט! און ער הייסט זי, זי זאָל זינגען און טאַנצן פאַר די פּאַסאַזשירן פון שיף, און זי זינגט אויף כמה וכמה לשונות, רחמנא לצלן. לייט הערן און פּאַטשן מיט די הענט פאַר נחת, און שרייען, דאָס גוטע יאָר ווייסט זיי וואָס! און עס גייט צו אויסגעלאַסן און פאַרשייט, אַז — חלשות!

צום אַלעם ערשטן, וואָס זאָל איך לייקענען, האָב איך זיך מיט זיי זייער דערפרייט. פאַרט, טראַכט איך, היימישע מענטשן, איך וועל שוין נישט אַרומגיין אַזוי עלנט, אַזוי איינער אליין. האָב איך דערנאָך אָבער געהאַט גרויס שברות הלב; איך האָב נישט געקאָנט צוזען זיין התנהגות מיט דער טאָכטער. און טיילמאָל האָט מיך געשניטן אין האַרץ, ווי אַ ייד אַ בעל־תפילה, וואָס פלעגט שטיין פאַרן עמוד, זיין אַ שליח פון כנסת ישראל פאַרן רבונו של עולם, רעדט גאָר פשוט ניבול פה, אַז די גאָל קערט זיך איבער. און אַ קול האָט ער, איז עס דורכגעברענט פון בראָנפן...

איז דאָך גוט, נעמען זיי זיך נאָך צו מיר און ווילן מיך מאַכן פאַר אַ לייט! חוזק מאַכן זיי פון מיר אויף דער שיף! מע הערט נישט מער נאָר: בטלן, שוטה... ער צופּט מיר די פאות, זי רייסט די ציצית פון טלית־קטן און די גאַנצע שיף האָט מיט מיר צו טאָן!

און וואָס פאַרדריסט זיי? וואָס איך בין אַזוי אָפּגעהיטן פון טרפות, וואָס איך וויל בעסער פאַסטן, איידער עסן פת עכו"ם.

דו ווייסט דאָך, אַז איך האָב זיך פיינט צו קריגן, רוק איך זיך אָפּ אין אַ זייט, באַהאַלט מיך אין אַ ווינקעלע! און וויין מיר אויס דאָס האַרץ אין דער שטיל...

דער עולם געפינט מיך אָבער און מאַכט פון מיר לייטן־געלעכטער. איך האָב געמיינט עס איז מיין עק!

ערשט אצינד, אין אמעריקע, זע איך, אז דאָס אלץ איז געווען א גאָט־זאַך.

אז דאָס האָט מיר גאָט, מיט זיין גרויס חסד, אַנגעגרייט לייב חזן מיט דער טאָכטער אין אמעריקע, ווי ער האָט אָנגעגרייט יוספן פאר זיינע ברידער אין מצרים.

וואָרעם, וואָס וואָלט איך אָן זיי געטאָן! א מענטש אָן לשון, אָן א מלאכה, נישט וויסנדיק, ווי א טיר עפנט זיך!

און לייב חזן איז דאָ א גאנצער בן־בית. ענגליש רעדט ער ווי א וואסער. תיכף, אזוי ווי איך בין נאָך געקומען, האָט ער מיך אריינ־געפירט אין א ציגאַרן־פאבריק, און — איך ארבעט און פארדין שוין! דערהוייל וווינען מיר אפילו אין זיין דירה. וואָרעם, — פרעג מיך בחרם, ווי אזוי מע גייט דאָ דינגען א דירה!

אויך זיינען זיי, — טאקע גאָטס חסד, בנוגע צו מיר, גאָר אנדערש געוואָרן.

גנענדל מאכט שוין נישט חוזק אויס מיינע באָרד און פאות, און האלט זיך פון מיר פון ווייטנס, ווי עס פאסט פאר א יידישע טאָכ־טער. זי קאָכט פאר אונדז, און דאָס איז זייער וויכטיק, הגם קיין פלייש עס איך נישט, נאָר אייער, און טיי טרינק איך אָן מילך, וואשן וואשט זי אויך.

פון דעם איז זיך באמת א מוסר ארויסצולערנען, אז טאקע, וואָס דער ריבונו של עולם טוט, טוט ער צום גוטן.

און ווייסטו, ווי אזוי עס האָט זיך אלץ איבערגעדרייט צום גוטן? גאָר פשוט: אין דיין זכות!

נאָך אויף דער שיף, אז איך האָב געזען, אז איך וועל עס פון זיי נישט אויסהאלטן, האָב איך מיר געמאכט א הארץ און בין צוגעגאנגען צו גנענדלען, און געזאָגט איר, אז איך בין דיין מאַן. איך האָב זי דער־מאָנט דעם נאָך יום־כפור, ווען זיי זיינען ביי אונדז אין שטוב געווען, ווי אזוי דו האָסט זי מקרב געווען, גענומען אויף דער שויס און אזוי ווייטער...

תיכף ומיד איז זי אנדערש געוואָרן. זי האָט אויף מיר רחמנות געקריגן, די אויגן זיינען איר מיט טרערן פארלאָפן. זי איז באלד צוגע־לאָפן צום פאָטער און האָט מיט אים איבערגעשמועסט די זאַך, און באלד איז געוואָרן א שלום.

תיכף האָבן זיי געבעטן דעם שיפס־קאפיטאַן, ער זאָל מיך הייסן בעסער באהאנדלען. און אזוי איז געווען!

איך האָב אָנגעהויבן צו באַקומען ברויט, וויפל מיין האַרץ האָט געגלוסט, און טיי, וויפל איך האָב געוואָלט. די שיפס־לייט, האָבן מיך אויפגעהערט צו פייניקן, איך האָב אָנגעהויבן אָפּצואָטעמען.

דאַרפסטו פאַרשטיין, וואָס פאַר א חשובע די גנענדל איז געווען ביי די לייט! און עס איז קיין וווּנדער נישט; ערשטנס, איז ביי זיי דער עיקר א יפת תואר; פאַר א יפת־תואר וואָלטן זיין אין ים אַריינגע־שפּרונגען. צווייטנס, איז גנענדל זייער א גוטע בטבע, און האָט חן ביי לייט, דעם זיבעטן חן!

אצינד, מיין גאָלדן ווייבעלע, וועל איך דיר אָנזאָגן א בשורה טובה:

לייב חזן זאָגט מיר צו, אז איך וועל פאַרדינען, לכל הפּחות, ביז צען דאָלאַר א וואָך.

איך רעכן זיך אזוי צו פירן: א העלפט — פינף דאָלאַר, וועל איך דיר שיקן, און פינף וועל איך מיר באַהאַלטן. דערפון וועל איך לעבן, און וועל מיר נאָך אָנזאַמלען צו קויפן ש״ס; משניותלעך האָב איך מיטגע־נומען. עס איז ביי מיר געבליבן, איך זאָל יעדע וואָך לערנען, לכל־הפּחות, צען בלאַט גמרא. קיין טלית וועל איך דערווייל נישט קויפן. ווייל איך דאַוון לעת עתה אין לייב חזנס טלית... וואָרום לייב חזן האָט מיטגענומען א טלית.

צו וואָס, אפילו, ווייס איך נישט. וואָרעם דאַווענען, דאַוונט ער נישט א וואָרט!

איך רייד מיר איין, אז דאָס איז אויך מן־השמים; מע האָט'ן גע־הייסן פירן פאַר מיינעטוועגן א טלית.

און אפשר רעכנט ער צו דאַוונען דאָ ימים־נוראים פאַרן עמוד? עס גייט צו ימים־נוראים! איך ווייס? אין אמעריקע איז אלץ מעגלעך! דאָ איז א פאַרקערטע וועלט!

און דער עיקר, — איין דאָלאַר וויל איך באַהאַלטן, און זאַמלען מיט השם־יתברכס הילף, פאַר דיר מיטן קינד אויף הוצאות, איר זאָלט דאָ ביידע קומען אהער. וואָרום איך זע בחוש, אז עס איז — השם־יתברכס רצון, איך זאָל שוין בלייבן דאָ אין אמעריקע. און דער ריבונו של עולם ווייסט בעסער וואָס עס איז גוט פאַר א מענטש.

ווייסט, וואָס איך וועל דיר נאָך זאָגן? אז אצינד בין איך שוין נישט מער אין כעס אויף דיין ברודער דעם גזלן; ווייטער דאָס אייגענע: איך זאָג, אז דאָס איז אויך מין השמים! אנדערש קאָן גאָר נישט מעגלעך זיין, א מענטש זאָל האָבן אזא גזלניש האַרץ קעגן אן אייגענער שוועס־טער.

נאָר דאָס אַלץ האָט מען געפירט, איך זאָל אַנטלויפן קיין אַמע־ריקע, און דיך אהער נעמען. און אַז גאָט וועט מיר העלפן, איך וועל קומען צו עפּעס געלט, וועל איך אים נאָך, דעם ברודער דיינעם, אויך בייהילפיק זיין. ער איז אַ קבצן, זאָג איך דיר, איך זע דאָך: וואָס ביי אונדז הייסט אַ גביר, הייסט דאָ, אין אַמעריקע — אַ שלעפּער!

איך ענדיק דעם בריוו, איך מאַך דאָס מאָל בקיצור, הגם, איך האָב נאָך אַ סך, אַ סך צו שרייבן. ווייל איך האָב מורא, לייב חזן מיט גנענד־לען זאָלן נישט אַריינקומען צו מיר אין שטוב; איך וויל נישט, זיי זאָלן זען, וואָס איך שרייב דיר. און איך בעט דיך זייער, דו זאָלסט מיינע בריוו נישט ווייזן קיין שום בן אדם! וואָס דאַרף אַ פרעמדער וויסן וואָס ביי אונדז קומט פאָר?

און איך האַלדז און קוש דאָס קינד, זאָל לעבן! גיב אים אויך אויף מיין חשבון צען טויזנט הייסע קוש, — הערסט?

פון מיר דיין מאַן

ש מ א ל   מ ש ה.

דריטער בריוו

אשתי האהובה!

איך געדענק, דאָס ערשטע מאָל, אַז יוחנן שוסטער איז אַוועק פון אונדז קיין אַמעריקע, האָט מען אָנגעהויבן שטאַרק וועגן אַמעריקע צו שמועסן; ווי אַזוי מע פירט זיך דאָרט. ווי עס גייט צו.

מע האָט געפרעגט, אויב מע גייט נישט דאָרט אויפן קאָפּ. און, אמת איז, אַז דאָ איז אַ פאַרקערטע וועלט! קיין שום סדר; בלויז קולות מיט גוואַלדן, ווי ביי אונדז אין קצבישן מנין!

שטעל דיר פאָר, אַז ביי אונדז, למשל, זאָל קומען פלטיאל דער וואַטן־מאַכער און יאָסל דער גאַרבער, און זאָגן, אַז דער רב אונדזע־רער איז נישט קיין למדן; ווייס איך, אַז ער איז נישט בקי אין גטין וקדושין; אָדער גאָר, אַז זיי געפעלט נישט דער ראש־הקהל! הכלל — זיי ווילן אַן אַנדערן רב, צי אַן אַנדערן ראש־הקהל! נו, וואָלט מען זיך נישט געהאַלטן ביי די זייטן?

און דאָ, אין אַמעריקע, — האָבן אַרבעטער, ציגאַרן־שניידער, אַזוינע ווי איך, אין אַלעם אַ דעה! — זיי מאַכן מיט ביי דער קלפּי,

מישן זיך ביי די בוררים, און טרעף וואָס זיי קלויבן אויס? — אַ פּרע־זידענט!

און וואָס מיינסטו, איז אַ פּרעזידענט?

אַ פּרעזידענט איז, נישט מער נישט ווייניקער, ווי אַ ראש וראשון איבער דער גאַנצער מדינה! און, ווי איך האָב דאָ געהערט, איז אַמע־ריקע צען מאָל אַזוי גרויס ווי גאַנץ אייראָפּע! פאַרשטייסט אַן עסק! היינט שטעל דיר פאָר מיין שרעק, אַז איך זיץ מיר אַזוי נעכטן ביינאַכט אין שטוב, האָב אין זין די היים, און מיטאַמאָל עפנט זיך די טיר, און עס קומען אַריין צוויי אַרבעטער, פּשוטע אַרבעטער, וואָס שטייען מיט מיר ביי איין מאַשין, און — אחינו בני ישראל! און זיי לייגן מיר פאָר צוויי נעמען, איך געדענק שוין אפילו נישט וואָס פאַר אַ נעמען, און זאָגן מיר, אַז איך בין אויך אַן אַרבעטער, און מוז זען, מע זאָל אויס־קלויבן אַ פּרעזידענט, וואָס זאָל זיין גוט פאַר אונדזער קלאַס.

און זיי דערציילן מיר, אַז איין פּרעזידענט האַלט פאַר די רייכע ליט, און טרעט מיט די פיס אַלע, וואָס לעבן פון זייערע צען פינגער; און דער צווייטער, טאַקע דער, וואָס זיי ווילן אויסקלויבן, איז גאָר אַ דימענט; ער האַלט שטאָל און אייזן פאַר אַרבעטער, און די גראָבע בייכער רודפט ער מיט אַ שרעקלעכער שנאה! און נאָך אַזעלכע נאַריש־קייטן, וואָס איך האָב שוין גאָר נישט פאַרשטאַנען.

אין האַרץ האָב איך זייער געלאַכט, נאָר פון שלום וועגן, — עס פּאַסט דאָך נישט, מבייש צו זיין קיין מענטשן, — האָב איך זיי גע־טאָן די טובה און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ!

אגב, האָב איך טאַקע געוואָלט, זיי זאָלן וואָס גיכער אַרויס פון שטוב, איך זאָל מיך שוין קענען זעצן שרייבן צו דיר דעם בריוו, נו, זאָג אַליין, איז דאָס נישט אַ משוגעת?

נאָך זייערע רייד נאָך, קומט אויס, אַז עס וועט ווערן פּרעזידענט דער, וואָס זיי ווילן, וועל איך פאַרדינען צען דאָלאַר, און, חס־ושלום, ווערט אַן אַנדערער פּרעזידענט וועל איך פאַרדינען נאָר ניין, און אפ־שר אַכט!

און לייב חזן זאָגט, אַז ער פאַרשטייט די פּאָליטיק! אַז אין דעם שטעקט אַ שכל! און אַז איך וועל דאָ זיין, זאָגט ער, אַ לענגערע צייט, וועל איך קריגן אַ ידיעה אין פּאָליטיק. מילא, זאָל זיין אַזוי, שאָקל איך אים אויך צו מיטן קאָפּ. טראַכט איך מיר: נכנס יין יצא שטות — האָט גענומען אַן איבעריקן טראָפּן, רעדט ער פון וועגן! האָט ער מיר אָבער געשווירן, אַז בשעת קלפּי, לעבט ער דערפון און עס בלייבט

אים נאָך װעלכער גראָשן אויף שפּעטער; פֿאַרשטײ איך טאַקע נישט, װי אַזױ!

נאָר אַלע נאַרישקײטן אָװעקגעלײגט: נישט אונדזער זאַך! זאָל זײַן דער, זאָל זײַן יענער פּרעזידענט, פֿון דעם װעט אונדזער מזל נישט אױפֿשײַנען.

די מעשׂה איז: אַז גאַנץ אָפּט פֿאַל איך אַרײַן אין אַ מרה־שחורה, און די טרערן קאַפּען מיר פֿון די אױגן אױף די ציגאַרן־בלעטער. װאָס איך שנײַד; און בײַנאַכט שלאָפֿט זיך נישט, װי עס דאַרף צו זײַן!

טײלמאָל הײבט מיר אָן קלינגען אין די אױערן; גאַנצע טעג האָב איך קאָפּ װײטיק... און צו דעם אַלעם איז קײן בעסערע רפֿואה נישטאָ, נאָר צו נעמען פּאַפּיר, טינט און פּעדער און צו שרײַבן אַ בריװעלע צו מײַן גאָלדענער חנה.

מײַן טײַער װײַבעלע! איך קען פֿון דיר קײן זאַך נישט האַלטן בסוד. איך מוז דיר אַלץ דערצײלן: איך לערן נאָך דערװײַל משניות; קײן ש״ס האָב איך נאָך נישט געקױפֿט! און װײסטו פֿאַרװאָס? װײַל איך האָב געמוזט מאַכן גאָר אַן אַנדערע הוצאה.

זײ װיסן, מײַן גאָלדענע חנה, אַז אומעטום איז אײן װעלט. הגם מע שרײַט דאָ אַלץ אײן־ײנעם: פֿרײַהײט, פֿרײַהײט, איז דאָס אַלץ װערט אַ ציבעלע! מע האָט דאָ אױך פֿײַנט אַ ייִד! דאָ איז מען אפֿשר נאָך מער מבֿזה דעם צלם־אלהים פֿון אַ ייִד! הײַנט, װאָס זאָלן אַרומלױפֿן אין די גאַסן, זאָלן בילן און רײַסן ייִדישע פּאָלעס איז נישטאָ, אָבער קײן לאָבוסעס פֿעלט דאָ אױך נישט. קױם דערזען זײ אַ קאַפּאָטע, װערט אַ געשרײ: דזשױ, דזשױ! אױף זײער לשון איז עס פּונקט דאָס אײגענע, װאָס בײַ אונדז „זשיד”. און זײ װאַרפֿן נאָך שטײנער און בלאָטע; בלאָטע פֿעלט דאָ אױך נישט, ברוך־השם! װאָס האָב איך געזאָלט מאַכן האָב איך געטאָן דאָס זעלבע, װאָס אַלע ייִדן טוען דאָ. איך האָב אַרונטערגעמאַכט די פּאות אונטער די אױערן, האָב מיר געקױפֿט, אױף אײנצאָלן ראַטעסװײַז (אַזאַ מנהג איז דאָ), דײַטשישע בגדים. — האָסטו אָן עק פֿון געלט! און אױך דו, חנהלע, אַז דו װעסט, אם ירצה השם, קומען, װעסטו דיר אױך מוזן מאַכן אַנדערע קלײדער; װאָרעם אַ מנהג איז מבֿטל אַ דין, און דאָ איז מען זיך אַזױ נוהג!

און דאָס װאָס דו שרײַבסט, אַז גנענדל געפֿעלט דיר נישט, פֿאַרשטײ איך נישט פֿאַרװאָס? װאָס דו האָסט צו איר? אױך בין איך נישט מחויבֿ די װעלט מחזיר למוטבֿ צו זײַן. חוץ דעם, — בין איך זיכער, אַז זי טוט דאָס אַלץ דער ביטערער פּרנסה צוליב! בטבֿע איז זי אַזאַ

כשרע נשמה, ווי אלע יידישע טאָכטער. א גאַנצן טאָג, אז איך מיט ליב חזן זיינען מיר אין פאַבריק, קאָכט זי און וואַשט און קערט די שטוב. אונטערציי, גייט זי ערשט, צוזאמען מיטן פאָטער, אין זייערע ערטער, ווי זי זינגט און שפּילט, און טאַנצט פאַרן עולם. איך זיץ מיר אינדערהיים, לערן תורה און שרייב צו דיר, קענן האלבער נאכט קומען זיי, טרינקען מיר צוזאמען טיי און מע גייט שלאָפן.

און דאָס, וואָס דו שרייבסט, אז דיר דאכט זיך, אז גנענדל האָט דאָס געמוזט צוגנבענען דעם לעפל, וואָס אונדז האָט דעמלט געפעלט, דאָס איז שוין גאָר קיין ווערטער נישט!

גנענדל איז אפשר נישט אזוי פרום און אמונה זאכן. אָבער אזוי, א פרעמדנס, חס־ושלום, וועט זי נישט רירן! און, חלילה וחלילה, זי זאָל זיך דערפון נישט דערוויסן! זי באהאַנדלט מיך ממש ווי אן אייגן קינד; פרעגט מיך אלעמאָל, צי איך ברויך נישט א ווייס העמד, צי וויל איך נישט נאָך א גלאָז טיי!

און באמת איז זי א וויל קינד. אלץ וואָס זי פאַרדינט, גיט זי אוועק דעם פאָטער. היינט וואָלסט זען, ווי זי האלט אים בכבוד, הגם ער איז עס נישט ווערט! כאָטש ער קומט אמאָל אהיים פריילעך, גאָר פריילעך און רעדט פאַר פייער, פאַר וואסער!

אויך האָט מיר ליב חזן בפירוש געזאָגט, אז ער זאמלט איר נדן, און קומט ער צום ערשטן טויזנטער, זוכט ער איר אויס א חתן, און פירט זי אונטער דער חופּה כדת משה וישראל! און זי וועט זיך שוין נישט רייסן דעם האלדז פאר א פרעמדן עולם! איך ווייס נישט, צי ער מיינט עס ערנסט, נאָר — הלוואי! זאָל אים גאָט העלפן, ער זאָל עס דערגרייכן; זאָל זי אוועקוואַרפן די מיאוסע פּרנסה.

גנענדל איז אפילו דערביי געווען, און זי האָט זיך געוויטלט פאַר בושה, ווי עס פּאַסט פאַר אן אמתע יידישע טאָכטער; א פּנים, זי איז אויך מסכים.

בעט איך דיך דעריבער זייער, מיין ליבע חנהלע, דו זאָלסט זיך דערוויטערן פון לשון הרע און רכילות. דאָס איז גאָר קיין מנהג נישט, קיין יושר נישט; דאָס פּאַסט פאַר קליינשטעטלדיקע ווייבער. און דו, גאָלדענע חנהשי, דאַרפסט קומען אין אמעריקע. דאָ זיינען די ווייבער גאָר אנדערש; געזעצטער, ערנסטער און — פאַרנומענע מענטשן ווי די מאַנצבילן.

און, צוריק געשמועסט, איז דיין שמואל־משה קיין שניידער נישט, קיין שוסטער נישט, ער זאָל אוועקוואַרפן א ווייב פאַר אנדערע וועגן.

דו מאַרסט עס גאָרנישט טראַכטן! דאָס איז פאַר מיר גלאַט א חלול־הכבוד! און זיי וויסן, אז דיינע רייד שטעכן מיר ווי מיט מעסער; און לייב חזן מיט דער מאַכטער זאָלן זיך דאָס דערוויסן, וואָלטן זיי מיך פארלאַזט, איך וואָלט געבליבן איינער אליין ווי אין א מדבר. עס וואָלט א פאל געוועזן אומצוקומען, וואָרעם דאָס לשון קאָן איך נאָך נישט. קוים איינציקע ווערטער און וויים נאָך נישט, וו אוים און וו איין.

און אצינד בעט איך דיך, און בעט דיך זייער, מיין ליבע חנה, זאָלסט נעמען דאָס קינד ביים הענטל, און זאָלסט מיטן הענטל איבערגיין אויפן פאפיר, ער זאָל מיר עפּעס צושרייבן; לאָמיך פון אים זען כאָטש א צורת אות! ריבונו של עולם, וויפל מאָל שטעל איך מיך אוועק אין א זייט, איינער אליין אין א ווינקעלע, און וויין מיך גאַנץ גוט אוים! און אויף וואָס וויין איך? אויף דעם, וואָס איך בין נישט זוכה צו לערנען מיט מיין קינד תורה! האָב איך ווייניק הארצווייטיק דערפון, קומען נאָך די ברוו דיינע, און שיטן מיר זאַלץ אויף די ווונדן. אָט, היינט האָט מיך לייב חזן געבעטן, און גנענדל, דאָ הייסט זי סאָפיע, האָט אויך צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, איך זאָל גיין מיט זיי, הערן ווי זי זינגט, און זען ווי זי טאַנצט, און איך האָב נישט געוואָלט; האָט לייב חזן ווייטער געזאָגט: נארישער חסיד, זי האָט פארצויגן מיטן קעזל; נאָר מיין דאגה! איך וועל מיר גיין אין מיין הרך און וועל נישט אראָפּ אויף א האָר!

בלייב געזונט, דו און אונדזער קינד, ווי עס ווינטשט דיר, דיין מאַן

ש מ ו א ל מ ש ה.

זע, למען השם, די זאַך וועגן די קליידער זאָל בלייבן בסוד. עס זאָל דערפון, ביי אונדז אין שטעטל, קיין ילוד־איש נישט וויסן, איך וואָלט מיך געשעמט די אויגן אויפצוהויבן.

בעלך ש מ ו א ל מ ש ה הנ"ל.

פערטער בריוו

אל אשתי הצנועה מרת חנה תחיה.

אין צען בריוו, האָב איך גנענדלס נאָמען נישט געברענגט איבערן מויל, איך האָב אפילו דעם פאָטער איירן, לייב חזן, נישט דערמאָנט. מיט גרוים מי האָב איך מיר געדונגען אן אנדערע דירה, ביי א היגן

שוחט און האָב זיי שוין כמה וואָכן נישט געזען. און דו הערסט נאָך אַלץ נישט אויף צו שרייבן גנענדל און גנענדל, און סאָפּיע און סאָר פּיע! און וואָס ווילסטו פון איר! וואָס? איך זאָל אַזוי געזונט זיין, מיר ביידע זאָלן אַזוי געזונט זיין, אויך זאָלן מיר אַזוי זוכה זיין צו זען זיך, צוזאַמען מיטן קינד, אין פריידן, ווי איך האָב אַליין געזען, ווי סאָפּיע איז אַריינגעקומען צום פאָטער אין פאַבריק, און עס איז צו איר צוגעגאַנגען דער דירעקטאָר אַליין, און האָט אָנגעהויבן מיט איר צו רעדן, חנדלעך צו מאַכן; און, הגם איך האָב נישט פאַרשטאַנען, וואָס ער רעדט צו איר, ווייס איך דאָך, אַז ער האָט געמיינט נישט קיין מצוות און מעשים טובים, און האָט זי נאָך געוואָלט אָננעמען ביי אַ באַק. נו, וואָס קלערסטו? איך בין נבהל ונשתומם געוואָרן, אַזאַ פּאַטש האָט זי אים דערלאַנגט איבער דער האַנט! און, האָסט נאָך געזאָלט זען, מיט וואָס פאַר אַ גאווה זי האָט זיך פון אים איבערגעדרייט און אַוועקגעגאַנגען. איך האָב מיך פשוט מחיה געווען...

זעסטו דאָך בחוש, אַז נאָך אַלע זאַכן איז גנענדל אַ כשר קינד, און דו ביסט אויף איר מוציא לע״ז בחינם. דו שרייבסט, אַז זי וויל מיך אַריינכאַפּן ווי אַ פיש אין אַ נעץ אַריין און נאָך אַזעלכע נאַרישקייטן, — שווערן קאָן איך דיר, יום־כפור ביי אַ ספר תורה אַז עס איז שקר. און דאָס דיר צוליב דערווייטער איך מיך פון איר, מייד זי אויס ווי ווייט מעגלעך איז. טרעפט מען זיך, ענטפער איך איר אויף הונדערט ווערטער מיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ. און ווייטער דאָס זעלבע: באמונה שלי, אַז דו ביסט זי חושד גאָר אומזיסט; דו זינדיקסט, חס־ושלום, פאַר גאָט, נאָר דאָס איז נאָך גאָרנישט, איך וואָלט עס, ווי אַלע מאָל, פאַרשוויגן, איז אָבער דערפון אַרויסגעקומען אַ מעשה, וואָס — גאָט זאָל שומר ומציל זיין! איך וואָלט בעסער געוואָלט, די ערד זאָל מיך איינשלינגען, איידער אַזאַ בושה!

ביי דער אַרבעט איז מיר איינמאָל, יענע וואָך, נישט גוט געוואָרן; עפּעס האָט מיר אָנגעהויבן צו שווינדלען פאַר די אויגן. איך האָב אָנגעהויבן חלשן. און איך בין צו מיר געקומען, בין איך שוין געלעגן ביי מיר אין שטוב אויפן בעט. ביים בעט איז געשטאַנען אַ דאָקטאָר, געזאָגט האָט ער, אַז עס איז אַ פיבער, — אַזוי רופט מען דאָ קדחת. אָפּגעלעגן בין איך אַ טאָג צען. און איבער דער גאַנצער צייט איז לייב חזן נישט אָפּגעטרעטן פון מיין בעט, און האָט מיך געראַטעוועט ווי אַן אייגן קינד. שפּעטער בין איך געוואָרן געזונט, אַז, ווען איך בין געלעגן אין היץ, פלעגט סאָפּיע אויך קומען מיך מבקר חולה זיין...

און פונקט דעמלט איז איינמאָל אָנגעקומען דיינס א קאַרטל, אין וועלכן דו האָסט אויסגעגאָסן דיין ביטער האַרץ אויף דער אומשולדיקער סאָ־פיע... זיי האָבן אוודאי און אוודאי דאָס קאַרטל געלייענט, וואָרום איך בין דאָך געלעגן אין דער היץ...

און ווען דו האָסט געשריבן דיינע מיאוסע רייד, דיינע זלזולים, די בלבולים דיינע, האָבן זיי פאַר מיר כמעט דאָס לעבן געשטעריקט... גערופן דאָקטוירים, געבעטן און איבערגעבעטן, רפואות דערלאַנגט און עט־לעכע אייגענע חפצים פאַרזעצט, עס זאָל זיין מיט וואָס צו ראַטעווען. א פלאַש וויין אפילו האָבן זיי מיר געבראַכט, איך האָב זי אפילו נישט אָנגעריהרט מיטן מויל: אמת נסך! נאָר זיין מיין איז דאָך גוט געווען... א חוץ דעם פלעגן זיי מיר דריי מאָל אין טאָג מעסטן מיט א גלעזערן רערל די היץ, אזוי הייסן דאָ די דאָקטוירים... און ווער האָט מיר דאָס אַלץ דערציילט? טאַקע דער שוחט מיטן ווייב; זיי האָבן מיר דאָס אַלץ דערציילט? ווען נישט ליב און סאָפיע, וואָלסטו שוין היינט, חס־ושלום, אַן אלמנה געווען! שרייבסטו אין דער אייגענער צייט אזוינע נארישע הבלים. פע, א חרפה און א שאַנד! איך ווייס גאָרנישט, ווי דו וועסט קאָנען קומען קיין אמעריקע, ווי דו וועסט נאָר קאָנען זיין אין אמעריקע!

איך האָף,, מיין ליבע חנהלע, אז דו וועסט אוועקוואַרפן די נאַ־רישקייטן. און פון היינט מאָל אָן, וועסטו מיר שוין דאָס לעבן מיט אזוינע בריוו נישט פאַרביטערן.

אָפּט שלאָף איך נישט ביינאַכט. דאַכט זיך מיר דעמלט, אז איך זע בחוש, ווו דו זיפצסט האַרט ביים טיש און שרייבסט צו מיר א בריוו. דו שרייבסט און מעקסט, שרייבסט און מעקסט, און איך זע דעם בריוו. אָבער פון ווייטן דערקען איך נישט די אותיות און איך האָב גרויס צער דערפון, וואָס איך קען דעם בריוו פון ווייטן נישט לייענען, און דו נעמסט די פעדער, לייגסט זי דעם קינד אין הענטל אריין, — אויף דער שויס אַרויף האָסטו עס גענומען, — און פירסט מיט זיין הענטל!

און דו זעסט, מיין ליב ווייב, אז איך שיק דיר וואָך ביי וואָך פינף דאָלאַר; אז איך קום אויס מיט אזוי ווייניק. און אינגאַנצן האָב איך נישט מער, ווי דריי העמדער; וואָרעם בעטן סאָפיען, זי זאָל מיר קויפן, קאָן איך נישט, און די שוחטקע איז א יולדת און גייט נאָך פון בעט נישט אַראָפּ, און מאָרגן וועט זיין, אם ירצה השם, דער ברית מיט מזל...

יאָ... נישט דאָס אָבער מיין איך, דער עיקר איז — זיין א מענטש, פאַר זיך און פאַר מיר, דיין מאַן.

שמואל משה.

א צושריפט אין דער זייט איבער דער גאַנצער לענג פון בריוו:

די מינוט באַקום איך פון דיר ווידער א בריוו. אצינד מיין חנהלע זאָג איך דיר שוין בפירוש און בפּרוטרוט, אז דאָס איז א פּשוטער שגעון, רחמנא ליצלן! טאַקע, ווי מע זאָגט, מויל און אויערן אויפצו־שטעלן, אויף וואונדער צו לויפן! דו שרייבסט, אז דו קענסט דיר אויך לאָזן וואַקסן צעפּ און רעדן מיט פּריצים, אז דו קאָנסט אויך זינגען און טאַנצן — און, אז דו וועסט צו פוס אוועקגיין צום רבין און אָפּ־געבן א קוויטל, ער זאָל שיקן א מיתה משונה אויף מיר און אויף זיי —

וואָס שרייבסטו? וואָס איז עס פאַר א דיבורים?

רבונו של עולם, וואָס איז מיט דיר געוואָרן?

איך קלער און קלער און וויים שוין נישט וואָס צו קלערן! איך זאָג דיר מיין עצה: זאָלסט אוועקוואַרפן דיין לשון הרע, מיטן רכילות, מיט די קללות! עס פּאַסט נישט פאַר דיר! און איך זאָג דיר. בלי נדר ובלי מסקנא, אז באַם דו וועסט מיר נישט גיך און באַלד שרייבן א בריוו, ווי א כשר יידיש ווייבל דאַרף שרייבן, וועל איך דיר פּשוט נישט ענטפערן; איך וועל שיקן א שליח מיוחד נאָכן קינד אָן דיר... הערסט? אז נישט... וועל איך מיך וואַרפן אין ים אַריין!... עס איז א פאַל, חס־ושלום, משוגע צו ווערן!

דיין מאַן, הנ״ל.

ג.

צוויי בריוו, וואָס חנה האָט באַקומען פון איר קרובה פון לובּ־לין און פון איר ברודער.

ערשטער בריוו

ידידתי, שארת בשרי, האשה הצנועה והחשובה, מרת חנה תחיה.

ליבע חנה! דו ביסט געווען א גאַנצער נאַר און א האַלבער נביא, אז דו האָסט מיר געשיקט א צווייטן בריוו! וואָרעם דער ערשטער בריוו איז אַריינגעפאַלן מיין זולל וסובא אין דער האַנט אַריין; ער האָט

אים אַרײַנגעלייגט צו זיך אין קעשענע, און, ברוך השם, פֿאַרגעסן אָפּ־צוגעבן! אַזוי איז זיין שטייגער, א חוץ פֿרעסן און זויפֿן ליגט אים גאָרנישט אינזינען. נאָר, אַז איך האָב באַקומען דעם צווייטן בריוו, איז מיר באַלד אײַנגעפֿאַלן צו זוכן ביי אים אין קעשענע, און, אַז מע זוכט, געפֿינט מען.

חנהלע קרוין! לעזנדיק דיינע ביטערע בריוו, האָב איך גע־מיינט, אַז מע שלאָגט מיך מיט אַ האַק אין קאָפּ אַריין. פֿאַר גרויס צער האָב איך נישט געוווּסט, וווּ איך בין אין דער וועלט. תּיכּף ומיד האָב איך מיך אָבער באַרויקט און איך האָב מיר אַזוי געטראַכט: למשל, ווען מיין משוגענער מאַן וואָלט געוואָלט עוקר זיין קיין אַמערי־קע — נו? וואָלט איך מיר געמאַכט סעודת פּורים, געלאָזט זיך קלעזמער שפּילן!

וואָרעם באַרעכן: די גאַנצע פּרנסה מיינע איז, ווי דו ווייסט, פֿון פּעסל סמאָלע. דאַרף איך, ברוך השם, נישט זיין לאַסקע, קאָן איך גאָרנישט פֿאַרטראָגן זיינע תּנועות און העוויות, אַז ער קומט צו מיר אין געוועלב אַריין.

אַ ייִדענע, ענטפֿערט ער נישט, דער חסיד! נעמט נישט אויס דער האַנט! און, זאָגט ער אַמאָל אַ קונה, אַ מאַנצביל, אַ מקח, איז עס טאַקע אונטערן קרן! נעמט ער געלט, נאַרט מען אים אַריין פֿאַלשע און אָפּ־געריבענע מטבעות! טוט ער מיר שוין די טובה, און נעמט אַ שטיקל קרייד אין האַנט אַריין, און מאַכט אַ חשבון, איז עס אַ חשבון! זאָל מען מיר אַזוי רעכענען מיינע זינד אויף יענער וועלט, ווי ער באַרעכנט מיין סחורה!

און דאָס, וואָס דיין מאַן, האָט דיר נישט איבערגעלאָזט קיין גט, איז מיר גאָר קיין גרויס וווּנדער נישט; וואָרעם מיין מאַן דער משוגע־נער, לעקט ביי מיר נישט קיין האָניק, וויל מיר אויך קיין גט נישט געבן! און צו וואָס זאָל ער מיר געבן אַ גט? עס פֿעלט אים עפּעס ביי מיר? ער האָט זיך זיין פֿיינע דירה, קומט ער אַהיים, איז גרייט וואַר־רעמס, דאָס בעט איז געבעט צו דער צייט, משבת לשבת — אַ ווייס קלאָר העמד? פֿיל מאָל בעט איך אים מיט גוטן, ער זאָל גיין צו אַלדי רוחות, און ער — גאָרנישט! ער זאָל זיך עס אַ ריר טאָן! און אַז איך שעלט אים אָדער וואַרף אים עפּעס אין קאָפּ אַריין, רוקט ער זיך אָפּ אין אַ ווינקל, מאַכט אַ רחמנות־פּנים, נעמט נאָך אַמאָל מיך אויף די עינים; און איך נאָר קריג אויפֿ׳ן רחמנות! גיב אים נאָך עסן און טרינקען, און ער גייט זיך אַוועק!

און וואָס דו שרייבסט מיר וועגן דיין משפט, זיי וויסן, שוועסטער חנה, אז איך האָב דאָ און אדוואָקאט גאָר א מפורסם, וואָרעם, צו מיין ביז מזל, האָב איך אלץ־אין־איינעם ספּראָווען מיט די קעכינס די חצופות; הערסטו, חנהלע, אזעלכע דינסטן, ווי מיר האָבן דאָ אין לובלין, איז אויף דער וועלט נישטאָ! וואָס זאָל איך דיר זאָגן, פּרעסערקעס און זויפערקעס, גנבענען מיט די אויגן, אנטלויפן נאָך פאַרן קוואָרטל און גיבן מיך נאָך אין סאָנד אריין, איך זאָל זיי באַצאָלן פאַר א קוואָרטל! און אין סאָנד איז היינטיקע צייטן, רחמנא לצלן, קיין חילוק נישט צווישן א דינסט און א באַלעבאָסטע, און איך מוז שטיין מיט איר אין איין שורה! איך טאָר אפילו א מויל נישט עפענען, א וואָרט נישט הערן, וואָרעם באַלד גיט דער סודיא א קלינג מיטן גלעקל און פאַרשרייבט שטראָף ביז דריי רובל. דעריבער גיי איך טאַקע נישט אליין אין סאָנד אריין, און איך האָב מיר אויסגעזוכט א גוטן אדוואָקאט, א מויל — שוועבל און פעך, און ער פירט מיר שוין אויס די זאַך, ווי עס געהער צו זיין. ער האָט מיר אליין געזאָגט, אז דער סודיא האָט מיך שוין וויפל מאָל געוואָלט איינישב'ען פאַר א בלבול, פאַרוואָס איך רייס א דינסט ביי די האָר, אָדער אזוי פאַר א מתנת יד! קאָן ער אָבער נישט, וואָרעם דער אדוואָקאט מיינער האָט ביי זיך אלע סאָנדאָווע ביכער, ווייסט אלע, אָבער טאַקע אלע זאַקאָנעס, און קלויבט אויס פאַר מיינעטוועגן די בעסטע זאַקאָנעס, און שטעכט אים דערמיט די אויגן אויס און ער בלייבט זיצן ווי א גולם — וויל יאָ, וויל נישט, שרייבן מוז ער: פּטור, פּטור!

און תיכף ומיד, — אז איך האָב דיין בריוו באַקומען, און האָב דעם פריערדיקן געפונען ביים בטלן אין קעשענע — בין איך געלאָפן צום אדוואָקאט, און ער האָט מיך אויפגענומען מיט גרויס כבוד, טאַקע ביי זיך אין פיינעם קאַבינעט, און האָט מיך געבעטן זיצן אויף דער פּלושענער סאָפע.

איך האָב אים דערציילט דיין גאַנץ עסק, פון אלף ביז תיו, טאַקע ביז אויף דער האָר; און ער האָט אלצדינג געלאָסן אויסגעהערט, הגם דאָס פאַרצימער איז געווען פול מיט מענטשן. ער האָט אויסגעהערט און איז זיך ארומגעגאַנגען און זאָל אויף און אָפּ.

דערנאָך האָט ער אָפּגעזיפצט און געזאָגט, אז לויט די זאַקאָנעס, האָט א טאָכטער דעם איינגענעם דין, וואָס א זון, און קריגט א גליך חלק ירושה ווי ער. איז דאָך, האכט זיך, גוט! איז אָבער פאַראַן א שלעכטער פּונקט, אז א ווייב קאָן נישט מאָנען אין סאָנד, אָן דעם מאַנס ידיעה. זי איז אין זיין רשות און מוז האָבן זיין פּלעניפּאָטענציע...

און אז איך האָב אים געזאָגט, אז דו ביסט, לא עליכם אן עגונה, אז דער מאַן דיינער האָט דיך אוועקגעוואָרפן, און דו מעגסט, לויט מיין שכל טאָן אלץ, וואָס דו ווילסט, האָט ער זיך מיר געשטעלט קעגנאיבער און געשאָקלט מיטן קאָפּ אין דער ברייט, לא מיט אן אלף — הייסט עס!

און תיכף איז ער צוגעגאנגען צו דער שאנק, האָט זי געעפנט, און ארויסגענומען א בוך, נאָך א בוך; אריינגעקוקט און אוועקגעלייגט, אריינגעקוקט און אוועקגעלייגט, און דורכגעוואָרפן אזוי כמה וכמה ביכער, קליינע און גרויסע און נאָך גרעסערע; איינער איז געווען א גראָבער, איך זאָל נישט זינדיקן מיט די רייד, ווי א חבר־אחר, און דאָרט, א פנים, האָט ער געפונען, וואָס ער האָט געזוכט, וואָרעם ער האָט געקוקט און געקוקט.

און דערנאָך זאָגט ער מיר, אז אוייב עס וועט פאַרבייגיין פינף יאָר זייט דיין מאַן איז אנטלאָפן, און דו וועסט ברענגען א פאַפּיר פון וואָיט פון דיין שטאָט, אז די גאנצע פינף יאָר האָט זיך דיין מאַן נישט געוויזן, וועט ער, דער אדוואָקאַט, איינגעבן פאַר די א פראָשבע אין סאָנד אריין, און דער סאָנד וועט דיר געבן רשות צו פּראָצעסירן אָן דעם מאַן.

אזוי האָט ער אויסדריקלעך געזאָגט, און איך גיב דיר איבער זיינע דיבורים וואָרט ביי וואָרט.

איך האָב אים געגעבן א רובל, האָט ער זיך אפילו געקרימט, אפנים, ווייניק, נאָר גענומען האָט ער; זאָלסטו מיר, חנהשע קרוין, דעם רובל, למען השם, באלד אָפּשיקן, וואָרום די פרנסה איז זייער געשלאָגן, און סמאָלע איז היינט גאָר קיין גאנגבאר ארטיקל נישט...

איצינד צוריק צו דער זאך:

עס קומט אויס אויף מיינע רייד! איך זאָג שוין דאָס אלע מאָל, אז די תורה הקדושה (זייערע זאקאָנעס, להבדיל, אוודאי!) האָט אונדז איבערגעגעבן אין גזלנישע הענט. א מאנצביל, א גולם, א לא יצלח, מעג גטן דאָס ווייב ווען ער וויל; אליין, צי דורך א שליח, און אזא אשת חיל, למשל, ווי איך בין, קאָן נישט פּטור ווערן פון א מאַן א בטלן, בשום אופן וצד.

גייען מיר ביידע אויף א ברית, שטאָפּט מען אים מיט פיש און פלייש, פון אלעם גוטן, און איך — באקום מילכיקע ציקאָריע!

זיצט ער אין סוכה, מוז איך אים אריינשיקן דאָס שענסטע און דאָס בעסטע, און פאַר זיך לאָזן די ביינער!

דריי וואָכן, ניין טעג, און אַלע תעניתים האָב איך גלייך מיט אים; שמחת תורה איז זיין! ער גייט צום רבּ, אים גיט מען מעד מיט עפּל! און וואָס וועט זיין דאָרטן, מישטיינס געזאָגט — דער גן־עדן מיינער? איך וועל זיין דעם משוגענעמס פּוסבענקל, ער וועט זיך דאָרטן זיצן אויף אַ פּאָטער־שטול, און איך וועל זיין, זיין פּוסבענקל!

דאָ אויף דער וועלט איז ער לכל הפּחות אַ שוואַכער בשר ודם, האָט ער פאַר מיר מורא: אָבער וואָס אין גן־עדן וועט זיין, פרעג מיך בחרם! און, זאָגן זאָג איך דיר אויסדריקלעך, זאָל ער מיר דאָרטן אַ שטויס טאָן מיטן פוס, ווייסט דער איבערשטער, וואָס דערפון וועט אַרויסקומען?

און צוריק געשמועסט, וואָס טויג דיר אַ גט? גלויב מיר, אַלע היינט האָבן איין פּנים! אַלע — נישט ווערט אַ דרייער; ווייסט דאָך — מיין שוועסטער מרים האָט צען גייענדיקע יאָר געליטן פון איר מאַן, איידער זי האָט פון אים אַרויסגעקריגן אַ גט; דערפאַר האָט זי אים אַוועקגעגעבן דאָס געלט. די מלבושים, מיט איין וואָרט — הכל כּאשר לכל. נו, דאַכט זיך, מזל און ברכה!

האָט זי ווייטער חתונה, טוישט זי שופרות אויף קאָנער־ביינדלעך, אַ נייער בטלן צום קאָרמען! זי שרייט ווייטער אַ גט; ער הערט זי ווי׳ן רב און זי האָט שוין נישט מיט וואָס צו באַצאָלן!

בקיצור, שוועסטער חנה, אונדזער מוטער חוה האָט געזינדיקט און מיר ליידן פאַר אירע זינד! און אייביק וועלן מיר אַזוי ליידן! דען — פאַר אַ מאַן קאָן מען אפילו און קבר נישט אַנטרינען. לעבדים ולשפחות האָט מען אונדז פאַרקויפט, אפילו אויף יענער וועלט אויך! — אַזוי איז געווען פאַרצייטנס, אַזוי איז היינט; און לעתיד לבא וועט אויך אַזוי זיין, מע מוז ליידן; וואָרעם וואָס זאָל מען טאָן, אַז עס איז דעם ריבונו של עולמס רצון אַזוי.

דעריבער, שוועסטער חנה, האָב בטחון אויף גאָט, ברוך הוא, פאַר־בלייב געזונט און פאַרגעס דיין מאַן! אין אַמעריקע איז ער אוודאי אַרויס לתרבות רעה. אַזוי טוען זיי שטענדיק, ימח שמם, אַז זיי קומען קיין אַמעריקע!

אין דער התחלה שרייבן זיי צוקער־זיסע בריוועלעך, שיקן געלט; דערנאָך ווערט עס וואָס אַמאָל ווייניקער; שרייבט מען און מע שיקט שוין געלט אַמאָל אין אַ יאָר, דערנאָך — איינמאָל אין אַ יובל... זיי ברויכן דאָרט נישט זייערע ווייבער! זיי האָבן דאָרט, רחמנא לצלן אַנדערע, בעסערע, פלינקערע ווייבער.

איך זאָל נישט זינדיקן מיט די רייד, ביי אונדז אין לובלין איז אין דער יידישער גאַס, נישטאָ קיין הויז אָן אַן עגונה! שרייב דריי פּאַר׳ן, זאָג איך דיר, פּאַרגעס! זאָל זיך דיר דאַכטן, אַז דו ביסט אַן אַלמנה, חס־ושלום אָדער אַ גרושה!

זע בעסער צו טאָן אין דיינע ציבעלעס. זאָל דיר השם־יתברך שיקן הצלחה אין דיין עסק, זאָלסט מצליח זיין, ווי דו ווערסט זיך נאָר קערן און ווענדן, ווי עס ווינטשט דיר דיין קרובה.

(די אונטערשריפט איז נישט צום איבערלעזן).

איך בעט דיך, למען השם, דו זאָלסט מיר וואָס צום געשווינדסטן אָפּשיקן דעם רובל, וואָרום מיין מאַן, דער זולל וסובא, האָט שוין פאַר־איבל אויף מיר, צי וואָס איך האָב אויסגעליגט דעם רובל.

(די זעלבע נישטלעזבאַרע אונטערשריפט).

צווייטער בריוו

לאחותי הצנועה, הנגידה, החשובה מרת חנה תחיה.

ערשטנס מעלדע איך דיר, טייערע שוועסטער, אַז מיר זיינען ברוך השם, אַלע בקו הבריאה, חוץ אשתי חוהלע, תחיה, וואָס דער הוסט, לא עליכם, לאָזט זי נישט אָפּ אַ רגע, און תיכף, אם ירצה השם, נאָך דער חתונה, וועט זי מוזן פאָרן קיין וואַרשע צו׳ן אַ דאָקטער.

רצוף בזה, שיק איך איין אַ חתונה־בריוול. זאָלסט זען, למען השם, צו קומען אויף דער חתונה און מקבל תענוג זיין, נאָר, למען השם, בעט איך דיך, אַז דו זאָלסט מיר נישט שטערן דעם נחת פון בתי תחיה, און באַהאַלטן אַלע טענות ותביעות אויף נאָך דער חתונה.

קיין כלה־מתנה ביסטו נישט מחויב צו ברענגען. אויב עס גייט דיר וועגן בושה, וועט זיך נאָך, אם ירצה השם, געפינען עפּעס אין שטוב פאַר דיר פאַר אַ מתנה; איך וועל דיר נישט קאַרגן. בלוט איז קיין וואַסער נישט און שוועסטער בלייבט שוועסטער.

און וואָס דו שרייבסט, אַז דו האָסט קיין מלבושים נישט, איז אויך נאַריש, קענסט דיר באָרגן אַ מלבוש, אָדער דאָרט, אָדער דאָ, אַז דו ווערסט קומען.

און וואָס דו שרייבסט אַזוי, דו קענסט זיך נישט טרייסטן נאָכן ילד, וואָס איז נפטר געוואָרן, — זיי ווייסן, שוועסטער לעבן, אַז — ה׳

נתן וה׳ לקח. קינדער זיינען א פקדון פון גאָט ברוך הוא, און אז ער וויל אָפּנעמען דאָס פקדון, טאָר מען אפילו נישט מהרהר זיין, נישט איבער־קלערן, חס ושלום!

און וואָס דו שרייבסט, אז דו האָסט מורא, דיין שמואל משה זאָל נישט געוואָר ווערן, אז דאָס קינד לעבט נישט און דורך דעם, זאָל ער זיך חס־ושלום, פון דיר איינגאַנצן נישט אָפּרייסן, — איז אויך אַן אומ־זיסטער חשד... גלייב מיר, שוועסטער חנה, אז עס איז גאָר נאַריש. וואָרעם, ממה נפשך: איז אמת, וואָס לייטן זאָגן, אז שמואל משה איז געוואָרן אויס שמואל משה, חס־ושלום, און ער איז אַוועק גאָר אין אַנ־דערע דרכים, — איז אלץ איינס, צי דאָס קינד לעבט, צי ניין; נישט ער דאַרף דיך, נישט דו קאָנסט דיך האַלטן אָן אים!

אויב ווייטער, ווי איך האָף צו זיין ליבן נאָמען, דאָס אלץ איז נישט געשטויגן, נישט געפלויגן, נאָר א בלבול פון בייזע מיילער, און ווי איך גלייב באמונה שלמה, שמואל משה איז טאַקע שמואל משה, דער מופלג, דער פרומער ייד, האָסטו נישט וואָס מורא צו האָבן; פאַרקערט, ביי האַלב הוצאה וועט אים איצטער לייכטער זיין דיך אראָפּצובריינגען אהין, און איר וועט לעבן בשלום ושלווה כנהוג בישראל...

און וואָס דו האָסט פון אזוי לאַנג קיין ידיעה נישט, — מה רעש? עס איז דאָך, דאַכט זיך, מעבר לים! וויפל שיפן גייען אונטער, רחמנא לצלן; וויפל בריוו־טרעגער קאָנען אומקומען אויף אזא מהלך. און אפשר מוזן נאָך די שיפן דורכגיין אויף דעם אָרט, וו דער ספר הברית שרייבט, אז דאָס וואַסער שטייט ווי א באַרג און עס איז טאַקע סכנת נפשות. דאַנק זיין ליבן נאָמען, וואָס דיין שמואל משה איז בשלום אריבער! דאָס פאָרן למדינת הים האַלט איך טאַקע פאַר אַן עוולה, עס איז א סימן פון ווייניק בטחון, וואָרעם ווער עס האָט בטחון ווייסט, אז ווו גאָט וויל, דאָ העלפט ער, און עס איז נישט כדאי איינצושטעלן דעם גוף מיט דער נשמה, וואָרעם, לויט מענטשן דערציילן, איז אַמעריקע פאַר דער נשמה א סך מסוכנער, ווי דער ים צום גוף. דאָס יידישקייט, זאָגט מען, גייט מען באַלד אָפּ אויף דער שיף, ווי דער ים גייט זיך נאָר א שאָקל; באַלד עסט מען פת עכו״ם, מע קליידט זיך דייטש, ווייבער טראָגן שייטלען! און יש אומרים — אפילו אייגענע האָר. און, והא ראיה — מע זאָגט, אז אין גאַנץ אַמעריקע איז קיין איינציקער גוטער ייד נישטאָ. און איך ווייס טאַקע נישט, ווי אזוי מע לעבט דאָך, ווי אזוי מע גיט זיך אַן עצה ביי פרנסה־זאַכן, אָדער אז מע ווערט, חס־ושלום, קראַנק, צי, וואָס א מענטש קאָן זיך טרעפן! איך זאָג דיר, אז

ווער עס פּאַרט אין אַ טומאה אַריין איז מאַקע מתחייב בנפשו, גייט ער מאַקע ווי אַ נאַריש פֿייגעלע אַליין אין דער נעץ אַריין! און בפֿרט אַ ייִד אַ למדן. וואָרעם, וואָס גרעסער דער מענטש איז, איז גרעסער די סכּנה, מער לאָקוערט אויף אים, רחמנא לצלן, די קליפּה, און וויל אים גובר זיין, צי מיט עשירות, צי מיט נשים יפֿות; די קליפּה האָט שוין אירע כּלים צו דער אַרבעט...

דעריבער איז מיין עצה פֿאַר דיר, אַז כּל־זמן דו ווייסט נישט, וואָס דאָרטן טוט זיך, פֿאַרגעס אין דער זאַך! האָסטו פּרנסה פֿון די ציבעלעס, איז מה טוב; חס־ושלום, — נישט, האָב איך פֿאַר דיר אַן אַנדערע עצה. אם ירצה השם, אַז דו וועסט קומען אויף דער חתונה, וועל איך שוין זען שלום צו מאַכן צווישן דיר און אשתי תּחיה. פּאַרט איין פֿלייש און בלוט. און בטבע, זיי ווייסן, איז זוגתי חוה גיטל זייער אַ גוטע; זי וועט דיר בוודאי מוחל זיין, און, אַז עס וועט זיין שלום ושלוה, און זי וועט פֿאָרן באַלד, אם ירצה השם, נאָך דער חתונה, קיין וואַרשע, וועסטו בלייבן באַלעבאָסטע. און אַז זי וועט, אם ירצה השם, בשלום און געזונט צוריקקומען, וועט זיך אויך נאָך געפֿינען פֿאַר דיר אַן אָרט ביים טיש, ווי אויך אין שטוב — אַ בעט צו שטעלן. עס זיינען שלעכטע צייטן, נאָר אַ שוועסטער איז אַ שוועסטער, שניידט מען דינערע שטיקלעך הערינג.

נאָר אין דעם אַלעם האָבן מיר דאָך אַ גרויסן גאָט, ברוך הוא! ער זאָל נישט קאָנען שפּייזן אַ בשר ודם — אַ ייִדענע!

נאַרישקייטן!

און אויף דער חתונה זאָלסטו, למען השם, קומען פֿרי, זאָלסט קאָנען חוה גיטלען אַביסל צוהעלפֿן. אויף דעם איז מען אויך אַ שוועגערין! דו דאַרפֿסט זען, מע זאָל נישט מזיק, און הייַנטיקע שלעכטע צייטן צונעמען נאָך אַ סאַרווער, צי אַ קעכן... נאָר למען השם, פֿון דעם, וואָס איך שרייב דאָ, דער עיקר וועגן איבערבלייבן ביי אונדז אויף שפּעטער, זאָל בלייבן ביי דיר בסוד, חוה־גיטל זאָל נישט ווייסן, אַז איך האָב אַזוינס געשריבן. דאָס דאַרף זיך אַליין מאַכן, פֿון זיך אַליין... דו ווייסט, אַז חוה גיטל האָט פֿיינט, מע זאָל איר אין שטוב־זאַכן עצות געבן... און בטוח בין איך, אַז עס וועט זיך מאַכן. אַ ייִדענע בלייבט אַ ייִדענע, כאָטש זי מיינט, אַז זי גייט אין ספּאָדעק! דעריבער מאַקע שרייב איך דעם בריוו, ווען זוגתי חוה גיטל איז נישטאָ אין דער היים: זי איז אַרויסגעגאַנגען אָפּשטעלן מיטן בדחן, מיט קלעזמער. איך וויל איר אַפֿילו נישט זאָגן, אַז איך האָב דיר געשיקט אַ חתונה־בריוול; לאָז

זי מיינען, אז דו ביסט אזוי גוט און פרום געווען, אז דו ביסט אליין געקומען!

און השם יתברך זאל טרייסטן דיך מיט אלע אבלי־ישראל, און זאל אויסשפרייטן די פליגל פון רחמנות אויף אלע עגונות, אמן! כן יהי רצון!

אחותי חנה! דו וועסט דיך מיישב זיין, בלייבן דארט אדער קומען צו אונדז אויף שטענדיק, — למען השם, אויף דער חתונה זאלסטו קומען, דורכוים קומען! און דו וועסט קיין חרטה, חס־ושלום, נישט האבן! עס וועט זיין, אם ירצה השם, א שיינע חתונה. עס קאן נאך מעגלעך זיין, אז ער אליין, זאל מאריך ימים ושנים זיין וועט קומען אויף דער חתונה. עס וועט מיך קאסטן א מטמון, נאר עס איז כדאי! פארשטייסטו, אז אויף אזא חתונה איז כדאי צו קומען!

פון מיר, אחיך

מ נ ח ם מ ע נ ד ל

זוגתי חוה גיטל, איז בזה הרגע געקומען פון מארק, און זעט א סימן, אז עס איז שוין אזוי מן השמים באשערט — זי אליין האט מיר גע־זאגט, אז איך דארף מיך פאר איר מיטן בריוו נישט צו באהאלטן, אז זי האט אויף דיר קיין פאריבל נישט, איר עצה איז, זאלסט פארקויפן די ציבעלעס, מאכן זיך א מלבוש, און קומען לייטן גלייך, ווי א טייערע מחותנתטע, אויף דער חתונה.

קיין מתנה, זאגט זי אויך, דארף מען נישט. און האנדלען מיט צי־בעלעס קאן מען, זאגט זי, ביי אונדז אויך.

איך זאג דיר, אז זוגתי חוה גיטל, איז א גוטע און א חכמה. און, אז דו וועסט נאר נישט זיין איינגעשפארט, וועט זיך אלץ ענדיקן בבי טוב; וועסט מיט גאטס הילף, זען!

אחיך הנ"ל.

א נישט געענדיקטער בריוו פון חנהן צום מאן.

מזל־טוב דיר, מיין טייערער כשרער מאן, מזל־טוב דיר!

נא דיר, הער פון אונדז ישועות ונחמות! גאט זאל געבן, איך זאל פון דיר אויך הערן אזוינע גוטע בשורות, אזוינע ישועות ונחמות; אמן,

כן יהי רצון! מיר זײַנען דאָך — ווי דו האָסט געשריבן, א זיווג אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט!

ערשטנס קום איך דיר, מײַן טײַערער מאַן, צו מעלדן, אַז דער ברור־דער מײַנער מנחם מענדל שיחיה ואשתו חוה גיטל שתחיה, זאָלן בײדע דערלעבן משיחס צײַטן, האָבן מיר אַלצדינג מוחל געווען, און האָבן מיך אַראָפּגעבראַכט אין א מזלדיקער שעה, צו זײַער טאָכטער אויף דער חתונה — אויף סאָשע־בײלעס חתונה.

א חתונה איז געווען גאָר א שײנע, שענער קאָן שוין נישט זײַן! געלויבט איז השם יתברך, וואָס איך האָב זוכה געווען און דערלעבט צו זען אַזא חתונה! עס איז געווען מכל המינים פלײשן, עוף און רינדערפלײש; הײנט — פישן, אַזוינע פיש און געפילטע פיש, און נאָך אַלערלײ מאכלים; א חוץ ווײַן, בראָנפן, הכל כאשר לכל...

און אַלץ איז געווען אַזוי געראָטן, אַזוי פײַן! און איך אַלײן האָב דאָס פלײש געקאָכט, די פיש געפילט, דעם צימעס געמאַכט, צום טיש געגרײט, און פריער נאָך אַלץ אַלײן אײַנגעקויפט!

איך בין, ברוך השם, די גאַנצע באַלעבאָסטע געווען! די סאַרווערקע אויך; וואָרעם, געקומען בין איך נישט צוליב דעם נחת אַלײן.

איך האָב מײַן ביסל צינבעלעס פאַרקויפט, געמאַכט מיר א שטיקל מלבוש און געקומען, אויף מײַנע קרובימס פאַרלאַנג, גאַנצע אַכט טעג פאַר דער חתונה; וואָרעם עס האָט נישט געהאַט ווער צו טאָן, מחמת די כלה אַלײן איז פאַרטאָן געווען אין די מלבושים, זי האָט פאַרברענגט ביז צום חופּה־טאָג בײַם שנײַדער, בײַם שוסטער, אַפילו בײַם גאָלדשמיד!

און חוה גיטל, נעבעך, די שוועגערין מײַנע, — הוסט! און די מילץ, זאָגט מען, איז בײַ איר נישט ווי עס דאַרף צו זײַן!

בין איך טאַקע געווען די גאַנצע מחותנתטע, פאַר דער חתונה, און נאָך דער חתונה, נאָר נישט אויף דער חתונה. בשעת החתונה בין איך געווען זײער מיד און פאַרמאַטערט. בין איך מיר געזעסן אין א ווינקעלע און געוויינט פאַר גרויס נחת, וואָס איך האָב זוכה געווען חתונה צו מאַכן מײַן ברודערס טאָכטער; אויך — וואָס זי האָט געהאַט אַזא לײַטישע חתונה.

און אַפילו נאָך דער חתונה! האָבן זײ מיך אויך חס־ושלום, נישט באַלד אַרויסגעטריבן.

תיכף נאָך דער חתונה, איז די שוועגערין, זאָל געזונט און שטאַרק זײַן, געפאָרן קײן לובלין צו א דאָקטער, זיך אַן עצה צו האַלטן, צו וועלכן דאָקטער זי זאָל פאָרן קײן וואַרשע.

דערנאָך איז זי געפאָרן קיין וואַרשע, און איז אויסגעווען ביי אַלע גרויסע דאָקטוירים; פון דאָרט איז זי געפאָרן ערגעץ אַנדערש, וואַסער טרינקען, — מינעראַל־וואַסער הייסט עס, — און איבער דער גאַנצער צייט, לערך זעקס חדשים, בין איך געווען די גאַנצע באַלעבאָסטע און שטוב, השם יתברך זאָל עס זיי געדענקען און זאָל זיי דערפאַר באַלוינען!

קיין קעכן איז נישט געווען, האָב איך געקאָכט... און דערפון האָב איך פיל נחת געשעפט, ווי פון אַ ברונעם!

ערשטנס, האָב איך קיין צייט נישט געהאַט צו קלערן און צו טראַכטן, און בין, חס־ושלום! נישט משוגע געוואָרן אַפילו נישט אַריינגעפאַלן אין אַ מרה־שחורה! און קיין צייט האָט נישט געקאָנט זיין, וואָרעם די שפע, איז ביי מיין ברודער, ברוך השם, גרויס.

די שענק איז, ברוך השם, פול; מע לייזט שטיקער געלד, הן פון יידן און הן פון גויים, להבדיל!

און מיין שוועגערנס, חוה גיטל תחיהס, געפילטע פיש האָבן, ברוך השם, אַ נאָמען אויף דער וועלט און אַן עולם זיצט, ברוך השם! עסט און טרינקט.

האָט זיך אַמאָל פּאַסירט, אַז איך האָב פאָרט אָנגעהויבן עפעס אַריבערצוקלערן און האָב מיך געוואָלט פאַרטראַכטן; איז אויף דעם געווען אונדזער ביילע־סאָשע, זאָל לעבן, זי האָט מיך באַלד דערמאָנט! און אַן אויג האָט זי, קיין עין הרע, אַ גוטס, באַלד דערזעט זי!

און אַזוי איז אַלץ געגאַנגען בדרך הישר...

פאַר גרויס נחת, וואָס איך בין דאָ די גאַנצע באַלעבאָסטע, האָב איך איינמאָל אַרויסגעוואָרפן אַ טראָפּן בלוט פון האַלדז, איין טראָפּן, נישט מער.

דאָס האָט ווייטער דערזען מנחם מענדל, זאָל געזונט זיין, האָט ער מיר אָנגעזאָגט זהיר והזהר, איך זאָל מיך נישט מאַכן ווייסנדיק! וואָרום, ווערט מען, ח״ו, געוואָר, וועט מען, חלילה, ווייכן פון זיין שטוב. יאָסל גאַסטהייזער פון קעגנאיבער וועט באַלד זאָגן שווינדזוכט און פטור! אונדזער זייט גאָס, וועט מיט גראָז פאַרוואַקסן ווערן!

ביילע־סאָשע אָבער איז קלוגער פאַר אים. זי האָט באַלד פאַרשטאַנען, אַז עס איז נישט קיין שווינדזוכט, נאָר, אַז איך האָב געמוזט כאַפּן אַ שטיקל פיש און איינשלינגען און צעראַצט זיך דעם האַלדז מיט אַ ביינדל. און, כדי איך זאָל, חס־ושלום, נישט דערשטיקט ווערן, האָט זי מיר דערלאַנגט אין די פּלייצעס: דאָס ביינדל זאָל אַריין אָדער אַרויס און נישט בלייבן, חס־ושלום, שטעקן אין האַלדז. פאַר גרויס ליבשאַפט,

האָט זי מיר צו א שטאַרקן קלאַפּ געגעבן, דאָס ביינדל פון פיש איז אוודאי אראָפּ, נאָר דערביי האָבן מיינע ביינער אביסל געליטן...

דאָס אַלץ איז איבערגעגאַנגען בשלום, און, חוה גיטל, זאָל געזונט זיין, איז צוריקגעקומען פון וואסער טרינקען.

געקומען איז זי, געלויבט השם יתברך, פריש און געזונט, א מחיה געווען צו קוקן! געליכטן ווי די זון! היינט האָט זי אָנגעבראַכט מתנות, — נאָר פיינע זאַכן; פאַר זיך, פאַרן מאַן, פאַר דער טאָכטער מיטן איידעם... טייערע מתנות, נאָר מיר האָט זי קיין מתנה נישט געבראַכט; איך בין, זאָגט זי, חס־ושלום, קיין דינסט נישט, מע זאָל מיר שענקען מתנות, מע צאָלט מיר דען שכירות? איך בין דאָך געווען באַלעבאָסטע!

חוה גיטל האָט כמה פּעמים געזאָגט, אז איך בין געווען די גאַנצע באַלעבאָסטע, און האָב געטאָן, וואָס מיין האַרץ האָט געגלוסט!

און קוים איז חוה גיטל געקומען, איז זי געוואָר געוואָרן, אז מנחם מענדל איז איבער דער גאַנצער צייט, נישט געווען ביים רבין, האָט זי פאַרבראַכן די הענט, אז די ביינער פון די פינגער האָבן געקנאַקט, און האָט מיך באַלד אַרויסגעשיקט אין מאַרק אריין דינגען א פור.

נאָך דעם זעלבן טאָג איז מנחם מענדל, זאָל געזונט זיין, אוועק־געפאָרן אין א מזלדיקער שעה צום צדיק.

און אויף מאָרגן האָט מיר חוה גיטל אן עצה געגעבן, איך זאָל צוזאַמענעמען מיינע זאַכן און גיין צו אַלדי גוטע יאָר... וואָרעם, ווי־באַלד זי אַליין איז דאָ, און ביילעדסאַשע העלפט איר צו, בין איך דאָס פינפטע ראָד ביים וואָגן, און וועל נאָך, חלילה, משוגע ווערן פון ליידיק־גיין. זי האָט מיר געראָטן, ענטוועדער איך זאָל פאָרן צוריק, פונוואַנען איך בין געקומען, אָדער דאָ בלייבן און טאָן, וואָס מיין האַרץ וועט גלוסטן. זי זאָגט מיר, חלילה, קיין דעה נישט.

נאָך די זעלבע נאַכט, האָב איך שוין אין איר שטוב נישט גע־נעכטיקט.

א שיינע נאַכט איז געווען, האָב איך זיך דורכשפּאַצירט אין אַלע גאַסן מיטן פּעקל אונטערן אָרעם.

זעסטו דאָך, מיין טייערער, כשרער מאַן, אז מיר איז, ברוךהשם, גאַנץ גוט. גיב בעסער דאָס געלט לייב חזן, ער זאָל דיר קויפן ש״ס, אָדער גנענדל־סאָפּיען, זי זאָל דיר לאָזן מאַכן העמדער, און זע, למען השם, זי זאָל דיר אַליין די העמדער אָנמעסטן, און זען ווי זיי ליגן, די העמדער, — עס איז דאָך אמעריקע.

זעסטו, מיין ליבער, טייערער מאַן, אז איך בין שוין מער קיינעם

נישט חושד אומזיסט. איך זאָג שוין נישט, אז גנענדל, לייב חזנס טאָכ־טער, האָט ביי מיר צוגעגנבעט א לעפל, אָדער דעם מאַן, חס־ושלום! און אויב איך האָב נישט, נישט דעם לעפל, נישט קיין מאַן, ווייס איך, אַז זי איז בוודאי גאָרנישט שולדיק. איך גלייב באמונה שלמה, אַז השם יתברך האָט דיך און מיך געוואָלט מזכה זיין, האָט ער דיר צוגעשיקט אויף דער שיף לייב חזן מיט דער טאָכטער, זיי זאָלן דיך פאַרזאָרגן; כהויה — אַלץ ווי דו האָסט מיר געשריבן. נאָר איין זאַך וועט נישט זיין ווי דו האָסט געזאָגט! זאָלסט אפילו אויס דער הויט שפּרינגען, וועסטו נישט שיקן קיין שליח מיוחד נאָכן קינד, זאָלסט עס צונעמען פון מיר צו דיר קיין אַמעריקע, וואָרעם דאָס קינד אונדזערס איז, אין דיין זכות און זכות פון דיינע אבות — לאַנג שוין נישטאָ; מע האָט עס באַהאַלטן ערגעץ אויפן בית־עולם, אין אַ קליין שטיבעלע אָן אַ טירל, אָן אַ פענצטערל, — שריי חי־וקים, וועסטו נישט וויסן, וווּ זיינע ביינ־העלעך ליגן! קיין שום מצבה, קיין שום סימן, גאָרנישט! זוך דעם ווינט אויפן פעלד!

די אסכרה האָט עס צוגענומען אונטער איר פליגל...

און ווייל דו ביסט דער גרויסער בעל־זכרון און געדענקסט אַלץ, וואָס איך האָב גערעדט, און אַלץ, וואָס איך האָב געטאָן, וועל איך דיר דער־ציילן אַ מעשה, אפשר וועסטו זי אויך געדענקען. עס איז אַ מעשה מיט אַ שאַל, וואָס איך האָב נישט געוווּסט, וואָס מיט איר צו טאָן: צי זאָל איך איר כאַפּן אויף מיר און אַרויסלויפן זוכן אַ דאָקטער צום קינד, אָדער איך זאָל פאַרשטאָפּן מיט דעם שאַל די צעבראָכענע שויב, דער שניי זאָל נישט אַריין צום קראַנקן קינד אין שטוב אַריין, אָדער איך זאָל צודעקן מיט דעם שאַל דאָס הייזעריקע קינד, וואָס עס שטיקט זיך, נעבעך, — און די קעלט איז גאָר גרויס, גאָר גרויס! אַ סך מאָל בין איך אַהין און צוריק געלאָפן: פון קינד צום פענצטער, צו דער טיר, און צוריק פון טיר צום פענצטער, צו דער וויג... אבי געלאָפן! דו וועסט שוין, מיין געטרייער מאַן, מיין איך, די מינוט נישט פאַרגעסן. וואָרעם, ווי דו, מיין טייערער מאַן, זאָגסט, בין איך צוגעבונדן צו דיר, דו צו מיר און ביידע צום קינד, און איצטער, אַז דאָס קינד איז נישטאָ, קאָנען מיר ביידע שוין אויך נעלם ווערן. — נאָר, וואָס וועט גנענדל זאָגן? דעם אמת זאָגנדיק, איז ביי מיר געבליבן, איך זאָל זיך לאָזן וואַקסן לאַנגע האָר און אָנטאָן ווי מע טראָגט זיך אין אַמעריקע. אויך, ווייסטו דאָך, אַז איך האָב אַ זיס קול, אַז איך פלעג נאָכזינגען אַלע תפילות, און איצטער, אַז איך בין געווען ביים ברודער מנחם מענדל,

זאָל געזונט זיין, אין גאַסט־הויז האָב איך נאָך געהערט פון שיכורע פויערים אַלערליי שיינע לידער, — האָב איך מיך דאָס אויך אויסגעלערנט, און איך זינג אוודאי אַזוי גוט ווי געגענדל, און אפשר בעסער פאַר איר, און קען מער לידלעך פאַר איר, און נעכטן ביינאַכט, אַז איך האָב געגעכטיקט אונטערן בלויזן הימל, איז נאָך צו מיר געקומען די מלכה־שבא און האָט מיך אויסגעלערנט טאַנצן — און אַ גאַנצע נאַכט האָב איך ארומגעטאַנצט מיט דער מלכה־שבא. קעגן דער לבנה.

און דו, מיין ליבער שמואל משה, האָסט גאָר אַ מקח־טעות געהאַט! וואָרן איך בין בעסער פאַר געגענדלען, וואָרעם, איך געדענק גאַנץ גוט, אַז זי האָט צוויי פעפערלעך, איינס אויפן לינקן אויער און אַ צווייטס אויף דער רעכטער באַק, און — אַ נעזל אַביסל אַ פּאַדרייטס. און איך, האָב אַ ריין לייב, אָן שום פעפערל, חס־ושלום — דו האָסט געמיינט, אַז נאָר געגענדל קאָן זינגען, און יעדן פרייטיק־צו־נאַכטס טאַנצן, אַז זי אַליין קאָן זיך לאָזן וואַקסן צעפ, אַנדערע קאָנען גאָרנישט די תורה! איך בין, חס־ושלום, אויף דיר נישט אין כעס; האַלט דיך אָן און איר! מיר איז געגוג, אַז איך האָב דעם קינדס קבֿרל, איך גיי אַהין, איך וועל מיר דאָרט אויסבויען אַ קליין שטיבעלע און זיצן דאָרט ביז האַלבער נאַכט, ביז דער האָן וועט קרייען. דעם קינד וועל איך דערציילן זיס און שטיל פון זיין טאַטן שמואל משהן, וועט ער שטאַרק הנאה האָבן. און, אַז דו וועסט אַליין קומען, אָדער שיקן אַ שליח מיוחד, נאָכן קינד, וועל איך מיט די נעגל די אויגן אויסקראַצן, וואָרן דאָס קינד איז מיינס, נישט געגענדלס — ימח שמה וזכרה, זאָל זי ווערן מיט דיר אינאיינעם — — — — — —

(דער בריוו איז קענטיק נישט געווען קיין געענדיקטער;
מע האָט אים געפונען צוזאַמען מיט די אַנדערע בריוו
אין דער קעשענע ביי דער משוגענער חנה.)



יעקב דינעזאָן, פרץ און שלום־עליכם
(וואַרשע, זומער 1914)

משופּע

קוים האָט דער אַלטער מנשה געענדיקט זיין חצות מיט אַ צולאָג פון עטלעכע קאַפּיטלעך תהילים, איז שוין דער בלאַסער זומערדיקער פרימאָרגן געלעגן אין פענצטערל פון קעלער־שטוב.

טרויעריק, מיט מידע אויגן, קוקט מנשה אויפן פריש־געבוירענעם טאָג, ער קנאַקט זיך אויס די דאַרע פינגער, פאַרמאַכט דאָס תהילימל, פאַרלעשט דאָס קליינע נאַכט־לעמפּל און שטעלט זיך ביים פענצטער, ער קוקט אַרויף צום שמאָלן פּאַס הימל, וואָס בלייכט זיך הויך איבערן ענגן געסל, און אין דער ראַם פון זילבערנעם באָרד און פּאות, אויפן גרינלעכן איינגעשרומפּענעם פּנים, באַווייזט זיך אַ בלאַסער שיין פון אַ טרויעריקן שמייכל.

— אָפּגעגעבן — טראַכט ער — דעם פּקדון! אַ שיינעם דאַנק, ריבונו של עולם!

— און נייטיק — זיפצט ער — דאַרפסטו מיך דאָ, ריבונו של עולם! ווילסט נאָך אַ חצות, דאַרפסט נאָך אַ קאַפּיטל תהילים... האָ? עס פעלט דיר!

ער דרייט זיך איבער צו דער שטוב און טראַכט, אַז לויט זיין שכל, וואָלט גלייכער געווען, אַז אין בעט, וואָס ער פאַרנעמט, זאָל שלאָפן זיין אייניקל רבקה; זי וואַלגערט זיך נעבעך אַרום אויף דער פאַרלאָגע צווישן אַלטוואַרג, מיט וועלכן חיים, דער זון זיינער, האַנדלט.

אַז לויט זיין יושר, דעם יושר פון אַ בשר־ודם, וואָלט בעסער געווען, דאָס גלאָז מילך, מיט וועלכן ער לעבט כמעט איבער אַ טאָג, זאָל געניסן שרה, די שנור זיינע, וואָס לויפט גאַנצע טעג אַרום אויפן מאַרק אָן אַ לעפל וואַרעמס.

יענקעלען, דעם פרישן צולאָג צו דער משפּחה, וואָלט אויך דערפון קיין רעה נישט אַרויסגעקומען.

ברויכן ברויכט ער ווייניק, דער אלטער; עס וואָלט זיי דאָך גרינ־גער געווען, ער זאָל גאָרנישט האָפן...

חיים איז אָן א מלבוש... חנה, דאָס עלטערע אייניקל, איז א קראַנקע, ווייניק בלוט. דער דאָקטער זאָגט: „בלעדאָטשקע"... הייסט נעמען אייזן־טראָפּן, טרינקען טראָן... ווייַן אביסל... מע זאמלט פאר איר א באַזונדער קניפּל... חדשים־לאַנג זאמלט מען, און עס איז אלץ ווייניק. און די אָרעמע חנה וואַקסט נישט; דער שכל אירער וואַקסט אויך נישט... אַלץ שטאָקט... זיבעצן יאָר — און פארשטייט ווי פון צוועלף!

— וואָס האָסטו מיך אויף זיי אָנגעוואָרפן, ריבונו של עולם?

ער הערט זיך איין, ווי שאַרף און אָפּגעריסן חיים אָטעמט אין שלאָף. ער זעט, ווי שרהס בייניקע האַנט, וואָס האָט, קענטיק, ערשט געוויגט דאָס קינד, הענגט נאָך שלאָבעריק אַראָפּ פון בעט...

ער דערזעט נאָך, אַז יענקעלע רירט זיך אין וויגל. „באַלד וועט ער שרייען און די מוטער וועקן!" און מיט אײַלנדיקע, נאָר קורצע שריט, לויפט ער צו צום אייניקל און הייבט אָן שאָקלען דאָס וויגל.

— און אפשר, — טראַכט ער, זיך אויסדרייענדיק צום פענצטער — ווילסטו, ריבונו של עולם, איך זאָל נאָך אין דעם יענקעלען נחת דערלעבן? איך זאָל נאָך מיט אים ברכה זאָגן, עברי זאָל איך אים לערנען... האָ?

ווי א רויטער עפּל בליען יענקעלעס בעקלעך אין שלאָף. א זיסער שמייכל בלאָנקעט זיך ארום די קליינע ליפּעלעך... זיי רירן זיך אויף און אָפּ... „דער פרעסער, אין שלאָף וואָלט ער געזויגט!".

ער באַמערקט דערווייל, אַז רבקה וואַרפט זיך אויפן געלעגער.

זי ליגט אויף א זאק שטרוי, צוגעדעקט ביז דער ברוסט מיט א שוואַרץ־געשפּרענקלט ליילעך. וואָס זי האָט צוקאָפּנס, זעט מען נישט.

דאָס פיין געדרייטלטע פנים, מיטן אלבאַסטער־ווייסן, לאַנג־געצאָקטן האַלדז, רירט זיך חנוודיק אויף און אײַנטערלאָג פון צעפּלאָנטעטע, שרייענדיק־רויטע האָר, וואָס פאַרדעקן דאָס גאַנצע צוקאָפּנס און באַרירן נאָך די פאָדלאָגע מיט עקן, וואָס ציטערן ביי רבקהס יעדן אָפּאָטעמען.

—מיניע, עליה השלום, אויסן אויג... — טראַכט דער אלטער — היים בלוט, חלומות... איר צו לענגערע יאָר!

— רבקה! — גייט ער צו און רירט זי ביי דער בלויזער האַנט, וואָס האָט זיך באַפֿרייט פֿון לײַלעך.

— וואָס? ווען? — ווערט רבקה אויפֿגעשראָקן און עפֿנט ווייט אַ פּאָר גרויסע בלויע אויגן.

— ש... ש... — באַרויקט ער זי מיט אַ שמייכל, — איך בין עס... גיי אין מיין בעט אַריין...

— און דו, זיידע? — פֿרעגט זי מיט אַ ברייטן, געזונטן געניץ.

— איך וועל שוין נישט שלאָפֿן... עס שלאָפֿט זיך נישט אין מיינע יאָרן... איך וועל מאַכן טיי... האָסט דאָך געהערט ביינאַכט! זיי וועלן פֿרי אויפֿשטיין... דער טאַטע האָט אַן עסק אין שטאָט, די מאַמע דאַרף איינקויפֿן פֿאַר די פּימסענהאָלצס אויף תּנאָים...

— וועל איך מאַכן טיי, זיידע.

— ניין, רבקה... דו גיי אין מיין בעט אַריין... קאָנסט נאָך לאַנג שלאָפֿן... דו וועסט היינט, האָט די מאַמע געזאָגט, נישט גיין אין פֿאַבריק. זי וועט דיך דאַרפֿן... שלאָף דיך טאַקע אויס...

— אה! — געניצט רבקה ברייטער.

זי האָט זיך שוין אַלץ דערמאָנט. דער פֿאָטער איז נעכטן אַהיימגעקומען מיט אַ פֿרייד, אַז גאָט האָט אים באַשערט אַ שפּאָר ביסל אַלטוואַרג.

די מאַמע האָט אויך געבראַכט אַ בשורה: ביי די פּימסענהאָלצס, ווו זי איז אַן אַריינגייערין, וועט שוין ענדלעך זיין תּנאָים, כאָטש די כּלה קרימט זיך נאָך; זי וועט האָבן פּאַר'ס איריקע און תּנאָים וועט זיין!...

קיין גרויס הנאה האָט רבקה נישט דערפֿון. אויסשלאָפֿן טאַקע וועט זי זיך, אַרומגיין אויפֿן מאַרק מיט דער מוטער איז בעסער, ווי צו זיצן אין פֿאַבריק, נאָר שפּעטער — דאָס נאָכטראָגן די קוישלעך מיט אייער און היגער, בפֿרט דאָס כאַפּן אינמיטן גאַס אַן אַנטלאָפֿענע הון, איז נישט פֿון די גוטע זיבן זאַכן!

נאָר, אַז מע מוז, מוז מען.

זי נעמט צוזאַמען אַרום זיך דאָס לײַלעך און שפּרינגט איבער צום אַלטנס בעט.

פֿון שפּרונג האָט דער אַלטער ווייטער הנאה, אויך „זיין אַלטע אויסן אויג"...

איידער דער אַלטער האָט פֿייער געמאַכט, איידער ער האָט צוגעשניצט אַ קינדל אויף עטלעכע דינע העלצלעך, אויסגעלייגט זיי אונטער דער בלעך, באַשיט מיט קליינע שטיקלעך קוילן („טייערע קוילן", טראַכט ער דערביי), באַגאָסן מיט נאַפֿט, אונטערגעצונדן און געשטעלט אויף דער פֿייערקע, און אַלטן, פֿון ראָסט רויטלעך געשפּרענקלטן, בלעכערנעם טשייניק, — האָט שוין שׂרה געהאַלטן יענקעלען ביי דער ברוסט און געווונטשן זיך, זי זאָל שוין דערלעבן צו הערן, ווי יענקעלע וועט מאַכן אַ ברכה איבער דער מילך...

די בלאַסע חנה האָט זיך אויך אויפֿגעכאַפּט און אויפֿגעזעצט זיך אויפֿן בעט.

הינטער דער מוטערס פּלייצעס שפּילט זי זיך מיטן קליינעם ברודעריל, מאַכט אים: „קוקו".

איר קליין קעפּל, די בלייכע באַקן מיט די פֿאַרחלומטע אויגן אין דער ראַם פֿון אַ מאַסע אַש־גרויע צעוואָרפֿענע האָר, באַווייזט זיך אַמאָל רעכטס, אַמאָל לינקס. די באַוועגונגען איירע זיינען דאָך צו לאַנגזאַם. דער שמייכל אויפֿן פּנים — צו בלאַס און דער בליק אין די אויגן — צו שטאַר, דאָס שפּיל זאָל קאָנען אָפּרייסן „יענקעלע פּרעסער" ווי מע האָט אים גערופֿן אין שטוב, באַלד אינדערפֿרי פֿון דער ברוסט.

ער איז שטאַרק פֿאַרטאָן. ער קוקט אויף דער שוועסטער, נאָר קיין צייט צו איר האָט ער נישט.

איין הענטל האָט ער אונטער דער זייט, אויף וועלכער ער ליגט אויף דער מוטערס שויס, מיטן צווייטן בייגט ער אַוועק די זוים פֿון דער מוטערס אָפֿענעם העמד, עס זאָל אים נישט פֿאַלן אין פּנים אַריין, און קוקט דערביי אויף דער שוועסטער געלאַסן און רויק, — זי וועט אים נישט אַנטלויפֿן...

חיים שטייט שוין אין טלית און תּפֿילין און דאַוונט, שפּרייזנדיק אויף און אָפּ איבער דער שטוב.

אָפּט שטעלט ער זיך אָפּ. וואַרפֿט אַן אויג צו שׂרהן, קענטיק, ער האָט מיט איר עפּעס צו רײדן, נאָר ער וואַרפֿט אַ צווייטן בליק אויפֿן אַלטן און דאַוונט ווייטער, און שפּרייזט ווייטער איבער דער שטוב.

פֿאַרן אַלטן האָט ער מורא.

„דער אַלטער מיינט, אַז עס זיינען נאָך זיינע צייטן, די אַלטע, גוטע צייטן, ווען אַ ייד האָט צייט געהאַט צו דאַוונען, צו זאָגן וואָרט ביי וואָרט פֿון סידור אורח־חיים"... היינט איז זיבן סוחרים אויף איין פּאָר אַלטע פּלודערן!

ער האָט אפילו נעבטן פאַרזאָרגט... די קניה האָט ער באַדונגען פאַר 6 רובל אָן א צענערל, איבערגעלאָזט האָט ער זיבן גילדן מיט צוועלף גראָשן אדערויף... ארויסגייענדיק פון הויז, האָט ער געגעבן א זעקסער דעם סטרוזש, ער זאָל, ביז ער וועט קומען, קיין „האנדל" אין הויף נישט אריינלאָזן.

אומרויק איז ער דאָך! ווער ווייסט.. אוידער ער וועט קריגן א שותף!

ער טרינקט שוין טיי, האלטנדיק דאָס גלאָז אויף דער שוואכער האנט און בלאָזנדיק פאַר יעדן זופּ, און ווייסט נישט וואָס צו טאָן.

שווער צו קריגן א שותף!

צו וועמען גייט מען? צום וואָכער? ער וועט אים אָפּשניידן די הויט; צום סקלאַדניק — די קעשענע וועט ער אים אָפּשניידן!

און אז מע קריגט שוין א שותף, מוז מען דאָך אים אוועקגעבן האלב פאַרדינסט, כאָטש יענער האָט זיך נישט געדונגען!...

אמאָל קריגט ער ביי שרהן עטלעכע גילדן. הײַנט — ווײַ! נאָך נעכטן האָט זי אים געזאָגט, אז עס וועט פעלן צום אײַנקויפן!

און אפשר וועט זי אים פאָרט געטרויען פון חנהס קניפּל אויף א טאָג...

ער האָט אָבער מורא צו פּרוּוון... ער האָט נישט איינמאָל גע־פּרוּווט און חרטה געהאט!

ער וואַרפט נאָכאמאָל א בליק אויף שרהן און עס דאַכט זיך אים, אז עס איז פאָרט א שעת הכושר!

זי האָט שוין יענקעלען צוריקגעלייגט. שטייענדיק ביים וויגל, טוט זי זיך אָן און שמייכלט אזוי גוט, אזוי מחיהדיק גוט צום קינד, עס וועט אפשר גיין!

—איך האָב בײַנאַכט גערעכנט, שרה, — פּרוּווט ער זיך, — די קניה איז גאָר א גוטע! כ'וועל, ברוך השם, פאַרדינען...

— הלוואי, ריבונו של עולם, — ענטפערט שרה, — זאָל עס זיין אין יענקעלעס זכות! זייט ער איז געבוירן געוואָרן, מאַכט זיך געשוויג־דער אמאָל א פאַרדינסט!

— איך מיין, — וואָנדט חיים אָפּ מיט א חניפהדיקן שמייכל, — אז עס איז אונדזער חנהס זכות; הערסטו, שרה, — ביים קויפן האָב איך מיר אזוי געטראַכט: בלי נדר ובלי מסקנא, וועט מען פון פאַרדינסט אראָפּ־נעמען פאַר חנהן כאָטש א דריטל! און, ווי איך טראַכט אזוי, ווערט די פריצע ווייך ווי א פּוטער, און לאָזט אראָפּ איין צענערל נאָכן צווייטן!

— איז אוודאי גוט, — שמייכלט אים שרה צו, און ווערט — דאכט זיך אים — יינגער און פרישער... „אמאליקע יארן — פליט אים דורך א געדאנק — וואס דען... ווען סאמע גוטע צייטן"... ער האט אבער ווייניק צייט צו אזא קלער...

—הכלל, איז חנה א שותפטע.

— מהיכא־תיתא! אזא יאר אויף מיר!

— יא, אבער, — שטאמלט ער, — אז חנה זאל זיין א שותפטע, — טאקע, איך רעכן בפירוש אויף איר מזל, — נאר אז א שותפטע...

— איז וואס? — פרעגט שרה מיט אויפגעשטעלטע אויערן און אויגן... זי איז אים שוין עפעס חושד; ער פירט שוין צו עפעס... ער וויל שוין עפעס!

— איז וואס?

— מיין איך טאקע, זי זאל זיין אן אמתע שותפטע... זי זאל אריינלייגן אין מסחר א חלק געלט.

— וואס? וואס זאגסטו? — שרה גלייבט נישט אירע אייגענע אויערן, און אז ער ענטפערט נישט, שפרינגט זי אים אנטקעגן:

— גזלן, רוצח! — דאס איז א טאטע... דאס איז א מאן! ער ווייסט, דאס קינד איז אזוי קראנק... אז איך האב א נדר געטאן נישט צו ספעקולירן מיט איר געלט... עס איז דאך איר שווער פאראַרבעט געלט! בלוטיק געלט... די קוישלעך טראגט זי מיר נאך... קריגט אמאל פארן ווענ... איך דערליינ איר עפעס...

שרה קאן זיך גאר נישט בארויקן...

חיים וויל עפעס ענטפערן; דער אלטער לאזט נישט.

— שווייג שוין בעסער, חיים, שווייג — מאכט ער — זעסט דען נישט, אז שרהלע האט רעכט... גיי, זוך דיר א שותף... רייס נישט איין די וועלט... לעב און לאז לעבן.

חיים נעמט שטילערהייט אין טארבע אריין א שטיק ברויט מיט א ציבעלע און גייט ארויס. עס באגלייט אים דעם אלטנס שפרוך: האסט געזען, ווי פייגעלעך קלויבן בראקן אויפן הויף? א גרויסן בראקן נעמען צוויי...

נישט פיל רויקער שלאפט רבקה אין אלטנס בעט. אינעם יונגן קאפ וואלגערט זיך ארום א געדאנק, וואס לאזט נישט פעסטער איינ־שלאפן... א ראנגעניש האט זי געהאט!

איינמאָל פאַרנאַכט, אַהיימגייענדיק פון פאַבריק, האָט זיך איר אויפן טראָטואַר אַ יונגערמאַן באַגעגנט. זי גייט גלייך, מיינט, ער וועט אָפּטרעטן, ער טוט עס אָבער נישט, און קוקט איר נאָך גלייך אין פּנים אַריין מיט אַ פּאָר גרויסע לוסטיק־לאַכנדיקע אויגן, אַז זי איז רויט געוואָרן. זי האָט זיך גענומען אין אַ זייט און געלאָזט זיך אַהיים מיט געשווינדערע טריט. נעמענדיק זיך אין אַ זייטן־גאַס, האָט זי זיך דאָך נישט געקענט איינהאַלטן, אומגעדרייט, און דערזען, אַז ער שטייט נאָך; ער שטייט אויפן זעלבן אָרט און קוקט איר נאָך מיטן אייגענעם שמייכל, מיט די צוויי שורות ווייסע ציין.

„זי וועט עס חנהלען דערציילן", טראַכט זי, און האָט עס דאָך נישט געטאָן. „וואָס וועט זי, די אָרעמע, קראַנקע חנה, פאַרשטיין?".

עטלעכע טעג שפּעטער איז ער איר ווייטער אַקעגן געקומען. דאָס האַרץ הייבט איר אָן געשווינדער צו קלאַפּן, זי שעמט זיך אויפצוהייבן די אויגן, גייט געשווינד פאַרביי, נאָר אַזוי אומגעלומפּערט, אַז זי איז שיר נישט געפאַלן אויפן גלאַטן טראָטואַר.

אין גאַנג דאַכט זיך איר, אַז זי פילט, ווי זיין העלער, לוסטיקער שמייכל גליטשט זיך הינטן אויפן בלויזן האַלדז.

און דאָס שרעקט זי: עס דאַכט זיך איר, אַז אַלע אין גאַס קאָנען עס זען! און אַנטלויפט נאָך געשווינדער.

איינמאָל איז ער איר ווי פון אונטער דער ערד אַרויסגעוואַקסן.

זי האָט אויסגעשריגן: אַך! און ער שטייט איר אַקעגן און פאַרשטעלט איר דעם וועג.

— דאַכט זיך, — מאַכט ער, — אַז איך האָב דאָס גליק זי צו קענען, פריילין! „פריילין" האָט ער געזאָגט!

דאָך ווערט זי בייז, מיידט אים אויסגעדולדיק און נאָך האַלב הערשראָקן אויס. און דאָך, מוז זי זיך מודה זיין, אַז אַ שטימע האָט ער זייער אַן אָנגענעמע, אַ „גאָלדענע שטימע", זאָגט איר אונטער דאָס האַרץ...

פון דעמלט אָן טרעפן זיי זיך כמעט יעדן אָוונט. זי רעדט נישט צו אים, שווייגט, נאָר אַנטלויפן אַנטלויפט זי שוין נישט...

און ער פירט זי יעדן אָוונט אָפּ פון פאַבריק.

זיי גייען צוזאַמען און שווייגן.

אָפּט האַלט זי זיך נישט איין און וואַרפט אויף אים אַ בליק פון דער זייט... „די וואַנסעלעך זיינע..."

און דערויף ענטפערט ער מיט נאָך א ליכטיקערן שמייכל...

מאָדנע אויגן האָט ער... טײלמאָל דאכט זיך, פליען פון זיי גאָלדענע שטראַלן!

דערווייל איז מען דערפון געוואָר געוואָרן אין פאבריק; חברטעס האָבן באמערקט און געמאכט דערפון א גערייד.

מע לאכט פון איר, מע וויצלט זיך אויף איר חשבון.

יונגהייט — נארהייט, — זאָגט מען — היינט אנטלויפט זי, מאָרגן וועט זי נאָכיאָגן...

„נישט דערלעבן וועלן זיי עס!" טראכט רבקה.

—זי וועט ארויסשטעקן די צונג — ווי א שעפּס צו זאלץ... ווו נעמט מען עס...

רבקה פארבייסט די ליפּן און שווייגט.

— און א שיינער יונג, — זאָגט מען, — א גאָלדענער יונג! האָר, אויגן, א נאָז — ווי אָפּגעטאָקט. פון וועסט־טאש שלעמפּערט זיך נאָך א גאָלדענע קייט מיט אפשר צען גאָלדענע ברעלאָקן!

רבקה פילט זיך אביסל שטאָלץ.

— אפשר טאָמבאק — איז איינע מסופק.

— חלילה! — טראכט רבקה... אנדערע זאָגן אויך:

— גיי שוין, גיי... מע װעט, — א גבירישע קינד!

וואונדערט מען זיך נאָך מער:

— ווילסט נאָך נישט שפּילן קיין ליבע, נאָך צייט! אָבער שכל האָב: רייד א גוט וואָרט, נעם קליינע מתנות, כאפּ אן אָנבייסן... צוקערקעס... בילעטן אין טעאטער אריין.

עמעץ לאכט העל אויף:

— אוודאי! נעמען ווי א בייז פערד.. נאָר געגאַרן זיך לאָזן, נישט! א מכה זיי!

עס לאָזט זיך ענדלעך הערן די עלטסטע מיטן לאנגן בייניקן פּנים, פארשפּיצטער גאָמבע און זייטיקע, גרינלעכע בליקן.

—טע, טע, טע, — מאכט זי, — א קלייניקייט, וואָס דאָס האָט צו פארנאַרן! חופּה־שטאנגען וואַרטן, הבדלות שוין גרייט. נדן, — ווי הייסט? א שלל! שדכנים רייבן אָפּ די שוועל, חתנים רייסן די טירן!

רבקה פארבייסט שארפער די ליפּן, בייגט טיפער דעם ברענענדיקן קאָפּ איבער דער ארבעט, און צוויי הייסע טרערן פאלן איר אויף די הענט, וואָס זיינען באשעפטיקט ביי דער מאשין.

און דאָס לאָזט זי נישט שלאָפן!

ניין! זי וועט גאָרנישט, גאָרנישט נעמען!

קיין בילעט אין טעאַטער אַריין אוודאי נישט.

איינמאָל האָט מען זי פאַרהאַלטן שפּעט ביינאַכט אין פאַבריק; נייטיקע אַרבעט געווען... איז די מאַמע געקומען צו לויפן אָן אָטעם, אָן אַ נשמה... אַז די מוטער האָט זי דערזען, האָבן איר די אויגן אָנגעהויבן פינקלען, דערנאָך שפּריצן ווי אַ פאָנטאַן... הינטן, אין פאַבריק־הויז ביי די טרעפּ, איז ערשט געשטאַנען דער אַלטער זיידע און געקנאַקט די פינגער...

— געלויבט איז גאָט, — האָט ער געמורמלט — געלויבט איז גאָט! „ניין, זי וועט עס נישט טאָן!".

שרה וויל שוין אויך גיין אין גאַס אַריין. זי שטעלט דעם אַלטן אַ גלאָז מילך ביים טישל, רוקט אים צו יענקעלען מיטן וויגל, און וויל נאָך פאַרזאָרגן עטלעכע קלייניקייטן אין באַלעבאַטישקייט...

דערביי האָט זי דאָך צייט צו קלאָגן זיך פאַרן אַלטן אויף דער היינטיקער וועלט.

— איר האָט דאָך געהערט, שווער, תנאים דאַרף זיין... דער לעצטער טערמין... טעלעגראַפירט, מע הייסט שוין איינקויפן... און זי, די כלהשי, מאַכט אַ סקאַנדאַל! זי וויל נישט קיין חתן פון פּראָווינץ... זי האָט אַ וואַרשעווער, זאָגט זי, אַ וואַרשעווער דייטשל האָט זי!

חנה, וואָס איז ביז אַהער געלעגן מיט אָפענע אויגן צום סופיט און געקוקט, ווי די פליגן רייסן זיך אָפּ איינע נאָך דער אַנדערער און צעפליען זיך אין שטוב, דערהערט, וואָס די מוטער דערציילט, זעצט זיך פּלוצעם אויף, אירע געוויינלעכע מאַטע אויגן באַקומען אַ גלאַנץ... זי הערט, זעט אויס, און אינטערעסירט זיך... זי שפּיצט נאָך אויף די אויערן און עפנט דאָס מויל, ווי צום איינשלינגען דער מוטערס ווערטער.

די מוטער איז פונדעסטוועגן זיכער, אַז דאָס פאַרדינסט וועט נישט אַנטרונען! תנאים וועלן, אם ירצה השם, זיין! דער אַלטער פימסענהאָלץ וועט זיין שטעטל באַשטיין... די „צעגאָסענע פימסענהאָלצין" שווייגט אויך נישט... „איי, האָט זי נעגעלעך!".

— קודם כל, — האָט מיר די קעכן פון דאָרט דערציילט, — האָט מען געמאַכט אַ רעוויזיע, געפונען בריוו פון עפּעס אַ דייטשל, אַ ימח־שמוניק און מע האָט זיי פאַרברענט, דערנאָך ערשט האָט זי געלייזט... אָבער שוין געלייזט... ביי די האָר האָט מען זי אַרומגעשלעפּט.

חנה פילט אלץ, די אויגן ווערן איר פייכט, דאָס פּנים — גערונצלט און פאַרציערט פאַר רחמנות.

זי פאַלט צוריק אויפן קישן מיט אַ געוויין.

שרה דערשרעקט זיך, דער אַלטער לויפט אויך צו.

— וואָס איז, חנהלע, וואָס איז דיר געשען?

— אַ שאָד, מאַמע, אַ רחמנות...

—אויף וועמען, טאָכטער? אויף וועמען? — וואונדערט זיך שרה.

— אויף דער כּ־כּ־כלה... זי איז אַזאַ — אַזאַ גוטע... אַזאַ האַר־ציקע... גיט מיר שטענדיק געלט... דאָס געלט, וואָס איך גיב דיר... זי גלעט מיך... זי קושט מיך אַמאָל... זי וויל מיך אַפילו לערנען שרייבן.

— נאָר דאָס פעלט מיר; — מאַכט שרה נישט געהערן — צו מײַנע שונאימס קעפּ, צו זייערע הענט און פיס! זי וויל דיר אויך דעם קאָפּ פאַרדרייען... זאָלסט אויך נישט פאָלגן אַ מאַמען!

חנה ענטפערט אינמיטן געוויין.

— ניין, מאַמעשי, ניין! האָב גאָר קיין מורא נישט! איך וועל דיך שטענדיק פאָלגן! וואָס פאַר אַ חתן דו וועסט מיר נישט געבן!

עס הערט זיך פּלוצעם אַ קלינגענדיק געלעכטער.

דאָס לאַכט רבקה פון דער שוועסטערס נאַרישקייט.

— מרשעת, — שרייט שרה, — דאָס קינד איז קראַנק, מסוכן קראַנק, און זי לאַכט... לאַכן זאָלסטו, וועל איך דיר זאָגן ווי.

— שעלט נישט, שרה, — באַרויקט זי דער אַלטער, — זי איז דאָך אויך אַ קינד.

שרה גייט אָפּ פאַרדראָסן און וואַרפט, אַרויסגייענדיק פון שטוב, צו רבקהן אַ באַפעל: שטיי אויף, פּראַנצימעדקע, גיב חנהן טיי, קער אויס די שטוב...

דער אַלטער מנשה האָט אויסגעטרונקען זײַן מילך און זיך געזעצט צום פענצטערל.

דורכן פענצטערל פון סוטערינע זעט מען נאָר די שמאָלע לאַנגע שאָטנס, וואָס די פיס פון די דורכגייער וואַרפן אויף די קליינע שויבן.

וואָס גרעסער עס ווערט דער טאָג, האַסטער טוישן זיך די שאָטנס; טרויעריקער ווערט דער אַלטער. מענטשן אײַלן זיך, לויפן, האַנדלען און וואַנדלען; ער איינער (אַזוי דאַכט זיך אים) טויג שוין צו גאָרנישט.

ער נעמט זיך צום תהילים מיט עברי־טייטש.

מיט א ציטעריק קול זאָגט ער א פּסוק לשון־קודש, א פּסוק יידיש, און רירט מיט א ציטעריקן פום יענקעלעס וויגעלע.

רבקה זיצט שוין האלב אָנגעטאָן ביי חנהן אויפן בעט. ביידע טרינקען טיי, נעבן רבקהן, וואָס שפּריצט מיט פרייש לעבן, זעט חנה נאָך קרענקלעכער, נאָך בלאסער און קלענער אויס; נאָך קינדישער.

זיי האלטן אינמיטן א פּארטרויטן שמועס.

— איך וועל נישט אויסזאָגן, חנה, דערצייל!

— שווער דיך.

— איך שווער...

— ביי וואָס?

— ביי וואָס דו ווילסט.

חנה קנייטשט איין דעם שטערן און קלערט אויס:

— ביי יענקעלעס געזונט!

— ביי יענקעלעס געזונט! — חזרט איבער רבקה.

— אז וואָס!

— אז דאָס!... אז איך וועל נישט אויסזאָגן, וואָס דו וועסט מיר דערציילן...

חנה פארטראכט זיך.

— זיצנדיק — זאָגט זי — קאָן איך נישט... איך וועל בעסער ליגן און קוקן אויפן סופיט; אזוי פארגעס איך אלץ און פּלאָנטער מיך... אז איך ליג און קוק ארויף, זע איך אלץ פאר מיר... שטעלט זיך מיר אלץ אקעגן...

— נו, לייג דיך, חנה...

— דו אויך! לייג צו מיר צו דאָס אויער, עס איז א שרעקלעכער סוד! איך וויל נישט דער זיידע זאָל הערן!

און חנה קנייטשט נאָך שטארקער איין דעם שטערן. זי אָטעמט שווער, ווי פון אונטער א שווערער לאסט. זי פאלט צוריק אויפן קישן.

שטארק פאראינטערעסירט, שטעלט רבקה געשווינד אוועק די גלע־זער און לייגט זיך צו.

דער אלטער האקט איבער זיין תהילים, ווארפט א בליק צום בעט און פרעגט:

— נישט גלייכער אויפצורוימען, רבקה?

— באלד, באלד, זיידעשי, — ענטפערט רבקה, — חנה וויל מיר עפּעס דערציילן.

דער אלטער באוועגט דעם קאָפּ מיט א טרויעריקן שמייכל און הייבט אָן ווייטער זינגען זיין תהילים מיט עברי־טייטש.

און חנה דערציילט מיט אן איינגעקנייטשטן שטערן און ווייט־געעפנטע, כמעט שטאַרע אויגן, פאַר וועלכע רבקה שרעקט זיך אביסל. עס דאכט זיך איר, אז חנה דערציילט נישט פון זכרון, נאָר זעט עפּעס פאַר זיך און זאָגט, וואָס זי זעט. און איר שטימע איז אזוי טיף, און דער אָטעם פילט זיך איר אזוי היים...

חנה דערציילט:

— ...די קעכין איז ערגעץ ארויסגעגאנגען... איך בלייב איינע אליין אין קיך... אויף דער מאַמען ווארט איך: זי דארף נאָך מיר קומען.

— רבקה, — שלאָגט זי זיך פלוצעם איבער — ווען האָבן מיר געגעסן הירזש מיט האָניק?

— נעכטן! — ענטפערט רבקה מיט אן אומהיימלעכער שטימע.

— איז עס טאקע געווען נעכטן... יאָ, נעכטן... זיץ איך אזוי און זופּ טיי. די קעכין גיט מיר שטענדיק טיי... ווען איך קום, גיט זי מיר טיי... און דאָרט איז א מחיה טיי צו טרינקען... מיט א זילבערן לעפעלע, עס גלאנצט... פון טיי ווערט אזוי ווארעם אין אלע אברים... און צוקער — הערסט — אריינגעלייגט.

איך וויל טרינקען צוגעביסן, די רעשט אהיימנעמען; לאָזט זי נישט, די קעכין. זי זאָגט: צוקער איז פאַר דיר געזונט, זאָגט זי... און קוקט, איך זאָל אריינלייגן אלע דריי שטיקער!

א פונט צוקער קריגט זי דאָרט, די קעכין; יעדע וואָך א פונט צוקער! א חוץ וואָס זי נעמט אליין, פון דער זילבערנער פושקע, וואָס שטייט אין דער שטוב... אָפן שטייט זי, איך האָב אליין געזען! נאָר איך וועל נישט נעמען...

אויף דער פושקע איז דאָ א הירש. די פּימסענהאָלץ האָט מיר אליין געזאָגט, אז עס איז א הירש; מיט אזוינע גרויסע, געדרייטע הערנער... און אמתער הירש.

— הכלל, דו זיצסט אין קיך? — מינטערט זי רבקה.

— יאָ, זיץ איך אויפן בעט, אויפן שיינעם בעט... אוי, האָט עס די קעכין א בעט! דריי גרויסע קישן, ווייסע ציכלעך, ווי שניי... געשטיקטע לאנגעטן, עס קוקט ארויס רויט... גרויסע פערלמוטערנע קנעפּ,

ווי פּערציקער גרויס! א געשטעפּטע אַטלאַסענע קאָלדרע, איינמיטן — א גרויסע ראָד ווי א ברונעם! אַרום און אַרום — גרויסע אָדלער מיט פליגל... פון אויבן נאָך א גרינע, זיידענע קאַפּע... א גאַנצע פּריצימע איז זי, די קעכין; נאָר א גוטע, בעט מיך זיצן אויפן בעט, צופוסנס... שאַרט אַוועק די קאַפּע מיט דער קאָלדרע... זי האָט מיך ליב, זאָגט זי, און — ווייסטו פאַרוואָס, רבקה?

— פאַרוואָס?

— זי האָט אויך געהאַט אַזאַ מיידל ווי איך... נישט חנה האָט זי געהייסן, נאָר אין מיינע יאָרן... געשטאָרבן איז זי... האָט זי מיך ליב... זאָגט זי...

— וואָס האָסטו א צימער געמאַן, רבקה?

— עט, גאָרנישט... דערצייל ווייטער, חנה...

— איך זיץ און זעה טיי... און זי קומט אריין...

— ווער?...

— די געשלאָגענע כלה...

— וואָס? די געשלאָגענע —

— האָסט נישט געהערט? — די מאַמע האָט דאָך דערציילט! יאָ, יאָ, מע שלאָגט זי, ווייל זי וויל נישט דעם חתן! —

— אהא! — הכלל — זי קומט אריין?

— זי קומט אריין — א בלאַסע... רויטע אויגן — הערסט, רבקה, אין שטוב טראָגט זי א בלוי־זיידן קלייד, א שפּאָגל נייס, מיט רויטע פּינטעלעך — הינטן שלעפּערן זיך נאָך צוויי לאַנגע, ברייטע, אַטלעסענע, אויך רויטע, שאַרפן, אינטן באַניוט מיט שוואַרץ־זיידענע פרענז — און בריליאַנטענע אויריננלעך, — פאַרקעמט איז זי אויסטערליש — הויך איבערן קאָפּ א קרענצל — איינמיטן קרענצל — א טויב מיט צוויי אויסגעשפּרייטע פליגל, פאַרשטייסטו? פון די האָר אויסגעלייגט! די בייד האָר פאַרנומען הינטן מיט א גאָלדענע קלאַמרע; פון פאָרנט — א גאָלדענע שפּילקע, אפשר צוויי! ביים פּאַסיק ווייטער א גאָלדענע קלאַמרע — א פאַרבלענדעניש! ווו זי גיט זיך נישט א ריר, גיט ווי א בליץ.

חנה שטאָקט.

— און שוין!

— וואַרט — עס איז א גרויסער סוד, רבקה, און זי גיט צו מיט שרעק: גאָט וועט שטראָפן, אז דו וועסט, חלילה, אויסזאָגן!

רבקה פאַרזיכערט, אז זי וועט נישט אויסזאָגן.

חנה לייגט אונטער רבקהן די האַנט, דריקט איר קאָפּ נענטער צו

זיך און דערציילט ווייטער מיט נאך א שטילערער, נאך א טיפערער שטימע.

— זי הערזעט מיך און פאלט צו מיר צו מיט א געוויין. — —

— וואס האט זי פון דיר געוואלט?

— א טובה האט זי געוואלט פון מיר!

— א טובה? זי פון דיר א טובה?

— שטעקט מיר אין דער האנט אריין א האלבן רובל — דעם האלבן רובל, וואס איך האב נעכטן אפגעגעבן דער מאמען — און נאך עפעס...

— וואס נאך? חנהשי!

„חנהשי" אין רבקהס מויל איז א זיכערע שליסל צו עפענען חנהס האַרץ.

— א בריוו — א בריוו זאל איך איר אפגעבן — בסוד סודות.

— און דו האסט גענומען?

— ווארט — זי לערנט מיך אויס אויסנווייניק דעם אדרעס; איך קאן דאך נישט לעזן! הערמאן... דעם צווייטן נאמען האב איך שוין פארגעסן — די גאס אויך — נומער, דאכט זיך, פערציק — יא, פערציק.

— האסט גענומען און אפגעגעבן? — פרעגט רבקה מיט א פאר־בארגענער שרעק.

— נישט אזוי געשווינד. — ענטפערט חנה נאיוו — איך האב פריער געבלאנדזשעט.

נישט דאס אבער אינטערעסירט רבקהן.

— עס איז א בחור? — פרעגט זי שארף.

— ווייס איך? מן־הסתם —

— ווינט אליין? —

— דאכט זיך, — יא, ער אליין האט מיר געעפנט. איך האב נאך א דריק געטאן דאס ווייסע קנעפל — זי האט מיך עס אויסגעלערנט. —

— ער האט צוגענומען דעם בריוו? —

— צוגענומען.

— געגעבן תשובה?

— תשובה האט ער נישט געגעבן, ער וועט שרייבן אויף דער פאסט, זאגט ער, נאר ער האט זיך זייער דערפרייט מיטן בריוו. ער האט פאר גרויס פרייד מיך אריינגענומען אין שטוב, געזעצט אויף א בענקל...

— נאך וואס?

— פאר גרויס שמחה! ער האט מיר אפילו געגלעט די האר —

אזוי ווי די מאַמע טוט אַמאָל — א יום־טוב, צי שבת, ווען זי האָט צייט...

דערנאָך האָט ער געלאַכט און האָט מיך אפילו געקושט... אין מויל אריין, גלייך אין מויל אריין... דערנאָך די אויגן... שיינע אויגן, זאָגט ער, האָב איך...

רבקה בלייבט ליגן ווי פאַרשטאַרט...

חנה פאַרטראַכט זיך אביסל, און ענדיקט:

— אָבער שפּעטער, אז ער האָט געוואָלט מיר עפענען דעם בוזעם און אריינשטעקן די האַנט, האָב איך מיך פאַרשעמט און בין אַנטלאָפן... ער האָט פאַרגעסן צו פאַרמאַכן די טיר... אָפן געווען...

— געלויבט איז גאָט... געלויבט איז גאָט... — שעפּטשעט רבקה מיט א פאַרשטיקט געוויין...

— וואָס זאָגסטו? רבקה...

— גאָרנישט, חנה...

— זאָג נאָר, רבקה, נאָך וואָס האָט ער עס געוואָלט אריינשטעקן אין בוזעם...

— שוויַיג! — שלאָגט איר רבקה איבער מיט שרעק.

צום גליק הערט נישט דער אלטער. ער איז פאַרטיפט אין זיין תהילים. ער זאָגט א פּסוק און פאַרטייטשט באַלד:

„זיי האָבן קיין וואָר וואָרט נישט אין מויל... אינעווייניק איז האַרץ, הייסט עס, האָבן זיי א בראָך... זייער האַלדז איז אן אָפן קבר. א גרוב הייסט עס, איינצושלינגען. און א גלאַטיקע צונג האָבן זיי...“

רבקה הערט זיך איין מיט א בלאַס פּנים און פאַרביסענע ציין...

חנה קוקט זי אָן דערשראָקן...

דער נדבן

פאַרוואָס איך האָב זיך איבערגעצויגן קיין וואַרשע? פרעגט איר, כ׳וועל אייך זאָגן דעם אמת: כ׳בין אַנטלאָפן פאַר די קליינשטעטלדי־קע קבצנים.

מיינט איר אפשר איך בין אַ קאַרגער? אסור־וחזיר ביי מיר איז אַ הונדערטער — בלאָטע. נאָר די אָרעמע לייט! ווי אַ ביין אין האַלדז זיינען זיי מיר געשטאַנען! איך קאָן נישט, איך האָב אַ ווייכע נאַטור, און קאָן נישט פאַרטראָגן דעם חושכדיקן דלות מיט די פאַרלאָפענע אויגן און אויסגעקרומטע פלייצעס!

און פרוווט, פרעגט מיך, פון וואַנען עס קומט צו מיר? אסור, אויב איך ווייס!

די וועלט זאָגט: „אַ קינד איז דער מאַמעס אַ טאָכטער אָדער טאַטנס אַ זון”. „נישט ווייט, — זאָגט מען, — פאַלט דאָס עפּעלע פון בוים!”. נישט שטענדיק אַפּנים, איז אמת, וואָס מע זאָגט, וואָרעם, למשל איך.

מיין טאַטע, עליו השלום, איז כל ימיו געווען אַ קבצן — אַ קליינשטעטלדיקער שמש! פאַר קוים דאָס לעבן צו דערהאַלטן לאָזט מען זיך טרעטן פון „קהל, רב און בעדער!”. אַ לאַטע־לייגער, אַ שוסטער האָט מער פרנסה און מער כבוד פאַר אַ שמש!

צוויי ברידער האָב איך — להבדיל בין החיים והמתים — זיי לעבן נאָך — אָבער וואָס פאַר אַ לעבן, ביי פרעהן אין מצרים האָט מען אַ שענער לעבן געהאַט! טאַקע אויף שונאי ציון געזאָגט! איינער וווינט אין בריסק דליטא, פאַרשטייט איר דאָך, איז ער אַ נשרף! דער צווייטער וווינט שוין גאָר נישט; שוין יאָרנלאַנג, אַז ער האָט זיך געלאָזט אויף דער וועלט צוזאַמענמאַכן אויף הכנסת כלה — זעקט טעכטער האָט ער, דער ייד!

איך זאָל אויסרעכענען מיין גאַנצע קבצנישע משפחה, וואָלט מיר פינגער געפעלט! ווי די היישעריקן באַפאַלן זיי מיך; לאָמיך זיי ווייזן

א פינגער שלינגען זיי מיך איין מיט די קאמאשן! א געלעכערטן זאק פילט מען נישט אָן!

און איך אליין, וואָס מיינט איר? איך בין געבוירן ווי איך בין?

איך בין דאָך אן אָרעמאן — א שמשס א זון! ער האָט דען גע־האט א צעבראָכענעם דרייער ביי דער נשמה אויף נדן? דער מאמעס עליה השלומס ירושה, א האָלצערנע חורבה הינטערן שטעטל, האָט מען פארקויפט אויף חתונה הוצאות. איך בין דאָך דער יונגסטער געווען, האָט זיך דער טאטע עליו השלום, ארויסגעצויגן אין בית המדרש אריין, די באלעבאטים האָבן אפילו נישט געוואָלט... נו — גיט איר נדן! זאָגט ער, מאכט איר חתונה!

און וויפל מיינט איר האָט מען פאר מיין עלוויישן קאָפּ געגעבן? צוויי מסכתות האָב איך געקענט אויסנווייניק, צוגעזאָגט אכט הונדערט גילדן, געגעבן האָט מען די העלפט; פאר דאָס האָט מען מיר געגעבן א כלה מיט אן איבעריק שטיקל פלייצע, אמת — א שטר חצי זכר, האָט מען צוגעלייגט!

זעט איר דאָך בחוש! אן אויפגעקומענער (אנדערע שעמען זיך דערמיט!) פשוט איך האָב געטאָן מיינס, דער ריבונו של עולם האָט געהאָלפן און בטבע, זעט איר בין איך א געוועזענער נגיד, א רך־לב און א מפונק דערצו!

פון וואנען? איז פאראן נאָך א קשיא אויף דער וועלט!

און דעריבער טאקע האָב איך געמוזט אנטלויפן, איר ווייסט גאָר נישט, וואָס פארא גיהנום דאָס קליינע שטעטל איז פאר אזא ייד, למשל, ווי איך, וואָס האָט א הארץ נישט קיין שטיין אינעם לייב! און וואָס האָט א נאָז און א געפיל, ווי א מענטש דארף צו האָבן!

ערשטנס וווינט א מענטש ווי אין מיטן גאס! די פענצטער נישט פארהאַנגען. ווער עס גייט פארביי, וואָרפט אריין אן אויג. וויל ער — שטעלט ער זיך אָפּ, דריקט צו די נאָז צו דער שויב און באטראכט, צי שטייט נישט עפּעס נייעס אין שטוב. זומער, אז דאָס פענצטער איז אָפן, שטעקט ער אריין דעם קאָפּ מיט א פיינעם גוט־מאָרגן, גאָט העלף, גוטן אָוונט — פאן בראט; צוזאמען חזירים געפּאשעט! און דאָס איז פארבייגייענדיק, אז ער האָט קיין צייט נישט, האָט ער צייט — קומט ער אין שטוב אריין, קיין קלאפּשלאָס, פון אָנקלינגען הייבט מען גאָר נישט אָן צו ווייסן! מע' מוז נאָך נאָכן די טיר פארמאכן! א רשות הרבים.

באלד אינדערפרי:

— גוט מאָרגן, באַלעבאָס לעבן!

ווער איז?

דאָס איז לאה די מילכיקערן! שוין צען יאָר טראָגט זי מיר מילך, איז זי דאָך אַ בן־בית.

די קו האַלט זי הינטער דער שטאָט, אויף יענער זייט טייך; קומט זי איך אַריין ווינטער אין אַ פּאָר גרויסע שטיוול, אין זעלנערישע, שטרויענע קאַלאָשן. ליידן ליידט זי אויף אַסטמע, קאָן זי זיך נישט איינ־בייגן און אויסטאָן די קאַלאָשן, גייט זי אַריין אַזוי; עס רינט איר פון די פיס, פון קאָפּ, — דערביי האָט זי שטענדיק אַ רויט־אָנגעפּרויערן נעזל — וואָס איז אויך נישט זייער טרוקן! נאָר אַ מעלה האָט זי, זי שטאַמלט אַביסל און איז אַן אַ „ג" —

— דוט מאָרדן — הייסט עס — באַלעבאָס לעבן!

און וואָס וויל לאה די מילכיקערן?

אַ קלייניקייט וויל זי. די „שוואַרצע" איז איר, לאַ עליכם, אַוועק געפאַלן! מע דאַרף אַ קאָנאָוואַל און די הוצאה דאַרף איך אויסשטיין, און כעלות הבוקר קומט זי, אַוועקגעפאַלן, הערט איר דאָך!

און די קו, זאָגט זי, איז כמעט מיין קו — איך טרינק דאָך שוין צען יאָר די מילך!

אַ חוץ דעם איז זי נאָך מיין ווייבס אַ שטיקל קרובה, עפּעס אַ שמעלקע שבשמעלקע, ווי מע זאָגט! האָט זי דאָך אוודאי אַ טענה...

כאַפּ איך אַרויס אַ רובל, אַבי גיי!

חס־ושלום! נישט אַזוי געשווינד רירט זיך לאה די מילכיקערן פון אָרט.

ערשטנס הייבט זי מיך אָן צו בענטשן: פריער גאָט — דערנאָך איך, און בענטשט מיך מיט סאַמע דלתן...

דערנאָך באַקוקט זי נאָך אַמאָל, דאָס הייסט צום טויזנטסטן מאָל, די דירה מיינע מיטן מעבל, און הייבט זיך אָן קרימען און קרימען, ביז זי לאָזט שוין אַרויס אַ געוויין.

וואָס איז?

ס׳טייטש, ווען נישט איר מאַן דער בטלן, וואָלט זי אויך אין אַזאַ דירה געזעסן, אויך אַזאַ מעבל געהאַט; זי וואָלט זיך אויך געבאָרן אין כל טוב. וואָס איז? עס פּאַסט איר נישט? זי האָט אויך חשק צו אַ זילבערן חנוכה־לעמפּל, צו אַ גאָלדן בשמים־שקעטעלע — צו וואָס אויגן זעען!

עס האָט עפּעס אַ סך געפעלט?

א פריץ האָט זי געהאַט טאַקע א ברילִיאַנט. די גאַנצע פּאַכט האָט ער איר — די מעשה איז שוין א יאָר צוואַנציק — געוואָלט אַוועקגעבן, אַזוי האָט זי ביי אים נושא־חן געווען, אויבער צוואַנציק קו צום מעלקן... נאָר הער מאַן דער בטלן — זיין נאָמען זאָל אהיימקומען! — האָט נישט געוואָלט...

פאַרוואָס ער האָט נישט געוואָלט איז נישט צום פאַרשטיין! אַזוי צערעיש'ט זי זיך, און איך מוז ביי איר בעטן רחמים, זי זאָל מיך לאָזן אויסטרינקען דאָס גלעזל טיי; דאָס „גלעזל וואַרעמס" הייסט עס!

דאַנקען גאָט, כ'האָב ביי איר געפּועלט, זי וויל שוין גיין — רופט זי מיין ווייב אַריין צו זיך! און בעט ליגט זי, — א קראַנקע, נעבעך, כל ימיה אָפּגעלעגן אין בעט; וויל זי עפּעס הערן נייעס פון שטעטל, מילא, איך האָב דאָך קיין צייט נישט, זאָל אַריינקומען לאה די מילכיקערן, וועט זי ווערן עס איז, אבי מע זאָל איר ביטלען נייעס: ווער עס קריגט זיך, ווער עס גט זיך, ווי עס לעבט זיך ביי לייטן, וואָס מע קאָכט, וכדומה ווייבערישע פּאַטשטן! און לאה די מילכיקערן איז דאָך עפּעס אַן איינגייערן אין הייזער!

איך כאַפּ דערווייל און וויל אויסטרינקען די טיי, לאה די מילכיקערן זאָל מיך צוריקצורופען נישט טרעפן אין שטוב. עס גייט נישט, לייזער מעקלער גייט! און לייזער מעקלער איז נישט אבי ווער! זכרונו לברכה, דעם שטאָט־מגידס א זון! פון פאָטער האָט לייזער געירשנט נאָר דעם קאָלטן און דאַכט זיך קיין וואָרט תורה נישט, איז אים דאָך זכות אָבות ביגעשטאַנען, ער זאָל ווערן תבואה־מעקלער. טויגן טויג ער נישט קיין קאַץ אן עק צוצובינדן. זייט ער לעבט, האָט ער נאָך קיין איינציקע קניה נישט אויסגעפירט, באַלעבאַטישע סוחרים אָבער זאָגן: ער איז, איז ער; טו זיי עפּעס! ווער עס שלעפּט צוזאַמען א וואַנט מיט א וואַנט, שלאָגט זיך אונטער די פּיס, רייסט זיך אויס די קעל, און נאָך קריאת ים סוף, אז עס קומט מעקלעריי צו צאָלן, זאָגט מען: נאָר לייזערל איז א שותף! און ער איז! ער נעמט!

אַנישט וואָלטן דאָך די באַלעבאַטים אים געמוזט אויסהאַלטן, מע וועט דאָך נישט לאָזן לייזערל דעם שטאָט־מגיד, זכרונו לברכה, זאָל שטאַרבן פון הונגער!

און בכוח דעם איינענעם זכות איז ער גלאַט אן איינגייער ביי באַלעבאַטים.

ביי מיר אויך!

גוט מאָרגן — גוט יאָר —

וואָס הערט זיך נייעס?

אָט אַזוי און אַזוי... „ווו איז דיין טאַבעק?" — פרעגט ער.

אויף מיין טאַבעק האָט ער אויך זכות אבות — אַ גלאָז טיי וויל ער אוודאי, און אַן עסק האָט ער אויך.

מיין ווייב איז דאָך קראַנק, פרעגט ער קודם כל וואָס זי מאַכט, און אַז ער הערט, אַז עס איז נישט בעסער, קרעכצט ער: אַלץ וויל מען, וויל אים נישט פאָלגן! זיינס אַ לייבלעכע מומע — ליגט שוין לאַנג ווי מע דאַרף! — האָט אויך אַזאַ מיחוש געהאַט, און קיין זאַך האָט נישט געהאָלפן, נאָר אַ גרין פלעשל. מע דאַרף באַשטעלן אין אַפּטייק אַ גרין פלעשל! וואָרעם, ווי דער דאָקטער, וואָס האָט איר פאַרשריבן דאָס גריי־נע פלעשל ווױנט היינט, ווייסט ער נישט; און אפשר איז ער שוין אויך, ווו מען דאַרף... דער אַפּטייקער וועט וויסן, ער איז דאָך יענעמס אַפּ־טייקערס אַ זון, וועט ער געפינען אין די כתבים...

דאָס איז דאָס עסק, וואָס ער האָט צו מיר.

איך וויל גיין דאַוונען, נעם דעם טלית־זאַק. וווערט ער מלא שמחה, וואָס אַזאַ ייִד אַ גביר ווי איך בין, היט אָפּ קריאת־שמע, און לאָזט נישט קהל זאָל אויף אים וואַרטן... איך מעג גיין — זאָגט ער — נאָר ער וועט זיך דערוויל צולייגן אויף דער סאָפע. די ארורה זיינע האָט אים אַ גאַנצע נאַכט געשאָלטן. פאַרוואָס, ווייסט ער אַליין נישט, נאָר קיין אויג האָט זי אים נישט געלאָזט צומאַכן, ערשט פאַרטאָג, אַז זי האָט געכאַפּט צו אים אַ פלאַש איז ער אַרויסגעשפּרונגען פון בעט און איז אַנטלאָפן. איז ער שוין געווען ביי שמערל האַניקמאַכער, ביי יאָסל ווייצזאַנג און נאָך... נאָר ביי דעם איז צופיל קינדער, אַ מהומה אין שטוב; ביי יענעם איז היינט אַ וועש, איז מער מהומה, און ווייצ־זאַנגס צנועה קענסטו דאָך! די הינט מעגן זי אַרומשלעפּן, אויסציען זיך לאָזט זי נישט, כ'פּאַרפלעק איר, זאָגט זי, די סאָפע.

— ימח שמה, זאָגט ער, און אויב עס איז מיר אַ שאָד די סאָפע, וועט ער זיך זעצן אויף מיין פאָטער־שטול, אַ מחיה פון אַ שטול.

אַנטלויף איך; וואָס זאָל איך טאָן?

אויף דער שוועל שלאָג איך מיך אָן עמעצן אָן.

וואָס איז? ווייטער אַ טובה. אָבער אַ מצווה, אַ מצווה גדולה!

מיין שניידער איז עס!

קומען, חלילה, קומט אים נישט ביי מיר. איך צאָל תוך כדי דיבור; נאָר דאָס ווייב האָט אַ צווילינג געהאַט! איינס איז אפילו באַלד אוועק, נאָר ביים צווייטן וועט זיין אַ ברית, בעט ער מיך אויף סנדקאות

— מהיכא תיתי. נאָר דאָס ווייב האָט דערוויל היץ, די באָבע וויל א דאָקטער, כאָטש א רופא מיט א רעצעפּט, און ער איז אָן א גראָשן,
— וויל ער פּאַרויס א פּאָר רובל...

ס'איז טאַקע מיין שניידער, און א גוטער שניידער, נאָר דאָס פּנים איז שוין פון א קבצן! דער קבצן קוקט אים שוין פון די אויגן ארויס, פון אונטער דער קאַפּאָטע אַפּער, פון אויס די אַרבל רייסט ער זיך! א צווילינג נאָך! ביי איינעם א לוויה, ביי א צווייטן א ברית, און די קימפּעטאָרין מיט היץ — א פארלוירענער מענטש. שענק איך בע־סער א רובל — איבער מיין שוועל זאָל ער שוין מער נישט איבער־טרעטן, מער צו נייען גיב איך אים נישט...

ער הערט נישט, וואָס איך רייד צו אים, כאַפּט דעם רובל און אַנטלויפט, און איך גיי אין בית־המדרש אריין...

אין בית־המדרש אריין מוז מען גיין דורכן מאַרק.

דורכשפּאַצירן דעם מאַרק איז אויך נישט פון די גוטע זאַכן.

דעם אמת זאָגנדיק, האָב איך זונטיק, צי אזוי זייערס א יום־טוב, גראָד ליב צו גיין דורכן מאַרק. דעמלט איז דער מאַרק לעבעדיק, רי־רעוודיק: רויטע פּאַטשיילעס, רויטע קרעלן, רויטע סטענגעס, רויטע פּנימער — פריש און געזונט, אָבער אזוי אינמיטן דער וואָך — חלשות גייט זיך אָן!

אַלטע, פאַרקרומטע, פאַרחושכטע ווייבער; גרינלעך־טרוקן געבעקס, פוילע אויבס, — און א יידענע נעמט מיטן פינגער און דרייט זיך אויס א פוילע עפּעלע אין מויל אריין.

— האַ — גוט?

און דער גאַנצער מאַרק קען מיך...

און ער האָט הנאה, דער מאַרק: דער גביר גייט דאַווענען, ער שעמט זיך נישט; מיטן טלית־זאַק איבערן גאַס! און מע בענטשט מיך!

און איך האָב באַקאַנטע אויפן מאַרק!

איינע איז גאָר מיינס א כלה געווען! דער טאַטע עליו השלום, האָט מיט איר שוין א וואָרט געמאַכט... און איר טאַטע האָט געהאַט א בשמים־קראָם, פלעג איך דאָרט קויפן; איך האָב ערגעץ אויסגעקאַש־פּערט א צווייער, און געלאָפן קויפן פאַר א צווייער באָקסער; זי פלעגט רויט ווערן; אונטערן טיש פלעגט זי שטיין. שמחת־תורה צו הקפות האָבן מיר זיך — כאַ־כאַ־כאַ! צווישן עולם אין פאַליש געפונען, ביי די הענט געהאַלטן. דערנאָך איז ביי מיר אין דער האַנט אביסל מאַנדלען געבליבן! נאָר באַלד נאָך יום־טוב האָט מיר דער טאַטע — עליו השלום, גע־

זאָגט, אז חיים יאָסל — אזוי האָט ער געהייסן, איר פאָטער — איז א קבצן, א באַנקראָט, אין געוועלב שטייען ליידיקע פּודלעס אָן סחורה, אז ער האָט אים געוואָלט אריינגאַרן אין זאק וכדומה, און — אוים שידוך...

באַלד דערנאָך האָט זיך אַרויסגעוויזן, אז מיין זיווג איז א חולנית; א מאַן האָט זי באַקומען עפּעס א שווינדזיכטיקן מלמד... באַלד רחמנא לצלן, איז זי געוואָרן א „ווייסטע אלמנה"... און אז איך גיי דורך — קוקט זי אויף מיר מיט מילכיקע אויגן...

און נישט זי אליין, נאָך א באַקאַנטע האָב איך דאָרט —

אויך אַן אלמנה —

און דער מאַן איר'ער האָט פאַר דער פּטירה געזאָלט זיין מיין שותף.

עס איז נאָך געווען די פּאַכט אויף כשר פליש. ס'איז פאַר דער לי־קווידאַציע אין דער גובערניע, און איך האָב מיר דעמלט געזוכט א שטיקל עסק, מיינס א פּעטערס אַן אײדעם (שוין ביידע אויפן עולם האמת), אויך א יונגערמאַן נאָך קעסט, זוכט זיך אויך א שטיקל עסק. פאָרט מען אונדז צוזאַמען... יוחנן פּאַכטער איז, לא־עליכם, געלעגן אי־בעראַנאַנד (ער איז אויך נישטאָ, להבדיל בין החיים והמתים) מאַכן מיר זיך ביידע נישט ווייסנדיק, און ערשט א טאָג פריער כאַפּן מיר בסוד סודות עקסטראַ־פּאָסט, און מע פאָרט אין גובערניע אריין... וואָלטן מיר ביידע גענומען די פּאַכט, וואָלט איך א קלענעריער עושר געווען...

וואָס טוט אָבער גאָט?

מיין ירוחם (אזוי האָט ער געהייסן) פאַלט אונטערוועגס אוועק — מיט געזונטס האָט ער זיך אָנגעגעסן און מיט קאַלט ביר פאַרטרונקען!

— דאָס געלט האָב איך געהאַט ביי מיר; לאָז איך אים איבער אין א שטעטל גאַנץ הרוב, שיק א שליח מיוחד נאָכן ווייב און פאָר ווייטער. רחמנות אהין, רחמנות אהער — געשעפט איז געשעפט. און וואָס וואָלט ער געהאַט דערפון, ווען איך אליין בלייב אויך נישט ביי דער פּאַכט?... וואָלט איך געבליבן א קבצן!

אויך האָב איך גענומען די פּאַכט... אז איך בין צוריקגעקומען איז זי שוין אַן אלמנה געווען... נו, מיט אלמנות און יתומים מאַכט מען קיין שותפות נישט, האָב איך אַרויסגעגעבן א וועקסל אויפן געלט, צו־געשריבן פּראָצענט... און היינט זיצט זי אויפן מאַרק... די עטלעכע רובל צו נישט געוואָרן...

פאַרשטייט זיך, אז איך האָב דערפון קיין נחת נישט ; ווען איך

גיי הודך, גיט א צופּ ביים האַרץ וואָרעם וואָס טו איך, אַז אַזאַ יידענע וועט אַרויס מיט אַ קללה?

און אַז מע קומט שוין, מיינט איר, אין בית־המדרש אַריין, קלויבט מען שוין נחת?

באַלד אויף די טרעפּ — שלעפּט זיך ר׳ בערעלע דיין, סאָפּעט און קרעכצט... אַ גאַרטל דאַרף ער! אַלע פיר וואָכן פאַלט ער אַוועק אויפן מיחוש, טרעפּ זיינען פאַר אים סכנות נפשות, — און אַז מע נעמט אים צונויף אויף אַ גאַרטל, מאַכט ער חתונה אַ טאָכטער! טו עפּעס, אַז דער ייד האָט פאַרט צוועלף טעכטער! העכער וואַרט שוין אויף מיר דער בלינ־דער שוחט! ער איז בלינד געוואָרן, האָט קהל צוגענומען אַ נייעם שוחט, בין איך, פאַרשטייט זיך, געווען הערביי — אויסגערעדט האָבן מיר, אַז דער נייער שוחט זאָל צאָלן דעם אַלטן צוועלף גילדן אַ וואָך, צאָלט ער נישט! אַליין אַ מטופל! בלינד איז ער, נאָר ער דער־פילט מיך! און אַז ער דערפילט מיך, גיט ער אַ קרעכץ אויף מיין חשבון, טיילמאָל זאָגט ער:

— שיין פאַרזאָרגט...

האָב איך, מיינט איר, הנאה דערפון?

דערנאָך הייבט זיך ערשט אָן: קבצנים ביים אויוון, בטלנים ביים כיור, און אָן אַלע מוז מען זיך אָפּרייבן, אויסשמעקן זייער מאַכאָרקע... אַ געקומענעם לאַנד־קבצן מוז מען נאָך שלום געבן... און אַז גאָט העלפט, איך קום שוין צו צו דער מזרח־וואַנט, שטייט ערשט אויפגע־שריבן מיט קרייד: גרויסע געכתיבעטע אותיות „חיים בן מיכל לרפואה שלימה" און דער מיכל דאַרף גראָד זיין מיין משרת!

ס׳גיהנום זאָג איך אייך, האָב איך געליטן!

אַ מענטש מיט אַ ווייך האַרץ איז נישט גוט...

מיינט איר אפשר, אַז עס איז מיר פּלוצים איינגעפאַלן צו אַנטלויפן? איינגעפּאַקט און אַרויסגעפאָרן?

ניין, עס איז אויך אַ גאַנצזאַך געווען. איך בין גאָרנישט אַזוי קלוג!

אַ ווייב האָב איך געהאַט, ווי געזאָגט, לא עליכם, אַ חולנית.

— עס איז איר וואָס אַמאָל ערגער געוואָרן.

איך האָב כמעט נישט געוווּסט דערפון: זי האָט געהאַט איר שטוב, האָט ליב געהאַט צו האָבן אַרום זיך אירע גבאיטעס, אַלערליי שכנות, איך וועל דאָך נישט אַריינגיין, זיך זעצן צווישן ווייבער. ביינאַכט — איז בעסער זי זאָל שלאָפן.

איינמאל שיקט זי מיך רופן. באשר בכן, זי וויל פארן קיין ווארשע צו א דאקטער.

מהיכא תיתי.

וויל זי אליין נישט פארן.

זאג איך, איך וועל עמעצן מיטשיקן. איין מענטש, צוויי מענטשן.

וויל זי נישט, נאר איך זאל מיט איר פארן, זי האט מורא, זי וועט, חלילה, שטארבן אויפן וועג; און שטארבן אנעם מאן וויל זי נישט...

האב איך גראד פארוויקלטע געשעפטן געהאט. און גלאט — פאר מיט א קראנקער! ביי מיין ווייך הארץ וואלט איך אויך, חס־ושלום, קראנק געווארן... האב איך דערווייל א ישוב, זאג איך: ׳כוועל זען, איבערקלערן, שפעטער, מארגן...

דערווייל הער איך אין גאס, זי שטייט שמאל....

דערנאך ווער איך געוווייר, אז חברה קדישא פארביגט זיך אויף מיר א קניפל, די ציין שלייפן זיי זיך, באשר בכן — די מקווה פאלט איין...

בע! מיטן גוטן ווילן געבן, מהיכא תיתי, אבער נייטן זאל מען מיך?

דינג איך, א שיינעם גוטן מארגן, א פועירישן לאנגן וואגן, אויסגעבעט מיט שטרוי, היים ארויפליייגן די חולנית און גיב א פאר אריין קיין ווארשע!

און גערעכט איז זי געווען, וואס זי האט געזאגט, אז זי וועט שוין פון ווארשע נישט צוריקקומען...

איין דאקטער, צוויי דאקטוירים — און, לא עליכם, ווי א הון איינגעשלאפן.

וואס איר איז געווען, ווייס איך עד־היום נישט...

נאר א מחיה — 26 רובל קבורה געלט! ווילסט? גיב א נדבה; נישט, נישט!

דערווייל, זיצנדיק שבעה, איז מיר ווארשע געפעלן, פארהאנגען, א קלאפ־שלאס; א גן־עדן! אויף ארנטלעכערע גאסן לאזט מען אפילו נישט בעטלען — — —

— ניין, — זאג איך — דא בלייב איך שוין!

אלע קליינשטעטלדיקע גבירים מוזן זיך ציען קיין ווארשע — —

1901 י.

מוסר

עס גייען צוויי ווייבער הינטער דער שטאָט. איינע א הויכע, שוואַרצע ייִדענע, מיט בייזע אויגן, שווערע, הילכעדיקע טריט; די צווייטע א דאַרע, בלאַסע, קליינע ייִדענע מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ.

— ווו פירסטו מיך, חנה? פרעגט די צווייטע.

— וואַרט, נאָך א פּאָר טריט. זעסט, דאָרט צום בערגל.

— נאָך וואָס? — פרעגט נאָך אמאָל די צווייטע מיט א באַנג אָפּגעריסן קול, גלייך זי וואָלט זיך עפּעס געשראָקן.

— וועסט הערן, קום...

זיי זיינען צוגעקומען צום בערגל.

— זעץ דיך, — מאַכט חנה.

די צווייטע פאָלגט, זעצט זיך אויפן בערגל, חנה זעצט זיך נעבן איר. — אין דער שטילקייט פון וואַרעמען זומער־טאָג, ווייט פון שטאָטישן געערודער, מאַכט זיך א געשפּרעך:

— גרונע, ווייסט ווער דיין מאַן, עליו השלום, איז געווען?

אויף גרונעס פּנים ליגט זיך א שאָטן.

— איך ווייס, — ענטפערט זי מיט פאַרביסענע ליפּן.

— א סופר איז ער געווען, גרונע! א כשרער סופר...

— איך ווייס! — מאַכט גרונע אומגעדולדיק...

— פאַר יעדן אות פלעגט ער זיך טובלען אין מקווה...

— א גראָבער ליגן... אַז ער פלעגט גיין א פּאָר מאָל אין דער וואָך, איז אמת...

— א כשרער ייד געווען.

— אמת...

— זיין זכות זאָל אונדז ביישטיין...

גרונע שווייגט.

— שווייגסט? — וווּנדערט זיך חנה.

— אלץ איינס!

— נישט אלץ איינס! זיין זכות זאל אונדז מאַקע בײשטיין! הערסט?

— איך הער!

— וואָס זאָגסטו הערצו?

— וואָס זאָל איך זאָגן, איך ווייס נאָר, אַז ער איז נישט בײגער שטאָרבן...

פּויזע. די ווײבער פאַרשטייען זיך: דער כשרער סופר איז געשטאָרבן און איבערגעלאָזט אַן אַלמנה מיט דריי יתומים — מיידלעך. גרונע האָט שוין מער נישט חתונה געהאַט, די קינדער קיין שטיף־טאַטן נישט געגעבן, אַליין אויף זיך און די קינדער געאַרבעט, נאָר קיין מזל און ברכה איז נישט געווען... „זיין זכות איז נישט בײגעשטאַנען...".

— און ווייסטו פאַרוואָס, גרונע? — האַקט איר איבער חנה די שטילקייט.

— נו...

— ווייל דו ביסט זינדיק...

— איך? — און די בלאַסע גרונע שפּרינגט אויף, ווי אַן אונטערגעשטאָסענע — איך — זינדיק?

— הער גרונע, זינדיק איז יעדער מענטש, נאָר דו אוודאי...

— אוודאי?

— גרונע, נישט אומזיסט האָב איך דיך אַרויסגעפירט אונטער דער שטאָט צום טייך צו, אויפן פעלד... קיין פרישע לופט, ברוך השם, דאַרפן מיר נישט... זעסט, גרונע, אַ מאַמע, און בפרט אַ כשרן סופרס אַן אַלמנה דאַרף...

— וואָס דאַרף זי?

— זי דאַרף זיין פרומער ווי אַלע, בעסער ווי אַלע און מער אַכטונג געבן אויף הער טאָכטער.

די בלאַסע גרונע איז נאָך בלאַסער געוואָרן. די אויגן האָבן איר אויפגעפלאַמט, די נאָז־לעכער צעשפּרייטן זיך און די בלויע פאַרבריענטע ליפּן ציטערן.

— חנה! — האָט זי אויסגעשריגן.

— דו ווייסט, גרונע, איך בין דיר אַ גוטער פריינד, נאָר דעם אמת מוז איך דיר זאָגן, אַז נישט וואָלט איך נישט געהאַט קיין פאַרענטפער פאַר גאָט... איך וועל דיך נישט באַריידן, דורך מיר וועסטו נישט קו־

מען צו לייטן אין די מילער אריין, עס וועט בלייבן צווישן אונדז. איין גאָט אין הימל וועט הערן...

— צי מיר נישט די נשמה ארויס!

— נו, הער־זשע! קורץ און שארף... נעכטן פארנאכט, שפּעט פאר־נאכט בין איך צוריקגעגאנגען פון דער באַן, און — אויף דעם בערגל איז געזעסן דיין מיידל...

— איינע אליין?

— ניין —

— מיט וועמען?

— איך ווייס? מיט א קאַפּעליוש... א צילינדער אפילו... ער האָט זי געקושט אין האַלדז־און־נאַקן... זי האָט געלאַכט און געכרופּעט צו־קערקעס.

— איך ווייס... — רופט זיך אָן גרונע מיט א קול ווי פון קבר ארויס... — עס איז נישט דאָס ערשטע מאָל...

— דו האָסט געוווסט? וואָס? א חתן איז עס?

— ניין...

— נישט? און דו... האָסט געשוויגן?

— יאָ!

— גרונע?

נאָר איצט איז שוין גרונע רויק.

— איציגד שווייג דו און הער, וואָס איך וועל דיר דערציילן, — זאָגט זי מיט א שניידנדיק קול און, אַנכאַפּנדיק חנהן ביים ארבל, נייט זי, זי זאָל זיך צוריקזעצן.

— הער, האָט זי ווייטער געצויגן — אַלץ וועל איך דיר דערציילן, אז איין גאָט אין הימל וועט אונדז הערן!

חנה האָט זיך צוריק געזעצט.

— אז מיין מאַן איז געשטאָרבן — הויבט אָן גרונע.

— ווי אַזוי רעדסטו עפּעס, גרונע?

— ווי אזוי זאָל איך ריידן?

— אָן „זכרונו לברכה? און — „נפטר געוואָרן” זאָגט מען?...

— אַלע איינס, נפטר געוואָרן, צי געשטאָרבן, באַגראָבן האָט מען אים...

— צו קבר אבות געקומען...

— זאָל זיין צו קבר אבות... נאָר מיך האָט ער איבערגעלאָזט מיט דריי יתומים — טעכטער...

— נעבעך, קיין קדיש נישט געלאָזט...

— דריי טעכטער, די עלטסטע —

— גענענדל —

— אַלט געווען פערצן יאָר...

— ביי לייטן איז אַזוינס אַ כּלה...

— ביי אונדז איז קיין ברויט נישט געווען! פון תּנאָים שרייבן און לעקעך עסן נישט צו ריידן...

— ווי אַזוי רעדסטו עפּעס היינט, גרונע!

— נישט איך ריד, מיין האַרץ־ווייטיק רעדט... גענענדל, ווייסטו, איז געווען דאָס שענסטע מיידל אין שטאָט.

— היינט אויך... קיין עין־הרע!

— היינט איז זי אַ זויערע לימענע — אַ גרויער צאָפּ! נאָר דעמלט האָט זי געלייכט ווי די זון... און איך בין דעמלט דעם פרומען סופרס אַלמנה געווען! איך האָב זי ווי אַן אויג אין קאָפּ געהיט... איך האָב געוווסט, אַז היינטיקע צייטן... עס דרייען זיך אַרום קלעזמאָרים, שנייַ־דערלעך, אַזוי דייטשלעך און אַלטע בחורים... בית־המדרשניקעס אַפילו פלעגן זיך דרייען ביים פענצטער... נאָר אויף וואָס איז אַ מאַמע? אַ כּלה־מיידל, האָב איך געוווסט, דאַרף זיין ווי אַ שפּיגל... און איך האָב מיינס באַוויזן; עס איז אויף איר קיין הויך נישט געפאַלן! געהיט האָב איך זי, געהיט! קיין אויג נישט אַראָפּגעלאָזט, קיין טריט פון שטוב אָן מיר נישט געמאַכט, און אַלץ מוסר געזאָגט... קוק נישט אַהער, קוק נישט אַהין, דאָ שטעל דיך נישט, דאָ מעק דיך נישט... קוק נישט ווי פייגעלעך פליען...

— נו, זייער וווּיל...

— ווויל ווי די וועלט! — מאַכט גרונע ביטער. — קום נאָר צו מיר אַהיים און זע, ווי זי זעט אַצינד אויס! יאָ, זי איז אַן אַמת ערלעך מיידל, נאָר פון 36 יאָר! דאַר, די ביינער צו ציילן, אַ גערונצלטע הויט, ווי פאַר־מעסט צו תּפילין, אויגן פאַרלאָשענע, דאָס פּנים זויער, און אַ שמייכל! איביק פאַרביסענע ליפּן... גאַנץ אָפט דאַך ברענען אויף די פאַרלאָשענע אויגן — דאָס ברענט דעמלט אין זיי אַ שנאה, אַ האַס, ווי אַ גיהנום... און ווייסטו צו וועמען? ווייסטו וועמען זי האָט פיינט? וועמען, מאַכנ־דיק מיט די ליפּן, זי פאַרשעלט די ביינער?

— וועמען?

— מיר! מיר — איר אייגענער מאַמען!

— וואָס רעדסטו? פאַרוואָס?

— זי אליין ווייסט אפשר נישט פארוואָס, נאָר איך ווייס! איך האָב מיך געשטעלט צווישן איר און דער וועלט, צווישן איר און דער זון! איך האָב איר, ווי זאָל איך דיר עס זאָגן? קיין וואַרעמקייט און קיין ליכט צום לייב נישט צוגעלאָזט... גאַנצע נעכט האָב איך דעריבער געקלערט ביז איך בין עס דערגאַנגען, אויף קלאָר דערגאַנגען! זי מוז מיך פיינט האָבן... יעדעס קעמערל פון איר לייב האָט מיך פיינט!

— וואָס רעדסטו?

— וואָס דו הערסט! די שוועסטער האָט זי אוודאי פיינט, שענער זייענדיק זי און יונגער.

גרונע כאַפּט שווער דעם אָטעם און חנה קאָן צו די געדאַנקען נישט קומען... זי הערט עפּעס שרעקלעכס; עפּעס ערגערס, ווי קראַנק זיין, ווי שטאַרבן, אפילו ווי „אונטער דער חופּה שטאַרבן" — דאָס גרעסטע אומגליק, וואָס עס טרעפט זיך ביי יידן, און דאָך — ריבונו של עולם, עס דאַרף אַזוי זיין!

— די יינגערע, לאָהן, האָב איך שוין און דער היים נישט געהאַלטן... איך האָב זי אָפּגעגעבן פאַר א דינסט... — הייבט ווייטער אָן גרונע צו דערציילן און די שטימע ווערט נאָך הייזעריקער, נאָך אָפּגעריסענער...

— איך האָב גענוג געשריגן דעמלט, — דערמאָנט חנה, — מעשים געטאָן, א סופרס א טאָכטער פאַר א דינסט...

איך האָב געוואָלט כאָטש איר חתונה מאַכן, זאָל זי כאָטש אביסל נדן האָבן... פון מיינע ציבעלעס, מיט וועלכע איך האַנדל, קאָן מען קיין נדן נישט אויפקלויבן...

און זי האָב איך אויך געהיט...

נישט איין באַלעבאָס האָט אויף איר אַן אויג געוואָרפן, נישט איין באַלעבאַטיש קינד האָט זיך געוואָלט פון איר א שפּילכל מאַכן... נאָר איך בין א מאַמע! איך בין א טרייע מאַמע געווען! די פיס האָב איך מיר אָפּגעהאַקט און 10 מאָל אין טאָג בין איך ביי איר אין קיך געווען, געוויינט און געחלשט, מוסר געזאָגט... האַ! גוטע ווערטער, פרומע ווערטער געזאָגט!... גאַנצע נעכט בין איך נישט געשלאָפן און געלייענט דעם קב הישר און אַנדערע הייליקע ספרים אויף עברי־טייטש, און צונויפגענומען איר איבערדערציילט... און נאָך אייגנס צוגעגעבן! גאָט זאָל מיר מוחל זיין... פון דריי שדים האָב איך געמאַכט צען, פון א

שמיץ איז געוואָרן קאַסטרוי, מיט פּיזער האָב איך געשיט! און א שוואַך קינד איז עס געווען, א שוואַך כשר קינד, עס האָט זיך געלאָזט פירן!... דער טאַטע אויסן אויג — בלאָס, אָן א ביסל בלוט, און אזוינע גוטע, פייכטע אויגן, — נאָר שענער איז זי געווען...

— דו רעדסט, רחמנא לצלן, ווי פון א טויטער!

— און דו מיינסט זי לעבט? איך זאָג דיר, זי לעבט נישט! זי האָט אָנגעזאַמלט נדן, און איך האָב איר א מאַן געגעבן!

זי האָט נעבעך געוויינט, אז זי וויל אים נישט, אז ער איז צו גראָב, צו פּראָסט פאַר איר.

נאָר א לערן־קינד נעמט נישט קיין דינסט־מיידל, בפרט מיט דריי־סיק רובל נדן!

איך האָב געדאַנקט גאָט ווער עס איז! — א שניידער־יונג, איז א שניידער־יונג!

נו! האָט ער מיט איר א יאָר געלעבט — צוגענומען האָט געלט, מיטן געזונט, מיטן רעשט ביסל כוח און איז אוועק...

נאָקעט און בלויז האָט ער מיר זי אָפּגעשטעלט, — נאָר מיט א לונגען־פעלער! זי שפּייט מיט בלוט!... א שאָטן איז עס שוין, נישט קיין מענטש... עס טוליעט זיך צו מיר ווי א קליין קינד, עס ליגט זיך ווי א לעמעלע!... און גאַנצע, גאַנצע נעכט וויינט עס...

און ווייסטו אויף וועמען זי וויינט?

— אויפן מאַן, ימח־שמו!

— ניין, חנה, אויף מיר וויינט זי! איך האָב זי אומגליקלעך געמאַכט! איירע טרערן פאַלן מיר אויפן האַרץ ווי קאָכעדיק בליי — זיי סמען מיך, די טרערן...

זי בלייבט ווייטער שטיל און כאַפּט קוים דעם אָטעם.

— הכלל? — פרעגט חנה —

— הכלל? — האָב איך מיר שוין געזאָגט: גענוג! זאָל מיין דריטע טאָכטער שוין לעבן! לעבן זאָל זי, ווי זי וויל!

זי אַרבעט אין פאַבריק, זעכצן שעה אין טאָג אַרבעט זי, קוים אויף טרוקן ברויט פאַרדינט זי... זי וויל צוקערקעס אויך, זאָל זי עסן! זי וויל לאַכן, שטיפן, קושן זיך — זאָל זי — הערסט, חנה — זאָל זי! איך קאָן איר קיין זיסע זאַכן נישט געבן, קיין מאַן אוודאי און אוודאי נישט! א ציטרין פון איר מאַכן וויל איך נישט, א לונגען־פעלער געבן — נישט, נישט! זאָל שוין די טאָכטער מיך נישט האַסן, אויף מיר נישט וויינען.

אָבער גרונע, — שרייט חנה אויס דערשראָקן, — וואָס וועלן זאָגן לייט?

—זאָלן לייט פריער אויף אָרעמע יתומים רחמנות האָבן, נישט אַרבעטן מיט זיי ווי מיט אייזלען אומזיסט! זאָלן מענטשן האָבן הער־צער פון מענטשן און נישט האַלטן אָרעמע לייט צום אויסדריקן ווי לי־מאָנעס...

— און גאָט? גאָט, ברוך הוא!

און גרונע הויבט זיך אויף און שרייט, גלייך זי האָט געוואָלט, גאָט זאָל אין הימל הערן —

— האָט גאָט געזאָלט פריער יענע פאַרזאָרגן...

עס איז אַ שוועריע שטילקייט! ביידע ווייבער אָטעמען שווער, ביידע שטייען זיך אקעגן מיט בליצן אין די אויגן.

— גרונע! — שרייט ענדלעך אויס חנה — גאָט! גאָט וועט שטראָפן!

— נישט מיך, נישט מיינע טעכטער! גאָט איז ערלעך! ער וועט שמעצן אַנדערש שטראָפן! עמעצן אַנדערש!

פונוואַנען נעמט זיך: „ער שפּילט פאַרן טייוול"

עס האָט געקאָנט זיין א קלעזמער, וואָס האָט זיך אין א מיידל אויף א חתונה פארליבט. ער האָט זעלטן, זעלטן שיין און טרויעריק געשפּילט, ווייל ער האָט באמערקט, אז זי הערט, פילט און פארשטייט אים.

אויף דער חתונה, ווו זי איז געווען, האָט ער געשפּילט שטענדיק וויינענדיק, שטענדיק הארץ־רייסנדיק; שטענדיק האָט זיך זיין ווייטיק געגאָסן און געגאָסן.

און דער עולם האָט נישט פארשטאנען, וואָס עס איז, און האָט דערביי „מצווה־טענץ" געטאנצט; זי איינע האָט פארשטאנען, און די ליכט אין איר אויגן, אָדער דער פייכטער טוי אין זיי, האָט אויף זיין שפּילן געענטפערט.

איז זי אָבער אויף דער חתונה נישט געווען, האָט ער גלייך ווי אלע אָנגעהויבן גרימפּלען און רופן:

— שבת, שבת!

עס האָט געהילכט, געשארפּעט, געריסן, די געדערים איבערגע־וואָרפן...

און דער עולם האָט געזאָגט:

— היינט שפּילט ער וואויל! ער רייסט איין סטרונע נאָך דער צווייטער!

דערנאָך האָט ער אויף איר אייגענער חתונה געשפּילט:

זי איז א יתומה געווען, און ביים אל מלא רחמים האָט די פידל אזוי יאָמערלעך געוויינט, אזוי געקלעמט, אזוי געקרעכצט, אז...

אז די מענער האָבן געוויינט ווי ווייבער, און ווייבער האָבן גע־חלשט.

— דער טייוול שטעקט אין זיין פידל, — האָט מען געזאָגט.

און ערשט, אז די כלה האָט אָנגעהויבן חלשן און ווייבער האָבן

זיך מיט קרעמפּן צעלאַכט, האָט מען אים די פֿידל פֿון די הענט אַרויסגע־ריסן.

דעמלט ערשט האָט מען באַמערקט, אַז ער האָט גלעזערנע אויגן...

דערנאָך האָט ער אַ צייטלאַנג נישט געשפּילט.

ער איז ערגעץ פֿאַרפֿאַלן געוואָרן, אפֿשר ערגעץ קראַנק געלעגן... אין אַ צייט אַרום האָט מען אים ווידער אין אַ קאַפּעליע געזען, נאָר — קוים דערקענט... בלאַס, אויסגעמאַגערט, מיט פֿאַרלאָשענע אויגן; גאָרנישט דער מענטש און גאָרנישט דאָס שפּילן. ער האָט שוין מער קיין שטיי־גער נישט געשפּילט, אַפֿילו נישט פֿרים געהאַלטן. אָן אַנדערער האָט גע־שפּילט פֿרים, און ער האָט צוגעהאָלפֿן, זיצנדיק, נישט רירעוודיק...

איינמאָל האָט ער זי דערזען ביי אַ „וועטשערע". ער איז אויפֿגע־שפּרונגען, אויסגעריסן די פֿידל ביים פֿרים און אָנגעהויבן שפּילן. שפּילן ווי אַמאָל: דאָס אויג פֿלאַמט, דאָס האַרץ הייקט, די פֿידל וויינט —

נאָר קיינער הערט נישט... זי הערט אויך נישט! זי האָט זיך צודיק פֿאַרמישט צווישן די ווייבער, ער זעט זי נישט, איר בליק ענטפֿערט נישט —

— היי! קלעזמער — שרייט אַ מחותן — שפּילט עפּעס פֿריי־לעכס צו דער וועטשערע!

כאַפּט ער די פֿידל, וואַרפֿט צו דער ערד און אַנטלויפֿט.

— אין דעם יונג שטעקט דער טייוול, — האָט מען געזאָגט.

פֿון דעמלט אָן האָט ער גאָר אויפֿגעהערט צו שפּילן אויף חתונות. דער עול פֿון פּרנסה איז איינגאַנצן אויפֿן ווייב געפֿאַלן; ער איז געזעסן אין שטוב, שטענדיק מיד, בלאַס, אָן כּוח.

דאָס ווייב האָט געזאָגט: אַ דיבוק, און געמאַכט זיך אַ שמעל אויפֿן מאַרק מיט געקאָכטע אַרבעס.

זי דאַנקט אין לויבט דעם אייבערשטן, וואָס האָט זי געשטראָפֿט מיט רחמנות, וואָס האָט איר אַ גוטן דיבוק געשיקט. אַן אַנדערער שלאָגט און הרגעט און האַקט אויס די שויבן; דער דיבוק איז כּמעט אַ גוטער, אַ שטילער... וואָלט זי געהאַט געלט, וואָלט זי צו אַ גוטן־ייִד געפֿאָרן.

— ער איז אַזוי גוט, — רימט זי זיך, — אַז ער שעלט אַפֿילו נישט, אַמאָל פֿלעגט אים גיכער אַ קללה אַרויס פֿון מויל; היינט איז ער שטיל, ווי אַ טויב. ער וויל אַפֿילו נישט עסן... גיט מען אים, עסט ער, נישט — נישט!

נאָר טיילמאָל, האַלבער נאַכט, מערסטנטייל אין אַ לבֿנה־נאַכט —

הייבט ער זיך אויף, נעמט אראָפּ די פידל פון וואַנט, זעצט זיך צום פענצטער און שפּילט.

ער שפּילט אַמאָל וויינענדיק, אַמאָל לאַכנדיק; אַמאָל בעט ער, אַמאָל בייזערט ער זיך, אַמאָל רייסט ער די סטרונעס, אַמאָל גלעט ער זיי אַזוי איידל, אַזוי פיין, אַזוי האַרציערדיק ווייך, אַז עס ציטערט אין אַלע גלידער...

און דער עולם זאָגט:

— ער שפּילט פאַרן טייוול.

1894 י.

משיחס צייטן

אזוי ווי אין אלע יידישע שטעט און שטעטלעך אין גאַליציע, איז אויך געווען אין דער קהילה, ווו מיינע עלטערן האָבן געוווינט א משוגענער.

ווי געוויינלעך האָט דער משוגענער פאַר קיינעם נישט קיין מורא געהאַט, נישט פאַר קהל, נישט פאַרן רב און דיינים, אפילו נישט פאַר דעם בעדער מיטן קברות־ייד, פאַר וועלכע די גרעסטע גבירים שרעקן זיך. פאַר דאָס האָט דאָס גאַנצע שטעטל, גאַנץ קהל מיט דעם גאַנצן כלי־קודש, מיטן בעדער און מיטן קברות־ייד, געציטערט פאַר דעם משו־גענעם און פאַרמאַכט פאַר אים טיר און טויער. און אויבוואָל דער אָרעמער משוגענער האָט קיינעם נישט געריהרט קיין שלעכט וואָרט, קיינעם נישט אָנגעריהרט מיטן מינדסטן פינגער; האָבן אויף אים אַלע געשריגן, מאַנכע געשלאָגן, און די גאַס־יונגען פלעגן אים נאָכוואַרפן בלאָטע און שטיינער.

איך האָב תמיד רחמנות געהאַט אויף דעם משוגענעם. עס האָט מיך עפּעס צו אים געצויגן, איך האָב מיט אים געוואָלט רעדן, אים טרייסטן, א גלעט טאָן, נאָר צוגיין צו אים איז געווען אוממעגלעך. איך וואָלט באַקומען א טויל פון די בלאָטע און שטיינער, מיט וועלכע מע פלעגט אים באָמבאַרדירן. איך בין געווען א יונג קינד, איך האָב גע־טראָגן א פיינעם אנצוג פון לעמבערג אָדער פון קראָקע; און האָב מיר אָפּגעהיט מיינע פּליצעס פון שטיינער און מיין אנצוג פון בלאָטע, און זיך געהאַלטן פון ווייטנס.

דאָס שטעטל, ווו מיינע עלטערן האָבן געוווינט און איך האָב איי־בערגעלעבט מיינע קינדער־יאָרן אין אנצוגן פון לעמבערגער און קראָ־קעווער שניידערס, איז געווען א פּעסטינג, אַרומגעצוימט מיט גריבער, וואַסער, וואַלן און הייכע מויערן. אויף די מויערן זיינען געשטאַנען האַרמאַטן און זעלנער מיט ביקסן האָבן זיי געהיט, מאַרשירנדיק אויף

און אָפּ ערנסט און שווייגנדיק. קוים איז נאָר צוגעפאַלן די נאַכט, האָט מען אויפגעהויבן די אייזערנע בריק איבערן וואַסער, פאַרשלאָסן אַלע טויערן און אָפּגעריסן דאָס שטעטל פון דער רעשט וועלט ביז אינדערפרי. ביי יעדן פאַרמאַכטן טויער איז געשטאַנען אַ וואַך, באַוואָפנט פון קאָפּ ביז די פוס.

ערשט נישט לאַנג, בייטאָג, זיינען מיר אַלע פריי געווען, מע האָט געמעגט גיין אַרויס און אַריין, נישט אָנגעפרעגט צוערשט ביים פלאַץ־מאַיאָר; מע האָט זיך אויך געמעגט באָדן אין טייך אונטער דער שטאָט, אַפילו זיך אויסציען אויף דער גרינער לאָנקע ביים טייך און קוקן אין הימל־אַריין, אָדער ווייט ערגעץ אין דער וועלט אַריין, ווי אײַער האָט געוואָלט. קיינער האָט נישט פאַר דעם קיין שלעכט וואָרט גערעדט. איז עמעץ אַפילו נישט צוריקגעקומען, האָט מען אויף אים נישט געפרעגט. נאָר ביינאַכט, האָט מען געוואָלט, זאָל זיין שטיל אין שטעטל, מע זאָל זיך נישט אַרויס און נישט אַריינדרייען. אַ „גליק״, פלעג איך דעמלט קלערן ביי מיר, „וואָס מע לאָזט אונדז כאָטש אַריין די לבנה.

און אַזוי לאַנג איך וועל לעבן, וועל איך נישט פאַרגעסן דעם „בין־השמשות״, דאָס צופאַלן פון דער נאַכט. צוזאַמען מיט דעם אָוונט־לעבן שאָטן פאַרשפרייט זיך אַ שוידער איבער דעם גאַנצן שטעטל, מענטשן און היזער ווערן פלוצלינג ווי איינגעהויקערטער. מע ציט די בריק, די אייזערנע קייטן רייבן זיך אין די אומגעהויערע בלאָקן; דאָס אייזערנע קראַצן, די האַרטע, אָפּגעריסענע טענער פאָרן דורך די ביינער. דערנאָך פאַלט־צו אַ טויער נאָך אַ טויער. יעדן אָוונט געשעט דאָס זעלבע, און דאָך ציטערן יעדעס מאָל די פוס אונטער דעם מענטש, אַ שטומפיקע מידקייט לייגט זיך אויף אַלע פנימער, אַלע אויגן לעשן זיך אויס ווי ביי טויטע, די ברעמען פאַלן אַראָפּ ווי בלייערנע, דאָס האַרץ בלייבט שטיל און מע אָטעמט קוים. דערנאָך הייבט אָן דער פאַרטרויל צו קורסירן אין די גאַסן, עס קלאַפּן די נאָכגעלאָזטע שווערדן אין די גרויסע וואַסער־שטיוול, די באַגנעטן בלישטשען און מע שרייט: „ווער־דאָ?״ אויף דעם מוז מען ענטפערן: „אַ היימישער, אַן איינגעזעסענער!״ אז נישט, ווייסט גאָט צו וואָס עס קאָן קומען. מאַנכע פלעגן זיך שוין בעסער פאַרמאַכן אונטער שלאָס און ריגל, זיי האָבן מורא זיך אַפילו אַרויסצווייזן אויף דער גאַס...

איינמאָל האָט זיך מיר געמאכט א צופאל: איך האָב מיך גע־באָדן אונטער דער שטאָט, איך האָב מיך פארקוקט, צי פארטראכט, צי גלאט אזוי פארגעסן, אז נאָך טאָג גייט נאכט; פלוצלינג זע איך, ווי מע הייבט די בריק; עס שניידט אין די אויערן, עס פאלן צו די טויערן, עס קנאקט און שלאָגט זיך אָפּ מיר אין האַרץ. פארפאלן! איך מוז שוין בלייבן איבער נאכט אונטער דער שטאָט... און א וואונדערלעכע זאך: ליגנדיק אינדערהיים אין ווארעמען בעט, פלעגט זיך מיר נאכט אויף נאכט חלומען פון דער פרייער וועלט אויסער דער פעסטונג; און דאָס ער־שטע מאָל, אז מיין חלום איז מקוים געוואָרן, איז מיך באפאלן א שרעק! עס האָט זיך אָנגעהויבן דער באוווסטער שטרייט צווישן קאָפּ און האַרץ. דער קאָפּ האָט גערופן: רייק, געניס אויך אמאָל די ריינע, פרייע לופט, דעם אויסגעשטערנטן פרייען הימל. און דאָס האַרץ האָט זיך געטאָן זיינס, געוואָרפן זיך און געצאפלט, צום ארויסשפרינגען. הערנאָך האָט זיך מיר אויפגעהויבן ווי א דונסט, ווי א נעפּל פון שווערן האַרץ אין איז מיר געשטיגן אין קאָפּ אריין. דער פרייער געדאנק איז געוואָרן טונקל און טונקעלער, און איז באלד אונטערגעגאנגען אונטער דעם וואָלקן. עס האָט מיר אָנגעהויבן צו קלינגען אין די אויערן און צו פינטלען אין די אויגן. מיט יעדן לייכטן גערויש, פון יעדן לייכטן שאָטן פון א צווייג, פון קלענסטן גרעזל, האָט זיך מיר אריינגעזאפּט דורך די אויגן, ווי דורך די אויערן, א מין שוידער, א שרעק, וואָס האָט מיך גע־וואָרפן אויף דער ערד!

איך האָב באהאלטן דאָס פּנים אין זאמד...

צי בין איך געשלאָפן צי ניין, און ווי לאנג איך בין אזוי געלעגן — אָסור אויב איך ווייס! נאָר פלוצלינג האָב איך דערהערט, אז מע אָטעמט נאָענט לעבן מיר. איך שפּרינג אויף. איך בין נישט אליין. צוויי גוט באקאנטע, טיפע, שווארצע אויגן קוקן אויף מיר הארציק און געטריי.

עס איז געווען דער משוגענער.

— וואָס טוסטו דאָ? — פרעג איך מיט א דומפּיקער שטימע.

— איך שלאָף קיינמאָל נישט אין שטאָט! — ענטפערט ער מיר טרויעריק, און דער בליק זיינער איז אזוי ווייך, די שטימע אזוי ברי־דערלעך, אז איך קום צו מיר אינגאנצן און פארגעס מיין שרעק.

אמאָל, דערמאָן איך זיך פלוצלינג, פלעגט מען האלטן משוגעים פאַר נביאים — און די מאָרגנלענדער איז דאָס נאָך ביז היינט — און איך פרעג מיך: צי ער איז נישט ווירקלעך איינער פון זיי? צי

יאָגט מען אים נישט ווי א נביא? צי וואַרפט מען אים נישט נאָך קיין שטיינער ווי א נביא? צי לייכטן אים נישט די אויגן ווי די שטערן? צי קלינגט נישט זיין שטימע ווי די פיינסטע האַרפע? צי ליגט נישט אין אים דער שמערץ פאַר אַלע. דאָס ליידן פאַרן גאַנצן דור? אפשר ווייסט ער טאַקע אויך, וואָס שפּעטער וועט זיין?...

איך פּרוּוו און הייב־אָן צו פרעגן, און ער ענטפערט מיר אַזוי שטיל, אַזוי זיס, אַז עס דאַכט זיך מיר טיילמאָל, אַז עס איז נאָר א חלום, א זיסער חלום פון א זומער־נאַכט אויף יענער זייט פּעסטונג.

— דו גלויבסט אין משיחס צייטן? פרעג איך אים.

— געוויס! — ענטפערט ער שטיל און זיכער. — משיח מוז קומען!

— ער מוז?!

— גאַנץ זיכער! אַלע וואַרטן אויף אים, אפילו הימל און ערד וואַרטן! ווען נישט, וואָלט זיך קיינעם נישט געגלוסט צו לעבן, צו טאָן די האַנט אין קאַלטן וואַסער... און, אויב מע לעבט און מע טוט, גלייך מע וויל לעבן, איז א סימן, אַז אַלע פילן, אַז משיח קומט, אַז ער מוז קומען, אַז ער איז שוין אין וועג...

— צי איז אמת, — פרעג איך ווייטער, — אַז פריער וועלן זיין שרעקלעכע מלחמות איבער פּאַלשע משיחן, די מענטשן וועלן זיך אַרומרייסן ווי ווילדע חיות, די ערד וועט אָנגעזאַפּט ווערן מיט בלוט; טייכן בלוט וועלן פליסן פון מזרח קיין מערב און פון הדרום קיין צפון, אַלע חיות, בהמות וועלן טרינקען מענטשן־בלוט; אַלע פעלדער, אַלע גערטנער, אַלע טראַקטן און אַלע וועגן וועלן פאַרגאָסן ווערן מיט מענטשן־בלוט... און אינמיטן דער צייט פון בלוטיקן מבול וועט זיך ערשט באַווייזן דער אמתער משיח, דער רעכטער... איז דאָס אמת?

— אמת!

— און מע וועט אים דערקענען?

— יעדער וועט אים דערקענען, עס וועט קיינער נישט האָבן קיין טעות, ער וועט זיין משיח מיט יעדער מינע, מיט יעדן וואָרט, מיט יעדן בליק. ער וועט נישט האָבן קיין חיילות, ער וועט נישט רייטן אויף קיין פערד, און א שווערד וועט אים נישט הענגען אויף די לענדן...

— וואָס דען?

— פליגל וועט ער האָבן... משיח וועט האָבן פליגל, און אַלע וועלן דערנאָך באַקומען פליגל. עס וועט זיין אַזוי: פליצלונג וועט געבוירן ווערן א קינד מיט פליגל, דערנאָך — א צווייטס, א דריטס און אַזוי

וועט עס שוין גיין כסדר... פריער וועלן זיך די מענטשן דערשרעקן, הערנאָך וועט מען זיך צוגעוווינען, ביז עס וועט אַרויסקומען אַ גאַנ־צער דור מיט פליגל; אַ דור, וואָס וועט זיך נישט מער וועלן וואַלגערן אין דער בלאָטע, און וועט זיך נישט מער רייסן איבער אַ פרנסה־ווערעמל...

לאַנג נאָך האָט ער אַזוי גערעדט, נאָר איך האָב אים אויפגעהערט צו פאַרשטיין. זיין שטימע איז דאָך געווען אַזוי אומעטיק־זיס, אַז איך האָב זי איינגעזאַפּט אין מיר ווי אַ שוואָם. אַז ער האָט אויפגעהערט צו רעדן, האָט שוין געטאָגט, מע האָט שוין די טויערן געעפנט און די בריק אַראָפּגעלאָזט...

זינט יענער נאַכט אויסער דער פעסטונג איז מיר דאָס לעבן אין איר נאָך שווערער, נאָך אומדערטרעגלעכער געוואָרן. די אַלטע מויערן, די קראַצנדיקע אויסגעצויגענע בריק, די אייזערנע טויערן, די וואַכטן און פּאַטרולן, דער הייזעריק־צאָרנדיקער: „ווער־דאָ?" דער אונטערטע־ניק־פאַלשער: „אַ היימישער, אַן אייגענער!". דאָס אייביקע ציטערן פון די ליימיקע פנימער, די איבערגעשראָקענע האַלב־פאַרשלאָפענע אויגן, דער מאַרק מיט די פאַרבלאָנקעטע, ציטעריק־פוילע שאָטנס, — דאָס אַלץ האָט זיך מיר געלייגט ווי אַ בליי אויף דער נשמה, נישט אָפּצואָטעמען, נישט פריי צו ווערן... עס האָט מיך אָנגעכאַפּט אַ האַרץ־ווייטיק, עס האָט מיך דורכגענומען אַ שרעקלעכע בענקשאַפט. און איך האָב באַשלאָסן, משיחן אַקעגנצופאָרן.

איך זעץ זיך אויף דעם ערשטן בעסטן וואָגן. דער באַלעגאָלע דרייט זיך צו מיר איבער און פרעגט:

וווּ־אַהין?

— וווּ דו ווילסט! — ענטפער איך — נאָר אַוועק, ווייט, ווייט פון דאַנען!

— אויף ווי לאַנג?

— ווי לאַנג דאָס פערד וועט אויסהאַלטן!...

דער באַלעגאָלע נעמט די לייצן אין האַנט און מיר פאָרן.

מיר פאָרן אַלץ ווייטער און ווייטער. אַנדערע פעלדער, אַנדערע דערפער, אַנדערע שטעט, אַלצדינג אַנדערש; עס איז אָבער נאָר אַנ־

דערש פון אויבן, דער תוך איז שטענדיק דער זעלביקער. אז איך האָב מיך גוט איינגעקוקט, איז איבעראַל און אויף אַלעם געלעגן די זעלבע מרה־שחורה, יעדער מענטשן־בליק איז געווען ציטערדיק־פאַלש, יעדער טאָן — איבערגעבראָכן און שטאַלפּעריק... אויף אַלץ איז געלעגן א טרויעריקער נעפּל, וואָס האָט פאַרשטעלט יעדן שיין און האָט געלאָשן יעדע פרייד. אַלץ איז געווען צוזאַמענגעדריקט און פאַרשטיקט. און איך שריי אַלץ אינעווייניק: „ווייטער"!... איך הענג אָבער אָפּ פון באַלעגאָלע און דער באַלעגאָלע פון פערד... דאָס פערד וויל עסן, און מיר מוזן זיך אָפּשטעלן.

איך קום אין א קרעטשמע אַריין. עס איז א גרויסע שטוב, איבער־געטיילט אין דער העלפט מיט אן אַלטער פאָרהאַנג, וואָס גייט פון איין וואַנט צו דער צווייטער. און דער זייט פאָרהאַנג זיצן דריי מענער ביי א גרויסן טיש. זיי באַמערקן מיך נישט, און איך האָב צייט, זיי צו באַ־טראַכטן. עס זיינען דריי דורות. דער עלטסטער איז גראָ ווי א טויב, דאָך זיצט ער גלייך און קוקט מיט שאַרפע אויגן, אָן ברילן, אין א גרויס ספר, וואָס ליגט פאַר אים אויפן טיש. דאָס אַלטע פּנים איז ערנסט, די אַלטע אויגן קוקן זיכער, און דער אַלטער מענטש מיט דעם ספר גיסן זיך צוזאַמען דורך דער ווייסער באָרד, וואָס האָט זיך צעליגט מיט אירע זילבערנע עקן אויף די בלעטער פונעם ספר. — נעבן אים רעכטס זיצט א יונגערער, געוויס א זון זיינער: דאָס זעלבע געזיכט, נאָר יונ־גער, רירעוודיקער, נערוועזער, סעקונדנווייז מידער און צעגאַנגענער. ער קוקט אויך אין א ספר אַריין, נאָר ער קוקט שוין אויף א בריל. דאָס ספר איז קלענער און ער האַלט עס נענטער צו די אויגן, אָנגעשפּאַרט אויפן ראַנד פונעם טיש. ער איז אין די מיטעלע יאָרן; באָרד און פּאות — האַלב זילבערנע. ער שאָקלט זיך אַהין און צוריק. זיין גוף, דאַכט זיך, וויל זיך יעדס מאָל אָפּרייסן פונעם ספר, נאָר דאָס ספר ציט אים צו זיך צוריק. ער שאָקלט זיך און די ליפּן ציטערן שטיל. אַמאָל קוקן די אויגן אַהין צום אַלטן; יענער דאָך באַמערקט עס נישט. — לינקס פונעם אַלטן זיצט דער יינגסטער, דאַכט זיך — און אייניקל פונעם אַלטן. א יונגערמאַן מיט שוואַרץ, גלאַנצנדיקע האָר און א ברענענדיק צוואָרפענעם בליק. ער קוקט אויך אין א ספר אַריין, נאָר דאָס ספר איז קליין און ער האַלט עס נאָענט צו די לעבעדיקע אויגן. גאַנץ אָפט רוקט ער עס אַוועק פון זיך, וואַרפט א בליק, אויסגעמישט פון שרעק און הרך־אַרץ איבער אַלטן, קוקט אַריבער צום פאָטער מיט א האַלב־אוי־ראַנישן שמייכל און בייגט זיך איבער צו הערן, וואָס עס טוט זיך אין

יענער זייט פֿאָרהאַנג, און פֿון יענער זייט פֿאָרהאַנג הערט זיך קרעכצן, גלייך עמיצער גייט דאָרט צו קינד...

איך וויל הוסטן, מע זאָל מיך באַמערקן. און דער זעלבער סעקונדע פֿאַרבייגט זיך אַ שטיק פֿאָרהאַנג און עס באַווייזן זיך צוויי פּרויען, איינע אַן אַלטע מיט אַ שאַרף בייזערדיק פּנים און שאַרפֿע אויגן, די צווייטע אַ יינגערע פֿרוי אין די מיטעלע יאָרן, מיט אַ ווייכן אָפּגעשמאָלצענעם פּנים און אַ נישטהיכערן בליק. זיי שטייען, קוקן צו די מענער און וואַרטן, מע זאָל זיי פֿרעגן. דער עלטסטער באַמערקט זיי נישט. זיין נשמה האָט זיך צוזאַמענגעגאָסן מיט דער נשמה פֿונעם ספֿר. דער מיטעלער באַמערקט די פֿרויען און קלערט, ווי אַזוי דעם פֿאָטער צו וועקן; דער יונגסטער שפּרינגט דערווייל אויף.

— מאַמע! באָבע! נו?...

זיין פֿאָטער שטעלט זיך אויף אומרויק, דער זיידע רוקט נאָר אַביסל אָוועק דאָס ספֿר און הייבט אויף די אויגן צו די פֿרויען.

— וואָס טוט זיך? — פֿרעגט ווייטער דער יונגסטער מיט אַ ציטערדיקער שטימע.

— איבערגעקומען! — ענטפֿערט די אַלטע רויק.

— איבערגעקומען? איבערגעקומען? — שטאַמלט דער יונגער.

— זאָגסט נישט, מאַמע, „מזל־טובֿ"? — פֿרעגט דער מיטעלער.

דער אַלטער קלערט איבער און פֿרעגט:

— וואָס איז געשען? און ווען אַפֿילו אַ מיידל...

— ניין! — ענטפֿערט ערשט אַציינד די אַלטע — אַפֿילו אַ יינגל...

— אַ טויטס?

— ניין, עס לעבט! — ענטפֿערט די אַלטע. אין דעם קול קלינגט דאָך נישט קיין פֿרייד.

— אַ קריפּל? אַ קאַליקע?

— צייכנס האָט ער! אויף ביידע אַקסל...

— וואָס פֿאַר אַ צייכנס?

— פֿון פֿליגל...

— פֿון פֿליגל?

— יאָ, פֿון פֿליגל, און זיי וואַקסן...

דער אַלטער בלייבט זיצן פֿאַרזאָרגט, דער מיטעלער — פֿאַרוווּנדערט, דער יינגסטער נאָר שפּרינגט אונטער פֿאַר פֿרייד.

ווויל, ווויל! זאָלן זיי וואַקסן, זאָלן פֿון זיי ווערן עכטע פֿליגל, גרויסע, שטאַרקע פֿליגל, ווויל, ווויל!

— וואָס איז די שמחה? — פרעגט דער מיטעלער.

— אַ שרעקלעכע קאַליקע! — זיפצט דער אַלטער.

— פאַרוואָס? — פרעגט דאָס אייניקל.

— פליגל — ענטפערט דער אַלטער שטרענג — הייבן אין דער הייך... מיט פליגל קאָן מען זיך נישט דערהאַלטן אויף דער ערד.

— אַ וויכטיקע זאַך! — מאַכט דאָס אייניקל טראַציק — איז מען פּטור דאָס מושב, וואַלגערט מען זיך נישט אין דער בלאָטע, לעבט מען אין דער הייך... צי איז דען דער הימל נישט שענער פון דער ערד?

דער אַלטער ווערט בלאַס, און דער מיטעלער נעמט דאָס וואָרט:

— נאַריש קינד! פון וואָס קאָן מען לעבן אין דער הויך? לופט שלינגען איז ווייניק. אין דער הייך איז נישטאָ צו דינגען קיין קרעטשמע. אין דער הייך קאָן מען נישט איבערנעמען קיין „פּאָדריאַד"... אין דער הייך האָט מען אפילו נישט ביי וועמען אַ האָזן־פעלכל צו קויפן... אין דער הייך...

דער אַלטער שלאָגט אים איבער:

— אין דער הייך — זאָגט ער פעסט און האַרט ווי אייזן — איז נישטאָ קיין שול, קיין בית־המדרש, קיין קלויז צום דאַווענען, צום לערנען; אין דער הייך איז נישטאָ קיין שטעג אויסגעטרעטן פון קדמור בים! און דער הייך בלאָנקעט מען זיך, בלאָנדזשעט מען ווייל מע ווייסט נישט דעם וועג... מע איז מאַקע אַ פרייער פויגל, נאָר ווי דעם פרייען פויגל, אַז עס באַפאַלט אים אַ ספק, אַ מרה־שחורה!...

— ווי הייסט? — שפּרינגט אויף דער יינגסטער מיט הייס בלוט און ברענענדיקע אויגן לייזער קומט ער נישט צום וואָרט, די באָבע האַקט איבער:

— נאַרישע מאַנצבילן! — מאַכט זי — וועגן וואָס זיי קלערן... און דער רב, צי וועט אים דער רב לאָזן מל־זיין? צי וועט ער לאָזן אַ ברכה מאַכן איבער אַ קינד מיט פליגל?...

איך גיב מיך אַ כאַפּ אויף. מיין איבערנעכטיקן אויסער דער שטאָט, די נסיעה און דאָס קינד מיט די פליגל זייטען נאָר אַ חלום געווען. —

איבער אַ שמעק טאַבעק

אַז דער בעל־דבר איז געזעסן, אַ פּוס איבער אַ פּוס, מיט אַ ליב־לעך־זאַטן שמייכל, און האָט געלאַט אַזוי, האַלב געגעצנדיק געבלעטערט אין קאָנטאָ־בוך פון לעבעדיקע נפשות, האָט ער פּלוצלונג אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט.

ער איז צוגעקומען צום בעלעמער רבס קאָנטאָ — און קיין תמונת אות — אַ ליידיק בלאַט.

אויפן פּאַטש, פאַרשטייט זיך, זיינען זיך דערווייל אָנגעלאָפן גיהנום־לאַפּיטוטן; זיי שטייען און דער טיר, ווי די כלבים, מיט די צונגען אַרויס, און וואַרטן אויף אַ באַפעל.

— שיקט נאָר — הייסט דער בעל דבר, — עמעצן אַרויף געוואָר ווערן, צי דער בעלעמער רב האָט אריכת ימים.

די לאַפּיטוטן פאַרשווינדן אַזוי שטיל, ווי זיי זיינען געקומען, און עס גייט נישט אַוועק קיין פערטל שעה, קומט אַ תשובה: געווען אין קאַמער פון לעבן; דעם בעלעמער רבס פאָדעם — כמעט נישט מיטן אויג צו דערזען — היינט מאָרגן רופט מען אים!

— זאָל אַריינקומען דער שרייבער!

טאַנצט אַריין אַ גאָל־קעפּיק שרייבערל, מיט רויט־לויפנדיק־לוסטיקע אייגעלעך, הינערשע פיסלעך, אַ קידה אַהין, אַ השתחוויהלע אַהער; גיט זיך אַ זעץ אַוועק אויף דער שוואַרץ־ברענענדיקער סמאָלע־פאָדלאָגע אויף טערקיש — די פּיס אונטער זיך; כאַפּט אַרויס פון איין זייט בוזעם־קעשענע כלי־כתיבה: אַ נייע קראָהענע פעדער פון דער נאָדל; אַ טינטער מיט רויט־זינדיק בלוט, אָפּגעצאַפּט פון אַ הבא על הערוות, פון דער צווייטער זייט, אין וויקלט אויף אַ פּריש אויסגעאַרבעט שטיקל אפיקורסות־הויט, שפּייט זיך אָן אויף דער יד און וואַרפט אַן אונטער־בעניקסטן בליק צום בעל־דבר: פּאַרטיק!

גיט זיך דער בעל־דבר אַ בייג אויס אויף דעם פאָטער־שטול און

דיקטירט. דאָס שרייבערל שטרעקט ארויס א צונג און מאכט א צוק נאָך א צוק. די פעדער לויפט און סקריפעט, און צום בית־דין של מעלה גייט א ראַפּאָרט כהאי לישנא:

„היות, אין פּסוק שטייט: אין אדם בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא... און דאָ איז פאַראַן א בעלעמער רב, וואָס שטייט מיט איין פוס ביים קבר, און זיין בלאַט איז ליידיק! על־כן, אויב מע וויל, עס זאָל בלייבן „משה אמת ותורתו אמת" — זאָל מען דעם בעלעמער איבער־געבן אין בעל־דבֿרים רשות אריין"...

קומט, נאָך א קורצן ישובֿ, פון בית־דין של מעלה א תשובֿה: „עיין איובֿ, קאַפּיטל א'".

פאַרשטייט שוין דער בעל־דבֿר, וואָס מע מיינט: טו מיט אים — הייסט עס, — וואָס דו ווילסט, „רק את נפשו שמור" — לעבן זאָל ער, ווי לאַנג עס איז אים באַשערט.

איז אָבער נישט אַזוי לייכט, ווי עס רעדט זיך.

קיין אשה האָט דער בעלעמער רב, לא עליכם, נישט; מכּמה שנים אן אלמן, קינדער — אויסגעגעבענע, און „לא יומתו אבֿות על בנים", יחזקאל האָט געזאָגט — פאַרפאַלן! פון ישאָף און רינדער איז אַוודאי נישט צו רעדן — קיין פּיצל ציג נישט צומאָל! א הויז האָט דער בעלע־מער רב סיי־ווי־סיי נישט קיין ריינע, האַלט זיך, נעבעך, אין איין קראַצן... און גלאַט נעמען א בעלעמער רב מיט יסורים!

— עפּעס א תּאוה־לוי — טראַכט דער בעל־דבֿר און באַלעקט זיך, שטרעקט אויס די האַנט צום טיש, רירט אָן דאָס גלעקל פון א חקור־נישן שאַרבן־קאָפּ — א פולע שטוב לאַפּיטוטן!

— ווענען ווילן מיר שיקן און ווער וועט אונדז גיין אַראָפּצופירן דעם בעלעמער רב פון וועג?

ווערט א געשריי: איך, איך, איך —

אלע ווילן! מע ווייסט, אז פּאָר אַזוינע קונצן וואַקסט מען, ווי אויף הייוון.

אהער און אהין, ס'קאָן קומען צו א געשלעגעריי, בלייבט: א קלפּי.

פאַלט דער גורל אויף צוויי לאַפּיטוטן, ווינטשט מען זיי מזל טוב, און זיי ווערן נעלם...

אין א שיינעם העלן טאָג, בעלעמער יידעלעך דרייען זיך ארום אין מאַרק אָן פּרנסה... שטייען רעדלעך און רעדן פון פּריצים וואַלד און

פֿעלד; פֿון פֿויערישע „מעסטליעך", פֿעלבלעך, וואָס זיינען נאָך אויף די האָזן, פֿון אייער, נאָך נישט קיין געלייגטע — גיט אונטער זיי פֿלוצלונג א ציטער די ערד, און זי ציטערט; תוך כדי דיבור הערט זיך א קנאַק, איינער, דער צווייטער, ממש: א בליץ נאָך א בליץ — און עס יאָגט אָן א בויד און עס דונערן די רעדער... א ווילד־פֿרעמדע בויד, פֿארשוימטע פֿערד, ווי די אריות; און די בויד גיט זיך א לאָז דורכן מאַרק; קוים צייט געווען אָפּצושפּרינגען. און פֿון פֿאָרנט, ביי דער קעלניע, אויסגעבויגן ארונטער מיטן קאָפּ, שטייט, אָן א בייטש אין דער האנט, אין היטל מיט לאַפּן, מיט א רויטער גארטל איבער די לענדן, ארומגעדרייט די לייצעס ארום די הענט, א שמייסער, ציט זיי איין, די לייצעס, אז מאנכמאָל גיבן זיך די פֿערד א כאַפּ ארויס די קעפּ און א שטעל אויף די הינטערשטע פֿיס, און הינטער אים — שטייט א באַלעבאַטיש געקליידטער ייד — א קאַפּטאַן, סטראָקעס — יענע צייטן! — האלט אין דער רעכטער האנט די בייטש און קנאַקט איבער די פֿערד, אז זיי גיבן זיך באַלד א לאָז אראָפּ און פֿליען ווי אָדלערס — מיט דער לינקער האנט קלאַפּט ער אַלץ נאָכאנאנד דעם שמייסער אין רוקן, און פֿון צייט צו צייט גיט ער נאָך מיטן מויל א פֿייף, אז די פֿערד שפּרינגען פֿון דער הויט און ציען זיך אויס איבעם גאַלאָפּ, ווי די שלאַנגען!

און דער שמייסער האלט אין איין שרייען: יידן, בני רחמנים, ראַטעוועט! יידן, בני רחמנים, ראַטעוועט!

נו, ראַטעווע! גאנצע בינטן פֿונקען רייסן זיך פֿון אונטער די פֿאָדקאָוועס!

יאָגט מען נאָך די בויד מיט צעשראָקענע אויגן, זאָגט מען: „השם ישמרנו", אנדערע קלערן נאָך וועגן גומל־בענטשן, ווייבער לויפֿן נאָך ארויס פֿון די קלייטן און שרייען: געוואַלט!

מוז אָבער די בויד דורכלויפֿן דאָס שעכטהויז, גיבן זיך א לאָז ארויס כלבים, און שפּרינגען די פֿערד אין די מאָרדעס; לויפֿן ארויס קצבים און העקער־יונגען, שפּרינגען צו און כאַפּן ביי די לייצעס — גיבן זיך די פֿערד א שטעל אָפּ, אז עס ציטערט אויף זיי די הויט פֿאַר שרעק, זיינען די קצבים און די העקער־יונגען אויף דער בויד!

וואָס איז? ווייזט זיך ארויס: א קליין סיכסוכל... דער אָנגעטוענער ווי א באַלעבאָס, מיטן לעדערנעם געלט־פּאַס אויף די לענדן, שרייט, אז דער שמייסער איז משוגע געוואָרן, וויל דווקא פֿאַשן, און ער איילט זיך אויפֿן יאריד מיט ברילִיאנטן... קריגן די לייט אביסל דרך־ארץ — און דער שמייסער טענהט, אז נישט ער איז דער שמייסער, נאָר טאַקע יע־

נער... אלא וואס? אויפן וועג, אין וואלד, קומען זיי פון מרחקים און פאָרן קיין מרחקים, איז ער אים ביינאכט אין וואלד באפאלן, צוגעלייגט א מעסער צום האלדז, גענייט, זיך איבערצוטאָן און ער וויל אים צוגזלען די בריליאנטן, דאס געלט, די בויד מיט די פערד... אלץ! דעריבער, אז ער האָט דערזען א ייִדישע קהילה, האָט ער אָנגעהויבן צו שרייען... און יענער לייקנט אלץ שטיין און ביין; להד"ם און להד"ם! — דרייט מען איבער פערד און וואגן, טרייבט קוים אָפּ די כלבים און מע פארפאָרט צום רב.

הייבט זיך אָן א חקירה ודרישה, הערט דער רב אויס יעדן באזונ־דער. לאָזט מען קודם אריין דעם טוען, דעם, וואס איז אָנגעטאָן ווי א שמייסער. הערט אים דער רב אויס, און זאָגט: א פנים גשמיות שבגשמיות! א לשון פון אן אמתן באלעגאלע... און דאס קול אליין איז אויך נישט פון חדר ארויס... א קול פון וואלד, פון פרייען פעלד און — אויף סוסים!

פונדעסטוועגן חוקרט ער ווייטער:

— וויפל סחורה האָט איר אין בויד?

— איך ווייס? כ'פיר עפעס חשבונות? אן עם־הארץ בין איך, רבי! גאָט האָט געהאָלפן — האנדל איך מיט בריליאנטן!

— און וויפל געלט האָט איר אין בייטל געהאט?

—איך צייל נישט; כ'וויל, ס'זאָל אריינקומען די ברכה...

דאכט זיך שוין, זיכער א בלבול! דער רב, פונדעסטוועגן, קרעכצט אָפּ, און מע לאָזט אריין דעם צווייטן: א פנים פון א בן תורה. דער רב גיט אים א טאָפּ אין לערנען, גיט ער א מיש אויס ש"ס ופוסקים. נאָר אינמיטן דערריינען גיט ער א זאָג:

„רבי! וואס טויג לאנג טענהן, זעט!" — און ער גיט א שיט אויס פון גארטל: סאמע גאָלדענע רענדלעך, רויטע פלאמען קאָלערן זיך איבערן טיש — „און — העלפט פון די בריליאנטן קריגט איר אויך, נאָר זאָגט, ס'איז מיין!".

גיט זיך דער רב א שטעל אויף, און גיט א קוויטש:

— גז—לן!

לויפט דער עולם אריין — ווישט מען זיך די אויגן: ווו טוען, ווו נטען, ווו רענדלעך? — נעלם געוואָרן, נישטאָ קיין בויד, קיין פערד — די ערד האָט זיי איינגעשלונגען!

קלערט בעלם: צי איז עס געווען א חלום, צי, רחמנא לצלן, א בישוף!

דערווייל פרעגט מען א תשובה דעם בעל־דבר.

זאָגט ער:

—שוטים! חורש וואָלט ער אפשר גענומען, אָבער נישט ביי א מלתא דעבידא לגלויי! עס וואָלט אמאָל ארויס, ווי בוימל אויפן וואַסער... מע וואָלט אים אפּגעצויגן און נאָך אריינגעזעצט אין תפיסה! א נאר איז ער!

זעצט מען איין די נארישע לאַפּיטוטן אויף א יאָר קוילן מיט סמאָלע! מאַכט מען נאָך אַן אסיפה, שרייט מען שוין נישט: איך, איך! נאָר צוויי פון די גרעסטע, איינער עפּעס א גרויסער חריף, דער צווייטער — א זקן ורגיל, נעמען אויף זיך די זאַך...

צווישן ימים־נוראים, א קאַלטער, חושכדיקער רעגן־טאָג; כעלם וויקט זיך אין בלאָטע, דער הימל איבער אים טריפט מיט מרה־שחורה, קומט אָן צוגיין עפּעס א ייד א בעטלער, הויט און ביין, רחמנא לצלן... אַן אויסגעהונגערטער און אויף קוליעס, איין פוס — אונטער זיך... שלעפּט ער זיך פון הויז צו הויז, פון טיר צו טיר, פון קלייט צו קלייט... און באַקומט אין צעטן הויז אַן אלט שטיקל ברויט, צו וועלכן ער האָט גאָר קיין ציין נישט; און צוואַנציקסטן — אַן אָפּגעריבענעם גראָשן, וואָס גליטשט זיך פון דער האַנט ארויס, — כעלם דאַרף נישט קיין פרעמדע קבצנים, האָט היימישע און בכבודיקע, און אלערליי באַהאַלטענע אָרעמע־לייט, אַלץ אלמנות ויתומים פון שוחטים, דיינים, רבנים און אַנדערע כלי־קודש...

שלעפּט ער זיך אַזוי אַרום, איין טאָג, דעם צווייטן טאָג, — די נאַסקייט און די קעלט נעמען אים דורך; די וואַטע, וואָס קריכט פון מלבוש ארויס — טריפט, די אויגן קריכן אים פון די לעבער ארויס; און פּלוצלינג, אין מיטן מאַרק — דער ייד פאַלט! איין קוליע — רעכטס, די צווייטע — לינקס, און ער ליגט אין דער מיט — און שוים איבערן מויל...

יידן בני רחמנים לויפן, מן הסתם, צו, דער — מיט וואַסער און שפּריצט, דער — מיט אַביסל ראָזשינקע־ווין, יענער — מיט א מעסער, די ציין אויפצורייסן און א פּאָר טראָפּנס אריינצולאָזן... אַנדערע שרייען: כעלם איז סדום! און דער ייד הייבט דערווייל אָן צו גוססן...

מע וועט דאָך אים נישט לאָזן, חלילה, שטאַרבן אין גאַס! ווערט

א שאלה,ווהיין? — טראָגן זיך די באַלעבאַטים אָפּ — אַנדערע האָבן נישט ווו, גייט פּונקט פאַרביי הער רב, זאָגט ער: צו מיר! מן הסתם צו מיר! —

מע האָט אים נאָך קיינמאָל נישט אַזוי פיל פון בויגן געפאָלגט...

ליגט מען דעם גוסס אין רבס בעט אַריין, ליגט ער, ווי אין די הינערפּלעט — דער רב זיצט ביים טיש, קוקט אין א ספר אַריין, וואַרפט אַלע פּאָר שורות אַן אויג צום חולה — און גאָס הדרייען זיך אַרום יידן, טאָמער וואָס, זאָל מען זיין גרייט... עס פאַלט צו די נאַכט — הער רב וויל זיך שטעלן מעריב דאַוונען, דערהערט ער, דער חולה רופט. גייט ער צו אים מיט גרויס רחמים צו, בייגט זיך אים איבערן מויל און הערט, — ער רעכנט: א צוואת שכיב מרע...

— רבי, בלאָזט פון די ליפּן אַרויס הער חולה, — איך בין א גרויסער בעל עבירה... און איך וויל אַזוי נישט שטאַרבן, כ'וויל מיך פאַר אייך מתוודה זיין...

וויל דער רב אַריינרופן מענטשן, כאַפּט אים דער חולה ביי דער האַנט: הס ושלום! — אונטער פיר אויגן וויל ער...

דערציילט ער אים, אַז כל ימיו איז ער א בעטלער געווען און — א פאַלשער בעטלער. געטאַנצן נאָך ברויט פאַר ווייב און קינד, און האָט קיינמאָל קיין ווייב און קיין קינד נישט געהאַט... געבעטלט אויף הכנסת כלה פאַר עלמנה'ע טעכטער — און שטענדיק געווען אַליין, ווי א שטיין אין פעלד... צוזאַמענגענומען אויסצוהאַלטן ישיבות — און קיין שום תלמיד חכם האָט דערפון קיין שום טובת־הנאה נישט געהאַט... אויף ארץ ישראל — נישט אַוועקגעשיקט קיין פּרוטה! פאַר ר' שמעון בר יוחאים קבר — איז זיך אין בוזעם אַריינגעשטעקט... מיט ארץ־ישראל־ערד געהאַנדלט, און הינטערן פּליט געגומען... וכדומה...

און אַרויסגראַבלענדיק א ליוועטענעם בייטל פון בוזעם, זאָגט ער: און דאָס האָב איך אָנגעזאַמלט!

און גיט אַן עפן אויף: פאַמע באַנק־צעטלעך — און איינס אין איינס — הונדערטער!

— דאָס זאָגט ער — גיב איך אייך איבער, רבי, אַלס געצאָלט, — אויף צדקה, לפי ראות עיניך.

גיט דער בעלעמער רב א שפּרונג אָפּ צום פענצטער, רייסט עס אויף און גיט א געשריי אַרויס: יידן, קומט אַריין ציילן צדקה־געלט! — גליך, ער וואָלט יונגער געוואָרן מיט 50 יאָר —

לויפט מען אריין — קיין באנק־ציעטלען, קיין גוסס, — נאָר א צער־רודערט בעט און צוויי אויסגעהאקטע שויבן...

קלערט מען ווייטער. א חלום, צי, חס־ושלום, — כישוף; דער בעל דבר שטייט מיט אן אָפן מויל און זאָגט:

שוין נישט קיין מלתא דעבידא לגלויי...

דער שווארצער עולם איז צערודערט!

זאָגט לילית: ער וועט קומען אויף מיינע הענט — אלטע מיטלען! —

איז אמאָל דער בעלעמער רב נישט בקו הבריאה, שיקט ער דעם שמש נאָכן פעלדשער, ער זאָל אים לאָזן אביסל אָדער, די געבליטן אָפּ־צוציען... און שטעלט זיך דערווייל, צו שקיעת החמה איז עס געווען, מנחה דאווענען. — שטייט ביי דער וואנט שמונה־עשרה — עפנט זיך די טיר, קומט אריין א מויד מיט א שאלה. דער רב דאוונט, וועט זי ווארטן. דרייט זי זיך ארום, גייט אויף און אָפּ — דער רב קוקט זיך נישט אום... פארגעסט זי זיך כלומרשט, הייבט אָן עפּעס אונטערצוזינגען... און האָט, פארשטייט איר מיך, אן אמת קול באשה!... נו — הערט ער זי? ווערט זי, כלומרשט מיד, כאפּט און זעצט זיך, און צעוויגט זיך אויפן בענקל; ס'בענקל סקריפּעט... נאריש — ווען א שלאנג קומט אים בייסן, ריירט ער זיך אויך נישט פון אָרט! ווערט די מויד שוין א ביסל בייז, און לויפט האסטיקער ווייטער איבער דער שטוב. גייט אויס דער רב שמונה עשרה, זאָגט ווייטער, שפּייט אויס, זאָגט אָפּ די רעשט... זעצט זיך צום טיש, און מאכט גאנץ געלאסן: ווייז דעם עוף! ווייל זי אים געבן דעם עוף און האנט אריין, זאָגט ער איר ווייטער גאנץ געלאסן: לייג אויפן טיש... א יידישע טאָכטער מוסרט ער זי מיט גוטן, דארף וויסן, ווי אזוי מע דערלאנגט... לייגט זי... עפּעס א הינדל, זאָגט ער: דערציילט זי באריכות, ווי מען האָט די הון ביי א גויע געקויפט, אהיימגעבראכט, ווי די הון איז אנטלאָפן, ווי מע האָט זי געכאפּט... און לאכט דערביי, און זעצט אויס די ציינדלעך, און דאָס קול קלינגט אָפּ אין אלע ווינקעלעך, און פון די ציינדלעך איז כמעט א שיין דורכגעפלויגן, אזוי ווייס זיינען זיי געווען... און רעדנדיק און לאכנדיק, דרייט זי זיך אזוי ארום טיש... און אריבל האָט זי קורצע, פארקאשערטע; הענט — נאקעטע, ס'העמד פון פאָרנט אויפ־געריסן, און דאָס לייב, — זי האָט זיך מיט עפּעס אויסגעשמירט, —

שמעקט מכל המינים בשמים, — און זי סטאַרעט זיך... און רירט זיך אָן אָן טיש, אָן בענקל, אָן רבס האַנט... קוקט ער אויף דעם הינדל, לויפט זי און שטעלט זיך אים פון הינטן, און קוקט אַריבער, און רירט אָן מיט דער מאָרדעטשקע דעם קאָפּ... און דער אָטעם וואַרעמט אים דורך דער יאַרמולקע... בלאָזט אויפן נאַקעטן האַלדז און —‏ אַלץ בחינם! דער רב הערט אויס, וואַרפט נאָכאַמאָל אַן אויג, ווו מע דאַרף, און זאָגט: כשר! און דו, — זאָגט ער, — מיידל, היים דיר רעדן א שידוך!!!

פליט אַרויס די מויד מיט דער הון דורכן פענצטער...

שמייכלט דער רב. ער האָט שוין פאַרשטאַנען, וואָס עס באַטייט — און גאַרנישט.

און דאָרט איז ווייטער אַן אסיפה. זה בכה וזה בכה. רופט זיך אָן גאָר א יונג לאַפּיטוטל, ערשט אויף דער לערן, נאָך קיין פעדער נישט אין קאָפּ און קיין איין צאָן אַרום האַלדז, רופט ער זיך אָן און זאָגט: —

האָט דער בעלעמער רב גאָר קיין תאווה נישט?

איינגאַנצן אויסגעטאָן! — ענטפערט מען.

—האָט גאַרנישט ליב?

— אפשר א שוויץ־באָד ערב שבת...

פויזע. גיט ער נאָך א פרעג: האָט ער נישט עפּעס א מנהג, א גע־וווינהייט, קנעטן, למשל, קוילעכלעך ברויט ביים בענטשן?...

— מע האָט אים נישט געזען עסן! מן הסתם נישט...

איין לילית דערמאָנט זיך, אז ווען ער האָט אירע בשמים דער־פילט, האָט ער געכאַפּט א שמעק טאַבעק!

— גענוג! — זאָגט ער — און נעמט רשות — ואיננו!

א מנהג ישן האָט דער בעלעמער רב געהאַט, — יעדן ערב שבת נאָכן באָד, אַרויסצוגיין אין פעלד אַריין, — געהאַט שוין א וועג צווישן ווייץ און צווישן קאָרן — און צו זאָגן בעל פה שיר השירים. און ווייל ער איז געווען א ייִד א פאַרחושטער, און האָט מורא געהאַט, ער זאָל נישט פאַרגיין צו ווייט, האָט ער זיך איינמאָל פאַר אַלעמאָל אויסגע־מאָסטן מיט די טריט דעם וועג. און געמאַכט זיך א סימן אָן אביימל... „מה נאה אילן זה", האָט ער נישט געזאָגט, כאָטש אויפן ביימל זיינען געוואַקסן פירות ווי קרעלן... נאָר פאַר א סימן... פלעגט ער האַלב שיר השירים אָפּזאָגן אויפן וועג ביז צום ביימל, אַנידערזעצן זיך, נעמען א

שמעק טאַבעק פֿון קאַרענעם פּושקעלע, אָפּרוען זיך א ווײַלע, און אויפֿ־שטיין, גיין צו קבלת שבת, און אָפּזאָגן די צווייטע העלפֿט שיר השירים צוריקוועגס... און פֿלעגט קומען פּונקט צו קבלת שבת!...

איינמאָל, איידער דער רב איז אָנגעקומען, באַווײַזט זיך אויף דעם אָרט א דײַטשל, מיט א קאַפּעליוש, מיט הויזן און גרינע פּאַסן, און גיט א רײַס אויס דאָס ביימל און גיט עס א טראָג איבער א שטיק ווײַטער, און זעצט זיך אונטערן ביימל פֿון יענער זײַט, און זיצט — א שמאָל דײַטשל — מע' זעט עס נישט אַרויס.

קומט אָן דערווײַל דער רב צום אָרט, ווי דאָס ביימל איז גע־שטאַנען — האַלב שיר השירים אָפּגעזאָגט, און צום ביימל איז נאָך ווײַט!... איז ער זיך מצער: רעכנט ער, ער האָט געזאָגט שלא בכוונה. נעמט ער אויף זיך באַלד א תשובה. עס האָט זיך אים, ווי אַלע מאָל, פֿאַרוואָלט א שמעק טאַבעק... דאָס האַרץ חלשט אים — ער וועט נישט נעמען, ביז ער וועט נישט צוקומען צום ביימל! ער איז אפֿילו שוין אַביסל מיד... נאָר משנה זײַן וועט ער נישט... און ער גייט קיים, ער קומט צום ביימל צו, אַזוי מיד איז ער געווען און אַזוי האָט זיך אים פֿאַרגלוסט א שמעק טאַבעק — ממש די אויגן זעען נישט! נאָר, געלויבט השם יתברך — ער זיצט שוין אונטערן ביימל! כאַפּט אַרויס פֿון בוזעם דאָס קאַרענע פּושקעלע, עס ציטערן אים אויש די הענט, — גיט עפּעס פֿון הינטן א בלאָז, דאָס קאַרענע פּושקעלע פֿאַלט אים פֿון דער האַנט אַרויס; שטרעקט ער אויס די האַנט — עס גיט א בלאָז, מן הסתם — א ווינטל, — דאָס פּושקעלע קאָלערט זיך ווײַטער, ער ציט זיך אויס אויף דער ערד, שטרעקט ווײַטער אויס די הענט — ס'פּושקעלע קאָלערט זיך, און ער קריכט נאָך: דער שמעק טאַבעק ציט אים... קריכט ער אַזוי אויף אַלע פֿיר... שמייכלט דאָס דײַטשל אונטערן ביימל פֿון יענער זײַט און הערט נישט אויף צו בלאָזן. פּלוצלינג גיט ער א כאַפּ אַרויס דאָס ביימל... און כהרף עין שטעלט ער עס ווידער, ווו עס איז געשטאַנען... דער רב האָט נישט אויספֿיעט צו כאַפּן ס'פּושקעלע... עס בלאָזט ווײַטער... דער רב גיט א קוק: דאָס ביימל שטייט פֿאַר אים ווײַט! מיינט ער, אַז ער איז, פֿאַרטראַכטערהייט, פֿאַרקראָכן צו אַן אַנדער ביימל, — הייבט ער אויף די אויגן צום הימל — אויסגעשטערנט! ער האָט אפֿילו שקיעת החמה נישט באַמערקט... אַזוי האָט אים דער שמעק טאַבאַק געצויגן! — אמת, זייער א ליכטיקע נאַכט געווען... מילא, עס איז מער ווי א תחום שבת — אין שטאָט אַרײַן וועט ער נישט גיין, שפּײַזן וועלן אים די

קראַען, וואָס האָבן אליהו הנביא געשפּייזט... נאָר כאַפּן ס'פּושקעלע — מוז ער...

און ער קריכט נאָך... און דאָס דייטשל בלאָזט, ס'פּושקעלע קאַלערט זיך... — איך וועל אייך לאַנג נישט ברייען, ער איז אריבער איבער א תחום שבת!...

דאָס לאַפּיטוטל האָט באַלד א גרעסערע שליחות באַקומען!

פאַרן אווועקגיין האָט ער צום שווארצן עולם געזאָגט:

— איבער א באַרג פאַלט מען נישט... געשווינדער שטרויכלט מען איבער קליינע תאוהלעך.

1906 י.

אַנמערקונגען און דערקלערונגען

רייזע־בילדער

א. פּאָרטרעט.

באַראָן הירש (1831—1896) — באַוווּסטער ייִדישער פילאַנטראָפּ. געווען פּאָפּולער צווישן דער ייִדישער באַפעלקערונג אין רוסלאַנד אַ דאַנק זיין פּלאַן אייַנצואָרדענען קאָלאָניעס פאַר די ייִדישע עמיגראַנטן פון רוסלאַנד אין די אַמעריקאַנער לענדער, דערהויפּט אין אַרגענטינע. דער דאָזיקער פילאַנטראָפּישער פּלאַן האָט געהאַט זייער אַ קלייַנעם דערפאָלג.

הנדיב הידוע (האַנאָדיוו האַיעדוא) — דער באַוווּסטער פילאַנטראָפּ.

ב. בטחון

פאָדשעניע — אַ גאַנעק מיט אַ דעכל.

יענער פאַסטעך — געמיינט: גאָט.

רואה ואינו נראה (רויע וועיינוי ניריע) — דער, וואָס זעט (יענעם), און אים זעט מען ניש.

לחיים טובים ולשלום (לעכאַיים טויווים אולשאָלעם) — צו אַ גוט לעבן און צו פריִדן.

עס זאָל זיין שכחה (שיקכע) פאַר זיין כסא הכבוד (קיסיי האַקאָווייד) — ווען גאָט זאָל פאַרגעסן.

אָדער כולו חייב (קולוי כאַייעוו) אָדער כולו זכאי (קולוי זאַקיי) — אָדער אַלע זייַנען שולדיק אָדער אַלע זייַנען אומשולדיק. די רעליגיעזע ייִדן גלויבן, אַז ווען אַלע וועלן זיין שולדיק (זינדיק) אָדער אַלע וועלן זיין אומשולדיק, וועט קומען מאָשיעך.

ג. בטחון

שאלה (שײלע) פון בשר בחלב (באָסאָר בעכאָלאָװ) — אַ שאלה פון פלײש און מילך, לױט ייִדישע רעליגיעזע געזעצן איז פאַרװערט צו געברויכן פלייש צוזאַמען מיט מילך. ביי די רעליגיעזע ייִדן פלעגט זיך אָפט טרעפן פאַרשידענע שאלות פארבונדן מיט אָט דער פראַגע.

ביז ער װעט „שטײן" — געמײנט: שטײן צום פּריזיװ.

סמאַר — שמירעכץ צו אַ װאָגן.

חרם (כײרעם)-קװיטל — אַ פאַרפליכטונג.

שטשיפּיאָרעק — אַ גרין ציבעלע.

ד. װאָס דאַרף אַ ייִדענע

אתה בחרתנו (אַטאָ בעכאַרטאָנו) — דו האָסט אונדז אויסדערװײלט. אַ פראַזע פון אַ תפילה. עס באַטײט, אַז די ייִדן זײנען דאָס אויסדערװײלטע פאָלק ביי גאָט. דער אויסדרוק „אתא בחרתנו" װערט געברויכט איראָניש, װען מען װיל זאָגן, אַז עס איז נישטאָ מיט װאָס זיך איבערצונעמען.

סמנים מובהקים (סימאָנים מװוהאָקים) — קלאָרע סימאָנים.

הצפירה (האַצפירע) — אַ העברעיִשע צײטונג, דערשינען אין װאַרשע. דאָ לײענט מען שױן די הצפירה — געמײנט: דאָ װױנט אַן אויפגעקלערטער ייִד, אַן אײראָפּעיִשער.

קאָמאָרניק (לאָקאַטאָר) — אַ קװאַרטיראַנט.

ה. נומער 42

על פּי דיניהם (אַלפּי דינײהעם) — לױט זײערע געזעצן. דאָ געמײנט, לױט די מלוכה-געזעצן, נישט לױט די ייִדישע דינים.

משפטים בל ידעום (מישפּאָטים באַל יעדאָום) — די געזעצן זײנען נישט באַװוּסט.

הבּרים כהויתן (דבאָרים קעהאַװיאָסאָן) — זאָגן אַזױ װי זײ זײנען געװען.

פחות משוה פרוטה (פּאָכעס מישאָװע פּרוטע) — װאָס איז װערט װײניקער פון אַ גראָשן.

ח"י זהובים (כײ זעהװים) — אַכצן גילדן. די אויסיעס פון העברעיִשן אַלעפבײס האָבן אויך אַ צאָל-באַטײט: „ח"—8, „י"—10. צוזאַמען אַכצן. די צאָל אַכצן רעכנט זיך ביי רעליגיעזע ייִדן פאַר אַ מיסטישער צאָל, װאָס ברענגט גליק, װײל דאָס װאָרט „חי" (כײ) באַטײט — לעבן.

איז מי יעמוד (מי יאַאַמויד) — איז װער קאָן באַשטײן.

מחיה (מיכײע) — דערנערונג; פאַרנאָסע.

ברוך הוא (באָרוך הו) — געבענטשט זאָל ער זיין. אַ צושפּרוך, ווען אַ רעליגיעזער ייד דערמאָנט גאָט.

שטר חצי זכר (שטאַר כאָצי זאָכער) — לויטן יידישן רעליגיעזן געזעץ באַקומט קיין טאָכטער נישט קיין ירושה, אויב עס בליבן נאָכן געשטאָרבענעם זין, דער פאָטער אָבער האָט דאָס רעכט אַרויסצוגעבן דער טאָכטער אַ „שטר" (דאָקומענט) „חצי זכר", לויט וועלכן זי באַקומט א טייל (אַ העלפט דערפון, וואָס עס באַקומט א זון.

הון רב (הוין ראָוו) — אַ גרויס פאַרמעגן.

כותב (קויסייוו) — אַ שרייבער.

נושאים (נויסים)-מאַן — אַ מיטגליד פון דער חברה, וואָס פאַרנעמט זיך מיט אַוועקטראָגן געשטאָרבענע אויפן בית-עולם.

פּאָוויאַט — אַדמיניסטראַטיווער באַצירק, אַן אויעזד.

תכלת (טכוילעס) — דאָ: בלויע וואָלענע פעדים, וואָס אייניקע רעליגיעזע יידן פלעגן באַנוצן אויף ציצית.

„ווירעק זאַטשני" — אַן אורטייל אונטער די אויגן.

כלה כל הקצין (קאָלאָ קאָל הקיצין) — עס איז שוין דערגאַנגען צו דער ערגסטער לאַגע.

גברא דנשי קטלוהו לית דין ולית דיין (גאַוורא דינשיי קאָטלוהו לעס דין וועלעס דאַיאַן) — אַ מאַנספאַרשוין, וואָס ווייבער האָבן אים דערהרגעט, האָט קיין געריכט און קיין ריכטער.

מהחל ועד כלה (מעהאָכעל וועאַד קאָלאָ) — פון אָנהייב ביז סוף.

גרמא בניזיקין (גערמאָ בעניזיקן) — אַ סיבה פון אַ שאָדן.

התובע הולך אחרי הנתבע (האַטויוויאַ הויליך אַכריי האַניטוואָ) — דער, וואָס מאָנט, גייט נאָך דעם, ביי וועמען ער מאָנט.

ו. דער משכיל

ער איז מסלסל בשערו (מעסאַלסעל בעסאַרוי) — ער קרייזלט די האָר; ער פּוצט די האָר.

וישמן ישורון ויבעט (וואַיישמאַן יעשורון וואַיוואַט) — בוכשטעבלעך, אַז די יידן זיינען פעט געוואָרן, האָבן זיי אָנגעהויבן בריקן זיך. געמיינט: אַז עס איז זיי גוט געוואָרן, האָבן זיי אויפגעהערט פאָלגן גאָט (אַ פראַזע פונעם ביבל-בוך דברים, קאַפּ. 32).

על השם ועל משיחו (אל האַשעם וועאַל מעשיכוי) — אויף גאָט און אויף זיין געזאַלבטן. געמיינט: רייִדן אויפן סאַמע הייליקסטן.

מה העבודה הזאת לכם (מאַ האָאַווידאָ הזויס לאָכעם) — וואָס איז דאָס ביי אייך פאַר אַ טועכץ.

עם לבן גרתי (אים לאָוואָן גאַרטי) — מיט לבנן האָב איך געוווינט, געמיינט: איך האָב דערפאַרונג; איך בין אַ געניטער. דער אויסדרוק נעמט זיך פון פאָלגנדיקער ביבלישער לעגענדע: דער פּאַטריאַרך יעקב האָט גע-

אַרבעט ביי זיין פֿעטער לבן 20 יאָר, און לבן האָט אים פֿיל מאָל אָפּגענאַרט. יעקבֿן איז אויסגעקומען צו טראַכטן פֿאַרשיידענע מיטלען אויף זיך נישט לאָזן נאַרן.

יקומו נא הנערים (יאָקומו נאָ האַנאָרים) — זאָלן אויפֿשטיין די יינגלעך.

ז. דער טישאָוויצער רבֿ

סאַנדעס — געריכטן.

שאלות-נשים (שײלעס נאָשים) — רעליגיעזע פֿראַגן, וואָס האָבן אַ שייכות צום געשלעכט-לעבן פֿון דער פֿרוי.

מחמיץ (מאַכמיץ) -זיין — דאָ: פֿאַרהאַלטן.

קלפּי (קאַלפּי) — וואַלן.

עיר ואם בישראל (איר וואָיים בעיסראָעל) — געמיינט: אַ גרויסע יידישע שטאָט.

כי הנה לא ינום ולא ישן שומר ישראל (קי הינײ לױ יאָנום װעלױ יישאָן שױמיר ייסראָעל — וואָרום ער דרעמלט נישט, און שלאָפֿט נישט, דער היטער פֿון ייסראָעל (גאָט).

שני זהובים (שניי זעהובים) — צוויי גילדן.

ח. דערציילטע מעשׂות

אבל וחפוי ראש (אָווײל וואַכאַפֿױ רױש) — טרויעריק און מיט אַ צוגעדעקטן קאָפּ (פֿאַר בזיון).

הפה שאסר הפה שהתיר (האַפּע שעאָסאַר האַפּע שעהעטיר) — דאָס מויל, וואָס פֿאַרווערט, — דאָס מויל דערלויבט.

תחנון (טאַכנון) — אַ תּפֿילה.

זכרונו לברכה (זיכרוינױ ליוורואָכאָ) — זיין אָנדענק זאָל זיין געבענטשט. אַ צושפּרוך ביי רעליגיעזע יידן, ווען זיי דערמאָנען אַן אָנגעזעענעם געשטאָרבענעם.

אסור (איסער) — פֿאַרבאָט.

מעיד (מיאיד) -געווען — עדות-געזאָגט: באַשטעטיקט.

אַ מעשׂה שהיה (מייסע שעהאָיאָ) — אַ מעשׂה, וואָס איז געשען.

המפורסם אין צריך ראיה (האַמעפֿורסאָם איין צאָריך ריִע) — דאָס, וואָס איז באַוווּסט, פֿאָדערט נישט קיין באַווייז.

חסידי אומות העולם (כסידיי אומעס האָעולאָם) — פֿרומע פֿון אַנדערע פֿעלקער (נישט-יידן).

תּוספֿות (טויספֿעס) — קאָמענטאַר אויף תּלמוד.

נדרים (נעדאָרים) — דאָ: אַ נאָמען פֿון אַ טראַקטאַט פֿון תּלמוד.

ראש-השנה (רויש-האַשאָנאָ) — דאָ: אַ נאָמען פֿון אַ טראַקטאַט פֿון תּלמוד.

סוגיא (סוגיאָ) — אָפּהאַנדלונג.

אנשי שלומינו (אַנשיי שלוימיינו) — אונדזערע מענטשן.

סנדקאות (סאַנדיקאָעס) די צערעמאָניע פון האַלטן דאָס קינד ביי דעם ברית.

בבחינת פחד (בעבכינאַס פּאַכאַד) אין אַ צושטאַנד פון שרעק.

רצון יראיו יעשה (רעצוין יערייאָוו יאַאַסע) — ער (גאָט) וועט טאָן דעם ווילן פון די, וואָס פאָרכטן פאַר אים.

ער וועט נתבקש ווערן בישיבה של מעלה (ניסוואַקעש בישייווע שעל מיילע) — ער וועט אַרויסגערופן ווערן אויפן הימלישן געריכט. געמיינט: ער וועט שטאַרבן.

האָט מען אים מעביר (מאַאַוויר) געווען — האָט מען אים אָפּגעזאָגט, באַזייטיקט.

על כנו (אַל קאַנוי) — אויף זיין שטעלע.

וישמור הדבר בלבו (וואַיִשמויר האַדאָוואָר בע-ליבוי) — און ער האָט געהיט די זאַך ביי זיך אין האַרצן.

ליהודים היתה אורה (לאַיעהודים האָיסאָ אוירע) — פאַר די יידן איז געווען אַ ליכטיקייט. דאָ געמיינט: עס איז געוואָרן פריילעך. אַ פראַזע פונעם ביבל-בוך: מגילת-אסתר.

באַדעקנס — אַ צערעמאָניע אויף אַ רעליגיעזער יידישער חתונה. די צערעמאָניע באַשטייט דערין, וואָס מע; זעצט אַוועק די כלה אויף אַ שטול און מע פירט צו דעם חתן, וועלכער וואַרפט אַרויף אויף דער כלה אַ טוך און באַדעקט איר דעם קאָפּ.

קרבן חטאת (קאָרבן כאַטאַס) — אַ קאָרבן, וואָס מע פלעגט ברענגען, עס זאָל פאַרגעבן ווערן די זינד, וואָס איז געטאָן געוואָרן נישט-באַוווסטזיניק.

אין אדם נתפס על צערו (איין אָדאָם ניטפּאַס אַל צאַאַרוי) — אַ מענטש קאָן נישט באַשולדיקט ווערן דערפאַר, וואָס ער טוט בעת ער לייַדט שמערצן.

כאחד האדם (קעעכאָד האָדאָם) — ווי יעדער מענטש.

לב אדם יודע מרת נפשו (לייוו אָדאָם יוידייע מאָראַס נאַפשוי) — דעם מענטשנס האַרץ ווייסט זיינע לייַדן.

דאָרט איז יציאת נשמה (יעציאַס-נעשאָמע) — דאָרט גייט אַרויס די נשמה; דאָרט שטאַרבט אַ מענטש.

ברוך דיין אמת (באָרוך דאַיאָן עמעס) — געבענטשט איז דער, וואָס משפּט לויטן אמת. אַזוי זאָגן רעליגיעזע יידן, ווען זיי הערן, אַז עמעץ איז געשטאָרבן.

שליח מיוחד (שאָליעך מעיוכעד) — אַ ספּעציעלער שליח.

זכותו יגן עלינו (זכוסוי יאָגיין אָליינו) זיין זכות זאָל אונדז באַשיצן; זיין זכות זאָל אונדז בייַשטיין.

טהרות (טאַהאַרעס) — ריינקייט.

עבודה (אַוווידע) — דאָס דינען צו גאָט.

רמב"ם (ראַמבאַם) — קירצונג פון „רבינו משה בן מיימון", אַ באַ-וווסטער יידישער פילאָזאָף אין 12-טן יאָרהונדערט.

פדיון (פּידיען) — אויסלייז-געלט. דאָ: דאָס געלט, וואָס מע פלעגט געבן אַ גוטן-יידן, ווען מע פלעגט קומען צו אים מיט עפּעס אַ בקשה.

בבחינת (בעבכינאַס) — אין אַ צושטאַנד.

לאַיועל כל כופר (לוי יוויל קאָל קויפער) — עס העלפט נישט קיין שום אויסלייז-געלט.

אַזוי כלפּי מעלה (קעלאַפּיי מיילע), ווי כלפּי מטה (קעלאַפּיי מאַטע) — אַזוי בנוגע צו גאָט, ווי בנוגע צו לייט.

היוצא לנו מדברינו (האַיויצע לאָנו מידוואָ-ריינו) — דער רעזולטאַט פון אונדזערע רייד.

ט. אַ יינגעלע

פּרוכת (פּאָרויכעס) — אַ פאָרהאַנג אויפן אַלמער, אין וועלכן עס געפינען זיך די ספר-תורות.

זי האָט טאַקע געזינדיקט די לבנה (לעוואָנע) — פאַראַן אַזאַ לעגענדע: ווען גאָט האָט באַשאַפן די וועלט, האָט די לבנה געשיינט אַזוי העל ווי די זון. די לבנה איז אָבער געווען נישט צופרידן און האָט געוואָלט זיין העלער פון דער זון. האָט גאָט זי דערפאַר באַשטראָפט און האָט פאַרמינערט איר שיין. אַז משיח וועט קומען, וועט די לבנה צוריק באַקומען איר פריערדיקע העלקייט.

דער אלף הששי (עלעף האַשישי) — דער זעקסטער טויזנט. לויט די יידישע רעליגיעזע פאָרשטעלונגען, גייט איצט דער זעקסטער יאָרטויזנט, זינט די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן.

י. דער יאַציעווער רב

די והותר (דיי וועהויסער) — איבערגענוג.

„דזיאַד ז' באַבאָן — אַ זיידע מיט אַ באָבע.

נהרא נהרא ופשטיה (נאַהאַראָ נאַהאַראָ אופּאַשטיי)— יעטוועדער טייך האָט זיין גאַנג. געמיינט: יעדער אָרט האָט זיך זיינע מנהגים.

קאָלדאַן — מאָגן; קישקע.

משועבדי קהל (מעשובדיי קאָהאָל) — די, וואָס דינען ביי קהל.

איז ער מגמגם (מעגאַמגעם) מיטן לשון (לאָשען) — ער פאַרהיקעט זיך; רעדט נישט קלאָר.

כשל-ברך (קאָשעל-בערעך) — געשטרויכלט אויף דער קני; שוואַך אויף די פיס.

עלול (אָלעל) — צוגעפּאַסט; פעיק.

בבת אחת (בעוואַס אַכאַס) — איינצייטיק; צוזאַמען.

שאלת הריאה (שילעס האָריִע) — שאלה אויף דער לונג לויטן רעליגיעזן געזעץ ווערט ביי אַ געקוילעטער בהמה אויסגעפאָרשט די לונג, כדי פעסטצושטעלן, צי איז די געקוילעטע בהמה געווען פולקום אַ געזונטע.

משוה (מושווע) געוועזן — זיך אויסגעגליכט.

מעלים (מעאַלים) געווען — גישט אויסגעזאָגט.

שבת הגדול (שאַבעס האַגאָדויל) דער שבת, וואָס פאַר פסח.

עם הארץ דאוריתא (אַם-האָרעץ דעאויריִיסע) — אַן אויסגעשפּראָכענער עם-הארץ.

כל מה שעתיד תלמיד ותיק לחדש (קאָל מאַ שעאָסיר טאַלמיד וואָסיק לעכאַדיִיש) — אַלץ, וואָס אַ טיכטיקער לערנער וועט אין צוקונפט באַנייען (אויפדעקן).

באותו הרגע (בעאויסע האָרעגע) — אין דער דאָזיקער רגע.

גאות (גייוועס) — שטאָלץ.

פונדוש — קאַפּיטאַל; פאָנד.

ברוך השם יום יום (באָרוך האַשעם יוים יוים) — געבענטשט איז גאָט יעדן טאָג.

איז אַ חרם (כיירעם) — דאָ: אַ שטרענגער פאַרבאָט.

ראש הקהל (ראָש האַקאָהאָל) — דער עלטסטער (דער אָנפירער) פון קאָהאָל.

י״א. לאשטשאוו

מבית לבית (מיבאַיס לעבאַיס) — פון שטוב צו שטוב.

י״ב. די ערשטע פּרווו

טליע — בלויז דאָס.

רעפּעראַציע — רעמאָנט.

טריקעס — באַראַנעס.

בוררות (בוירערעס) — אַ געריכט, וואָס באַשטייט פון פּריוואַטע פּערזאָנען, אויסגעקליבענע פון די פאַראינטערעסירטע צדדים, געוויינלעך צו איינעם פון יעדן צד.

בדוחק גדול (בעדויכעק גאָדויל) — שטאַרק געענגט; מיט גרויס שוועריקייט.

י״ג. די צווייטע פּרווו

סאָלטיס — אַ סטאַראָסטע אין דאָרף.

וואָיט — אַ סטאַראָסטע פון עטלעכע דערפער.

י״ד. אין שוחטס הויז

מום בקדשים (מום בעקאָדאָשים) — אַ פֿעלער אין די הייליקע. האָ געמיינט: די באַהאַנדלונג אין תּלמוד וועגן דעם, ביי וואָס פֿאַר אַ פֿעלער טאָר מען די קאַלב נישט ברענגען פֿאַר אַ קרבן.

טליתים קטנים (טאַליסים קטאַנים) — מערצאָל פֿון טלית־קטן.

קיאַנקע — אַ פּראַטש צום אויסקלאַפּן גרעט.

שחיטת חוץ (שכיטאַס כוץ) — דאָס קוילען אויסער דער שטאָט.

שבת־חזון (שאַבעס־כאַזוין) — דער שבת, וואָס פֿאַר תּשעה באָב. רעליגיעזע יידן זאָגן זיך אָפּ אין דעם שבת פֿון פֿאַרגעניגנס.

ט״ו. די סקולער רביצין

אַ הדר (האָדאָר) — אַ שיינקייט.

„על כן יעזוב (אַל קיין יאַאַזויוו) — דער אָנהייב פֿון אַ פֿראַזע אין דער ביבל (בראשית, קאַפּ. 2): דעריבער פֿאַרלאָזט אַ מאַן זיין פֿאָטער און מוטער, באַהעפֿט זיך מיט דער פֿרוי און זיי ווערן איין לייב.

ווייל זי זיי נישט מעביר (מאַוויר) זיין אויף כּבוד־אם (קיבעד איים); דאָס איז אַן אמתער: „לפני עור לא תתן מכשול" (ליפניי איוויר לוי סיטיין מיכשויל) — ווייל זי זיי נישט ברענגען דערצו, זיי זאָלן עובר זיין אויפֿן געבאָט פֿון ערלעך האַלטן די מוטער. דאָס וואָלט געהייסן „לייגן פֿאַר אַ בלינדן אַ שטרויכלונג".

אויבל — מעדאַל.

פּנה הודה, פּנה זיוה, פּנה הדרה (פּאָנאָ הוידאָ, פּאָנאָ זיוואָ, פּאָנאָ האַדאָראָ) — איז אַוועק איר פּראַכט, איז אַוועק איר גלאַנץ, איז אַוועק איר שיינקייט.

תּורה פּשוט — „נגלה" (טוירע פּאָשוט — „ניגלע") — געמיינט: די תּורה ווי זי איז, אָן מיסטישע אויסטייטשונגען, וועלכע עס פֿלעגן צוגעבן די חסידים.

שולחן־ערוך (שולכן אָרוך) — אַ זאַמלונג פֿון יידישע רעליגיעזע געזעצן, צונויפֿגעשטעלט פֿון יוסף קאַראָ (1488—1575).

מתיקות (מעסיקעס) — זיסקייט.

מלומדת (מעלומדעס) — אַ ווילקענעוודיקע, אַ קענערין פֿון די רעליגיעזע געזעצן.

עזר כּנגדו (איזער קענעגדוי) — אים אַ הילף.

מע איז עובר זמן קריאת שמע (אויווער זמאַן קרישמע) — געמיינט: מע לאָזט דורך די צייט פֿון דאַוונען.

אַ נהנה מיגיע כּפּו (נעהענע מעיעגיע קאַפּוי) — אַ מענטש, וואָס לעבט פֿון זיין מי.

מצות עשה שהזמן גרמא (מיצוואס עסע שעהאזמאן גראמאַ) — אַ געבאָט, וואָס איז אָפּהענגיק פון צייט.

ט״ז. אַסעקורירט

מסכתות (מעסיכטעס) — טראַקטאַטן פון תלמוד.

סיום (סיעם) — שלוס; מאַכן אַ סיום — פאַרענדיקן לערנען אַ טראַקטאַט פון תלמוד.

ראש-הגולה (ראָש האַגוילאָ) — דער אָנפירער פון די יידן אין גלות.

הר הבית (האַר האַבאַיס) — דער באַרג (אין ירושלים אויף וועלכן עס איז געשטאַנען דער אַמאָליקער טעמפל (בית-המקדש).

גשמיות (גאַשמיעס) — קערפערלעכקייט, מאַטעריעלקייט.

רוחניות (רויכניעס) — גייסטיקייט.

ואיננו (וועייגענו) — און עס איז נישטאָ, און עס בלייבט נישט.

ספּאָדעק — אַן אַלטמאָדיש היטל.

מיט שבעים לשונות (שיוויים לעשוינעס) — אויף זיבעציק שפּראַכן.

אַ פרישן אתה בחרתנו (אַטאָ בעכאַרטאָנו) — דאָ גע-מיינט: אַ פריש יידעלע, אַ פריש געבוירן קינד.

תבואת שור (טוואָס שויר) — אַ נאָמען פון אַ רעליגיעזן ספר. אָפט ווערן די אויטאָרן פון רעליגיעזע ספרים גערופן אויפן נאָמען פון זייערע ווערק. דאָ ווערט געמיינט דער אויטאָר פון „תבואת שור” — אפרים זלמן שאָר.

ליספּעלן — שעפּטשן.

פרק (פּירעק) — דאָ: אויסצוגן פון תלמודישן טראַקטאַט „אָבות”, וואָס רעליגיעזע יידן לייענען אין די זומער-שבתים.

ועמך כלם צדיקים (וועאַמכאָ קילאָם צאַדיקים) — און דיין פאָלק זיינען אַלע צדיקים.

י״ז. דער נשרף

טבילה (טווילע) — דער רעליגיעזער ריטואַל פון גיין אין מקווה.

אָפּגעגאָסענע נעגל — רעליגיעזע יידן, אויפגעשטאַנען אינדערפרי פון שלאָף, גיסן אָפּ מיט וואַסער די שפּיץ-פינגער, „גיסן אָפּ נעגל-וואַסער”.

שר של שינה (סאַר שעל שיינע) — דער מלאך פון שלאָף.

יריעה (יעריע) — געווייגלעך געמיינט אַ שטיק פּאַרמעט, אויף וועלכן עס איז געשריבן די תורה.

רגלי השכינה (ראַגליי האַשכינע) — דער שכינהס (גאָטס) צופוסנס.

פרנסני כעורב (פּאַרנאָסייני קעוירייוו) — שפּייז מיך, ווי דעם ראָב.

שבת שירה (שאַבעס שירע) — איינער פון די ווינטערדיקע שבתים. עס איז אַ מנהג ביי רעליגיעזע יידן אין דעם דאָזיקן שבת האָדעווען די פייגעלעך (געבן די פייגעלעך קאַשע).

אַבאָרע — שטאַל.

מעבדות לחירות מעאַוודוס לעכיירוס) — פון קנעכטשאַפט צו פרייהייט.

גומל (גוימל)-בענטשן — אַ לויב צו גאָט, וואָס רעליגיעזע יידן זאָגן, ווען זיי ווערן געראַטעוועט פון עפּעס אַן אומגליק.

פּאַראָט — זאַפּאַס.

גומיעני — פאַרוואַלטער פון לאַנדווירטשאַפטלעכן הויף.

זשאַנדאַרע — פאַרוואַלטער פונעם גוט.

כראַביע — גראַף.

כוכבי דשביט (קויכווויי דעשאַוויט) — קאָמעטעס.

יעלענסקי — אַ באַוווּסטער פּוילישער אַנטיסעמיט (1845—1909).

פּראָפּינאַציע — אַ האַנדל פון ספּירט-געטראַנקען.

י"ח. דער עמיגראַנט

בחצי חינם (בעכאַצי כינעם) — האַלב אומזיסט.

י"ט. דער משוגענער

פּוטרינע — אַ ראַם.

שתיקה כהודאה (שטיקע קעהוידאָאַ) — שווייגן הייסט מסכים זיין.

מכשול (מיכשל) — שטרויכלונג. דאָ: דער אומגליק.

טוקערן — אַ באַדיבערן אין באָד פּאַר פרויען, ווען זיי גייען אין מקוה.

כ. בלאַנקעטן

„מים שלנו" (מאַים שעלאָנו) — אַ וואָרט-שפּיל, דאָ געמיינט: אויפן יידישן שטייגער.

כ"א. דער למדן־וו"ניק

ברור כשמש (באָרור קעשעמעש) — קלאָר ווי די זון.

בלתי מאמינים (בילטי מאַמינים) — נישט קיין גלייבער.

איש מכובד (איש מעכובעד) — אַ בכבודיקער מענטש.

כלא ידע (קעלוי יאָדע) — גלייך ווי ער ווייסט נישט.

תלמיד חכם שמחל על כבודו אין כבודו מחול (טאַלמיד כאָכאָם שעמאָכאַל אַל קווויִדוי איין קע-ווויִדוי מאָכול) — אַ תלמיד-חכם, ווען ער איז אַפילו מוחל אויף זיין כבוד, — איז זיין כבוד אָבער נישט מוחל.

אין די עולמות העליונים (אוילעמעס האָעליוינים) — אין די אייבערשטע וועלטן, אין הימל.

שבעה רקיעים (שיווואָ רעקיאִים) — זיבן הימלען.

אין בית (איין באַיס) — דאָ: אין יעדן הויז, אומעטום.

ליכה (ליכע) — דאָ: איבערנעכטיקן (ביי אַ קראַנקן).

תוכחה (טויכעכע) — אַזוי הייסט דאָס קאַפּיטל אין דער תורה, וווּ עס ווערן אויסגערעכנט גאָטס שטראָפן פאַר נישט פאָלגן אים. אַז עס קומט אויס פאַרצולייענען דאָס דאָזיקע קאַפּיטל אין בית-המדרש, רופט מען אויף דערביי עמעצן פון די סאַמע „נישט בכבודיקע דאַוונער״, דערביי צומאָל באַצאָלט מען אים אַפילו דערפאַר.

דומם (דוימעים) — אַ נישט-לעבעדיקע זאַך.

תציל ממות (טאַציל מימאָוועס) — גראַטעוועט פון טויט.

כולי-האי (קוליי היי) — ווי שיקט זיך עס.

בית-דין של מעלה (בעסדין שעל מיילע) — דער געריכט פון אויבן, גאָטס געריכט.

סיטרא אחרא (סיטראָ אַכראָ) — די צווייטע זייט, געמיינט: דער טייוול, אָדער די, וואָס זיינען פאַרבונדן מיטן טייוול.

כ״ב. דער מסור

לא יחרץ (לוי יעכרעץ) -געלט — געלט פאַר נישט אויסזאָגן, פאַר נישט מסרן.

מזון סעודה אחת (מאָזון סודע אַכאָס) — שפּייז אויף איין מאָלצייט.

כילי (קילוי) — זייער אַ קאַרגער.

למעלה מעשרים אמה (לעמיילע מעעסרים אַמאָ) — העכער צוואַנציק איילן. דאָ געמיינט: אַ דערוואַקסענע.

בוגרת (באָגרעס) — אַ פוליאָריקע, אַ רייף-געוואָרן מיידל.

לאו הכי (לאַוו האָכי) — געמיינט: עס הייבט זיך נישט אָן.

אוים יד ישראל תקיפה (יאָד יסראָויל טאַקיפאָ) — די מאַכט פון ישראל איז דאָ שוין נישט גילטיק.

לערכאות (לעאַרכאָוים) — אין געריכט.

לפי מעשיו (לעפי מאַאַסאָוו) — לויט זיינע טואונגען, ד. ה. אַ לוין לויט די פאַרדינסטן.

גל של עצמות (גאַל שעל אַצאָמעס) — אַ הויפן ביינער.

אויסנעמען — לייענען די תורה אין בית-המדרש.

עליה (אַליע) — דאָס אַרויסרופן עמעצן פון די דאַוונערס ביים פאַר-לייענען די תורה שבת אין בית-המדרש.

פיעקאַליק — דער אויפן-אויוון.

כביכול (קאַוויאָכויל) — געמיינט: גאָט. „קאַוויאָכל" אַלס אַ באַצייכענונג פון גאָט ווערט געברויכט דאַן, ווען מע רעדט וועגן גאָט, צוגעבנדיק אים מענטשלעכע אייגנשאַפטן.

מבול (מאַבל) — די ביבלישע לעגענדע דערציילט, אַז עס איז געווען אַ צייט, ווען די מענטשן האָבן זיך שטאַרק פאַרזינדיקט קעגן גאָט, און גאָט האָט זיי באַשטראָפט מיט אַ וואַסער-פאַרפליצונג (אַ מבול), און אַלץ איז אומגעקומען אויסער נחן, וועמען גאָט האָט אַפריער געהייסן אויסבויען אַ קאַסטן (אַ תיבה), וווהין ער האָט אַריינגענומען פון אַלע חיות און עופות. נאָכן מבול איז נח מיט אַלע חיות און עופות אַרויס פון דער תיבה, און די ערד איז אויפסניי באַזעצט געוואָרן. נאָכן מבול האָט גאָט געשוווירן, אַז מער וועט ער קיין מבול אויף דער ערד נישט ברענגען (ביבל-בוך בראשית, קאַפּ. 7—9).

רחמנא לצלן (ראַכמאָנע ליצלאָן) — גאָט זאָל היטן.

באו מים עד נפש (באָו מאַים אַד נאָפעש) — געמיינט: דאָס וואַסער איז שוין איבערן מויל.

ל"ו צדיקים (לאַמעד-וואָוו צאַדיקים) — זעקס און דרייסיק צדיקים. די רעליגיעזע יידן האַלטן, אַז אויף דער וועלט זיינען פאַראַן זעקס און דרייסיק צדיקים (ל"ווניקעס), וואָס אַדאַנק זיי האַלט זיך די וועלט.

בת-קול (באַס-קאָל) — אַ קול פון הימל.

עולמות העליונים (אוילעמעס האָעליוינים) — די אייבערשטע (הימלישע) וועלטן.

סריס (סאָריס) — אַ קאַסטרירטער.

עופות טמאים (אויפעס טמייאים) — אומריינע עופות (וואָס לויטן יידישן רעליגעזן געזעץ טאָר מען זיי נישט עסן).

רחב הזונה (ראָכאָוו האַזוינע) — אַן אויסגעלאַסענע פרוי, וועגן וועלכער עס ווערט דערציילט אין דעם ביבל-בוך יהושע, קאַפּ. 2

כפל-שמונה (קאָפל-שמוינע) — אַכטפאַכיק.

אומות העולם (אומעס האָוילאָם) — די פעלקער פון דער וועלט (נישט-יידן).

ל"ג בעומר (לאַגבוימער) — אַ רעליגיעזער האַלב-יום-טוב. די חדר-יינגלעך פלעגן אַרויסגיין דעם טאָג אויפן פרייען פעלד און שפילן אין מלחמה.

ושלוה (וועשאַלווע) — און רו; זאָרגלאָזיקייט.

פרושים (פּרושים) — מענער, וואָס פאַרלאָזן די פרויען, אַלע וועלט-לעכע ענינים און פאַרנעמען זיך בלויז מיט לערנען תורה.

ימי הגבלה (יעמיי האַגבאָלע) — דריי טעג פאַרן רעליגיעזן יום-טוב שבועות. די דאָזיקע טעג, לויטן יידישן רעליגיעזן געזעץ, האַלטן זיך די מענער פונדערווייטנס פון זייערע פרויען.

זוהר (זויהאַר) — אַ מיסטיש רעליגיעז ספר. דער גרונט פון דער קבלה, דערשינען אין 13-טן יאָרהונדערט. פאַראַן אַ לעגענדע, אַז דעם ספר האָט פאַרפאַסט רב שמעון בן יוחאי טויזנט יאָר פריער, איידער ער איז דערשינען.

פדיון הבן (פידיען האבען) — א רעליגיעזע פייערונג אויפן 30־טן טאג נאך דער געבורט פון א יינגל אן ערשטלינג.

דער תענית

סטערינע — קעלער־שטוב.

צו קריאת התורה (קריאס האטוירע) — צום לייענען די תורה.

שולחן (שולכאן) — טיש.

דער משולח

טל ומטר (טאל ומאטער) — א קליינע זאך. דער אויסדרוק שטאמט פון די העברעישע ווערטער „טל ומטר" (טוי און רעגן), וואס ווערן געברויכט אין א תפילה און ווערן געוויינלעך געדרוקט אין סידור מיט קליינע אותיות.

בכי טוב (בכי טויוו) — געמיינט: באציטנס, ווען עס איז נאך ליכטיק.

בקו הבריאה (בעקאו האברייע) — געזונט.

קאנסומציע — געברויך־געזעלשאפט.

סוואנד — א משאר.

רשעות (רישעס) — שלעכטסקייט.

העסע — א וואנט־לייכטער.

מזומן (מעזומען) — דאס געמיינזאמע בענטשן נאכן עסן ביי רעליגיעזע יידן. אויב אינעם עסן האבן אטיילגענומען נישט ווייניקער ווי דריי מאנצבילן.

דער משוגענער בטלן

שאני הכא (שיינע האכא) — דא איז עפעס אנדעש.

קרוע בלוע (קרוע בלוא) — אפגעריסן, אפגעשליסן.

עס זאל מיר פעלן צוויי טעג — ישיבה־בחורים פלעגן עסן יעדן טאג פון וואך ביי אן אנדער באלעבאס („עסן טעג").

משיג (מאסיג) **זיין** — באגרייפן.

כיור (קיער) — האנטפאס (אין בית־המדרש).

היכי דמי (הייכע דאמי) — ווי קאן עס געמאלט זיין.

תוך כדי דיבור (טאך־קעדיי־דיבער) — גליך אויפן ארט.

דער גאון (גאען) — דא געמיינט: דער ווילנער גאון (1720—1797). א באוווסטער תלמודיסט און רבנישער געלערנטער, א גרויסער קעגנער פון חסידות.

בעל עקידה (באל־אקיידע) — אזוי רופט מען דעם אויטאר (יצחק ברב משה) פונעם ווערק „עקדת יצחק" (א רעליגיעז פילאסאפיש בוך), פארפאסט אנהייב 16־טן יארהונדערט. דא געמיינט דעם בוך גופא.

פלאי פלאים (אַ פילעפלאָימדיקער) — אַ וווּנדערלעכער.

דרוש (דרוש) — אַ סכאָלאַסטישע אויסטייטשונג פון ביבלישע „פסוקים" (זאַצן) און תלמודישע אַפאָריזמען.

אַ בעל עקדהניק — געמיינט: אַ לערנער פונעם בוך „עקדת יצחק".

עד סוף כל הדורות (אַד סאָף קאָל האַדוירעס) — ביזן סוף פון אַלע דורות; אייביק.

וואָיטעק — אַ פוילישער נאָמען. אין געגעבענעם קאָנטעקסט געמיינט: גראָבער קאָפּ (אַ יידישער שאָוויניסטישער אויסדרוק).

פרק (פּוירעק) קאַפּיטל.

קונח, קונם, קונס (קוינעד, קוינאָם, קוינעס) — תלמודישע טערמינען, וואָס באַטייטן פאַרשידענע מינים נדרים.

לשון שבדו חכמים (לאָשוין שעבאָדו כאַכאָמים) — די שפּראַך, ווי אַזוי עס האָבן גערעדט די תלמודישע געלערנטע.

טהרה (טאָרע)-**ברעט** — די ברעט אויף וועלכער מע וואַשט, לויטן יידישן רעליגיעזן ריטואַל, דעם טויטן פאַרן באַגראָבן.

מאבד עצמו לדעת (מעאַבייד אַצמוי לאָדאַאַס) — דער, וואָס באַגייט באַוווסטזיניק זעלבסטמאָרד.

מענדל ברײנעס

יושב אוהל (יושעוו אויהעל) — געמיינט: אַ מענטש, וואָס פאַרנעמט זיך נישט מיט קיין וועלט-זאַכן, זיצט און לערנט אין שטוב, אָדער אין בית-המדרש.

עין-יעקב (איין-יאַנקעוו) — אַ רעליגיעזער ספר, אַ זאַמלונג לעגענדעס, דערציילונגען און מוסר פון תלמוד.

פרק משניות (פּוירעק מישנייעס) — קאַפּיטל פון משנה (אַזוי הייסט דער עלטערער טייל תלמוד).

מאיר בעל הנס (מייער באַל-האַנעס) — אַ מנהג ביי רעליגיעזע יידן ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן אַרויסוואַרפן אַ נדבה אין אַ פּושקע אין נאָמען פון מאיר בעל הנס (בעל הנס — דער, וואָס ווייזט נסים).

מפטיר (מאַפטיר) — אַ כּיבוד אין בית-מדרש, וואָס באַשטייט אין אויפרופן צו דער תורה און פאָרלייענען באַשטימטע אויסצוגן פון דער ביבל.

פתיחות (פּסיכעס) — אַ כּיבוד אין בית-מדרש, וואָס באַשטייט אין עפענען דעם אַלמער, ווו עס שטייען די ספרי-תורות.

מתעסק במצוות (מיסאַסיק בעמיצוועס) — דאָ: אַ מענטש, וואָס פאַרנעמט זיך מיט פילאַנטראָפּיע.

עירובין (איירווין) — לויט די יידישע רעליגיעזע געזעצן איז שבת פאַרווערט צו טראָגן, פלעגט מען מאַכן אַן עירוב, אַן אַרומצוימונג פון דראָט, דאָס האָט געגאָלטן אַלס אָפּשאַפונג פון פאַרבאָט.

אהל (אויהעל) — דאָ: אַ שטיבל אויף אַ קבר.

דאָזאָרצע — אַן אויפזעער; אַ מיטגליד פון דער יידישער קהילה.

חצות (כצאָס) — תפילות, וואָס רעליגיעזע יידן זאָגן אין האַלבער נאַכט.

אָפּיגיע — מיגונג.

חלולים (כאלולים) — אויסגעהוילטקייטן.

האַלטן עולם ומלואו (אוילעם ומלויע) — האַלטן אַ וועלט; שטאַרק האַלטן.

גבורות הבורא (גוורויס האַבוירע) — דאָ געמיינט: גאָטס וואונדער.

מעשה פון צפרדע של מצרים (צפאַרדייע שעל מיצ-ראַים) — אַ לעגענדע וועגן פרעש אין מצרים (עגיפּטן). די לעגענדע דערציילט, אַז גאָט האָט אָנגעשיקט פרעש אויף די עגיפּטענער אַלס שטראָף דערפאַר, וואָס זיי האָבן נישט געוואָלט באַפרייען די יידן פון קנעכטשאַפט. די פרעש האָבן זיך אומ-געהויער געמערט און פאַרפליוצט דאָס גאַנצע לאַנד.

ממציא (מאַמצי) געווען — צוגעטראַכט, דערפונדן.

זייער בחרם (בעכיירעם) — זייער פאַרבאָטן

גילגול מחילות (גילגול מעכילעס) — דאָס קייקלען זיך אונטער דער ערד. די רעליגיעזע יידן גלייבן, אַז עס וועט קומען אַן אויס-לייזער (משיח), וואָס וועט ברענגען די יידן קיין ארץ-ישראל (פּאַלעסטינע). די טויטע וועלן לעבעדיק ווערן, נאָר פריער וועלן זיי דאַרפן זיך איבערקייקלען אונטער דער ערד קיין פּאַלעסטינע.

ממון קרח (מאָמען קוירעך) — געמיינט: אַ גרויסער פאַר-מעגן; אַ סך געלט.

עולה לתורה (אוילע לאַטוירע) — גייט צו דער תורה (ווען מע רופט אים אויף אין בית-מדרש).

האשה בריינע בת מורנו... (האָישאָ בריינע באַס מוירייני) — די פרוי בריינע די טאָכטער פונעם האַר...

ח״י פּעמים ח״י (כיי פּעאָמים כיי) — אַכצן מאָל אַכצן.

אין די קליינע אותיות (אויסיעס) — געמיינט: אין די רעליגיעזע ספרים.

געוואַשן זיך ביי דער שכנה (שכיינע) — געמיינט: עפּעס אָפּגעגעסן ביי דער שכנה (פאַרן עסן וואַשן זיך רעליגיעזע יידן און זאָגן דערביי אַ באַשטימטע תפילה).

יולדת (יוילדעס) — געווינערין.

תורה מתיש כוח (טוירע מאַטיש קויעך) — דאָס לער-נען תורה שוואַכט אָפּ דעם כוח.

אם אין תורה אין קמח (אים איין טוירע איין קעמעך) — אויב מען פאַרנעמט זיך נישט מיט לערנען, האָט מען נישט קיין ברויט.

יום תהילים (יוים טילים) — דער טייל תהילים, וואָס איז איינגעשטעלט צו זאָגן יעדן טאָג פון דער וואָך.

די אלמנה

נשמה (נעשאָמע)- ליכטל — אַן אָבערגלויבן: ווען עס שטאַרבט עמעץ, לאָזן ברענען אַ ליכט (נשמה-ליכטל) אין משך פון די אַכט טעג שבעה; לעבן ליכטל שטעלט מען אַוועק אַ גלאָז וואַסער מיט אַ שטיקל לייוונט.

שלום בית

אלשיך (אַלשיך) — אַ מוסר-ספר, אַ קאָמענטאַר אויף דער תורה, פאַרפאַסט פון משה בן חיים אַלשיך, געלעבט אין 16-טן יאָרהונדערט.

כף הקלע (קאַפעקאַל) — לויטן רעליגיעזן אָבערגלויבן, אַ שטראָף פאַר די זינדיקע אויף יענער וועלט; באַשטייט אין דעם, וואָס מע וואַרפט דעם זינדיקן פון איין עק וועלט צום צווייטן.

זוי משמש תלמידי חכמים (מעשאַמעש טאַלמידיי כאַכאָמים) — באַדינען די, וואָס לערנען תורה.

אין פאָסט־וואָגן

שעטנז (שאַטנעז) — שטאָף, וואָס איז אויסגעאַרבעט פון פלאַקס און וואָל. אָנטאָן קליידער פון „שעטנז”, אָדער זיצן אויף אַזאַ שטאָף איז לויטן יידישן רעליגיעזן געזעץ פאַרבאָטן.

מע דאַרף שטרוי אין מצרים (מיצראַים) — עגיפטן האָט זיך אין אוראַלטע צייטן גערעכנט פאַר אַ לאַנד פון אַ סך תבואה, און פירן שטרוי קיין מצרים האָט, פאַרשטייט זיך, קיין זין נישט געהאַט, דערפון נעמט זיך דער דאָזיקער אויסדרוק.

אַז עס לא היה (אַמלוי האָיאָ) די נשים (נאָשים) — אַן אומדערהערט פאָלק זייַנען די ווייבער.

תרי"ג מצוות (טאַריאַג מיצוועס) — 613 מצוות (געבאָטן און פאַרבאָטן), וואָס זייַנען אָבליגאַטאַריש פאַר רעליגיעזע יידן.

בטלה (באַטאָלע) — דאָס ליידיקגיין.

ברוח הקודש (בערואַך האַקוידעש) — מיטן הייליקן גייסט.

הבטלה מביאה לידי שעמום (האַווטאָלאָ מעוויאָ לידיי שימום) — דאָס ליידיקגיין ברענגט צו משוגעת.

אַרבעה אָבות נזיקין... השור והבור, והמבעה וההבער (אַרבאָאָ אָוווים נעזיקין... האַשויר וועהאַבויר, וועהאַמאַווע, וועהאַהאַווייר) — פיר גרונט-מינים פון היזק: דער אָקס און די גרוב, און דאָס פיי, וואָס גייט אין שאָדן, און דאָס פייער — אַזוי הייבט זיך אָן איינער פון די תלמודישע טראַקטאַטן „בבא קמא”.

מהרש"א (מהאַרשאָ) — אַ קאָמענטאַר צום תלמוד, פאַרפאַסט פוי שמואל אליעזער איידלס (1555 — 1631).

קתא דמגלא (קאַטאָ דעמאַגלאָ) — אַ הענטל פון אַ סערפּ (אַ תלמודישער אויסדרוק): איבער קטא דמגלא — געמיינט: איבער טעקסטן פון תלמוד.

סעקוועסטראַטאָר — געריכטס-אויספירער.

„ראָלאַ" („Rola") — אַן אַנטיסעמיטישע צייטונג אין וואַרשע, אַרויסגעגעבן פונעם באַוווסטן אַנטיסעמיט יעלענסקי.

עץ הדעת (איירץ האַדאַאַס) — דער בוים פון וויסן.

די פּראַקסע — די פּראַקטיק, געמיינט: די קליענטור.

כהויה (קעהאַוואַיע) — ווי עס איז געווען.

עמפּערן — דאָ געמיינט: אויפשטעלן קעגן.

אַ קלעזמער־טויט

דריי פ׳ען (פּייען) — באַטייט: פאַרגעווים פאַרפאַלן.

לייבצודעקלעך — טלית קטנס.

עס שטאַרבט אַ צאָל נאָך אַ צאָל — עס שטאַרבט אַפּ שטיקלעכווייז.

אַ פאַרשטערטער שבת

האָר-באַנד — אַ טשיפּעק, וואָס פרויען אין פרומע יידישע פאַמיליעס פלעגן טראָגן. נאָך דער חתונה איז דער פרוי, לויטן יידישן רעליגיעזן געזעץ, פאַרווערט געווען צו טראָגן די אייגענע האָר און אין טאָג פון דער חתונה פלעגט מען זיי אָפּשערן ביזן הוילן קאָפּ, און אויניקע ערטער פלעגט מען אָנשטאָט אַ האָר-באַנד אָנטאָן דער פרוי אַ פּאַרוק (אַ שייטל) פון פרעמדע האָר.

הושענא-רבה (הוישיינע ראַבע) האָט מרים (מיריאָם) מורא (מוירע) געהאַט פאַרן יום-הדין (יאָם האַדין) — הושענא-רבה איז דער זיבעטער טאָג פונעם רעליגיעזן יום-טוב סוכות (סוקעס), וואָס פאַלט אויס אין האַרבסט. לויטן רעליגיעזן אָבערגלויבן, ווערט הושענא-רבה אויפן הימל ענדגילטיק אַרויסגעטראָגן דער אורטייל איבער יעדן מענטש, וואָס עס זאָל מיט אים פאָרקומען אין משך פונעם פאָרשטייענדיקן יאָר (עס ווערט „אַרויסגעגעבן דאָס קוויטל").

באמונה שלימה (בעעמונע שליימע) — מיט אַ פולן גלויבן.

שלא כדרך הטבע (שעלוי קעדערעך האַטעווע) — אומנאַטירלעך.

סדום ועמורה (סדאָם וועאַמוירע) — נעמען פון צוויי שטעט, וואָס ווערן דערמאָנט אין אַ ביבלישער לעגענדע אַלס שטעט, וואָס זיינען געווען פול מיט פאַרדאָרבענע, אויסגעלאַסענע מענטשן.

כהיום (קעהאַיוים) — ווי היינט.

ארך אפים (ערעך אַפּאַים) — פולגעדולדיקער.

מושלמת (מושלעמעס) — אַ ווווילקענערין.

קב הישר (קאַוו האַיאָשאָר) — אַ טיף אָבערגלויביש מוסר-בוך, פול מיט מעשות וועגן יענער-וועלט, פאַרפאַסט פון צבי הירש קוידאַנאָווער (אָנהייב 18-טן יאָרהונדערט)

ראשית חכמה (רוישים כאָכמע) „דער אָנהייב פון חכמה" — אַ בוך פון דעם זעלבן מין, ווי דער „קב-הישר", נאָר פיל עלטער פון אים, פאַרפאַסט פון אליהו דע-ווידאַס אין דער צווייטער העלפט פון 16-טן יאָרהונדערט.

דיטעג, ווען אַן אשה (אישע) **איז פול מיט שדים** (שיידים), **ווען אַרום איר טאַנצן רוחות-רעות** (רוכעס-ראָעס) — געמיינט: די טעג פון מענסטרואַציע. לויטן רעליגיעזן אָבערגלויבן, איז די פרוי אין די דאָזיקע טעג אומריין, און איר נעסטן זיך דאַן שדים, בייזע גייסטער. אין משך פון די דאָזיקע טעג טאָר זיך אַ מאַנצביל נישט צורירן צו דער פרוי, צו אירע קליידער און זאַכן, נישט נעמען קיין זאַך ביי איר דירעקט פון די הענט.

טומאה (טומע) — אומריינקייט.

שעשני כרצונו (שעאָסאַני קירצוינוי) — וואָס ער האָט מיך געמאַכט לויט זיין ווילן. אַ פראַזע פון אַ תפילה, וואָס רעליגיעזע יידישע פרויען זאָגן: די מענער זאָגן אַ תפילה, אין וועלכער זיי דאַנקען, גאָט, וואָס ער האָט זיי נישט געמאַכט פאַר קיין פרוי; פאַר די פרויען איז די אַנטשפּרעכנדיקע תפילה געענדערט — זיי, וואָס ווערן געשאַצט אַלס נידעריקערע באַשעפענישן, דאַנקען גאָט, וואָס ער האָט זיי „געמאַכט לויט זיין ווילן".

חלה נידה הדלקת הנר (כאַלע, נידע, האַדלאָקאַס האַניייר) — דריי רעליגיעזע געבאָטן, וואָס ווערן אַרויפגעלייגט אויף פרויען: חלה-נעמען — ביים פאַרקנעטן טייג אָראָפּנעמען אַ שטיקל און אַריינוואַרפן אין פייער, אַ רעשט פון אַמאָליקן קרבנות-ברענגען; נידה — אָפּהיטן די רעליגיעזע געזעצן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיטן פעריאָד פון מענסטרואַציע; הדלקת-הנר — אָנצינדן ליכט („ליכט בענטשן") ערב שבת און יום-טוב.

לילית (לילים) — די קיניגין פון שדים.

על חטא (אַל כעט) — אַ תפילה, אין וועלכער דער דאַוונער בעט גאָט, ער זאָל אים פאַרגעבן די זינד.

חרם דרבנו גרשום (כיירעם דעראַביינו גערשוים) — דער פאַרבאָט צו האָבן מער ווי איין פרוי, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן לויט דער איניציאַטיוו פונעם מיינצער רב גרשום בן יהודה (אָנהייב 11-טן יאָרהונדערט).

משכן (מישקן) — דאָ: דער טעמפּל, וואָס די יידן האָבן אויסגעבויט אין דער מדבר.

פושע באלהי ישראל (פּוישע בעעלויהיי יויסראָעל, — פאַרברעכער קעגן דעם יידישן גאָט; אַ מענטש, וואָס איז באַגאַנגען אַ שווערע זינד קעגן דער רעליגיע.

אַ כעם פון אַ יידענע

פּיאַנע (פון פּויליש) — שוים.

ביטול תורה (ביטל טוירע) — דאָס נישט לערנען תורה.

ארבע מיתות בית-דין (אַרבע מיסעס בעסדין) — די

פיר מינים טויט, צו וועלכע מע פלעגט, לויטן יידישן רעליגיעזן געזעץ, צו-משפטן פאַר שווערע פאַרברעכנס.

אין קעלער שטוב

מפיס (מעפּויעס) זיין — קאָמפּענסירן, באַפרידיקן, איבערבעטן.

כראַבינע — גרעפּין.

כעלות (קאַאַלויס) — געקריצט פון דעם העברעישן אויסדרוק כעלות הבוקר (קאַאַלויס האַבויקער) — אין באַגינען, גאָר פרי, פאַרטאָג.

חירוף־נפש (כּיירוף-נעפעש) — איינגעשטעלט דאָס לעבן.

חוכא טלולא (כוכע טלולע) — געלעכטער און שפּאַס

המוציא (אַ מויציע) — אַ פענעץ ברויט, איבער וועלכן רעליגיעזע יידן מאַכן אַ ברכה „המוציא לחם מן הארץ": דער, וואָס ברענגט ארויס דאָס ברויט פון דער ערד.

בלי נדר, בלי מסקנא (בעלי נעדער, בעלי מאַס-קאָנאָ) — אָן אַ גיידער און אָן אַ רעזולטאַט. אַ צושפּרוך ביי רעליגיעזע יידן, ווען ער זאָגט עפּעס צו; דאָס באַטייט: ער זאָגט צו, נאָר ער גאַראַנטירט נישט דערפאַר.

דאָס שטריימל

אחרי בלותי (אַכריי בלויסי) — נאָך דעם, ווי איך בין פאַר-וועלקט געוואָרן, אַלט געוואָרן.

מאמר המוסגר (מוימער האַמוסגער) — אַ באַמערק-זאַץ.

בעונותינו הרבים (באַאַוויינויסיינו האָראַבים) —. איבער אונדזערע פיל זינד. דאָ געמיינט: מע דאַרף מודה זיין, אַז אַזאַ זינד איז געווען.

כח הדם (קויעך האַדאַם) — די קראַפט פון בלוט, דער טעמפּע-ראַמענט.

מאָרג — שטח-מאָס פאַר ערד, ביי 0,7 העקטאַר.

בכבודו ובעצמו (ביכווידוי אוווּעאַצמוּ) — ער אַליין (מיט זיין כבוד).

בעל עסקן (באַל אַסקן) — אַ מענטש, וואָס באַשעפטיקט זיך מיט עפּעס.

חטאת נעורים (כאַטאַס נעורים) — יוגנט-זינד.

חומר (כוימער) — מאַטעריע (אין קעגנזאַץ צו גייסט). געמיינט: קערפּער.

סעודת מצוה (סודאַס מיצווע) — אַ מאָלצייט ביי אַ מצווה (אַ ברית, אַ חתונה).

עפּאָלעטן, שליפעס, פאַגאָנעס — אָפיצערישע צייכנס פאַר פאַרשידענע ראַנגען.

ניין טעג — די ערשטע ניין טעג פון חודש אָב רעכענען זיך פאַר טרויער-טעג, אין צוזאַמענהאַנג דערמיט, וואָס, לויט דער לעגענדע, איז דעם ניינטן

אָב חרוב געוואָרן דער בית-המקדש (דער טעמפּל אין ירושלים). אין די דאָזיקע טעג עסן נישט רעליגיעזע יידן קיין פליוש.

מלמד (מעלאַמעד) — דאָ געמיינט: אַ שלימזל.

ער קאָן זיך נישט אויף קיין צורת-מטבע (צוראַס מאַטבייע) — ער ווייסט נישט ווי אַ מטבע זעט אויס, ד. ה. ער איז נישט פּראַקטיש.

מאי נפקא מינה (מיי נאַפקעמינע) — וואָס איז דער אונטערשיד.

זיי זיינען קיין כוהנים (קויהאַנים) נישט און דוכנען (דוכענען) נישט — כוהנים (מענטשן, וואָס שטאַמען כלומרשט פון דער כוהנישער. ד. ה. פּריסטערישער קאַסטע) דוכענען (בענטשן די דאַווענער) אין גרויסע יידישע רעליגיעזע יום-טובים. בעת דער דאָזיקער ריטואַלער פּראַצעדור טאָר מען נישט קוקן אויף די כוהנים.

יובל (יויוועל) — אַ פּעריאָד פון פופציק יאָר. איינמאָל אין אַ יובל — זייער זעלטן.

עבודה זרה (אַן אַוווידע זאָרעלע) — דאָ: אַ געץ, אַן אָפּגאָט.

מעשי ידי (מאַאַסיי יאָדיי) — דאָס ווערק פון מיינע הענט.

אַקציזניק — אַ צאַרישער באַאַמטער, וואָס פלעגט אַכטונג געבן, ס'זאָל איינצאָלן אין דער מלוכה-קאַסע דעם שטייער פאַר בראָנפן און אַנד.

דער סדר-עולם (סיידער אוילאָם) — די פירונג פון דער וועלט.

לתורה, לחופה ולמעשים טובים (לעטוירע, לעכופע אולעמייסים טויווים) — אַ טראַדיציאָנעלע ווינטשעוואַניע בנוגע יינגלעך — זיי זאָלן דערלעבן צו לערנען תורה, גיין צו דער חופה און טאָן גוטע מעשים.

באַנציע שוויג

„אינ-פלוס" ליציטירט — דאָ: גלייך אויסגעכאַפּט.

קטיגור (קאַטייגער) — דער באַשולדיקער, דער פּראָקוראָר.

פּרעזעס — פאָרזיצער.

מליץ-יושר (מיילעץ-יויושער) — דער פאַרטיידיקער, אַדוואָקאַט.

איוב (אייעוו) — דער הויפּט-העלד פונעם ביבלישן בוך מיט דעם זעלבן נאָמען. לויט דער ביבלישער לעגענדע, האָט גאָט אויסגעפּרווט איובס פרומקייט דורך פאַרשידענע צרות, וואָס ער האָט אויף אים אָנגעשיקט.

מלשינות (מאַלשינעס) — רכילות.

דיקסי (לאַטייניש) — איך האָב מיינס געזאָגט, געענדיקט רייד.

אב בית-דין (אָוו בעסדען) — פאָרזיצער פון געריכט.

יריחו (יעריכאָ) — אַ שטאָט אין פּאַלעסטינע אין די ביבלישע ציטן. לויט דער ביבלישער לעגענדע, זיינען די מויערן פון יריחו (בעת די יידן האָבן זי באַלאַגערט) איינגעפאַלן דערפון, וואָס די יידן זיינען אַרומגעגאַנגען אַרום די מויערן און האָבן געשאַלט אין טרומייטן.

עולם השקר (עולעם האשעקער) — פאַלשע וועלט.
עולם אמת (אוילעם עמעס) — אמתע וועלט.
דיוקנים (דאַיאָנים) — ריכטער.

אין געמויזעכץ

אפאַרט — אָפּגעזונדערט, באַזונדער.
מסורה (מעסוירע) — טראַדיציע.
יומא-דפגרא (יוימאָ-דעפּאַגראָ) — אַ יום-טוב-טאָג.
חדקל (כידעקעל) — איינער פון די לעגענדאַרע טייכן, וואָס זיינען געפלאָסן פון גן-עדן.
יומא-דפגרא (יוימאָ-דעפּאַגראָ) — אַ יאָנטעוו-טאָג.
אבני אלגביש (אַוונוי עלגאָוויש) — האָגל-שטיינער.
פמליא של מעלה (פּאַמאַליע שעל מאַלע) — גאָטס סוויטע.
שינוי (שינוי) — ענדערונג.

פון דול הויז

עולם הבא

אותות ומופתים (אויסויס אומויפסים — וווּנדער; אויפווייזן מיט אותות ומופתים — באַשײַמפּערלעך דערווייזן.
ערב-רב (אײרעווראַוו) — אַ געמיש פון פאַרשידענע זאַכן.

כל בו

כל בו (קאָלבוי) — וואָס אַנטהאַלט אין זיך אַלץ.
מכל המינים שהוא (מיקאָל האַמינים שעהו) — דאָ: וואָס אין אים איז אַלץ געווען.
באור (ביור) — קאָמענטאַר.
שבעים זקנים (שיוויים זקיינים) — די זיבעציק זקיינים. דער „באור" זאָגט... און די שבעים זקנים... איין אויטאָריטעט זאָגט אַזוי און דער צווייטער — אַנדערש.

אַ חלום

פרי מגדים (פּרי-מעגאָדים) — אַ באַוווּסטער סכאָלאַסטישער ספר. אַ קאָמענטאַר אויף די קאָמענטאַרן פון שולחן-ערוך, פאַרפאַסט פון יוסף תאומים (1727—1793).
יש מקום בראש (יעיש מאָקוים באָרויש) — עס איז פאַראַן אַן אָרט אין קאָפּ, דער קאָפּ פאַרנעמט.
פוסקים (פּויסקים) — ספרים, ווו עס ווערן געלייזט פאַרשידענע רעליגיעזע פראַגן.

סערוויטוטן — דאָס רעכט צו באַנוצן זיך אין אַ געוויסער מאָס מיט עמעצנס אייגנטום. סערוויטוטן האָבן געשפּילט אַ ראָליע אין די באַציונגען צווישן פּריץ און פּויער: דער פּויער האָט געהאַט רעכט אויף באַשטימטע פּאַשע-פּלעצער בײַם פּריץ, אויף קלייבן צווייגן אין וואַלד אאַ"וו. פּאַקטיש האָבן די סערוויטוטן געבראַכט צו גרויסע סכסוכים צווישן די פּויערים און פּריצים.

ירק עשב (יעריק איסעוו) — גרינס.

כּלחוך השור (קילכוויך האַשויר) — ווי דער אָקס וואָלט אָפּגעגריזשעט.

פּאַקשיווע — קראָפּעווע.

אַז מע זאָגט „משוגע" — גלייב!

לסוף ימיו (לעסאָף יאָמאָוו) — די לעצטע יאָרן זײַנע.

שיעור (שיער) — אַ לעקציע, אַ פּאַרגעבונג פון תלמוד.

מעמד (מוימעד) — אַ שטעלע, אַ פּרנסה.

פּאָרסט ערגעץ? — געמיינט: פּאָרסט צו אַ חסידישן רבין בעטן, ער זאָל העלפן, עס זאָל בײַ דיר געבוירן ווערן קינדער?

בײַ מינעם, זאָל לעבן — געמיינט: בײַ דעם חסידישן רבין, צו וועלכן איך פאָר.

גוזר (גויזער) — טראָגט אַרויס אַ שווערן אורטייל.

לפנים משורת הדין (ליפנים מעשוראַס האַדין) — נישט ווי דער שטרענגער דין פאָדערט.

ספירה (ספירע) — די טעג צווישן פּסח און שבועות: אין די טעג איז, לויטן רעליגיעזן געזעץ, פאַרווערט צו פּראַווען חתונות און אַנדערע שמחות.

כּפול שמונה (קאָפּל שמוינע) — אַכט מאָל, אין אַכטן.

...מיך מאַכט מען פאַר אַן עומד (אוימעד) — מיך באַשטימט מען.

בעל הלוואה־ניצע (באַל־האַלוואָעניצע) — אַ הלוואה־געבע־רין, אַ פּראָצענטניצע.

מלביש ומנעיל (מאַלביש אומאַניל) געוועזן כּיד המלך (קעיאַד האַמעלעד) — באַקליידט און באַשוכט אויף אַ קעניגלעכן אופן.

ערב קבלן (אָרעוו קאַבלאָן) — דער וואָס נעמט אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט, אַז אַלץ זאָל אויסגעפירט ווערן, ווי מע רעדט אָפּ.

אַ קימא־לן (קימעלאָן) — אַ חשבון, אַ סך־הכּל.

רח"ש (ראַכאַש) — די ערשטע אותיות פון די ווערטער: „רבנים, חזנים, שמשים", געמיינט: דאָס געלט, וואָס מע באַצאָלט די כּלי־קודש פאַר אָפּריכטן רעליגיעזע צערעמאָניעס (אויף חתונות, בריתן אאַ"וו).

שרייבן אויפן „מגיד" (מאַגיד) — געמיינט: געבן אַ מעלדונג אין דער העברעישער צײַטונג „המגיד".

מתיר זײַן אַן עגונה (אַגונע) — דערלויבן איר חתונה צו האָבן, נישט באַקומענדיק קיין גט פון מאַן.

משועבד נכסים (מעשובאַד נעכאָסים) זיין — ענטפערן מיטן פאַרמעגן.

כוהנים (קױהאַנים) איז לויטן יידישן רעליגיעזן געזעץ פאַרווערט צו קומען אויף אַ בית-עולם.

מקובל (מעקובל) — אַ מענטש, וואָס פאַרנעמט זיך מיט קבלה.

הוריות (הױראָיעס) — געדאַנקען.

מתחבר (מיסכאַבער) געווען — צונויפגעחברט זיך.

חתונה געהאַט

מתנת-יד (מאַטנאַס-יאַד) — בוכשטעבלעך: אַ גאָב פון דער האַנט. דאָ געמיינט: אַ קלאַפּ.

סוב-רעוויזיע — דאָ: פּריזיוו.

ברחל בתך הקטנה (בעראָכל ביטכאָ האַקטאַנאָ) — געמיינט: געגנוי צונויפרעדן זיך, כדי עס זאָל דערנאָך נישט קאָנען פאָרקומען קיין שום מיספאַרשטענדענישן.

תוספות כתובה (טויספעס קסיבע) — אַ צוגאָב-כתובה; אַ פאַרפליכטונג פונעם מאַן, לויט וועלכער די פרוי האָט רעכט צו באַקומען נאָכן מאַנס טויט אַ געוויסע סומע.

רפואה בדוקה (רעפוע בדוקע) — אַן אויסגעפּרוּווטע רפואה.

פרוש (פּאָרעש) — אַ מענטש, וואָס איז אַוועק פונעם ווייב און פון דער פאַמיליע האָט זיך אָפּגעזאָגט פון וועלטלעכע זאַכן און פאַרברענגט זיין צייט אין בית-המדרש, פאַרנעמט זיך מיט לערנען תורה.

שבת-נחמו (שאַבעס-נאַכמע) — דער שבת נאָך תשעה-באָב.

דעם רבינס ציבעק

„עץ חיים" („אייצכאַיים") — אַ קאַבאַליסטיש ווערק, פאַרפאַסט פון חיים וויטאַל סוף 16-טן אָנהייב 17-טן יאָרהונדערט.

שערי בינה (שאַאַריי-בינאָ) — די טויערן פון פאַרשטאַנד. אַ נאָמען פון אַ ספר. דאָ אַ וואָרט-שפּיל. געמיינט: חיים-ברוכס פאַרשטאַנד.

עולם התוהו (אוילעם-האַטויהו) — כאַאָס-וועלט. לויטן רעליגיעזן אָבערגלויבן, ווערן נשמות פון אייניקע מענטשן נאָכן טויט פאַראורטיילט אויף אַרומצובלאָנקען אין דער וועלט.

בהיסח הדעת (בעהעסעך האַדאַאַס) — אומגעריכט, ווען מע וואַרט שוין נישט דערויף.

מבלבל (מעוואַלבל) — צעפּלאָנטערט, צעמישט אין די געדאַנקען.

מכנים (מאַכנים) געווען — דאָ: אַריינגעדרונגען, אַריינגעטאָן זיך.

בפני קהל ועדה (ביפניי קאָהאָל וועיידאָ) — פאַר אַלעמען אין די אויגן.

ח"י גדולים (כיי גדוילים) — אַכצן גראָשן.

די פרומע קאץ

זמרי בן סלוא'דיק (זימרי בען סאַלודיק) — אויס־געלאָסן. אין דער ביבל ווערט דערציילט וועגן איינעם זמרי בן סלוא, אַז ער האָט געזינדיקט עפנטלעך מיט אַ פרוי. פנחס בן אלעזר בן אהרון הכוהן האָט זיך אָנגענומען גאָטס קריוודע און האָט דערשטאָכן זמרין צוזאַמען מיט דער פרוי.

מחזיר למוטב (מאַכזיר לעמוטעוו) זיין (אַ זינדיקן) — אומקערן אויפן גוטן וועג.

וועבער־ליבע

פראָקורענט — פאַרטרויטע פערזאָן, פאַרשטייער פון אַ פירמע.

זיבן וועבער וועלן אָנכאַפּן איין ברויט־געבער — פּאַראַפראַז פונעם ביבלישן אויסדרוק: „און זיבן ווייבער וועלן דעמלט אָנכאַפּן איין מאַנצביל און וועלן אים זאָגן: אונדזער אייגן ברויט וועלן מיר עסן און אונדזערע אייגענע קליידער וועלן מיר טראָגן, אַבי גיב אונדז דיין נאָמען און דעק צו אונדזער שאַנד" (ישעיהו, 4, 1).

שמירה (שמירע) — אַן אַמולעט, אַ בלעטל, אויף וועלכן עס זיינען אָנגעשריבן געוויסע פּסוקים, וואָס דאַרפן, לויט דער מיינונג פון אָבערגלויבישע מענטשן, דינען אַלס באַוואָרעניש קעגן שדים. אַלס „שמירהס" פלעגן באַנוצט ווערן אויך מטבעות „געהייליקט פונעם חסידישן רבין.

יהי רצון (יעהי ראָצן) — אַן אָנהייב פון אַ תפילה.

מתיר נדר (מאַטיר־נײדער) זיין — באַפרייען פון אַ נדר.

לא תגנוב (לוי סיגנויוו) — זאָלסט נישט גנבענען; אייגער פון די צען געבאָטן.

פועלי צדק (פויאַליי־צעדעק) — פאַרשפּרייטער נאָמען פון אַ באַלמעלאָכישער חברה ביי די ערשטע פרוון פון צעכישער פאַרייניקונג צווישן די יידישע באַלמעלאָכעס.

עטרות (אַטאַרעס) — מערצאָל פון עטרה, אַ באַפּוצונג אויף אַ טלית.

קלאַץ־געשיכטן

פיקל־הויב — קאַסקע.

מלבוש ערומים (מאַלביש אַרומים) זיין — באַקליידן נאַקעטע.

עדות (איידעס) **צום נעגל פאַרברענען** — אַ רעליגיעזער מנהג צולייגן צו די אָפּגעשניטענע נעגל שטיקלעך האָלץ און פאַרברענען צוזאַמען מיט די נעגל. די צוגעלייגטע העלצלעך האָט מען גערופן „עדות".

הכנסת כלה (האַכנאָסעס קאַלע) — דאָ געמיינט: צונויפגעמען נדבות אויף חתונה־הוצאות.

אשת חבר כחבר (אײשעס כאָװער קעכאָװער) — דעם געלערנטנס פרוי איז װי דער געלערנטער אַלײן.
יהדות (יאַהאַדוס) — ייִדישקײט.

די לבנה דערציילט

מפולת (מאַפּוילעס) — אַ רואינע; אַן אײנגעפאַלן הויז.

האשה מרת חנה

האשה מרת חנה (האָישאָ מאָראַס כאַנע) — די פרוי די האַרנטע חנה; אַ טראַדיציאָנעלער טיטל פאַר אַ פרוי פון אַן אָנגעזעענער, אָדער בכלל באַלעבאַטישער פאַמיליע.

החיים והשלום לאחותי הצנועה מרת חנה תחיה (האַכאַיִם װהאַשאָלעם לאַאַכױסי האַצנואָ מאָראַס כאַנאָ טיכיע) — לעבן און פרידן צו מײן פרומער שװעסטער דער האַרנטע חנה זאָל לעבן; אַ טראַדיציאָנעלע פאָרם פון אַ װענדונג אין אַ בריװ.

דת (דאַס) — רעליגיע, געזעץ.

אשה כשרה (אישאָ קשײראָ) — כשרע, פרומע פרוי.

צלפחדס (צלאָפּכאָדס) טעכטער — די ביבל דערציילט װעגן אײנעם צלפחד, װעלכער איז געשטאָרבן בעת די װאַנדערונגען פון די ייִדן אין דעם מדבר און האָט נישט איבערגעלאָזט קײן זין, נאָר בלויז פינף טעכטער. לויט זײער פאָדערונג, איז צלפחדס פאַרמעגן און זײן אײגנטום-רעכט איבערגעגאַנגען צו זײ. לויטן ייִדישן רעליגיעזן געזעץ, האָבן טעכטער נישט קײן רעכט אויף ירושה, װען עס בלײבן זין.

בנים זכרים (באָנים זכאָרים) — זין, מאַנצבילען.

סילוקן (סילעקן) — דעקן, אָפּצאָלן.

פה-אחד (פּע עכאָד) — אײנשטימיק.

לא פקדני אבא (לוי פקאַדני אַבאָ) — דער טאַטע האָט מיר נישט אָנגעזאָגט.

עשרים וארבע (עסרים װעאַרבאַ) — פיר און צװאַנציק. געמײנט: די פיר און צװאַנציק ביכער פון דער ביבל.

שטיבל, אָדער חסידים-שטיבל — חסידישער בית-המדרש.

במהרה בימינו (בימהײראָ בעיאָמײנו) — אין גיכן; פאַר אונדזער לעבן.

שרפ"ט (שאַרפאַט) — געמײנט: זײער אַ גרויסע צאָל.

בחזקת סכנה (בעכעזקאַס סאַקאָנע) — אין אַ צושטאַנד פון געפאַר.

פאָדימנע — אַ שטײער, װאָס איז געצאָלט געװאָרן פון יעדן קוימען.

כנהוג (קענאָהוג) — װי עס פירט זיך.

קריעת ים-סוף (קריאַס יאַם-סוף) — שפאַלטן דעם ים. דער אויסדרוק שטיצט זיך אויף דער ביבלישער לעגענדע װעגן דעם, אַז בעת די

יידן זייענען אַרויס פון מצרים, האָט משה, וואָס האָט זיי געפירט, געשפּאָלטן דעם ים און די יידן זייענען אַזוי אַרום אַריבער טרוקן. דער אויסדרוק באַטייט: שרעקלעך שווער.

אין לשער (איין לעשאַער) — גאַרנישט פאָרצושטעלן זיך.

ואחרי ככלות הכל (וועאַכריי קיכלויס האַקויל) — דאָ: און גאָר נאָך אַלעמען.

אַסעסאָר — דאָ: געהילף־ריכטער; מיטגליד פון געריכט.

קטרוג (קיטרוג) — אַ באַשולדיקונג (געמיינט: אין הימלישן געריכט).

בעלך נ"י ויזרח המופלג (באַאַלאָך, ניירו יאָיר וועיזראַך האַמופלאַג) — דיין מאַן, זיין ליכט זאָל לייכטן, דער געלערנטער.

כל הכועס וכו' (קאָל האַקויים וועכולוי) — ווער עס איז אין כעס... לויטן תלמוד, איז כעס זייער נישט קיין גוטע מידה. פאַראַן וועגן דעם אַ סך אויסדרוקן. אַ שטייגער: אויב אַ חכם ווערט אין כעס, פאַרלירט ער זיין חכמה; אַ מענטש, וואָס ווערט אין כעס, פאַרגעסט זיין לערנען און ווערט נאַריש און אַנדערע. פאַראַן אויך אַ מדרש, אַז כעס איז גלייך צו געצנדינערײַ.

געדאַוונט גאָר אין בית־המדרש (בעסמעדרעש) — געמיינט: אין אַ מתנגדישן בית־המדרש מיט די קעגנער פון חסידים.

תורה מה תהיה עליה (טוירא מאַ טיהיע אָלעהאָ) — די תורה, וואָס וועט זיין מיט איר?

יושב ועוסק בתורה (יוישעוו וועויסיק בעטוירע) — זיצן און פאַרנעמען זיך מיט לערנען די תורה.

כתב־רבנות (קסאַוו־ראַבאָנעס) — צייגניש אויפן רעכט צו זיין אַ רב.

סגי־נהור (סאַגינאָער) — אַ בלינדער

וכו' (וועכולוי) — און אַזוי ווייטער.

זלזולים (זילזולים) —זידלערייען.

זוגתי (זוגאָסי) — מיין פרוי.

שפיכות־דמים (שפיכעס־דאָמים) — בלוט־פאַרגיסונג; דאָ: גרויס האַרצווייטיק.

מה אומר ומה אדבר (מאַ אוימאַר ומאַ אַדאַבייר) — וואָס זאָל איך זאָגן און וואָס זאָל איך רײדן.

פשר (פּעשער) — פּשאָרע, אויסגלייך.

שהלך אחרי אשתו (שעהאָלאָך אַכריי אישטוי) — וואָס האָט געפאָלגט זיין ווייב.

שבירת הלב (שוויראַס־האַלעוו) — האַרצווייטיק.

מאי דהוה הוה (מיי דעהאַווע האַווע) — וואָס איז געווען איז געווען.

בגדי משי (ביגדיי מעשי) וועסאַמעט — אַ געמישטער יידיש־העברעישער זאַץ: זיידענע און סאַמעטענע קליידער.

ודי לנבון (וועדיי לענאָווּן) — און עס איז גענוג פאַר דעם, וואָס פאַרשטייט.

זאָלאַ-וועקסל אויף סטעמפּל — אַ סאָלאָ-וועקסל, אַ פּעריזענלעכער וועקסל מיט אַ באַשטימטן טערמין, ווען ער קאָן צוגעשטעלט ווערן צום אויפמאָנען דורך אַ נאָטאַריעלער קאַנטאָר אָדער דורכן געריכט.

וליתר תוקף ועוז (אוליעסער טויקעף וועוויז) — און כדי עס זאָל זיין נאָך שטאַרקער און פעסטער.

נשים דעתן קלות (נאָשים דייטאָן קאַלוים) — אַ תלמודי-שער זאָץ: פרויען זיינען לייכטזיניק.

מופלג בתורה (מופלעג באַטוירע) — אַ גרויסער קענער פון דער תורה.

ובשלעוזר ונפל עזור (וועכאָשאַל איזייר וועגאָפאַל אזור) — עס שטרויכלט דער העלפער און עס פאַלט דער געהאָלפענער (אַ פראַזע פונעם בּיבּלישן בוך ישעיהו).

ביי אים, זאָל לעבן — געמיינט: ביים חסידישן רבין.

רופא חולים (רופע כוילים) — דער, וואָס היילט קראַנקע; געמיינט: גאָט.

לרפואה שלימה (לירפואָ שליימאָ) — צו פולקומער אויס-היילונג. אויפשרייבן אויף דער מזרחדיקער וואַנט „לרפואה שלימה" האָט זיך ביי די אַבערגלויבישע יידן גערעכנט פאַר אַ מיטל, אַז גאָט זאָל זיך אַריינמישן אין דעם ענין און אויסהיילן דעם קראַנקען.

עיקר שכחתי (איקער שאָכאַכטי) — דעם עיקר האָב איך פאַר-געסן. אַ טראַדיציאָנעלע פאָרמולע פון אַ נאָכשריפט (פּאָסט-סקריפּטום) אין אַ בריוו.

מקשה לילד (מאַקשע ליילעד) — אַ שווער האָבן.

גיסתי האהובה, המיוחסת והצנועה האשה הכשרה, הלא היא מרת חנה תחיה (גיסאָסי האָאהוווּאָ האַמיע-יוכעסעס וועהאַצנוּאָ, האָישאָ האַקשיירא האַלוי הי מאָראַס כאַנע טיכיע) — מיין געליבטע שוועגערין די יחסנטע און צנועה די כשרע פרוי וואָס איז די האַרנטע חנה, זאָל לעבן — אַ טראַדיציאָנעלע פאָרם פון אַ ווענדונג אין אַ בריוו.

מהיום והלאה (מעהאַיוים וועהאָלאָ) — פון היינט און ווייטער.

בעל-בכי (באַל-בעכי) — אַ קלאָגער אַ וויינענדיקער מענטש.

עד לב השמים (אַד לייוו האַשאָמאַים) — ביז אין הימל אַריין.

זהיר וזהר (זאָהיר וועזאָהיר) — גאָר שטרענג, אָפּגעהיט.

קורע כדג (קוירע קעדאָג) זיין — צערייסן ווי אַ פיש.

שערי רחמים (שאַאַריי ראַכמים) — די טויערן פון דער-באַרעמונג.

מרחקים (מערכאקים) — ווייטע לענדער.

סליחה ומחילה (סליכאָ אומכילאָ) — פאַרגעבן און מוחל זיין.

כלי יקר (קלִי-יאָקאָר) — אַ טייערע כלי. געמיינט: אַ גרויסער תורה-לערנער.

אמן כן יהי רצון (אָמיין קיין יעהי ראָצוין) — אָמן, אַזוי זאָל זיין דער ווילן פון גאָט אַ רעליגיעזע פאָרמולע פון צווינטשעווען, אַז דאָס, וואָס מע רעדט, זאָל טאַקע געשען.

מלוה (מאַלווע) — פראָצענטניק.

מתנת בשר ודם (מאַטנאַס באָסערוואָדאָם) אַ געשאַנק פון מענטשן; אַ נדבה.

אַ גט (געט) אויף אַ תנאַי (טנײַ) — אַוועקלאָזדיק זיך אויף אַ ווייטן וועג אָבער אויף מלחמה, קאָן דער מאַן, לויטן יידישן רעליגיעזן געזעץ, איבערלאָזן דער פרוי אַ תנאי-גט, וואָס בלייבט ביים רב און ווערט אָפּגעגעבן דער פרוי צו אַ באַשטימטן טערמין, אויב דער מאַן קערט זיך נישט אום אָדער גיט נישט צו וויסן וועגן זיך. אַזוי אַרום ווערט אויסגעשלאָסן די מעגלעכקייט, אַז די פרוי זאָל בלייבן אַן עגונה.

אצבע אלהים (עצבאָ עלויהים) — גאָטס אַ פינגער, אַ צייכן פון גאָט.

כמה וכמה לשונות (קאַמאָ ווּעקאַמאָ לעשוינעס) — זייער אַ סך שפּראַכן.

התנהגות (היסנאַהאַגוס) — אויפפירונג.

פת עכו״ם (פּאַס-אַקום) — נישט-יידיש עסן.

גטין וקדושין (גיטן אוקדושן) — נעמען פון צוויי טראַקטאַטן פון תלמוד, וואָס באַהאַנדלען דאָס פאַמיליען-רעכט.

בוררים (בוירערים) — דאָ: ווילער.

ראש וראשון (ראָש וועריִשן) — דער הויפּט און דער ערשטער.

נכנס יין יצא שטות (ניכנאַס יאַין יאָצאָ שטוס) — איז אַריין וויין, איז אַרויס נאַרישקייט.

צלם אלהים (צעלעם-עלויהים) — גאָטס אָפּבילדונג, דאָ געמיינט: די מענטשלעכע ווירדע.

כדת משה וישראל (קעדאַס מוישע וועיסראָעל) — לויטן יידישן רעליגיעזן געזעץ.

חלול הכבוד (כילעל האַקאָוועד) — פאַרשוועכונג פונעם כבוד.

צורת אות (צוראָס-אָס) — דאָס אויסזען פון אַן אות, דאָ: אַן אות.

ילוד איש (יעלוד איש) — מענטשן-קינד.

מוציא לעז בחינם (מויצי לאַז בעכינאָם) זיין — ריידן רכילות אומזיסט.

באמונה שלי (בעעמונאָ שעלי) —מעגסט מיר גלויבן.

יין נסך (נעסעך) — וויין, אויסגעאַרבעט נישט פון קיין יידן; לויטן יידישן רעליגיעזן געזעץ, איז אַזאַ וויין פאַרבאָטן צו טרינקען.

הבלים (האַוואָלים) — פוסטע רייד, פוסטע זאַכן.

בפרוטרוט (ביפּרוּיטרוּיט) — אויספירלעך.

באם (בעים) — אויב, טאָמער.

ידידתי שארת בשרי (יעדידאָסי שיוראס בסאָרי) — מיין פריינדן, מיין קרובה.

זולל וסובא (זוילעל ווּעסויווּע) — פרעסער און זויפער.

עוקר (אוּיקער) זיין — אויסוואָרצלען, אָפּטלויפן.

מים (מאַים) אויף די עינים (אוינאַים) — וואַסער אויף די אויגן; געמיינט: טרערן.

אינישובן (איינישעוון) — איינזעצן.

סאַנדאָווע ביבער — געמיינט: גוזעץ-ביבער, קאָדעקסן.

פלעניפּאָטענציע — פולמאַכט.

דעם משוגעגעמס פּוסבענקל — לויט דער יידישער רעליגיעזער פאָרשטעלונג וועט די פרוי אויף „יענער וועלט” זיין אַ פוסבענקעלע ביים מאַן, ווען ער וועט זיצן אין גן-עדן.

הכל כאשר לכל (האַקל קאַאשער לאַקל) — אַלץ מיטאַנאַנדער.

לעבדים ולשפחות (לאַוואָדים אולעשיפּכעס) — פאַר קנעכט און דינסטן.

לעתיד לבא (לעאָסיד לאָווי) — אין דער צוקונפט, געמיינט: אַז משיח וועט קומען.

אַרוים לתרבות רעה (לעטאַרבוס ראָאָ) — פאַרדאָרבן געוואָרן, זיך אָנגעהויבן שלעכט פירן.

רצוף בזה (ראָצוף באָזע) — בייגעלייגט דערצו.

טענות ותביעות (טייגעס אוטוויעס) — טענות און פרעטענזיעס.

ה׳ נתן וה׳ לקח (אַדויני נאָסאַן וועאַדויני לאָקאַד) — גאָט האָט געגעבן און גאָט האָט צוגענומען. אַ טרייסט-פאָרמולע ביי רעליגיעזע יידן, ווען עס שטאַרבט עמעצער.

פקדון (פיקאָדן) — אַן איינלאַג; דאָס, וואָס מע גיט איבער עמעצן צום באַהאַלטן.

בשלום ושלוה כנהוג בישראל (בעשאָלעם ווּעשאַלווע קענאָהוג בעיסראָעל) — אין פרידן און רו, ווי עס פירט זיך ביי יידן.

ספר הברית (סייפער האַברים) — אַן אַלטער זאַמלונג וועגן נאַטור-וויסנשאַפט, דערשינען אָנהייב 19-טן יאָרהונדערט.

למדינת הים (לימדינאַס האַיאַם) — אין די לענדער, וואָס ליגן אויף יענער זייט ים.

יש אומרים (יעש אוימרים) — פאַראַן אַזוינע, וואָס זאָגן; מע זאָגט.

מתחיב בנפשו (מיסכאַיעוו בענאַפשוי) — ער נעמט אויף זיך אַ שולד, פאַר וועלכער מע דאַרף צאָלן מיטן לעבן.

נשים יפות (נאָשים יאָפּויס) — שיינע פרויען.

אבלי ישראל (אווילי יסראעל) — די טרויערנדיקע ביי ייִדן.

ער אליין — געמיינט: דער חסידישער רבי.

בכי טוב (בעכי טויוו) — צום גוטן.

בדרך הישר (בעדערעך האיאָשאָר) — מיטן גלייכן וועג.

כמה פעמים (קאמאָ פעאָמים) — וויפל מאָל.

אסכרה (אָסקאָרע) — דיפטעריט.

מלכה שבא (מאַלקעשוואָ) — די קיניגין פון לאַנד שבא, וועגן וועלכער עס ווערט אין דער ביבל דערציילט, אַז זי איז געקומען צום קעניג שלמה און איז געווען איבערראשט פון זיין קלוגשאַפט. טייל לעגענדעס שטעלן זי פאָר ווי אַ וווּנדערשיינע פרוי, וועלכע איז פאַרבונדן מיטן טייוול און פילט אויס זיינע שליחותן צו פאַרפירן פרומע מענטשן, אַרויסרופנדיק ביי זיי תאווה.

מקח טעות (מעקעך טאָעס) — אַ טעות אינעם האַנדל.

משופע

פקדון (פיקאָדן) — איינלאַג; אַ זאַך, וואָס מע גיט עמעצן באַהאַלטן. דאָ איז עס אַנגעווענדט אויף דער מענטשלעכער נשמה. לויטן אַבערגלויבן, נעמט גאָט צו ביינאַכט די נשמה פון מענטשן און אינדערפרי קערט ער זי צוריק אום.

שעת הכושר (שאָאַס האַקוישער) — אַ גינסטיקער מאָמענט.

דער נדבן

נדבן (נאַדוועַן) — אַ מענטש מיט אַ ברייטער האַנט.

להבדיל בין החיים והמתים (לעהאַוודלביין האַ-כאַים וועהאַמייסים) — זאָלן זיין אָפּגעשיידט די לעבעדיקע פון די טויטע. אַ צושפּרוך ביי רעליגיעזע ייִדן.

רך-לב (ראַך-לעוו) — אַ ווייכהאַרציקער.

רשות הרבים (רעשוס האַראַבים) — אַזוינס, אויף וואָס אַלע האָבן אַלצאַיינע רעכט.

כל ימיה (קאָל יאָמעהאָ) — אַלע אירע יאָרן.

גאַנץ חרוב (כאָרעוו) — גאַנץ קראַנק.

מוסר

קאַסטרוי — טרייבן דורכן סטרוי, ד.ה. דורכטרייבן צווישן צוויי רייען סאָלדאַטן, וועלכע שלאָגן מיט שאָמפּאָלן אָדער מיט שטעקנס. אַ מיטלאַלטערלעכע שטראָף, וואָס האָט נאָך עקזיסטירט אינעם צאַרישן רוסלאַנד.

פונוואַנען נעמט זיך: „ער שפּילט פאַרן טייוול"?

מצווה-טאַנץ — אַזוי הייסט דער טאַנץ, וואָס די געסט טאַנצן מיט דער כלה נאָך דער חופּה.

בעל דבר (באַל דאַווער) — געמיינט: דער שטן, דער נישטגוטער.
תמונת אות (טמונאס אָס) — דאָס אויסזען פון אַן אות.
קידה (קיידע) — אַ בויג.
השתחוה'לע (הישטאַכאַוועלע) — אַ בוק.
כלי כתיבה (קלי-קסיווע) — שרייב-געצייג.
הבא עלהעריות (האבאָ אַל האָראָיוים) — דער, וואָס לעבט מיט אַ פרוי, מיט וועלכער עס איז אים פאַרווערט (לויטן רעליגיעזן געזעץ) חתונה צו האָבן.
בחיי לישנא (קעחיי לישנע) — מיט אַזאַ לשון.
אין אָדם בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא (איין אָדאָם באָרעץ אַשער יאַאַסע טויוו וועלוי יעכטאָ) — נישטאָ אויף דער ערד קיין מענטש, וואָס זאָל טאָן גוטס און נישט זינדיקן.
משה אמת ותורתו אמת (מוישע עמעס וועטויראָסוי עמעס) — משה איז אמת און זיין תורה איז אמת.
עיין איוב (איין אייוו) **קאַפּיטל אלף** (אַלעף) — זע איוב, קאַפּיטל איינס.
רק את נפשו שמור (ראק עס נאפשוי שמויר) — נאָר די נשמה זייגע היט.
לא יומתו אבות על בנים (לוי יומסו אָווויס אַל באָנים) — עס זאָלן נישט געטויט ווערן די עלטערן איבער די קינדער.
אריות (אראָיוים) — לייבן.
השם ישמרנו (האַשעם ישמערייגו) — גאָט זאָל אונדז היטן.
להד"ם (לעהאַדאַם) — אַ קירצונג פון די העברעישע ווערטער „לא היו דברים מעולם" — אַזוינס איז קיינמאָל אויף דער וועלט נישט געווען. געמיינט: נישט געשטויגן, נישט געפלויגן.
חקירה ודרישה (כקירע אודרישע) — אויספאָרשונג.
טוען (טויען) — דער, וואָס האָט טענות צו עמעצן, וואָס מאָנט עפּעס ביי עמעצן.
גשמיות שבגשמיות (גאשמיעס שעבעגאַשמיעס) — דאָ געמיינט: זייער אַ פּראָסטער מענטש.
בן תורה (בען טוירע) — אַ מענטש, וואָס קען לערנען, וואָס פאַרנעמט זיך מיט לערנען תורה.
נטען (ניטאָן) — דער, צו וועמען מע האָט טענות, ביי וועמען מע מאָנט.
תורש (בוירעש) — כאַבאַר.
מילתא דעבודא לגלויי (מילסאָ דעווידע ליגעלויי) — אַ זאַך, וואָס קאָן אויפגעדעקט ווערן.
זקן ורגיל (זאָקיין וועראָגיל) — אַן אַלטער און דערפאַרענער.
שכיב מרע (שכיוו-מערא) — אַ געפערלעכער קראַנקער.

לפי ראות עיניך (לעפּי רעוּיִס אײנעכאָ) — אַזוי ווי עס וועט דיר געפעלן; אַזוי ווי דו וועסט געפינען פאַר גוּטיק.

קול באשה (קויל בעישאָ) — דאָס קול פון אַ פרוי. דאָ געמיינט: אַ שיין קלינגעוודיק קול.

זה בכה וזה בכה (זע בעקוי וועזע בעקוי) — דער אַזוי און דער אַזוי.

ואינני (וועאיינעני) — און בלייבט נישט; און ווערט פאַרשוווּנדן.

מנהג ישן (מינהעג יאָשן) — אַן אַלטער מנהג.

„מה נאה אילן זה" (מאַ נאָע אילאָן זע) —האָט ער נישט געזאָגט — „ווי שיין איז דער דאָזיקער בוים" האָט ער נישט געזאָגט: געמיינט: נישט געהאַט הנאה פון דער נאַטור, וואָס אַזוינס איז ביי רעליגיעזע יידן פאַרבאָטן.

שלא בכוונה (שעלוי בעקאַוואָנע) — נישט מיט דער געהעריקער כוונה.

אינהאלט

י. ל. פרץ (1851—1951) — אריינפיר-אַרטיקל
פון ר. רובין V

יצחק לייבוש פרץ — דער גרויסער פוילישער ייד.
פאָרוואָרט פון ב. מאַרק XLVII

רייזע־בילדער (1891)

א. פאָררעדע 3
ב. בטחון 4
ג. כאָר גיין 5
ד. וואָס דאַרף א יידענע? 7
ה. נומער 42 9
ו. דער משכיל 14
ז. דער טישעוויצער רב 16
ח. דערציילטע מעשות 19
ט. א ייגגעלע? 27
י. דער יארציעווער רב 29
י"א. לאַשציאָוו 33
י"ב. די ערשטע פרווו 34
י"ג. די צווייטע פרווו 37
י"ד. אין שוחטס הויז 39
ט"ו. די סקולער רביצין 42
ט"ז. אסעקורירט 45
י"ז. דער כשרף 48
י"ח. דער עמיגראַנט 51
י"ט. דער משוגענער 52
כ. בלאַנקעטן 55
כ"א. דער למד-וו"ניק 56
כ"ב. דער מסור 59

דערציילונגען

דער בעלמער מלמד (1889) 67
דער תענית (1890) 71
דער משולח (1890) 75
דער משוגענער בטלן (1890) 85
מענדל ברייינעס (1891) 97
די אלמנה (1891) 104
די לעזערין (1891) 106
שלום-בית (1891) 107

אין פאָסט-וואָגן (1891) 111
אַ קלעזמער-טויט (1891) 128
אַ פאַרשטערטער שבת (1892) 132
אַ כעס פון א יידענע (1893) 140
אין קעלער-שטוב (1893) 146
דאָס שטריימל (1893) 153
באָנטשע שוויג (1894) 165
אין געמויזעכץ (1894) 174
פון דול-הויז: (1895)
א. עולם הבא 177
ב. כל-בו 179
ג. א חלום 183
„אַז מע זאָגט „משוגע" — גלייב" (1895) . . . 187
חתונה געהאַט (1895) 197
דעם רבינס ציביק (1895) 220
די פרומע קאַץ 226
וועבער-ליבע (דערציילונג אין בריוו) (1897) . 230
קלאָץ-געשיכטן (1899)
1. דער קלאָץ אליין 252
2. ביימאָג 256
3. נאָך האַלבער נאַכט 259
די לבנה דערציילט 263
האשה מרת חנה (א פעקל בריוו) 265
משופע 305
דער נדבן (1901) 320
מוסר 329
פונוואַנען נעמט זיך: „ער שפּילט פאַרן טייוול" (1894) 336
משיחס ציטן 339
איבער א שמעק טאַבעק (1906) 347
אָנמערקונגען און דערקלערונגען 357

רעד. פון פאַרלאַג:

ל. אַליצקי ד. ספאַרד

באַמערקטע דרוקפעלערן:

אויף זייט VI שורה 1 (פון אויבן) אַנשטאָט: די בענקשאַפט נאָך א לעבעדיקער ליטעראַטור אין — דאַרף זיין: די בענקשאַפט נאָך א לעבעדיקער ליטעראַטור איז.

אויף זייט VIII שורה 15 (פון אויבן) אַנשטאָט: ס'איז נישט צופעליק, וואָס — דאַרף זיין: ס'איז נישט צופעליק, וואָס.

אויף זייט XI שורה 8 (פון אויבן) אַנשטאָט: ציונגס-צימבל, דאַרף זיין: ציונס־צימבל.

אויף זייט XXXIII שורה 2 (פון אונטן) אַנשטאָט: „דער אפלגאַניץ", דאַרף זיין: „דער אָפּגלאַנץ".

אויף זייט XXXVII שורה 1 (פון אויבן) אַנשטאָט: א מין פייער, דאַרף זיין: א מין פייע.

אויף זייט XXXIX שורה 3 (פון אויבן) אַנשטאָט: צום הויכן באַרג און ערגעץ־לאַנד, דאַרף זיין: צום הויכן באַרג אין ערגעץ־לאַנד.

אויף זייט 92 שורה 15 (פון אונטן) אַנשטאָט: העסרט, דאַרף זיין: הערסט.

אויף זייט 101 שורה 13 (פון אויבן) אַנשטאָט: מתיש בוח..., דאַרף זיין: מתיש כוח...

אויף זייט 139 שורה 4 (פון אונטן) אַנשטאָט: — פושע באהלי ישראל!, דאַרף זיין: פושע באלהי ישראל!

אויף זייט 190 שורה 8 (פון אונטן) אַנשטאָט: פלצלונג, דאַרף זיין: פלוצלינג.